STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04473

BEBIT

Sinclair Lewis

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04473-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657044732T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

סינקלער לויס

בעבּיט

ראָמאַן

איבערגעזעצט:

מארק פאָגעלמאַן

פארלאג שלמה גאלדפארב, ווארשע

1930

Printed in Poland.

SINCLAIR LEWIS

BABBITT

Wydawnictwo SZ. GOLDFARB

Warszawa 1930.

Składano „Świt", Muranowska 42.

Druk. „Rekord", Warszawa Dzika 18.

ב ע ב י ט

קאַפּיטל I

א.

די טורעמס פון זעניט האָבן אַרויסגעשטאַרט פונם פרימאָרגן-נעפּל, שטרענגע טורעמס פון צעמענט, שטאָל און קאַלך, שטאַרק ווי אַ פעלז און איידל ווי אַ זילבערנער-הערשער-שטעקן. דאָס זענען נישט געווען קיין פעסטונגען און נישט קיין קירכעס, נאָר פשוטע און שיינע ביוראָ-געביידעס.

דער נעפּל האָט רחמנותדיק איינגעהילט די עלנטע געביידעס פון די פאַרגאַנגענע דורות: די פּאָסט-געביידע מיטן שינדל-באַדעקטן דאַך, די ציגל-רויטע מינאַרעטן פון די אַלטע יוסטע הייזער מיט אַ גרויסער צאָל פאַררויכערטע פענסטער, הילצערנע געביידעס פון שליים-קאָליר: די שטאָט איז געווען פול מיט אַזוינע גראָטעסקן, אָבער די רייצענדע טורעמס האָבן זיי אָפּגעטיילט פונם האַנדלס-קוואַרטאַל, און אויף די ווייטע בערג האָבן געפונקלט נייע הייזער, היימען — אַזוי דאַכט זיך—פון געלעכטער און רויקייט.

איבער אַ בעטאָנענער בריק האָט זיך באַוועגט אַן אויטאָמאָביל מיט אַ לאַנגן, שלאַנקן צודעק און מיט אַ נישט רוישיקן מאָטאָר, די מענטשן אין די אָוונט-מלבושים האָבן זיך אומגעקערט אַהיים פון דעם קליינעם טעאַטערל, פון די רעפּעטיציעס, וואָס האָבן געדויערט אַ גאַנצע נאַכט, אַן אַרטיסטישע פּראָבע, באַגאָסן, ווי דער שטייגער איז, מיט אַביסל גוטן שאַמפּאַניער. אונטער דער בריק האָט זיך געצויגן אַ באַןפלאַנט, אַ לאַבירינט פון גרינע און רויטע פייערלעך, דער ניויאָרקער עקספּרעס האָט געטון אַ פלי אַדורך, און צוואַנציק ליניען גלאַנצנדיקער שטאָל האָבן אַ פונקל געטון אין חלל.

אין איינעם פון די וואָלקנקראַצער זענען אָפּגעבונדן געוואָרן

די דראָטן פֿון דער „עסאָושיאייטעד פּרעס״. מיט מידע באַוועגונגען האָבן די טעלעגראַפֿיסטן, וואָס האָבן אַ גאַנצע נאַכט געפּירט געשפּרעכן מיט פּעקין, פּאַריז, אַראָפּגענומען די צעלעלוי בריִלן פֿון זייערע אויגן. איבער דער געבײַדע האָבן זיך גענעצדיק באַוועגט די פּוצערינס, אין אַלטע צעריסענע פּאַנטאָפֿל. דער פֿרימאָרגן-נעפּל איז זיך צערונען. לאַנגע רייען מענטשן מיט פּעקלעך עסן האָבן זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג צו די נייע פֿאַבריקן, גרילצענדיקע וואַרשטאַטן פֿון גלאָז און פֿוסטע ציגל, ווו פֿינף טויזנט מענטשן האָבן געאַרבעט אונטער איין דאַך, אויסאַרבעטנדיק גוטע סחורות, וואָס זענען שפּעטער פֿאַרקויפֿט געוואָרן איבער דער גאַנצער וועלט אין דער לענג און אין דער ברייט. דאָס סירענע-געפּייפֿעריי האָט זיך צונויפֿגעגאָסן אין אַ פֿריילעך געזאַנג, ווי דער דאָזיקער אַפּריל-פֿרימאָרגן: דאָס ליד פֿון אַרבעט, אין אַ שטאָט, וואָס איז אויפֿגעבויט — דאַכט זיך — פֿאַר ריזן.

ב.

ס׳האָט גאָרנישט דערמאָנט אָן אַ ריז, דער וואָס האָט זיך איצט אָנגעהויבן וועקן, אין דעם אַלקערל, אינם הויז פֿון אַ האָלענדישע קאָלאָניע אין עלעגאַנטן קוואַרטאַל פֿון זעניט, וואָס רופֿט זיך פֿלאָרעל-הייטס.

ער האָט געהייסן דזשאָרזש פֿ. בעביט. אין אַפּריל 1920 איז ער אַלט געוואָרן זעקסאונפֿערציק יאָר. ער איז אין קיין שום זאַך נישט געווען ספּעציאַליזירט, נישט אין פּוטער, נישט אין שוך, נישט אין פּאָעזיע, נאָר ער איז געווען פֿלינק אין זיין באַרוף צו פֿאַרקויפֿן מענטשן הייזער פֿאַר אַ העכערן פּרייז, וויפֿל יענע זענען בכּוח געווען צו באַצאָלן.

זיין גרויסער קאָפּ איז געווען רויט, זיינע ברוינע האָר דין און האַרט. זיין פּנים האָט בעתן שלאָפֿן אויסגעזען קינדיש, נישט געקוקט אויף די וואָנסעס און דעם רויטן צייכן פֿון די בריִלן אויף זיין נאָז. ער איז נישט געווען דיק, אָבער זעלטען גוט דערנערט. זיינע באַקן זענען געווען ווי אויפֿגעלאָפֿן, און די האַנט, וואָס איז הילפֿלאָז געלעגן אויף דער קאָלדרע פֿון האַקי-קאָליר,

האָט אויסגעזען ווי אָנגעשוואָלן. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ רייכן, גליקלעך־פאַרהייראַטעטן, פונקט אַזוי אומראָמאַנטישן מענטשן. קיין שום זאַך פון ראָמאַנטיק איז נישט געווען אין אַלקערל, פון וועלכן די פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף צוויי וויבערע גראָז־פעלדער מיט אַ קליין וווקסיקן אולם־בוים, אַ צעמענטענער שאָסעע און אַן אייזערנער גאַראַזש. בעביט האָט ווידער אָנגעהויבן חלומען וועגן יענעם פרעכטיקן לעגענדאַרישן מיידל, אַ חלום, וואָס איז מער ראָמאַנטיש, ווי די פורפור פאַגאָדן ביים זילבערנעם טייך.

אַ סך יאָרן איז דאָס מיידל געקומען צו אים. ווו אַנדערע האָבן נאָר געזען דזשאָרזש פ. בעביט, האָט זי געזען אַן עלעגאַנטן יונגנמאַן. זי האָט געוואַרט אויף אים אין דער פינסטערניש פון שטילן וואַלד. ווי גיך ער האָט זיך נאָר אַרויס־געריסן פון זיין טומלדיק הויז, איז ער גלייך געלאָפן צו איר. זיין ווייב, זיינע פריינד זענען אים נאָכגעלאָפן, אָבער ער איז פאַרשוווּנדן, תמיד מיטן מיידל ביי דער זייט! — זיי האָבן זיך באַהאַלטן אין שאָטן פון בערג. זי איז געווען אַזוי שיין, אַזוי ווייס, אַזוי פלאַמעדיק! זי האָט געזאָגט הויך, אַז ער איז אַ פריי־לעכער און מוטיקער, אַז זי וועט אויף אים וואַרטן און דאַן וועלן זיי צוזאַמען אַוועק....

דאָס גערויש און די טראַסקעריי פונם מילכוואָגן.

בעביט טוט אַ זיפץ, דרייט זיך אויס, מאַטערט זיך צו דער־האַלטן דעם חלום. ער זעט שוין אָבער איצטער נישט מערער ווי איר פנים, אויף יענער זייט נעפלדיק וואַסער. דער הייצער פאַרמאַכט די טיר פון קעלער. אין שכנותדיקן הויף בילט אַ הונט. קוים וואָס בעביט פאַרזונקט אין אַ טריבן גליקלעך וואַרעמען שטראָם, און שוין לויפט אָן מיט אַ געפייפעריי דער צייטונגס־פאַרשפרייטער, און דער צונויפגעלייגטער „אַדוואָקאַט” טוט אַ קלאַפ אין דער פאָדערשטער טיר, בעביט טוט זיך אַ ריס און זיינע געדערים ציִען זיך צונויף פון שרעק. אַז ער האָט אויפגעוואַכט, האָט ער דערהערט דאָס באַקאַנטע אויפרעגנדיקע גערויש פון אַ פאָרד: סנאָפּ־האַ, סנאָפּ־האַ, סנאָפּ־האַ. אַליין אַ שאָפער, האָט ער

[illegible] מיטן אומזעעוודיקן שאָפער, צוזאַמען מיט אים האָט ער געוואַרט לאַנגע שעהן אויף אַ קלאַנג פון דער מאַשין, צוזאַמען מיט אים האָט ער געליטן, בעת די מאַשין איז אַנטשוויגן געוואָרן און עס האָט זיך אויפסניי דערהערט דאָס גיהנמדיקע, אייביק דערנדע: סנאָפּ-האַ-האַ — אַ קיילעכדיקער, נידריקער, פּלאַטשיקער געשריי, אַן דורכדרינגלעך קאַלטער, ווי דער פרימאָרגן, אַ געשריי, וואָס איז אומפאַרמיידלעך. ערשט דאָס גערויש פון מאָטאָר, וואָס האָט מודיע געווען, אַז פאָרד האָט גערירט, האָט אים באַפרייט פון זיין אויפגערעגטן צושטאַנד. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיינע באַליבטע ביימער, אויף די אולם-צווייגן, אויף דעם גאָלדענעם אונטערגרונט פונם פרימאָרגן-הימל, און ער האָט זיך צוריק איינגענורעט אין שלאָף ווי עפּיס אַ היילונג. ער, וואָס איז יונגלוויז געווען פול מיט גלויבן אין לעבן, האָט אַצינדערט נישט געהאַט קיין אינטערעס צו די אוממעגלעכע און מעגלעכע פּאַסירונגען, וואָס ס׳האָט אים געקאָנט ברענגען דער טאָג.

ער איז אַנטלאָפן פון דער ווירקלעכקייט, ביז דער וועקזייגער האָט אים אויפגעוועקט, אויסשלאָגנדיק זיבן מיט צוואָנציק מינוט.

ג.

דאָס איז געווען דער בעסטער אינלענדישער זייגער פון די אומעטום-אַנאָנסירטע און מאַסן-פאַבריצירטע וועקזייגערס, מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען. נעמלעך: מיט אַ גלאָקן-קלאַנג, אַן אָפּשטעל-סיגנאַל און אַ לויכטנדיק ציפער-בלאַט. בעבּיט איז שטאָלץ געווען, וואָס עס וועקט אים פון שלאָף אַזאַ פולקאָמענע דערפינדונג. פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפונקט איז עס געווען פונקט אַזוי חשוב, ווי צו קויפן די קאָסטבאַרע קאָרדס גומי-רייפן.

ביי זערהייט האָט ער איצט געמוזט מודה זיין אַז אַ צינד איז שוין אוממעגלעך צו אַנטלויפן, אָבער ער איז נאָך געלעגן און געטראַכט מיט האַס וועגן זיין באַרוף און מיט ווידערווילן צו זיין פאַמיליע, און מיט ווידערווילן צו זיך אַליין צוליב דעם ראָזיקן ווידערווילן. יענע נאַכט האָט ער געשפּילט ביי ווערדזשילאַס

נאָנטש אין פּאָקער ביז האַלבע נאַכט, און נאָך אַזוינע יום־טובדיקע נעכט פלעגט ער זיין אויפגערעגט ביז צום פרישטיק. אפשר האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם ביר פון דער פּראָהיביציאָן־צייט און די ציגאַרן, וואָס מ'האָט דערצו צוגעגעבן, און אפשר איז עס גאָר געווען דער אומווילן צוליב דעם צוריקקער פון פרייען מאַנסבילשן לעבן אין דער באַגרענעצטע אַטמאָספערע פון מאַן און סטענאָגראַפיסטן, און אפשר דער באַשלוס צו באַגרענעצן זיך אין רויכערן.

פון שלאָף־צימער לעבן דער טעראַסע הערט ער זיין ווייבס העסלעכע פרייליעכקייט: צייט אויפצושטיין, דזשאָרזש־ייִנג, און דער מיאוסער קלאַנג, דער אומאָנגענעמער קלאַנג פונם קאַם, פון וועלכן זי קלויבט אַראָפּ די האָר מיטן בערשטל.

ער טוט אַ קרעכץ, ער שטעקט אַרויס זיינע דיקע פיס אין די קינדיש בלאָע הויזן פון אונטער דער האַקי־קאָלדרע, ער זעצט זיך אויפן עק פון זיין פעלד־בעט, באַוועגט מיט די פינגער אין די האָר, בעת זיינע קיילעכדיקע פיס זוכן מעכאַניש די פאַנטאָפל.

ער טוט אַ קוק מיט באַדויערונג אויף זיין קאָלדרע, וואָס דערמאָנט אים תמיד פרייהייט און העלדנמוטיקייט. ער האָט זי געקויפט צוליב אַ צופוס־רייזע, וואָס איז קיינמאָל נישט אויסגעפירט געוואָרן. זי איז געווען פאַר אים אַ סימבאָל פון פּרעכטיקער ליידיקגייעריי, פּרעכטיקע קללות, מענלעכע פלאַנעל־העמדער.

גענעצדיק שטעלט ער זיך אויף די פיס, ער איז איבערראַשט פון דעם גרויסן שטראָם ווייטיק, וואָס האָט אַ פליס געטון פאַר זיינע אויגן. הגם ער האָט געוואַרט אויף דעם צוריקקער פון די ברענענדיקע ליידן, האָט ער דאָך אַ בליק געטון אויפן הויף אַרויס. דאָס בילד האָט אים ווי תמיד אַנטציקט. דאָס איז געווען אַ זויבערער הויף פון אַ רייכן זעניטער געשעפטס־מאַן, דאָס הייסט, אַז ער איז געווען אויסגעצייכנט און האָט אויך געמאַכט זיין באַלעבאָס אויסגעצייכנט. ער האָט אַ קוק געטון אויפן אַלטן אייזערנעם גאַראַזש. צום דריי הונדערט און פינפאונזעכציקסטן מאָל האָט ער אַ טראַכט געטון: — „קיין ברעקל סטיל אין דעם בלעכענעם קעסטל. איך מוז מיר אויפשטעלן אַ נייען. אָבער, גאָט מיינער, ס'איז די

איינציקע זאַך ביי מיר, וואָס איז נישט מאָדערן". בעת ער האָט נעקוקט, האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן א בשותפתדיקן גאַראַזש פאַר זיין ביוראָ, גלען־אָריאָל. ער האָט פלוצלונג אויפגעהערט צו סמאַקעווען און אַרום צו טאַנצן. ער האָט זיך אונטערגעשפאַרט אויף די הענט. די שטריכן אויף זיין בייז און פאַרשלאָפן פנים וענען געוואָרן ערנסטער. פלוצלונג האָט ער זיך פאַר איינמאָל אויסגעוויזן ווי ער וואָלט געווען אַ טיכטיקער מענטש, אַ מענטש וואָס ווייס זיין באַרוף, וואָס ווייס פון פלענער, צו באַפעלן און שאַפן.

באַגייסטערט פון זיין נייער אידעע, איז ער דורכגעלאָפן דעם זויבערן, שטייפן, ווייזט אויס נאָך נישט גענוצטן קאָרידאָר ביז צום באָד־צימער.

הגם זיין הויז איז נישט געווען גרויס, האָט עס, פונקט ווי אַלע הייזער אויף פלאָרעל־הייטס, פאַרמאָגט אַן אמתדיק קעניגלעך באָד־צימער פון פאָרצעלאַן, גלאַנצעדיקע קאַפלטס, און זילבער־גלאַנצנדיקן מעטאַל. דאָס האַנטוך איז געהאָנגען אויף אַ גלעזערנעם הענגער געפאַסט אין ניקל. די וואַנע איז געווען לאַנג, ווי פאַר אַ דייטשן גוואַרדייעץ און איבער אַ וואַש־שיסל, אַן אויסוואַל פון שיסעלעך צו ציין־בערשטעלעך, נעגל־בערשטעלעך, זייף־שיסעלעך, שוואָמען־שיסעלעך, אַלץ האָט געגלאַנצט, און געשיינט און געווירקט מיט עפעס אַן עלעקטריזירנדיקע קראַפט. אָבער בעביט, פאַר וועמען גאָט איז געווען דער מאָדערניזם און דאָס צופאַסן זיך, האָט זיך נישט געפילט צופרידן. די לופט אין באָד־צימער איז געווען שווער פון דער צאָן־פאַסטע: — שוין ווידער וועראָניקע! שטאָט צו נעמען לילידאָל, ווי כ'האָב איר אָנגעזאָגט, האָט זי זיך איינגעשאַפן אַזאַ שטינקעניש, פון וואָס מ'קאָן חלשן!

דער באָד־טעפיך איז געווען צעקנייטשט און דער דיל נאַס (זיין טאָכטער וועראָניקע האָט געהאַט די עקסצענטרישע נעוווינהייט צו באָדן זיך אינדערפרי!) ער שאַרט אַוועק דעם טעפין און גייט אַריין אין דער וואַנע: — צום טייוול — זאָגט ער. אויפגערעגט טוט ער אַ כאַפ דאָס קעסטעל ראַזיר־זייף, אויפגערעגט קראַצט ער די דיקע באַקן מיט דער ראַזיר־מאַשינקע. עס רייסט. דאָס

מעסערל איז טעמפּ. ער זאָגט: — צום טייוול — אָ — אָ — צום טייוול! ער נישטערט דורך דאָס אַפּטייקל נאָך אַ ניי מעסערל, (טראַכטנדיק ווי תמיד: — ס'וועט ביליקער אויסמאַכן צו קויפן אַ מאַשינקע און אַליין צו שאַרפן די מעסערלעך!) און בעת ער האָט געפונען ס'פּידעלע הינטער אַ קיילעכדיק שאַכטעלע מיט דער טאָפּלטער קוילן־סאָדע, האָט ער אַ טראַכט געטון שלעכטס וועגן זיין ווייב, וואָס האָט זיי דאָרטן אַוועקלייגט און וועגן זיך האָט ער געהאַט אַן אויסגעצייכנטע מיינונג, וואָס ער האָט נישט געזאָגט: צום טייוול! אָבער ער האָט באַלד געזאָגט, שפּעטער, בעת ער האָט מיט די אָנגעזייפטע הענט זיך באַמיט אַראָפּצורייסן די קליינע גוט אַרומגעוויקלטע הילע פון וואַקס־פּאַפּיר פון דעם נייעם מעסערל.

דאָ האָט זיך ווידער אַרויסגערוקט אַ פּראָבלעם, דער אַלטער אומגעלעזטער פּראָבלעם, וואָס צו טון מיט די אַלטע מעסערלעך מיט וועלכע זיין יונגסט קינד קאָן זיך נאָך, חלילה, צעקאַלעטשן. ווי געוויינלעך, האָט ער זיי אַוועקגעוואָרפן אין אַ ווינקל פון אַפּטייקל, טראַכטנדיק, אַז ס'וועט אַמאָל נויטיק זיין צו באַזייטיקן די פופציק אָדער זעכציק שטיק, וואָס האָבן זיך דאָרטן אָנגעקליבן דורך אַ געוויסער צייט. ער האָט פאַרענדיקט ס'ראַזירן מיט אַן אויפרעגונג, וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיט זיין קאָפּ ווייטאָק און מיט דער ליידיקייט אין מאָגן. בעת ער האָט אַרומגעוואַשן ס'קיילעכדיקע פּנים און די אויגן פון זייף, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און געזוכט אַ האַנטוך. אַלע שטוב־האַנטיכער זענען געווען נאַס, נאַס און קאַלט און עקלהאַפט, אַלע ווי איינער. דאַסדאָזיקע האָט ער פעסטגעשטעלט, בעת ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געכאַפּט איינעם נאָכן אַנדערן, צוערשט זיין אייגענעם, דאַן זיין ווייבס, טעדס, ראָנעס, טינקיס און לסוף דאָס באָד־האַנטוך מיטן ברייטן שלאַק און ריזיקן מאָנאָגראַם. דאַן האָט דזשאָרדזש פ. בעביט אָפּגעטון אַ שרעקלעכע זאַך: ער האָט אָפּגעווישט ס'פּנים מיטן גאַסט־האַנטוך! דאָס איז געווען אַ צירלעכער דרשה־געשאַנק־האַנטוך אויסגעהאָפּטן מיט בלומען, וואָס איז תמיד געהאָנגען אויפן זעלביקן אָרט, כּדי צו ווייזן, אַז די בעביטס געהערן אָן צו די בעסערע געזעלשאַפט אין

פלאָרעל-הייטס. קיינער האָט זיך נאָך מיטן דאָזיקן האַנטוך נישט באַנוצט. קיינער פון די געסט האָט זיך נאָך נישט געוואַגט אויף אַזאַ שריט. די געסט האָבן אין געהיים זיך אָפּגעווישט מיט די עקן פון די געווײנלעכע שטוב-האַנטיכער.

ער איז געווען אויפגעבראַכט:

— צו אַלדי רוחות, קריכן דאָ אַריין און מאַכן נאַס אַלע האַנטיכער, לאָזן קיין שמאַטע נישט איבער, מאַכן אַלץ פּיטש-נאַס, פאַרזייפן, און קיינעם קומט גאָר נישט אויפן געדאַנק אויפצוהענגען אַ ריין האַנטוך פאַר מיינעטוועגן — אוודאי, איך בין דער לעצטער, עפּעס אַ הונט אין שטוב! — און ווען איך באַדאַרף און — איך בין דער איינציקער מענטש אין דעם פאַרשאָלטענעם הויז, וואָס זאָרג פאַר די אַנדערע פאַרשאָלטענע מענטשען פון דאַנעט און טו אַ טראַכט איבער, טאָמער וועט נאָך עמעצער נאָך מיר וועלן זיך באַנוצן מיטן באָד-צימער —

ער האָט אַריינגעוואָרפן די קאַלטע נאַסע מיאוסקייטן אין דער וואַננע און ער האָט געלאָשען זיין נקמה מיט די קלעפּ פון די אַראָפּפאַלנדיקע האַנטיכער אויף דער דנאָ; און אינמיטן דערינען שלייכט זיך פרוי בעבית געמיטלעך אַריין אין באָד-צימער און טוט גוטמוטיק אַ פרעג: טייערער דזשאָרדזש, וואָס טוסטו דו? וואַשט די האַנטיכער? צוואָס? דאַרפסט נישט וואַשן די האַנטוכער. אָך, דזשאָרדזש, האָסט דיך אָפּגעווישט מיטן גאַסט-האַנטוך, וואָס האָסטו געטון?

ס'איז נישט קלאָר, צי בעבית האָט געפינען אַן ענטפער, צום ערשטן מאָל זינט לאַנגע וואָכן האָט אים זיין ווייב אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט אויף איר אַ קוק געטון.

ד.

מירע בעבית — פרוי דזשאָרדזש פ. בעבית — איז געווען אַ פולקאָם רייפע. זי האָט געהאַט קנייטשן פון די ליפּן-ווינקלען ביז צו דער גאָמבע, און פאַלדן אויפן ווייכן האַלדז. אָבער אַז פרוי בעבית האָט דורכגעמאַכט אַ געוויסע עלטער האָט זיך

געלאָזט דערקענען דערין, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין סוד פאַר איר מאַן און זי איז נישט געווען באַזאָרגט דערפון וואָס זי האָט נישט פאַר אים קיין סודות. איצטער איז זי געווען אין אונטער־קלייד און אין אויסגעפּעצטן גאָרסעט. און זי האָט נישט געטראַכט, אַז עמעצער קאָן זי זען אין דעם גאָרסעט. זי איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו דער אייגנטאָניקייט פון איר פאַרהייראַטעט לעבן, אַז אין איר גאַנצער רייפקייט איז זי געווען געשלעכטלאָז ווי אַ בלוטלאָזע מאָנאַשקע. זי איז געווען אַ גוטע פרוי, אַן אָנשטענדיקע פרוי, אַן אַרבעטזאַמע פרוי, אָבער קיינער אויסער די צען־יעריקע טינקאַ האָט זיך מיט איר נישט אינטערעסירט און אַפילו נישט געדענקט, אַז זי לעבט בכלל אויף דער וועלט.

נאָך אַ פיינע גרינדלעכע דיסקוסיע אויף דער טעמע פון די הויזלעכע און געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון די האַנטיכער, האָט זי בעביט איבערגעבעטן, וואָס ער איז היינט שלעכט געשטימט, ער האָט זיך ווידער באַרויִקט אויף אַזוי ווייט, אַז ער איז בכח געווען צו זוכן זיין ב. וו. ד.־אונטערהעמד וואָס איז, ווי ער האָט דערקלערט, בייזוויליק פאַרבאַהאַלטן געוואָרן מיט זיין ריין־מאָרגן אַנצוג.

ער איז געווען זייער העפלעך בעתן שמועס וועגן ברוינעם אַנצוג.

— ווי מיינסטו, מיראַ? — ער האָט אָנגעוויזן אויף די מלבושים, וואָס זענען געלעגן צוזאַמענגעלייגט אויף אַ שטול אין שלאָף־צימער, בעת זי האָט געמאַכט געהיימע באַוועגונגען פאַריכ־טנדיק און אויסגלייכנדיק ס׳קלייד, וואָס איז, ווי ס׳האָט אים אויסגעוויזן, נישט אויסגעבעסערט געוואָרן אויף אַ האָר. — ווי מיינסטו? זאָל איך נאָך היינט אויך אָנטון ס׳ברוינע אַנצוג?

— אַודאי, עס זעט אויף דיר זייער פיין אויס.

— אָ, גאָט מיינער, כ׳ווייס שוין, אָבער מ׳וואָלט עס באַדאַרפט אויספּרעסן.

— אַודאי אַזוי. ביסט אפשר גערעכט.

— ס׳איז טאַקע נויטיק עס אַביסל אויסצופּרעסן.

— אַודאי, ס׳וואָלט גאָרנישט געשאַדט.

— אָבער יאָ, דאָס רעקל איז דאָך נישט נויטיק צו פּרעסן. ס'האָט דאָך נישט קיין זינען צו פּרעסן ס'גאַנצע אַנצוג, ווען דאָס רעקל נויטיקט זיך דערין לחלוטין נישט.

— אַוודאי אַזוי.

— אָבער די הויזן וואָלט מען יאָ באַדאַרפט אויספּרעסן, יאָ, נויטיק אויסצופּרעסן. טו נאָר אַ קוק אויף זיי — קוק נאָר אויף די קנייטשן — די הויזן מוז מען אויספּרעסן.

— אַוודאי אַזוי. אַך, דזשאָרדזש, פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט אָנטון דאָס בּרוינע רעקל מיט די גראַנאַט הויזן, וואָס מיר האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק געטראַכט, וואָס צו טון מיט זיי?

— גרויסער גאָט! האָסט מיך שוין אַמאָל געזען אין מיין לעבן, אַז איך זאָל טראָגן אַן אַנדער רעקל מיט אַנדערע הויזן? וואָס טראַכסטו דיר, אַז איך בין אַן אָפּגעזאָגטער בּוכהאַלטער?

— טאָ פאַרוואָס טוסטו היינט נישט אָן דאָס טונקל גראָע אַנצוג און טראָגסט נישט אַוועק די בּרוינע הויזן צום שניידער?

— דאָס איז אַ פּלאַן — ווו איז ערגעץ צו אַלדי גוטע יאָר ס'טונקל-גראָע אַנצוג? אָך, יאָ, דאָ איז עס.

ער איז געווען פעיק בּייצוקומען אַ קריטישער מינוט פון אָנטון זיך, מיט פאַרהעלטניסמעסיקער אַנטשלאָסנקייט און רויקייט.

דאָס ערשטע וואָס האָט אים אַביסל שענער געמאַכט זענען געווען די ב. פּ. ד.-טריקאָטן אָן פּיס-אַרבּל, אין וועלכע ער האָט אויסגעזען ווי אַ קליין ייִנגל, אָנגעטון אויף אַ פאַרווייַלונג. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעטון זיינע ב. פּ. ד., האָט ער נעדאַנקט דעם גאָט פון פּאָרשריט, וואָס ער טראָגט נישט אַ פּאָר לאַנגע, אויסגעפּאַסטע, אַלט-מאָדישע אונטערהויזן, ווי זיין שווער און געשעפטס-שותּף היינריך טאָמפּסאָן. זיין צווייטע פאַרשענערונג איז געווען דאָס פאַרקעמען און פאַרגלעטן די האָר אַרויף. דאָס דאָזיקע קעמען האָט שרעקלעך פאַרגרעסערט זיין שטערן, וואָס האָט זיך געוועלבּט צוויי צאָל העכער פון די נאָרמאַלע האָר-ליניען. אָבער דאָס גרעסטע וואונדער איז געווען דאָס אָנטון די בּריל. בּריללן פאַרמאָגן כאַראַקטער — פּרעטענציעזע בּריללן געפּאַסט

אין שילדקרויט, באַשיידענע פּענסנעס פון אַ שול־לערער, סודותדיקע, זילבערנע ברילן פון אַ דאָרפסמאַן... בעביטס ברילן האָבן געהאַט אומגעהויערע, קיילעכדיקע נישט איינגערעמטע גלעזלעך פון פיינסטן גלאָז. זיי האָבן זיך געהאַלטן אויף די אויערן מיט דער הילף פון גאָלדענע דראָטלעך. אין דידאָזיקע ברילן האָט בעביט אויסגעזען אַ מאָדערנער געשעפטסמאַן, אַ מענטש, וואָס גיט אַרויס באַפעלן זיינע אָנגעשטעלטע, פירט אָן מיט אַן אויטאָמאָביל, שפילט אין גאָלף און איז באַהאַוונט אין האַנדלס־פראַגן. זיין קאָפּ הערט אויף צו זיין קינדיש, נאָר ווערט אינטערעסאַנט, און דו זעסט זיין ברייטע, בלויע נאָז, זיין גלייך מויל און די דיקע לאַנגע אויבערשטע ליפּ, די פלאַכע און ענערגישע גאָמבע. דו קוקסט מיט חשיבות, ווי ער טוט אָן די איבעריקע זאַכן פון אַ סאָלידן בירגער.

דאָס גראָע אַנצוג איז געווען גוט צוגעשניטן, גוט אויפגענייט און אָן באַזונדערע מעלות. דאָס איז געווען אַ מוסטערהאַפט אַנצוג. דאָס ווייסע אויסנייעכץ פון ליצן ביים האַלדז־אויסשניט פון דעם וועסטל האָט צוגעגעבן אַ בייגעשמאַק פון געזעץ און געלערנטן. אויף די פיס זיינע האָט ער געטראָגן שוואַרצע לאַקירנע געשנירטע שטיוול, גוטע שטיוול, ערלעכע שטיוול, מוסטערהאַפטע שטיוול. אָבער שרעקלעך אומאינטערעסאַנטע שטיוול. דאָס איינציקע פריוואָלע איז ביי אים געווען זיין פיאָלעטער געשטריקטער קראַוואַט. מיט אַ גרויסע צאָל באַמערקונגען צו פרובעביט (וואָס האָט מיט אַקראָבאַטישע באַוועגונגען זיך באַמיט צוצופעסטיקן מיט אַן אַגראַפקע די בלוזקע צו איר קלייד און נישט געהערט קיין איין וואָרט), האָט בעביט אויסגעקליבן צווישן דעם פיאָלעטן שניפּס און דעם פילפאַרביקן קראַוואַט מיטן מוסטער פון ברוינע האַרפעס צווישן פּאַלמען מיט צעוואַקסענע בלעטער. דאַן האָט ער אַריינגעשטעקט אין שניפּס אַריין די שפּילקע, אַ קאָפּ פון אַ שלאַנג מיט פייערדיקע אָפּאַל־אויגן.

דאָס אויסליידיקן די קעשענעס פון ברוינעם אַנצוג אין טונקל גראָען אַנצוג אַריין איז געווען אַן אמת געשעעניש. די דאָזיקע אַרבעט האָט פאַרדינט ביי אים אַ באַזונדערע אויפ-

אויסערמערקזאַמקייט, די קלייניקייטן האָבן געהאַט ביי אים אַן נעווייניגלעכע באַדייטונג, זיי זענען געווען ביי אים פּונקט אַזוי חשוב, ווי באַסעבאָל אָדער די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי. זיי יענען באַשטאַנען פון אַ גאָלדענע פעדער, אַ זילבערנע בליי-פעדער (צו וואָס ס'האָט תּמיד געפעלט די גריפלע). דאָס איז עלעגן אין דער רעכטער אויבערשטער קעשענע. אָן זיי וואָלט צר זיך געפילט ווי נאַקעט. ביים קייטל פון זייגערל איז געהאָנגען אַ גילדן מעסערל און אַ זילבערן שערעלע צו די ציגאַרן און ויבן שליסעלעך (פון צוויי האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן, וווהין ויי געהערן), און צייטנווייז אויך אַ גוט זייגערל. פון קייטעלע האָט אויך אַראָפּגעהאָנגען אַ גרויסער געלער צאָן פון אַ לאַקס — אַ מיטגלידס אָפּצייכנונג פון ברידער-קלוב צו באַשיצן די לאַקסן. דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם איז געווען דאָס נאָטיץ-ביכעלע מיט די שיטערע בלעטער, דאָס וויכטיקע און מאָדערנע נאָטיץ-ביכעלע, יוו ס'זענען פאַרצייכנט געווען אַדרעסן פון מענטשן, וועגן וועלכע צר האָט שוין פונלאַנג פאַרגעסן, פאַרעלטערטע אָנמערקונגען וועגן :עלד-אָנווייזונגען, וואָס ער האָט דערהאַלטן מיט חדשים צוריק. מאַרקעס אָן קלעפּעכץ, אויסגעשניטענע לידער פון ק. טשאָלמאָנדלי פרינק און צייטונגס-אַרטיקלען, פון וועלכע בעביט האָט געשעפט ויינע אָנשויאונגען און די לאַנגע פרעמדע ווערטער: נאָטיצן, וואָס האָבן אים דערמאָנט צו טון דאָס, וואָס ער האָט קיינמאָל :ישט געטראַכט צו טון, און אַ זייער מערקווירדיקער אויפשריפט

פּ. ד. ס. ס. ד. מ. י. פּ. ד. פּ.

אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין פּאָרטציגאַר. צופעליק האָט אים קיינער נישט געשאָנקען קיין פּאָרטציגאַר, און ער האָט זיך נישט צוגעוווינט דערצו און די מענטשען, וואָס האָבן געהאַט פּאָרטציגאַרן, האָט ער געהאַלטן פאַר שוואַכע כאַראַקטערן.

לסוף האָט ער אַריינגעשטעקט אין דער קלאַפּע פון דעם רעקל דעם אָפּצייכן פון בוסטער קלוב. אויף דעמדאָזיקן אָפּצייכן איז מיט אַן אַרטיסטישער אויספירונג אויפגעשריבן געווען צוויי ווערטער: — בוסטערס פּעפּ! דאָס האָט בעביטן געמאַכט געטריי און וויכטיק. דאָס האָט אים פאַרבינדן מיט גוטע פריינד, מיט מענטשן,

אָנשטענדיקע, ערלעכע, איינפלוסרייכע אין די געשעפטס-קרייזן. דאָס איז געווען זיין וו. ק. (וויקטאָריאַ-קרייץ), זיין ערנלעגיאָן-באַנד, זיין פי-בעטאַ-קאַפּאַ-שליסל.

צוזאַמען מיט דער אַרבעט אַרום זיין אויסשטאַטונג, האָט ער נאָך אַנדערע קאָמפּליצירטע פראַגן.

— כ'בין עפּעס היינט נישט מיט אַלעמען. — האָט ער אַ זאָג געטון — כ'מיין, אַז כ'האָב נעכטן ביינאַכט צופיל געגעסן. דאַרפסט נישט מאַכן מער די שווערע געפּרעגלטע אַנאַנאַסן.

— אָבער דו אַליין האָסט זיי פאַרלאַנגט.

— כ'ווייס, אָבער—, כ'וויל דיר נאָר זאָגן, אַז אַ מענטש, וואָס האַלט שוין נאָכן פערטן צענערל מוז אַ טראַכט טון וועגן דער פאַרדייונג. ס'זענען פאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס לייגן דערויף לחלוטין נישט קיין אַכט. כ'זאָג דיר אַז אַ מענטש פון אַ פערציקער איז אָדער אַ נאַר אָדער אַ דאָקטאָר— כ'מיין, זיין אייגענער דאָקטאָר. די מערסטעטייל מענטשן לייגן ווייניק אַכט אויף דער פאַרדייונג. נו, איך טראַכט — נאַטירלעך מוז אַ מענטש נאָך אַ גאַנצע טאָג אַרבעט אויפעסן אַ לייטיש מאָלצייט, אָבער איך האַלט, אַז עס וואָלט בעסער געווען פאַר אונז ביידע, אַז מיר זאָלן צום צווייטן פרישטיק עסן לייכטערע מאכלים.

— אָבער דזשאָרזש, דאָ אין שטוב עסן מיר תמיד לייכטע פרישטיקן.

— מיינסט אוודאי צו זאָגן, אַז איך אַליין פאַרדאַרב מיך, ווייל כ'עס אין גאַס? יאָ, זיכער! אַ שיין פנים וואָלסטו געהאַט, זאָלסט דאַרפן עסן די מיאוסקייט, וואָס ס'שפּייזט אונדז דער נייער פאַרוואַלטער אין אַטלעטן-קלוב! אָבער היינט פיל איך זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. קאָמיש, כ'פיל אַ ווייטאָק אין דער לינקער זייט, נו, ס'איז דאָך נישט די בלינדע באַנד, ווי מיינסטו? נעכטן ביינאַכט, ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון ווערדזש גאָנטש, האָב איך געפילט אַ ווייטאָק אין מאָגן. פונקט ווי איצטער — אַ קורצע און שאַרפע מאָגן-ווייטאָק. איך — ווו איז אַ היינגעקומען די צען סענט מטבעה? פאַרוואָס מאַכסטו נישט אָפּטער געקאָכטע פלוימען צום פרישטיק? נאַטירלעך עס איך יעדן אָוונט אַן עפּעלע — אַן עפּעלע בייטאָג איז בעסער ווי

אַ דאָקטאָר, אָבער זאָלסט קאָכן מערער פלוימען, און נישט די אַלע זיסע געמיזעס.

אָט האָב איך אַנומלט געקאָכט פלוימען און דו האָסט זיי צומאָל נישט טועם געווען.

— מן הסתם האָב איך נישט געהאַט קיין אַפּעטיט דערצו: און דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב יאָ געגעסן. יעדנפאַלס — כ׳זאָג דיר, ס׳איז זייער וויכטיק — כ׳האָב עס גראָד נעכטן געזאָגט צו ווערדזש גאָנטש, ס׳רוב מענשן לייגן נישט קיין אַכט אויף זייער פאַרדייונג —

— זאָלן מיר פאַרבעטן די גאָנטשס אויף אַ מיטאָג די אַנדערע וואָך?

— אַודאי, וואָס פאַר אַ פראַגע.

— טאָ הער אויס, דזשאָרדזש, איך וויל זאָלסט אָנטון דיין פיינעם אָוונט-סמאָקינג.

— פלוידערסט! קיינער וועט נישט קומען אָנגעטון.

— זיי וועלן באַשטימט יאָ קומען אָנגעטון. דערמאַן דיך נאָר, ווען דו ביסט געווען ביי די ליטלפעלדס אויף אַן אָוונט נישט אָנגעטון, אַלע זענען דאַן געווען אין די סמאָקינגען, און דו ביסט געווען אין אַ פאַרלעגנהייט.

— אין אַ פאַרלעגנהייט, צום טייוול! איך בין נישט געווען אין קיין פאַרלעגנהייט. יעדער איינער ווייסט, אַז כ׳קאָן טראָגן אַזוינע טייערע אָוונט-רעקלעך, ווי זיי, זאָל איך מיך נעמען צום האַרצן, ווען כ׳האָב צופעליק נישט אָנגעטון? דאָס איז די אַלגע־מיינע פלאָג. דאָס איז גוט פאַר אַ פרוי, וואָס זיצט אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, אָבער אַ מענטש, וואָס לויפט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג, האָט נישט קיין געדולד אויסצופוצן זיך אין דער שיינער יופיצע, פאַר אַן עולם מענטשען, וואָס ער האָט דעמזעלבן טאָג באַגעגנט אין זייערע אַלטע מלבושים.

— דו אַליין ווייסט, אַז האָסט ליב צו זיין אָנגעטון אין סמאָקינג. נעכטן ביינאַכט ביסטו געווען צופרידן, וואָס כ׳האָב דיך צוגערעדט. האָסט אַליין געזאָגט, אַז דו האָסט דיך בעסער געפילט אין סמאָקינג. און איך בעט דיך, דזשאָרדזש, ס׳וואָלט

מיר געוועזן זייער אָנגענעם ווען דו רעדסט נישט אַזוי גראָב. וואָס רופסטו עס יופיצע, דאָס איז דאָך אַן אָוונט-סמאָקינג!

— נו, נאַרישקייטן, זאָל זיין, און וואָס איז דער אונטערשיד?

— אַלע אָנשטענדיקע מענטשן רופן עס אַזוי. שטעל דיר פאָר, אַז לוצילע מעק קאַלווי וועט הערן, ווי דו זאָגסט עס.

— אַלזאָ, מאַך דיך נישט לעכערלעך. לוציליע מעק קאַלווי אימפּאָנירט מיך נישט אויף אַ האָר. אירע לייט זענען געוויינלעך, דורכשניטלעך — כאָטש איר מאַן און איר פאָטער זענען מיליאָנערן! ווילסט מיך אפשר לערנען דיינע געזעלשאַפטלעכע מידות! נו, טאָ דערלויב דיר צו זאָגן, אַז דיין געערטער חשובער פאָטער, היינריך ט. רופט עס צומאָל נישט יופיצע. ער רופט עס אַ לאַנגע יאַקע מיט אַ צוגענייטן ווידל פאַר אָנווידלדיקע מאַלפּעס, און דו קאָנסט אים דערפון נישט אָפּגעווינען, סיידן זאָלסט אים פאַרכלאָראָפאָרמירן.

— דזשאָרזש, זיי דאָך נישט שרעקלעך.

— איך וויל אַבסאָלוט נישט זיין שרעקלעך, אָבער גאָט, אָבער דו ביסט אַזוי קריגעריש ווי ווערנאָנע. זינט זי האָט פאַרלאָזט דעם אוניווערזיטעט, איז זי געוואָרן אַזוי צעלאָזן, אַז ס'איז נישט אויסצוהאַלטן — זי ווייסט אַליין נישט, וואָס זי וויל — נו, איך ווייס שוין, וואָס זי וואָלט געוואָלט! — זי וויל חתונה האָבן מיט אַ מיליאָנער און וווינען אין איראָפּע, און זיך האַלטן ביי דער סוטאַנע פון אַ פּאַסטאָר, און גלייכצייטיק זיין אין זעניט און פירן אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע אָדער זיין פירערין פון אַ ווילטעטיקע אינסטיטוציע, אָדער אַנדערע ענלעכע שטותערייען. און טעד איז גאָרנישט בעסער ווי זי: דאָ וויל ער יאָ גיין אויפן אוניווערזיטעט, דאָ וויל ער נישט גיין אויפן אוניווערזיטעט. די איינציקע פון דעם דריילינג, וואָס ווייסט נאָך וואָס צו וועלן, איז טינקאַ. איך קאָן גאָרנישט תופס זיין, פונוואַנען ס'נעמען זיך צו מיר אַזוינע צוויי אומאַנטשלאָסענע קינדער ווי ראָנע און טעד. כ'בין אפשר טאַקע נישט קיין ראָקפעלער און נישט קיין דזשעמס שעקספּיר, אָבער איך ווייס לכל הפחות, וואָס איך וויל און איך אַרבעט ביי איין זאַך און גיי אויף אַ באַשטימטן וועג. האָסט נישט געהערט נאָך די נייעס? אויף וויפל כ'קאָן זיך משער זיין, האָט

טעד זיך אַריינגענומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין צו ווערן אַ פּילם־אַקטיאָר — און איך האָב אים שוין הונדערט מאָל געזאָגט, אַז ער וועט ענדיקן דעם אוניווערזיטעט מוז ער זיך נעמען צו געשעפט און — וועראָנע איז נישט בעסער פון אים. כ'ווייס נישט וואָס צו טון מיט איר! נו קום שוין, קום שוין, וואָס ביסט נאָך אַלץ נישט פאַרטיק? דאָס מיידל האָט שוין מיט דריי מינוט צוריק געקלינגען.

ה.

איידער ער איז נאָכגעגאַנגען זיין ווייב, איז בעביט נאָך שטיין געבליבן אין פענסטער, וואָס איז אַממייסטן אַרויסגערוקט געווען צו מערב. די ווילי־געגנט פלאָרעל־הייטס איז געלעגן אויף אַ באַרג, און הגם דער צענטער־שטאָדט איז געלעגן אויף אַ שטח פון דריי מייל (די שטאָט זעניט האָט געציילט דריי הונדערט און פערציק טויזנט איינוווינער) האָט ער געקאָנט זען דעם דאַך פון נאַציאָנאַלן טורעם, אַ פינפאונדרייסיק שטאָקידיקע געביידע פון זאַמד־שטיין געברענט פון אינדיען.

זיינע גלאַנצידיקע מוירן האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויפן אַפּריל־הימל, און זיין איינפאַכער געזימס האָט אויסגעזען ווי אַ ווייסער שטרייף. אין דעמדאָזיקן טורעם איז געלעגן אַנטשלאָסנקייט און ערלעכקייט. ער האָט געטראָגן זיין שטאָלץ לייכט, ווי אַ הויך געוואַקסענער זעלנער. בעת בעביט האָט געקוקט אויפן טורעם, איז פאַרשווינדן די אויפרעגונג פון זיין פנים, זיין אַראָפּגעלאָזטע גאָמבע האָט זיך אויפגעהויבן מיט חשיבות. ער האָט אַרויסגעשטאַמלט: — וואָס פאַר אַ הערלעך בילד! אָבער ער איז באַגייסטערט געוואָרן פון דעם שטאָטישן ריטם, זיין ליבשאַפט צו זעניט האָט אין אים אויפסניי אויפגעלעבט. ער האָט געקוקט אויפן טורעם, ווי אויף אַ טעמפּל־צירונג פון דער געשעפטס־רעליגיע, אַ גלויבן פיל מיט ליידנשאַפט און דערהויבנקייט, וואָס שטייגט איבער אַ געוויינלעכן מענטשן, און בעת ער איז געגאַנגען צום פרישטיק, האָט ער אונטערגעזונגען דאָס גאַסנלידל: „אָ, ביי דזשי, ביי גאָס, ביי דזשינגאָ”, ווי דאָס וואָלט געווען אַ מעלאַנכאָלישער און פייערלעכער קירכן־הימן.

קאַפּיטל II

א.

באַפרייט פון בעביטס איינטאָניקן ברומען און פונם צאַרטן מורמלען, מיט וועלכן זיין ווייב האָט אויסגעדריקט מיטגעפיל, וואָס זי איז געווען צו דערפאַרן צו פילן און נאָך מערער דערפאַרן נישט אַרויסצווייזן — איז זייער שלאָף צימער תיכף געוואָרן אומפּערזענלעך.

דאָס צימער איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער שלאָף-וואַרענדע. ס'האָט געדינט פאַר זיי ביידע אויף אָנצוטון זיך, און אין די קאַלטע נעכט האָט בעביט זיך באַפרייט פון די מענלעכע פליכטן און דאָרטן זיך געלייגט אין בעט אַריין, איינגענורעט די שפּיצן פינגער אין דער וואַרעמקייט און געלאַכט פון די יאַנואַר שטורם-ווינטן.

דאָס צימער איז איינגעאָרדנט געווען אין אַ מאָדערנעם און אָנגענעמען געמיש פון פאַרבן, לויט איינס פון די בעסטע מוסטערן פון אַ דעקאָראַטאָר, וואָס האָט אויסגעצירט די שלאָף-צימערן פאַר ס'רוב שפּעקולירנדע בוי-אונטערנעמער אין זעניט. די ווענט זענען געווען גראָ, דאָס האָלצוואַרג ווייס, דער טעפּיך לעבעדיק-בלאָ. דאָס מעבל איז זייער ענלעך געווען צו מאַכאָן — די קאָמאָד מיטן גרויען לויטערן שפּיגעל, פרוי בעביטס טואַלעט-טישל מיט די פיל כמעט ריין זילבערנע שווערע טואַלעט-מכשירים, און די צוויי גלאַטע בעטן, צווישן זיי אַ קליין טישעלע און אויף דעם אַ מוסטערהאַפטער עלעקטרישער נאַכט-לאָמפּ, אַ גלאָז אויף וואַסער און אַ מוסטערהאַפט בוך מיט פאַרביקע אילוסטראַציעס. — וואָס פאַראַ בוך דאָס איז געווען איז שווער פעסטצושטעלן,

וואָרום עס איז נאָך קיינמאָל נישט געעפנט געוואָרן. די מאַטראַצן זענען געווען שטאַרק, אָבער נישט שטאַרק האַרט, זיי זענען געווען אַ טריאומף פון דער מאָדערנער מאַטראַצן-קונסט און זיי האָבן געקאָסט אַן אוצר געלד, דער אויוון איז געווען וויסנשאַפטלעך אויסגעמאָסטן לויטן קוביק פונם צימער. די פענסטער זענען געווען גרויס און האָבן זיך לייכט געעפנט, זיי האָבן געהאַט די בעסטע קייטלען און שנירן, און האָלענדישע גאַראַנטירטע פאָרהאַנגען, קיינמאָל זיך נישט צום צערייסן. דאָס איז געווען אַ זעלטענער שלאָף-צימער, אַ ריכטיק פריילעך מאָדערן הויז פון מיטעלע הכנסות. אָבער ס'האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין שייכות מיט די בעביטס און נישט מיט קיינעם פון זיי. עס איז נישט געווען דערין קיין צייכן, אַז מענטשן האָבן דאָ געלעבט און זיך געליבט, געליינט דערשיטערנדיקע ראָמאַנען ביז האַלבער נאַכט און געלעגן אין אַ הערלעכער פוילקייט אין די זונטאָגדיקע פרימאָרגנס. ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אויסגעצייכנט צימער אין אַן אויסגעצייכנטן האָטעל. אָט וואַרט עס, אַז דאָס צימער-מיידל זאָל אַריינקומען, צוגרייטן עס פאַר מענטשן, וואָס וועלן דאָ בלייבן אויף איין נאַכט און אַוועקגיין, נישט אומקוקן זיך דערנאָך אויף צוריק, און קיינמאָל וועגן דעם נישט אַ טראַכט טון.

יעדעס אַנדערע הויז אויף פלאָרעל הייטס האָט געהאַט פונקט אַזאַ שלאָפצימער.

דאָס דאָזיקע הויז, בעביטס, איז אַלט געווען פינף יאָר. אינגאַנצן גענומען איז עס געווען אַזוי שטראַלנדיק, ווי דאָס שלאָף צימער. עס איז געווען איינגעאָרדנט לויטן בעסטן געשמאַק, מיט די בעסטע און ביליקסטע טעפּיכער, אַ פשוטע אָנגענעמע אַרכיטעקטור און די מאָדערנסטע באַקוועמלעכקייטן. אומעטום איז אָנשטאָט לאָמפּן און די נישט פיינע קאַמינס געווען עלעקטריציטעט. אין די איינריכטונגען ביי די ווענט פון שלאָף צימער זענען געווען דריי קאָנטאַקטן אויף עלעקטרישע לאָמפּן, מיט מעשענע שלעסער. אין קאָרידאָר זענען געווען פאַנטאַזיע לאָמפּן און אין פאַרוויילונגס-צימער אַ קאָנטאַקט אויף אַ קלאַוויר-לאָמפּ און אויף אַן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר. דאָס שיינע עס-צימער (מיט דעם הערלעכן

אייכענעם בופעט, מיט דער גלעזערנער וואַנט-שאַנק, מיט די בלייך געלע גיפּסענע ווענט, און דאָס באַשיידענע בילד פון אַן אָפּשטאַרבנדיקן לאַקס אויף אַ הויפן אויסטערן), האָט געהאַט קאָנטאַקטן אויף אַן עלעקטרישע קאַווע-מאַשין און אַן עלעקטרישע פּעטעלניע.

אינדעראמתן געזאָגט איז אָבער געווען איין חסרון אין בעביטס הויז: עס איז נישט געווען קיין היים.

ב.

תמיד קומט בעביט אַריין צום פרישטיק אַ פרייליכער און לאַכנדיקער. אָבער היינט איז אים אַלץ אויסגעקומען קרום. בעת ער איז פייערלעך דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, האָט ער געטון אַ קוק אַריין אין וועראָנעס שלאָף צימער און פּראָטעסטירט:

— צוואָס זאָל מען געבן אַ פאַמיליע אַזאַ ערשטקלאַסיק הויז, ווען זיי שוינען עס נישט, העלפן נישט מיט אין געשעפט און קאָנען נישט פאַרדינען אַ מעשענע מטבעה?

אָט האָט ער זיי אַלעמען פאַר זיך: ווערעאָנע אַ שווער באַוועגליך צווייאונצוואָנציק-יעריק-מיידל מיט ברוינע האָר, גאָר-וואָס פאַרלאָזט דעם ברין-מאָור אוניווערזיטעט, אָנגעשטאָפּט מיט געדאַנקען וועגן פליכטן, געשלעכט און גאָט און וועגן שלעכטן געלעגער פון איר גראָ ספּאָרט-קליידל, וואָס זי האָט געטראָגן. טעד — טעאָדאָר רוזוועלט בעביט — אַן אויסגעפּוצטער יונג פון זיבעצן-יאָר. טינקאַ—קאַטאַרינע — נאָך אַ קינד פון צען יאָר, מיט בלישטשנדע רויטע האָר און אַ צאַרטע הויט, וואָס דערציילט פון אַ סך נאַשוואַרג און נאָך מערער לאָדעס. בעביט האָט נישט אַרויסגעוויזן זיין אויפגערעגטקייט בעתן אַריינקומען. עס איז אים באמת געווען איבער די טבע צו שפּילן די ראָלע פון אַ שטוב-טיראַן, און זיין ברומען האָט נישט געהאַט קיין ברעקל באַדייטונג. ער האָט אַ רוף געטון צו טינקאַ: — גוט מאָרגן, קעצעלע! דאָס איז געווען דער איינציקער צאַרטער נאָמען אין זיין ווערטער-לעקסיקאָן. סיידן „טייערע” און „אוצר”, מיט

וואָס ער טוט רופן זיין ווייב. און מיט דעמדאָזיקן נאָמען האָט ער גערופן טינקאַ יעדן פרימאָרגן.

ער האָט אויסגעטרונקען אַ שעלעכל קאַווע מיט דער האָפנונג צו באַרויקן זיין מאָגן און זיין נשמה. זיין מאָגן האָט אויפגעהערט פּילן, ווי ער וואָלט מערער נישט אָנגעהערט צו אים, אָבער ווערע‌אָנע האָט אָנגעהויבן ווערן געוויסנהאַפט און אומדערטרעגלעך און דאַן האָט בעביטן אַרומגענומען דער צווייפל צום לעבן, צום בני־בית, צום געשעפט, וואָס האָט אים געבונדן, בעת די חלומות פון זיין שלאָף, און דאָס שלאַנקע פייערלעכע מיידל איז פון אים פאַרשווינדן.

ווערע‌אָנע האָט זיבט זעקס חדשים געאַרבעט אין דער נוינסבערג־לעדער־געזעלשאַפט, מיט דער האָפנונג צו ווערן נוינסבערגס סעקרעטאַרין און ווי בעביט האָט דאָס אָנגערופן, איז דאָס געווען דאָס איינציקע נוצלעכע, וואָס זי האָט גענאָסן פון די אוניווירזיטעט יאָרן, ביז זי וועט באַווייליקן חתונה צו האָבן און ווערן געזעצטער.

אָבער אָט טוט ווער‌אָנע אַ זאָג:

— טאַטע! איך האָב געשמועסט מיט מיינעם אַ שול־פריינט, וואָס אַרבעט פאַר אַ ווילטעטיק־פאַריין — אָך, פאָטער, ווי די זיסע, קליינע קינדער קומען דאָרטן אויף דער מילך־סטאַציע! — און איך פיל, אַז איך וואָלט באַדאַרפט עפּעס טון, וואָס זאָל באמת ווערט זיין אויסצופילן די צייט.

וואַס מיינסטו מיט דעם „ווערט אויסצופילן די צייט”? אויב דו האַלסט ביי ווערן גרינסבערגס סעקרעטאַרין — און מעגלעך, אַז דו וועסט עס ווערן, וואָלסטו זיך ליבערשט איינגעאיבט אין דער סטענאָגראַפיע, און נישט לויפן יעדן אָוונט אויף קאָנצערטן און שפּאַציר־פאַרווייַלונגען — איך מיין, אַז אויב דו זאָלסט באַקומען דיינע פינפאונדרייסיק אָדער פערציק שטיקלעך, וואָלט עס געהייסן: ווערטפול אויסגעפילט די וואָך!

— איך ווייס, אָבער — אַך, איך וואָלט געוואָלט—מיטהעלפן!

— איך וואָלט ליבערשט געוואָלט אַרבעטן אין אַ פאַרזאָרגונגס־היים. אָ, ווען איך וואָלט אַזוי געקאָנט קריגן אַ שטעלע אין אַ פאַר־

וואָרגונגס-אָפּטיילונג, מיט אַ שיין צימער, בונט געמאַלעוועט און מיט אַ וויג-שטול און אַזוי ווייטער. אָדער ווען איך קען —

איצטער הער מיך גוט אויס! ראשית מוזטו וויסן, אַז די אַלע טובות, פאַרזאָרגונגען, צדקות און ווי זיי הייסן דאָרט, זענען נישט מער ווי אַ טירל צום סאָציאַליזם. וואָס מער דער מענטש וועט פאַרשטיין, אַז מ׳וועט אים אומזיסט נישט פיטערן, און, נו, אַז די אַלע אומזיסטע שולן און מלבושים און אַלע אַנדערע נאַריש-קייטן וועט ער נישט קריגן, אויב ער וועט נישט דערויף פאַרדינען, וועט ער זיך אַלץ מער נעמען צו אַרבעט. ער וועט פּראָדוצירן — פּראָדוצירן! דאָס איז עס, אין וואָס די שטאָט נויטיקט זיך, און די אַלע איבעריקע פאַנטאַסטישע געדאַנקען שוואַכן נאָר אָפּ די ענערגיע פונם אַרבעטער-קלאַס און שטעקן אָן זייערע קינדער מיט אַ מאַסע געפערלעכע אידעען. און דו — דו וואָלסט דיך בעסער ווידמענען דעם מסחר אָנשטאָט צו מאַכן אַ ווערן פון אַזעלכע שטותים — עס נעמט גאָר נישט קיין סוף דערצו! ווען איך בין געווען יונג, האָב איך איינמאָל פאַר אַלעמאָל באַשלאָסן, וואָס איך האָב צו טון און איך בין געבליבן דערביי, האָט זיך געמעגט די וועלט איבערקערן און אַזוי אַרום האָב איך צו עפּעס דערגרייכט. — מירע! פאַרוואָס לאָזטו דעם מיידל צעשניידן דאָס געבראָטענע ברויט אויף אַזעלכע דינע, קליינע שטיקלעך? מען קען זיי דאָך אין האַנט נישט נעמען. און קאַלט זענען זיי אויך.

טעד בעביט, שילער אין דער גרויסער איסט-סייד-הויכשול, באַמיט זיך די גאַנצע צייט מיט געשרייען און שלוקעכצן זיי איבערצורייסן, איצטער טוט ער פּלוצלינג אַ זעץ אַרויס:

— הער נאָר, ראָנע, וועסטו —

וועראָנע ענטפערט אָפּ:

— טעד! זיי אַזוי גוט און רייס אונז נישט איבער, ווען מיר שמועסן וועגן ערנסטע ענינים!

— אָ, צום וואַטעמאַכער — טוט טעד אַ זאָג געלאַסן — זינט עמעצער האָט דיך על פּי טעות אַרויסגעלאָזט פונם אוניווערזיטעט ביסטו מיר עפּעס אַזוינע הויכע געשפּרעכן איבער „פאַרוואָס נישט"

און אַזוי ווייטער. דאַרפסט ערגעץ גיין — איך דאַרף האָבן דעם אויטאָמאָביל היינט אָוונט.

בעביט טוט אַ מורמל:

— אַזוי, דו דאַרפסט אים! מעגלעך, אַז איך אַליין וועל אים דאַרפן.

וועראָנע פּראָטעסטירט:

— אַזוי, ווילסט אים טאַקע. חכם איינער! און איך אַליין וועל אים טאַקע היינט נעמען!

טינקאַ ווײנט:

— טאַטע, דו האָסט געזאָגט, אַז דו וועסט פאָרן מיט אונז צו רוסאַדעל!

— און פרוי בעביט:

— פאָרזיכטיק, טינקאַ, האָסט איינגעטונקען דעם אַרבל אין דער פּוטער.

אַלע האָבן זיי זיך אָנגעקוקט און וועראָנע האָט זיך נעכעסט:

— טעד, וואָס שייך דעם אויטאָמאָביל ביסטו אַ פולשטענדיקער חזיר!

— און דו ביסט עס נאַטירלעך נישט! אַבסאָלוט נישט! — טעד האָט מיט זיינע גוטע ריידעלעך געקאָנט דערפירן צו משוגעת — דו ווילסט צונעמען דעם אויטאָמאָביל באַלד נאָכן עסן, לאָזן אים שטיין פאַרן טויער פון וועלכער מויד'ס הויז, בעת איר וועט זיך זיצן אינדערהויך און פלאַפלען וועגן ליטעראַטור און חתנים, מיט וועלכע איר זאָלט חתונה געהאַט, ווען זיי זאָלן עס נאָר אייך פאָרלייגן!

— טאַקע, און דיר דאַרף דער טאַטע קיינמאָל נישט געבן דעם אויטאָמאָביל! דו און דיינע נידערטרעכטיקע דזשאָנס־יונגען פאָרט איר ווי די משוגעים. ס'איז שוין איינמאָל אַן איינפאַל צו פאָרן אויפן שלאָס־פלאַץ מיט אַ שנעלקייט פון פערציק קילאָמעטער אַ שעה!

— אַזוי, ווער האָט עס דיר דערציילט אַזאַ מעשה! און דו האָסט דאָך אַזוי שטאַרק מורא פאַר דער מאַשין, אַז דו מוזט

איינהאַלטן די ברעמזע, ווען די פּאָרסט באַרג אַרויף.

— ס'הויבט זיך נישט אָן! און דו — דו מאַכסט זיך אייביק פּאַר אַ גאַנצן קענער אויף מאָטאָרן, און יוניקע ליטלפעלד האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט געזאָגט, אַז די באַטעריע שפּייזט דעם גענעראַטאָר!

— אַזוי — אָבער, מיין טייער מיידעלע, דו ווייסט דאָך נישט דעם חילוק פון אַ גענעראַטאָר ביז אַן אַנדערן טייל.

טעד איז נישט סתם אַזוי געווען שטאָלץ לגבי איר. ער איז געווען אַ געבוירענער מעכאַניקער, אַ מאַכער און שעפער פון מאַשינען. ער פלעגט אַזוי לאַנג צייכענען אַ מאַשין־פּלאַן, ביז די פּלענער פלעגן זיך פאַרווירקלעכן.

— ט'שוין גענוג זיין אויף היינט! — האָט זיך בעבּיט מעכאַניש אַריינגעמישט, בעת ער האָט פאַרראויכערט דעם הערלעכן באַפרידיקנדיקן ערשטן ציגאַר אינם היינטיקן טאָג און געקוויקט זיך מיט די פרייילעכע גיפטיקע ידיעות פון די קעפּלעך אינם אַדוואָקאַט־טיימס.

טעד האָט אָנגעהויבן אונטערהאַנדלען:

— בנאמנות, ראָנע, איך וואָלט אַליין נישט געוואָלט נעמען דאָס אַלטע קעסטל, אָבער איך האָב צוגעזאָגט עטלעכע מיידלעך פון מיין קלאַס אָפּצופירן זיי אויף אַ פּראָבע אין כאָר, און, נו, איך אַליין האָב אויך נישט קיין גרויס חשק דערצו, אָבער אַ דזשענטלמען מוז דאָך דערפילן זיין געזעשאַפטלעכן חוב.

— אוי, דאָס געפעלט מיר! דו און דיין געזעלשאַפטלעכער חוב, אין דער שול!

— אָ, מיר האַלטן זיך זייער אָנשטענדיק, זינט מיר'ן זיך פאַרייניקט מיט דער פרויען־הויכשול. און כ'מוז דיר טאַקע זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ נאָך אַזאַ פּריוואַטער לערן־אַנשטאַלט אין דעם שטאַט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ צוגעקליבענע געזעלשאַפט, ווי די „געמע דיגעמע" היי־יאָר. ס'זענען דאָרטן דאָ צוויי יונגען, וואָס זייערע פאָטערס זענען מיליאָנערן. הער אויס, אָ, כ'וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט האָבן אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, ווי ס'רוב מיינע חברים.

בעבּיט האָט כמעט געטון אַ שפּרונג אויף:

— אַן אייגענעם אויטאָמאָביל! אַשאָד וואָס דו ווילסט נישט אַ יאַכט, אַ הויז און נאָך מערער? דאָס איז דאָך אַזוי לייכט, ווי אויפצועסן אַ קיכל! אַ יונג, וואָס קאָן צומאָל נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען פון לאַטיין, ווי אַלע אַנדערע, און ער וואַרט, אַז כ׳זאָל אים קויפן אַן אויטאָמאָביל, און אַודאי אויך אַ שאָפער דינגען, און אפשר אויך אַן אַעראָפּלאַן, אַ מתנה פאַר דער שווערער אַרבעט, אַרומצולויפן אין די קינאָס מיט יוניקע ליטלפעלד! נו, מיין טייערער, מעגסט אַזוי לאַנג וואַרטן!

אַביסל שפּעטער האָט טעד אויף אַ דיפּלאָמאַטישן אופן צוגערעדט וועראָנען, אַז זי זאָל אין אָוונט פאָרן קיין ערמאַר אויף דער הונט-און קאַצן-פאָרשטעלונג; דאַן זאָל זי לאָזן שטיין דעם אויטאָמאָביל פאַר דער קאַפע אַנטקעגן דעם טעאַטער, פונוואַנעט ער וועט אים קאָנען נעמען. זיי האָבן געמאַכט אַ סך מייסטערישע פּלענער, וועגן דעם אָרט, ווו זיי וועלן באַהאַלטן דעם שליסל און אָנפילן דעם רעזערוואַר מיט גאַזאָלין. דערנאָך זענען זיי געווען באַגייסטערט פון זייער אייגענעם אויפטו.

אַז זייער אָפּמאַך איז נישט צושטאַנד געקומען, האָט טעד באַמערקט, אַז אירע פריינדינס זענען אַ לעכערלעכע באַנדע גאָדערנדיקע גענז מיט לאַנגע נעזער. און זי האָט באַמערקט, אַז זיינע פריינט זענען „עקלדיקע איינגערעדטע סנאָבן, און אָפּשיילעכע, קליינלעכע, שרייענדיקע, אומבאַוווסטזיניקע מיידלעך”. און ווייטער: ס׳איז עקלדיק פון דיר, וואָס דו רויכערסט פּאַפּיראָסן און אַזוי ווייטער, און דאָס אַנצוג, וואָס האָסט אָנגעטון היינט פרימאָרגן, זעט אויס אַזוי קאָמיש — באמנות, פשוט עקלהאַפט!

טעד איז צוגעגאַנגען צום קרומען שפּיגל, וואָס האָט זיך געפונען אינעווייניק אויף דער קרעדענס, ער האָט באַטראַכט זיין רייץ און האָט צאַרט אַ שמייכל געטון. זיין אַנצוג, דער לעצטער מאָדעל פון אַלטן עלי טאָוג, איז באַשטאַנען פון הויזן מיט פאַלדן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די בלישטענדיקע שיך פון דער געקנעפּלטער מאַרינאַרקע אַרויס, אין וועלכער ער האָט אויסגעזען ווי אַ כאָריסט, מיטן פּאַסיק אונטן. זיין שניפּס איז געווען אַ ריזידיקער שלייף פון שוואַרץ זייד. זיינע פלאַקסענע האָר

וענען ענלעך געווען צו טאָוולען אייז, געקעמט אַרויף, אָן אַ שרינט. ווען ער איז געגאַנגען אין שול אַריין, האָט ער אָנגעטאָן אַ היטל מיט אַ דאַשיק גרויס ווי אַ לאָפּאַטע. זיין גרעסטער שטאָלץ איז געווען דאָס וועסטל, דורכגעטראַכט, אויסגעבעטן, אויסגעבעטלט. אַן אמת פאַנטאַסטיש הירשן־וועסטל, באַשיט מיט צעוואָרפענע פינטעלעך פון אַ גליענדער רויטער קאָליר. אינם וועסטל האָט ער געטראָגן אַן אָפּצייכן פון זיין הויכשול, אַן אָפּצייכן פון קלאַס און אַ ברידערשאַפט־זשעטאָן.

און איצטער דאָס וויכטיקסטע: ער איז געווען שלאַנק, באַוועגלעך, פאַררויטלט. זיינע אויגן (כאָטש ער האָט זיי געהאַלטן פאַר ציניש) זענען געווען מילד און פאַרמאָגט אַן אייפערדיקן גלאַנץ. אָבער ער איז נישט געווען דורכאויס איידל. ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו דער אָרעמער קליינער ווערענע און אַרויסגעמורמלט:

— יאָ, איך מיין, אַז אַלע זענען מיר גענוג קאָמיש און עקלדיק, און אונזער נייער שניפּס איז געוויינלעך מיסט!

בעביט האָט אַ געשריי געטון:

— אַזוי איז עס! און וויבאַלד דו ביסט אַזוי איבערגענומען מיט דיין אייגענער פּערזאָן, טאָ לאָז־זשע דיר טאַקע זאָגן, אַז דו וועסט פאַרשטאַרקן דיין מענלעכן רייץ, אויב דו וועסט באַזייטיקן די שטיקלעך איי פון דיינע ליפּן.

ווערענע האָט אַ קוויטש געטון פון באַגייסטערונג. אַ ווײַלע האָט זי מנצח געווען אין איינע פון די גרעסטע מלחמות, אין דער שטוב־מלחמה. טעד האָט אַ קוק געטון אויף איר האָפענונגסלאָז, דאַן האָט ער אַ געשריי געטון צו טינקאַן:

— אום גאָטעס ווילן! שיט נישט אויס דעם גאַנצן צוקער אויף דיינע קודלעס.

אַז ווערענע, טעד און טינקאַ זענען אַרויסגעגאַנגען אינדערהויך, האָט בעביט אַ מורמל געטון צו זיין ווייב:

— אַ פיין בני־בית, שט'אָ וואָס צו רעדן! כ'וועל נישט זאָגן, אַז איך בין געהאָרכזאַם, ווי אַ שעפעלע, מעגלעך, אַז איך אַליין מאַך אויך טיילמאָל אַ קרום־פּנים ביים פרישטיק, אָבער דער אופן

פון זייער אַרומרייסן זיך איז מיר אוממעגלעך צו פאַרטראָגן. איך שווער דיר, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן, אַז טיילמאָל האָב איך חשק איבערצולאָזן דאָס אַלץ און אַנטלויפן, ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. איך טראַכט מיך, אָט איז אַ מענטש מקריב זיין לעבן, כּדי צו דערנערן זיינע קינדער און געבן זיי אַ לייטישע דערציִונג, און אַלס באַלוינונג דערפאַר הערט ער אַ גאַנצן טאָג מחלוקת און געשרייען, ווי פון אַ כאָפּטע וועלף להבדיל. קיינמאָל — קיינמאָל — אינטערעסאַנט — מ'שרייבט אין דער צייטונג: — זאָלסט אַמאָל קאָנען איין מינוט איינזיצן שטיל — האָסט שוין געלייענט די פרימאָרגן-צייטונגען?

— ניין טייערע! אין משך פון דרייאונצוואָנציק יאָר פאַמיליען לעבן האָט פרוי בעביט געלייענט די צייטונג פאַר איר מאַן, סך הכּל זיבנאונזעכציק מאָל.

— מאָסע נייעס. אַ שרעקלעכער שטורמווינט אויף צפון. באמת אַ שווער אומגליק, אָבער דאָס, הער אויס, דאָס איז אַ שיינע געשיכטע! איינמאָל פאַר אַלעמאָל געקומען אַ סוף צו די דאָזיקע פאַרשווינען! דער נוי-יאָרקער ראַט האָט אָנגענומען דעם ביל קעגן די סאָציאַליסטן. אין די נוי-יאָרקער עלעוואַטאָרן איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק און מחנות שול-יינגלעך האָבן פאַרנומען זייערע ערטער. אָט פון די וועלן אַרויסוואַקסן טיכטיקע מענער! די אָנטיילנעמער פונם מיטינג אין ביירמיינגשעם פאָדערן צו דערווייטערן דעם לאָבוז דע וואַלער. דאָס וואָלט געווען אַן אמתע מצוה. די דאָזיקע אַלע אַגיטאַטאָרן לעבן אויף יעקיס חשבון. וואָס איז דאָס אונדזער דאגה צו אינטערווענירן אין איילענדישע ענינים אָדער אַנדערע אויסלענדישע רעגירונגען. לאָמיר האַלטן די הענט פונוויטנס. אָט האָבן מיר שוין אַן אַנדער אויטענטישע ידיעה פון רוסלאַנד, אַז לענין איז אָפּ-געשטאָרבן. דאָס איז אַ טייערע זאַך. בכּלל פאַרשטיי איך נישט, הלמאי מיר מאַכן נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מיט די באָלשעוויקעס.

— אַזוי איז עס — האָט פרוי בעביט אַ זאָג געטון.

און דאָ האָבן מיר ווייטער אַ פאַרשוין אין אַ רעגן-מאַנטל און אין אַרבעטס קליידער, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר

אַ בירגערמייסטער — דערצו נאָר אַ פריידענקער, יאָ. וואָס טראַכסטו וועגן דעם!

— ניין! טאַקע!?

ער האָט געזוכט וואָס פאַר אַ שטעלונג אָנצונעמען, אָבער נישט אַלס רעפּובליקאַנער, און נישט אַלס פּרעסביטעריאַנער, און נישט אַלס לאַקס און נישט אַלס הייזער־מעקלער, האָט ער נישט געהאַט אַן אויסגעאַרבעטע שטעלונג וועגן דער אויפגאַבע פון פּאַסטאָר־בירגערמייסטער. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון און געלייענט ווייטער. זי האָט געקוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרקייט, נישט געהערט קיין איין וואָרט. שפּעטער וועט זי פאַר זיך אַליין נאָכאַמאָל איבערלייענען די קעפּלעך, די געזעלשאַפטלעכע כראָניק און די אַנאָנסן.

— וואָס זאָגסטו דערצו! טשאַרלז מעק קאַלווי האָט װי תמיד איינגעאָרדנט אַ הערלעכע אויפנאַמע. הער אויס, ווי אַזוי די פרוי־רעפּאָרטערין צעגיסט זיך ·וועגן לעצטן אָוונט:

„נאָך קיינמאָל האָט זיך די געזעלשאַפט מיט דעם גרויסן, גרויסן .G נישט געפילט מער צופרידן, ווי בעת דער געלעגנהייט צו נעמען אַן אָנטייל אין דער הערלעכער פאַרווײַלונג ביים גאַסטפריינטלעכן טיש פון הער און פרוי טשאַרלז ל. און מעק קאַלווי, ווי דאָס איז געשען נעכטן ביינאַכט.

„דאָס איידעלע הויז פון ראָמעל רידזש, וואָס ליגט צווישן אויסגעשפּרייטע פעלדער און לאָנקעס, שטיל און אָנגענעם, און זעגן, נישט געקוקט אויף די ריזיקע מוירן און צימערן, באַרימט מיט זייער שיינקייט, האָט נעכטן אויפגעמאַכט די טירן פאַר טענץ, איינגעאָרדנט דורך די מעק קאַלוויס לכבוד דעם מערק־ווירדיקן גאַסט פּר"ל י. סנידט פון וואַשינגטאָן. דער ברייטער קאָרידאָר איז געווען אַזוי פּינקטלעך אויסגעמאָסטן, אַז ער האָט אויסגעצייכנט געקאָנט דינען פאַר אַ באַל־זאַל. און דער דעמבענער דיל האָט אויף דער גלאַטיקער אויבערפלאַך אָפּגעשלאָגן די איידעלע באַוועגונגען פון די געסט. אָבער אַפילו דער גענוס פונם טאַנצן איז געווען אַ קלייניקייט אַנטקעגן דער אינטימקייט און דער שטילקייט פון דער ביבליאָטעק אָדער פון סאַלאָן. דער

פּירשטלעכער אויוון און די טיפֿע פֿאָטעלן, די פֿאַרטונקלטע ליכטיקייט פֿון די לאָמפּן האָט כּמעט געצווונגען צו שעפּטשן שטילערהייט, אָדער אַפֿילו אין ביליאַרד-צימער, ווו מ'האָט געקאָנט אַ נעם טון אַ שטעקן און אַרויסווייזן אַן אַנדער העלדישקייט, ווי עס האָט אַרויסגעוויזן קאָפּיד און טערפּסיכאָר.

אַ סך מער נאָך האָט אָנגעשריבן מיט איר בעסטן זשורנאַליסטישן סטיל פֿריילין עלעאָנאָרע פּירל באָטס, די פּאָפּולערע באַריכטס-אָפּגעבערין פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכע כראָניק אינם „אַדוואָקאַט”. אָבער בעביט האָט שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער האָט אַ זיפֿץ געטון. צונויפֿגעקנייטשט דעם צייטונג. ער האָט פּראָטעסטירט:

— דאָס איז אַ געמיינהייט! כ'וואָלט מיטן גאַנצן האַרצן געטרויט טשאַרלז מעק קאַלווי. ווען מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, איז ער געווען אַ קבצן, ווי יעדערער איינער פֿון אונז, אָבער ער האָט געמאַכט אַ גוטן מיליאָן שטיקלעך נאָר ביי גוטע קאָנטראַקטן און ער האָט קיינעם נישט באַשווינדלט אָדער געגעבן מערער שוחד, וועלכן ס'איז ראַטמאַן, ווי ס'איז נויטיק געווען. און דאָס הייזל זיינס איז גאַנץ נישקשהדיק — הגם ס'האָט נישט קיין „ריזיקע שטיינערנע מוירן” און ס'איז נישט ווערט די ניינציק טויזנט דאָלאַר, וואָס ער האָט דערפֿאַר באַצאָלט, אָבער ווען עס קומט מיר אויס צו הערן, אַז אַזאַ מעק קאַלווי און די גאַנצע באַנדע לאָבוסעס איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון, פֿון, פֿון וועגדערביילט, אָ, דאַן נעמט מיך ממש דער רוח!

אומדרייסט ענטפֿערט פֿרוי בעביט:

— כ'וואָלט גערן געזען זייער הויז אינעווייניק. ס'מוז דאָרטן זיין הערלעך. כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אינעווייניק.

— נו, איך בין שוין געווען! שוין אַ סך מאָל געווען. אַ שמועס געטון מיט טשאַרל אין אָוונט וועגן מסחרים. ס'איז גאָרנישט אַזוי נתפּעל צו ווערן. כ'האָב לחלוטין נישט קיין חשק צו ווערן פֿאַרבעטן אויף אַ מיטאָג צוזאַמען מיט דערדאָזיקע שטייפֿער באַנדע. איך גיי מיט דיר אַ געוועט, אַז סוף כּל סוף וועל איך האָבן מערער געלט, ווי די בלייערנע הערנער, וואָס

געבן אויס זייער געלט אויף מלבושים איינצוהילן זייער לייב, בעת זיי האָבן נישט אַ לייטיש מלבוש איינצוהילן זייער נאָמען! האַ? וואָס טראַכסטו וועגן דעם!

פֿרוי בעבּיט האָט מיט דערשטוינטער אומבאַוועגלעכקייט אויסגעהערט די ידיעות וועגן ערד און הייזער פֿונם „אַדוואָקאַט — טיימס”:

אַסטאַבולאַ גאַס 496 — דזש. ק. דעווסאָן צו
טאָמאַס מאַלעל, אַפּריל 17, 15. 7 X 112. 2,
דאָלאַר 4000 . . . . נאָם

אין היינטיקן פֿרימאָרגן איז בעבּיט געווען צו אומרויִק צו זוייִלן זיין ווייב מיט מודעות וועגן פֿאַרזעצטע מאַשינען, וועגן לאָמבאַרדן און געשלאָסענע קאָנטראַקטן. ער האָט זיך געטון אַ שטעל אויף. בעת ער האָט אַ קוק געטון אויף איר, האָבן זיינע ברעמען אויסגעזען שטעכעדיקער, ווי תּמיד. פּלוצלונג:

— יאָ, מעגלעך — ס׳איז אַ חרפּה, וואָס מיר האָבן נישט קיין באַציִונגען מיט אַזוינע מענטשן, ווי די מעק קאַלוויס. מ׳וואָלט זיי געמעגט איינלאַדן וועלכן ס׳איז אָוונט אויף אַ מאָלצייט. אָ, כאַפּט זיי דער רוח, אַ שאָד צו פֿאַרברענגען די צייט מיט טראַכטן וועגן זיי! אונזערס אַ קליינטשיק סעודהלע איז אַ סך אָנגענעמער, ווי זייערע אַלע גרעסטע שמחות. כאָטש צו פֿאַרגלייכן אַן אמתע פֿרוי ווי דו מיט אַזאַ נערוועזע פֿאַרשוינטע ווי לוציע מעק קאַלווי — וואָלט נאָר געדעדט וועגן הויכע ענינים און טוט זיך אָן, ווי אַן אויסגעפּיטערט פֿערדל! דו ביסט דאָך אַזאַ גרויס, אַלט מיידעלע, אוצר מיינער!

ער האָט פֿאַרשטעלט זיין צביעותדיקע צאַרטקייט מיט אַ באַמערקונג:

— הער נאָר; לאָז נישט טינקאַן מער גיין זיך אָנעסן מיט די גיפּטיקע ניס. דערבאַרים דיך און זע דעם קינד זאָל נישט קאַלע ווערן דער מאָגן. איך זאָג דיר, ס׳רוב מענטשן ווייסן נישט, ווי ווייט וויכטיק ס׳איז צו האָבן אַ געזונטן מאָגן און רעגולערע באַדערפֿעניש. כ׳מיין, אַז כ׳וועל זיין צוריק, ווי תּמיד.

ער האָט איר געטון אַ קוש — ער האָט איר אייגנטלעך נישט

געטון אַ קוש — ער האָט נאָר אַרויפגעלייגט זיינע צונויפגעפּרעסטע ליפּן אויף אירע פאַרבלאָזע באַקן. ער איז אַוועק אין גאַראַזש אַריין און איבערן וועג האָט ער געשעפּטשעט:

— אָ, גאָט וואָס פאַראַ בני־בית איז דאָס. און איצטער הויבט מירע אָן ווערן אויף מיר אין כעס, פאַרוואָס מיר האָבן נישט קיין באַציונגען מיט מיליאָנערן. אָ, גאָט, טיילמאָל האָב איך חשק צו אַנטלויפן פון דער גאַנצער שפּיל. און מיט די ביורא־צרות און די פאַרשידענע איינצלהייטן איז שוין גאָר נישט אויסצוהאַלטן, און איך מאַך זיך קראַנק און — איך נעם עס נישט ערנסט, אָבער איך פיל — אַז איך בין שרעקלעך אויסגעשעפּט!

קאַפּיטל III

א.

פאַר דזשאָרזש פּ. בעבּיט, פּונקט ווי פאַר אַלע פאַרמעגלעכע בירגער פון זעניט, איז זיין אויטאָמאָבּיל געווען פּאָעזיע און טראַגעדיע, ליבּע און העראָיזם. די בּיוראָ איז געווען זיין רויבער־שיף, אָבּער דער אויטאָמאָבּיל איז געווען זיין געפערלעכע נסיעה נאָך אומבּאַקאַנטע בּרעגעס.

צווישן די אומגעהויערע געשעענישן יעדן טאָג איז נישט געווען אַ מער דראַמאַטישע סצענע, ווי דאָס צוגרייטן די מאַשין. אין די קאַלטע פרימאָרגנס איז זי געווען עקשנותדיק אומבּאַוועגלעך. ס׳האָט זיך אָנגעהויבּן מיט אַ לאַנג בּענקלעך רוישן פון מאָטאָר. און טיילמאָל האָט ער געמוזט גיסן עטער אין די קאָרקעס פון צילינדער, און דאָס איז געווען אַזוי ווייט אינטערעסאַנט, ווי דאָס, וואָס ער האָט בּיים פרישטיק פאַרשריבּן די טראָפּנס און הויך געחשבּונט וויפל יעדער טראָפּן קאָסט אים.

אין דעמדאָזיקן פרימאָרגן האָט ער געהאַט אַ טונקעלן פאָרגעפיל, אַז עס וועט אים עפּעס נישט גיין גלאַטיק. און ער האָט זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט, בּעת דאָס פּליסיקייט האָט שטאַרק און גוט עקספּלאָדירט, און דער אויטאָמאָבּיל האָט זיך צומאָל נישט אַ ריר געטון פון טויער, וואָס איז געווען צעקראַצט און אָפּגעריבּן פון שטענדיקן איין און אויס פאָרן. ער איז געווען צעטומלט. ער האָט אַ געשריי געטון „גוט מאָרגן” צו סעם דאָפּלבּרוי מיט מער צוגעלאָזנקייט, ווי ער האָט עס געהאַט בּדעה צו טון.

בּעבּיטס גרין־ווייס הייזל איז געווען איינס פון די דריי־

הייזלעך אינם בלאָק פֿון דער האָלענדישער קאָלאָניע אויפֿן שלאָס־פּלאַץ. לינקס האָט זיך געפֿונען די רעזידענץ פֿונם הער סעמועל דאָפּלבּרוי, סעקרעטאַר פֿון אַ גרויסער פֿירמע, וואָס אַרבּעט אויס וואַגנעס און אַנדערע באַד־מכשירים. דאָס איז געווען אַ באַקוועם הויז אָן קיין שום אַרכיטעקטאָנישן סטיל. אַ גרויסער הילצערנער קאַסטן מיט אַן איינגעפֿאַלענעם טורעם, אַ ברייטע וואַרענדע, אָפּגעפֿאַרבּט אויף העל־געל, ווי אַן איי־געלעכצל. בּעבּיט האָט להלוטין נישט געהאַלטן פֿון דעם שטייגער לעבּן פֿון די דאָפּלבּרויס, וועלכע ער האָט אָנגערופֿן „ציגיינער”. גאַנצענע נעכט פֿלעגט זיך אַרויסרייסן פֿון זייער הויז די מוזיק און אַ חוצפּהדיקער געלעכטער. די שכנים האָבּן גערעדט צווישן זיך וועגן פֿלעשלעך וויסקי און וואַנזיניקע אויטאָמאָביל־נסיעות. זיי האָט בּעבּיט געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אַ סך גליקלעכע רכילות־אָוונטן, ער האָט געזאָגט אַנטשלאָסן:

— איך אַליין בּין אויך נישט אַזוי אָנגעצויגן און איך מיין נישט צו זאָגן, אַז אַ מענטש דאַרף נישט אַמאָל אַ לעבּ טון, אָבּער ווען איך טו אַ טראַכט וועגן די סקאַנדאַלן און דעם חוצפּהדיקן טומל, וואָס די דאָפּלבּרויס מאַכן אָן מיט זייערע הולאַנקעס, גייט עס מיר שוין איבּער די גרינע גאַל.

אויף דער אַנדערער זייט פֿון די בּעבּיטס, האָט געוווינט אין אַ שטרענג־מאָדערן הויז דער דאָקטאָר־פֿילאָזאָף האַוואָרד ליטלפֿעלד. דער פֿונדאַמענט איז געווען באַפּוצט מיט טונקל רויטע ציגל. די מיטלסטע שטאָקן זענען געווען העל ווי ליים, און דער דאַך איז געווען געדעקט מיט רויטע ציגל. ליטלפֿעלד איז געווען דער גרעסטער געלערנטער צווישן אַלע שכנים. ער איז געווען אַ אויטאָריטעט אויף יעדן געבּיט, אַ חוץ קינדער, קאָכן און אויטאָמאָבּילן. ער האָט געלערנט קונסט־געשיכטע אין בּלאָזשעט־קאָלעדזש און דעם טיטל דאָקטאָר פֿילאָזאָפֿיע האָט ער באַקומען אין יאַל. ער איז געווען פֿאַרוואַלטער און עצה־געבּער אין דער זעניטער גאַסנבּאַן־געזעלשאַפֿט. ער האָט געקאָנט צו יעדער צייט, אויבּ מ׳האָט אים נאָר מתרה געווען מיט צען שעה פֿריער, שטיין פּנים אל פּנים די שטאָט־ראַטמענער און מיט אַבּסאָלוטער זיכערקייט,

געשטיצט אויף ציפערן און ביישפּילן געשעפט פון דער גאַנצער וועלט, פון פּוילן ביז ניי־זעלאַנד — באַווייזן זיי, אַז זיין געזעלשאַפט האָט ליב דאָס פּובליקום און וויטאָקט איבער זיין גורל, אַז די גרעסטע צאָל אַקציעס געפינט זיך אין די הענט פון אלמנות און יתומים און, אַז דער איינציקער פאַרלאַנג פון דער געזעלשאַפט איז צו פאַרלייכטערן די לאַגע פון די הויז־אייגנטימער דורך העכערן דעם ווערט פון זייערע באַזיצנדיקע אָביעקטן און אויסבעסערן די אָרעמעלייט דורך קלענער מאַכן די ציינזן. זיינע אַלע באַקאַנטע האָבן זיך געווענדעט צו אים, ווען זיי האָבן אַ שטייגער באַדאַרפט פעסטשטעלן די דאַטע וועגן דער שלאַכט ביי סאַראַגאָס, וועגן דעפינירן דאָס וואָרט „סאַבאָטאַזש", וועגן קורס פון דייטשן מאַרק, וועגן אַן איבערזעצונג פון „היינס איליאַ לאַקרים", די סטאַטיסטיק וועגן וווקס פון דער קוילן־פּראָדוקציע. ער האָט בעביטן פאַרשאַפט כבוד און אים דערציילט, אַז אָפטמאָל זיצט ער ביז האַלבע נאַכט און לייענט די סטאַטיסטיק און הערות אין די אַמטלעכע־באַריכטן, אָדער ער בלעטערט אַדורך (אָפּלאַכנדיק פון די מחברימס טעותים) די לעצטע בענדער פון כעמיע, אַרכעאָלאָגיע, און ייכטהיאָלאָגיע.

אָבער ליטלפעלדס גרעסטער ווערט איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט דינען פאַר אַ גייסטיקן ביישפּיל. נישט געקוקט אויף דער גרויסער מאָס וויסנשאַפט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז ער געווען אַ שטרענגער פּרעסביטעריאַנער און אַ פאַרביסענער איבערצייגטער רעפּובליקאַנער, ווי דזשאָרזש פ. בעביט. ער האָט געשטאַרקט דאָס האַרץ פון די האַנדלס־לייט און זייער גלויבן, ווען זיי האָבן נאָר אינסטיקטיוו געשפּירט, אַז זייער סיסטעם פון אַרבעט און האַנדלונג איז פולקאָם, האָט עס האַוואָרד ליטלפעלד זיי באַווייזן אויפן סמך פון ביישפּילן, וואָס ער האָט געשעפט פון דער היסטאָריע, עקאָנאָמיע און פון דער רעליגיע פון די רעפאָרמירטע ראַדיקאַלן.

בעביט איז געווען באמת שטאָלץ פון דער שכנהשאַפט מיט אַזאַ שטייגער געלערנטן, ווי האַוואָרד ליטלפעלד און פון טעדס פריינטשאַפט מיט יוניקע ליטלפעלד. די זעכצניעריקע יוניקע

האָט זיך אינטערעסירט נישט מער ווי מיט סטאַטיסטיק וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט די יאָרן און דעם האָנאָראַד פון די פילם-שטערנס, אָבער ווי בעביט האָט וועגן איר געזאָגט — „זי איז געווען דעם טאַטנס טאָכטער".

דער חילוק צווישן אַזאַ לייכטזיניקן מאַן, ווי סעם דאָפּלברוי און אַזאַ באמת פיינעם כאַראַקטער ווי ליטלפעלד, האָט זיך אַרויסגעוויזן איז זייער אויסזען. דאָפּלברוי איז געווען באַאומרויקנדיק יונג פאַר אַ מאַנסביל פון אַכטאונפערציק יאָר. ער האָט געטראָגן זיין דערבי-הוט אויפן שפּיץ קאָפּ און זיין רויט פּנים האָט געריינצלט מיט אַ זינלאָז געלעכטערל. אָבער ליטלפעלד האָט שוין דערפאַר אויסגעזען אַלט פאַר אַ מאַן פון צווייאונפערציק יאָר. ער איז געווען הויך, ברייט און שווער. זיינע גאָלד-גערעמטע ברילן זענען פאַרלוירן געגאַנגען אין די קנייטשן פון זיין לענגלעך פּנים. זיינע האָר, אַן אַריבערגעוואָרפענע טשופּרינע פון אַ געדיכטער שוואַרצקייט. ער האָט געשפּריצט און געפּאָרקעט בשעתן רעדן. זיין פּי-באַט-קעפּ-שליסל האָט באַשיינט דאָס געפלעקטע שוואַרצע וועסטל. ס'האָט זיך געטראָגן פון אים אַ ריח, ווי פון אַן אַלטע לולקע. אינגאַנצן גענומען איז געווען אין אים עפּעס קברותדיקס און בישאָפּדיקס. ס'האָט געבלאָזן פון אים אַ הייליקער ריח פון הייזער-פאַרמיטלונג און קניות מיט באָד-מכשירים.

היינט אינדערפרי איז ער געשטאַנען פאַר זיין הויז, פאַרקוקט אויפן גראָז-פעלד, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט צווישן פּאַרקן און דער ברייטער צעמענטענער, זייטיקער סטעזשקע. בעביט האָט פאַרהאַלטן זיין אויטאָמאָביל, געטון זיך אַ בויג אַרויס אויסצושרייען „גוט מאָרגען"! ליטלפעלד האָט זיך עטוואָס געטון אַ בויג איין און זיך אַ שטעל געטון מיט איין פיס אויפן טרעפּל.

— אַ הערלעכער פרימאָרגען — האָט בעביט אַ זאָג געטון, און צינדט אָן — פריער ווי תמיד — זיין צווייטן ציגאַר אינם היינטיקן טאָג.

— יאָ, זייער אַ שיינער פרימאָרגען — טוט ליטלפעלד אים אָפּענטפערן.

— דער פרילינג קומט מיט זיין גאַנצער פּראַכט.

— יאָ, ס'איז שוין באמת פרילינג, פולשטענדיק — זאָגט ליטלפעלד.

— ביינאַכט איז נאָך קאַלט. יענער נאַכט האָב איך זיך נאָך געמוזט איבערדעקן מיט צוויי קאָלדרעס.

— יאָ, יענער נאַכט איז נישט געווען צו וואַרים — ענטפערט אים אָפּ ליטלפעלד.

— אָבער איך שטעל זיך נישט פאָר, אַז מיר זאָלן נאָך צוריק האָבן די ריכטיק קאַלטע וועטערן.

— ניין, אָבער אין טיפליס און אין מאָנטאַנאַ איז נעכטן געפאַלן אַ שניי — זאָגט דער געלערנטער — געדענקסט דעם שטורם-ווינט, וואָס איז געפאַלן מיט דריי טעג צוריק אויף מעריב? אַ שניי אויף דרייסיק צאָל די הויך אין גרילליי קאָלאָראָדאָ און מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר פינף און צוואָנציק טאָג אין אַפּריל געהאַט אַ שניי אין זעניט.

— דאָס איז אמת! הער אויס, אַלטיטשקער, ווי איז דיין מיינונג וועגן דעם רעפּובליקאַנישן קאַנדידאַט? ווער וועט אויס-געוויילט ווערן פאַר אַ פּרעזידענט? מיינסטו נישט, אַז ס'וואָלט שוין געווען די העכסטע צייט, מיר זאָלן האָבן אַן אמתע פּאַכמענישע רעגירונג?

— לויט מיין מיינונג נויטיקט זיך אונזער לאַנד אין אַן ערנסטע, געזונטע, געשעפטמעסיקע פאַרוואַלטונג, כדי אָפּצוהיטן אירע עסקים. וואָס מיר דאַרפן איז — אַ פּאַכמענישע רעגירונג! — זאָגט ליטלפעלד.

— איך בין זייער צופרידן צו הערן פון דיין מויל דידאָזיקע ווערטער! איך בין שטאַרק צופרידן, וואָס דו טראַכסט פונקט ווי איך! כ'האָב נישט געוווסט דיין מיינונג וועגן אָט דער פראַגע, מיט דיינע אַלע גוזעלשאַפטן, קאָלעדזשען און אַזוי ווייטער, און איך בין צופרידן מיט דיין שטעלונג. אונזער לאַנד נויטיקט זיך — ביי דער איצטיקער קאָניונקטור — נישט אין אוני-ווערזיטעט-רעקטאָרן אָדער אין אַ שפּיל מיט אויסלענדישע רעגירונגען, נאָר אַ גוטע — געזונטע — עקאָנאָמישע פּאַכמענישע — רעגירונג, וואָס זאָל אונז געבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרזיכערן זיך אַן אָנשטענדיקע עקזיסטענץ.

— יאָ יאָ, נישט אַלע ווייסן נאָך, אַז אין כינע אַפּילו מוזן די ביכער-געלערנטע אָפּטרעטן פאַר פּראַקטישע ביזנעסלייט, און זיי פאַרשטייען נאַטירלעך דעם ציל דערפון.

— אַזוי! באמת? אומגלויבלעך! — האָט בעביט לייכט אָפּגעטעמט און איז צופרידן געווען, וואָס די געשעענישן אויף דער וועלט וועלן איצט אָננעמען אַ רויקע גליקלעכע ווענדונג.

— איך בין צופרידן, וואָס כ'בין שטיין געבליבן מיט אייך, אַ פּלוידער צו טון. כ'מוז שוין לויפן אין ביוראָ אַריין באַאַרבעטן עטלעכע קליענטן, נו, אויף ווידערזען, אַלטיטשקער. מירן זיך זען אין אָוונט. אויף ווידערזען!

ב.

זיי האָבן נישקשה אַ טו געטון, אַט דידאָזיקע סאָלידע בירגער. מיט צוויי־און־צוואַנציק יאָר צוריק איז דאָס בערגל, אויף וועלכן ס'איז איינגעשפּרייט געווען די פלאָרעל-הייטס, מיט אירע ברייטע דעכער, אומבאַפלעקטן גראָז און שטויבענדיקן קאָמפּאָרט, נאָך געווען אַ ווילדעניש פון געזונטע געוויקסיקע אולמען און דעמבעס און דאָרן-בוימער. לענגאויס די אונטערגעסלעך איז נאָך ערגעץ-ווו געווען אַ שטיקל וואַלד, אָדער אַ צייכן פון אַ ווילדן גאָרטן. היינט האָבן זיי געשטראַלט. יונגע בלעטער האָבן געלויכטן אויף די עפּל-צווייגן, ווי גרינע פאַקעלן. די ערשטע ווייסע בליטן פונם קאַרשן-בליעכץ האָבן געפלאַטערט ביים טייך און די פויגעלעך האָבן געסוויסטשעט.

בעביט האָט איינגעאָטעמט דעם ריח פון דער ערד, ער האָט געלאַכט פון די היסטערישע פויגעלעך, ווי ער וואָלט געלאַכט פון קעצעלעך אָדער פון אַ קאָמישן פילם. פאַרן אויג איז עס געווען אַ הערלעכער טיפּ פון אַ ביוראָ-פּאַרוואַלטער — אַ גוט דערנערטער מאַנסביל אין אַ קאָרעקטן ברוינעם הוט און איןברילן אָן ראַמלעך, רויכערט אַ דיקן ציגאַר, פירט גוט אַן אויטאָמאָביל לענגאויס דעם אונטערשטאָטישן וועג. אָבער פונדעסטוועגן איז געווען אין אים אַ גייסט פון אמתער ליבע צו זיין היים, צו זיין

שטאָט, צו זיין געזעלשאַפט. דער ווינטער איז פאַרביי, ס'איז געקומען די צייט צו בויען, די צייט צו וואַקסן פאַרן אויג, באַרימט צו ווערן. דער אויסדרוק פון איפּרעגונג איז פאַרשוווּנדן. ער איז געווען פולשטענדיק פריילעך, בעת ער האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דער שמיד־גאַס, כדי איבערצולאָזן די ברוינע הויזן און אָנפילן דעם רעזערוואַר מיט גאַזאָלין.

די פריינטלעכקייט פון דערדאָזיקער צערעמאָניע האָט אים געמאַכט שטאַרק: דאָס בילד פון דער גרויסער רויטער אייזערנער גאַזאָלין־פּאָמפּע, דער גאַראַזש געדעקט מיט די הוילע דאַך־ציגעלעך, דאָס פענסטער באַפּוצט מיט די אָנגענעמסטע ביי־זאַכן — די שיינע ראָלעטן, בלישטשנדע קייטלען מיטן אומבאַפלעקטן פאָרצעלאַן־אומשלאַג, געפּאַסט אין גאָלד און אין זילבער. ס'האָט אים הנאה געטון די פריינטשאַפט, מיט וואָס סילוועסטער מאָן, דער ברודיקסטער אָבער דער בריטסטער מעכאַניקער פון זעניט איז צוגעלאָפן צו באַגריסן:

— גוט מאָרגן, הער בעבּיט! — זאָגט מאָן, און בעבּיט האָט זיך דערפילט גרויס, אַ מענטש וועמענס נאָמען עס געדענקט אַזאַ פאַרהאָרעווועטער גאַראַזש־אייגנטימער — נישט עפּעס דאָרטן אַ פאַרשמייעטער ספּאָרטלער. ער האָט באַוווּנדערט די טעכניק פון זייגער, וואָס האָט אויסגעקלונגען אַ קלונג נאָך אַ קלונג. ער האָט באַוווּנדערט די לאַקאָנישקייט פון אויפשריפט: „האָסט אָנגעפילט, פאָר ווייטער", „היינט קאָסט גאַז 31 סענט". ער האָט באַוווּנדערט דאָס ריטמישע קלאַפּן פון דעם גאַזאָלין, וואָס איז געפלאָסן אין רעזערוואַר אַריין און די מעכאַנישע רעגולערקייט, מיט וואָס מאָן האָט אַ דריי געטון דאָס הענטל.

— וויפל נעמען מיר היינט? — האָט מאָן אַ פרעג געטון מיט אַ טאָן, וואָס איז געווען אַ געמיש פון אַן אומאָפּהענגיקן גרויסן דעמאָקראַט, פריינטשאַפט און כבוד צו אַזאַ אָנגעזעענעם מענטשן, ווי עס איז דזשאָרזש פ. בעבּיט.

— פול.

— איר שטימט פאַרן רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט, הער בעבּיט?

— נאָך צו פרי אָנצונעמען אַ באַשלוס. ראשית, האָבן מיט נאָך אַ גוטן חודש און צוויי וואָכן — ניין, — דריי וואָכן — יאָ טאַקע דריי וואָכן — דאָס הייסט מער ווי זעקס וואָכן צום רעפּובליקאַנישן צוזאַמענפאָר, איך האַלט, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ פרייען געדאַנק און פריער זיך באַקאָנען מיט אַלע קאַנדידאַטן — באַטראַכטן זיי, איבערלייגן און דאַן פּאָרזיכטיק דעצידירן.

— ר'זענט גערעכט, הער בעביט!

— אָבער כ'וועל אייך זאָגן — מיין שטעלונג איז פּונקט אַזוי ווי מיט פיר יאָר צוריק, ווי מיט אַכט יאָר צוריק, און די זעלבע שטעלונג וועל איך האָבן אין פיר יאָר אַרום און אין אַכט יאָר אַרום. איך חזר איבער דאָס, וואָס איך זאָג אַלעמען און וואָס קיינער ביי אונז פאַרשטייט עס נאָך נישט, דער עיקר, וואָס מיר דאַרפן סיי איצטער, סיי שפּעטער און אַלעמאָל, איז אַ גוטע, געזונטע פּאַכמענישע רעגירונג.

— צום טייוול, ס'איז אמת.

— ווי געפעלט אייך מיין מאַשין?

— הערלעך! הערלעך! הלואי וואָלטן אַלע אַזוי זיך באַגאַנגען מיט די אויטאָמאָבילן ווי איר, וואָלטן מיר געהאַט ווייניקער אַרבעט אין די גאַראַזשן.

— נו, איך באַמי זיך און איך פאַרשטיי זיך אַביסל דערויף — בעביט באַצאָלט זיין חשבון און טוט, ווי זיין שטייגער אַ זאָג:

— ס'איבריקע האַלט פאַר זיך — און ער פאָרט אָפּ אין עקסטאַז פון ערלעכער זעלבסטבאַפרידיקונג. מיט אַ טאָן פון אַ גוטן סאַמאַריט טוט ער שפּעטער אַ רוף צו אַ יונגנמאַן, וואָס שטייט אָנשטענדיק אָנגעטון און וואַרט אויף אַן אויטאָבוס: — ר'ווילט אַריינקריכן? און בעת דער פאַרשוין קריכט אַריין אינם אויטאָמאָביל: — אַוודאי אין שטאָט אַריין? ווי איך זע נאָר עמעצן וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס, לאָז איך תמיד אַריינקריכן אין מיין אויטאָמאָביל — אויב, נאַטירלעך, ר'זעט נישט אויס ווי אַ מערדער.

— אַשאָד, וואָס נישט אַלע מענטשן, וואָס האָבן אויטאָמאָבילן זענען אַזוי גוט ווי איר.

— אָ, ניין, איך זע גאָרנישט דערין אַזאַ גרויסע טובה. און אַ פאַקט,

איך האַלט תמיד אַזוי — כ'האָב עס ערשט נעכטן ביינאַכט געזאָגט צו מיין זון — אַז איין מענטש דאַרף זיך טיילן מיטן אַנדערן מיטן בעסטן, וואָס ער פאַרמאָגט, און דער רוח נעמט מיך, ווען אַ מענטש בלאָזט זיך אָן, פאַררייסט דעם קאָפּ אינדערהויך, ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו טון עמיצן אַ טובה.

דער קרבן איז נישט געווען בכּוח צו געפינען אַ פּאַסיקן ענטפער. בעביט האָט געצויגן ווייטער:

— די געזעלשאַפט האָט אונז אַ טובה געטון מיט דער נייער אויטאָבוס־ליניע. ס'איז דאָך ממש אַן אומזין, אַז די פּאָרטלענד־ראָד־אויטאָבוסן זאָלן קורסירן יעדערע זיבן מינוט! אַ מענטש קאָן פאַרפרוירן ווערן, וואַרטנדיק ווינטער אין אַן עק גאַס, ווען דער ווינט בלאָזט אים גלייך אינעם פּנים!

— דערמיט זענט איר גערעכט. די גאַסן־באַן געזעלשאַפט זאָרגט אַבסאָלוט נישט צו מאַכן אונז באַקוועמלעכקייטן. מיר מוזן איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן מיט זיי אַ שטיקל אָרדנונג.

בעביט איז געוואָרן אומרויק:

— איך האַלט נישט פאַר גערעכט אָנצופאַלן אויף דער גאַסן־באַן געזעלשאַפט, נישט נעמענדיק אין אַכט די שווערע באַדינגונגען אין וועלכע ס'קומט זיי אויס צו אַרבעטן, אָט למשל פון די הערן, וואָס פאַרלאַנגען, אַז די שטאָט זאָל איבערנעמען די באַוועגונג. דער אופן, ווי אַזוי די אַרבעטער פאָדערן אַ העכערן לוין איז ממש אַ פאַרברעכן, און די לאַסט פאַלט זעלבסטפאַרשטענדלעך אויף מיר און אויף אייך, וואָס מוזן צאָלן זיבן סענט פאַר אַן אַדורכפאָר! אַ פאַקט, אַז אַלע ליניעס זענען פליסיק באַדינט — פּלאַנמעסיק.

— יאָ יאָ — זאָגט דער יונגערמאַן אומבאַהאָלפן.

— אַ הערלעכער פרימאָרגן — טוט בעביט צו אים אַ זאָג — דער פרילינג קומט אָן מיטן גאַנצן כּח.

— יאָ, ס'איז שוין באמת פרילינג:

דער קרבן איז נישט געווען אייגנאַרטיק און נישט פלינק, און בעביט איז אַריינגעפאַלן אין אַ טיף שווייגן און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פאַרווײַלנדיקער שפּיל פון איבעריאָגן זיך מיט

די טראַמווייען, מיט דעם געוועט פון טרייסלענדיקן, נערוועז־קלאַפּנדיקן, אומגעלופּערטן, געלן קאַסטן, מיט אַ בלישטשנדן אויטאָמאָביל, וואָס פאַרמאַכט זיך ערשט, ווען דער אויטאָמאָביל בלייבט שטיין. — אַ זעלטענע און העלדישע פאַרווייליונג.

דורך דער גאַנצער צייט איז ער געווען איבערגעצייגט אין דער שיינקייט פון זעניט, זינט אַ סך וואָכן, ווי ער קאָן נישט מערער, ווי די קונצן און דאָס פיינלעכע וואָרט: „צום פאַרדונגען" פון די קאָנקורענטן. הײנט האָט ער זיך געפרייט מיט אַ כסרדיקער נערוועזער האַסטיקייט, היינט האָט אים דער פרילינגס־כּשוף געמאַכט אַזוי ווייט לוסטיק, אַז ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און — דערזען.

ער האָט באַוווּנדערט יעדע גאַס אויף דעם באַקאַנטן וועג אין דער ביוראָ אַריין: די זומער־וווינונגען און די קוסטעס, און די נישט רעגלמעסיקע, קרומע גאַסן פון פלאָרעל־הייטס, די איין שטאָקיקע געוועלבן אויף דער שמידט־גאַס, אַ פאַרייניקונג פון גלעזערנע טעוועלעך מיט געלע ציגעלעך, בשמים־קרעמלעך און וועשערייען, אַפּטייקן, וואָס זענען אַנטקעגנגעקומען די באַלעבאָסטעס פון מזרח־קוואַרטאַל מיט אַלע נויטיקע באַדערפענישן. די מאַרק־פלעצער אין האָלענדישן קוואַרטאַל, פלאַקאַטן, אויף וועלכע ס'איז אויסגעמאָלט געווען פורפור־געטינס, ניין פוס די הויך, אַנאָנסן פון פילמען, פון טאַבאַק, טאַלקי, די אַלטע „שלעסער" לענגאויס דער ניינטער גאַס, וואָס זעען אויס, ווי אַלטע פראַנטן אין שמוציקע וועש, די הילצערנע פאַלאַצן איבערגעמאַכט אויף אכסניות, מיט בלאָטיקע דורכגאַנגען, פאַרראָסטעטע פאַרצוימונגען, אַרויסגעשטויסן דורך די גאַראַזשן, ביליקע האָטעלן און פרוכטן־שטעלעס — אַן אייגנטום פון די צאַרטע שלאַנקע אַטענער. פון דער אַנדערער זייט פלאַנט, — פאַבריקן, וווּ ס'ווערט אויסגעאַרבעט קאָנדענסירטע מילך, פידעלעך פון טאָוול און אויטאָמאָבילן. דאַן דער האַנדלסצענטער, אַ געדיכטעניש פון געוועלבן, באַלאָדענע לאַסט־וועגן, הויכע איינגאַנגען פון מירמל און גלאַנצענדיקן גראַניט.

דאָס איז געווען גרויס — און בעביט האָט געהאַט דירך ארץ פאַר גרויסע זאַכן. פאַר בערג, צירונג, מוסקילן, און רייכטום,

און ווערטער. אַ באַרוישטער פֿון פֿריילינג איז ער אינם דאָזיקן לירישן פֿרימאָרגן פֿון טיפֿסטן האַרצן געווען אַ אומפּאַרינטערסירטער ליבהאָבער פֿון זעניט. ער האָט געטראַכט וועגן די פֿאַבריק־פֿאָרשטעט, וועגן טייך טשעליס און זיינע קינסטלעכע אויפֿגעהויבענע ברעגן, וועגן די בערג, וואָס טונקען זיך אָפּ אין די טאַנאָונדאָ־גערטנער אויף דרום, וועגן דעמדאָזיקן לעבעדיקן לאַנד, זיינע גרויסע שפּייכלער מיט די גרויסע טשערדער בהמות. בעת ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין פּאַסאַזשיר האָט ער אויסגערופֿן:

— צו אַלדע רוחות, כ׳פֿיל זיך אויסגעצייכנט אינם היינטיקן פֿרימאָרגן!

ג׳

אָפּשטעלן דעם אויטאָ פֿאַר דער ביוראָ איז געווען פּונקט אַזוי דראַמאַטיש, עפּאָכע־מאַכנדיק, ווי אַרויספֿירן אים. זיין בעת בעביט האָט נאָך פֿאַרקערוועט פֿון אָבערליין־עוועניו אין דער דריטער גאַס, האָט ער שוין פֿאָראויס אַ קוק געטון אויף אַן אָרט צווישן דער שורה אויסגעשטעלטע אויטאָמאָבילן. אַן אויפֿגערעגטער האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן זיין אָרט, וואָס איז נאָר־וואָס פֿאַרנומען געוואָרן פֿון זיין קעגנער. פֿאַר אים קערעוועט אַריין אין דער גאַס אַן אַנדער אויטאָמאָביל, בעביט טוט זיך אַ רוק אויף עטלעכע טריט, ער גיט אַ צייכן מיט דער האַנט די אויטאָס, וואָס שמייסן זיך צונויף פֿון אונטן, שרייט אויף אַ פֿרוי, זי זאָל גיין ווייטער, מיידט אויס אַ צוזאַמענשטויס, וואָס האָט אים באַדראָט פֿון דער זייט. די פֿאָדערשטע רעדער פֿון זיין אויטאָמאָביל האָבן באַרירט דעם אונטערשטן טייל פֿון שכינותדיקן אויטאָמאָביל, בעביט איז שטיין געבליבן, האַסטיק אַ קערעווע געטון מיט די פֿאָדערשטע רעדער און אַריינגעגליטש זיך הינטנאַרום אויף אַ פֿריי שטיקל אָרט, מיט פֿאַרבליבענע אַכצן צאָל פֿרייען פּלאַץ אין דער ברייט! דאָס איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש פֿאַר אַ מאַן, ער איז אַרויס מיט אַ נצחון. מיט פֿאַרגעניגן האָט ער פֿאַרלייגט אויף די פֿאָדערשטע רעדער

דעם „באַשיצער פאַר גנבים" ער איז דורכגעגאַנגען די גאַס און איז אַריין אין זיין ביוראָ, אויפן פאַרטער פון דער ריווס־געביידע.

די ריווס־געביידע האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר פייער, ווי אַ פעלזן־שטיין, זי איז געווען געשיקט, ווי אַ שרייב־מאַשין. פערצן שטאָק פון געלע געפרעסטע ציגעלעך, מיט זויבערע, גלייכע ליניעס אָן אָרנאַמענטן. די געביידע איז פאַרנומען געווען דורך אַדוואָקאַטן־ביוראָס, דאָקטוירים־קאַבינעטן, אַגענטן פון מאַשינען, פון רעדער, פון טעלעגראַף, און פון קוילנגרובנס. זייערע גאָלדענע שילדלעך האָבן אַרויסגעלויכטן דורך די פענסטער. דער אַריינגאַנג איז געווען צו מאָדערן, כדי ער זאָל באַצירט זיין מיט זיילן. ער איז געווען רויק, ערנסט דיסקרעט. לענגאויס דער זייט פון דער דריטער גאַס האָט זיך געפונען די מערב־טעלעגראַפן־אַגענטור. אַ קאַפעע, „בלוי־געשיר", שאָטוועלס שרייב־מאַטעריאַלן־געשעפט, און די בעביט־טאָמפסאָן־געזעלשאַפט.

בעביט האָט געקאָנט אַריינגיין אין זיין ביוראָ גלייך פון דער גאַס, ווי זיינע קונדן, אָבער ער האָט זיך געפילט היימישער צו גיין דורכן קאָרידאָר פון הויז און אַרייגיין דורך דער הינטער־טיר. איבריקנס האָט ער ליב געהאַט זיך צו באַגריסן מיט די איבעריקע איינוווינער.

די קליינע צאָל אומבאַקאַנטע מענטשן, וואָס האָבן באַוווינט די ריווס־געביידע — וווינדע־ציער, דערפינדער, אינזשיניערן, אויפזעער און איינער אַ לאָמער מיט אַ פאַרדעכטיקן אויסזען, וואָס האָט אין אַ קיאָסק פאַרקויפט ציגאַרן מיט צייטונגען — האָבן בשום אופן נישט אויסגעזען ווי שטאָט־לייט. זיי זענען געווען דאָרפסלייט, וואָס האָבן געלעבט אין ענגע לעכער, אונטערעסירנדיק זיך נאָר מיט אייגענע ענינים אָדער דערמיט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין דער ריווס־געביידע. זייער הויפט גאַס איז געווען דער קאָרידאָר מיטן שטיינערנעם דיל, מירמלנעם באַלקן און די אינעווייניקסטע פענסטער פון די געוועלבן. דאָס אָנגענעמסטע אָרט אויף דער גאַס איז געווען די ראַזורע, אָבער די ראַזורע האָט בעביטן פאַרשאַפט אַ ים צרות. ער אַליין האָט באַזוכט דעם

פּאָמפּעיִשן ראַזיראַנשטאַלט אין האָטעל דאָרנלייט. און יעדעס מאָל, ווען ער איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם אַנשטאַלט פֿון ריווס — צען, הונדערט מאָל טעגלעך — האָט ער געפֿילט, ווי ער פֿאַרראַט זיין געבוירן־דאָרף.

איצטער איז ער אַריין אין דער ביוראָ באַגרוסט פֿון די דאָרפֿסלייט, ווי איינער פֿון די מאַכטהאָבער. ס'האָט גערוט אויף אים רו און חשיבות. פֿון די פֿרימאָרגנדיקע דיסאָנאַנסן איז שוין קיין שפּור נישט פֿאַרבליבן.

אינגיכן האָבן זיי זיך אָבער צוריק אָפּגערופֿן.

סטענלי גראַף, דער עלטסטער פֿאַרקויפֿער, האָט גערעדט דורכן טעלעפֿאָן מיט יענעם טראַגישן מאַנגל אין אַנטשלאָסנהייט, וואָס האָט אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג ביים דיסציפּלינירן קונדן:

— הערט אויס, הם, כ'מיין, אַז כ'וועל קאָנען אויסזוכן פֿאַר אייך עפּעס פּאַסיקס, פּעריסוואַלס־הויז אויפֿן ליינט... אָך, ר'האָט עס שוין געזען, נו, ווי געפֿעלט עס אייך... הם?... אַך, — אומדעצידירט — אָך, כ'על שוין זען.

בעת בעביט גייט אַריין אין זיין פּריוואַט־צימערל, אַ שטייג מיט אַ נידעריק־דעמבן ווענטל און שייבלעך, פֿאַרטראַכט ער זיך, ווי שווער עס איז צו געפֿינען אָנגעשטעלטע, וואָס זאָלן האָבן זיין אייזנשטאַרקן גלויבן, ווען ער גייט שליסן אַ געשעפֿט.

דאָס פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פֿון ניין מיטגלידער, חוץ בעביטן און זיין שותּף און שווער, היינריך טאָמפּסאָן, וואָס איז זעלטן־ווען געקומען און ביוראָ אַריין. די ניין זענען געווען סטענלי גראַף, דער הויפּט־פֿאַרקויפֿער, אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט ליב געהאַט צו רויכערן ציגאַרן און צו שפּילן אין ביליאַרד, דער אַלטער מאָט פּענימען, בכלל אַ נוצלעכער מענטש, אינקאַסענט און פֿאַרזיכערונג־אַגענט, אַ צעבראָכענער, אַ שווייגנדיקער, פֿאַרבלאָזער, געהיימניספֿולער אינדיווידום, וועגן וועלכן ס'האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז ער האָט אַמאָל געהאַט אַן אייגן געשעפֿט אין ברוקלין און באַנקראָטירט. טשעסטער קערבי ליליאָק, פֿאַרוואַלטער פֿון דער פּיליע אין אָריאָלטאָל — אַן ענטוזיאַסט מיט זיידענע האָר און דערצו־

אַ גרויסער מטופּל. פרײלין טערעזע מעק גאָון, אַ צאַרטע און שײנע סטענאָגראַפּיסטין. פרײלין װילבערט בעניזשען, אַ דיקע, לאַנגזאַמע, אַרבעטזאַמע בוכהאַלטערין און פיר קאָמיסיאָנערן, שטענדיק גרייט צו דער אַרבעט.

בעביט האָט אַרויסגעקוקט פון זײַן שטײג אין הויפּט-צימער אַרײַן, אַ מורמל געטון:

— מעק גאָון אַ גוטע סטענאָגראַפּיסטין, אָבער סטען גראַף און די גאַנצע באַנדע — און דער גאַנצער פרילינגס-כּישוף איז אים צערינען געװאָרן אין דעם ענגער ביוראָ-אַטמאָספער.

אָפּטמאָל באַװונדערט ער די ביוראָ, מיט אַ מין אָנגענעמע איבעראַשונג, װאָס ער האָט געקאָנט שאַפן אַזאַ גרויסאַרטיקע זאַך. ס׳האָט אים גערייצט די זויבערע פרישקייט און דער טומעל פון דער ביוראָ. אָבער הײַנט איז אים אַלץ אויסגעקומען פלאַך, דער דיל מיט די קאַפּלעס, װי אין אַ באָד-צימער, דער אָקער-געפאַרבטער מעטאַלענער באַלקן, די אָפּבלאַקירטע לאַנדקאַרטעס אויף די האַרט-געטינקעװעטע װענט; די שטולן פון העלן דעמבענעם האָלץ, דער שרײַבטיש און די פּאָליצעס געפאַרבט אויף גרין. דאָס איז געװען אַן אָפּגרונט, אַ שטאָלענער קלויסטער, װו אַ װינט און אַ שמײכל איז געװען די גרעסטע זינד.

ער האָט אַפילו נישט געפונען קיין באַפרידיקונג אין דעם נײַעם װאַסער קיל-אַפּאַראַט. דאָס איז געװען אײנער פון די בעסטע אַפּאַראַטן. מאָדערן, גוט אויסגעטראַכט, לויט אַלע װיסנשאַפטלעכע כּללים. דידאָזיקע אײַז-שאַנק האָט געקאָסט אַן אוצר געלט (דאָס אַלײן איז שוין געװען די גרעסטע מעלה), זי האָט געהאַט אַן איזאָלירטן אײַז-רעזערװואַר, פּאָרצעלאַן-כּלים אויף װאַסער (גאַראַנטירט היגיעניש), אַ גוט פאַרמאַכטן, געזונטן קראַן און פאַבריק-מעסיק געװען אָרנאַמענטירט מיט גאָלד. ער האָט אַ קוק געטון אויף דעם קאַפּלענעם דיל אין װאַסער-קיל-אַפּאַראַט און געזאָגט צו זיך אַלײן, אַז קײנער פון די אײנװױנער אין דער ריװוס-געבײַדע פאַר-מאָגט נישט אַזאַ זאַך, אָבער דער דאָזיקער באַװוסטזײַן האָט נישט געװעקט בײַ אים קײן באַזונדער געפיל פון גרויסקייט. איבעראַשט האָט ער אַ מורמל געטון:

— כ׳וואָלט עס גערן צעהאַקט אויף האָלץ. באַלד, תּיכּף. איך וואָלט בעסער דעם גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען ליידיק און אין אָוונט וואָלט איך געגאַנגען צו גאָנטש אַ שפּיל טון מיט אים אין פּאָקער, פּלוידערן וועגן אַלעמען און אויסטרונקען הונדערט און ניין טויזנט פּלעשלעך ביר.

ער האָט אָפּגעזיפצט. ער האָט דורכגעליינט די פּאָסט. ער האָט אַ געשריי געטון „פּריימעגאָ״, מיט וואָס ער האָט געמיינט „פריילין מעק גאָון״ און ער האָט אָנגעהויבן דיקטירן:

אָט דאָס איז זיין אייגענער טעקסט פון זיין ערשטן בריוו:

„אָהאַר גרייבל, שיקט עס אים אָפּ צו אים אין דער ביוראָ אַריין, פריילין מעק גאָון, אייערן פון צוואָנציקסטן האָב איך דערהאַלטן און אין מיין ענטפער בין איך אייך מודיע, גרייבל, איך האָב מורא, אַז אויב מיר וועלן זיך אָנהויבן אויף אונזער שטייגער מישב צו זיין זיך און קלערן, וועט דער אַלען־מסחר זיך אַרויסגליטשן פון אונזערע הענט, און איך האָב נעכטן אויסגעאַרבעט דאָס גאַנצע עסק, דאָס מסחר איז שוין ווי געמאַכט, איך פאַרזיכער אייך הם, הם, ניין, איר מוזט ענדערן: מיין דערפאַרונג זאָגט מיר, אַז אַלען איז אונזער. ער מיינט צו מאַכן ס׳געשעפט, כ׳האָב אויסגעפאָרשט זיין פינאַנסיעלן מצב און גאַנץ נישטקשהדיק״ דער לעצטער זאַץ קומט מיר אויס אַ ביסל שווער, פריילין מעק גאָון, איר מוזט אים צעשפּרייטן, פאַרברייטערן און נאָך עפּעס צו געבן.

„ער איז אויך איינשטימיק, חוץ די ראַטעס, צו באַצאָלן די אויסגאַבן און עס דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט זיך איינגעבן אים אויך אָנצוציען אויף אַסעקוראַציע, הכּלל, מאַכט דעם עסק, ניין, בעסער אַזוי: לאָמיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן מיט דעם געשעפט — ניין, ס׳איז גענוג, פריילין מעק גאָון, איר קאָנט ענדערן די זאַצן בעתן איבערשרייבן, — אייער איבערגעגעבנער און אַזוי ווייטער און ווייטער״.

דאָס איז דער טעקסט פון זיין בריוו, וואָס ער האָט געקריגן איבערגעשריבן דורך פריילין מעק גאָון דעמזעלבן נאָכמיטאָג:

בעביט-טאָמפסאָן   אומבאַוועגלעכקייט-קאָמפּ
היימען פאַר מענטשן
ריווס בילדינג, אָבערליין-עוועניו 3-טע גאַס
נ. ע.

אָמאַר גרייבל
איסט-קווער 576 נאָרד-אַמעריקען-בילדונג
זעניט

טייערער מיסטער גרייבל!

אייער בריוו פונם צוואָנציקסטן דערהאַלטן. איך מוז אייך זאָגן, אַז כ'האָב מורא, אויב מיר וועלן זיך נישט תּיכף דעציזירן, וועלן מיר פאַרשפּילן דאָס אַלען-מסחר. איך האָב זיך פאַרשטענדיקט וועגן דעם נאָך אייערנעכטן, און מיר דאַרפן זען צו מאַכן אַ סוף. אַלע מיינע דערפאַרונגען זאָגן מיר, אַז ער מיינט צו מאַכן דאָס געשעפט. איך האָב אויך אַ קוק געטון, ווי אַזוי עס זעט אויס זיין פינאַנס-יעלער מצב, און ער איז גאַנץ גוט".

„ער איז אַפילו גרייט אויסצוטראָגן די הוצאות, מיט וואָס דער פאַרקויף איז פאַרבונדן און עס וועט אַפילו נישט זיין שווער אַרויסצוקריגן פון אים אַן אַפּצאָל אויף אַ קליינע אַסעקוראַציע.

אַ שאָד די צייט!
אייער איבערגעגעבענער

בעת בעביט האָט אים איבערגעלייענט און אונטערגעחתמעט, מיט זיין פלינק סוחריש הענטל, האָט ער זיך פאַרטראַכט:

— אָט דאָס איז אַ גוטער, שטאַרקער בריוו, דייטלעך, ווי די קלאַנגען פון אַ גלאָק. און איצטער, וואָס איז דאָס, כ'האָב דאָך קיינמאָל נישט געהייסן דער פריילין מעק גאָון מאַכן דריי אַפּזאַצן! זי פרוווט גאָר אויסבעסערן מיין דיקטירן! אָבער איינס קאָן איך נישט פאַרשטיין: פאַרוואָס קאָן נישט סטען גראַף אָדער טשעט לילאָק אָנשרייבן אַזאַ בריוו, ווי דער איז? קורץ און שאַרף!

די גאָר וויכטיקסטע זאַך, וואָס ער האָט דיקטירט אינם דאָזיקן פרימאָרגן, איז געווען אַ רעקלאַמע אין דער פאָרם פון

אַ בריוו, וואָס האָט באַדאַרפט ליטאָגראַפירט און פאַנאַנדערגעשיקט ווערן אין טויזנטער פּראָספּעקטן. דאָס איז געווען אַ פלייסיקע אימיטאַציע פון די בעסטע ליטעראַרישע מוסטערן ביי היינט צו טאָג, אַ רעקלאַמע-שמועס פון האַרץ צו האַרץ, בריוו וואָס האָבן „געריצט די נשמה“, אַן אָפּהאַנדלונג אויף דער „טעמע פון דער מאַכט פון ווילן“, מיט וואָס ס'האָט אונז אַזוי ברייט-האַרציק באַשאָנקען די נייע שול פון די ביזנעס-פּאָעטן. ער האָט מיט שווערע מי אויפגעשריבן דעם ערשטן פלאַן און איצטער אים פאָרגעלייענט, ווי אַ צעשטרייטער און צאַרטער פּאָעט:

„הערט אויס, מיין ליבער!

„כ'וואָלט געוואָלט וויסן, אויב איך וואָלט דיר געקאָנט מיט עפּעס דינען. ערלעך! נישט צו באַשווינדלען! איך ווייס, אַז דו ווילסט קויפן אַ הויז, נישט גלאַט אַזוי אַ מקום, אַז זאָלסט האָבן ווו אָוועקצוהענגען דיין אַלטן הוט, נאָר אַ לייטיש ווינקל פאַר דיין ווייב און קינדערלעך — און מעגלעך מיט אַ גערטנדל פאַר — (שרייבט אויף דייטלעך דאָס וואָרט פ אַ ר, פריילין מעק גאָון) — דער טיר. זיי זיך מודה, צי איז דיר שוין אַמאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז מיר עקזיסטירן נאָר מחמת דעם, כדי דיר צו פאַר-שפּאָרן קאָפּ-דרייעניש? מיר נעמען נישט באַצאָלט פאַר אונזערע שיינע אויגן, איצט הער זיך איין“:

„זעץ זיך אַוועק ביי דיין מאַכאָן-שרייב-טישל און שרייב אונז צו, וואָס דו פאַרלאַנגסט, און אויב מיר'ן עס קאָנען פאַר דיר געפינען, וועלן מיר עס דיר גליקלעך מודיע זיין, און אויב מיר וועלן נישט קאָנען געפינען, וועלן מיר דיר נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ. כדי נישט צו פאַרלירן קיין צייט, פיל אויס דעם בייגעלייגטן בלאַנקעט. אויפן פאַרלאַנג שיקן מיר אַרויס אַ רשימה פון אונזערע אָביעקטן: אויף פלאָרעל-הייטס, סילוועער-גראָוו, ליינטאָן, בילווו, און אַלע אַנדערע רעזידענץ-קוואַרטאַלן“.

„שטענדיק גרייט צו אייער דינסט“!

„פּ. ס. אָט ליגן מיר ביי אַ מוסטער פון אייניקע אַנטיקלעך, וואָס מיר קאָנען אייך שוין וויזן, אמתע מציאות, וואָס שטייען גרייט צום קויפן“.

„סילווער גראַוו — אַ רייצנדיקע קאַליפאָרנישער ווילע פון פיר צימערן, אַ גאַראַזש און פּאַנאַנדערגעוואַקסענע בליענדיקע ביימער, געזונטע לופט, ביים וועג, דריי טויזנט זיבנהונדערט דאָלאַר, זיבנהונדערט און אַכציק מזומן ס׳איבריקע אויף אַן אָפּמאַך, בעפּיט-טאָמפּסאָנישע באַדינגונגען, ביליגער, ווי צינזן.״

„דאָרטשעסטער. — אַ זעלטן געלעגנהייט! אַן אַרטיסטיש הויז פאַר צוויי פאַמיליעס, אויסגעלייגט מיט דעמבענע האָלץ, טיר און פענסטער, גאַז-באַלויכטונג, אַ באַהייצטער גאַראַזש אויף יעדן וועטער, אַ מציאה פאַר עלף טויזנט צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר״.

אַז בעפּיט האָט פאַרענדיקט דאָס דיקטירן, ביי וואָס מ׳האָט געדאַרפט זיצן און פאַרטראַכטן זיך, שטאָט צו גיין, באַוועגן זיך און בכלל עפּעס צו טון, האָט ער זיך פאַרזונקען אין זיין באַקוועמען קאַבינעט-פאָטעל און געקוקט אויף פריילין מעק גאָון. ער האָט געזען פאַר זיך אַ יונג מיידל מיט שוואַרצע געקרויזטע האָר, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אירע בלייכע באַקן. בעפּיטן האָט אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג, וואָס איז געבונדן געווען מיט זיין געפיל פון איינזאַמקייט. פריילין מעק גאָון האָט געקלאַפּט אָן טיש מיטן שאַרפן שפּיציקן בלייפעדערל, ער האָט זי כמעט פאַרגליכן מיטן שיינעם מיידל פון זיינע חלומות. ער האָט געחלומט, אַז אָט באַלד וועלן זיך טרעפן זייערע אויגן אין אַ פלוצלינגער און איבערגעשראָקענער נאָענטקייט, אַז זיינע ליפּן וועלן מיט פחד און יראת הכבוד באַרירן אירע ליפּן און — זי האָט אַ פּישטשע געטון:״

— גאָרנישט מער, הער בעפּיט?

ער האָט אַ מורמל געטון:״

— ס׳איז גענוג מיטן ווינט, כ׳מיין — און ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

דאָס איז געווען דער פאַרבאָרגנסטער געדאַנק פון אַלע זיינע לייכטזיניקע געדאַנקען. ער פלעגט אָפּטמאָל איבערחזרן:

— זאָלסט קיינמאָל נישט פאַרגעסן די ווערטער, וואָס דער אַלטער דזשעק אָפּוט האָט געזאָגט:

— אַ קלוגער פויגל וועט קיינמאָל זיך נישט דערנענטערן צו מיידלעך אין זיין אייגענער ביורא אָדער אין זיין אייגענער שטוב. דאָס וועט דיר נאָר ברענגען צרות, זיכער אַזוי. אָבער —

אין משך פון דרייאונצוואָנציק יאָר פאַרהייראַטעט לעבן, האָט ער געציטערט ביים דערזען אַ נאַקעטן אַקסל, אַ צאַרט הענטל. אין געדאַנק האָט ער זיי אַפילו געצערטלט. אָבער ער האָט ביי קיין שום צופאַל נישט איינגעשטעלט זיין צניעות. איצטער, ווען ער האָט פאַרענדיקט דאָס רעקלאַמירן די הייזער, איז ער ווידער געוואָרן אומרויק, ער האָט דערפילט אַ מאָדנע אומצופרידנקייט פון גאָרנישט און פון אַלעמען, אַ בושה צוליב זיין אומצופרידנקייט, און אַ בענקשאַפט צו זיין חלום-מיידל.

קאַפּיטל IV

א.

ס'איז געווען אַ פֿרימאָרגן פֿון קינסטלערישע איבערלעבונגען. פּונקטן מינוט נאָך דעם ווי בעביט האָט פֿאַרענדיקט זיין פֿאַרביקע לייכטענדיקע פּראָזע פֿון זיין רעקלאַמע-בריוו, איז טשעסטער קיירבי לילאָק, דער הויפּט-פֿאַרקויפֿער אין גלען אָריאָל, אַריינגעקומען אָפּגעבן אַ באַריכט פֿון אַ קניה און פֿאָרלייגן אַ נייעם רעקלאַמע-פּראָיעקט. בעביט האָט נישט געהאַלטן פֿון לילאָקן, וואָס האָט געזונגען אין אַ כאָר און אין שטוב זיך פֿריילעך געמאַכט איבער צעבראָכענע הערצער און אַלטע מיידן. ער האָט געהאַט אַ טענאָר-שטימע, געקרויזלטע קאַשטאַן-האָר, און וואָנסעס, ווי אַ בערשטל פֿון קעמל-האָר. בעביט האָט געהאַלטן, אַז מען מעג אַמאָל אַ ברוגז טון, למשל: איר האָט שוין געזען דאָס נייע בילד פֿון קינד — אַ קליינער לאָבוס, אַ? אָבער לילאָק האָט זיך דאָסמאָל געפֿילט היימיש, ווי אַ מיידל.

— הערט אויס, הער בעביט. דאַכט זיך מיר, אַז כ'האָב אַן אויסגעצייכנטן אַנאָנס פֿאַר דעם גלען-עקספּאָרט. הלמאַי זאָלן מיר נישט עפּעס אַ פּרוּוו טון מיט פּאָעזיע? באמונות ס'וואָלט געווען אַ וווּנדערבאַרער אויפֿטו. הערט אויס:

„צו פֿראַגמענטאַריש איז ס'לעבן אויף דרערד.
דו וואָלסט זיך צו באַביט עט קאָמפּ. געקערט.
זיי וויסן דאָס צוזאַמענצופּאָרן
אויף אַ פּשוטן סיסטעם בויען זיי אויס —
ווילסטו מיט דיין פֿרוי אָפּלעבן די יאָרן —
טאָ קויף ביי דער פֿירמע אַ פֿאַמיליען הויז".

—נישט אמת? דאָס נעמט — האַ? פּונקט ווי „היים זיסע היים”. איר פאַרשטייט. — —

— יאָ יאָ, יאָ צום טייוול, יאָ, נאַטירלעך פאַרשטיי איך דאָס, אָבער — אָך, איך מיין, אַז מיר דאַרפן זיך בעסער באַנוצן מיט עפּעס העכערס און שטאַרקערס, ווי למשל, „מיר זענען די ערשטע, אַנדערע פאָלגן נאָך”, אָדער „עווענטועל, פאַרוואָס נישט איצטער”? נאַטירלעך האַלט איך פון באַנוצן זיך מיט פּאָעזיע און הומאָר און די אַלע שטיקלעך, וואָס פאַרדרייען דעם קאָפּ, אָבער מיט אַזאַ קולטווּוירטן קוואַרטאַל, ווי דער גלען דאַרף מען זיין אַביסל ערנסטער. ר׳פאַרשטייט וואָס איך מיין? נו, דאַכט זיך מיר, אַז דאָס וועט שוין זיין אַלץ אויפן היינטיקן פרימאָרגן. טשעט.

ב.

עס איז די טראַגעדיע וואָס קומט פאָר אין קינסטלערישן לעבן, וואָס דער אַפּריל-ענטוזיאַזם פון טשעט לילאָק האָט נאָר געדינט אויפצורייצן דעם טאַלאַנט פון אַן עלטערן בעל-מלאכה, פון דזשאָרדזש פ. בעביט. ער האָט אַ מורמל געטון צו סטענלי גראַף.

— טשעטס כריפּנדיקע שטימע שפּילט מיר פּשוט אויף מיינע נערוון” — דאָך איז ער געווען אָנגערעגט און אין איין קלאַפּ האָט ער געטון אַ שרייב אויף:

צי שעצט איר און האַלט איר טייער אייערע ליבסטע?

וועז די לעצטע טרויעריקע צערמאָניעס פון מקבר
זיין האָבן זיך שוין פאַרענדיקט, מיינסטו שוין טאַקע,
אַז דו האָסט געטון אַלץ פאַר דעם פאַרשטאָרבענעם?
אַבי דו האָסט אים קובר געווען אויפן הערלעכן בית-
הקברות

לינדען ליין

דאָס איינציקע מאָדערנסטע בית הקברות פון גאַנץ זעניט, ווו פּרעכטיקע אָפּגעזונדערטע פּלעצער קוקן אַרויס אויף די מיט מאַרגערעטקעס באַוואַקסענע

בערג-שיפוצים קעגנאיבער די שמייכלענדיקע פעלדער
פון דאָרטשעסטער.
דער איינציקער פאָרשטייער
איז די בעביט-טאָמפסאָן אומבאַוועגלעכקייט-געזעלשאַפט
ריווס בילדינג.

ער האָט זיך דערפרייט:

— איך וועל ווייזן טשען מאָט מיט זיין אַלטן באַוואַקסענעם בית-הקברות ווילדוואָד, ווי אַזוי מ'פירט אַ מאָדערן מסחר!

ג.

ער האָט אַוועקגעשיקט מאָט פענימען אין אַרכיוו אַריין, ער זאָל אַרויסקריגן די נעמען פון די באַלעבאַטים, וועמענס הייזער ס'זענען געשטעלט געוואָרן צו פאַרקויפן דורך אַנדערע מעקלער, ער האָט געשמועסט מיט אַ פאַרשוין, וואָס האָט געוואָלט איבערנעמען אין אַרענדע אַן איינשטאָקידיקע געביידע אויף אַ שפּיל-הויז. ער האָט דורכגעקוקט די רשימה פון הייזער, וווּ די אַרענדע האָט זיך שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן. ער האָט געשיקט טאָמאַס בייוואַטער, דעם טראַמוויי-קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אין די פרייע שעהן זיך פאַרנומען מיט מעקלעריי, אַז ער זאָל אַ קוק טון אויף די „פּראָספּעקטן" אין די זייטיקע געסלעך, וואָס זענען נישט ווערט געווען די סטראַטעגישע חכמה פון סטענליי גראַף. אָבער ער האָט איבערגעלעבט זיין לייכטגלויביקער אָנרעגונג צו שאַפן, און די טאָג-טעגלעכע ענינים זענען אים געוואָרן דערעסן. ער האָט געהאַט אַ מאָמענט פון העלדישקייט, בעת ער האָט אַנטדעקט אַ נייַ מיטל אָפּצוהאַלטן זיך פון רויכערן.

ער האָט אויפגעהערט רויכערן לפחות איינמאָל אין חודש. די פראַגע וועגן רויכערן האָט ער דערליידיקט, ווי ס'האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ סאָלידן בירגער, ווי ער איז: ער האָט געזען די שעדלעכקייט פון טאַבאַק, געמאַכט דרייסטע באַשלוסן, פּלענער, ווי אַזוי צו באַהערשן די דאָזיקע געוווינשאַפט, ער האָט זיך אויפגערעגט אויף דער צוגענגלעכקייט פון ציגאַרן, און דעם

פאַרגעניגן פון דערדאָזיקער צניעות האָט ער מודיע געווען יעדן איינעם, וואָס ער האָט באַגעגנט, אינדערעמתן האָט ער געטון אַלץ, אויסער אָפּצוהאַלטען זיך פון רויכערן.

מיט צוויי חדשים צוריק, האָט ער זיך אויסלײנירט אַ צעטעלע, פאַרצייכנט דערויף די שעהן און די מינוטן פון יעדן פאַררויכערן, מיט עקסטאַז האָט ער פאַרלענגערט די איבעררייסן צווישן איינמאָל און דעם אַנדערן מאָל רויכערן, ער האָט אַליין געבראַכט דערצו, אַז ער האָט נישט אויסגערויכערט מער, ווי דריי ציגאַרן אַ טאָג. דאַן האָט ער ערגעץ ווו פערלוירן זיין צעטעלע.

מיט אַ וואָך צוריק האָט ער אויסגעטראַכט אַ נייעס סיסטעם. ער האָט באַהאַלטן ס׳קעסטעלע ציגאַרן און ס׳פּידעלע פּאַפּיראָסן אין אַ שטענדיק פאַרמאַכטער שופלאָד פון פאַרעלטערטער קאָרעספּאָנדענץ אין דער אַלגעמיינער ביוראָ: — „כ׳וועל זיך דאָך זיכער שעמען כסדר אַריינצוגיין אין צימער אַריין און מאַכן זיך לעכערלעך אין די אויגן פון די „אָנגעשטעלטע״ — האָט ער פילאָזאָפירט. סוף דריטן טאָג האָט ער זיך געטון אַ ריס אָפּ פון שרייב־טיש, געטון אַ גיי צו צום שופלאָד, אַרויסגענומען אַ ציגאַר און פאַררויכערט, אַליין נישט ווּיסנדיק, וואָס ער טוט.

היינט אינדערפרי איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז דאָס שופלאָד מאַכט זיך צו לייכט אויף. ער וועט עס פאַרשליסן און אַן עק. באַגייסטערט פון זיין איינפאַל, האָט ער זיך געטון אַ שטעל אויף און פאַרשלאָסן די ציגאַרן, די פּאַפּיראָסן און אַפילו דאָס שאַכטעלע שוועבעלעך, און דעם שליסל פון שופלאָד האָט ער באַהאַלטן אין שרייב־טיש. אָבער אָט די פאַרצערנדיקע ליידנשאַפט פון אָט דערדאָזיקער „שטאַרקייט״ האָט אים געמאַכט אַזוי הונגעריק צו רויכערן, אַז ער האָט תיכּף אַרויסגענומען דאָס שליסעלע, מיט פאַרבאָטענער חשיבות געטון אַ גיי צו צום שופלאָד, אַרויסגענומען אַ ציגאַר און אַ שוועבעלע — „אָבער נאָר איין שוועבעלע, אויב דער ציגאַר וועט אויסגיין, גאָט מיינער, לייג איך אים באַלד צוריק אַוועק!״ שפּעטער, ווען דער ציגאַר איז טאַקע אויסגעגאַנגען, האָט ער אַרויסגענומען נאָך אַ שוועבעלע

פון שופלאָד, און ווען אַ קויפער און אַ פּאַרקויפער זענען געקומען צו אים קאָנפערירן עלף אַ זייגער מיט דרייסיק מינוט, האָט ער נאַטירלעך זיי געמוזט מכבד זיין מיט ציגאַרן. זיין געוויסן האָט זיך געוואַקלט — זאָל איך רויכערן מיט זיי, אָבער ער האָט זיך אַ בייזער געטון אויף זיך אַליין: — אָך, שטילער! איצטער בין איך פאַרנומען — נאַטירלעך שטופנווייז. אָבער דאָס שטופנווייז איז קיינמאָל נישט געקומען, נאָר דער גלויבן, אַז ער האָט באַהערשט דידאָזיקע שעדלעכע געוווינהייט, האָט אים געמאַכט איידל און גליקלעך. בעת ער האָט טעלעפאָנירט צו פּאָול ריסלינג, איז ער, אין זיין מאָראַלישן גלאַנץ, געווען אומגעוויינלעך אייטער.

פּאָול ריסלינגען האָט ער געהאַט ליב מער, ווי אַלץ אויף דער וועלט, סיידן זיך אַליין און זיין טאָכטער טינקאַ. זיי האָבן זיך ביידע נאָך געחברט אין שול, אין שטוב, און אויפן אוניווערזיטעט, אָבער בעביט האָט תּמיד געטראַכט וועגן פּאָול ריסלינג, דעם אָפּגעברענטן, דאַרן, מיט די גלייך־פּאַנאַנדער־געטיילטע האָר און ברילן, דעם וואָס פאַרהאַקט זיך ביים רעדן, וואָס האָט ליב געהאַט מוזיק, ווי וועגן אַ יונגערן ברודער, אויף וועמען מען דאַרף אַכטונג געבן און קאַליע מאַכן. פּאָול האָט איבער־גענומען די געשעפטן נאָכן פאָטער, ער איז געווען הויפּט־פּאַר־קויפער און פאַבריקאַנט פון אַ קליין פאַבריקל, וואָס האָט אויס־געאַרבעט דאַך־פּאַפּע. בעביט האָט פעסט געגלויבט און דאָס דאָזיקע באַקאַנט געמאַכט אויף דער וועלט, אַז ווען פּאָול וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געקאָנט ווערן אַ באַרימטער פידלער, מאָלער אָדער דיכטער:

— איך זאָג אייך, אַז די בריוו, וואָס דער יונג האָט מיר געשיקט פון קאַנאַדע, בעת ער האָט דאָרטן געווײלט אויף אַן אויספלוג, זענען געווען אַזוי הערלעך געשריבן, אַז איר האָט געקאָגט זען יעדעס אָרט, ווי איר אַליין זאָלט דאָרטן געשטאַנען. גלויבט מיר, אַז נישט איין באַרימטן דיכטער וואָלט ער געקאָנט אויסלערנען, ווי אַזוי צו פאַרדינען געלט!

אָבער דורכן טעלעפאָן האָבן זיי גערעדט אַזוי:

— צפון 343. ניין, ניין, ניין! איך האָב געזאָגט צפון־

צפון 343. זאָגט נאָר, הער טעלעפאָניסט, וואָס איז מיט אייך געשען? איר קאָנט מיר נישט געבן צפון 343? פאַרוואָס איז נישטאָ קיין ענטפער? יאָ, האַללאָ, 343? כ׳וויל רעדן מיטן הער ריסלינג, הער בעביט רעדט... האַלאָ, פאָול?

— יאָ.

— דאָ רעדט דזשאָרזש.

— יאָ.

— וואָס מאַכסטו אַלטער זאָק?

— אַזוי, מיטלמעסיק. און דו וואָס מאַכסט?

— אויסגעצייכנט, פאָוליבוס. נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס?

— נישט ווערט די רייד.

— וואָס רעכנסטו היינט צו טון?

— אַזוי. כ׳קריך אַרום. וואָס הערט זיך, דזשאָרזש?

— טאָמער וואָלטן מיר ביידע אַריינגעכאַפּט אַ פרישטיק?

— אדרבה, איך באַשטיי. אין קלוב?

— הם. לאָמיר זיך טרעפן דאָרטן, צוועלף דרייסיק.

— אויסגעצייכנט. צוועלף דרייסיק. אויף ווידערזען, דזשאָרזש.

ד.

זיינע פרימאָרגנס האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט אַ פאַנאַנדערטיילונג פון אַרבעט. די קאָרעספּאָנדענץ און דאָס שרייבן די אַנאָנסן זענען אויסגעמישט געוועזן מיט טויזנטער נערוון-אויפרייצנדיקע דעטיילן: באַזוכן פון באַאַמטע, וואָס האָבן תמיד געזוכט וווינונגען פון פינף צימער מיט אַ באָד פאַר זעכציק דאָלאַר אַ חודש. עצות פאַר מאָט פּענימען, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן געלט פון די אַרענדאַטאָרן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט.

בעביטס מעלות אַלס מעקלער פון אומבאַוועגלעכקייטן — ער האָט געדינט דער געזעלשאַפט מיט אויסזוכן היימען פאַר פאַמיליעס און געוועלבן פאַר שפּייז-קרעמער — זענען געווען

ערלעכקייט און אַרבעטזאַמקייט. ער איז געווען קאָנווענציאָנעל־ערלעך, געהאַט אַ גענויע אויפֿזיכט איבער די קויפֿער און פֿאַרקויפֿער. ער האָט געהאַט דערפֿאַרונג בנוגע די אַרענדע און טיטולן און ער האָט אויסגעצייכנט געדענקט די פּרייזן. זיינע אַקסל זענען געווען גענוג ברייט, זיין קול גענוג טיף, געהאַט אַ געזונטן חוש פֿאַר הומאָר, אַז מ׳זאָל אים קאָנען אַריינרעכענען צו דער הערשנדיקער קאַסטע „גוטע יונגען". דידאָזיקע עווענטועלע וויכטיקע מעלות זענען טיילווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך זיין אומוויסנהייט אויפֿן געביט פֿון אַרכיטעקטור, (סיידן הייזער, וואָס זענען געבויט געוואָרן אויף שפּעקולאַציע־צוועקן) דער מאַנגל אין ידיעות וועגן גערטנערייַ, אַחוץ קרומע סטעזשקעס, גראָז, און אַ זעקס געוויינלעכע קוסטעס, און אויך די פּשוטע גרונט־ידיעות וועגן עקאָנאָמיע. ער האָט ערנסט געגלויבט, אַז די איינציקע אויפֿגאַבע פֿונם מסחר מיט מעקלען אומבאַוועגלעכקייטן איז, אַז עס זאָל פֿאַר דזשאָרזש פֿ. בעביט מאַכן געלט. אינדעראמתן איז עס געווען אַ גוטע רעקלאַמע, בעת אַ פֿרישטיק אינם באָסטער־קלוב אָדער אויף די פֿאַרשידענע יערלעכע באַנקעטן, צו וועלכע די חברה „גוטע ברודער" זענען איינגעלאַדן געוואָרן, צו רעדן מיט אַ קלינגנדיק קול פֿון אומאייגננוציקע דינסטן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, צו רעדן וועגן די פֿליכטן פֿון אַ מעקלער, צו געווינען צוטרוי פֿון זיינע קונדן, און וועגן עפּעס אַ זאַך, וואָס רופֿט זיך עטיק, וואָס פֿון דער נאַטור איז עס געווען פֿאַרנעפּלט, אָבער אויב דו האָסט עס פֿאַרמאָגט, ביסטו געווען אַ מעקלער פֿון דער העכערער מדרגה, אויב נישט, ביסטו נאָר געווען אַ צוטשעפּעניש, אַ לא יצלח, אַ פֿליג ביינאַכט. דידאָזיקע מעלות האָבן געוועקט צוטרוי און זיי האָבן געהאָלפֿן צו בעסערע מסחרים. זיי האָבן לחלוטין נישט פֿאַרלאַנגט פֿון דיר, אַז דו זאָלסט נישט זיין פּראַקטיש אָדער אָפּזאָגן זיך פֿון נעמען אַ טאָפּלטן פּרייז פֿאַר אַ הויז, ווען דער קויפֿער איז געווען אַ אידיאָט און זיך נישט געדינגען מיטן פּרייז.

בעביט האָט גערעדט גוט — און גערן — ביי יענע אָרגיעס פֿון דער געשעפֿטלעכער גערעכטיקייט בנוגע „די אויפֿגאַבן פֿון

אַ מעקלער” אַלס פּאָרוויסזיער פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, אַלס נביאישער אינזשיניר, וואָס גלייכט אויס וועגן פאַר אומפאַרמיידלעכע ענדערונגען — דאָס הייסט, אַז אַן אמתער מעקלער פון אומבאַוועגלעכקייטן קאָן נאָר דאַן מאַכן געלד, אויב ער איז ויך משער, אין וועלכער ריכטונג די שטאָט וועט זיך פאַנאַנדערוואַקסן. דידאָזיקע השערה האָט ער אָנגערופן וויזיע.

בעת זיינס אַ רעדע אינם בוסטער-קלוב האָט ער דערקלערט:

— דאָס איז איינס פון די פליכטן און פּריווילעגיעס פון אַ מעקלער צו וויסן אַלץ, וואָס געפינט זיך אין שטאָט און אין איר אומגעגנט. פונקט ווי דער כירורג איז באַקאַנט אין יעדערן אָדערל און אין יעדערן קעמערל פונם מענטשלעכן גוף, און דער אינזשיניר איבער די עלעקטריע אין אַלע אירע פאַזן, אָדער אין יעדער וייל פון דער בריק, וואָס ליגט מאַיעסטעטיש אויסגעשפּרייט איבערן רייזידיקן וואַסער, אַזוי מוז דער מעקלער קאָנען זיין שטאָט אַ צאָל ביי אַ צאָל, אַלע אירע פעלערן און מעלות.

הגם ער האָט געוווסט די מאַרק-פּרייזן פון יעדער צאָל ערד אין די באַשטימטע קוואַרטאַלן פון זעניט, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, צי ס'איז דאָ צו פיל אָדער צו ווייניק פּאָליציי, און צי זי העלפט מיט אָדער באַקעמפט די גנבות און די פּראָסטיטוציע. ער האָט געקאָנט אַ סך פייער-פאַרזיכערטע געביידעס און ער האָט געוווסט, אויף וויפל זיי זענען פאַרזיכערט, און נישט געוווסט בשעת מעשה וויפל פייערלעשער ס'זענען דאָ אין שטאָט, ווי אַזוי זיי זענען אויסגעאיבט, ווי אַזוי זיי ווערן באַלוינט און אין וואָס פאַראַ צושטאַנד עס געפינען זיך זייערע מכשירים. ער האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם נוצן פון דער שכנהשאַפט פון דער שול-געביידע מיט די סטודענטן-היימען, אָבער ער האָט נישט געוווסט — ער האָט נישט געוווסט, אַז ס'איז ווערט צו וויסן, — צי אין די שטאָטישע שול-צימערן איז גענוג וואַרעם, ליכטיק, לופטיק. ער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן דעם צוזאַמענשטעל פון די לערער, הגם ער פלעגט שרייען: —

„דאָס איז דער גרעסטער שטאָלץ פון אונזער זעניט, וואָס די

לערער ווערן גוט באַלוינט!" דאָס איז שוין געווען דערפאַר, ווייל ער האָט געלייענט דעם „אַדוואָקאַט-טיימס". ער אַליין האָט נישט געקאָנט זאָגן, וויפל עס קריגט אַ לערער אין זעניט און וויפל אין אַן אַנדערע שטאָט.

ער האָט געהערט, ווי מ'האָט דערציילט, אַז די „לאַגע" אין אַרעסט און אין דער זעניטער שטאָטישער תפיסה איז נישט זייער „פויגלדיק". אַן אויפגערעגטער אויף דעם מאַנגל פון קריטיק ביי די איינוווינער פון זעניט, האָט ער דורכגעלייענט דאָס אַרטיקל, אין וועלכן דער באַרימטער פעסעמיסט, סענעקע דואַן, דער ראַדיקאַלער אַדוואָקאַט, איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער דערציונגס-מעטאָד פון פאַרשפאַרן יונגע יונגלעך און מיידלעך מיט אַ חברה סיפליטיקער, שכורים, וואָס קרענקן אויף דעליריום טרעמענס. ער האָט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנהייט מיט דעמדאָזיקן אַרטיקל דורך אַ ברום:

— מענטשן, וואָס רעדן זיך איין, אַז די תפיסה דאַרף זיין, ווי דער הערלעכער האָטעל דאָרנלייט, מאַכן מיך ממש קראַנק. וויבאַלד זיי געפעלט נישט די תפיסה, טאָ זאָלן זיי זיך אויפפירן אַזוי, נישט אָנצוקומען אַהין. איבעריקנס, דידאָזיקע קרענקלעכע רעפאָרמאַטאָרן טרייבן תמיד איבער. — אָט דאָס איז דער אָנהויב און גלייכצייטיק דער לעצטער סוף פון זיינע אָנשויונגען, אויסצופאָרשן די לאַגע און די אויסבעסערונגס איג-סטיטוציעס פון זעניט. וואָס שייך די שאַנד-הייזער האָט ער זיך קלאָר און אָפן אַרויסגעזאָגט: — דאָס זענען זאַכן, מיט וועלכע אַ לייטישער מענטש פאַרנעמט זיך נישט. איבעריקנס, כ'וועל אייך זאָגן בסוד, דאָס איז אַ ישועה פאַר אונזערע טעכטער, אַז אַן אָנשטענדיקער מענטש האָט אַ שטיקל מקום ווו צו פאַרברענגען. זיי לאָזן כאָטש אָפּ אונזערע אייגענע פרויען.

וואָס שייך דער אינדוסטרי, האָט בעביט געהאַט אַן אויס-געאַרבעטע מיינונג, און זיין מיינונג האָט געקאָנט פאָרמולירט ווערן אויף אַזאַ אופן:

— אַ גוטער אַרבעטער-פאַריין האָט זיך זיינע מעלות, ווייל ער שטייט אין וועג די ראַדיקאַלע פאַריינען, וואָס ווילן אַראָפּ-

שאַרפֿן דאָס פּריוואַט-אייגנטום. אָבער מ׳קאָן קיינעם נישט צווינגען, אַז ער זאָל אָנגעהערן צו אַ פֿאַריין. אַלע פֿאַריין-אַגיטאַטאָרן, וואָס צווינגען די אַרבעטער אָנצוגעהערן צו אַ פֿאַריין, דאַרף מען אויפהענגען. אינדעראמתן, צווישן זיך גערעדט, דאַרף מען פֿאַרווערן די אַלע פֿאַריינען, און דער בעסטער אופֿן פֿון באַקעמפֿן די פֿאַריינען האַלט איך איז, אַז יעדערער ביזנעס-מענטש דאַרף אָנגעהערן צום אָנגעשטעלטן-פֿאַרבאַנד און צו דער האַנדלס-קאַמער. דער פֿאַריין איז שטאַרק, אויב עמעצער וויל זיך נישט אָנשליסן אין דער האַנדלס-קאַמער, דאַרף מען אים צווינגען דערצו.

אָבער אין קיין שום זאַך האָט בעביט, — ער, וואָס לויט זיינע עצות האָט מען זיך איבערגעטראָגן אין אַנדערע קוואַרטאַלן, כּדי אָפּצולעבן דאָרטן די יאָרן — נישט באַוויזן צו זיין מער אומבאַוווסט, ווי אין די ענינים וועגן געזונטהייט. ער האָט נישט געוווסט דעם חילוק פֿון אַ קאָמאַר, וואָס פֿאַרשפּרייט מאַלאַריע, ביז אַ פֿלעדערמויז. ער האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן אַן אונטערזוכונג אויף וואַסער צו טרינקען. און וואָס שייך קאַנאַליזאַציע איז ער געווען פּונקט אַזוי אומבאַוווסט, ווי רעדעוודיק. ער האָט תּמיד גערימט די באָד-צימערן אין די הייזער, וואָס ער האָט פֿאַרקויפֿט. ער האָט תּמיד איוסגעטייטש, פֿאַרוואָס אַן אייראָפּעער באָדט זיך נישט קיינמאָל. ווען ער איז אַלט געווען צווייאונצוואָנציק יאָר, האָט אים עמעצער געזאָגט, אַז די מיסט-קאַסטנס זענען אומגעזונט, פֿאַראַכטעט ער זיי נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג. אויב אַ קליענט האָט אים פֿאָרגעלייגט צו פֿאַרקויפֿן אַ הויז מיט אַ מיסט-קאַסטן, האָט בעביט מיט אים פֿריִער לאַנג גערעדט — איידער ער האָט אַקצעפּטירט די קניה און נעקויפּט דאָס הויז.

ווען ער האָט געגרינדעט די אָפּטיילונג אויף גלען אָריאָל, ווען ער האָט פֿאַרוואַנדלט די לאַנדשאַפֿט און די לאָנקעס אין אַ זון-פֿאַרברענטן פּלאַץ אָן וואַלד און אָן בלומען, וואָס ער האָט פֿאַרזען מיט שילדלעך, מיט נעמען פֿון אויסגעטראַכטע גאַסן, האָט ער תּיכּף באַאַרבעט אַ פּלאַן אויף קאַנאַליזאַציע. דאָס האָט אים געמאַכט גרויס. ער האָט חצפּהדיק געלאַכט פֿון מאַרטין לומסענס

אָפּטיילונג, עוואָנלי, וואָס האָט נאָך געהאַט מיסט־קאַסטנס. ראָס האָט אים געגעבן באַגייסטערונג צו שרייבן אַ רעקלאַמע אויף אַ גאַנצער זייט, ווו ער האָט געלויבט די שיינקייט, באַקוועמלעכקייט, ביליקייט און געזונטקייט פון גלען אָריאָל. דער איינציקער חסרון איז געווען דאָס, וואָס די קאַנאַלן פון גלען אָריאָל האָבן נישט געהאַט אַ גוטן אָפּפלוס, דער גרעסטער טייל אומריינקייט איז פאַרבליבן אינעווייניק, וואָס ס'איז נישט געווען זייער אָנגענעם, בעת די מיסט־קאַסטנס אין עוואָנלי האָבן געהאַט אַנטיסעפּטישע רעזערוואַרן.

בכלל האָט דער גלען אָריאָל־ענין אַרויסגערופט אַן השערה, אַז בעביט, איז אויך נישט געווען זייער ערלעך, הגם ער האָט געהאַסט מענטשן, וואָס זענען באַקאַנט געווען מיט שווינדלערייען. סיי דער אייגנטימער און סיי דער קויפער וויל, אַז דער מעקלער זאָל נישט זיין דער אייגנטימער און נישט דער קויפער, נאָר ער זאָל היטן די אינטערעסן פון זיינע קונדן. יעדער איינער האָט געמיינט אַז די בעביט־טאָמפּסאָן־געזעלשאַפט איז די איינציקע פאַרטרעטונג פון גלען אָריאָל, וואָס אַרבעט ווירקלעך לטובת דעם אייגנטימער, דזשעק אָפּוט, אָבער פאַקטיש האָט די בעביט־טאָמפּסאָן־געזעלשאַפט פאַרמאָגט צווייאונצוואַנציק פּראָצענט אַקציעס פון גלען, דער פּרעזידענט און הויפּט אַגענט פון דער זעניטער גאַסן־באַן־געזעלשאַפט אַכטאונצוואַנציק פּראָצענט, און דזשעק אָפּוט (אַ גאַסן־פּאָליטיקער, אַ קליינער פאַבריקאַנט, אַן אַלטער, אָנגעשוואָלענער טאַבאַק־קייער, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע און קיינמאָל זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אַ פּאַרטיע פּאָקער), האָט געהאַט קוים צען פּראָצענט, וואָס בעביט און די גאַסן־באַן־געזעלשאַפט האָבן אים געגעבן אויף צו פאַרמאַכן דאָס מויל די געזונדהייטס־אינספּעקטאָרן און די מיטגלידער פון דער פייערלעשער־קאָמיסיע און דער רעגי־רונגס־קאָמיסיע פאַר קאָמוניקאַציע.

אָבער בעביט איז געווען צניעותדיק. ער האָט פאַרטיידיקט, הגם ער האָט אַליין נישט אָפּגעהיטן, דאָס פּראָהיבישאָן געזעץ. ער האָט געלויבט, הגם ער אַליין האָט זיי נישט גענומען אין

אַכט, די פֿאָרשריפֿטן פֿאַר אויטאָמאָביל־שאָפֿערן. ער האָט געצאָלט חובות, מנדב געווען אויף דער קירך, אויפֿן רויטן קרייץ, אויפֿן פֿאַריין פֿון קריסטלעכע יונגעלייט. ער האָט נאָכגעפֿאָלגט די מנהגים פֿון זיין חברה און געגאַרט נאָר דעמאָלט, ווען ס'איז געווען נויטיק. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט צו טונקעלע געשעפֿטן — ווי ער האָט געזאָגט צו פּאָול ריסלינגן:

— נאַטירלעך מיין איך נישט צו זאָגן, אַז אַלץ, וואָס כ'שרייב איז בוכשטעבלעך אמת, אָדער אַז איך אַליין גלויב אין דעם אַלעמען, וואָס איך זאָג צו אַ קונה, מיט וועלכן כ'קאָן מאַכן אַ גוט געשעפֿט: זעסט — זעסט, דאָס איז אַזוי. ראשית איז מעגלעך, אַז דער אייגנטימער פֿון באַזיצנדיקן אָביעקט זאָל אַביסל איבער־טרייבן, ווען ער גיט אים מיר צו פֿאַרקויפֿן, און באמת איז נישט מיין זאַך צו כאַפּן מיין ברויטגעבער ביי אַ ליגן! בכלל זענען אַלע מענטשן אַזוי־ווייט געמיין, אַז זיי זענען יעדן איינציקן חושד אין זאָגן אַביסל ליגן, און ווען איך זאָל שוין זיין אַזוי־ווייט נאַריש און קיינמאָל נישט לייקענען, וואָלטן זיי סיי־ווי געמיינט אַז איך זאָג ליגן. די זעלבסט־פֿאַרטיידיקונג באַפֿעלט מיר צו בלאָזן אין מיין אייגענעם האָרן, פּונקט ווי אַן אַדוואָקאַט, וואָס פֿאַרטיידיקט זיין קונד — און זיין פֿליכט איז אַרויסצופֿירן דעם אָרעמען פֿאַרשוין אויף אַ גלייכן דרך. דער ריכטער אַליין איז גרייט אָנצובייזערן זיך אויף אַזאַ אַדוואָקאַט, וואָס טוט נישט אַזוי, אַפֿילו זיי ווייסן ביידע אַז דער באַשולדיקטער איז אַ מנוּוול! אָבער ווי ס'זאָל נישט זיין זאָג איך נישט אַזויפֿיל ליגן ווי סעסיל ראָנטיע אָדער טייער אָדער די איבעריקע מעקלער. באמת האַלט איך, אַז מענטשן, וואָס לייקענען באַוווּסטזיניק און ווילן דורך דידאָזיקע ליגנס זיך דערווערבן אַ פֿאַרמעגן, דאַרפֿן אויפֿגע־האָנגען ווערן.

ס'איז נישט געווען קיין בעסער געלעגנהייט צו זען בעביטס אַכטונג צו זיינע קונדן, ווי בעת דער קאָנפֿערענץ, וואָס איז פֿאָרגעקומען עלף מיט דרייסיק מינוט, צווישן אים און קאָנראַד ליט און אַרכיבאַלדי פֿאָירדי.

ה.

קאָנראַד ליט איז געווען אַ שפּעקולאַנט פון אומבאַוועגלעכקייטן. ער איז געווען אַ נערוועזער שפּעקולאַנט. איידער ער האָט געמאַכט אַ מסחר, האָט ער זיך באַראַטן מיט באַנקירן, אַדוואָקאַטן, אַרכיטעקטן, קאָנטראַקטן-שרייבער מיט אַלע זייערע באַאַמטע און סטענאָגראַפן, וואָס האָבן נאָר געוואָלט מיט אים שמועסן און געבן אים אַן עצה. ער איז געווען אַ דרייסטער אונטערנעמער און ער האָט גאָרנישט מער געוואָלט, ווי צו זיין פולשטענדיק זיכער מיט זיין געשעפט, באַפרייט פון אויפמערקזאַמקייט צו קלייניקייטן, און צו האָבן דרייסיק—פערציק פּראָצענט ריוח, וואָס ס'האָט זיך באמת פאַרדינט אַ פיאָנער פאַר זיין ריזיקע און פאָרויכטיקייט. ער איז געווען אַ קרעמפּער פאַרשוין מיט אַ טשופּרינעגראָע האָר און אַן אַנצוג, וואָס איז טאַקע געווען גוט אויפגענייט, אָבער תמיד אויסגעזען צעקנייטשט. די אויגן זענען אונטערגעשלאָגן געווען מיט רייפלעך, ווי אָפּדרוקן פון זילבערנע דאָלאַרן.

גאַנץ באַזונדער האָט זיך ליט שטענדיק געצהט מיט בעביטן, זיך אָנגעטרויט אים מיט זיין כיטרער פאָרזיכטיקייט.

מיט זעקס חדשים צוריק האָט בעביט זיך דערוווּסט, אַז אַ געוויסער אַרכיבאַלד פאָ:רדי, אַ בשמים-קרעמער אין דער כמעט באַווינטער געגנט ליינט, האָט בדעה צו עפענען אַ יאַטקע לעבן זיין בשמים-קראָם. בעביט האָט אַדורכגעקוקט די רשימה פון די אומבאַוועגלעכקייטן, וואָס זענען געלעגן אין שכנות פון פאָ:רדי, און ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז דערדאָזיקער טייל געהערט נישט צו קיין סוחר. ער האָט געראַטן קאָנראַד ליטן צו קויפן דעם טייל פאַר עלף טויזנט דאָלאַר, הגם די הכנסה, וואָס ס'האָט אַריינגעבראַכט האָט נישט געוויזן, אַז ס'זאָל ווערט זיין מערער, ווי ניין טויזנט. די הכנסה, האָט בעביט געזאָגט, — איז טאַקע אַ קליינע, אָבער אויב מיר ווערן וואַרטן, וועלן מיר מאַכן אַזוי, אַז פאָ:רדי זאָל באַצאָלן דעם געהעריקן פּרייז. (דאָס איז געווען וויזיע). ער האָט געצוווּנגען ליטן צו קויפן. זיין ערשטער טאַט איז געווען צו העכערן די אַרענדע-צינזן. דער אַרענדאַטאָר האָט זיך געזידלט ווי אַ בעל-עגלה, אָבער ער האָט געצאָלט.

איצטער איז פֿאָירדי שוין געווען גרייט צו קויפֿן, אָבער עס האָט שוין געדאַרפֿט קאָסטן נאָך צען טויזנט, דערפֿאַר, וואָס ער האָט זיך געוואַקלט. דאָס איז געווען — אַ באַלוינונג פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַר מיסטער קאָנראַד ליט צוליב דער חכמה פֿון אַ מעקלער, וואָס האָט וויזיע, ווייסט צו רעדן וועגן צילן, וועגן דער באַדייטונג פֿון באַוועגלעכע פּונקטן, סטראַטעגישע מאָמענטן און פֿאַר קענען אויסנוצן די סיטואַציע, אונטערשידן, און די פּסיכאָלאָגיע פֿונם מסחר.

ליט איז מיט טריומף געקומען אויף דער קאָנפֿערענץ. ער איז ממש געווען פֿאַרליבט אין בעביטן אינם דאָזיקן פֿרימאָרגן און ער האָט אים גערופֿן „אַלטער". פֿאָירדי, דער בשמים סוחר, אַ פֿאַרשוין מיט אַ לאַנגער נאָז און אַ פֿייערלעכן אויסזען, האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט נישט געלייגט קיין אַכט אויף בעביטן און נישט אויף דעם מין „וויזיע", אָבער בעביט האָט אים אויפֿגענומען ביי דער איינגאַנגס־טיר פֿון זיין ביוראָ און אים אַריינגעפֿירט צו זיך אין קאַבינעט אַריין מיט אַ געמאַכטן געשריי: „דורכדאַנען, ברודער פֿאָירדי!" ער האָט אַרויסגענומען פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ־שיפֿלאָד דאָס שאַכטל ציגאַרן און געצוווּנגען די געסט צו רויכערן. ער האָט אָפּגערוקט זייערע שטולן מיט צוויי צאָלן פֿאָרויס און מיט דריי צאָל צוריק, וואָס ס'האָט געשאַפֿן אַ האַרציקע שטימונג, דאַן האָט ער זיך צוריק אַריינגעזעצט אין זיין ביוראָ־פֿאָטעל און ער האָט אויסגעזען צופֿרידן און פֿריילעך. אָבער צום וואַקלדיקן בשמים־סוחר האָט ער אָנגעהויבן מיט אַנטשלאָסנקייט:

— נו, ברודער פֿאָירדי, מיר האָבן שוין עטלעכע אָפּערטן פֿון קצבים און אַנדערע קרעמער אויף דעם טייל, וואָס ליגט אין שכנות מיט אייער געוועלב, אָבער איך האָב צוגערעדט דעם ברודער ליט, אַז איר דאַרפֿט זיין דער ערשטער. איך זאָג צו ליטן, ס'וואָלט געווען ממש אַ חרפּה — זאָג איך — אויב עמעצער זאָל קויפֿן דעם טייל און עפֿענען אַ געמישטע קראָם פֿון בשמים מיט פֿלייש, אַ טיר אין אַ טיר מיט פֿאָירדין און רויִנירן זיין קליין קרעמל. בפֿרט — בעביט האָט זיך אַ בויג געטון פֿאָרויס און זיין

קול איז געוואָרן שאַרפער — אויב דאָס וועט נאָך זיין איינער פון יענע כיטראַקעס, וואָס ווען אַראָפּלאָזן פון די פרייזן און אַזוי לאַנג מיט אייך קאָנקורירן, ביז ער וועט אייך צודריקן צו דער וואַנט.

פאָירדי האָט אַרויסגעצויגן זיינע דאַרע הענט פון די קעשענעס, געטון אַ ציִ אַרויף די הויזן, באַהאַלטן צוריק די הענט אין די קעשענעס, אויסגעצויגן זיך אינם דעמבענעם פאָטעל, און באַמיט זיך אויסצוזען פריילעך, בעת ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— יאָ, דאָס וואָלט געווען אַ ביטערער עסק. אָבער אַפּנים, אַז איר האַלט נישט גאָר שטאַרק פון דער קרובהשאַפט פון צוויי שכנים, וואָס האָבן געשעפטן איינער לעבן אַנדערן.

דער גרויסער בעביט האָט אַ שמייכל געטון:

— דאָס איז אמת. האַנדלט-זשע, אויב אַזוי, ווי איר פאַרשטייט. מיר האָבן אייך געוואָלט געבן די ערשטע האַנט. אָבער אויב איר מיינט אַזוי — — —

— הערטס מיך אויס! — האָט פאָירדי אַרויסגעזעצט — איך ווייס גאַנץ גוט, אַז פאַר דעם שטיקל פאַרמעגן לעבן מיר, פאַר וועלכן ס'איז מיט צווייאוןצוואָנציק יאָר צוריק באַצאָלט געוואָרן טויזנט אַכט הונדערט און פופציק דאָלאַר, ווילט איר איצטער פון מיר אויספּרעסן פיראוןצוואָנציק טויזנט דאָלאַר! פאַרוואָס זאָל איך זיך דאַרפן פאַרשולדיקן — כ'האָב נישט געטראַכט צו באַצאָלן דערפאַר מער ווי צוועלף טויזנט, אָבער — פאַרוואָס, גרויסער גאָט, הער בעביט, ווילט איר ביי מיר טאָפּל? און איר דראָט מיך צו רויִנירן, אויב כ'וועל עס נישט קויפן!

— פאָירדי, עס געפעלט מיר לחלוטין נישט אייער אופן רעדן! עס געפעלט מיר נישט אויף אַ האָר! לאָמיר אָננעמען, אַז ליט און איך זענען מיר פעיִק צו נעמען אַן אייגענעם מענטשן און אים רויִנירן, מיינסטו, אַז מיר זענען נישט פאַראינטערעסירט, אַז אין זעניט זאָלן זיין וואָס מערער רייכע מענטשן? אָבער דאָס לאָמיר אַוועקלייגן אין אַ זייט. איך וועל אייך עפּעס זאָגן: איר וועט געבן דרייאוןצוואָנציק טויזנט — פינף טויזנט מזומן און דאָס איבריקע וועט בלייבן שטיין אַ חוב — און

אויב איר וועט וועלן פֿאַנאַנדערוואַרפֿן די אַלטע געבײַדע און בויען אַ נײַע, בין איך גרייט אַ שמועס צו טון מיט ליטן וועגן אַ בוי-הלוואה פֿאַר אייך אויף די לײַכטסטע באַדינגונגען. גאָט אין הימל, מענטש, מיר וואָלטן דאָך אייך געוואָלט, ווי ווײַט מעגלעך אַנטקעגנקומען! אָבער ס'האָט דאָך נישט קיין זינען צו פֿאַרלאַנגען פֿון אונז. אַז מיר זאָלן היזק האָבן עלף טויזנט, אָדער מער, צוליב אַ שכן, נישט אַזוי? ווי מיינט איר, ליט? זענט איר מסכּים עפּעס צו באַטרעטן?

פֿאָירדי איז גענומען געוואָרן אויף אַ קרייץ-פֿייער. בעביט האָט אים איבערגערעדט און ער האָט לסוף מסכּים געווען אויף אײנאונצוואָנציק טויזנט דאָלאַר. אין דער אויסער רגע האָט בעביט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע דעם אָפּמאַך, וואָס איז נאָך מיט אַ וואָך צוריק אָנגעשריבן געוואָרן דורך פֿריילין מעק גאָון, און אים אַרײַנגעשטופּט פֿאָירדן אין די הענט אַרײַן. ער האָט צופֿרידן אַ שאָקל געטון די פֿעדער, כּדי צו זען אויב ס'איז דאָ אין איר טינט, דערלאַנגט פֿאָירדן, און מיט דאַנקבאַרקייט געוואַרט אויף זײַן אונטערשריפֿט.

דאָס גרעסטע ווערק פֿון דער וועלט איז פֿאַרענדיקט געוואָרן. ליט האָט פֿאַרדינט עפּעס מער ווי נײַן טויזנט דאָלאַר, בעביט האָט געקריגן פֿיר הונדערט און פֿופֿציק דאָלאַר מעקלערײַ, פֿאָירדי איז אַ דאַנק דעם סובטעלן מעכאַניזם פֿון מאָדערנעם מסחר, באַשאָנקען געוואָרן מיט נאָך אַ האַנדלס-הויז, און די גליקלעכע אײַנוווינער פֿון ליינט-קוואַרטאַל וועלן שוין פֿון איצטער אָן קריגן פֿלייש פֿאַר אַ נישט טײַערערן פּרײַז, ווי אין סאַמע צענטער שטאָט.

דאָס איז געווען אַ נצחון פֿון אַ מאַנספּיל, אָבער באַלד נאָכדעם איז בעביט געוואָרן נידערגעשלאָגן. דאָס איז געווען דער אײנציקער אַמוזירנדיקער נומער אין הײַנטיקן פּראָגראַם. ס'זענען שוין נישט געווען מער קיין אינטערעסאַנטע מאָמענטן, אַ חוץ אַרענדע, פּרײַזן, הלוואות.

ער האָט אַ מורמל געטון:

— איך ווער קראַנק, בעת איך טו אַ טראַפּט, אַז ליט-

גענומען צו פאַר זיך דעם גאַנצן ריווח, ווען די גאַנצע אַרבעט איז געלעגן אויף מיר, דער אַלטער קמצן! און — וואָס נאָך האָב איך היינט צו טון?... כ'וואָלט מיר גערן געמאַכט אַ לאַנגן אורלויב. אַ שפּאַציר מיטן אויטאָמאָביל. עפּעס אַנדערש.

ער איז אויפגעשפּרונגען. בלויז דער געדאַנק וועגן דעם פרישטיק מיט פּאָול ריסלינג האָט אים ווידער לעבעדיק געמאַכט.

קאַפּיטל V

א.

בעביטס הכנות איבערצולאָזן די בירוראַ אַליין אויף דער צייט פון זיין אַנדערהאַלבן שעהדיקן פרישטיק איז געווען בלויז אַביסל ווייניקער קאָמפּליצירט, ווי די הכנות צו דער גרויסער וועלט־מלחמה.

ער האָט זיך אַ בייזער געטון אויף פרייַלין מעק גאָון:

— ווען גייט איר אויף פרישטיק? איר מוזט זיך פאַרזיכערן, אַז פרייַלין בעניזשען זאָל דאָ זיין. זאָגט איר, אַז אויב ווײַדנפעלד וועט אַהער טעלעפאָנירן, זאָל זי אים זאָגן, אַז כ'האָב שוין אַ פּאַסיקן נאָמען און, אָך, דערמאָנט מיך מאָרגן אַכטונג צו טון אויף פּענימען וועגן דעם. טאָמער קומט עמעצער זיך פרעגן אויף אַ ביליק הויז, געדענקט, אַז מיר דאַרפן אַ קונה אויפן הויז פון בענגער־גאַס. טאָמער איר וועט מיך דאַרפן בין איך דאָ אין אַטלעטן־קלוב. און — הם — און — הם — איך וועל דאָ זיין צוריק אַרום צוויי אַ זייגער.

ער האָט אַראָפּגעשאָקלט דאָס ציגאַרן־אַש פון רעקל. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ שווערן אומגעענטפערטן בריוו אויף אַ קופּע נישט באַזאָרגטע קאָרעספּאָנדענץ, כדי ער זאָל אים נישט פאַרגעסן היינט נאָכמיטאָג (שוין דריי מאָל לייגט ער מיטאָג־צייט אַוועק דעם בריוו אויף דער קופּע נישט באַזאָרגטע קאָרעספּאָנדענץ). ער צייכנט אויף אויף אַ געל פּאַפּיר פאָלגנדן מעמאָראַנדום: „ה. טיר צ. וויג. אַפּ. ערלעד“. דאָס פאַרשאַפט אים אַן

אָנגענעם געפיל, ווי ער וואָלט שוין געהאַט ערלעדיקט די הויז-טיר צום וווינונגס-אַפּאַרטאַמענט.

ער האָט אַנטדעקט, אַז ער האָט פאַררויכערט נאָך אַ ציגאַר! ער האָט אים געטון אַ וואָרף אַוועק און פּראָטעסטירט:

— פאַרשאָלטן זאָל עס ווערן, כ'האָב געמיינט, אַז ס'וועט שוין אַ סוף נעמען צו דעם פאַרשאָלטענעם רויכערן! אַן אַנטשלאָסענער האָט ער אַריינגעלייגט צוריק דאָס שאַכטעלע ציגאַרן אין דעם קאָרעספּאָנדענץ-שופלאָד, פאַרשלאָסן און באַהאַלטן דעם שליסל אויף אַ פאַרבאָרגענעם אָרט. ער האָט אַ זאָג געטון:

— כ'מוז מיך נעמען אין די הענט אַריין. און איך וואָלט באַדאַרפט מיך מער באַוועגן — גיין צופוס אין קלוב אַריין יעדן נאָכמיטאָג — אַזוי דאַרף איך טון יעדן נאָכמיטאָג — אויפהערן כסדר צו פאָרן מיטן אויטאָמאָביל.

דערדאָזיקער באַשלוס האָט אים איבערגעצייגט, אַז ער איז מוסטערהאַפט. תּיכּף נאָכדעם איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז שוין צו שפּעט אינם היינטיקן נאָכמיטאָג צו גיין שפּאַצירן.

ער האָט נישט איינגעשפּאָרט קיין סך צייט, ווייל דאָס צוגרייטן דעם אויטאָמאָביל און אויסקערעווען אים, האָט אים געקאָסט די זעלבע צייט, ווי ער וואָלט זיך דורכשפּאַצירט צו פוס די עטלעכע הייזער צום קלוב.

בּ.

בעת ער איז געפאָרן, האָט ער געקוקט מיט אַ שטילער זאָרגעוודיקער צערטלעכקייט אויף די געביידעס.

אַ פרעמדער, וואָס זאָל פּלוצלונג אַריינפאַלן אין האַנדלס-קוואַרטאַל פון זעניט, וואָלט ער נישט געקאָנט זאָגן, אין וואָס פאַראַ שטאַט ער געפינט זיך, צי אין שטאַט אָרעגאָן, דזשאָרזשיאַ, אָאייאָ, צי אין מאַין, אָקלאַהאָמאַ אָדער מעניטאָבאַ. אָבער פאַר

בעביטן איז יעדעס צאָל ערד פון זעניט געווען אינדיווידועל און אויפרעגנדיק. יאָ, תמיד האָט ער באַמערקט, אַז די קאַליפאָרניער געביידע אויף דער אַנדערער זייט גאַס, איז מיט דריי שטאָק נידעריקער, און דאָס הייסט, מיט דריי שטאָק ווייניקער פון דער ריווס-געביידע, ווי תמיד, בעת ער איז פאַרבייגעפאָרן דעם פאַרטענאָן שיך-גלאַנץ-סאַלאָן, אַן איינשטאָקיקע געביידע, וואָס האָט לעבן דער ריזידיקער קאַליפאָרניער געביידע פון גראַניט און רויטע ציגל, אויסגעזען ווי אַ בעדל ביים ברעג טייך, האָט ער אַ טראַכט געטון:

— ריכטיק, מ'דאַרף נויטיק לאָזן היינט נאָכמיטאָג אָפּפּוצן מיינע שיך. דאָס פאַרגעס איך תמיד.

ביים מעבל-געוועלב פון סימפּלעקס, ביי דער נאַציאָנאַלער רעגיסטריר-מזומן-באַנק, האָט ער פּלוצלונג דערפילט אַ בענקשאַפט צו אַ דיקטאַפאָן, צו אַ שרייב מאַשין און קאָפּיר-מאַשין, ווי די בענקשאַפט פון אַ דיכטער נאָך פּאַפּיר, און פון פיזיקער נאָך ראַדיום.

פאַר נאָבס מאַגאַזין פון אָפּגעטראָגענע מענער-מלבושים, האָט ער שנעל אָפּגעריסן די לינקע האַנט פון אויטאָ-רעדל און אַ טאַפּ געטון דעם שניפּס, דערביי האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן זיך מיט חשיבות, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס קויפט פאַר זיך טייערע קראַוואַטן און קאָן פאַר זיי באַצאָלן אַן אוצר געלט! ביים פאַרייניקטן טאַבאַק-געוועלב מיט דער גאָלד-רויטער שילד, האָט ער אַ טראַכט געטון: — כ'וואָלט באַדאַרפט קויפן עטלעכע ציגאַרן — אידיאָט! — האָסט שוין פאַרגעסן, כ'וויל דאָך אַ סוף מאַכן מיט דעם נאַרישן רויכערן. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין באַנק, דער פאַרבאַנד פון פי-העגדלער און גרובן-אייגנטימער און ער האָט זיך פאַרטראַכט, ווי ווייט קלוג ער איז, וואָס ער האַלט אָן באַציונגען מיט אַזאַ מירמלנע אינסטיטוציע. אָבער דעם גרעסטן מאָמענט האָט ער איבערגעלעבט בעת אַ צוזאַמענשטויס אין פאָרן, ווען ער איז שטיין געבליבן אין אַ ווינקל אונטער דעם אַנדערן הויכן, נאַציאָנאַלן טורעם: זיין אויטאָמאָביל איז פאַרהאַלטן געוואָרן מיט נאָך אַנדערע פיר אויטאָס אין אַ שטאָלענער ליניע, אומבאַ-

וועגלעך ווי קאַוואַלעריע, בעת פֿון דער זייט האָבן אַדורכגעשניטן לימוזינעס, ריזיקע לאַסט-וואָגנס, מאָטאָציקלען. אינם פֿערטן ווינקל האָט אַ פּנעומאַטישע בוי-מאַשין אויפֿגעהויבן דעם סקעלעט פֿון אַ נייער געביידע. און פֿונם דאָזיקן שטורעם האָט אַ שטראַל אַרויס געטון אַ באַקאַנט פּנים, און אַ בוסטער-פֿאַרשוין האָט אַ געשריי געטון:

— אָט ביסטו דאָ, דזשאָרזש!

בעבּיט האָט צו אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט אין אַ באַלדיקן צופֿלוס פֿון שכנותדיקע האַרציקייט, אָבער דער פּאָליציימאַן האָט געטון אַ הויב אויף די האַנט און בעבּיט האָט געריַרט ווייטער. ער האָט פֿאַרצייכנט וויפֿל קוועקזילבער זיין אויטאָמאָביל האָט פֿאַרנוצט. ער האָט זיך געשפּירט דערהויבן און מעכטיק, ווי אַ שיפֿל פֿון גלאַנצנדיקן שטאָל, וואָס באַוועגט זיך אין אַ פֿוסטער מאַשין.

ווי תּמיד האָט ער איגנאָרירט די נאָנטסטע צוויי שורות הייזער, איינגעפֿאַלענע הייזער, נאָך נישט באַפֿרייט פֿון דער אָפּשיילעכקייט און אָרעמקייט פֿון אַמאָליקן זעניט פֿון 1885. בעת ער איז פֿאַרבייגעפֿאָרן דעם פֿינף- און צען-סענט געוועלב, דעם דאָקאָטאַס האָטעל, קאָנקאַרדיאַס זאַל מיט די לאָזשעס און די קאַבּינעטן פֿון טרעפֿער און כּיראָפּראַקטאָרן, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט, וויפֿל געלט ער האָט געמאַכט, און ער האָט זיך אַביסל באַרימט, און אַביסל מצער געווען און גערחשבונט די אַלטע באַקאַנטע סומעס:

— פֿיר הונדערט און פֿופֿציק שטיקלעך הייַנט פֿונם פּיט-מסחר. אָבער כ'בין פֿאַרשולדיקט מיט שטייערן. לאָמיך נאָר אַ קוק טון: איך דאַרף דאָס יאָר צונויפֿקלאַפּן אַן אַפּטויזנט בעטאָ, און אָפּשפּאָרן דערפֿון פֿופֿצן הונדערט דאָלאַר — ניין, ניין, אויב כ'וועל אויפֿשטעלן אַ גאַראַזש — און לאָמיך נאָר זען: זעקס הונדערט און פֿערציק דאָלאַר הכנסה יעדן חודש, און צוועלף מאָל זעקסאונפֿערציק איז אַ קימא-לן אַ קימא-לן -- לאָמיך נאָר זען: זעקס מאָל צוועלף איז צווייאונזיבעציק הונדערט און — אָך נאַרישקייטן, זאָל שוין זיין

ווי ס'איז, אכט טויזנט וועל איך מיר צונויפשטעלן. ס'איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. גאַנץ ווייניק מענטשן קאָנען אָנקלויבן אַכט טויזנט דאָלאַר אַ יאָר — אַכט טויזנט גוטע, האַרטע, אייזער־נע דאָלאַרן — איך וועט זיך, אַז ס'איז נישטאָ מער ווי פינף פּראָצענט מענטשן אין די גאַנצע פאַרייניקטע שטאַטן, וואָס זאָלן פאַרדינען מער ווי דער אָנקל דזשאָרזש, ביי גאָט, ווי ס'איז אַזוי. קלאָר ווי צוויי און צוויי איז פיר! — אָבער — די הוצאות זענען צו גרויס — דאָס בני־בית פאַר־נוצט צופיל גאַזאָלין, און טוען זיך אָן ווי די מיליאָנערן, און שיקן אַכציק דאָלאַר אַ חודש דער מאַמען — און די אַלע סטענאָגראַפן און אַגענטן קוואַפּען אויף יעדן סענט מיינעם, ווען זיי קענען, וואָלטן זיי די קישקעס אַרויסגעקריגן פון מיר.

דער פּועל יוצא פון זיינע וויסנשאַפטלעכע בודזשעט־פּלענער איז געווען דער, אַז בעביט האָט זיך דערפילט טריומ־פירנדיק רייך און געפערלעך אָרעם, און אינמיטן די אַלע אָפּ־האַנדלונגען האָט ער פאַרהאַלטן זיין אויטאָמאָביל, אַריינגעלאָפן אין אַ ניי געוועלב פון פאַרשידענע אַרטיקלען און געבעטן אַן עלעקטרישן ציגאַרן־צינדער, וואָס ער האָט שוין חשק געהאַט צו קויפן אַ וואָך צייט. ער האָט פאַרטויבט זיין געוויסן מיט אַ ליאַרם און פריילעכקייט און ער האָט אַ געשריי געטון צום משרת:

— איך מיין, אַז דאָסדאָזיקע וועט מיר איינשפּאָרן שווע־בעלעך, אַ?

דאָס איז געווען אַ שיינע זאַך, אַ ניקלן צילינדערל מיט אַ כּמעט זילבערן קייטעלע, אָנצוהענגען ביים טירל פון זיין אויטאָמאָביל. דאָס איז געווען נישט נאָר — ווי מ'האָט מודיע געווען אין דער רעקלאַמע — „אַ הערלעך קליין שפּילעכל, וואָס גיט אַ לעצטן אויסדרוק פון קלאַסישקייט אין אַן אויטאָ־מאָביל פון אַ דזשענטלמען", נאָר אַ ווערטפולע איינשפּאָרונג פון צייט. דערמיט וואָס מ'האָט אים באַפרייט איינצוהאַלטן דעם אויטאָמאָביל, כּדי אָנצוצינדן אַ שוועבעלע, האָט מען אים איינגעשפּאָרט צען מינוט צייט אין חודש.

בעת ער איז געפאָרן האָט ער געקוקט דערויף.

— אַ פיינע זאַך! תּמיד געחלומט װעגן אַזױנס — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט — אַ זאַך, װאָס יעדער רויכערער דאַרף עס.

דאַן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ סוף געמאַכט מיטן רויכערן.

— צו אַלדי רוחות! — האָט ער אַ מורמל געטון, — אָך, נו, איך מיין, אַז כ'מעג אויסרויכערן אַ ציגאַר פון צייט צו צייט. און — ס'װעט זיין אַ גרויס באַקװעמלעכקייט פאַר אַנדערע מענטשן. גאַנץ מעגלעך, אַז ס'װעט זיין אַ גרויסער חילוק ביים שליסן אַ געשעפט מיט עמעצן. און — באמת — עס זעט גאָר פיין אויס אויף יענעם אָרט. ס'איז װירקלעך אַ שמאַרק, פלינק, קליין שפּרינגערל. עס װעט צוגעבן דעם לעצטן אויסדרוק פון פיינקייט און קלאַסישקייט. איך — גאָט מיינער, כ'מיין, אַז כ'קאָן מיך איינשאַפן אַ זאַך, אויב איך װיל עס! עס קאָן דאָך נישט זיין, אַז איך, איינער פון דעם גאַנצן בני-בית זאָל זיך נישט קאָנען דערלויבן אויף דעם קלענסטן לוקסוס!

אַזוי, באַלאָדנט מיט אַ נייעם אוצר, דורכפאָרנדיק נאָך דריי און אַ האַלבע געביידע, מיט ראָמאַנטישע איבערלעבענישן, איז ער פאַרפאָרן צום קלוב.

ג.

דער אַטלעטן-קלוב אין זעניט האָט נישט קיין שייכות מיט אַטלעטיק און איז אייגנטלעך נישט קיין קלוב, פאָר דער סימבאָל פון זעניט. ער פאַרמאָגט אַ טעטיק ביליאַרד- און רויכער-צימער, שטעלט זיך פאָר מיט זיינע בייסבאָל- און פוטבאָל-זאַלן, אָבער אַ צענט חלק פון דער מיטגלידערשאַפט שפּילט צופעליק אין ביליאַרד און באַמיט זיך צו איבן אין דער גימנאַסטיק. פאַר דעם רוב פון די דריי טויזנט מיטגלידער דינט דער קלוב פאַר אַ קאַפע, װו זיי עסן פרישטיק, שפּילן אין קאָרטן, דערציילן זיך מעשיות, באַגעגענען זיך מיט

פריינט, פארבעטן א צוגערייזטן פעטער פון א פארוואָרפענער שטאָט אויף א מיטאָג. ער איז דער גרעסטער קלוב אין שטאָט און זיין פארביסענער שונא איז דער קאָנסערוואטיווער אוניאָן-קלוב, וואָס יעדער מיטגליד פון אלטן קלוב זאָגט וועגן אים:
„א פארפוילט, נאריש, סנאָביש, פארשווענדעריש לאָך, — נישטאָ דאָרטן קיין איין גוטער מישער — צאָלט מיר צו וועל איך דאָרטן נישט אריינטרעטן.” די סטאטיסטיק באווייזט אָבער, אז קיין איין מיטגליד פונם אטלעטן-קלוב האָט זיך גאָך נישט אָפגעזאָגט אריינצוטרעטן אין אוניאָן, און די זיבּגאונזעכציק פראָצענט, וואָס זענען דאָרטן אָנגענומען געוואָרן, זענען ארויסגעטרעטן פון אלטן קלוב, און מ׳האָט אונטערגעהערט, ווי זיי האָבן געזאָגט אין דער פארשאָלטענער הייליקייט פון די אוניאָן פאָטעלן:
— דער אטלעטן-קלוב וואָלט געווען א גוטער האָטעל, ווען ער זאָלט געווען אביסל מער עקסקלוסיוו.
די געביידע פון אטלעטן-קלוב איז געווען ניין שטאָק הויך, געלע ציגל מיט א ווינטער-גאָרטן אינדערהייך און אונטן א האלע פון אומגעהויערע קאלך-שטיינערנע זיילן. דאָס פאָדערהייזל, מיט די דיקע פילארן פון גראניט-שטיין, דער געוועלבטער סופיט, דער דיל, אויסגעלייגט מיט ברוינע גלאנצנדיקע ציגעלעך, ווי א ברוין פארבאקענער קוכן, — איז געווען א געמיש פון א קלויסטער-צימער און א קעלער. די מיטגלידער זענען אריינגעפאלן אין פאָדערהייזל, ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו דער ארבעט און עס וואָלט זיי א שאָד געווען צו פארלירן א מינוט צייט. אויף אזא אופן קומט אריין אויך בעבּיט און טוט א געשריי צו א גרופּע, וואָס שטייט ביים ציגארן-קיאָסק:
— וואָס הערט זיך יונגען? ווי גייט עס, יונגען? א הערלעכער טאָג היינט!
אים ענטפערן אָפּ פריילעך — ווערדזשיל גאָנטש, דער קוילן-הענדלער, סידני פינקעלשטיין, דער פארוואלטער פון דער דאמען-קאָנפעקציע-אָפּטיילונג אין דער פירמע פערטשער-שטיין,

און פּראָפעסאָר דזשאָזעף ק. פּעמפּרי, אַן אייגנטימער פון אַ מוסטעריהאַפטער האַנדלס-שול און לייטער פון דער ענגלישער האַנדלס-שפּראַך, טעאַטער-שרייבער און האַנדלס-אַדוואָקאַט. הגם פּעביט האָט באַוווּנדערט זיין לערע און געאַכטעט פּינקעלשטיינען אַלס „אויסגעצייכנטן סוחר און גוטן אַלגעמיינעם פאַרשפּענדער”, האָט ער אָבער געווענדעט זיין באַגייסטערונג אויף ווערדזשיל גאָנטש. גאָנטש איז געווען פּרעזידענט פון בוסטער-קלוב, פון וועכנטלעכן פרישטיק-קלוב, אַזאַ מין לאָקאַלע אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פּראָפּאַגירט די אַכטונג צום מסחר און חברשע באַציונג צווישן גוטע-ברידער. ער איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דער חשובסטער ריטער אין וווילטעטיקייט- און באַשיצונגס-פאַרבאַנד פון עלך, און ווי מ׳האָט געשמועסט, האָט מען ביי די נאָנטסטע וואַלן באַדאַרפט אַרויסשטעלן זיין קאַנדידאַטור פאַרן העכסטן פּרעזידענט. ער איז געווען אַ פרייליכער מענטש, אַ קינסטלערישער רעדנער און איבערגעגעבענער פריינט. ער האָט געפירט געשפּרעכן מיט די באַרימטסטע אַקטיאָרן און וואָדעוויל-אַרטיסטן, ווען זיי פלעגן קומען אין שטאָט אַריין, מכבד געווען זיי מיט ציגאַרן, גערופן זיי ביי די פאָרנעמען, און — טיילמאָל — געברענגט עמעצן פון זיי אויף אַ בוסטער-פרישטיק, כדי צו פאַרשאַפן די חברה אַן אומזיסטע פאַרווײַלונג. ער איז געווען אַ הויכער מאַנסביל מיט די האָר געקעמט אַרויף. ער האָט געקאָנט אַלע נייע אַנעקדאָטן, און בעתן שפּילן אין פּאָקער, האָט ער צוגעדריקט די קאָרטן צו דער ברוסט. אין זיין געזעלשאַפט האָט בעביט אין זיך אַריינגעזויגן דעם גיפט פון דער חיינטיקער שטיפערישקייט.

גאָנטש האָט אַ געשריי געטון:

— וואָס מאַכסטו אַלטער באָלשעוויק? ווי פילסטו זיך נאָך דער נעכטיקער נאַכט?

— אָך, מיין יונג. אַביסעלע קאָפּ ווייטאָק, ס׳איז געווען אַ פיינע פאַרטיע, וואָס דו האָסט אויפגעוואָרפן, ווערדזש! איך בין זיכער, אַז דו האָסט נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב ס׳לעצטע

מאָל אַריבערגעשניטן! — האָט בעבּיט אַ געשריי געטון. (ער איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון גאַנטשן אויף דריי טריט.)

— ס׳איז געווען פיין! אָבער וואָס איך וועל דיר געבן ביים נאָנטסטן מאָל שפּילן, דזשאָרדזש! הער נאָר, האָסט געלייענט אין די צייטונגען, ווי אַזוי אַ ניו-יאָרקער פאַרזאַמלונג האָט זיך אָפּגערעכנט מיט די רויטע?

— קאָנסט זיין זיכער, אַז כ׳האָב געלייענט. דאָס איז געווען אויסגעצייכנט, אַ? אַ הערלעכער טאָג היינט.

— יאָ, דאָס איז שוין אַן אמתער פרילינגס-טאָג, אָבער ביינאַכט איז נאָך קאַלט.

— הם, ביסט גערעכט, ביינאַכט איז נאָך קאַלט. כ׳האָב געהאַט צוויי קאָלדרעס די לעצטע נאַכט, אויף דער שלאָף-טעראַסע. הער נאָר, סיד — האָט בעבּיט זיך געווענדעט צו פינקעלשטיין, דעם סוחר — כ׳וואָלט דיך געוואָלט עפּעס פרעגן. כ׳האָב מיר געקויפט אַן עלעקטרישן ציגאַרן-צינדער אינם אויטאָמאָביל אַריין, היינט מיטאָג-צייט, און —

— אַ פיינע זאַך! — האָט פינקעלשטיין אַ זאָג געטון, בעת אַפילו דער געלערנטער פּראָפעסאָר פּעמפּרי, אַ קיילעכדיקער מאַנסביל מיט אַ געפעפערטע און געזאַלצענע פיגור און מיט אַ פייפנדיק-אָרגל-קול, האָט דערקלערט: — דאָס איז אַ פיינער איינפאַל. אַ ציגאַרן-צינדער גיט צו אַן איינדרוק דעם שרייבטיש.

— הם, ענדלעך האָב איך דעצידירט צו קויפן אַ ציגאַרן-צינדער. געקויפט די בעסטע מאַרקע, יאָ, דער משרת האָט מיר אַזוי געזאָגט. באַצאָלט דערפאַר פינף שטיקלעך. כ׳בין טשעקאַווע, צי זיי האָבן מיך נישט אָנגעפּרייערט, וויפל קאָסט ביי אייך אין געוועלב אַזאַ זאַך, סיד?

פינקעלשטיין האָט פעסטגעשטעלט, אַז פינף דאָלאַר איז נישט טייער באַצאָלט פאַר אַ ציגאַרן-צינדער פון בעסטן סאָרט, גוט געניקלט און פאַרזען מיט פאַרשידענע קליינקייטן פון בעסטן מין.

— איך זאָג תמיד — און גלויבט מיר, וואָרום איך

שטעל דאָס פעסט אויף דעם סמך פון מיין לאַנגיעריקער סוחר-
רישער דערפאַרונג, אַז אַ טייערע זאַך מאַכט תמיד אויס בי-
ליקער. נאַטירלעך, אויב איר ווילט דערבײַ זיך נוהג זיין, ווי
אַ ייד, טאָ קויפט דאָס געמיינסטע יוקס, נאָר איך זאָג, אַז
ס׳וועט אייך אַ[illegible]סך בעסער אויסשלאָגן, אויב איר וועט קויפן
ס׳טייערסטע. אָט וועל איך אייך געבן אַ משל: מיט איייניקע
טעג צוריק קויף איך אַ נייען צודעק צו מיין אַלטן וואָגן, און
נאָך עטלעכע קלייניקייטן. כ׳האָב באַצאָלט דערפאַר הונדערט
און זעקסאונצוואָנציק דאָלאַר מיט פופציק סענט, און נאַטיר-
לעך, וואָלטן ס׳רוב מענטשן געזאָגט, אַז ס׳איז צופיל — גאָט
מיינער, זיי זענען דאָך ווי די פאַרעלטערטע מענטשן — ווי
זיי וואָלטן געוווינט ערגעץ אין אַ וויסטע און נישט געהאַט
קיין השגה וועגן דעם אַרבעטס-שטייגער פון אונז, שטאָטישע
מענטשן, און דאַן, נאַטירלעך, וואָלטן זיי געוועז ווי יידן, זיי
וואָלטן ממש אַנידערגעפאַלן, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז סיד
האָט אַרויסגעלייגט מיטאַמאָל הונדערט און זעקסאונצוואָנציק שטיק-
לעך. אָבער דאָס איז לחלוטין נישט פאַר מיר קיין קלאָפּ,
דזשאָרזש, די מאַשין זעט איצטער אויס ווי ניי. נאַטירלעך,
איז זי נישט געווען אַזוי שרעקלעך אַלט. סך-הכל האָב איך
זי קוים דריי יאָר, אָבער איך באַנוץ זיך מיט איר שטאַרק,
קיינמאָל האָט זי נאָך נישט אַדורכגעמאַכט ווייניקער ווי הונ-
דערט מייל אין אַ זונטאָגדיקן טאָג. און, הם — אָך, איך
שטעל זיך באמת נישט פאָר, אַז זיי זאָלן דיך האָבן אָנגעפריי-
ערט, דזשאָרזש. וועסט אַ סך ווייטער דערגיין מיט בעסערע
סחורה, מעגסט מיך הערן, דאָס מאַכט אָן ספק אויס ביליקער.
— דאָס איז אמת — האָט וועדזשיל זיך אָנגערופן.
-איך מיין אויך אַזוי. אויב אַ מענטש איז אַנטשלאָסן דערצו,
וואָס איר רופט אָן אינטענסיוו לעבן, אויף אַזאַ שטייגער, וואָס
מיר דאָ אין זעניש — צו די אַלע דערגרייכונגען און אַקטיוון-
אָנטייל אין גייסטיקן לעבן, ווי די חברה בוסטער אָדער צ.
ק. א., דאַן מוז מען שוינען די נערוון און קויפן דאָס
בעסטע.

בעביט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ ביי יעדן פּינקטן וואָרט פון דערדאָזיקער ריטמישער רעדע און לסוף איז ער פולשטענדיק באַגייסטערט געוואָרן פון גאַנצשס הומאָריסטישער שטימונג:

— פונדעסטוועגן, דזשאָרזש, ווייס איך נישט, צי דו קאָנסט האַנדלען אַזוי. כ'האָב געהערט, ווי די רעגירונג האָט שוין געוואָרפן אַן אויג אויף דיין מסחר, זינט צו האָסט אַראָפּגעלקחנט דעם ווײַדל אין „איטהאָרן פּאַרק" און אים פאַרקויפט!

— טרייבסט לצנות, ווערדזש. אָבער אויב מיר קומען שוין יאָ דערצו, טאָ דערציייל אונז טאַקע, ווי אַזוי האָסטו אַראָפּגעגנבעט די שוואַרצע מירמלנע טרעפּ אין דער פּאָסט-געביידע און זיי פאַרקויפט פאַר דעם בעסטן מין קוילן! — אַ צעפּלאַמטער טוט בעביט אַ קלאַפּ גאַנטשן איבערן אַקסל און רייבט זיך די הענט.

— דאָס ביסטו גערעכט, אָבער איך וויל עפּעס וויסן: ווער איז דאָס דער אידיאָטישער מעקלער, וואָס האָט געקויפט דידאָזיקע קוילן פאַר זיין וווינונג?

— איך קוק מיך אַזוי צו, ווי גאַנטש עסט דיר די גאַל, דזשאָרזש! — האָט פינקעלשטיין אַ זאָג געטון — איך וועל אייך עפּעס דערציילן יונגען, וואָס איך האָב געהערט! פרוי בעביט גייט איינמאָל אריין אין פּערטשערס מאַגאַזין פון מענערגאַלאַנטעריע און חייסט זיך געבן עטלעכע קעלנער. אָבער איידער זי האָט נאָך אַרויסגעזאָגט די מאָס, דערלאַנגט איר דער משרת עטלעכע קעלנער נומער דרייצן. — פונוואַנען ווייסט איר די מאָס — טוט זי אַ פרעג דעם משרת. און יענער ענטפערט: — מענער, וואָס שיקן זייערע ווייבער קויפן פאַר זייערטוועגן קעלנער, מאַדאַם, טראָגן אַלע נומער דרייצן. נו, ווי געפעלט עס אייך! ס'איז גוט געווען, אַ? וואָס זאָגסטו דערצו, אַ? כ'מיין, אַז ס'האָט דיך אַ ריר געטאָן, דזשאָרזש!

— איך — איך — בעביט האָט פון גרויס ליבנסווירדיקייט געזוכט אַ שפּאָטישן ענטפער. ער איז שטיין געבליבן, אַ קוק

געטון אויף דער טיר. פּאָול ריסלינג איז גראָד אַריינגעקומען. בעבּיט האָט אַ געשריי געטון: — כ'וועל אייך שוין שפּעטער דערציילן, יונגען! — און ער איז האַסטיק פאַרשוואונדן אין קאָרידאָר אַריין.

ער איז שוין נישט געווען מער דאָס אָנגעבלאָזענע קינד פון דער שלאָף-טעראַסע, נישט דער הויז-טיראַן פון פרישטיק-טיש, נישט דער געלט-שווינדלער און דער ליט-פּאָירדי קאָנפערענץ, נישט דער שרייענדיקער גוטער-ברודער, דער לץ און פשוטער חברה-מאַן פון אַטלעטן-קלוב — ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַלטער ברודער פון פּאָול ריסלינג, גרייט אים צו פאַרטיידיקן, באַוואונדערן אים מיט שטאָלץ און פאַרטרויליכע ליבע, ענלעך צו די ליבע פון אַ פרוי. פּאָול און בעבּיט האָבן געלאַכט צוריקגעהאַלטן, ווי זיי וואָלטן זיך שוין נישט געזען, נישט דריי טעג, נאָר דריי יאָר—און זיי האָבן גערעדט צו זיך:

— וואָס מאַכסטו אַלטער פערד-גנב?

— אָלרייט. און וואָס מאַכסטו, וויסטע פאַרזוענישׂ?

— איך אויסגעצייכנט, מיין טייערער שפּילפויגל.

פאַרזיפערדיק זיך אַזוי אַרום מיט זייער הויכער ליבע, האָט בעבּיט אַ מורמל געטון:

— ביסט אַ פיינע פרי, ביסטו! פאַרשפּעטיקט מיט צען מינוט.

און ריסלינג האָט אַ ברום געטון:

— נו, דערפאַר וועסטו האָבן דאָס גליק צו פרישטיקן צוזאַמען מיט אַ דזשענטעלמען!

זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין דער „נעראָן-באָד“, ווו רייצן מענטשן זענען אין רעליגעזע באַוועגונגען געשטאַנען ביי די מירמלנע טישן, איינגעבויגן איבער די שיסלען וואַסער און זייערע פּנימער האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אין די מאַסיווע שפּיגלען, די קולות זענען געווען גראָב, אויטאָריטיוו און זיי האָבן באַפרידיקנדיק אָפּגעקלינגען אָן די מירמלנע ווענט, וואָס זענען איבערגעדעקט געווען מיט אַ סופיט פון לאַווענדע-געפּאַסטע מילך-ציגעלעך, בעת די

הערשער פון שטאָט, די באַראָנען פון די אַסעקוראַציע געזעלשאַפטן, אַדוואָקאַטן און פּראָדוצענטן, און אויטאָמאָביל־פאַבריקאַנטן, האָבן געשאַפן געזעצן פאַרן זעניט. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער טאָג איז אַ וואַרעמער, — אינדעראמתן, אַ צווייפלאָזער פריילינגס־טאָג. אַז די לוינען זענען צו גרויס און די הכנסות צו קליין. אַז בעבי רוט, דער אויסגעצייכנטער בייסבאָל־שפּילער איז אַ פיינער מאַן. און אַז „די צווי פאַרשוינען, וואָס שפּילן די וואָך אין קלימעקס וואָדעוויל־טעאַטער זענען די אמתע צווי אַקטיאָרן!״ בעבּיט, וואָס זיין קול איז תּמיד געווען דאָס העכסטע און אַממיינסטן בישאָפלעך צווישן אַלע, האָט דאָס מאָל געשוויגן. אין דער אָנוועזנהייט פון דער פאַראַכטעטער געהיימניספולקייט פון פּאָול ריסלינג איז ער געווען אומבאַהאָלפן. ער האָט זיך באַמיט צו זיין רויק און שטאַרק.

דער אַריינגאַנג־קאָרידאָר אין אַטלעטן־קלוב איז געווען אין גאָטישן סטיל, דאָס וואַש־צימער אין רוימישן סטיל, דער זאַל שפּאַניש און דאָס לייען־צימער כינעזיש. אָבער דאָס צירונג פון קלוב איז געווען דאָס שפּייז־צימער, אַ מייסטערווערק פון פערדינאַנד ריטמען, דער באַרימסטער אַרכיטעקט אין זעניט. דאָס צימער איז געווען הויך און אין דער העלפט אויסגעלייגט מיט האָלץ, אין סטיל פון טעדאָר, אַן אָוואַל פענסטער מיט עפּעס ווי אַן אומאַקוסטישער מוזיק גאַלעריע, און טעפּיכער, וואָס מ׳האָט געזאָגט וועגן זיי, אַז זיי שטעלן פאָר דאָס פאַלן פון מאַגנע טשאַרטע. אין איין ווינקל פון צימער איז געשטאַנען אַן העראָלדישער קאַמין איבערגעדעקט מיט אַ ריזיקן צודעק, וועגן וועלכן דער רעקלאַמע פאַמפלעט פון בוסטער־קלוב האָט דערציילט, אַז נישט נאָר ער איז דער גרעסטער קאַמין פון אַלע אייראָפּעישע קאַמינס נאָר אויך אַממיינסטן ווויסנשאַפטלעך. ער איז דעכלייכן געווען דער ריינסטער, ווייל מ׳האָט אין אים קיינמאָל נישט געהייצט.

אַ העלפט טישן זענען געווען פון העלפאַנט־ביין מיט ערטער פאַר צוועלף מאַן, דרייסיק אָדער צוואַנציק מאַן. בעביט האָט זיך

תמיד אַוועקגעזעצט בײַ אַ טישל נאָנט פֿון דער טיר, מיט אַ חברה אין וועלכער ס'האָט זיך געפֿינען גאַנטש, פֿינקעלשטיין, פּראָפֿעסאָר פּעמפּרי, האַוואַרד ליטלפֿעלד. זיין שכן, ט. טשאָמאַנדלי פּרינק, דער דיכטער און אַנאָנסן-אַגענט. און אַרוויל דזשאָנס, וועמענס וועשערײַ ס'איז געווען די בעסטע אין זעניט. זיי האָבן געשאַפֿן אַ קלוב אינם קלוב און זיי האָבן זיך גערופֿן: „ווײַסע חברהניקעס". היינט בעת ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען זייער טיש, האָבן די ווײַסע חברהניקעס אים באַגרוסט:—קומט אַהער, זעצט אײַך אַנידער! איר און פּאָול שעמט אײַך אפֿנים מיט אָרעמע מענטשן? איר האָט מורא, אַז עמעצער זאָל אײַך נישט אָנציִען אויף אַ פּלעשל בעווע, דזשאָרזש? דאַכט זיך מיר, אַז דאָס בלאָזן פֿון זיך מאַכט אײַך שרעקלעך עקסקלוסיוו.

ער האָט געטון אַ זעץ אַרויס:

— זײַט זיכער! מיר קענען נישט ריזיקירן אונזערע געשעפֿטן, ווײַזנדיק זיך אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַזוינע קמצנים! — און געטון אַ פֿיר צו פּאָולן צו איינעם פֿון די טישלעך אונטער דער מוזיק גאַלעריע. ער האָט זיך געפֿילט שולדיק. אין אַטלעטן-קלוב האָט אָפּגעזונדערטקייט געמאַכט אַ שלעכטן אײַנדרוק. אָבער ער האָט געוואָלט האָבן פּאָולן פֿאַר זיך אַליין.

אינם היינטיקן פֿרימאָרגן האָט ער לכתחילה געשטימט פֿאַר אַ לײַכטער פֿרישטיק, און איצטער האָט ער באַשטעלט נישט מער, ווי ענגלישע שעפּסן-קאָטלעטן, רעטעכלעך, אַרבעסלעך, אַ שיסל קאָמפּאָט, אַ שטיקל קעז, אַ שעלעכל קאַווע מיט קרעם, צוגעבנדיק, ווי ער איז געוווינט געווען:

— און הם, — אָך, און איר קאָנט מיר נאָך געבן אַ פּאָרציע פֿראַנצויזיש-געפּרעגלטע קאַרטאָפֿל. — אַז מ'האָט אים דערלאַנגט דעם קאָטלעט, האָט ער אים גוט באַפּעפּערט און באַזאַלצן, ער האָט תמיד געפּעפּערט און באַזאַלצן זײַן פֿלייש, אײדער ער האָט עס פֿאַרזוכט.

פּאָול האָט אַרומגערעדט מיט אים די מעלות פֿון פּרי-

לינג, די נוצלעכקייט פון ציגאַרן-צינדער און דעם באַשלוס פון
ניו-יאָרקער ראַט. דאָס אַלץ איז נאָך געווען גאָרנישט, ביי
בעביט האָט זיך שוין געהאַט גוט אָנגעגעסן און זיך באַפּרי-
דיקט מיטן פעטן שעפּסנס און דאַן אַ זאָג געטון:

— כ׳האָב אַדורכגעפּירט אַ פיין געשעפט מיט קאָנראַד
ליט, היינט אינדערפרי. ס׳האָט אַריינגעבראַכט פינף הונדערט
גוטע, קיילעכדיקע שטיקלעך אין מיין קעשענע. זייער פיין —
פיין! און דאָך — איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מיר
היינט געשען. אפשר איז דאָס אַזאַ מין אַטאַק פון אַ פרי-
לינגס-פיבער, אָדער ווייל כ׳זיץ ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי
די גאָנטשס, אָדער מעגלעך, אַז דער ווינטער האָט אויף מיר
שלעכט געווירקט, אָבער אַ גאַנצן טאָג פיל איך עפּעס אַזאַ
ביטערן טעם אין מויל. נאַטירלעך בין איך נאָך נישט אַזוי
נאַריש, אַז איך זאָל עס דערציילן די חברה אָדערביים טיש
פון די „ווייסע חברהניקעס“, אָבער דיר—דו קאָנסט דאָס געפיל, פּאָול?
עס קומט אָן אויף מיר. כ׳האָב געטאָן אַלץ, וואָס כ׳האָב באַ-
דאַרפט טאָן, כ׳בין מפרנס אַ בני-בית, פאַרמאָג אַ שיין הויז
און אַ זעקס-צילינדערדיקן אויטאָמאָביל. פיר אַ קליין לייטיש
געשעפטל, און כ׳האָב נישט קאַ׳ ספּעציעלע ליידנשאַפטן, אַ
חוץ רויכערן — און איך באַמי זיך אויך אַ סוף צו מאַכן
דערמיט. און איך געהער אָן צו דער קירך, שפּיל גענוג גאָלף,
אין דער מאָס, און איך קום זיך צונויף מיט אָנשטענדיקע
מענטשן. און דאָך, אפילו נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען,
ווייס איך נישט, אויב איך בין אינגאַנצן באַפרידיקט!

ער האָט געצויגן די ווערטער, וואָס האָבן זיך אויסגע-
מישט מיט די געשרייען פון שכנותדיקן טישל, ער האָט מע-
כאַניש געפּלירטעוועט מיט די קעלנערינס, אַ סך געהוסט פון
דער קאַווע, וואָס האָט אים פאַרטויבט. ער איז געווען אומ-
דרייסט און שעמעוודיק און אַ מערכה, וואָס פּאָול, וואָס האָט
מיט זיין דין קול אַוועקגעשטעלט די פראַגע קלאָר און
ערנסט:

— ליבער גאָט, דזשאָרזש, ווערסט זיך דאָך נישט איינ-

רעדן, אַז דאָס אַלץ איז פאַר מיר אַ נייעס, אַז כאָטש מיר זענען אויסערלעך צופרידן, זענען מיר דען באמת גליקלעך? עס זעט אויס, ווי דו וואָלסט געוואַרט, אַז איך זאָל דיך שטראָפן פאַר דיין בונט! דו ווייסט דאָך יאָ, ווי אַזוי מיין לעבן איז!

— כ'ווייס, אַלטיטשקער.

— כ'האָב באַדאַרפט ווערן אַ פידלער. און איך בין גאָר געוואָרן אַ הענדלער פון דאַך־פאַפע! און צילע — אָך, כ'וויל זיך נישט באַקלאָגן, אָבער דו ווייסט דאָך אַליין, וואָס פאַראַ פרוי זי איז... אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל — פון נעכטן ביינאַכט: מיר גייען אין אַ קינאָ אַריין. אַן עולם מענטשן זיצן דאָרטן אין וואַרטע־זאַל, מיר זענען די לעצטע. זי הויבט זיך אָן שטופן דורך אַלע מיט איר שטענדיקן: „סיר, וואָס פאַראַ העזה האָט איר?" דרך־ארץ — בנאמנות, ווי טיילמאָל, ווען איך קוק אַזוי אויף איר, ווי זי איז תמיד אויסגעפוצט און שטינקט מיט פאַרפום, און זעט אויס פאַרזויערט פון פסדר־דיקן וואָרטשען: „איך זאָג דיר, אַז איך בין נאָך ווי אַ מיידל, די פאַרשאָלטענער" — באמת, ווי דעמאָלט וואָלט איך זי פשוט דערוואָרגן! אַלזאָ, זי שטופט זיך אַדורך מיט די עלנבויגנס דורכן עולם, איך אַ פאַרשעמטער הינטער איר, ביז זי בלייבט שטיין ביי אַ רויטער, סאַמעטענער באַריערע, אַריינגעלאָזט צו ווערן די ערשטע. אָבער דאָרטן שטייט גראָד אַ קריגערישער מאַנסביל — אפשר האָט ער שוין דאָרטן געוואַרט אַ האַלבע שעה — און ער דרייט זיך אויס צו צילען און טוט צו איר אַ זאָג פולשטענדיק אויפגערעגט: — „מאַדאַם, פאַרוואָס באַמיט איר זיך מיך אַוועקצושטופן? — און זי — גאָט, כ'האָב מיך שיר נישט באַגראָבן פאַר חרפה. — זי טוט אַ פאַל אָן אויף אים — „איר זענט נישט קיין דזשענטלמען" — און זי כאַפּט מיך אָן און שרייט: — „פאָול, דער מענטש האָט מיך באַליי־דיקט!" און — אַזאַ קאַלעקע! ער איז שוין גרייט געווען זיך צו שלאָגן מיט מיר.

— איך מאַך זיך גלייך, ווי איך וואָלט נישט געהערט —

אָבער יאָ! ס'איז דען מעגלעך נישט צו הערן, ווען זי האָט אַ קוויטש געטון ווי אַ פֿאַבריק־פֿייפֿער! — איך באַמי זיך אַוועקצוקוקן — כ'קאָן דיר אפֿילו דערציילן, ווי אַזוי עס זעט אויס יעדעס ציגעלע פֿונם באַלקן אין קאָרידאָר. איין ציגעלע האָט אַ ברוינעם פֿלעק און עס זעט אויס ווי דאָס פּנים פֿון אַ טייוול — און די גאַנצע צייט מוז איך אויסהערן ווי די מענטשן דאָרטן, וואָס זענען געווען צונויפֿגעפּרעסט ווי סאַרדינען, רעדן וועגן אונז. און צילע לאָזט אין באַוועגונג דאָס קליינע ציגעלע און הערט נישט אויף צו שרייען: „אַזוינע מענטשן ווי יענעם דאַרף מען נישט אַריינלאָזן אין אַן אָרט, וואָס איז באַשטימט פֿאַר דאַמען און דזשענטעלמענער. פּאָול, טאָמער ווילסטו אַריינרופֿן דעם דירעקטאָר, ער זאָל אַרויסוואַרפֿן דעם אויסוווּרף פֿון דאַנען?" און — אוי! כ'האָב לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען כ'האָב זיך ענדלעך אַריינגעקריגן אין דעם פֿינסטערן זאַל!

—נאָך פֿיראונצוואָנציק יאָר אָפּלעבן אַזאַ לעבן, וועסטו מיר אַודאי נישט איינרעדן, אַז איך וועל אויסהערן מיט אַן אָפֿן מויל, ווי דו באַקלאָגסט זיך, אַז דאָס זיסע, רויקע, מאָראַלישע לעבן איז נישט אַזוי, ווי עס דאַכט זיך. איך קאָן נישט רעדן וועגן דעם מיט קיינעם, אויסער מיט דיר, ווייל יעדערער וועט זאָגן, אַז איך בין געווען פֿאַרבלענדט. און אפשר בין איך טאַקע געווען פֿאַרבלענדט. איך קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן... צו אַלדי רוחות, אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק מוזטו אויסהערן מיינע געוויינען. ס'לעצטע מאָל, דזשאָרזש!

— פֿלוידערסט, פּאָול, אינדעראמתן האָסטו זיך נאָך קיינמאָל נישט באַקלאָגט פֿאַר מיר. טיילמאָל — בלאָז איך מירען און די קינדער אין די אויערן אַריין, ווי אַ גרויסער מעקלער איך בין, און דאָך לויפֿט מיר טיילמאָל דורך אַ געדאַנק, אַז אייגנטלעך בין איך גאָרנישט אַזאַ פּירפּאָנט מאָרגאַן, ווי איך שטעל עס מיר פֿאָר. אָבער אויב איך האָב אַמאָל גע-

קאָנט זיך טרייסטן, אַלטער פאָולס, איז עס אפשר דאָס, אַז דער הייליקער פעטער וועט מיך אויך אַרייַנלאָזן. אפשר...

— המ, ביסט אַן אַלטער לץ, דזשאָרזש, דיין פריילעכקייט רייסט די אויערן, אָבער האָסט מיך באמת אָפּגעהיט אויף מיין וועג.

— פאַרוואָס גיסטו נישט צילען קיין גט?

— פאַרוואָס כ'גיב איר נישט קיין גט! הלואי וואָלט איך געקאָנט! הלואי וואָלט זי מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט דערצו. ווייסט דאָך זי נישט צווינגען, אַז זי זאָל נעמען פון מיר אַ גט, ניין, און מיך נישט אָוועקוואַרפן. זי האָט צו שטאַרק ליב אירע קליידלעך און מאַנדל-שאָקאָלאַד. הלואי וואָלט זי געוועזן צו מיר דאָס, וואָס מען רופט אַן אומגעטריי! דזשאָרזש, כ'וויל נישט זיין אַזוי-ווייט נידערטרעכטיק. אין שול פלעג איך זאָגן, אַז אַ מענטש, וואָס טראַכט אַזוי, דאַרף געשאָסן ווערן גלייך מיט דער זונאויפגאַנג. אָבער באמונות, איך וואָלט געלאַכט ביז צו שטאַרבן, ווען זי וואָלט זיך באמת אין עמעצן געליבט. אַ ברייטע מעגלעכקייט! נאַטירלעך, פלירטעוועט זי מיט יעדן איינציקן — האָסט דען שוין געזען, ווי זי שטרעקט אויס די הענט און זי לאַכט — אָ, דאָס געלעכטער, דאָס שרעקלעכע מעטאַלענע געלעכטער. ווי אַזוי זי פישטשעט אַרויס: — איר זענט חוצפהדיק, זייט בעסער פאָרזיכטיק, וואָרום מיין מאַן וועט אָנקומען בין איך אייך נישט מקנא! — און דער פאַרשוין טוט אַ קוק אויף מיר פון קאָפ ביז די פיס און טראַכט זיך: — מאַך פליטה, בריאה, וואָרום, אויב נישט... און זי לאַשטשעט זיך צו אים ווי אַ קאַץ, כדי צו ווערן אַ ביסל אָנגענעם אויפגערייצט און דאַן שפילט זי אַ ראָלע פון אַ באַוווסטע צניעה און זי האָט אַ גלענצנדיק געלעגנהייט זיך צו באַקלאָגן: — כ'האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט, אַז איר זענט אַזעלכער. ווען אַזוינע דאָן זשואַנס דערציילט מען אין די ביכער —

— אַזעלכע וואָס?

— ...אָבער אַ קלוגע, שטרענגע, גאָרסעטירטע, לאַנג

פארהייראַטעטע פרוי, ווי צילע, איז ערגער פון אַן אַלטע-גאַר-
סאָן מיידל, וואָס וואַרפט זיך דרייסט אין די פוואַליעס פון
לעבן — און היט גוט איר פאַרמאַכטן רעגנשירם, ביי איר
מאַנטל! אָבער ס׳איז נאַריש, דו ווייסט גאַנץ גוט ווער צילע
איז, זי שעלט-שעלט—שעלט. ווי זי פאַרלאַנגט אַלץ, וואָס
כ׳זאָל איר קויפן, כאָטש איך קען נישט. און ווי ווייניק אי-
בערגעשפיצט זי איז, און אַז איך הויב שוין אָן ווערן אומ-
געדולדיק און וויל מאַכן מיט איר אַ שטיקל אָרדנונג, שפילט
זי מיר אַ ראָלע פון אַ רייף מיידל, אַז אפילו איך ווער לגבי
איר נאָכגיביק און איך געוווין מיך צו צו איר אומאויפהער-
לעכן: — האָסט געזאָגט — און — נישט דאָס האָב איך געמיינט. —
איך זאָגט דיר דזשאָרזש: דו ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז מיין
געשמאַק איז אַ גוטער און שרעקלעך פשוט — לפחות צו
מאכלים. נאַטירלעך, ביסטו תמיד אומצופרידן ווייל כ׳האָב ליב
די גוטע ציגאַרן — נישט די פלאָר דע קעבידזש, וואָס דו
רויכערסט —

— דאָס ביסטו גערעכט! די ציגאַרן זענען גאָר
נישט שלעכט. אגב, פאָול, דוכט מיר, כ׳האָב דיר שוין
געזאָגט, אַז איך האָב באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיטן רוי-
כערן —

— יאָ, טייערער — און חוץ דעם אויב כ׳קאָן נישט
האָבן דאָס, וואָס איך האָב ליב, קאָן איך זיך באַגיין אָן דעם.
איך קאָן אַפילו עסן צוגעברענט שעפסנס מיט האַרטע אַרבעס-
לעך און פאַרדאַרטן קיכן נאָך דעם, אָבער איך וועל קיינמאָל
נישט האָבן קיין רחמנות אויף צילען, אויב די דינסט איז
צוליב איר שלעכטן הומאָר פלוצלונג אַוועקגעגאַנגען און צילע
איז אַ גאַנצן נאָכמיטאָג געזעסן אין שמוציקן, זיידענעם נעג-
ליזש און פאַרנומען געווען מיטן לייענען אַ בוך וועגן עפּעס
אַ העלד פון מזרח און האָט נישט געהאַט קיין צייט עפּעס אָפּ-
צוקאָכן. האָסט תמיד מיט מיר גערעדט וועגן „מאָראַל״ — און
געמיינט דערביי מאָנאָגאַמיע, אַזוי מיין איך. פאַר מיר ביסט,

אַ שטײנערנער זײל, און איך האַלט זיך אָן אָן דיר, אָ ער דו אינעווײניק ביסט אַ שוטה, דו —

— װאָס מײנסטו מיט דעם שוטה? דו קלײנער גאַר־נישט, לאָז־זשע דיר טאַקע זאָגן —

— האָסט ליב צו מאַכן אַ װיכטיקע מינע און מתרא צו זײן די װעלט, אַז ס'איז אַ פליכט פון אַ ביזנעס־מענטש צו זײן מאָראַליש און צו דינען אַנדערע פאַר אַ בײשפּיל. דו רעדסט אַזוי ערנסט װעגן מאָראַל, אַלטער דזשאָרזש, אַז עס איז מיר שװער זיך פאָרצושטעלן װי שטאַרק אוממאָראַליש דו מוזט זײן. אָלרײט, דו קאָנסט —

— װאַרט, װאַרט נאָר! פאַרװאָס עפּעס —

— ...רעד דיר װעגן מאָראַל װיפל דו װילסט, דאָס זענען אױסגעדראָשענע װערטער, נאָר גלױב מיר, װען איך זאָל מיך פון צײט צו צײט נישט טון אַ כאַפּ אַװעק אױף אַן אָװנט און שפּילן אַ דועט מיטן װיאָלאָנטשעליסט טעריל אָפּאַרעל, אָדער איך זאָל מיך נישט װײלן מיט עטלעכע לעבעדיקע מײד־לעך, װאָס מאַכן מיך אױף אַ װײלע פאַרגעסן אין מײן „אָנ־שטענדיק לעבן", װאָלט איך שױן לאַנג אַ מעשה אָפּגעטאָן.

—און די ביזנעס! דאָס מסחר מיט דער פּאַפּע! די פּאַט־קודנע דאַך־פּאַפּע! אָך, איך קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס האָט מיר קײנמאָל נישט פאַרשאַפט קײן פאַרגעניגן. די מחלוקת מיט די אַרבעטער־פאַרײנען און דאָס צוקוקן, װי דאָס מסחר איז געװאַקסן פון מינוט צו מינוט. אָבער װאָס פאַרא נוצן איז דאָ דערפון? דו װײסט, מײן מסחר עקזיסטירט נישט, כּדי צו־צושטעלן פּאַפּע, נאָר כּדי צו שטערן מײנע קאָנקורענטן אין צושטעלן פּאַפּע. דאָס זעלבע קומט פאָר בײ דיר. אײנער דעם אַנדערן רײסט אָפּ דעם קאָפּ און די באַפעלקערונג צאָלט דער־פאַר.

— הער מיך אױס, פּאָול! עס זעט מיר אױס, װי דײנע װערטער װאָלטן געהאַט אַ נאָענטן שײכות מיט סאָציאַליזם!

— גאַנץ מעגלעך, נאַטירלעך מײן איך דאָס נישט אַזױ ערנסט — מײן איך נאַטירלעך! — קאָנקורענץ! עס בלײבט

דער בעסטער, — עס לעבט איבער דער שטאַרקער — אָבער — אָבער אייגנטלעך וויל איך זאָגן אָט וואָס: אָט נעם למשל די אַלע מענטשן, וואָס מיר קענען, זאָל זיין אפילו די, וואָס געפינען זיך איצטער אין קלוב, וואָס זען אויס, ווי זיי וואָלטן פולשטענדיק געווען צופרידן פון זייער פריוואַט-לעבן און פון זייערע ביזנעס, וואָס טרייבן געוואַלטיק צום פראָגרעס זעניט און איר האַנדלס-קאַמער און שרייען נאָך אַ מיליאָן איינוווינער. וועט איך זיך מיט דיר, אַז ווען דו זאָלסט אַריינקוקן אין זייערע נשמות, וואָלסטו זיך איבערגעצייגט, אַז קוים איין דריטל איז צופרידן מיט זייער לעבן, מיט זייערע קינדער, פריינט און מיט זייערע מסחרים; און איין דריטל איז אומצופרידן, אָבער זיי ווילן זיך דערצו נישט מודה זיין; און ווידער נאָך אַ דריטל איז אומגליקלעך און זיי געבן זיך טאַקע אָפ אַ דין וחשבון. זיי האָבן פיינט די גאַנצע טומלענדיקע שפיל אין פראָגרעס, זייערע ווייבער לאַנגווייליקן זיי, די קינדער זעען זיי אויס נאַריש — לפחות, ווען זיי ווערן אַלט פערציק אָדער פינפאונפערציק, איז זיי יעדער זאַך לאַנגווייליק — און זיי קריגן פיינט די מסחרים, און וואָלטן צום בעסטן — פאַרוואָס מיינסטו קומען פאָר אַזוי פיל „געהיימע" זעלבסטמאָרדן? פאַרוואָס מיינסטו זענען אַזוי פיל אָנשטענדיקע בירגער אַריינגעטרעטן אין דער מלחמה? מיינסט אוודאי, אַז דאָס איז בלויז פאַטריאָטיזם?

בעביט האָט זיך אַ וואָרף געטון:

— איז וואָס ווילסטו? דו מיינסט, אַז מיר זענען באַשאַפן געוואָרן אויף דער וועלט, כדי צו האָבן פאַרגעניגן און זיך צו ווילן אויף איר — ווי רופט מען דאָס? — צו שווימען אין אַ בלומענדיקער בעט פון תענוגים? מיינסטו אַז אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, כדי צו זיין גליקלעך?

— יאָ, פאַרוואָס נישט? הגם איך האָב נאָך קיינמאָל נישט באַגעגנט עמעצן, וואָס זאָל וויסן, צו וואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן!

— נו, מיר ווייסן — נישט נאָר בלויז פון דער ביבל, נאָר פון פראָסטן שכל — אַ מענטש, וואָס אַרבעט נישט און

האָט נישט זיינע פליכטן, אפילו ווען די פליכטן ווערן אים טייל־מאָל דערעסן, איז גאָרנישט נאָר אַ — ער איז פשוט אַ שוואַך באַשעפעניש. אַ רחמנותדיקע בריאה! און וואָס ווילסטו פאַרטיידיקן! שטעל דיך פאַר אַ משפט! אויב אַ מענטשן איז אַביסל דערעסן געוואָרן זיין ווייב, מיינסטו, אַז ער האָט שוין רעכט זי אַוועקצוואַרפן און זיך צו נעמען אַ געמיינע מויז, אָדער באַגיין זעלבסטמאָרד?

— גוטער גאָט, כ׳הויב נישט אָן צו וויסן צו וואָס אַ מענטש האָט ר ע כ ט! און איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון די לאַסטן. ווען איך וואָלט דאָס געוווּסט, וואָלט איך געווען איינער פון די פילאָזאָפן, וואָס האָבן אויסגעפינען אַן אופן ווי אַזוי צו לעבן. אָבער איך ווייס, אַז ס׳איז דאָ צען מאָל מער מענטשן. וואָס ס׳איז זיי שוין דערעסן געוואָרן ס׳לעבן, ווי די וואָס ווילן זיך דערצו מודה זיין. און איך בין איבערגעצייגט, אַן מיר וואָלטן זיך אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון און איינמאָל פאַר אַלעמאָל צעבראָכן אַלצדינג, אָנשטאָט צו זיין העפלעך, געדולדיק און לאָיאַל אין משך פון זעכציק יאָר און דאַן העפלעך, געדולדיק און לאָיאַל ביים טויט, ווער ווייסט, מעגלעך, אַז אונזער לעבן וואָלט געווען שענער.

זיי האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ פילאָזאָפישער גריבלעריי. בעביט איז געווען אומגעלומפערט און גראָב ווי אַ העלפאַנט. פאָול איז געווען ביים מוט, אָבער ס׳איז נישט געווען זיכער, צי ער איז פעסט מיט זיין מוטיקייט. פון צייט צו צייט האָט בעביט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. דערדאָזיקער שאָקל איז געווען אַ סתירה צו זיין פאַרטיידיקן די פליכטן און קריסטלעכע הכנעה, און ביי יעדן מאָל האָט ער דערפילט אַ מאָדנע אומדערוואַרטעטע באַפרידיקונג. לסוף האָט ער אַ זאָג געטון:

— הער מיך אויס, אַלטער פאָול, דו רעדסט אַ סך, אַז מ׳דאַרף שמייסן יענעם אין פנים, נאָר דו שמייסט קיינמאָל נישט. פאַרוואָס טוסטו עס נישט?

— ווייל קיינער טוט דאָס נישט. די געוווינהייט איז

שטאַרק. אָבער — דזשאָרזש כ'האָב שוין אַמאָל געטראַכט וועגן אַ פֿיינעם אויפֿטו. — אָך, שרעק דיך נישט אַלטער זייל פֿון דער מאָנאָגאַמיע. ס'איז גאַנץ אָנשטענדיק. אַזוי וועט עס זיין — סיידן נאַטירלעך צילען וועט זיך פֿאַרגלוסטן צו מאַכן אַ פֿעריען-רייזע קיין נוי-יאָרק און אַטלאַנטיק-סיטי מיט איר ברייטן פֿאַרנעם, מיט די קאָקטאַילן און ענגעביידלעך צו טאַנצן — די בעביטס און ריסלינגס וועלן פֿאָרן צום ים סאַנעסקיום, אמת, אַזוי? פֿאַרוואָס זאָלן מיר זיך נישט קאָנען אַרויסדרייען פֿון זיי און מאַכן אַן איַסרייד — זאָגן למשל אַ געשעפֿט און נוי-יאָרק — און מיר זאָלן אַ פּאָר טון קיין מאַין מיט אַ פֿינף טעג פֿריער פֿאַר זיי, און לעבן מיט זיך אַליין און רויכערן און זיין נאַטירלעך.

— גרויס! אַן הערלעכער געדאַנק! — האָט בעביט מודה געווען.

שוין פֿערצן יאָר ווי ער האָט זיך נישט געמאַכט קיין אורלויב אָן זיין ווייב, און קיין איינער פֿון זיי וואָלט זיך נישט צוגעגלויבט, אַז ער זאָל האָבן דעם מוט צו טון אַזאַ טאָט. אַ סך מיטגלידער פֿונם אַטלעטן-קלוב זענען געפֿאָרן אויף אויספֿלוגן אָן זייערע ווייבער, אָבער זיי האָבן זיך בעת דידאָזיקע אויספֿלוגן באמת פֿאַרנומען מיט פֿישפֿאַנג און מיט יאַגד, בעת דער ספּאָרט פֿון בעביטן און ריסלינגען איז באַשטאַנען אין שפּילן אין גאָלף, רייזעס מיטן אויטאָמאָביל און ברידזש. פֿאַר אַנדערע פֿון די פֿישער אָדער גאָלף-שפּילער, וואָלט אַן ענדערונג אין דער געוווינהייט געהייסן אַ פֿאַרגוואַלדיקונג פֿונם אַרויפֿגעלייגטן אויף זיך דיסציפּלין, וואָס וואָלט אויפֿגעבראַכט די גוט-טראַכטנדיקע און סאָלידע בירגער.

בעביט האָט געליאַרמט:

— פֿאַרוואָס זאָלן מיר נישט זאָגן אָפֿן און שאַרף: מיר פֿאָרן פֿריער ווי איר, און אַזוי דאַרפֿן מיר טון! איך זע דערין נישט איין קיין פֿאַרברעכן, פּשוט אַזוי זאָלסטו זאָגן צילען —

— צו צילען קאָן מען גאָרנישט זאָגן פּשוט. די ווייסט,

דזשאָרזש, זי איז פונקט אַזוי מאָראַליש ווי דו און ווען איך זאָל איר זאָגן דעם אמת, וואָלט זי געווען איבערגעצייגט, אַז מיר דאַרפן זיך טרעפן מיט דאַמען אין נוי־יאָרק. און אפילו מירע — זי פייניקט דיך קיינמאָל נישט, ווי צילע מיך, אָבער אַפילו זי וועט זיין בייז. זי וועט זאָגן: — ווילסט נישט איך זאָל פאָרן מיט דיר קיין מאַין? עס חלומט זיך מיר נישט אפילו צו פאָרן, — סיידן וועסט עס דורכאויס פאַרלאַנגען — און דו וועסט זי בעטן. אָך, צו אַלדי רוחות! לאָמיר שפילן אַ פאַרטיע דאָק־פיין.

בעת דער שפיל אין דאָק־פיין, אַזאַ מין יוגנטלעכער קעגעל־שפיל, האָט בעביט געשוויגן. און בעת זיי זענען געגאַנגען אויף די טרעפ, נישט מער ווי אַ האַלבע שעה שפעטער, ווי בעביט האָט שטרענג גערעדט צו פריילין מעק גאָון און שוין דאָרטן געוואָלט גיין צוריק, האָט פאָול אַ זיפץ געטון:

— הער אויס, אַלטער פריינט, איך האָב נישט געדאַרפט רעדן אַזוי איבער צילען, ווי איך האָב היינט גערעדט.

— נאַרישקייטן, אַלטער פאָול. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך.

— אָך, כ'ווייס! נאָך גאַנצע שעהן אָפלאַכן פון אַלערליי קאָנווענציאָנעלע נאַרישקייטן, בין איך גענוג קאָנווענציאָנעל, אַז איך זאָל זיך שעמען דערמיט, וואָס איך האָב מיך פאַר אַנדערע אַראָפגערעדט אַביסל פון האַרצן.

— אַלטער פאָול, דיינע נערוון ווייזט אויס, זאָגן זיך אָפ. איך וועל דיך אַוועקנעמען פון דאַנעט. מ'דאַרף מאַכן פון דיר אַ שטיקל תכלית. כ'וועל האָבן אַ וויכטיק מסחר אין נוי־יאָרק און — און פאַרשטייט זיך, נאַטירלעך! וועל איך זיך מיט דיר שואל יועץ זיין וועגן דעקן אַ הויז מיט פאַפע! און מיר וועלן זיך אויף שאַ־שטיל טון אַ פעקל אַוועק קיין מאַין. איך מיין — פאָו., אַז מיר זענען שוין יאָ געגאַנגען אַזוי ווייט, קאָן איך דיר מודה זיין, אַז דיין מאָראַל גייט מיך ווייניק־וואָס אָן! איך האָב ליב צו טראַכטן וועגן

דעם, אַז איך געהער אָן צו אָרנטלעכע מענטשן, אָבער ט
נאָר צו מיר אַ ווינק, ברעך איך אַלצדינג און איך קום צו
דיר צו יעדער צייט! נישט דאַמאָלס, פאַרשטייט זיך, אויב דו,
באַטירלעך מיין איך נישט, אַז דו קענסט טון עפּעס אַזעל-
כעס, וואָס זאָל קאַליע מאַכן דעם נאָמען פון אַן אָרנטלעכן
מענטשן, אָבער פאַרשטייסט שוין וואָס איך וויל דיר זאָגן?
איך בין אַ שווערער אומגעלומפּערטער בער. מיר פעלן דיינע
פיינע קינסטלערישע קאַפּריזן. מיר — ליבער גאָט, צו אַלדי
רוחות. איך קען דאָך נישט שטיין און פּלוידערן מיט דיר אַ
גאַנצן טאָג. מ׳דאַרף גיין צו דער אַרבעט, אויף ווידערזען
פּאָוליבוס, און לאָז זיך נישט אַזוי שפּייען אין דער קאַשע.
צום ווידערזען!

קאַפּיטל VI

ער האָט פאַרגעסן אָן פּאָול ריסלינג אין משך פונם גאַנצן נאָכמיטאָג, וואָס איז נישט אַדורך אָן אָנגענעמע דעטיילן. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין דער ביוראָ, וואָס האָט זיך אפנים געקאָנט אָן עצה געבן אָן אים אויך, איז ער געפאָרן מיט אַ ערד-שפעקוליאַנט, כדי אים צו ווייזן אַ פיר שטאָקיקע געביידע אין דער ליינט געגנט. דעם פרעמדנס התפעלות פאַר זיין נייעם ציגאַרן-צינדער האָט אים באַגייסטערט. די נייקייט פונם דאָזיקן מעכאַניזם האָט אים געצוואונגען דריימאָל עס צו באַנוצן. דריימאָל האָט ער אַרויסגעוואָרפן די האַלב-אויסגערויכערטע ציגאַרן, נישט אויפהערנדיק צו טענהן: — איך מוז אַ סוף מאַכן צו דעם פאַרשאָלטענעם רויכערן!

דער ברייטער וואָרט אויסטויש איבער די קלענסטע איינצלהייט פון ציגאַרן-צינדער האָט צוגעפירט צו דער טעמע פון עלעקטרישע פרעס-אייזנס און בעט-וואַרעמער. בעביט האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין אַלטמאָדישקייט, וואָס ער באַנוצט זיך נאָך מיט אַ וואַרעם-פלאַש, און ער האָט צו וויסן געטון, אַז ער וועט תיכף לאָזן אַדורכפירן עלעקטרישע לייטונג אין אַלקערל. ער האָט פאַרמאָגט אַן אומגעהויערע פּאָעטישע באַוואונדערונג און זייער קנאַפּ פאַרשטענדעניש פאַר אַלע מעכאַנישע איינריכטונגען. זיי זענען געווען פאַר אים דער סימבאָל פון אמת און שיינקייט. ביי יעדן נייעם קאָמפּליצירטן מעכאַניזם — אַ מעטאַלענע בויער-מאַשין, אַ שטאָלענע דריי-באַנק, מאַשינען-געווער אָדער אויטאָמאַטישע לייט-אינסטרומענטן — האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ גאַנצן, נאַטירלעך קלינ-

גענדיקן זאַך אויסנווייניק און אָט דעם זאַך האָט ער איבער־געחזרט מיט אַ דערהויבן געפיל, אַז ער איז אַ טעכניקער און פאַרמאָגט פאַרשטענדעניש פאַר יעדער זאַך.

דער קויפער איז מסכים צו זיין באַוווּנדערונג פאַר מאַ־שינען. זיי זענען פריילעך פאַרפאָרן פאַר דער אויבנדערמאָנ־טער געביידע און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די גענויע אויס־פאָרשונג פון דעם משופעדיקן דאַך, די קאַמין־טירלעך, די זיבן־אַרט צאָליקע מיט געהיים־געטשוועקעוועטע דילן. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען, די פיינלעכע איבערראַשונגען און די ברייטוויליקייט פון לאָזן זיך איבעררעדן, עפּעס צו טון, וואָס איז שוין פונלאַנג באַ־שלאָסן געוואָרן צו טון, אונטערהאַנדלונגען, וואָס וועלן זיך אין איינעם אַ טאָג פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרקויפס־אָפּמאַך.

צוריקוועגס האָט בעביט אַרויסגעריסן זיין שותף און שווער היינריך טאָמפּסאָן פון זיין קיך־מעבל־פאַבריק און זיי זענען צוזאַמען דורכגעפאָרן צפון־זעניט, אַ פילפאַרביקע, פּראַכ־טיקע, טומלענדיקע אויפרייצנדיקע געגנט: נייע פאַבריקן, אינגאַנצן פון הילצערנע ציגל, מיט גרויסע, מיט דראָט־דורכ־געפלאָכטענע פענסטער, פאַררויכערטע אַלטע פאַבריקן אויסגע־שמירט מיט סמאָלע, ריזיקע וואַסער־רעזערוואַרן, גרויסע, רויטע לאַסט־וועגן, ווי לאָקאָמאָטיוון, ווייט גייענדיקע וואַגאָנען: פון דער נעוויאָרקער צענטראַל באַלאָדנט מיט עפּל, פון גאַנץ דרום זייט מיט ווייץ, און פון צפון־פּאַציפיק זייט מיט פּאָמעראַנצן.

זיי האָבן געשמועסט מיטן סעקרעטאַר פון דער זעניטער אייזן־גיסעריי וועגן זייער אַן אינטערעסאַנטן קינסטלערישן פּראָיעקט פון אַ פאַרקאַן צום בית הקברות־לינדן־ליין פון שטאַכעטן אויס געגאָסן אייזן. זיי זענען שטיין געבליבן פאַר דער ציקאָ מאָטאָר קאָמפּאַניע און דיסקוסירט מיט הער נאָעל ריי־לענד, דער פאַרוואַלטער פון דער פאַרקויף־אָפּטיילונג, די פראַגע וועגן ראַבאַט ביים קויפן אַן אויטאָמאָביל פאַר טאָמפּסאָנען. בעביט און ריילענד זענען געווען מיטגלידער אין בוסטער־קלוב, און איין בוסטער האָט קיין שום זאַך נישט געקויפט

פון אַן אַנדערן בוסטער אָן ראַבאַט. אָבער היינריך טאָמפּסאָן האָט אַ מורמל געטון: — אַז נישט דערלעבן זאָלט איר! איך קריך נישט אַרום אויסצושנאָרען אַ ראַבאַט, אייך צו פאַרשאַפן אַ פאַרגעניגן, דאָס איז געווען איינע פון די חלוקי־דעות צווישן טאָמפּסאָן, דעם אַלטמאָדישן, דאַרן יענקע, דעם שאַרפן טראַדיציאָנאַליסט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט אַ טעאַטראַלן טיפּ פון אַן אַמעריקאַנער ביזנעס־מאַן, און העד בעביט — דער קיילעכדיקער, גלאַטיקער, טיכטיקער, אויפגעוועקטער און אין יעדן פּרט פולקאָמענער מאָדערנער פּראָדוקט. יעדעס מאָל, בעת טאָמפּסאָן האָט אַ מורמל געטון: — פאַרדריי נישט דעם קאָפּ מיט דיין הער דזשאָן הענקאָק! — האָט זיך בעביט צעלאַכט פון דעם פּראָווינציאָנאַליזם, ווי אַ געבוירענער ענגלענדער, וואָס לאַכט פון אַן אַמעריקאַנער. בעביט האָט געוווּסט, אַז זיין בילדונג איז אַ סך עסטעטישער און ראַפינירטער געווען ווי טאָמפּסאָנס. ער איז געגאַנגען אויפן אוניווערזיטעט, געשפּילט גאָלף, אָפט גערויכערט פּאַפּיראָסן שטאָט ציגאַרן, און ווען ער איז געפאָרן קיין טשיקאַגאָ, האָט ער אין האָטעל תמיד געדונגען אַ צימער מיט אַ באָד. — די גאַנצע לעכערלעכקייט פון דער זאַך באַשטייט אין דעם — האָט ער געזאָגט צו פּאָול ריסלינג — וואָס אָט דעם אַלטן פערד פעלט אַביסל סובטעלקייט און אויפמערקזאַמקייט צו דער הייַנטיקער צייט!

דערדאָזיקער פאָרשריט פון דער ציוויליזאַציע קאָן אָבער טיילמאָל דערפירן צו ווייט, ווי בעביט אַליין האָט עס מודה געווען. נאָעל ריילענד, דער פאַרוואַלטער פון דער פאַרקויפס־אָפּטיילונג אין דער פירמע ציקאָ, איז געווען אַ פרייער צוהערער אויפן אוניווערזיטעט אין פּרינקטאָן, בעת בעביט איז געווען אַ סאָלידער, מוסטערהאַפטער עקזעמפּלאַר פון אַ גרויסע אינטעליגענטן־פאַבריק, פון אַ מלוכה אוניווערזיטעט. ריילענד האָט געטראָגן קאַמאַשן, ער האָט געשריבן לאַנגע אַרטיקלען וועגן שטעט־בוי און וועגן שטאָטישן פאָלקס־כאָר און, הגם ער האָט אָנגעהערט צום בוסטער־קלוב, האָט מען גע-

שמועסט וועגן אים, אַז ער טראָגט ביי זיך אין קעשענע קליינע ביכלעך לידער אין פרעמדע שפּראַכן. דאָס האָט שוין אַריבערגעשטיגן יעטוועדער גרענעץ. היינריך טאָמפּסאָן איז געווען דער עקסטרעם פון באַגרענעצטקייט און נאָעל ריילענד, דער לעצטער אויסדריק פון איבערגעטריבענעם מאָדערניזם. צווישן זיי ביידע איז געשטאַנען בעביט מיט זיינע פריינט, די, וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די שטאָט, די עוואַנגעלישע קירך, דאָס בני-בית און געהאַלטן פון סאָלידע געשעפטן.

מיט דערדאָזיקער ריכטיקער אָפּשאַצונג וועגן זיין אייגענער פּערזענלעכקייט — און מיט אַ צוזאָג צו באַקומען אַ הנחה ביים קויפן אַן אויטאָמאָביל פאַר טאָמפּסאָנען — האָט בעביט טריומפירנד זיך אומגעקערט אין זיין ביוראָ.

און בעת ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר פון דער ריוס-געביידע, האָט ער אָפּגעזיפצט:

— אָרעמער, אַלטער פּאָול! איך מוז אים — צום טייוול מיט נאָעל ריילענד! צום טייוול טשאַרלס מעק קאַלווי! זיי מיינען, אַז זיי זענען בעסער ווי איך, בלויז צוליב דעם, וואָס זיי פאַרדינען מער געלט. איך וועל מער נישט גיין אין זייער אַלטן, נידערטרעכטיקן קלוב, בשום אופן נישט! איך — מערקווירדיק כ'האָב היינט גאָרנישט קיין חשק צו אַרבעטן. נו, אַלזאָ —

ב.

ער האָט אָפּגעענטפערט אויף די טעלעפאָנישע רופן, ער האָט דורכגעלייענט די פיר נאָכמיטאָג-פּאָסט, ער האָט אונטערגעשריבן די בריוו פון פאַרמיטאָג, ער האָט געשמועסט מיט אַ לאָקאַטאָר וועגן אַ רעמאָנט, ער האָט זיך איבערגעוואָרטלט מיט סטענלי גראַף.

דער יינגער גראַף, דער הויפּט פאַרקויפער, האָט תמיד געהאַט טענות, אַז אים קומט אייגנטלעך פּראָוויזיע, און היינט האָט ער אָפן געזאָגט:

— איך מיין, אַז כ'דאַרף עפּעס קריגן. וויבאַלד ס'וועט

מיר געלונגען דורכצופירן דעם פאַרקויף פון העלער-הויז. איך ברענג מיר די פיס און אַרבעט ביז שפעט ביינאַכט.

בעביט האָט אָפּטמאָל געגעבן צו פאַרשטיין זיין ווייב, אַז ס׳איז גלייכער „אַרויסצוהעלפן די ביוראָ־אָנגעשטעלטע און זיי גליקלעך צו מאַכן, איידער צו שרייען און בייזערן זיך — זיי אַרבעטן גיכער און בעסער״, אָבער ער האָט זיך געפילט געקרענקט פון דעמדאָזיקן אומדערוואַרטעטן מאַנגל אין אָנער־קענונג. און ער האָט זיך געווענדעט צו גראַפן:

— הערט מיך אויס, סטען, איך וועל אייך עפעס זאָגן קלאָר און שאַרף. איר רעדט זיך איין, אַז איר פירט דורך אַלע קניות. וואָס פאַר אַ געדאַנק האָט איר זיך אַריינגענומען אין קאָפּ? פאַרטראַכט אייך נאָר, וואָס איר וואָלט געקאָנט טון, ווען מיר זאָלן נישט שטיין לעבן אייך מיט אונזערע קאַפּיטאַלן און מיט אונזער רשימה הייזער, מיט אונזער קונדשאַפט, וואָס מיר ברענגען אייך? אייער אַרבעט איז נישט מער, ווי צוצופאַסן זיך צו אונזערע אָנווייזונגען און שליסן די אָפּמאַכן. אונזער פּאָרטיער אַפילו קאָן דאָך פאַרקויפן די בעביט-טאָמפּסאָן אַרטיקלען. איר זאָגט, אַז איר זענט פאַרליבט אין אַ מיידל, אָבער שטאָט מיט איר צו פאַרברענגען די אָוונטן מוזט איר לויפן צו די קונים. יאָ, אָבער פאַרוואָס, צום טייוול, זאָלט איר דאָס נישט טון? נאָר וואָס דען ווילט איר טאָן? אַנידערזעצן זיך לעבן מיידל און האַלטן איר האַנט? דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, סטען, וויבאַלד אייער מיידל איז שטאַקע עפעס ווערט, איז זי מער גליקלעך, אַז איר אַרבעט און פאַרדינט געלט אויף איינאָרדנען אייער צוקונפטיקע נעסט, ווי איר זאָלט זיצן לעבן איר און פּלוידערן נאַרישע ליבע־ווערטער. אַ מענטש, וואָס מאַרנעוועט זיין צייט, וואָס איז באַשטימט אויף אַרבעט, פאַרברענגט די אָוונטן אויף לייענען נאַרישע ראָמאַנען אָדער אויף פּלוידערן, דער טייוול ווייסט אים וואָס, מיט זיין געליבטע, אָט אַזאַ מענטש איז נישט קיין סאָלידער, ענערגישער יונגערמאַן, וואָס זאָרגט פאַר אַ צוקונפט! מיר לפחות נויטיקן זיך נישט אין אַזוינעם? וואָס האָט איר

זיך גענומען פאַר אַ ציל און פאַר אַ אידעאַל? צי ווילט איר פאַרדינען געלט און ווערן אַ טיכטיקער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט, צי ווילט איר זיך אַרומשלעפן אָן אַ אידעאַל, אָן אַ ציל?

גראַף איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי פילבאַר פאַר דער צוקונפט און אידעאַלן ווי איצטער.

— צי איך וויל פאַרדינען געלט! דאָס קענט איר פרובירן, דערפאַר טאַקע פאָדער איך פּראָוויזיע! בנמנות, הער בעביט, איך וויל זיך נישט מאַכן אין אייערע אויגן נבזהדיק, אָבער דאָס העלער-הויז איז פּשוט אַ שרעק. קיינער וויל עס דאָך נישט קויפן. דער דיל איז דורכגעפוילט און די ווענט זענען גאָס.

— זעט איר שוין, דאָס האָב איך טאַקע געמיינט! אויב אַן אַגענט האָט ליב זיין אויפגאַבע, זענען אַזוינע שווערע מסחרים פּשוט פאַר אים אַ מחיה. איבעריקנס, סטען—גאַנץ פּשוט, טאָמפּסאָן און איך זענען פּרינציפּיעל קעגן פּראָוויזיע. מיר האָבן אייך ליב, און מיר ווילן אייך גאַנץ גערן בייהילפיק זיין חתונה צו האָבן, אָבער מיר טאָרן זיך נישט באַציען ערגער צו די איבעריקע אָנגעשטעלטע, ווי צו אייך. אויב מיר זאָלן אייך געבן פּראָוויזיע, טאָ הלמאַי זאָלן מיר נישט געבן ליליאָקן אָדער פּעניִמען. וואָס גערעכט איז גערעכט; אָבער צו מאַכן אַ חילוק פון איינעם צום אַנדערן, דאָס איז נישט יושרדיק, דאָס וועט ביי מיר אין ביוראָ נישט געשען! איר זאָלט אייך נישט איינרעדן סטען, אַז דערפאַר, וואָס ס'איז בעת דער מלחמה שווער געווען צו קריגן אַ גוטן אַגענט, וועלן מיר היינט נישט געפינען אַ סך, וואָס וועלן גערן אָננעמען אייער שטעלע. איך קען אַ סך ייִנגע מענטשן, וואָס וואָלטן געווען שטאַרק צופרידן, אויב מיר זאָלן זיי נעמען צו זיך און זיי געבן אַ מעגלעכקייט זיך אַרויפצואַרבעטן. זיי וועלן נישט זאָגן, אַז טאָמפּסאָן און איך זענען זייערע שונים! און זיי וואָלטן געאַרבעט פאַר בלויז פּראָוויזיע. נו, וואָס זאָגט איר וועגן דעם, וואָס? אַ? וואָס זאָגט איר דערצו?

— נו יאָ — אוודאי — נאַטירלעך — האָט גראַף אָפּגעזיפצט און בעת מעשה זיך אַרויסגערוקט הינטערוויילעכטס.

עס איז געווען זעלטן, אַז בעביט זאָל זיך איינרייסן מיט זיינע מענטשן. עס איז אים געווען אָנגענעם, ווען די מענטשן האָבן אים ליב געהאַט; ער איז געווען פאַרצווייפלט, ווען זיי האָבן אים פיינט געהאַט. אָבער קוים האָט מען געפּרוווט אָנרירן זיין הייליקע קעשענע, איז בעביט אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרימצאָרן. פונדעסטוועגן, זייענדיק אַ מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט שיין צו רעדן און פאַרמאָגט איידעלע פּרינציפּן, האָט ער זיך אין אַזאַ פאַל געקוויקט מיט די קלאַנגען און מיטן אויסוואַל פון זיינע ווערטער און מיטן גרויסקייט פון זיין צניעות. היינט אָבער איז ער געווען אַזוי ווייניק באַגייסטערט פון זיך, אַז ער איז אַרומגענומען געוואָרן פון ספקות, צי ער האָט אַמאָל נישט איבערגעכאַפּט די מאָס?

— חוץ-אַלעם, סטען איז דאָך שוין מער נישט קיין קינד. איך דאַרף נישט זיין צו אים אַזוי שטרענג. אָבער צום טייוול, ט״ילמאָל מוז מען די מענטשן אַביסל דורכטרייסלען. דאָס מאַכט זיי בעסער. אמת טאַקע, אַז דאָס איז זייער אַ פיינלעכע אויפגאַבע, אָבער... כ׳בין טשעקאַווע, צי סטען איז ביין? וואָס רעדט ער איצטער צו דער פריילין מעק גאָון?

דער קאַלטער ווינט פון האַס, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן צו אים פון גרויסן ביוראָ-צימער, האָט צעשטערט אין אים די גוטע שטימונג, מיט וואָס ער פלעגט זיך שטענדיק אומקערן אַהיים. ער איז געווען פאַרצווייפלט דערפון, וואָס די אָנגעשטעלטע שעצן נישט זיין האַנדלונג, הגם דאָס איז די פליכט פון יעדן אונטערטעניקן. געוויינלעך האָט ער ווי אַלע מאָל, פאַרלאָזט די ביוראָ מיט טויזנט ווייטיקע און גוטמוטיקע אָנווייזונגען, וואָס האָבן זיך פאַרענדיקט דערמיט, אַז מאָרגן וועט זיין נויטיקע אַרבעט און פריילין מעק גאָון און פריילין בעניזשען וואָלטן געטון זייער גוט, ווען זיי וואָלטן קומען עטוואָס פריער, און זאָלן זיי אים דערמאָנען, אַז ער זאָל באַלד אינדערפרי טעלעפאָנירן צו קאָנראַד ליט. דעם היינטיקן אָוונט

איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון בּיוראָ אַן אומעטיקער, מיט געמאַכטער לעבּעדיקייט. ער האָט מורא געהאַט פֿאַר די אומבּאַוועגלעכע פּנימער פֿון זײַנע אָנגעשטעלטע. פֿרײַלן מעק גאָון האָט אויפֿגעהויבּן דעם קאָפּ פֿון דער מאַשין, פֿרײַלן בּעניזשען האָט אַ קוק געטון פֿון איר גרויס בּוך, מאָט פּענימען האָט עפּעס געמײַסטערוועט בּײַ זײַן שרײַבּ-טישל אין טונקעלן אַלקערל, סטענלי גראַף, וואָס זײַן פּנים איז געווען כמורנע און אויסדריקסלאָז, איז געשטאַנען גלײַך ווי פּאַר אַ בּרויטגעבּער. בּעבּיט האָט מורא געהאַט טאָמער לאַכט מען אים הינטער די פּלײצעס. ער האָט זיך בּאַמיט צו זײַן ספּעציעל פֿרײַלעך, ער האָט געשטאַמלט, געווען איבּערגעטריבּן העפֿלעך. לסוף איז ער געשוווּנד אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער בּיוראָ.

אָבּער ער האָט תּיכּף פֿאַרגעסן אָן זײַנע זאָרגן, ווי ער האָט נאָר דערזען פֿון דער שמידט-גאַס די שײנע פֿלאָרעלהײטס: די רויטע און גרינע משופּעדיקע דעכער, די בּלאַנקענדיקע, נײַע גלעזערנע ווינטער-גערטנער און די העלע, קלאָרע מויערן.

ג.

ער איז שטײן געבּליבּן, כּדי מודיע צו זײַן זײַן געלערנטן שכן האַוואַרד ליטלפֿעלד, אַז די נעכט וועלן אָנהויבּן צו זײַן קאַלטע, הגם די טעג זענען וואַרעמע. ער איז אַרײַן אין שטובּ און אַ רוף געטון זײַן ווײַבּ: — ווּ בּיסטו? — און נישט געפֿילט דערבּײַ דעם קלענסטן פֿאַרלאַנג צו דערוויסן זיך, ווּ זי איז. ער האָט בּאַקוקט דאָס גראָז-פֿעלד, כּדי צו זען, צי דער הײצער האָט עס אָפּגערײניקט, ווי עס דאַרף צו זײַן. ער האָט זיך לאַנג שואל עצה געווען וועגן דעם מיט פּרוי בּעבּיט, מיט טעד און האַוואַרד ליטלפֿעלד, און פֿעסטגעשטעלט, אַז דער הײצער האָט נישט געאַרבּעט ווי געהעריק. ער האָט אויסגעשניטן צוויי שטיקלעך ווילד גראָז מיט זײַן ווײַבּס גרויסע שער;

ער האָט ערקלערט טעדן, אַז ס'האָט נישט קיין זינען צו האַלטן אַ מענטש: — אַזאַ גרויסער יינג ווי דו דאַרף אַליין אַלץ טון ארום דער שטוב. אָבער ביי זיך האָט ער געטראַכט, אַז עס איז גאַנץ אָנגענעם צו וויסן, אַז די שכנים האַלטן בעביטן פאַר אַ רייכן אַון, אַז זיין זון דאַרף נישט אַרבעטן.

ער איז געשטאַנען אויף זער וועראַנדע פון שלאָף־צימער און געמאַכט זיינע טעגלעכע איבונגען: די הענט אין אַ זייט — צוויי מינוט; די הענט אין דער הויך — צוויי מינוט. בעת די איבונגען האָט ער געמורמלט: — כ'דאַרף מער איבן. עס קומט מיר שווער אָן; דאַן איז ער געגאַנגען אַ קוק טון, צי ער דאַרף טוישן דעם קאָלנער צו דער וויעטשערע. ווי געוויינלעך, איז עס, דאַכט זיך, נישט געווען נויטיק.

דאָס מיידל, אַ ברייט ביייניקע, קרעפטיקע לעטאָקרעטין האָט געקלינגען אין גלעקל צום עסן.

דאָס געבראָטענע רינד־פלייש, די געפּרעגלטע קאַרטאָפל און די אַרבעס אין די שאָלן זענען היינט געווען אויסגעצייכנט, נאָך אַ געהעריקע שילדערונג וועגן וועטער, וועגן די פיר הונדערט און פופציק דאָלאַר ריוח און וועגן פרישטיק מיט פאָול ריסלינג, אויך וועגן די מעלות פון דעם נייען ציגאַרן־צינדער, האָט בעביט העפלעך דערקלערט:

— איך טראַכט וועגן קויפן אַ נייען אויטאָמאָביל? כ'גלויב נישט, אַז דאָס זאָל נאָך אַרויסקומען אין דעם יאָר, אָבער־פונדעסטוועגן איז עס נישט אויסגעשלאָסן.

וועראָנע, די עלטסטע טאָכטער, האָט אויסגעשריגן:

— אָך, פאָטער, וויבאַלד האָסט בדעה צו קויפן אַ נייעם אויטאָמאָביל, טאָ פאַרוואָס זאָלסטו נישט קויפן קיין סעדאַן? עס זעט אויס פּראַקטיקער! אַ פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל איז שענער, ווי אַן אָפענער.

— נו, דערמיט בין איך נישט מסכים. איך האָב ליבער אַן אָפענעם. ס'איז דאָ מער לופט.

— אָך, פּאָטער, דאָס איז דערפאַר, ווייל דו ביסט נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן מיט אַ סעדאַן. זאָלסט קויפן נאָר אַ סעדאַן. דאָס איז דאָך פאָרנעמער — האָט טעד געזאָגט.

— אַ פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל שוינט די קליידער — האָט פרוי בעביט אַריינגעמישט —

— און די האָר פליען נישט — האָט וועראָנע אַ זאָג געטון.

— און ס'זעט אויס מער ספּאָרטלעכער! — האָט טעד צוגעגעבן.

און די ייִנגסטע טינקאַ?

— אָך, קויף אַ סעדאַן! מערי, אַלענס טאַטע האָט אויך אַ סעדאַן!

טעד האָט ווידער פאַרענדיקט אויפגערעגט:

— יעדערער האָט שוין אַ פאַרמאַכטן אויטאָמאָביל, נאָר מיר נאָך נישט!

בעביט האָט זיך געווענדעט צו זיי:

— איך מיין, אַז איר האָט זיך נאָך נישט אַזוי שטאַרק אויף וואָס צו באַקלאָגן. איבעריקנס איך קויף נישט קיין אויטאָמאָביל, כדי מיינע קינדער זאָלן זיך באַווייזן אין אים פאַר מיליאָנערן! און איך האָב ליב אַן אָפענעם אויטאָמאָביל, אַז מען זאָל טאַקע קאָנען אַראָפּלאָזן די דעק און געניסן פון פרישע לופט אין די זומער אָוונטן. חוצדעם — אַ פאַרמאַכטער אויטאָמאָביל קאָסט אַ סך טייערער.

— אַזוי, אין דעם גייט עס, כ'מיין אויב די דאָפּלברויס קאָנען זיך דערלויבן, קאָנען מיר אַודאי — האָט טעד זיך געערגערט.

— הם! איך פאַרדין אַכט טויזנט אַ יאָר און ער נאָר זיבן! אָבער איך שיט נישט אַזוי מיטן געלט און וואַרף עס נישט אַרויס אַזוי-אָ אויפן ווינט, ווי ער טוט עס. כ'האָב נישט קיין צוטרוי צו אַזוינע מענטשן, וואָס צעטרענצלען געלט צוליב גאווה און —

באַגייסטערט, איי‌פעריק און מיט בקיאות, האָבן זיי זיך
אַרייַנגעלאָזט אין די פראַגן וועגן די שטראָם-ליניען, קאַראָ-
סעריען, קראַפט, רעדער, רודערער, צינדער-סיסטעם, קאַראָסיר-
פאַרבן און אַלע שיקאַנען. דאָס איז געווען עפּעס מער ווי
די באַשאַפונג פון אַ באַקוועמען פאַרקער-מיטל. דאָס איז גע-
ווען אַ דראַנג צו אַ העכערער מדרגה. אין דער שטאָט זעניט,
אין דעם באַרבאַרישן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז דער סאָ-
ציאַלער באַשטאַנד פון אַ פאַמיליע באַשטימט געוואָרן לויטן
אויטאָמאָביל, וואָס די יעניקע פאַמיליע האָט פאַרמאָגט. און
פונקט ווי בעביט האָט אַלס ייִנגל געחלומט וועגן ווערן פּרע-
זידענט, אַזוי האָט זיין זון טעד געחלומט וועגן אַ טאָפּעלען
זעקס-צילינדערדיקן פאַקאַרד און אָנצוגעהערן צו דער מאַשין-
אַריסטאָקראַטיע.

די ליבשאַפט פון דער פאַמיליע, וואָס בעביט האָט דערוועקט
צו זיך, בעת ער האָט דערקלערט, אַז ער וויל קויפן אַן אוי-
טאָמאָביל, איז תיכף צערונען, ווי זיי האָבן זיך נאָר דער-
ווּסט, אַז די קניה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ יאָר. טעד
האָט געוויינט — צום טייוול! דער אַלטער קאַסטן זעט אויס,
ווי ער וואָלט געהאַט אומפלייט און דער לאַקיר איז אָפּגע-
קראָכן! פרוי בעביט האָט גלאַט אַזוי אַרייַנגעוואָרפן אַ וואָרט:—
ווי אַזוי רעדסטו מיטן טאַטן? — בעביט האָט זיך אויפגע-
רעגט: וויבאַלד דו האַלטסט דיך אַזוי גרויס און ווילסט זיין
אַזוי פּערפעקט, טאָ פאַרוואָס נעמט איר מיר צו דעם אויטאָ-
מאָביל אויף אַ גאַנצן אָוונט? — טעד האָט זיך פאַרענטפערט: —
כ'האָב עס געטון אומגערן — און די וויַטשערע האָט זיך גע-
צויגן ביי אַ נאָרמאַלער פאַמיליען-שטימונג, ביז צו דעם אומ-
פאַרמיידלעכן אויגנבליק, ווען בעביט האָט דערקלערט!

— זאָל שוין אַמאָל נעמען אַ סוף. מ'קען דאָך נישט
מסדר זיצן ביים טיש. לאָזט שוין דעם מיידל אַראָפּרוימען פון
טיש!

ער האָט זיך געפּעסט:

— ס'אַ פאַמיליע! כ'פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי איך

קאָן לעבן ביי אַזוינע באַדינגונגען, מ׳זאָל זיך אייביק אַרומרייסן! איך וואָלט אַנטלאָפן, ווו די אויגן זאָלן מיך טראָגן, כּדי צו קענען זיין מיט זיך אַליין... פּאָול... מאַין... אָנטוען זיך אַלטע הויזן, יאָגן זיך אַרום און שעלטן זיך...

ער האָט פאַרזיכטיק זיך געווענדט צו זיין פרוי:

—איך פיר איצט אַ בריוו-אויסטויש מיט אַ געוויסן פאַרשוין אין נוי-יאָרק—ער וויל מיך זען וועגן עפּעס אַ געשעפט—אָבער עס וועט ערשט זיין אַקטועל זומער-צייט. איך האָף, אַז עס וועט נישט אויסקומען פּונקט דעמאָלט, ווען מיר און די ריסלינגס האָבן זיך צוגעגרייט צו פאָרן אויפן מאַין. דאָס וואָלט געווען גאַנץ שלעכט, ווען מיר זאָל חלילה נישט קאָנען פאָרן צוזאַמען. אָבער עס איז אָן אומזין זיך שוין וועגן דעם צו זאָרגן.

וועראָנע איז תּיכּף נעלם געוואָרן פון טיש אָן אַן אויסרייד, בעביט האָט איר אויטאָמאַטיש נאָכגעשריגן:

— פאַרוואָס זיצטו קיינמאָל נישט אין שטוב?

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל פון סאַלאָן צו זיינע שטוב-אַרבעטן; פּשוטע געאָמעטריע, ציצעראָ און די לאַנגווייליקע גסיסה בילדער פון מילטאָנס קאַמוס.

— איך פאַרשטיי נישט, צו וואָס זיי הייסן אונז לייענען אַזוינע נאַרישקייטן פון מילטאָן, שעקספּיר, וואָרדסוואָרט און די אַלע אַנדערע איבעריקע הערן — האָט ער זיך באַקלאָגט — איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, צו זען אַ שעקספּיר-פאָרשטעלונג אויף דער סצענע, וויבאַלד נאַטירלעך ס׳וועלן זיין שיינע דעקאָראַציעס. אָבער אַוועקזעצן זיך און לייענען — די לערער, כ׳וויל וויסן וואָס זיי מיינען זיך?

פרוי בעביט, וואָס האָט געצערעוועט די זאָקן, האָט זיך אַריינגעמישט:

— יאָ, עס איז מיר טאַקע אַ חידוש. איך האָב נאַטירלעך גאָרנישט קעגן די אַלע פּראָפעסאָרן און די אַנדערע לייט, אָבער דאַכט זיך מיר, אַז ביי שעקספּירן זענען פאַראַן שטעלן — כ׳וועל נישט זאָגן, אַז כ׳זאָל אים האָבן אַזוי שטאַרק געלייענט

אָבער ווען כ׳בין געווען ייִנג, האָבן מיר די מיידלעך געוויזן אַ סך שטעלן, וואָס זענען לחלוטין נישט געווען אַזוי אָנשטענדיק.

בעבית האָט געטון אַ בייזן קוק פון דער הומאָריסטישער זייט פון זיין „אָוונט־אַדוואָקאַט". דידאָזיקע אילוסטרירטע וויצן, ווי אַזוי דער הער מעט באַוואַרפט דעם הער יאַף מיט פאַרפוילטע אייער, און ווי אַזוי די מוטער קאָריגירט דעם פאָטערס ווולגאַרע שפּראַך מיט דער הילף פון אַ פאַנטאָפל, זענען געווען זיין באַליבסטע ליטעראַטור און קונסט. יעדן אָוונט האָט ער מיט אַ פייערלעכן אויסדריק אויפן פּנים און מיט אַ ברייט־צעעפנט מאָל אַדורכגעקוקט פלייסיק די בילדלעך, און ער האָט נישט פאַרטראָגן, אַז מען זאָל אים איבעררייסן אין דערדאָזיקער אַרבעט. איבעריקנס האָט ער געפילט, אַז אין דער פראַגע שעקספּיר איז ער נישט קיין גרויסער אויטאָריטעט. נישט דער „טיימס" און נישט דער „אָוונט אַדוואָקאַט" און נישט דער „ביולעטין פון דער זעניטער האַנדלס־קאַמער", האָט זיך גאָרנישט אַרויסגעזאָגט וועגן דעמדאָזיקן ענין, און כּל זמן דידאָזיקע אָרגאַנען האָבן זיך נישט אָפּגערופן, האָט בעבית מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג. אָבער נישט געקוקט אויף דער געפאַר אַריינצופאַלן אין אַ זומפּ, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַ ווערטער־אויסטויש.

— איך וועל דיר זאָגן, צו וואָס דו דאַרפסט לייענען שעקספּירן און די אַלע אַנדערע, איז צוליב דעם, וואָס דאָס איז אָנגעמערקט אין שול־פּראָגראַם און גענוג! איך פערזענלעך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי דידאָזיקע שרייבער געפינען זיך אין פּראָגראַם פון אַזאַ מאָדערנער שול, ווי אין אונזער שטאָט. ס׳וואָלט געווען פיל נוצלעכער ווען דו זאָלסט זיך לערנען די ענגלישע האַנדלס־שפּראַך, וויאַזוי, למשל, צונויפצושטעלן אַ לייטישן אַנאָנס, אָדער אָנצושרייבן אַ סטיליסטישן ווירקזאַמען בריוו. אין פּראָגראַם אָבער שטייט שעקספּיר, איז נישטאָ וואָס צו רעדן, דיסקוטירן, אַרגומענטירן. דו האָסט אַ צרהדיקע טבע, וואָס דו ווילסט תמיד עפּעס אַנדערש. אויב דו וועסט

שטודירן אויף רעכט — און וועסט עס זיכער טון ; איך האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט דערצו, אָבער דיך וועל איך אָפּהיטן, אַז דו זאָלסט ענדיקן רעכט — וועט דיר נוציק זיין דאָס ביסל ענגליש און לאַטיין, וואָס מ׳לערנט דיך אין שול.

— צו אַלדי גוטע יאָר, איך ווייס באמת נישט, וואָס פאַראַ נוצן מ׳האָט פון שטודירן ר״כט — אָדער בכלל פון ענדיקן אַ הויכשול. כ׳האָב לחלוטין נישט בדעה אַריינצו־טרעטן אויף וועלכן ס׳איז פאַקולטעט. בנאמנות, איך קאָן אַ גאַנצע רייע מענטשן, וואָס האָבן געענדיקט פאַקולטעטן און זיי האָבן ווייניקער געלט פון אַזוינעם, וואָס האָט זיך באַצייטנס אַ נעם געטון צום מסחר. דער אַלטער שימי פעטערס, דער לערער פון לאַטיין אויף דער הויכשול, וואָס איז געקומען אַזש פון קאָלומביע, זיצט אָפּ גאַנצע נעכט איבער די פאַרשטויבטע ביכער און שטופּט זיך אָן דעם בויך מיט דעם „חויכן ווערט פון דער שפּראַכן־קענטעניש״, און אָט דער מלמד נעבעך — ער פאַרדינט סך הכל אַכצן הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. דער קלענסטער קרעמער וואָלט נישט געוואָלט אַרבעטן פאַר אַזאַ לוין. איך ווייס שוין צו וואָס מיך ציט : איך וואָלט געוואָלט זיין אַ פליער, אָדער האָבן אַ ריזיקן גאַראַזש, אָדער — עמעצער האָט עס מיר נעכטן געזאָגט — איך וואָלט געוואָלט, אַז די „סטאַנדאַרט־אייל־קאָמפּאַניע״ זאָל מיך אַרויסשיקן קיין כינע, דער מענטש לעבט דאָרטן פון די צינזן, אַרבעט נישט, ער זעט די וועלט, די רייכע פּאַגאָדן, דעם אָקעאַן און בכלל אַלץ. און חוצדעם קאָן מען זיך נאָך לערנען דורך בריוו. דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש ! מען דאַרף נישט שטיין פאַר אַן אַלטע דאַמע, וואָס איז תמיד גרייט צו גיין מיט אַן אָנקלאַגע אויף דיר צום דירעקטאָר, און מען לערנט, וואָס מען וויל ! איר קאָנט זיך תיכף איבערצייגן. איך האָב אויסגעשניטן די אַנאָנסן פון עטלעכע אַזוינע קורסן.

ער האָט האַסטיק אַרויסגעצויגן פון זיין געאָמעטריע אַ מגע־פער פוצציק אַנאָנסן פון דידאַזיקע פּריוואַטע קורסן, וואָס דאָס

ענערגישע און טיכטיקע האַנדלס-אַמעריקע שטעלט אַלס לערע און דערציונג. דער ערשטער אַנאָנס האָט געוויזן דאָס בילד פון אַ יונגנמאַן מיט אַן איידעלן שטערן, צאַרטע שטריכן, זייַדענע זאָקן און האָר, ווי לאַקיר-לעדער. ער איז געשטאַנען מיט איין האַנט אין דער הויזן-קעשענע, די צווייטע האָט ער געהאַלטן אויסגעשטרעקט, און מיטן שטראָפּ־דיקן וויַיז-פינגער האָט ער זיך באַמיט צו פאַרכשופן דאָס אוידיטאָריום, וואָס איז באַשטאַנען פון דיקע מענטשן מיט גראָע בערד, פליכעוואַטע קעפּ און אויך אַלע אַנדערע סימנים פון חכמה און דערפאָלג. איבערן בילד האָט זיך געפונען אַ באַגייסטערטער פעדאַגאָגישער סימבאָל — נישט קיין אַלמאָדישער לאָמפּ אָדער פאַקל, אָדער מינערוואַ מיט איר סאָווע, נאָר אַ גאַנצע ריי דאָלאַרצייכנס. דערצו איז צוגעקומען אַ טעקסט:

$ $

מאַכט און גליק ביים עפנטלעכן רעדן

אַ געשיכטע וואָס כ'האָב געהערט אין קלוב

> **וואָס לערנט מען ביי אונז?**
>
> ווי אזוי צו רעדן אין אַ לאָזשע.
> ווי אזוי צו האלטן אַ טאָאסט.
> ווי אזוי צו דערציילן מעשהלעך.
> ווי אזוי אונטערצוהאלטן אַ געזעלשאפט.
> ווי אזוי צונויפצושטעלן אנעקדאָטן.
> ווי אזוי רייך צו ווערן אין ווערטער.
> ווי אזוי צו ווערן אַ קלוגער, מעכטיקער און אָרגינעלער דענקער.
> **ווי אַזוי צו זיין אַ מדריך פון מענטשן.**

ווי מיינט איר, ווען האָב איך צופעליק געטראָפן נעכטן ביינאַכט אין רעסטאָראַן דעלוקס? נו, דעם אַלטן פעדרידערקי, דעם אָנגעשטעלטן פון הער מעסכע-מען, ביי וועמען איך האָב מיט אַ צייט צוריק געאַרבעט. ער איז געווען אַ לא יצלח, און מיר אַלע האָבן פון אים געלאַכט. ער איז געווען שרעקלעך שעמעוודיק, אַז ער איז אַפילו נישט געווען דרייסט צו באַשטעלן

פֿאַר זיך אַ וויעטשערע. ער האָט קיינמאָל נישט געקריגן דאָס, וואָס זיין אַרבעט איז ווערט געווען. טאָ וואָס טוט ער איצט אין דע לוקס? ער באַשטעלט פֿאַר זיך די בעסטע מאכלים, פּלערליי מאַרציפּאַנעס, אָנהויבנדיק פֿון יונגן סעלערי און פֿאַר ענדיקנדיק ביי ניס פֿאַר דעסערט! און אָנשטאָט צו זיין פֿאַרלעגן פֿון קעלנער, ווי אַמאָל אין דער גאָרקיך פֿון אַלטן לאָנדזש סינע, וווּ מיר אַלע זענען זיך צונויפֿגעקומען אויף פֿרישטיק, שרייט ער אויף אים ווי אַ מיליאָנער.

איך טו אים פֿאָרזיכטיק אַ פֿרעג, וואָס ער טוט? פֿערדיצעלאַכט זיך און זאָגט:—כ'זע אַלטער חבר, אַז דו ביסט פֿאַרחידושט פֿון דער ענדערונג, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען מיט מיר. דו וועסט זיכער זיין צופֿרידן פֿון דער ידיעה, אַז כ'בין דער עלטסטער אָנגעשטעלטער אין אונזער אַלטער פֿירמע, אַז כ'בין אויפֿן וועג צום גליק און רום, אַז כ'קוק דרייסט דער וּוקונפֿט אין די אויגן אַריין, איך האָף זיך צו דערווערבן אַ וועלף-צילינדער-אויטאָמאָביל, מיין פֿרוי קומט אין דער שענסטער געזעלשאַפֿט און די קינדער באַקומען אַן ערשטקלאַסיקע דערציונג.

— ווילסט וויסן, וויאַזוי דאָס איז געשען? צופֿעליק איז מיר אַריינגעפֿאַלן אַן אַנאָנס פֿון די קורסן, וווּ מ'לערנט מענטשן קלאָר און פֿלייסיק רעדן, געפֿונען אַ פּאַסיקן ענטפֿער אויף אַ קאָמפּלימענט, מאַכן אַ מינדלעכן פֿאָרשלאַג דעם גענעראַל-דירעקטאָר, מאַכן אַ הלוואה אין דער באַנק, אונטערהאַלטן אַ געזעלשאַפֿט מיט וויצן, אַנעקדאָטן און שלאָג-ווערטער. דער לערער פֿון די קורסן איז געווען אַ געוויסער פּראָפֿעסאָר וואַלאָ פּ. פּיט. לכתחילה האָב איך זיך באַצויגן סקעפּטיש צו דער גאַנצער געשיכטע, אָבער איך האָב אָנגעשריבן (אויף אַ פּאָסטקאַרטל, אויפֿגעבנדיק מיין נאָמען און אַדרעס) צום פּראָפֿעסאָר אויף פּראָבע — מיטן תנאי מיר אומצוקערן ס'געלט, וויבאַלד כ'וועל נישט זיין צופֿרידן. איך האָב דערהאַלטן אַכט לעקציעס אָנגעשריבן מיט אַ קלאָרער פֿאַרשטענדלעכער שפּראַך פֿאַר יעדן איינציקן. די לעקציעס האָב איך מיך געלערנט ביינאַכט און

דערנאָך האָב איך געפּרוּווט בײַ מײַן פרוי. אײַנגיכן האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז כ׳קאָן רעדן און פאָדערן באַצאָלט פאַר מײַן אַרבעט. מ׳האָט מיך אָנגעהויבן אַכטן, איך האָט געמאַכט גיכע פאָרשריט, און וואָס טראַכסטו פאַרא געהאַלט באַקום איך הײַנט? זעקס טויזנט פינף הונדערט דאָלאַר אַ יאָר. און הײַנט, אַז איך הויב אָן רעדן, האַלט איך אין שפּאַנונג אַ גאַנצן אודיטאָריום. אַלס גוטער פרײַנט, עצה איך דיר אַרויסצופאָדערן אַ פּראָספּעקט (אָן התחייבותצו קויפן) פון די פּעדאַגאָגישע קורצע קורסן

אָפּט. וו. א. סענד פּיט, לאָוואַ.

פּראָפעסאָר וו. פּ. פּיט

דער מחבר פון דעם קורץ-דויערנ-דיקן קורס אויף באַהערשן די קונסט פון עפנטלעכן רעדן, איז הײַנט דער פּראָמינענטסטער מאַן אין דער פּראַקטישער ליטעראַטור, פּסיכאָלאָגיע און אין דער קונסט פון רעדן. ער האָט באַזוכט אונזער בעסטן אוניווערזיטעט, אָפּגעהאַלטן פאָרלעזונגען און אַדורכגעמאַכט וועלט-רײַזעס, געשריבן ווערק אין לירישע דיכטונג און אזוי ווײַטער. ער, דער אײנציקער מענטש, דער מײַסטער פון אינדיווידועלן גײַסט, איז גרײט אין אײניקע לעקציעס זיך צו טײלן מיט אײַך פון זײַן בילדונג און זײַן טיטאַנישן כח. דאָס וועט אײַך אויך נישט שטערן אין אײַערע טאָג-טעגלעכע עסקים.

צי פאַרדינט איר הונדערט פּראָצענט אָדער נאָר צען פּראָצענט?

בעביטן האָט דאָס מאָל פאַרפעלט דאָס באַפליגלטע וואָרט וואָס זאָל קאָנען אונטערשטיצן זײַן אויטאָריטעט. זײַן דערפאַרונג פון די אויטאָמאָבילן און פון מסחר האָבן אים געלערנט

ווי אַזוי אַ סאָלידער און אָרנטלעכער מענטש דאַרף זיך באַציען צו דער פאַרשפרייטונג פון דער קולטור דורך דער פאָסט.

ער האָט אָנגעהויבן אומזיכער:

— יאָ, באמת — ס׳קלינגט גאָרנישט אַזוי שלעכט. געוויס איז עס אַ גוטע זאַך צו זיין אַ גוטער רעדנער. נישט איינמאָל איז מיר געקומען אויפן זינען, אַז איך אַליין האָב אויך עטוואָס טאַלאַנט אויף דעם געביט, און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער אַלטער לא יצלח און שלימזל טשען מאָט גיט זיך אַן עצה ביים מעקלעריי, בלויז דערפאַר, ווייל ער קאָן רעדן, הגם ער האָט קיינמאָל נישט וואָס צו זאָגן. און דער אופן, ווי אַזוי מ׳וויל אין די היינטיקע צייטן אויסלערנען מענטשן פאַרשידענע זאַכן קומט מיר אויס זייער קאָמיש. אָבער דאָס קאָן איך דיר זאָגן: ס׳איז נישט נויטיק אַרויסצוּוואַרפן דאָס שווער פאַרדינטע געלט אויף די נאַרישקייטן, בעת דו קאָנסט האָבן גוטע ענגלישע לעקציעס אין דיין אייגענער שול — און דאָס איז איינע פון די גרעסטע שול-בנינים אין אונזער שטאָט!

— ס׳איז אמת! — האָט פרוי בעביט געזאָגט געמיטלעך בעת טעד האָט געטענהט:

— אודאי, זיי לערנען אַ סך זאַכן, וואָס קיינער נויטיקט זיך נישט אין זיי, זיי האָבן נישט דעם קלענסטן פראַקטישן ווערט — איך מיין דאָ נישט באַטירלעך די איבונגען, שרייבן אויף דער מאַשין, טאַנץ און אפילו שפילן בעסקעט-באָל! און אויף דידאָזיקע קאָרעספאָנדענץ-קורסן לערנט מען בלויז פראַקטישע זאַכן. אָט האָסטו נאָך עפעס:

ווילסטו זיין אַ פולקאָמענער מאַנסביל?

„ווען איר גייט שפאַצירן מיט אייער מוטער, שוועסטער, אָדער מיט די נאָענטסטע פון אייער האַרצן און עמעצער באַליידיקט אייך אָדער ער זאָגט אייך אַ געמיין וואָרט, צי וועט איר אייך נישט שעמען, וויבאַלד איר וועט זיי נישט קאָנען פאַרטיידיקן? נו, קאָנסט זיי פאַרטיידיקן?“

„מיר לערנען אייך אויס שריפטלעך באָקסן און זעלבסטשוץ, אַ סך פון אונזערע שילער שרייבן אונז, אַז זיי האָבן נאָך עטלעכע לעקציעס באַזיגט די גרעסטע קעגנער. די לערע הויבט זיך אָן ביי עטלעכע געוויינלעכע איבונגען, וואָס איר מאַכט פאַר אַ שפּיגל — דו שטרעקסט אויס די הענט, שטעלסט ארויס די ברוסט. איידער דו קוקסט זיך אום, קאָנסטו דיך שוין ווערן, אַטאַקירן, אָנשפּאַרן, פאַרטיידיקן זיך מעטאָדיש, וויסנשאַפטלעך, ווי וואָלסט געהאַט פאַר זיך אַן אמתן קעגנער!"

— נו, אדרבה, זאָל מען דאָס טאַקע נישט ליב האָבן — האָט טעד געיאָמערט — איך וואָלט אויסגעהרגעט אַ וועלט, יהוה! איך וואָלט מיך קודם-כל אַ נעם געטון צו דעם יאַט פון אונזער שול, וואָס האָט אַ פול מויל מיט פּלוידעריי...

— שטותערייען! וויסטע פּלוידעריי! כ'האָב נאָך זינט איך לעב נישט געהערט אַזעלכע דיבורים! — האָט בעבי זיך געבייזערט.

— אַזוי, אָבער כ'בעט דיך! שטעל זיך נאָר פאָר: איך גיי אַזוי מיט דער מאַמען אָדער מיט ראָנען אויף דער גאַס און ס'קומט אונטער עמעצער און מאַכט אונז עפּעס אַ באַמערקונג, אָדער זאָגט סתם אַזוי אַ געמיין וואָרט. וואָס זאָל איך דעמאָלט טון?

— דו וואָלסט זיכער געשלאָגן דעם רעקאָרד אויף הונדערט מאָל אַזוי פיל.

— דאָס ט ו איך נישט! איך וואָלט זיך אַ שטעל געטון פאַר דעמדאָזיקן פאַרשוין, וואָס האָט געהאַט די העזה אָנצופאַלן אויף מ יי ן שוועסטער און איך וואָלט אים געוויזן...

— גיב אַכטונג, יינגער דעמפּסי! געדענק, טאָמער כאַפּ איך דיך ביי אַ געשלעג, וועל איך דיך אַזוי מקים-פסק זיין, אַז דו וועסט האָבן צו געדענקען אויף דיין גאַנץ לעבן — כ'וועל עס דיר מאַכן אָן איבל זיך צו האַלטן די הענט אין דער הויך פאַרן שפּיגל.

— טייערער טעד — האָט זיך פרוי בעבּיט אַריינגעמישט — ס'איז באמת נישט שיין צו רעדן אויף אַזאַ אופן וועגן געשלעגן.

— אָבער, גאָט מיין איינציקער, ווי אַזוי שאַצטו דאָס אָפּ! שטעל דיר פאָר, מאַמע, איך גיי אַזוי מיט דיר און עמעצער דערלויבט זיך דיר צו זאָגן אַ געמיין וואָרט...

— קיינער זאָגט נישט צו קיינעם קיין געמיינע ווערטער — האָט בעבּיט איבערגעריסן — אויב מ'זיצט אין שטוב, מ'לערנט זיך געאָמעטריע און מ'זאָרגט וועגן זיך אַליין, און מען שלעפּט זיך נישט אַרום אין די פאַרשידענע געמיינע לעכער און סאָדע-וואַסער-געוועלבן, וווּ אַ לייטישער מענטש וועט דאָרט דעם קאָפּ נישט אַריינשטעקן!

— אָבער פונדעסטוועגן, טאַטע, ווען עמעצער זאָל עס דאָך טון!

פרוי בעבּיט ווענדעט זיך צו אים פריינטלעך:

— אויב עמעצער זאָל דאָס טון, וואָלט איך אים נישט פאַרשאַפט דעם כּבוד, אַז איך זאָל דערויף לייגן אַכט. איבעריקנס, געשעט עס קיינמאָל נישט. אמת טאַקע, אַז מ'הערט אָפט, אַז עמעצער האָט פאַרהאַלטן אָדער באַליידיקט אַ פרוי, אָבער איך גלויב נישט דערין. איך האַלט, אַז דאָס זענען שולדיק די פרויען, צו וואָס קוקן זיי די מענער אין פּנים אַריין. איך קאָן דיר זאָגן, אַז מיט מיר האָט עס נאָך קיינמאָל נישט פאַסירט...

— אָבער מוטער, שטעל דיר פאָר, אַז ס'האָט יאָ מיט דיר אַמאָל פאַסירט! שטעל עס דיר נאָר בלויז פאָר? פאַרמאָגסט לחלוטין נישט קיין פאָרשטעלונגס-קראַפט?

—געוויס האָב איך פאָרשטעלונגס-קראַפט. אַ חוצפּה אַביסל!

— אַוודאי האָט דיין מוטער פאָרשטעלונגס-קראַפט און קאָן זיך פאָרשטעלן פאַרשידענע זאַכן. מיינסט אודאי, אַז נאָר איין איינציקער מענטש אין דער גאַנצער שטוב פאַרמאָגט פאָרשטעלונגס-קראַפט? — האָט בעבּיט געזאָגט — אָבער צו וואָס זיך פאָרשטעלן? די פאָרשטעלונג דערפירט צו גאָרנישט. איך זע נישט

דעם שכל פון פאַרשטעלן זיך זאַכן, בעת דער מענטש מוז אין זינען האָבן די אַלע רעאַלע פאַקטן.

— הער, טאַטע, שטעל דיר פאָר — דאָס הייסט, איך מיין — שטעל דיר נאָר בלויז פאָר, דו זיצט אַזוי אין דיין ביוראָ, און פּלוצלונג אַ קאָנקורענט פון הייזער-מסחר —

— אַ פאַרמיטלער!

— עפּעס אַ פאַרמיטלער, אַ מעקלער, ווען דו האָסט פיינט קומט אַריין.

— איך האָב נישט קיין שום פאַרמיטלער.

— אָבער שטעל דיר פאָר, ווען דו זאָלסט אים האָבן!

— עס פעלט מיר לחלוטין נישט איין זיך פאָרצושטעלן! איך קען געננוג מעקלער, וואָס זענען אַזוי ווייט געמיין צו האָבן זייערע קאָנקורענטן; אָבער ווען דו זאָלסט געווען אַביסל עלטער און כאָטש אַביסל פאַרשטאַנען זיך אויפן מסחר, און נישט אַרומלויפן איבער די קינאָס און אַרומשפּאַצירן מיט נאַרישע מיידלעך, וואָס טראָגן קליידלעך ביז צו דער קני און שמירן דאָס פּנים מיט פודער, רוזש און שמינקע, וואָלסטו געוווּסט און זיך פאָרגעשטעלט, אַז אויב איך קעמף פאַר עפּעס צווישן די זעניטער מעקלער, איז נאָר אַ קאַמף פאַר ברידער-לעכקייט און אַחדות. דערפאַר איז מיר אַפילו שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז איך זאָל האָבן מיינע קאָנקורענטן, מעג ער זיין דער שמוציקער געזעלשאַפטלעכער אויסוואורף, דער סעסיל ראָבנטיע.

— אָבער ווען...

— נישטאָ דאָ קיין שום ווען, און נישט קיין שום אָבער! ווען כ'זאָל שוין אַפילו געצוווּנגען זיין עמעצן אַ קלאַפּ צו טון, וואָלט איך מיר אַן עצה געגעבן אָן די אַלע נאַרישע באַוועגונגען פאַרן שפּיגל, אָן דעם נאַרישן פלוידערן און בכלל אָן די אַלע קונצן. לאָמיר שוין אָננעמען, אַז עמעצער האָט דיך ערגעץ-ווו באַליידיקט, איז וואָס קאָנסטו אים טון? וועסט זיך אוועקשטעלן שפּרינגען און טאַנצן פאַר אים, ווי אַ טאַנץ-מייסטער? כ'מיין, אַז דו וועסט אים געבן אַ קלאַפּ אין פּרצוף,

אַז די אויערן וועלן זיך בײַ אים אַ שאָקל טון און ער וועט שוין אָנוווערן דעם חשק צו באַליידיקן (איך האָף, אַז מײַן אייגענער זון קאָן דאָס אויך באַווײַזן). און דאַן וועסטו דיר אָפּווישן די הענט און אַוועקגיין, און דאָס איז אַלץ, וואָס מ׳קאָן וועגן דעם זאָגן, און מ׳קאָן זיך באַגיין אָן אַ לעקציע באָקסן דורך בריוו!

— נו יאָ, אָבער איך האָב דיר אָבער בלויז געוואָלט ווײַזן, וויפֿל נוצלעכע קורסן ס׳זענען פֿאַראַן מיט דער הילף פֿון בריוו, אָנשטאָט די אַלע מאכלים, וואָס מען שטאָפּט אונז אין דער שול.

— און איך האָב געמיינט, אַז מ׳לערנט אייך אין שול באָקסן.

— דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. דאָרט מוז מען זיך אויסשטעלן אין אַ ריי, עס קומט צוגיין אַ פֿאַרשוין און שאָקלט פֿון דיר שיר נישט אַרויס די געדערים, איידער דו באַווײַזט זיך עפּעס אויסצולערנען. ס׳איז ווערט אַ דרייער! ס׳איז מיר אויך באָקסן. אָבער — לאָז מיר דיר נאָך עפּעס פֿאָרלייענען!

די אַנאָנסן האָבן אַלע אין זיבעצן געהאַט יענעמס טובה. אַן אַנדערער האָט געהאַט אויף זיך אַ טיטול: — געלד! געלד! געלד! אַ דריטער אַנאָנס האָט מיטגעטיילט, אַז הער פּ. ר., וואָס האָט מיט אַ צײַט צוריק פֿאַרדינט אַכצן דאָלאַר אַלס פֿריזירער, שרײַבט אונז, אַז זינט ער האָט פֿאַרענדיקט אונזערע קורסן, פֿאַרדינט ער פֿינף טויזנט דאָלאַר אַלס דאָקטאָר פֿון אָסטעאָוויטאַליטעט, און דער דריטער אַנאָנס פֿון פֿרײַלין י. ל., אַ פֿאַקערין אין אַ מאַגאַזין, זי פֿאַרדינט איצט צען דאָלאַר טעגלעך, ווײַל זי האָט זיך אויסגעלערנט בײַ אונז דאָס אינדישע סיסטעם פֿון גיכן אָטעמען און זעלבסט-באַהערשונג.

טעד האָט געהאַט אַ קאָלעקציע פֿון אומגעפֿער פֿופֿציק אָדער פֿערציק אַנאָנסן, אויסגעשניטן פֿון פֿאַרשידענע יאָרביכער, זונטיק-שול-אויסגאַבן, אילוסטרירטע בלעטער און וויסנשאַפֿטלעכע צײַטשריפֿטן. איין פֿילאַנטראָפּ האָט געשריבן איבערצייגנדיק: — זייט נישט קיין שוטה, ווערט פּאָפּולער און

פאַרדינט מער געלט. אָט האָסטו אַ מעגלעכקייט אויסצולערנען זיך אוקולעל שפּילן און דורך געזאַנג צו דעראָבערן די הערצער. אַ דאַנק דעם נײַ אַנטדעקטן סיסטעם אויסצולערנען זיך מוזיק, קאָן יעדערער מאַנספּיל, פרוי אָדער קינד — אָן ברעקל מאַטערניש, אָן ספּעציעלע איבונגען אָדער לערע, אפילו נישט צו פאַרלירן קיין צייט, געלט אָדער ענערגיע, אויסלערנען זיך שפּילן אויף קלאַוויר, אויף פאָרטעפּיאַנאָ, קאָרנעט, סאַקסאָפאָן, וויאָלין און גלייכצייטיק זינגען פון נאָטן.

אָן אַנדערער טיטול פון אַן אַנאָנס האָט זיך געלייענט:—ס'נויטיקן זיך דאַקטילאָסקאָפּן—גרויסער לוין! ווייטער איז געשטאַנען: „איר רויט-בלוטיקע מענער און פרויען—דאָס איז דאָס פ אַ ך, וועגן וועלכן איר האָט געחלומט. דערפון איז שוין יאָ דאָ ג ע ל ט, אַ ס ך געלט, און פאַרשידענע ענדערונגען, וואָס געבן אַ מעגלעכקייט צו זען אַנדערע ערטער, וואָס ס'האָבן אַזוי לאַנג געלאָקט אייער שטורמישן גייסט. גיט נאָר אַ טראַכט, איר ווערט די צענטראַל-פיגור, דער הויפּט-אינסטרומענט ביים אויפלייזן וואונדערבאַרע סודות און געהיימניספולע פאַרברעכנס. דערדאָזיקער באַרוף גיט אייך אַ מעגלעכקייט צו האָבן אַ באַציונג מיט די אייבפלוסרייכסטע מענטשן, אויפן סמך פון גלייכהייט, און איר וועט זיין געצוווּנגען צו ווייטע רייזעס, מעגלעך אין די ווייטע לענדער—און דאָס נישט אויף אייער חשבון. ק יי ן ש ו ם ס פּ ע צ י ע ל ע ב י ל ד ו נ ג א י ז ד ע ר צ ו נ י ש ט נ ו י ט י ק!"

—קינדער! ס'איז דאָך ממש אַ מחיה! איז עס דען נישט אַ טייערע זאַך, אַרומצופאָרן איבער דער גאַנצער וועלט און האָבן אַ מעגלעכקייט צו כאַפּן אַ באַרימטן פאַרברעכער — האָט טעד געזיפצט הויך אויפן קול.

— נו, און מיר געפעלט עס גאָרנישט אַזוי שטאַרק. איך ווייס נישט צי צען פערזאָן פון הונדערט לערנען זיך עפּעס אויס. זעסטו, אַ מעטאָדע אויסצולערנען זיך שנעל מוזיק איז שוין גראָד יאָ אַ פיינע דערפינדונג. איך זע נישט, אַז טיכטיקע מענטשן, וואָס פאַרשטייען אַן ענין, זיך אַ נעם טון אָט פונקט ווי זיי האָבן עס געטון,

דערהויבן די פאַבריקאַציע, פאַר״אָס האָבן זיי ביז איצט נישט דערפינדן אַזאַ סיסטעם, אַז אַ מענטש זאָל זיך קאָנען אויסלערנען מוזיק אָן די אַלע איבונגען און אָן טאָן אָנווייזערס. — בעביט איז אַריינגעפאַלן אין אַ מין פּאַטעטלעכע התפּעלות. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז אָט קענען זיי זיךביידע קעגנזייטיק פאַרשטיין.

ער האָט אויסגעהערט מיט אינטערעס די מודעות פון די בריוו-אוניווערזיטעטן, וואָס האָבן אויסגעלערנט שרייבן געשיכטעס, אויסאיבן דעם זכרון, שפּילן פילם, אַנטוויקלען דעם גייסט, דאָס באַנק-וועזן, די שפּאַנישע שפּראַך, אָפּערירן הינעראויגן, פּאָטאָגראַפיע, עלעקטראָטעכניק, אַריינשטעלן שויבן, האָדעווען עופות און כעמיע.

— יאָ — יאָ — בעביט האָט געזוכט אַ געהעריקן אויסדריק צו זיין שטוינונג — עס איז אַ נישקשהדיקער עסק, כ'האָב פון שטענדיק אָן געהאַט דעם איינדרוק, אַז די בריוו-אוניווערזיטעטן זענען נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק—מעקלעריי איז אַ חונט קעגן דעם — אָבער כ'האָב נישט געהאַט קיין השגה, אַז ס'זאָל זיין אַזאַ פיינע זאַך. ס'שטייט באמת אַ סך העכער ווי דער קינאָ און די בשמים-געוועלבן. איך האָב תמיד געטראַכט, אַז סוף כּל סוף מוז קומען אַ מענטש, וואָס וועט פאַרמאָגן אַזויפיל שכל אין זיין מח, און נישט איבערלאָזן די פּרוכטן פון זיין לערע פאַר די מילבן, וואָס עסן די ביכער אָדער אויף אומפּראַקטישע טעאָריעס, נאָר ער וועט שאַפן אַ גרויס ווערק! יאָ, יאָ, כ'זע שוין איצט מיין טעד, אַז די אַנאָנסן קאָנען דיך פאַראינטערעסירן. כ'מוז פרעגן יענע לייט פון אַטלעטן קלוב, צי האָבן זיי זיך שוין ווען ס'איז אַמאָל פאַרטראַכט וועגן דעם. אָבער, דאַכט זיך, טעד, אַז דידאָזיקע לייט פון די אַנאָנסן — כ'וועל נישט זאָגן, אַז אַלע, — טרייבן אַביסל איבער. איך מיין, אַז זיי לערנען נישט אויס אַזוי גיך, ווי זיי זאָגן עס דאָ צו.

— אויף זיכער, פּאָטער, נאַטירלעך — טעד האָט גערעדט מיט אַן אומגעהויערן און רייפן פאַרשטאַנד פון אַ קינד, וועמען

די עלטערן הערן אויס מיט ווירדע. בעביט האָט זיך געזעגנ־דעט צו אים דאַנקבאַר און צערטלעך:

— איצט פאַרשטיי איך שוין, וואָס פאַר אַן איינפלוס דידאָזיקע קורסן קאָנען האָבן אויף דער דערציונג. נאַטירלעך, וואָלט איך עס פאַר קיינעם עפנטלעך נישט געזאָגט, וואָרום פון ער־לעכן און ריינעם פּאַטריאָטישן שטאַנדפּונקט, דאַרף מען האַלטן פון אייגנס און פאַרשטעלן פאַר אַלעמען די אייגענע צרות — אָבער איך נעם די זאַך פּראַקטיש, אויפן אוניווערזיטעט פאַר־לירט מען אַ באַרג צייט אויף פּאָעזיע, פראַנצויזיש און אַנ־דערע געגנשטאַנדן, ביי וואָס אַ מענטש האָט נאָך נישט פאַרדינט קיין לעבעדיקן סענט. ווער ווייסט, צי די קורסן וועלן אין אַ צייט אַרום זיך נישט אַרויסווייזן איינע פון די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער דערפינדונגען?

— דאָס ערגסטע איז, וואָס דער גרעסטער טייל מענטשן זענען שרעקלעך מאַטעריאַליסטיש געשטימט, אַז זיי זענען נישט בכוח תופס צו זיין דעם גייסטיקן וווקס פון אַמעריקע. זיי טראַכטן נישט וועגן דעם, אַז אַזוינע דערפינדונגען, ווי טעלעפאָן, אַעראָפּלאַן און דראָטלאָזער טעלעגראַף — וואָס אַן אמת, איז דאָס גאָר אַן איטאַליענישע דערפינדונג, אָבער נישט דערין גייט עס, אָבער זיי גלויבן, אַז די מעכאַנישע דער־פינדונגען זענען שוין אַלץ, אין וואָס מיר נויטיקן זיך. דער ערנסטער דענקער אָבער זעט, אַז אַזוינע גייסטיקע און — הם — דאָמינירנדיקע ריכטונגען, ווי גייסטיקע אויפוואַכונג, וועלט־פאַרבינ־דונג, פּראָהיבישאָן, דעמאָקראַטיע, זענען די גרונט־יסודות פון אונ־זער נאַציאָנאַל רייכטום. און אפשר איז די נייע מעטאָדע פון לערנען זיך אין שטוב איינע פון דידאָזיקע פאַקטאָרן. איך זאָג דיר טעד, עפּעס האָב איך אַ פאָרגעפיל.

— איך האַלט די בריוו־קורסן פאַר מוראדיק שעדלעך!

—ביידע פילאָזאָפן האָבן זיך פאַרקייכט: פרוי בעביט האָט אַריינגעבראַכט אַ דיסאָנאַנס אין זייער גייסטיקער האַר־מאָניע, און הגם זי האָט געהאַט אַ טבע, אַז אויסער דער אָוונט געזעלשאַפט, ביי וועלכע זי איז געווען אייפעריק גייסטפריינט־

לעך, האָט זי זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיט דער ווירטשאַפט און זי האָט נישט פאַרדרייט די מאַנסבילן די קעפּ מיט אירע געדאַנקען. זי האָט ווייטער גערעדט אַנטשלאָסן:

— אויף מיר מאַכט עס אַ מוראדיקן איינדרוק, וויאַזוי דידאַקטיקע לייט פאַרטומלען די מחות פון דער אומגליקלעכער יוגנט, זיי רעדן זיי איין, אַז זיי ווילן זיי עפּעס אויסלערנען, און עס געפינט זיך נישט קיינער, וואָס זאָל זיי פאַרטיידיקן, און — איר ביידע לערנט אייך אַזוי גיך, אָבער איך בין תמיד געווען אַ לאַנגזאַמע און חוצדעם —

בעביט האָט איר איבערגעריסן:

— נאַרישקייטן! מ׳קאָן דאָסזעלבע דערגרייכן, ווען מ׳לערנט זיך אַפילו אין שטוב. דו רעדסט זיך איין, אַז אַ מענטש, וואָס גיט אויס דאָס שווער אויסגעהאָרעוועטע געלט פון זיין טאַטן, לערנט זיך אויס מערער, באשר ער זיצט ביי אַ שיינעם שטענדער אין אַ ברייט-רעקלאַמירטער שול, מיט בילדער, שרייב-טאָוולען, מיט אַ טישטוך אויפן טיש און מיט די אַלע אַנדערע אויסגעטראַכטע זאַכן? איך זאָג דיר, איך בין אַ סטודענט — איך ווייס! ניין, ס׳איז נישטאָ וואָס פאַרצוואַרפן דידאַקטיקע קורסן. נאַטירלעך, וואָלט איך פּראָטעסטירט קעגן דעם, אַז ס׳זאָלן אַריינטרעטן אויף דידאַקטיקע קורסן פריזירער, אָדער געוויינלעכע אַרבעטער! סיי ווי לערנען זיך שוין צופיל פון זייערע, און ווו וועלן מיר נעמען אַרבעטער, אויב יעדער איינער וועט וועלן זיך לערנען?

טעד האָט זיך אויסגעצויגן אין פאָטעל, ציענדיק חוצפּהדיק אַ פּאַפּיראָס. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער די סובטעלקייט פון בעביטס באַמערקונגען, ווי ער וואָלט געווען פּאָול ריסלינג, אָדער אַ האָוואָרד ליטלפעלד. ער האָט אַ זאָג געטון:

— נו, וואָס טראַכסטו וועגן דעם, פאָטער? איז עס נישט קיין פיינע אידעע צו פאָרן קיין כינע, אָדער אויף אַן אַנדער פּיקאַנט אָרט און שטודירן דורך קאָרעספּאָנדענץ אינזשיניעריע אָדער גאָר עפּעס אַנדערש?

— ניין, און כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס, מיין זון. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, ווי־ווייט אָנגענעם ס׳איז, וויבאַלד מ׳האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס אַן אוניווערזיטעט־טיטול. אָפּטמאָל ווייסן אַפילו נישט די קונדן מיט וועמען זיי האָבן צו טון. זיי טראַכטן, אַז זיי האָבן פאַר זיך אַ געוויינלעכן סוחר, און זיי טון זיך אַ צולאָז וועגן עקאָנאָמיע, ליטעראַטור אָדער עקספּאָרט־פראַגן און ווען די לאָזט נאָר פאַלן אַ וואָרט: איך האָב געשטודירט אויפן אוניווערזיטעט, איך האָב געלערנט סאָציאָלאָגיע און אַנדערע לימודים און האָב אַ דיפּלאָם, איך זאָג דיר, אַז דעמאָלט פאַרמאַכט ער גלייך דאָס מויל. ווען דו זאָלסט אָבער זאָגן, אַז דו האָסט געקריגן אַן אויסצייכנונג אויפן קאָרעספּאָנדענץ־אוניווערזיטעט פאַר קלעבן מאַרקעס, וואָלט עס נישט געמאַכט דעם מינדעסטן איינדרוק! זעסטו — מיין פאָטער איז געווען זייער אַן ערלעכער מענטש, אָבער ער האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך האַלטונג פאַר אַ פּרוטה, און כ׳האָב שווער געמוזט אַרבעטן, איידער כ׳האָב פאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט. אָבער עס לוינט זיך מיר! איך שטיי אין באַציונגען מיט די ערשטקלאַסיקע הייזער אין זעניט, איך בין אַ מיטגליד אין קלוב און אַזוי ווייטער. און איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז דו זאָלסט אַרויסגעשטויסן ווערן פון דעמדאָזיקן קלאַס, פון וועלכן ס׳פליסט רויט בלוט, ווי ביים געמיינעם פאָלק, נאָר חוצדעם פאַרמאָגט ער מאַכט און כאַראַקטער. עס וואָלט געווען פאַר מיר אַ שווערער קלאַפּ, ווען דו זאָלסט צו דעם קלאַס חלילה נישט געהערן, מיין יינגל!

— כ׳ווייס עס, פאָטער! זיכער אַזוי! גוט. איך וועל זיך האַלטן. אָ, צום טייוול, כ׳האָב דאָך גאָר פאַרגעסן, אַז כ׳דאַרף אָפּפירן די מיידלעך אויף דער כאָר־פּראָבע! כ׳וועל שוין מוזן לויפן!

— האָסט דאָך נאָך נישט געמאַכט די לעקציעס.

— כ׳על שוין מאַכן מאָרגן באַגינען!

— גוט.

אין די לעצטע זעקס טעג האָט בעביט זעקס מאָל געשריגן: — דו וועסט נישט מאַכן די לעקציע מאָרגן באַגינען! שוין איצטער זאָלסטו עס טון. — אָבער היינט האָט ער געזאָגט:—גיי גיכער—דערביי האָט ער זיך צעשטראַלט מיט יענעם פיינעם צוקערדיקן שמייכעלע, וואָס ער האָט נאָר באַהאַלטן אויסשליסלעך פאַר פאָול ריסלינג.

ד.

— טעד איז אַ ווילער יינגל! — האָט ער אַ זאָג געטון צו זיין ווייב.

— אָ יאָ, געוויס!

— ווער זענען עס די מיידלעך, וואָס ער דאַרף אָפּפירן אין שול אַריין? זענען עס כאָטש פיינע, לייטישע מיידלעך?

— כ׳ווייס נישט. אַך, ליבער גאָט, טעד דערציילט מיר קיינמאָל נישט פון קיין אינטימע זאַכן. איך פאַרשטיי לגמרי נישט, וואָס עס טוט זיך מיט דער יוגנט פון היינטיקן דור. איך האָב אַמאָל געמוזט אַלץ דערציילן פאַר מיין פאָטער און מוטער, אָבער די היינטיקע קינדער דרייען זיך ממש אַרויס פון דער האַנט!

— איך האָף, אַז דאָס זענען גאַנץ פיינע מיידלעך. חוץ דעם, איז שוין טעד נישט קיין קינד, און איך וויל טאַקע נישט, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן מיט וועמען ס׳איז.

— דזשאָרזש! עס חידושט מיך פאַרוואָס דו טוסט נישט מיט אים אַ שמועס אויג אויף אויג וועגן אָט דער זאַך! — זי פאַרויטלט זיך און לאָזט אַראָפּ די אויגן צו דער ערד.

— ניין, כ׳ווייס באמת נישט. וואָרום אַז איך טו אַ טראַכט וועגן דעם, מיראַ, זע איך איין, אַז ס׳האָט נישט קיין זינען אים אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דידאָזיקע מאָראַלישע זאַכן. דאַכט זיך מיר, אַז ער האָט גענוג דערפאַרונג. חוצדעם — איז עס נישט אַזאַ לייכטע פראַגע. וואָס טראַכט ליטלפעלד וועגן דעם?

— דער פאָטער האָט באַטירלעך אַזאַ מיינונג ווי דו. ער זאָגט, אַז די אַלע — אויפקלערונגען — זענען — ער זאָגט, אַז זיי זענען נישט אָנשטענדיק.

— אָך, אַזוי זאָגט ער, אַזוי זאָגט ער. טאַקע נו, טאָ דערלויב דיר טאַקע צו זאָגן, אַז ס'איז נאָך נישט אַזוי, ווי היינריך טאָמפּסאָן טראַכט וועגן דער מאָראַל. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַנדערע ענינים קאָן מען דעם אַלטן פוקס נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט —

— אָ, וויאַזוי רעדסטו וועגן פּאַפּאַ?

— אויף די דילן קען ער זיך בעסער ווי איך, אָבער דערלויב דיר צו זאָגן, אַז ווען ער רירט זיך צו צו אַ העכערע טעמע, ווי וועגן דערציונג, ווייס איך, אַז איך וועל שוין טראַכטן פּונקט קאַפּויער. מעגלעך, אַז דו האַלסט מיך נישט פאַר אַזאַ שטאַרק געבילדעטן מענטשן. אָבער אין פאַרגלייך מיט היינריך ט. טאָמפּסאָן בין איך אַן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר! יאָ, מיין טייערע, ווי איך בין אַ מענטש, כ'וועל אַוועקנעמען טעד אָן אַ זייט און כ'וועל אים דערציילן, פאַרוואָס איך פיר אַזאַ שטרענג מאָראַליש לעבן.

— אָך, ווערסטו אַזוי טון? ווען?

— ווען? ווען? וואָס פאַראַ זינען האָט עס צו באַשטימען, ווען און פאַרוואָס און וווּ און וויאַזוי און ווען? דאָס איז שוין תמיד אַזאַ טבע ביי דער פרוי. אָט פאַרוואָס זיי קאָנען נישט דערגרייכן קיין העכערע שטעלונג אין דער געזעלשאַפט: זיי האָבן נישט קיין ברעקל חוש פאַר דיפּלאָמאַטיע. ווען ס'וועט זיך מאַכן אַ פּאַסיקער מאָמענט, אַז כ'זאָל מיט אים אַ שמועס טון, וועל איך זיך שוין אַדורכשמועסן מיט אים אויף אַ פריינטלעכן אופן — און — וואָס טוט דאָרטן טינקאַ אינדערהייך? זי האָט שוין לאַנג באַדאַרפט שלאָפן.

ער איז אַדורך דורכן קינדער־צימער און ער איז שטיין געבליבן אויף דער טעראַסע, אַ גלעזערנע וועראַנדע, מיט ווייכע פאָטעלן, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט דעם זונטיקדיקן נאָכמיטאָג. די ווייכע טונקלקייט פון דער אַפּריל נאַכט איז

פֿאַר איבערגעריסן געוואָרן פֿון דער ליכטיקייט, וואָס האָט געשטראָמט פֿון דאָפּלבריס הויז און פֿון די שאָטנהאַפֿטע סילועטן פֿון בעביטס טייערע אולם־בוימער.

— אַ פֿיינער שמועס איז געווען מיט דעם יינג. איצטער פֿיל איך זיך שוין נישט אַזוי צעדרייט, ווי אײנדערפֿרי. און נישט אַזוי אומרויק. אָבער, גאָט מיינער, איך וויל, חוצדעם, פֿאַרברענגען עטלעכע טעג אַליין מיט פּאָול ריסלינג אויפֿן מאַין... דידאָזיקע טייוולאָנישע צילאַ!... אָבער מיט טעד איז שוין אין בעסטן אָרדנונג. מיט דער גאַנצער פֿאַמיליע איז אין אָרדנונג. און די געשעפֿטן גייען גוט. נישט יעדער פֿון מיינע גוטע ברידער קאָן פֿאַרדינען פֿיר הונדערט און פֿופֿציק שטיקלעך מיטאַמאָל, כּמעט אַ האַלבן טויזנטער, אַזוי לייכט און גיך, ווי איך היינט! מעגלעך אַז אין די מחלוקת האָב איך פּונקט אַזוי די שילד, ווי זיי. איך דאַרף נישט זיין אַזאַ מרוק. וואָרום כ׳באַדויער, פֿאַרוואָס כ׳בין נישט געווען אַ פּיאָנער, ווי מיין זיידע. אָבער כ׳וואָלט דאַן נישט געהאַט אַזאַ הויז. איך — אַך, גאָט, א י ך ו ו י י ס אַ ל י י ן נ י ש ט!

ער האָט געמיטלעך געטראַכט וועגן פּאָול ריסלינג, וועגן זייער געמיינזאַמער יוגנט, וועגן די מיידלעך, וואָס זיי האָבן געקענט.

ווען בעביט האָט פֿאַרענדיקט דעם אוניווערזיטעט, מיט פֿיר־אונצוואָנציק יאָר צוריק, האָט ער געהאַט אַ נייגונג צו ווערן אַדוואָקאַט. אויפֿן אוניווערזיטעט איז ער געווען דער בעסטער שילער; ער האָט זיך געפֿילט אַלס געבוירענער רעדנער. ער האָט זיך שוין געזען אַלס מלוכה־גובערנאַטאָר. בעת ער האָט שטודירט רעכט, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט מעקלען הייזער. ער האָט אָפּגעשפּאָרט געלט, געוווינט אין אַן אכסניה, געגעסן אייער מיט שינקע. דער עלעגאַנטער פּאָול ריסלינג, (וואָס וועט זיכער אַרויספֿאָרן קיין אייראָפּע אין אַ חודש אָדער אין אַ יאָר אַרום, שטודירן וויאָלין), איז געווען זיין איינציקער חבר און טרייסט, ביז ער איז פֿאַרכשופֿט געוואָרן פֿון צילאַ קאָלבעק, זי האָט

געלאַכט און געטאַנצט, און די מענער זענען צעטומלט געוואָרן, בעת זי האָט געווונקען צו זיי מיט איר פינגערל.

דעמאָלט האָט בעביט אָנגעהויבן צו פאַרברענגען די אָוונטן איינזאַם, און ער האָט געפונען אַ טרייסט אין פּאָולס צווייטע קוזינע, מיראַ טאָמפּסאָן, אַ שלאַנק און צאַרט מיידל. איר אינטעליגענץ האָט ער געזען דערין, וואָס זי האָט פּונקט ווי ער געגלויבט, אַז ער וועט אין איינעם אַ טאָג ווערן גובערנאַטאָר. בעת צילאַ האָט געלאַכט פון בעביטן, רופנדיק אים פויער, האָט מיראַ געהאַלטן, אַז ער איז סאָלידער, ווי די אַלע יינגע פּראַנטלעך, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין דער גרויסער שטאָט זעניט — אין דעם זעניט, וואָס איז שוין אין יאָר 1987 געווען אַן אַלטער ישוב פון הונדערט און פינף יאָר און געציילט צוויי הונדערט טויזנט איינוווינער — און פאָרגעשטעלט מיט זיך קעניגן און ווונדער פון דעם גאַנצן שטאָט פאַר דעם קאַטאַובער יונגערמאַן, דזשאָרזש בעביט, אַז ס'איז אים געפעלן געוואָרן די באַקאַנטשאַפט מיט אַ מיידל, וואָס איז אים אויסגעקומען איידל, בלויז דורך איר געבורט אין זעניט.

וועגן ליבע האָבן זיי נישט גערעדט קיין איין וואָרט. ער האָט געוווסט, אַז וויבאַלד ער וויל שטודירן רעכט, וועט ער נאָך מוזן וואַרטן לאַנגע יאָרן, איידער ער וועט קאָנען חתונה האָבן; און מיראַ איז געווען אין יעדן פּרט אַ זעלטן ערלעך מיידל — ס'איז נישט מעגלעך געווען איר אַ קוש צו טון, אפילו נישט צו טראַכטן וועגן איר „אויף אַזאַ אופן", סיידן מ'זאָל מיט איר חתונה האָבן. אָבער זי איז געווען אַ געטרייע פריינדין, תמיד גרייט אויף אַ שפּאַציר, אויפן אייז זיך גליטשן, זי האָט מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט זיינע דערציילונגען וועגן די גרויסע ווערק, וואָס ער וועט שאַפן, וויאַזוי ער וועט פאַרטיידיקן די אָרעמע צוליב דער אומגערעכטיקייט, וואָס פאַראַ רעדעס ער וועט אָפּהאַלטן אויף די באַנקעטן, וויאַזוי ער וועט אויסבעסערן די פאַלשע לערעס צווישן די מענטשן.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען ער האָט זיך געפילט מיד און אויסגעשעפּט האָט ער באַמערקט, ווי מיראַ וויינט. צילאַ האָט

זי נישט פאַרבעטן אויף אַן אָוונט, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט. פּלוצלונג האָט זיך איר קעפּל געפונען אויף דזשאָרזשס אַקסל, ער האָט געקושט די טרערן, וואָס האָבן גערונען איבער אירע באַקן — און זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט צו אים :

— איצט ווען מיר זענען פאַרליבט — צי זאָלן מיר שוין חתונה האָבן אָדער נאָך וואַרטן?

פאַרליבט ? דאָס איז געווען דער ערשטער רמז צו דער ניי-געשאַפענער לאַגע זיינע. זיין צערטלעכקייט צום דאָזיקן ברוינעם ווען האָט זיך אָפּגעקילט, אָבער בעביט האָט נישט געקאָנט צעברעכן איר צוטרוי. ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון וועגן וואַרטן, און ער איז אַוועק. אַן ערך אַ שעה צייט האָט ער שפּאַצירט אויף דער גאַס, ער האָט זיך באַמיט צו געפונען אַ געלעגנהייט צו קאָנען זאָגן מירען, אַז עס איז געווען אַ טעות. אינם דאָזיקן חודש האָט ער איר געוואָלט עטלעכע מאָל זאָגן דאָסדאָזיקע. אָבער אָנגענעם איז צו האַלטן דאָס מיידל אַרומגענומען און שווער איז איר צו זאָגן, אַז זי איז נישט געליבט. די לעצטע נאַכט פאַר דער חתונה איז געווען פאַר אים אַ מאַטערניש, און אויף צומאָרגנס נאָך דער חתונה האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילדער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן.

זי איז געווען פאַר אים דאָס, וואָס מ'רופט אַ גוט ווייב, זי איז געווען לאָיאַל, אַרבעטזאַם, און טיילמאָל, זעלטן, פריילעך. איר ערשטער לייכטער עקל צו זייער קערפּערלעכער באַציונג, האָט זיך טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין ליבע, אָבער ס'איז נאָר געווען אַ רוטינע. דאָך האָט זי געלעבט אויסשליסלעך פאַר אים און פאַר די קינדער, און זי האָט זיך גענומען צום האַרצן פּונקט ווי ער, בעת ער האָט אויפגעגעבן דאָס שטודירן און ער האָט זיך גענומען צו מעקלעריי.

— אָרעם קינד! ס'איז איר נאָך גאָרנישט בעסער געווען ווי מיר — האָט בעביט געטראַכט, שטייענדיק אין טונקעלן חדר, — אָבער — כ'באַדויער, וואָס כ'האָב זיך נישט געקאָנט ווידמען דער רעכט און פּאָליטיק. דאַן וואָלט מען געזען, וואָס איך

חאָלט געקאָנט. יאָ — אפשר וואָלט איך נאָך געהאַט מער געלט!

ער האָט זיך אומגעקערט אין פאַרוויילונגס-צימער, אָבער איידער ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער אַ גלעט געטון זיין ווייב איבער די האָר, און זי האָט אַ קוק געטון אויף אים גליקלעך און עטוואָס איבערראַשט.

קאפיטל VII

א.

ער האָט פּייערלעך פאַרענדיקט דאָס לייענען די לעצטע בלעטער פון „אַמעריקאַנער מאַגאַזין”, פּרוי בעביט האָט אָפּגעזיפצט, זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס צערעוועץ, און זי האָט מיט קנאה געקוקט אויף די מוסטערן וועש אין דער פּרויען-אָפּטיילונג פון מאַגאַזין. אין צימער איז געווען זייער שטיל.

דאָס צימער איז געווען שטרענג איינגעאָרדנט לויטן סטיל פון דער פלאָרעל-הייטס. די גראָע ווענט זענען געווען צעטיילט אויף פעלדער מיט שמאָלע, ווייס-עמאַלירטע טענענבוים-לייסטן. פון זייער פריערדיקער וווינונג האָבן זיי מיטגענומען בלויז די געשניצטע וויג-שטולן: די אַנדערע מעבלן זענען געווען נייע, זייער טיף, באַקוועם, איבערגעצויגן מיט בלוי-געשטרייפטן סאַמעט. א בלוי-סאַמעטענע קאַנאַפּע איז געשטאַנען לעבן קאַמין, און לעבן דער קאַנאַפּע אַ טיש פון קאַרשן-האָלץ און אַ הויכער קלאַוויר-לאָמפּ מיט אַ זיידענעם אַבאַזשור פון גאָלד-קאָליר. (אויף יעדערע דריי הייזער אין פלאָרעל-הייטס האָבן צוויי פאַרמאָגט קאַנאַפּעס פאַרן קאַמין, טישלעך פון אמתן אָדער קינסטלעכן מאַכאָן און אַ קלאַוויר-לאָמפּ אָדער קאַבינעט-לאָמפּ מיט אַן אַבאַזשור פון געלן אָדער ראָזן זייד.)

אויפן טיש איז געשטאַנען אַ גאָלד-דורכגעאַרבעטער רייטער פון כינעזיש, דורכזיכטיק פאָרצעלאַן, פיר אילוסטרירטע צייטשריפטן, אַ זילבערן קעסטעלע צו די שטיקלעך פון ציגאַרן, און דריי „פּראַכט-ביכער” — גרויסע, ווערטפולע לעגענדע-

ביכער, אילוסטרירט דורך די באַרימסטע ענגלישע קינסטלער. קיינער פון די בעביטס, אַ חוץ טינקאַ, האָט זיי נאָך נישט געלייענט.

אין אַווינקל לעבן פענסטער צום פראָנט איז געשטאַנען אַ גרויסע גראַמאָפאָן-שאַנק. (אויף ניין הייזער אין דער פלאָרעל-הייטס, האָבן אַכט געהאַט אַזוינע גראַמאָפאָן-שענק.)

צווישן די בילדער, וואָס זענען צעהאָנגען געווען אויף די ווענט צווישן יעדן גראָען פאַס, האָט זיך געפונען אַ רויט-שווארץ בילד, וואָס האָט אימיטירט אַן ענגלישע יאַגד-סצענע, אַן אַנדער בילד האָט פאַרגעשטעלט אין אַנעמישע פאַרבן אַ בודואַר-בילד מיט אַ פראַנצויזישן אויפשריפט, וועמענס מאָראַלישקייט בעביט האָט תמיד קוועסטיאָנירט, און אַ „האַנט-פאַמאָלטע" פאָטאָגראַפיע פון קעלנישע צימער-מיידלעך ביי די שפינדלען, אַ קאַץ צעלייגט ביים קאַמין. (אויף צוואָנציק הייזער אין דער פלאָרעל-הייטס האָבן ניינצן געהאַט אָדער אַ יאַגד-סצענע, אָדער אַ מאַדאַם פעט לאַ טואַלעט, אַ פאַרביקע פאָטאָגראַפיע פון אַ ניי ענגליש הויז, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ פעלזנבאַרג, אָדער אַלע פיר צוזאַמען.)

דאָס איז געווען אַ צימער, וואָס זיין באַקוועמלעכקייט איז איבערגעשטיגן דאָס „קינדער-צימער" פון בעביטס קינדער-יאָרן, אַזוי ווי זיין אויטאָמאָביל דאָס איינשפּאַניקע וועגעלע פון זיין פאָטער. אין דעם צימער איז גאָרנישט געווען קיין אינטערעסאַנטס און גלייכצייטיק גאָרנישט אָפּשטויסנדיקס. ס'איז געווען אָנגענעם און שווייגנדיק, ווי אַ בלאָק קינסטלעך אייז. דאָס שמוציקע אַש און די שוואַרצע קוילן האָבן נישט קאַליע געמאַכט דעם קאַמין, די רושטן האָבן געגלאַנצט מיט אַן אומבאַפלעקטער ווייסקייט, די ריזיקע ווייס-פּאָלירטע בעקנס האָבן אויסגעזען ווי מוסטערן סחורות אין אַ געוועלב — פאַרלאָזן, פון קיינעם נישט פאַרלאַנגט, לעבלאָזע אַרטיקלען, באַשטימט פאַרן האַנדל.

לעבן דער וואַנט איז געשטאַנען אַ קלאַוויר, און אויפן קלאַוויר נאָך אַ לאָמפּ, אָבער קיינער האָט אים נישט באַנוצט.

א חוץ טינקע. די איבעריקע בעביטס האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט די גראָבע טענער פון גראַמאָפאָן; זייער ליבע צום דזשאַז־באַנד האָט געשאַפן ביי זיי א געפיל פון קולטור און רייכטום, און זיי האָבן אַזויפיל געוווסט וועגן מוזיק־קולטור, וויפל ס׳איז נויטיק געווען אויף אַריינצושטעקן די שפּילקע. די ביכער, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, זענען נאָך נישט געווען אויפגעשניטן; זיי זענען געלעגן אין גלייכע רייען; קיין עק פון דיוואַן איז נישט געווען איינגעקנייטשט, אין קיין שום אָרט האָט מען נישט געזען קיין באָל־שטעקן, א צעריסן בילדער־בוך, אן אַלט היטל אָדער א בייזן הונט.

ב.

אין שטוב האָט בעביט קיינמאָל נישט געלייענט אויפמערקזאַם. אין ביוראָ האָט ער געקאָנט קאָנצענטרירן די געדאַנקען, אָבער אין שטוב איז ער געזעסן פאַרלייגט די הענט און ער איז געווען אומרויק. וויבאַלד די דערציילונג איז געווען אינטערעסאַנט, האָט ער די שענערע שטעלן פאַרגעלייענט פאַר זיין ווייב, וויבאַלד דאָס לייענען האָט אים געלאַנגווייליקט, האָט בעביט א הוסט געטון, אַ קראַץ זיך געטון ביים אויער, אַריינגעשטעקט דעם גרויסן פינגער אין וועסטל־קעשענע, געקלונגען מיט די זילבערנע מטבעות, געוואָרפן מיט דעם ציגאַר־מעסערל און מיט די שליסעלעך, וואָס זענען געהאַנגען אָן זיין קייטל. ער איז אַרויפגעגאַנגען אינדערהייך און אָנגעטון זיינע פרימאָרגן־פאַנטאָפל — זיינע עלעגאַנטע פרימאָרגן־פאַנטאָפל, ווי מיטלאַלטערלעכע שיך. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער אַריין און אַרויסגענומען אן עפּל פון פעסל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם קאַמער.

— בייטאָג אן עפּעלע איז דער בעסטער דאָקטאָר — האָט ער געלערנט די פרוי בעביט צום ערשטן מאָל אין די לעצטע פערצן שעה.

— דאָס איז אמת.

— אַן עפּעלע איז דער בעסטער רעגולאַטאָר, וואָס קאָן נאָר געבן.

— יאָ, ס׳איז —

— דאָס ערגסטע איז מיט די פרויען, זיי האָבן נישט קיין שכל צוצוגעוואוינען זיך צו רעגלמעסיק׳יט.

— נו, איך —

— דאָס שטענדיקע נאַשן און עסן צווישן איין מאָלצייט און דעם אַנדערן!

—דזשאָרזש—פּרוי בעביט האָט אַ קוק געטון אויף אים פון איר ביכל — האָסט געגעסן היינט אַ לייכטן פרישטיק, ווי דו האָסט אָפּגעמאַכט ביי זיך? איך יאָ?

דערדאָזיקער שלעכטער און אומפּראָוויצירנדער אָנגריף האָט אים דערשטוינט.

— מעגלעך, אַז ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט — איך האָב געגעסן מיט פּאָול ריסלינג און כ׳האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו האַלטן אַזוי ווייט ביי דער דיעטע. אָך, דאַרפסט זיך נישט פאַרקרימען פאַר מיר ווי אַ קאַץ. ווען איך זאָל אַזוי נישט זאָרגן פאַר אונזער דיעטע—איך בין דער איינציקער אין דער גאַנצער פאַמיליע, וואָס פאַרשטייט דעם ווערט פון האָבער־זופּ צום ערשטן פרישטיק. איך —

זי האָט איבערגעריסן דאָס לייענען, בעת ער האָט גע־מיטלעך אָפּגעשיילט און צעשניטן זיין עפּעלע. ער האָט גע־רעדט ווייטער:

— אָבער איינס האָב איך געטון: כ׳האָב זיך אָפּגעוואוינט פון רויכערן.

— איך האָב היינט געהאַט אין דער ביוראָ אַ קליינעם סכסוך מיט גראַפּן. ער ווערט שרעקלעך חוצפּהדיק. אמת טאַקע, אַז איך קאָן אַ סך אויסהערן אין דער ביוראָ און בלייבן רויק, אָבער פון צייט צו צייט מוז איך זען צוריקצושטעלן מיין אוי־טאָריטעט. נו, האָב איך היינט נישט גערעדט צו אים דורך אַ זיידן טיכעלע. סטען, — זאָג איך צו אים קורץ און שאַרף, בקיצור — איך האָב אים דערציילט די אמתע מעשה.

— אַ קאָמישער טאָג הייַנט, ער שאַפּט אַן אומרויִק געפיל.

—יאָאָאָ, נו, מילא,—פון דידאָזיקע שלעפערדיקע מענטשן, אַ געזונט אַנטגילטיק געגעצן. פרוי בעביט געגעצט מיט און באַמיט זיך אויסצוזען מונטער, אָבער ער ברומט:

— וואָס טראַכסטו וועגן שלאָפן גיין? טעד און ראָנע וועלן זיכער אַהיימקומען נאָך האַלבע נאַכט. יאָ, יאָ, מערקווירדיקע טעג; נישט זייער וואַרעם, פונדעסטוועגן,—צום טייוול — כ'האָב חשק צו מאַכן וועלכן טאָג אַ לאַנגן שפּאַציר מיטן אויטאָמאָביל.

—יאָ. מיר וואָלטן עס שוין ביידע באַדאַרפט ווי דאָס לעבן — זאָגט זי און געגעצט.

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ פון איר זייט, בעת ער האָט זיך פלוצלונג דערמאַנט, אַז ער האָט זי גאָרנישט געוואָלט האָבן מיט זיך. בעת ער האָט פאַרמאַכט די טירן, נאָכגעזען די פענסטער, און איינגעשטעלט דעם הייץ־רעגולאַטאָר, אַז ער זאָלן זיך צומאָרגנס אינדערפרי אויטאָמאַטיש אַליין עפענען, האָט ער אָפּגעזיפצט. ער האָט געפילט אַ מאָדנע אָפּשוואַכונג, וואָס האָט אים צעטומלט און איבערגעשראָקן. ער איז געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט פאַרגעסן וועלכע פענסטער ער האָט שוין נאָכגעזען און וועלכע נישט. אין דער פינסטער, אומוואָרפנדיק שטולן, איז ער נאָכאַמאָל געגאַנגען אַ קוק טון צו זיי. זיינע פיס האָבן געהילכט אויף די טרעפּ, ווי ער וואָלט זיי, נאָך דעמדאָזיקן אומהיימלעכן טאָג, געוואָלט צעלייגן.

ג.

פאַרן פרישטיק האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ דאָרפסיינג און ער האָט זיך דערשראָקן פאַר די קאָמפּליצירטע פאַרלאַנגען פון גרויס־שטאָטישן לעבן, ווי אַ שטייגער: ראַזירן באָדן, די פראַגע צי ס'העמד איז נאָך ריין צו טראָגן נאָך אַ טאָג. אויב ער בלייבט אין אָוונט אין שטוב, לייגט ער זיך

פרי שלאָפן און ער דערלעדיקט זאָרגעוודיק דידאַזיקע לאַנגווייליקע פליכטן. ער איז געוווינט געוועזן זיך צו ראַזירן זיצנדיק אין אַ פולע וואַננע וואַסער. היינטיקן אָוונט האָט ער אויסגעזען ווי אַ קיילעכדיקער, גלאַטיקער, רויטער, פליכעוואַטער אָנשטעגדיקער באַלעבאָסל, וואָס האָט צוזאַמען מיט די ברילן אויסגעטון אויך די וויכטיקייט זיינע. ער האָט זיך געפּלוסקעט אין הייסן וואַסער, קראַצנדיק אויף די אָנגעזייפטע באַקן מיטן אַ פּאַטענטירט מעסערל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אַקעראייז אין מיניאַטור, און ער האָט זיך באַוועגט מיט מעלאַנכאָלישער וויכטיקייט אין וואַסער, כּדי צו כאַפּן דאָס שטיקל זייף, וואָס האָט זיך אים כּסדר אַרויסגעגליטשט פון דער האַנט.

די מילדע וואַרעמקייט האָט געווירקט אויף אים טרוימעריש. די ליכטיקייט איז געפאַלן אויף די ראַנדן פון די ווייסע פּאָרצעלאַנענע וואַננע אין איידעלע ליניען, וואָס האָבן זיך באַוועגט איבער די לימונירנדע ווענט ביי יעדן באַוועג פון וואַסער. בעפּיט האָט געקוקט אויף זיי שלעפערדיק, ער האָט באַמערקט לענגאויס די קאָנטורן פון זיינע פיס, וואָס זענען געלעגן אויף דעם גרונט פון דער וואַננע, דעם שאָטן, וואָס האָט זיך צעשפּרייט דורך די קליינע זייפנבלאָזן, וואָס זענען געהאָנגען אויף די קליינע האָר פון זיינע פיס, ער האָט אַ פּלוסקע געטון מיטן וואַסער, דער שאָטן האָט אַ ציטער געטון און די זייפן-בלאָזן זענען זיך צערונען. ער איז געווען קינדיש און צופרידן. ער שפּילט זיך, ער ראַזירט אָפּ אַ פּאַס פון זיינעם אַ פוס.

די טראָפּנס, וואָס זענען גערונען פון קראַן, האָבן אויסגעזונגען אַ פרייליך ליד: טריפּ, טראָפּ, טריפּ, טראָפּ, טריפּ, טראָפּ. ער איז געווען אַנטציקט. ער האָט באַטראַכט די דויערהאַפטע וואַננע, די פּרעכטיק ניקלנע קראַנען, די ווענט פון באָד-צימער, אויסגעלייגט מיט קאַפלעס און ער האָט זיך דערפילט שטאָלץ און יושרדיק, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ פּראַכט.

ער האָט זיך געטון אַ שטעל אויף און ער האָט גראָב אַ זאָג געטון צו זיינע באָד-מכשירים:

— קום אהער! שוין גענוג מיט דער שפּיל! — האָט ער זיך געווענדעט מיט פאָרוואָרף צום שווימענדיקן שטיקל זייף און כאַפּט דאָס נעגל־בערשטעלע: — איך וועל אייך געבן! — ער זייפט זיך איין, וואַשט זיך אָפּ, ווישט זיך גוט אָפּ! ער באַמערקט אַ לאָך אין האָריקן האַנטוך, און ער שטעקט דאָרטן באַוווסטזיניק אַריין דעם פינגער, און ער קערט זיך צוריק אום אין שלאָף־צימער, אַן ערנסטער און אומבויגזאַמער בירגער.

דאַן קומט אָן דער הערלעכער מאָמענט פון נישט באַהערשן זיך, אַ מעלאָדראַמאַטישער מאָמענט! ער האָט געעפנט די שופלאָד, כדי אַרויסצונעמען פון דאָרטן אַ קלאָרן קאָלנער, ער האָט באַמערקט, אַז דער קאָלנער איז פאַרברענט אין פראָנט און ער האָט אים צעריסן מיט אַ הערלעכן קלאַנג: סי—י—י—פּ!

אָבער דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם איז געווען דאָס בעטן זיין בעט אין שלאָף־צימער.

עס איז נישט באַוווסט, אויב בעביט האָט באַנוצט דידאָזיקע ווערענדע פאַר אַ שלאָף־צימער צוליב דעם, וואָס די לופט איז דאָרטן געווען ריינער, צי דערפאַר, ווייל ס׳איז געווען מאָדערן און היינטוועלטיש צו שלאָפן אין אַ ווערענדע.

סיי דאַמאָלס, ווען ער איז געווען אַן עלך, אַ בוסטער אָדער אַ מיטגליד פון דער האַנדלס־קאַמער, האָט ער זיך אָריענטירט אין זיינע אָנשויוּנגען לויט די רעליגיעזע אָנווייזונגען פון די פּריסטער פון דער פּרעביסטעריאַנער קירך, וואָס די סענאַטאָרן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי, האָבן אין די פאַררויכערטע שטיבלעך אין וואַשינגטאָן דעצידירט, ווי אַזוי בעביט דאַרף טראַכטן וועגן אַנטוואָפענונג, וועגן צאָל אין דייטשלאַנד. די אָנגעזעענסטע אַמעריקאַנער ספּעציאַליסטן פון רעקלאַמע האָבן אַרויסגעוואָרפן אויף אים אַ לעבנס־סדר, דאָס, וואָס בעביט האָט געהאַלטן פאַר זיין אינדיווידואַליטעט. די מוסטערהאַפטע רעקלאַמירטע סחורות — ציין־פּאַסטע, זאָקן, פּאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן, וואַרעם־פלעשער — זיינען געווען פאַר

איט אַ סימבאָל פון פאָלקאָמענהייט, לכתחלה אַ סימן, שפּעטער ערזאַץ-מאַטעריאַל, פאַר פרייד, ליידנשאַפט און חכמה.

אָבער קיין שום רעקלאַמירטע זאַך האָט נישט געהאַט אַזאַ מאָראַלישן און מאַטעריעלן דערפאָלג, ווי אַ שלאָף-צימער מיט אַ זונען-וועראַנדע.

די צערעמאָניע פון בעטן ס'בעט איז געווען זייער קאָמפּליצירט און שטרענג. דאָס בעטגעוואַנד האָט געמוזט זיין נידעריקער ביים צופיסנס פון בעט. (ער דיסקוסירט מיט דער פרוי בעביט וועגן דער סיבה, פאַרוואָס דאָס דינסטמיידל האָט דאָס הייגט נישט געטון) שמאַטעס זענען אויסגעלייגט געווען אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען אַוועקשטעלן די באָרוועסע פיס, בעת ער וועט אויפשטיין אינדערפרי. דער וועק-זייגער איז געווען אָנגעצויגן. די וואַרעם-פלאַש איז געווען פול און זי איז געשטאַנען מיט צוויי פוסטריט אָפגערוקט פון בעט.

דידאָזיקע אַלע הכנות איז ער בייגעקומען אַ דאַנק זיין ענערגיע. ביים אויספירן יעדערער זאַך האָט ער אַ שמועס געטון מיט פרוי בעביט. לסוף האָט זיין פנים אויפגעשטראַלט, און זיין „גוטע נאַכט" איז געווען פול מיט מענלעכן כח. אָבער ער האָט זיך גאָך געגויטיקט אין מוט און אַנטשלאָסנקייט. קוים ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן, בעת דעם ערשטן זיסן דרימל, איז דאָפּלבּרויס אויטאָמאָביל פאַרפאָרן פאַרן הויז. ער האָט עטוואָס אויפגעוואַכט און געיאָמערט: — פאַרוואָס, צום טייוול, קאָנען זיי נישט גיין שלאָפן צו דער צייט! ער האָט אויפגענומען די גאַנצע פּראָצעדור פון אַריינשטעלן זיין אויטאָמאָביל אין גאַראַזש אַריין, וואָס איז אים געווען אַזוי באַקאַנט, אַז ער האָט איצט אויפמערקזאַם נאָכגעפאָרשט יעטווועדן באַוועג פון דאָפּלבּרוי, ווי אַ געניטער תליון, וואָס איז פאַרמשפּט אויף אייגענער פּיין.

דער אויטאָמאָביל האָט געסאַפּעט חוצפּהדיק און פרייעך. די טירלעך האָבן זיך אויפגעמאַכט און צוריק פאַרמאַכט, דאַן האָבן אַ גרילץ געטון די טירן פון גאַראַזש און זיך געריבן אָן דעם שוועל. דאַן ווידער אַ קלאַפּ פון די אויטאָמאָ-

ביל־טירן. דער מאָטאָר פאַרשווייגט און רייסט אויף, פאַרשטומט ווידער, ביז ער איז שוין אין גאַראַזש. די טירלעך עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך צום לעצטן מאָל. דאַן שטילקייט, אַ מוראדיקע שטילקייט, פול מיט דערוואַרטונג, ביז הער דאָפלברוי באַקוקט זיין אויטאָמאָביל און פאַרמאַכט די טיר פון גאַראַזש. אויגנבליקלעך פאַלט בעביט אַריין אין אַ געבענטשטן צושטאַנד פון באַוווסטלאָזיקייט.

ד.

אין דערזעלבער צייט האָט אין דער שטאָט זעניט הער האַראַץ אָפדייק געפלירטעוועט מיט לוצילע מעק קאַלווי אין איר מאַלוון־פאַרביקן סאַלאָן אויף ראָיאַל רידזש, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט פון אַ פאָרלעזונג פון אַ באַרימטן ענגלישן דיכטער. אָפדייק איז געווען אַ בחור פון זעניט; אַ שלאַנקער יונגערמאַן פון זעקסאונפערציק יאָר. זיין קול איז געווען ווייבעריש און ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו בלומען, געשטרייפטן שטאָף און געפרעגלטע פיש. פרוי מעק קאַלווי איז געווען אַ רויט־האָריקע, אַ צאַרטע, אַן אומבאַפרידיקטע, אַן אומהעפלעכע און אויפריכטיקע. אָפדייק האָט אָנגעהויבן מיט זיין שטענדיקן מאַניר — ער האָט זי אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

— טוט נישט קיין נאַרישקייטן — האָט זי אַ זאָג געטון.

— שאָקירט עס אייך באמת?

— ניין! אגב שאָקירט עס מיר טאַקע יאָ!

ער איז איבערגעגאַנגען צו קאָנווערסאַציע. ער איז געווען אַ באַרימטער פלוידער־זאַק. ער האָט גערעדט אינטערעסאַנט וועגן פסיכאָאַנאַליז, וועגן פאָלאָ־שפיל אין לאָנדזש איסלאַנד, וועגן זיינע אַנטדעקונגען אין ווענקיר. זי האָט צוגעזאָגט צו פאָרן מיט אים זומער קיין דיוויל. — הגם — ווי זי האָט באַמערקט מיט אַ זיפץ, — דאָס איז שוין אַזוי באַנאַל, פול מיט אַמעריקאַנער און אויפגעקומענע ענגלישע באַראָנען.

אין דערזעלבער צייט און דעסגלייכן אין זעניט האָט אַ קאָקאַין-שמוגלער מיט אַ גאַסן-פרוי געטרונקען קאָקטייל אין דער שענק ביי היילי האָנסאָן אויף דער פראָנט-גאַס. מזמת דער פּראָהיביישאָן געזעץ איז געווען אין פולער קראַפט און זעניט האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביים געזעץ, זענען זיי געצווונגען געווען צו באַהאַלטן זייער קאָקטייל אין קאַווע-שעלעכלעך. די דאַמע האָט אַ וואָרף געטון אַ שעלכל אין קאָפּ פון קאָקאַין-שמוגלער. ער האָט אַרויסגעצויגן אַ רעוואָלווער, וואָס איז פארשטעקט געווען אין אַרבל און זי דערהרגעט אויפן אָרט.

אין דערזעלבער צייט זענען אין זעניט געזעסן צוויי מענער אין אַ לאַבאָראַטאָריע. שוין זיבנאונדרייסיק שעה, ווי זיי אַרבעטן אומערמידלעך איבער אַ באַריכט פון זייערע אויספאָרשונגען וועגן סינטעטישער גומע.

אין דערזעלבער צייט איז אין זעניט פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון פיר פאַריין-פירער, זיי האָבן באַהאַנדלט די פראַגע, צי די צוועלף טויזנט קוילן-גרעבער זאָלן פארשטרייקן אין די קוילן-גריבער, וואָס זענען געלעגן הונדערט מייל ווייט פון זעניט. איינער פון זיי, זייער אַ דיקער מאַנספערשוין, האָט אויסגעזען ווי אַ רייכער בשמים-סוחר, דער אַנדערער, ווי אַ טישלער, אַ טיפּישער אַמעריקאַנער יענקי, דער דריטער — ווי אַן אייגנטימער פון אַ סאָדע-וואַסער-געוועלב, און דער פערטער ווי אַ רוסישער ייד און אַרטיסט. דער רוסישער ייד האָט ציטירט קאַוטסקין, זשענע דעבס און אברהם לינקאָלן.

אין דערזעלבער צייט איז געשטאָרבן אַ וועטעראַן פון דער גרויסער רעפּובליקאַנישער אַרמיי. ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה, האָט ער זיך באַזעצט אין אַ פאַרם, וואָס איז געלעגן נאָענט פון זעניט, אָבער איז געווען פרימיטיוו ווי אַ ווילדער וואַלד. ער איז קיינמאָל נישט געפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל, ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין וואַננע פאַר די אויגן. ער האָט קיינמאָל נישט געלייענט קיין ביכלעך, אַ חוץ דער ביבל, מעשהלעך פון מעק-גאַפי און רעליגיעזע טראַקטאַטן; ער האָט געגלויבט, אַז די ערד

אין פלאַך, אַז דאָס ענגלישע פאָלק שטאַמט פון די עשרת השבטים פון פאָלק ישראל און, אַז אין די פאַרייניקטע שטאַטן הערשט דעמאָקראַטיע.

אין דערזעלבער צייט האָט געאַרבעט די פאַבריק פון די פולמאָרער לאַסט-אויטאָמאָביל-קאָמפּאַניע אין זעניט — אַ גאַנצע שטאָט פון אייזן און צעמענט — בייטאָג און ביינאַכט, כדי אויסצופּאַרטיקן די באַשטעלונג פון לאַסט-אויטאָמאָבילן פאַר דער פוילישער אַרמיי. אין פאַבריק האָט גערוישט ווי אין אַ בינשטאָק פון טויזנטער בינען, פון די ברייטע פענסטער האָט זיך אַרויסגעגאָסן אַ פאַרבלענדעדיק פייער, ווי פון אַ ווולקאַן.

אין דערזעלבער צייט האָט מיק מאָנדע געשלאָסן אַ פאַרזאַמלונג. הער מאָנדע, דער חשובער פרעדיקער, דער אָנגעזעענסטער פּראָטעסטאַנטישער פירער אין אַמעריקע, איז געווען אַמאָל אַ באָקסער. אָבער דער גורל איז געווען צו אים אומרחמנותדיק. אַלס באָקסער האָט ער גאָרנישט מער דערגרייכט, ווי אַ צעבראָכענער נאָז, אַ לעקסיקאָן ווערטער אין אַ סצענישע פיגור. אפנים, אַז דאָס האַנדלען מיט גאָט האָט בעסער געלוינט. ער האָט זיך פאַרגענומען אָנצוקלויבן אַ פאַרמעגן און זיך אויסצוזוכן אַ שטיקל ווינקל. דאָס איז געווען שווער־אויסגעהאָרעוועט געלט, ווי מ'האָט עס געזען פון זיין לעצטן באַריכט: דער חשובער הער מאָנדע, דער פּראָפעסיאָנעלער נביא, האָט באַוויזן, אַז ער איז דער בעסטער ספּעציאַליסט אויף מוחל צו זיין עבירות און אַז, ביי אַ געהעריקער אָרגאַניזאַציע קאָן מען באַקומען דאָס ווערק פון איבעראַרבעטן דעם גייסט אויף פעלזן-שטאַרקע יסודות. ער אַליין האָט מחזיר לטובה געווען איבער אַכט הונדערט טויזנט זינדיקע קאָסטבאַרע נשמות פאַר אַ דורכשניטלעכן פּרייז פון צען דאָלאַר פער קאָפּ.

פון די גרעסערע שטעט פון לאַנד האָט נאָר איין זעניט זיך געוואַקלט איבערצוגעבן די זינדיקע נשמות צו הער מיק מאָנדע און צו זיין אויסגעאיבטן פּערסאָנאַל. די גרעסטע אונטערנעמער-פאַרבאַנדן האָבן געשטימט דערפאַר, אַז מ'זאָל אים איינלאַדן — הער דזשאָרזש פ. בעביט האָט אים געלויבט אין

זיינס אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג אין בוסטער-קלוב. אָבער ס׳איז דאָרט געווען אַן אָפּאָזיציע, וואָס זענען געווען באַאיינפלוסט פון די עפּיסקאָפּאַ׳ע גייסטלעכע און קאָנגרעגאַציאָנעלע, יענע אָבטריניקע, וועלכע הער מאָנדע האָט אַזוי טרעפלעך כאַראַקטעריזירט: — זיי זענען פעלשער פון דער הייליקער שריפט. — האָט ער געזאָגט, — אין זייערע אָדערן פליסט נישט קיין בלוט נאָר וואַסער. די אָפּאָזיציע איז געבראָכן געוואָרן, בעת דער סעקרעטאַר פון דער האַנדלס-קאַמער האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט, אַז אין יעדער שטאָט, ווו ס׳האָט זיך באַוויזן דער הער מאָנדע, האָט ער געקאָנט אָפּציען ביי די אַרבעטער די אויפמערקזאַמקייט פון די לוינען און פון די אַרבעטס-שעהן צו העכערע פראַגן און אויף אַזאַ אופן אַ סוף געמאַכט צו די שטרייקן. ער איז תּיכּף געוואָרן איינגעלאַדן.

מ׳האָט געזאַמלט אַ פאָנד פון אומגעפער פערציק טויזנט דאָלאַר. אויף דעם גרויסן מאַרק-פלאַץ איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ געצעלט פאַר פופצן טויזנט מענטשן. און דאָ פירט דער נביא אויס זיין שליחות אויף אַזאַ מין אופן:

— אין אונזער שטאָט זענען פאַראַן געלערנטע פראָפעסאָרן און אַזויגע, וואָס טרינקען זיך אָן מיטן פאַלשן געטראַנק און שטעלן פעסט, אַז איך בין אַן עם הארץ, אַן אומוויסנדער, אַז איך בין נישט באַהאַוונט אין דער ביבל און אין דער געשיכטע. אָ, דאָס זענען ביכער-ווערים מיט רויטע געשוואָלענע אויגן, וואָס זאָגן, אַז זיי ווייסן מער, ווי דער גרויסער אַלמעכטיקער גאָט און אינדעראמתן ווייסן זי פונקט אַזויפיל ווי די הונען און זיי דערלויבן זיך עפּעס אַ נאַרישע דייטשע קריטיק צו שטעלן העכער ווי גאָטס וואָרט. אָך, די שטאָט איז פול מיט אומדערוואַקסענע און יינגלעך, אונטערלעקער און גאָטלאָזע פאַרשוינען, אָנגעזויפענע מנוולים, וואָס האָבן ליב צו האַקן מיט זייערע ברודיקע צינגער, שרייענדיק, אַז מיק מאָנדע איז אַן אומבאַוווסטער, אַן אָרדינערער. דידאָזיקע פאַרשוינען זאָגן, אַז איך לאַך אָפּ פון דער ביבל, אַז איך פרעדיק זי פאַר געלט. אָבער, הערט מיך

אויס, מענטשן! איך וויל געבן דידאָזיקע פויגל די מעגלעכקייט: זאָלן זיי קומען דאָ אַהער און מיר זאָגן פנים אל פנים אויב איך בין אַ שווינדלער, אַ שקרן, אַ גראָבער יינג. אָבער, איר וועט זיך נישט חידושן, וויבאַלד מיק מאַנדע וועט באַצאָלן אַזאַ חוצפהניק אין נאָמען פון גאָט און זיין גערעכטיקייט. נו קומט אַהער, מענטשן, ווער האָט עס געזאָגט? ווער זאָגט, אַז מיק מאָנדע איז אַ נידערטרעכטיקער און אַ שקרן? אָ, קיינער וויל נישט דאָ אַהערגיין? אַזוינע זענט איר גאָר?! איך זע שוין, אַז איצטער וועלן שוין די איינוווינער פון זעניט נישט אויסהערן די שקרים, וואָס ווערן פאַרשפרייט אונטער די ווענט, איך זע, אַז אַן אומזין זענען געווען די ליגנס, וואָס עס שפייט אויס אַן עלנטער אַטעיסט, כ׳זע. אַז קיינער וועט דאָ נישט פעלן, אַז יעדער וועט זיך צוהערן מיט אַכטונג און צוטרוי, אַז אַלע וועט איר תפילה טון צו יעזוס קריסטוס און צו זיין אומבאַגרענעצטן חסד און ליבע.

ה.

אין דערזעלבער צייט האָט סענעקאַ דואַן, דער ראַדי־קאַלער אַדוואָקאַט און דר. קורט יאַוויטץ, דער פראָפעסאָר פון היסטאָלאָגיע (וועמענס פאָרשונגען וועגן דער צעשטערונג פון דער עפּיטהעלצילן דורך ראַדיום, האָט באַרימט געמאַכט זעניט ביז מינכן, פּראָג און רוים) געפירט אַ געשפּרעך אין סע־נעקאַס ביבליאָטעק.

— זעניט איז אַ שטאָט מיט אַ גיגאַנטישער קראַפט — גיגאַנטישע געביידעס, גיגאַנטישע מאַשינען, גיגאַנטישע קאָמו־ניקאַציע — האָט דואַן געזאָגט פאַרטראַכט.

— איך האַס אייער שטאָט. דורך איר דראַנג צו מוסטער־האַפטקייט און דורכשניטלעכקייט האָט זי אַ תל געמאַכט פון איר שיינקייט. זעניט איז איין ריזיקער וואָקזאַל — ווו די מענטשן קויפן אויס בילעטן אויף די טייערסטע בית־עולמס — האָט רויק געזאָגט דער דר. יאַוויטץ.

דזאָן האָט זיך געטון אַ שטעל אויף:

— זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב דאָס איז ריכטיק! קורס דו מאַכסט מיך קראַנק, מיט דיינע כסדרדיקע טענות „מוטערהאַפטקייט”. דו מיינסט אודאי, אַז אַנדערע פעלקער זענען ווייניקער מוסטערהאַפט? צי איז נאָך דאָ אַ מער מוסטערהאַפט לאַנד ווי ענגלאַנד, ווּ אַלע הייזער פאַרפליכטעט די זעלבע מאכלים, דיזעלבע שעהן צו עסן, ווּ אַלע דעמיסיאָנירטע גענעראַלן זינגען די זעלבע הימנס און אין די זעלבע קירכעס פון גראָע שטיינער מיט אַ פירעקעדיקן טורעם. און יעדער שפּילער אין גאָלף, וואָס טראָגט דעמזעלבן ספּאָרט-קאָסטיום, שטעלט זיך אָפּ שמועסן מיט אַן אַנדערן גאָלף-שפּילער. פונדעסטוועגן האָב איך ליב ענגלאַנד. און וואָס שייך צו מוסטערהאַפטקייט — איז טו נאָר אַ טראַכט וועגן די שענקען אין פראַנקרייך אָדער וועגן די ליבעס-שפּילן אין איטאַליען!

—מוסטערהאַפטקייט האָט גרויסע מעלות אין אַ געוויסן זין. וויבאַלד איך קויף אַן איינגערסאָל-זייגער אָדער אַ פאָרד-אויטאָמאָביל, קריג איך די בעסטע סחורה פאַר דעם ביליקסטן פרייז. איך ווייס ריכטיק, וואָס איך פאַרמאָג, און איך קאָן באַנוצן מער צייט אויף אינדיווידואַליזירן דידאָזיקע קעגנשטאַנדן. איך דערמאַן זיך, ווי איך האָב אַמאָל געזען אין לאָנדאָן אַ בילד, אויף אַ רעקלאַמע פון שבתדיקן אָוונט-צייטונג — אַ באַשנייטע גאַס, מיט אולם-בוימער, נייע הייזער, טייל אין קעניג דזשאָרזש-סטיל, אַנדערע מיט אַראָפּגעלאָזטע דעכער — אַ גאַס, ווי מ'זעט דאָ אין זעניט, לאָמיר אָננעמען אויפן פלאָרעל-הייטס, גענוג ברייט, בוימער, גראָז, און איך האָב דערפילט אַ בענקשאַפט אַהיים. אין קיין שום אַנדער לאַנד איז נישטאָ אַזויגע אָנגענעמע שיינע הייזער! וואָס גייט עס מיר אָן, וואָס אַלע זענען לויט איין מוסטער! זאָלן זיי זיין אויף איין מוסטער.

— ניין, דאָס, וואָס איך קעמף קעגן אין זעניט, איז די מאָנאָטאָניע פון די געדאַנקען, וואָס גייען אַלע אין איין ריכטונג און פאַרשטייט זיך, מיט דער טראַדיציע פון דער קאָנקורענץ. די מוסטערן פון דער שטאָט זענען די אַלע פלייסיקע

אָנשטענדיקע פאַמיליען-פאָטערס, וואָס האָבן נישט קיין שום חוש, ציען זיך נישט צוריק פאַר קיין שום פאָרשריט, פאַר קיין שום גרויזאַמקייט, אַבי צו פאַרזיכערן דאָס רייכטום פאַר זייערע קינדער. ס'ערגסטע מיט די מענטשן איז דאָס, וואָס זיי זענען נאָך צו אָנשטענדיק, צו פלייסיק. מען קאָן זיי אַפילו רעכט נישט האַסן, אָבער דאָך איז דער שכל הישר זייער גרעסטער שונא.

— און איצט זייערע שטרעבונגען? איך פיל אינסטינקטיוו, אַז ס'איז בעסער צו וווינען אין זעגיט, ווי אין מאַנטשעסטער, גלאַסגאָו, ליאָן, בערלין אָדער טורין —

— ס'איז נישט אמת, וואָרום איך האָב שוין געוווינט אין אַ סך פון די שטעט — האָט דר. יאַוויטץ אַ מורמל געטון.

— נו, אַ פראַגע פון געשמאַק. איך פערזענלעך האָב ליבער אַ שטאָט מיט אַן אומזיכערע צוקונפט, אַז ס'זאָל וועקן די פאַנטאַזיע. אָבער דאָס, וואָס איך וואָלט באַזונדערס גע-וואָלט —

— ביסט פשוט אַ ליבעראַל און דו ווייסט אַליין נישט, וואָס דו ווילסט — האָט יאַוויטץ אַ זאָג געטון — איך, אַלס רעוואָלוציאָנער ווייס גוט, וואָס איך וויל — און דאָס, וואָס איך וויל אַצינד איז אַ טרונק.

ו.

און דערזעלבער צייט האָט אין זעניט, דזשעק אָפּוט, דער פּאָליטיקער, און היינריך ט. טאָמפּסאָן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנ-פערענץ. אָפּוט האָט פאָרגעלייגט:

— דאָס וויכטיקסטע איז, אַז מיר זאָלן אַריינציען אין דער שפּיל דיין איידים, דעם משוגענעם בעביט. דאָס איז דאָך עפּעס אַזאַ פּאַטריאָטישער אייזל. אַז ס'גיט זיך אים שוין יאָ איין אויסצוגענאַרן אַ שטיקל ערד פאַר דער געזעלשאַפט, מאַכט ער אַ פּנים, ווי ער וואָלט געשטאָרבן אויס ליבשאַפט צום פאָלק, אָבער איך האָב ליב צו קויפן ערנסט און זיך צו פאַרטראַכטן. איך בין נייגעריק צו וויסן. ווי לאַנג דאָס וועט

אונז אַזוי אָנגיין אויף טרוקן. היין, מיר'ן זיך זיכער אויסגליטשן, ווײַבאַלד אַזוינע אָנשטענדיקע קליינע מענטשעלעך, ווי דזשאָרזש בעביט און די אַלע איבעריקע זענען איבערגעצייגט, אַז מיר זענען אומטרייע פּאַטריאָטן. אַן ערלעכער פּאָליטיקער האָט דאָ אַ ברייט פעלד פאַר אַרבעט. די גאַנצע שטאָט אַרבעט דערויף, כּדי אונז צו באַזאָרגן מיט געבראָטן עוף און ציגאַרן. און מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג די אַלע לויפן אונטער אונזערע פענער, בעת אַזאַ פּאַרשוין, ווי סענעקאַ דואַן, האָט מוט קעגן אונז אַרויסצוטרעטן! כ'זאָג דיר ערלעך, היין, ס'וואָלט געווען אַ חרפּה, ווען אַזאַ פּאַרשוין, ווי איך, זאָל נישט מעלקן די קו, וואָס בעט זיך ממש מ'זאָל זי מעלקן. אָבער כ'זע, אַז די טראַמוויי-געזעלשאַפט וועט שוין אַזעלכע פאַרדינסטלעך נישט האָבן. איך וואָלט געוואָלט וויסן ווען — היין, כ'וואָלט געפונען עפּעס אַן אויסרייד אַרויסצופּטרן פון שטאָט דעם סענעקאַ דואַן! עס שטייט די פראַגע: מיר אָדער ער!

אין דערזעלבער צייט שלאָפן אין זעניט דריי הונדערט און פערציק אָדער פופציק טויזנט פּשוטע מענטשן, ווי אַ ריזיקער אומדורכדרינגלעכער שאָטן. אין אַ פינסטערער קעלער-שטוב אויף יענער זייט פּלאַנט, האָט אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען שוין זעקס חדשים אַרבעטלאָז, אויפגעדרייט דעם גאַז-קראַן און זיך פאַרסמט צוזאַמען מיט זיין ווייב.

אין דערזעלבער צייט האָט לאָיד מאַלאַן, דער פּאָעט און דער אייגנטימער פון דער האַפּיס-בוכהאַנדלונג פאַרענדיקט זיין געדיכט, אין וועלכן ער האָט געשילדערט, ווי הערלעך ס'איז געווען דאָס לעבן אין די קאַמף-רייכע צייטן פון דער מיטלאַלטערלעכער פלאָרענץ, און ווי מיאוס און לאַנגווײַליק אין אַזאַ גאָרנישט זאָגנדיקע שטאָט ווי זעניט.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך בעביט שווער איבערגעדרייט אויף זיין בעט, דאָס איז געווען דער לעצטער סימן פון חאַך זיין, אַ באַווייז, אַז ער האָט שווער געאַרבעט, איידער

מער, ווי דאָס, וואָס ער שרייבט אַ פּאָר לידלעך אַ טאָג, און עטלעכע אַנאָנסן און פאַרדינט זיך זיינע פופצן טויזנט דאָלאַר אַ יאָר!

— יאָ, און האַוואָרד ליטלפעלד. דו ווייסט, נעכטן האָט מיר יוניקע דערציילט, אַז איר פּאָטער רעדט דריי שפּראַך! — האָט פרוי בעביט אַ זאָג געטון.

— כאַ-כאַ-כאַ! ס׳איז גאָרנישט! כ׳קען עס אויך — אַמע-ריקאַניש, בייסבאָל און פּאָקער.

— איך מיין, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזאַ קונץ צו לאַכן פון אַזאַ זאַך. שטעל דיר נאָר פאָר, ווי הערלעך ס׳איז, אַז מ׳קאָן זיך אויסדריקן אין דריי שפּראַכן, און ווי נוצלעך און — און כ׳פאַרשטיי נישט, צו וואָס מיר פאַרבעטן צווישן אַזוינע מענטשן די אָרוויל דזשאָנסנס.

— נו, אָבער אָרוויל דזשאָנסן האָט זיך גאָר פיין אַרויפגעאַרבעט.

— יאָ, כ׳ווייס, אָבער — אַ וועשעריי!

— איך אַליין מיין אויך, אַז אַ וועשעריי שטייט נידערי-קער פון פּאָעזיע אָדער הייזער-מעקלעריי, אָבער פונדעסטוועגן איז אָרוויל אַ גאַנץ קלוגער מענטש. זאָלסט אים נאָר הערן רעדן וועגן גערטנעריי. ער קאָן דיר זאָגן די נעמען פון אַלע בוימער, און אייניקע קען ער אַפילו זאָגן אויף לאַטייניש און גריכיש, נו און חוצדעם זענען מיר די דזשאָנסנס שולדיק אַן איינלאַדונג. און חוצדעם, צום טייוול, מוז מען דאָך האָבן אַביסל פשוטן עולם, וואָס זאָל קענען באַוווּנדערן אָט דידאָ-זיקע פיינע קאַרפּן-קעפּ, ווי פרינק און ליטלפעלד.

— יאָ, טייערער, כ׳האָב דיר טאַקע געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן דעם — איך מיין, אַז דו אַלס באַלעבאָס דאַרפסט זיך האַלטן אָן אַ זייט און שווייגן, און געבן אַ מעגלעכקייט אַנ-דערע צו רעדן!

אָ, דו מיינסט אודאי זיכער, אַז איך רעד די גאַנצע צייט! איך בין נאָר אַ ביזנעס-מענטש — זיכער? כ׳בין נישט קיין דר. פילאָזאָף, ווי ליטלפעלד, און נישט קיין דיכטער, און איך

האָב נישט צו זאָגן קיין אינטערעסאַנטע זאַכן! אָבער, דערלויב דיר צו זאָגן, אַז דיין חשובער טשום פרינק איז נעכטן צו מיר צוגעקומען אין קלוב און מיך געפרעגט, וואָס ס'איז אַזוינס דער פאָנד פון דער ספרינגפעלד-שול! און ווער האָט עס אים דערקלערט? איך! הערסט, מיר זאָלן ביידע אַזוי לעבן, ווי איך האָב עס אים געזאָגט! איך אַליין! ווי דו זעסט מיך דאָ זיצן! ער קומט צו צו מיר און פרעגט זיך, און איך האָב אים אַלץ דערקלערט! יאָ, יאָ! און ווי צופרידן ער איז געווען אויסהערנדיק מיך. די פליכטן פון אַ באַלעבאָס! איך מיין, אַז איך פאַרשטיי מיינע פליכטן אַלס באַלעבאָס! איך וויל דיר נאָר זאָגן —

און די אָרוויַיף דזשאָנסנס זענען געוואָרן איינגעלאַדן.

ג.

אויף מאָרגן אין דעם טאָג פון פייערלעכן מיטאָג, איז פרוי בעבּיט געווען איינגעקשנט.

— נו, דזשאָרזש, פאַרגעס נישט היינט אַהיימצוקומען צו דער צייט. דו דאַרפסט זיך איבערטון.

— הם. איך זע אין „אַדוואָקאַט", אַז די גענעראַל-פאַר-זאַמלונג פון די פרעביסטעריאַנער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסצוטרעטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קירך. דאָס איז —

— דזשאָרזש, האָסט געהערט, וואָס כ'האָב געזאָגט? דו מוזט זיין צו דער צייט אין שטוב, דו דאַרפסט זיך איבערטון.

— איבערטון! צום טייוול. כ'בין דאָך אָנגעטון! מיינסט אודאי, אַז איך גיי אין דער ביוראָ אין מיינע ב. וו. ד. אונ-טערוועש?

— איך בין דיר מוחל אַזוינע אויסדריקן אין קעגנוואַרט פון די קינדער! און דו זאָלסט אָנטון דעם סמאָקינג.

— ווילסט זאָגן מיין יופּיצע. איך קאָן דיר זאָגן, אַז פון אַלע זינלאָזע, נאַרישע מנהגים, וואָס זענען נאָר ווען ס'איז אַנטשטאַנען —

דריי מינוט שפּעטער, נאָכדעם, ווי בעביט האָט שוין מיט אַ צוזאָגנדיקן טאָן געיאָמערט: כ׳ווייס נישט, זאָל איך אָנטון, צי נישט, האָט די דיסקוסיע אויפסניי אויסגעבראָכן.

— איצטער, דזשאָרזש, פאַרגעס נישט צוריקצווועגס אָפּצוטרעטן ביי וועכטשי נאָך לאָדעס. זיין אויטאָמאָביל איז קאַליע געוואָרן, און ער קען זיי מיר נישט אָפּשיקן —

— גוט! האָסט מיר שוין געזאָגט פאַרן פרישטיק!

— נו. כ׳דערמאָן דיך, כדי זאָלסט נישט פאַרגעסן. איך וועל היינט האָבן אַ גענוג פאַרדרייטן קאָפּ אַ גאַנצן טאָג צו לערנען ס׳מיידל, וואָס כ׳האָב צוגענומען צום סערווירן דעם טיש —

— אַ משוגעת עקסטרע צוצונעמען אַ מיידל צום היינטיקן מאָלצייט. מאַטילדע וואָלט גאַנץ פיין געקאָנט —

— און איך מוז נאָך קויפן בלומען, אויסשטעלן זיי און סערווירן דעם טיש, און צוגרייטן געזאַלצענע מאַנדלען, און אַ קוק טון צום געבראָטנס, און צוגרייטן פאַר די קינדער אינדערהייך עסן — און איך מוז מיך פאַרלאָזן אויף דיר, אַז דו זאָלסט ברענגען פון וועכטשן די לאָדעס.

— גוווט! כ׳על זיי שוין ברענגען!

— דאַרפסט נישט מער, ווי אַריינצוגיין און זאָגן, אַז דו ווילסט נעמען די לאָדעס, וואָס פרוי בעביט האָט נעכטן טעלעפאָניש באַשטעלט, און זיי וועלן שוין שטיין גרייט פאַר דיר.

צען מיט דרייסיק מינוט האָט זי צו אים געקלונגען אין טעלעפאָן, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן אָן די לאָדעס.

פלוצלונג האָט אים אַרומגענומען אַ מוראדיקער געדאַנק: ער האָט זיך פאַרטראַכט, צי די מאָלציייטן אין פלאָרעל-הייטס זענען ווערט אַזוי פיל מי. אָבער ער האָט פאַרגעסן די דאָזיקע זינדיקע געדאַנקען, בעת דעם אויפרעגנדיקן איינקויף פון די צודאַטן צום קאָקטאַיל.

אָט ווי מ׳האָט זיך נוהג געווען—ווען מ׳האָט איינגעקויפט אַלקאָהאָל, בעת דער הערשונג פון גערעכטיקייט און פּראָהיבישאָן!

ער האָט אויסגעמיטן די גלייכע, נייע גאַסן פונם מאָדערנעם האַנדלס-צענטער און איז אַריין אין די קרומע פאַרדרייטע גאַסן פון דער אַלטער שטאָט — מיט אומרעגלמעסיקע מויערן, מיט ברודיקע געוועלבן און מאַגאַזינען, ווייטער ביז צו די בוימער, וווּ ס׳איז אַמאָל געווען אַ פרעכטיקער אויבסגאָרטן, און איצט אַן אָרט פון נאַכט-הייזלעך, מלינות, פראָסטיטוציע. אַ שוידער האָט אים אַדורכגענומען דאָס לייב און ער האָט געקוקט אויפן פאָליציימאַן אומשולדיק, ווי אַ מענטש, וואָס האָט ליב ס׳געזעץ, באַוווּנדערט די פאָליציי און די גרעסטע הנאה איז ביי אים, ווען ער קען בלייבן שטיין און כאַפן אַ שמועס מיט זיי. ער האָט איינגעהאַלטן זיין אויטאָמאָביל פאַרן הויז פון היילי האַנסאָנס שענק, טרייסטנדיק זיך אַליין.

— יאָ, צום טייוול, ווייבאַלד עמעצער וועט מיך דאָ זען, וועט ער זיכער טראַכטן, אַז איך בין דאָ געקומען געשעפטלעך.

ער איז אַריין אין אַ לאָקאַל, וואָס האָט דערמאָנט אַ שענקל פון דער אַנטי-פראָהיבישאָן צייט, מיט אַ לאַנגן אָפגענוצטן בופעט מיט זעגאַכץ אויפן דיל, מיט אַ צעשפאָלטענעם שפיגל. ביי אַ הילצערנעם טיש איז געזעסן און אונטערגעדרימלט אַן אַלטער אָפגעריסענער פאַרשוין, פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַ שלעכטער ריח פון וויסקי. צוויי מאַנסביל זענען געשטאַנען פאַרן בופעט און זיי האָבן געטרונקען עפעס ענלעכס צו ביר. דידאָזיקע צוויי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גאַנצן עולם — ווי ס׳מאַכן תמיד צוויי מענער אין אַ שענק. דער שענקער, אַ הויכער בלייכער שוועד, מיט אַ בריליאַנטענע שפילקע אין זיין שניפס, האָט אַ קוק געטון אויף דעם גוט געפיטערטן בעביט, בעת ער איז אַריינגעקומען מיט שנעלע טריט, גלייך צום שענקער און געשעפטשעט: — איך, האָב געוואָלט—הם—אַ פריינט פון האַנסאָנען האָט מיך דאָ אַהערגעשיקט. איך וואָלט זייער געוואָלט קריגן אַביסל שנאַפס.

דער שענקער האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט אַ פנים פון אַ באַליידיקטן בישאָף.

— איך האָב שטאַרק מורא, אַז איר האָט זיך געווענדעט אויף אַ פאַלשן אַדרעס, מיין פריינט. מיר דאָ פאַרקויפן נאָר לייכטע געטראַנקען—ער האָט געפוצט מיט אַ טיכל דעם בופעט, וואָס האָט זיך ממש געבעטן, אַז מ׳זאָל אים אַביסל אָפּפוצן און ער האָט מעכאַניש געקוקט אויף בעבּיטן דורך זיין באַוועגלעכן עלנבויגן.

דער אַלטער, וואָס איז געזעסן דרימלענדיק ביים טישל, האָט זיך געווענדעט צום שענקער.

— הערט נאָר, אָסקאַר, הערט!

אָסקאַר מאַכט זיך גלייך ווי ער וואָלט נישט געהערט.

— אַך צו אַלדי רוחות, פאַרוואָס גיסטו נישט אַכטונג, נו איצט וועט איר הערן!

דאָס טריבּע און שלעפּערדיקע קול פון שיכּור, דער אַלטער גוטער ריח פון דעם ביר האָט בעבּיטן ממש פאַרצויבערט. דער שענקער האָט זיך צוגערוקט אין דער ריכטונג צום עולם פון צוויי מענטשן. בעבּיט איז געגאַנגען אונטער אים פאָרזיכטיק, ווי אַ קאַץ און געשעפּטשעט:

— הערט, אָסקאַר, איך וואָלט געוואָלט רעדן מיט הער האַנסאָן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון הער האַנסאָן?

— איך וויל מיט אים עפּעס רעדן. דאָ איז מיין קאַרטע.

דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע קאַרטע, אַן אויסגראַווירטע קאַרטע, אַ קאַרטע, וואָס האָט אין שוואַרצסטן שוואַרצקייט און אין רויטסטן רויטקייט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז דזשאָרזש פּ. בעבּיט איז אַ פאַרמיטלער און אייגנטימער פון הייזער און פּלעצער און געלט אויף צינזן. דער שענקער האָט גענומען דעם בילעט אין דער האַנט אַריין, ווי ער וואָלט געוויגן צען פונט. און ער האָט אים געלייענט אַזוי לאַנג, ווי ער וואָלט געהאַלטן הונדערט ווערטער. ער האָט גאָרנישט אַראָפּגעלאָזט פון זיין בישאָפּישער ווירדע, נאָר ער האָט אַ ברום געטון.

— כ׳על זען, צי ר׳איז דאָ.

ער איז צוריקגעקומען פון אַ צימער אין דער געזעלשאַפט פון אַ יונגנמאַן מיט אַ שרעקלעך אַלטן אויסזען,

מיט גראָע דורכדרינגלעכע אויגן, אין אַ זײַדן העמד, אין אַ לאַנג נישט פֿאַרקנעפּלט רעקל און ברוינע האַלץ-קאָליר הויזן: הער היילי האַנסאָן, הער היילי האַנסאָן האָט בלויז געזאָגט: „נו?" אָבער זײַן פֿאָרשנדיקער פֿאַראַכטונגספֿולער בליק האָט אַרײַנגעדרינגען טיף אין בעביטס נשמה, עס האָט אויף אים לחלוטין נישט געמאַכט קיין אײַנדרוק דאָס טונקל־ברוינע אַנצוג (װעגן װעלכן בעביט האָט דערציילט יעדן אײנציקן אין אַטלעטן־קלוב), װאָס ס'האָט געקאָסט הונדערט און צװאָנציק דאָלאַר.

— עס פֿרייד מיך אײַך צו זען, הער האַנסאָן, הערט — איך בין דזשאָרזש בעביט פֿון דער בעביט־טאָמפּסאָן־קאָמפּאַניע. איך בין דזשעק אָפּוטס אַ גוטער פֿרײַנט.

— טאָ איז װאָס?

— הם, זעט איר, איך װעל הײַנט האָבן געסט, און דזשעק האָט מיר געזאָגט, אַז איר װעט מיר בײַהילפֿיק זײַן צו באַקומען שנאַפּס — אַז ער האָט דערזען, אַז האַנסאָנס פּנים איז פֿאַרצויגן געװאָרן מיט אַן אומעט, האָט ער מוטלאָז צוגעגעבן: — איר קאָנט טעלעפֿאָנירן צו דזשעק אָפּוט, פֿרעגט אים איבער, װײַבאַלד איר װילט נישט גלייבן.

האַנסאָן האָט אָפּגעענטפֿערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָנװײַזנדיק בעביטן אויף אַ צימער אונטן, דאַן איז ער פֿאַרשװונדן. בעביט האָט זיך מעלאָדראַמאַטיש אַװעקגעשלייכט אין אַ זאַל פֿון פֿיר טישן, עלף שטולן, אַ קאַלענדאַר פֿון אַ ברויהויז און אַן אויפֿרייסנדיקן ריח. ער האָט געװאַרט. דרײַמאָל איז היילי האַנסאָן דורכגעגאַנגען דאָס צימער גלייכגילטיק, די הענט אין די קעשענעס, ברומענדיק אַ לידל.

בשעת מעשה האָט בעביט געענדערט זײַן פֿרימאָרגן־באַשלוס: „כ'על נישט באַצאָלן קיין איין פּרוטה מער װי זיבן דאָלאַר אַ קװאָרט".

— איך בין שוין גרייט צו געבן צען אויך — האָט ער געטראַכט. אַז האַנסאָן איז װידער פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אַ פֿרעג געטון: — נו איר קאָנט עס מיר דערלעדיקן? —

האַנסאָן האָט דראָענדיק אַרויסגעשעפּטשעט. — וואַרט צו אַ רגע, צו אַלדי טײַוואָלים, וואַרט אונטער!

בעביט האָט װײַטער געוואַרט אין וואַקסנדער שטויגונג, ביז האַנסאָן האָט זיך פּלוצלונג עפּעס ווי צופעליק באַוויזן מיט אַ קוואָרט בראָנפן—מ'האָט עס נאָר אַזוי אָנגערופן, קיואָרט — אין זײַנע לאַנגע אַריסטאָקראַטישע, ווײַסע הענט.

— צוועלף שטיק! — האָט ער אַ מורמל געטון.

— אָבער הערט נאָר, יאָ, הם, הערט, הער דזשעק האָט מיר געזאָגט, אַז איר קאָנט מיר פאַרקויפן פאַר אַכט אָדער ניין דאָלאַר אַ פלאַש.

— ניין, צוועלף. אמתער בראָנפן, געשמוגלט פון קאַנאַדאַ. ס'איז נישט קיין ביליקער שפּירט מיט עטלעכע טראָפּנס וואַכהאָלדער עקסטראַקט -- האָט דער אָרעמער סוחר נעבעך פאַרזיכערט, ווי דער ערלעכסטער מענטש אויף דער וועלט—צוועלף שטיקלעך. נאַטירלעך נעמט אין אַכט. אַז כ'טו נאָר דאָס, ווי פאַר דזשעקס אַ פרײַנט.

— זיכער! זיכער! איך פאַרשטײ! — בעביט האָט אים מיט דאַנקבאַרקייט דערלאַנגט די צוועלף דאָלאַר. ער האָט זיך געפילט אויפן זיבעטן הימל, וואָס ער האָט די זכיה צו זײַן נאָענט מיט אַזאַ מענטשן. האַנסאָן האָט אַ געגעץ געטון, אײַנגעקנײטשט די באַנקנאָטן, נישט איבערגעציילט, נאָר גלײַך באַהאַלטן אין זײַן געשטרײַפט וועסטל און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

אויף בעביטן איז די הויט פאַרגליווערט געוואָרן, בעת ער האָט באַהאַלטן ס'פלעשל אונטער זײַן רעקל, און שפּעטער אין געזעס פון אויטאָמאָביל. אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָט ער געסמאַקעוועט, געהוסט, געהאַט אַ הנאה פון זײַן בריהשקייט, וואָס ער האָט אָפּגעטון אַזאַ שפּיצל. ער איז געווען אַזוי צערודערט, אַז ערשט גאַנץ נאָענט פון זײַן הויז, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף עפּעס ערלעדיקן אַ זאַך, וואָס זײַן פרוי האָט אים אָנגעבעטן. נעמלעך: די לאָדעס פון ווענכשי. ער האָט אַ מורמל געטון: — צום טײַוול! — און געטאָרן צוריק.

וועכטשי איז נישט געווען אַ געוויינלעך געשעפט, דאָס איז געווען דער צושטעלער פון גאַנץ זעניט. די מערסטע טייל בעלער זענען פאָרגעקומען אין די גאָלד-ווייסע זאַלן פון וועכטשי; צו יעדער טיי האָבן די געסט צוגעקריגן די פינף באַרימטע סאָרטן וועכטשי-ברויט און די זיבן סאָרטן וועכטשי-קיכלעך און יעדעס פרעכטיקע מיטאָג האָט פרינציפיעל זיך געמוזט פאַרענדיקן מיט די נעאַפאָליטאַנישע לאָדעס, וואָס זענען דערלאַנגט געוואָרן אין דריי שטענדיקע פאָרמען, אין דער פאָרם פון אַן אַרבוז, אין דער פאָרם פון אַ טאָרט אָדער אַ לאַנגן ציגל.

אין וועכטשיס געוועלב איז געווען בלוי מעבל, ראָזאַ ווענט, אַ דינערשאַפט אין געהאָפטענע פאַרטוכלעך, און גלעזערנע שענק פון „קוש״ מיט פאַרשידענע זיסוואַרג פון אייער-ווייסלעך. בעביט האָט זיך צווישן די אויסגעפּוצטע מיידלעך געפילט המנעהדיק און אומבאַהאָלפן, און בעת ער איז געשטאַנען און געוואַרט אויף די לאָדעס, האָט ער מיט פאַרגעניגן פעסטגעשטעלט, אַז איינע פון די מיידלעך קוקט אויף אים. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אין אַ גערייצטער שטימונג. אויף דער שוועל האָט געוואַרט אויף אים זיין פרוי אַן אויפגערעגטע.

— דזשאָרזש, האָסט נישט פאַרגעסן צו גיין צו וועכטשין און ברענגען די לאָדעס?

— הער מיך אויס! צי האָב איך שוין אַמאָל עפּעס פאַרגעסן צו באַזאָרגן!

— אַודאי! אַ סך מאָל!

— ניין, דאָס פּאַסירט ביי מיר זעלטן ווען; און ס׳מאַכט אויף מיר אַ שלעכטן איינדרוק, ווען איך נעם מיר שוין די מי און גיי אין דעם ראָזאַ געוועלב פון וועכטשי און זע דאָרטן די האַלב נאַקעטע מיידלעך, וואָס דרייען זיך אַרום אין געוועלב, ווי זיי וואָלטן געווען ווייניקסטנס זעכציק, און זיי שטופּן זיך אָן די בייכער, אַז זיי סמען פּשוט זייערע געדערעם —

— אָ, מיט דיר איז שוין פּשוט שווער אויסצוהאַלטן.

איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז דו קאָנסט נישט ביי דיר פועלן צו קוקן אויף שיינע מיידלעך!

בעביט האָט פלוצלונג איינגעזען, אַז זיין פרוי איז געוואָרן צו עמפּינדלעך, כדי צו פאַרשטיין די אויפגערייצטקייט, וואָס די וועלט וועקט ביי די מענער, און אַ נידערגעשלאָגענער איז ער אַרויף אינדערהייך זיך אָנטון. בשעת מעשה האָט ער געזען פאַר זיך אַ יום-טובדיק עס-צימער, געשליפן גלאָז, קאַנדעלאַברען, זילבער, רויזן. מיט דעם ריכטיקן געפיל פון אַ מין שטילן יום-טובדיקן אומעט, וואָס איז געווען גאַנץ צוגעפּאַסט צו אַזאַ ערנסטע מינוט ווי אַ מאָלצייט פאַר געסט, איז ער בייגעקומען דעם נסיון, אַז ער זאָל ס'פּערטע מאָל אָנטון ס'זעלבע שטייפע העמד. ער האָט אַרויסגענומען אַ פריש העמד, אָנגעטון די שוואַרצע שעלקיס, מיטן טיכל אָפּגעווישט די אויסגעשניטענע לאַקירטע שיך; ער האָט מיט תענוג אַ קוק געטון אויף זיינע זילבערנע מאַנזשעטן-ספּינקעס מיט די גראַנאַטן. ער האָט געפירט מיט דער האַנט און געגלעט זיינע קנעכל, וואָס האָבן זיך אין די זיידענע זאָקן פאַרוואַנדלט פון דעם אַ ביסל מגושמדיקן דזשאָרזש בעביט אין די עלעגאַנטע אברים פון אַן אַזוי גערופענעם קלובמאַן. ער איז געשטאַנען פאַרן גרויסן שפּיגל און באַטראַכט זיין פיינעם אָוונט-אַנצוג און זיינע וווּנדערבאַרע הויזן, וואָס זענען געווען מיט דריי רייען טאַשמעס באַנייט און ער האָט געמורמלט אין לירישער פאַראַכטונג:—גאָט מיינער! כ'זע גאָרנישט אויס אַזוי שלעכט. איך זע גאָרנישט אויס, ווי פון קאַטאַובאַ. ווען די חברה זאָל אויף מיר היינט אַ קוק טון אויסגעפּוצטערהייט, וואָלטן זיי באַקומען די נכפּה.

ער איז מאַיעסטאַטיש אַראָפּגעגאַנגען אונטן, כדי צונויפצומישן דעם קאָקטאַיל. בעת ער האָט צעהאַקט ס'אייז, אויסגעקוועטשט די מאַראַנצן און צוגעטראָגן די פלעשלעך, גלעזער און לעפל צו דער וואַסער-לייטונג, האָט ער זיך געפילט אַזוי שרריש, ווי היינלי האַנסאָן אין זיין שענק. אמת, אַז פרוי בעביט האָט געהאַט טענות בכן ער שטייט איר אין וועג, און

מאַטילדע מיטן געהילפֿס-מיידל לויפֿן פֿאַר אים פֿאַרבײַ און שטויסן אים מיט די עלנבויגנס און שרייען, מען זאָל אויפֿמאַכן פֿאַר זיי די טיר, בעת זיי גייען מיט זייערע אָנגעפּילטע טאַצן, אָבער אין דעמדאָזיקן וויכטיקן זייער דערהויבענעם מאָמענט, קוקט זיך בעביט אפֿילו נישט אום אויף זיי.

בעביטס משקה איז באַשטאַנען, חוץ זיין פֿריש פֿלעשל בראָנפֿן, פֿון אַ האַלב פֿלעשל בורבאָנער בראָנפֿן, אַ פֿערטל פֿלעשל איטאַליענישן ווערמוט, אומגעפֿער הונדערט טראָפֿן אָראַנזש-ביטער, בעביט האָט נישט געהאַט קיין קאָקטאַיל-מישער. אַ מישער איז געווען בײַ אים אַ סימבאָל פֿון שכּרות, און בעביט איז געווען קעגן שכּרות, נאָר ער האָט סתּם ליב געהאַט אַ גוטן טרונק. ער האָט אויסגעמישט, איבערגעגאָסן פֿון איין קריג אין דער אַנדערער: ער האָט געגאָסן מיט איידעלער ווירדע, געהאַלטן די דעסטיליר-כּלים אונטער דער ליכטיקייט פֿון דער עלעקטרישער לאָמפּ, זיין פּנים האָט געגליט, זיין העמדל האָט געפֿינקלט ווייס, דער קופּערנער אויסגוס האָט געפֿינקלט אין רויטן גאָלד.

ער האָט פֿאַרזוכט דאָס הייליקע געטראַנק.

—אַזוי זאָל איך לעבן, ווי ס'איז ווי אמתער אַלטער קאָקטאַיל, אַביסל ווי בראָנקס, און אַביסל ווי מאַנטאַן. הממממם! האַלאָ! מירא, אפֿשר ווילסטו נעמען אַ קאַפּעטשקע, איידער די געסט קומען זיך צונויף?

זי איז אַריין אין עס-צימער. זי האָט איבערגערוקט די גלעזעלעך אויף אַ פֿערטל צאָל ווייטער, מיט אַן אויסדרוק פֿון אַנטשלאָסנהייט אויף איר פּנים; איר גראָ זיידן אָוונט-קלייד איז פֿאַרדעקט געווען מיט אַ גרויס האַנטוך; זי האָט אַ קוק געטון אויף בעביטן פֿול מיט פֿאָרוואָרף, אַרויסלויפֿנדיק צוריק האָט זי אויסגעשריגן: — נאַטירלעך נישט!

— גוט — און צוגעגעבן מיט חוזק: — דער אַלטער וועט פּראָבירן!

דער קאָקטאַיל האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג, געוועקט אין אים ווילדע פֿאַרלאַנגען צו לויפֿן מיט זיין אויטאָמאָביל איבער אומבאַקאַנטע וועגן, קושן מיידלעך,

ינגען, פלוידערן. ער האָט זיך באמת צו דערהאַלטן זיין פאַרלוירענע ווירדע און ער האָט אַ זאָג געטון צו מאַטילדע:

— איך גיי אַריינשטעלן די קריג קאָקטאַיל אין דער אייז-שאַנק. גיב אַכטונג, ער זאָל זיך נישט איבערקערן.

— יאָ.

— גיב אַכטונג, שטעל קיין שום זאַך נישט אַוועק אויף דער אויבערשטער פּאָליצע.

— יאָ.

— נו, זע זשע, — דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. זיין קול האָט אים געקלונגען דין און ווייט: — הו! — מיט אַן אויסערגעוויינלעכן אויסדרוק האָט ער אַרויסגעגעבן באַפעלן:

— זאָלסט גוט אַכטונג געבן! — און געגאַנגען פאַרזיכטיק און פייערלעך אין דעם זיכערן חלל פון עס-צימער. ער האָט גע-טראַכט, אויב ס'וועט זיך אים איינגעבן צוצורעדן דידאָזיקע לאַנגזאַמע קריכערס, מירע און ליטלפעלד, אַז זיי זאָלן מספּים זיין צו גיין נאָכן מאָלצייט אין עפּעס אַ פרייַלעך ווינקל, כדי אַ הוליע צו טון. ער האָט אַנטדעקט אין זיך אַ שטאַרקן חשק צו זינדיקן, וואָס ער האָט ביז איצט דערשטיקט אין זיך.

ביז די געסט זענען זיך צונויפגעקומען, מיטן אויסנאַם פון איין פּאָרל, אויף וועלכן די געסט האָבן געוואַרט מיט פיינלעכער העפלעכקייט, האָט ער געפילט אַ גרויסע גראָע פּוסטקייט, אָנשטאָט דעם פאָרפאָרנעם כאַאָס אין זיין קאָפּ. און מיט מאַטערניש האָט ער אַרויסבאַקומען פון זיך אַן ענטפער אויף דער ליאַרמנדיקער באַגריסונג, וואָס פּאַסט פאַר אַ בירגער פון פלאָרעל-הייטס.

די געסט זענען געווען האַוואַרד ליטלפעלד, דער דאָקטאָר פילאָזאָפיע, וואָס באַזאָרגט די גאַסן-באַן-געזעלשאַפט מיט רע-קלאַמע און טרייסטנדיקע עקאָנאָמישע אָנווייזונגען, ווערדזשילאַס גאַנטש, אַ קוילן-הענדלער, וואָס איז סיי אין עלך און סיי אין בוסטער-קלוב גלייך איינפלוסרייך, עדיע סוואַנסאָן, דער אַגענט פון דער „זשעוועליין" אויטאָמאָביל-פירמע, וואָס האָט

געווינט אויף דער אַנדערער זייט גאַס. און אַרוויל דזשאָנס, דער אייגנטימער פון דער „ווייסער לִיליע״-וועשעריי, וואָס רעקלאַמירט זיך מיט רעכטס אַלס „די גרעסטע און ריינסטע וועשעריי אין זעניט״. אָבער נאַטירלעך, איז דער חשובסטער גאַסט געווען טשום פרינק, וואָס איז נישט נאָר געווען אַ מחבר פון פּאָעמען, וואָס האָט געשריבן יעדן טאָג אין זיבנאונזעכציק צייטונגען, און געהאַט די גרעסטע צאָל לעזער פון אַלע אַנדערע דיכטער, נאָר אויך פאַר זיינע אָפּטימיסטישע פּאָרלעזונגען און צוליב זיין פּאָעמע: „איינס צו איינס״. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיינע לידלעך זענען געווען פילאָזאָפיש און טיף מאָראַליש, זענען זיי געווען פול מיט הומאָר און פאַרשטענדלעך, אַפילו פאַר צוועלף-יעריקע קינדער. נאָך מער, זיי זענען געשריבן געווען אין פּראָזאַ שטאָט אין פערזן, און דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַ לייכטן קאָמיזם. הער פרינק איז באַקאַנט געווען פון איין עק אַמעריקע ביז צום אַנדערן אַלס „טשום״.

מיט זיי זענען מיטגעקומען זעקס פרויען, אומגעפער זעקס — ס׳איז געווען שווער פעסטצושטעלן ביים אָנהויב פון מאָלצייט, וואָרום אַלע זענען זיי געווען אָנגעטון אַלצאַיינס און אַלע האָבן מיט דעמזעלבן טאָן פון לעבהאַפטיקייט געזאָגט אויף אַלעמען: — אָך, ווי רייצנדיק. די מענער זענען געווען ווייניקער ענלעך צו זיך: ליטלפעלד, אַ ווינקל-געלערנטער, אַ גרויסער און פערדישער קאָפּ; טשום פרינק, אַ קליינגעוואוסיקער פאַרשוין מיט ווייכע האָר פון מויז-קאָליר, וואָס האָט דערמאָנט אָן זיין דיכטערישן באַרוף מיטן זיידענעם בענדעלע פון די ברילן; ווערדזשילאַס גאָנטש, אַ באָרדיקער, מיט שוואַרצע האָר ארויפגעקעמט אין דער הויך; עדיע סוואַנסאָן, אַ פליכעוואַטער באַרימערישער יונגערמאַן, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין חוש פאַר עלעגאַנץ מיט זיין אָנטון אַ זיידן וועסטל מיט גלאָזערנע קנעפּלעך; אָרוויל דזשאָנס, אַ רויקער, שטילער, נישט זייער מערקווירדיקער מענטש מיט האַרטע וואָנסעס, ווי אַ ציין בערשטעלע. אָבער זיי האָבן אַלע גלייך אויסגעזען גוט אָנגעגעסן און זויבער און זיי האָבן זיך באַגריסט מיט אַזאַ פריילעכקייט:

„גוט אָוונט דזשאָרזש”, אַז מ׳האָט זיי געקאָנט אָננעמען פאַר פעטערס. און מאָדנע, וואָס לענגער מ׳האָט זיך איינגעקוקט אין די פרויען, אַלץ ווייניקער ענלעך זענען זיי געווען איינע צו דער אַנדערער, און פאַרקערט, וואָס לענגער מ׳האָט פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון די מענער, זענען זיי אויסגעקומען אַלץ מער ענלעך איינער צום אַנדערן.

דאָס טרינקען דעם קאָקטאַיל איז גאָרנישט געווען ווייניקער צערעמאָניאַל, ווי דאָס צונויפמישן אים. די געזעלשאַפט האָט געוואַרט אויף אים אומרויִק, האָפנונגספול, אַלע זענען זיי געווען ביי דערזעלבער מיינונג, אַז דאָס וועטער איז וואַרעם, אָבער ס׳איז נאָך אַביסל קאַלט, און בעביט האָם נאָך אַלץ מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן טרינקען. זיי זענען געווען מוטלאָז און כמורנע. אַז דאָס לעצטע פּאָרל איז אָנגעקומען (די סוואַנסאָנס), האָט בעביט געגעבן אָנצוזעהערן:

— נו, מיינע הערן, ווי מיינט איר, צי זענט איר נישט גענייגט אַ ביסל עובר צו זיין אויפן געבאָט:

זיי האָבן אַ קוק געטון אויף טשום פרינק. דער באַרימטער מייסטער פון וואָרט, פרינק האָט אַ צי געטון פאַרן בענדעלע פון די ברילן, ווי ס׳וואָלט געווען אַ שנירל פון אַ גלאָק. ער האָט אַ הוסט געטון, ווי ס׳וואָלט געווען זיין טבע:

— איך וויל דיר זאָגן, דזשאָרזש: איך בין אַ געטרייער בירגער, אָבער מ׳זאָגט, אַז ווערדזש גאָנטש טוט סיסטעמאַטיש פאַרגוואַלדיקן די רעכט; און אַזויווי ער איז גרעסער ווי איך, ווייס איך באמת נישט, וואָס כ׳וועל טון, וויבאַלד ווערדזש וועט מיך ברענגען צו אַן עברה!

גאָנטש האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט ברומענדיק:

— נו איך וואָלט ריזיקירט.

פרינק האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געזאָגט:

— וויבאַלד ווערדזש און דו, דזשאָרזש, וועסט הייסן, וועל איך אַוועקשטעלן מיין אויטאָמאָביל אויף דער פאַרבאָטענער זייט גאַס, וואָרום איך מיין, אַז דאָס איז עס דאָס פאַרברעכן, וועגן וואָס איר האָט געטראַכט.

דאָס האָט אַרויסגערופן אַ לאַנג דויערנדיק געלעכטער; פרוי דזשאָנס האָט פאַרזיכערט:

— הער פרינק איז פלאַם פייער! און דערביי זעט ער אויס אַזוי אומשולדיק.

בעבית האָט געליאַרמט:

— ווי אַזוי איז עס דיר איינגעפאַלן, טשום? וואַרט אַ מינוט, כ'וועל גיין נאָך דעם שליסל צום אויטאָמאָביל! צווישן די פריילעכע וויצן האָט ער אַריינגעבראַכט אַ שטראַלנדיקע האָפנונג, אַ גרויסע טאַץ מיט גלעזלעך, און אינמיטן אַ קריג מיט קאָקטאַיל. די מאַנסבילן האָבן געשריגן; — צום טייוול! גיסט נאָר אַ קוק דערויף. און: — דאָס וועט מיך מאַכן לעבעדיקער -- און: — לאָזט מיך נאָר צו דערצו.

אָבער טשום פרינק, וואָס איז שוין אויסגעווען אַ וועלט און שוין גענוג אַנטוישונגען איבערגעלעבט, האָט אַ טראַכט געטון, צי דידאָזיקע משקה איז נישט אַמאָל קיין פרוכטן-סאָק מיט אַ ביסל ריינעם שפירט? ער האָט אַ קוק געטון מיט אומצוטרוי אויף בעבית, וואָס האָט אים דערלאַנגט דאָס גלעזעלע. ער האָט עס נאָך נישט באַוויזן צו נעמען צו די ליפּן, האָט ער אויסגעשריגן:

— מענטשן, שטערט מיך נישט אין מיינע זיסע חלומות! דאָס איז צו שיין, אַז דאָס זאָל זיין אויף דער וואָר, וועקט מיך נישט אויף פון מיינע זיסע חלומות.

מיט צוויי שעה פריער האָט פרינק פאַרפאַסט אַ לירישׁ ליד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָט די שורות:

„איך בין געזעסן מיט אַ קאַצנ־יאָמער און געטראַכט. — איך האָב מיר געקראַצט דעם קאָפּ און הויך געזיפצט, און שטיל געקלאָגט: „אָ, ווי, ווי די נאַראָנים, וואָס לויפן אין די שענקן און שרייען; — בראָנפן מאַכט דעם קלוגסטן צו נאַר, אַ סוף זאָל נעמען צו דעם שמעקעדיקן בית-הקברות! ניין איך וועל שוין מער יענעם סם נישט פאַרזוכן — אַזוי לאַנג ווי ס'שטראָמען פרישע קוואַלן, וואָס דערקוויקן און פאַרטויבן נישט — און פריש און קלאָר, ווי אַ נייגעבוירענער זעגען

מיינע געדאַנקען אין דעם פרימאָרגן — אויב איך האָב ביינאַכט פון די ריינע קוואַלן געגאָסן.״

בעבּיט האָט געטרונקען מיט די אַנדערע; זיין צייטווייליקע דעפּרעסיע איז פאַרשוווּנדן; ער איז געווען איבערגעצייגט, אַז דאָס זענען די בעסטע מענטשן אויף דער וועלט; ער איז געווען גרייט זיי צו שענקען טויזנט קאָקטאַילס.

— ווי מיינט איר, איר וואָלט געקאָנט אויסהאַלטן נאָך אַ פּאָרציע? — האָט ער אַ פרעג געטון. די פרויען האָבן אָפּגעזאָגט מיט אַ געקייכעריי, די מאַנסבּיל האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ גיריקן צופרידענעם טאָן: — אַז בלויז דיר נישט צו געבן קיין אויסרייד קעגן אונז —

— ווערסט איצט קריגן פּראָצענט פון פּראָצענט — האָט בעבּיט געזאָגט צו יעדן באַזונדער לויט דער ריי, און יעדערער האָט געבעטן: — קוועטש אויס, דזשאָרזש, קוועטש אויס!

ווען דער קריג איז ענדלעך אויסגעליידיקט געוואָרן ביזן לעצטן טראָפּן, האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן פּראָהיבּישאָן. די מאַנסבּילן האָבן זיך צוריק אַוועקגעזעצט, זיי האָבן אַריינגעשטעקט די הענט אין די הויזן-קעשענעס, זיי האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע אָנשויונגען מיט יענער טיפער גרינדלעכקייט, וואָס מען קאָן געפינען ביי דידאָזיקע הערשנדיקע הערן, בעת זיי חזרן איבער אַן אויסגעדראָשענעם אורטייל איבער זאַכן, וועגן וועלכע זיי האָבן נישט די קלענסטע השגה.

— נו, איך וועל אייך זאָגן — האָט ווערדזש גאָנטש געזאָגט — איך האָב אַ שטיקל ידיעה אין די זאַכן, וואָרום כ׳האָב גערעדט וועגן דעם מיט דאָקטוירים און בכלל מיט מענטשן, וואָס קענען זיך דערויף. און איך זאָג אייך, אַז דאָס פאַרמאַכן די שענקן איז אַ גערעכטע זאַך, אָבער איך מיין, אַז מען האָט אונז געדאַרפט ערלויבן צו טרינקען ביר און לייכטן וויין.

האַוואָרד ליטלפעלד האָט באַמערקט:

— מען האָט זיך נאָך בכלל נישט קלאָר געמאַכט, אַז עס איז אַ געפערלעכער עקספּערימענט, צו באַגרענעצן די פּער-

זענלעכע פרייהייט פונם יחיד. אָט האָבן מיר אַ ביישפּיל: דער קעניג פון בייערן? איך גלויב, אַז ס'איז געווען בייערן — יאָ, בייערן, דאָס איז געווען — אין 1862, מערץ, 1862, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל קעגן דאָס פרייע פּאַשן אויף די לאָנקעס. די פויערן האָבן געטראָגן די לאַסט פון די שטייערן און נישט גערעדט קיין וואָרט, אָבער ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן דאָס געזעץ, האָבן זיי געמאַכט אַן אויפשטאַנד. מעגלעך אַז ס'איז געווען אין זאַקסן. אָט צו וואָס עס קען דערפירן, ווען מען גרייפט אָן די פּערזענלעכע פרייהייט.

— געוויס! קיינער האָט נישט קיין רעכט צו שטערן די פּערזענלעכע פרייהייט! — האָט דזשאָנס געזאָגט.

— אָבער איר טאָרט פונדעסטוועגן נישט פאַרגעסן, אַז דאָס פּראָהיבישאָן איז אַ מעלה פאַרן אַרבעטער-קלאַס. זיי געבן נישט אויס קיין געלט און זיי פּראָדוצירן מער — האָט גאָנטש געזאָגט.

— גערעכט! אָבער דאָס געזעץ פירט מען דורך אויף זייער אַ שלימזלדיקן אופן — האָט זיך האַוואָרד ליטלפעלד אַנטקעגנגעשטעלט — דער קאָנגרעס האָט נישט אויסגעפונען קיין פּאַסיקן סיסטעם. ווען דאָס זאָל אייַנשטיין ביי מיר אין די הענט, וואָלט איך עס אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער טרינקער אַליין וואָלט באַקומען זיין פּסק און דאַן וואָלטן מיר געהאַט די אַרבעטער אונטער אונזער אויפזיכט — מיר וואָלטן אָפּגעהאַלטן פון טרינקען — און מיר וואָלטן נישט געשטערט נישט די רעכט און נישט די פּערזענלעכע פרייהייט פון אונזערע מענטשן.

זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ; זיי האָבן זיך אָנגעקוקט און ממש זיך באַוווּנדערט און צוגעברומט:

— דאָס איז ריכטיק, דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן.

— און דאָס, וואָס מיר אַרט אַממערסטן, איז דאָס, וואָס אַ גרויסער טייל מענטשן ווערן זיך נעמען צום קאָקאַין — האָט עדיע סוואַנסאָן אָפּגעזיפצט:

זיי האָבן שטאַרקער געשאָקלט מיט די קעפּ און געוימצט: — ס'איז אמת, ס'איז באמת אַ גרויסע געפאַר.

טשום פרינק האָט אויסגערופן מיט זיין זינגנדיק קול:

— הערט נאָר, קינדער, כ'האָב אַ פיין ניי מיטל צו מאַכן היימיש ביר. מען נעמט —

גאָנטש האָט אים איבערגעריסן:

— וואַרט נאָר, לאָז מיך פריער זאָגן מיין מיטל.

ליטלפעלד האָט געמורמלט:

— ביר! נאַרישקייטן! זוכט בעסער אויס אַ מיטל, ווי אזוי צו מאַכן עפּל-ווייַן!

דזשאָנס האָט זיך אַריינגעמישט:

— מיין מיטל איז בעסער פון אַלעמענס:

סוואַנסאָן האָט געבעטן:

— טאָ לאָזט מיך אייך דערציילן די געשיכטע!

אָבער פרינק רעדט עקשנותדיק ווייטער:

— מ'נעמט די שאָלן פון אַרבעס, מ'גיסט אַרויף זעקס טעפלעך וואַסער, מ'קאָכט עס און מ'וואַרט ביז —

פרוי בעביט האָט זיך געווענדעט צו די געסט מיט אַ זיסער העפלעכקייט, און פרינק האָט פאַרענדיקט די באַשרייבונג פון זיין ביר-מיטל, דאַן האָט פרוי בעביט געזאָגט פריילעך:

— דער טיש איז סערווירט.

די מענער זענען געגאַנגען פריינטלעך איינער לעבן אַנדערן, כדי צו באַשטימען, ווער ס'זאָל זיין דער לעצטער, און בעת זיי זענען געגאַנגען פון קינדער-צימער אין שפייז-צימער, האָט ווערדזש גאָנטש זיי געמאַכט לאַכנדיק מיט זיין אויסגעשריי:

— אויב מירא בעביט וועט מיך נישט לאָזן אַנידערזעצן לעבן זיך און כ'וועל נישט האַלטן איר האַנט אונטערן טיש, וועל איך זיך נישט ווילן מיט אייך, איך גיי אַהיים. אין עס-צימער האָבן אַלע געוואַרט אין פאַרלעגנהייט, ביז פרוי בעביט האָט אויפגערעגט און צומישט געזאָגט:

— אַלזאָ ביטע, אַך! איך האָב געוואָלט פאַר אייך האָבן שיינע, געמאָלטע ערטער־קאַרטן, אָבער — נו מיר מוזן — הער פרינק, זייט אַזוי גוט זעצט זיך דאָ!

דאָס מיטאָג איז געווען לויטן בעסטן מוסטער פון די „אַרטיסטישע פרויען־זשורנאַלן”; דער סאַלאַט איז דערלאַנגט געוואָרן אין אויסגעהוילטע עפל; אַלע מאכלים, אויסער די עופות זענען ענלעך געווען גאָר צו עפּעס אַנדערש.

ווי געוויינלעך איז פאַר די מאַנסביל געווען שווער צו ווילן די פרויען; אויפן פלאָרעל־הייטס איז פלירט געווען אַן אומבאַקאַנטע זאַך, און מסחר האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט קיך. אָבער אונטערן איינפלוס פון קאָקטאַיל האָט דער שמועס אויפגעלעבט. יעדער פון די מאַנסבילן האָט נאָך גע־האַט אַ סך צו דערציילן וועגן פּראָהיבישאָן, און האָבנדיק לעבן זיך אַ לאָיאַלע צוהערערין, האָבן זיי אַרויסגעזעצט:

— איך קען אַן אָרט, וווּ כ'קאָן קריגן וויפל שנאַפּס איך וויל, בלויז פאַר אַכט דאָלאַר אַ קוואָרט —

— איר האָט געלייענט פון דעם פאַרשוין, וואָס האָט באַצאָלט טויזנט דאָלאַר פאַר צען פעסלעך רויטציגל, און ווי ס'האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז עס גאָר געווען וואַסער. מ'זאָגט, אַז ער איז געשטאַנען ביים רוג גאַס, און אַן אַנדע־רער איז צו אים צוגעקומען —

— איך האָב געהערט, אַז אַן אוצר בראָנפן ווערט גע־שמוגלט אַהער פון דעטראָיט —

— דאָס, וואָס איך חזר תמיד איבער — די מענטשן פאַרשטייען לחלוטין נישט דעם ציל פון פּראָהיבישאָן —

— און ערשט קומט דער מוראדיקער סם — האָלץ־אַל־קאָהאָל און דאָס אַלץ —

— נאַטירלעך בין איך אין פּרינציפּ מסכּים, אָבער איך לייד נישט, אַז עמעצער זאָל אויף מיר אָנוואַרפן, וואָס איך זאָל טון און וואָס איך זאָל טראַכטן. קיין שום אַמעריקאַנער וועט דאָס נישט געפעלן.

אַלע האָבן זיי מודה געווען, אַז דאָס איז געווען אַ גע־

שמאַקלאָזער וויץ פון אָרווײַלס זײַט — ער איז בכלל נישט געווען אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען זאָגן אַ פּאַסיקן וויץ אויף אַ פּאַסיק אָרט: קורץ און שאַרף, דאָ גייט נישט אין געלט, אַבי דער פּײַכטער טראָפן.

אַז די טעמע איז אַרומגערעדט געוואָרן אויף אַלע זײַטן און זיך אויסגעשעפּט, איז דער שמועס געוואָרן אַן אַלגעמיינער.

וועגן ווערדזש גאָנטש האָט מען אָפטמאָל געזאָגט מיט חידוש:

— דו, ליבער גאָט, דער מענטש רעדט דאָך די נאַרישסטע זאַכן! ער קאָן זאָגן דעם גרעבסטן וויץ אין אַ געמישטער געזעלשאַפט, און די דאַמען לאַכן; אָבער איך, גאָט, ווען איך זאָל זיך נאָר דערוועגן עטוואָס פּיקאַנטס, וועט מען זײַן אויף מיר אש להבה. איצט האָט גאָנטש געווײַלט די געזעלשאַפט, שרײַענדיק צו דער פרוי סוואַנסאָן, די ייִנגסטע פון די פרויען:

— ליטע! כ'האָב אַרויסגעצויגן עדיען דעם שליסל פון קעשענע! ס'וועט זײַן אַ שיינע זאַך, ווען מיר ווילן זיך ביידע צוזאַמענטרעפן אונטער פיר אויגן — כ'האָב אייך עפּעס זייער וויכטיקס צו דערציילן!

די פרויען האָבן זיך צעלאַכט, און בעביט האָט געפילט, אַז ער דאַרף עפּעס זאָגן:

— הערט, חברה, איך האָב געוואָלט... איך וועל אייך ווײַזן ס'ביכל, וואָס כ'האָב געבאָרגט ביים דאָקטאָר פּאָטן.

— נו, דזשאָרזש! וואָס פאַר אַן אײַנפאַל — האָט פרוי בעביט אים געוואָרנט.

— דאָס בוך, — וואָס איז ווייניק אָנצורופן פּיקאַנט, איז אַ מין אַנטראָפּאָלאָגישע אָפּהאַנדלונג איבער — איבער געוויסע זיטן אויף די אינזלען פון דרום־ים, און עס לאָזט נישט אומדערזאָגט. דאָס בוך קריגט מען נישט צו קויפן. ווערדזש, איך וועל עס דיר באָרגן!

— מיר צווערשט! — האָט געליאַרעמט עדיע סוואַנסאָן — ס'מוז זיין געפּעפּערט און געזאַלצן.

אָרוויל דזשאָנס האָט זיך באַרימט:

— איך קאָן דערציילן אַ פיינעם וויץ וועגן צווי שוועדן און זייערע ווייבער, און מיט אַ ריינעם יידישן אַקצענט האָט ער דערפירט זיין וויץ ביזן סוף. גאַנטש האָט אים תיכף נאָכגעטון. אָבער דער קאָקטאַיל האָט זיך אָנגעהויבן אויסניכטערן. די געסט זענען צוריק אַריין אין זייער קאַלטער אַלטעגלעכקייט.

טשום פרינק האָט זיך מיט אַ קורצער צייט צוריק אומגעקערט פון אַ פאַרלעזונג־טורנע איבער אַ רייע קליינע שטעטלעך:

— ווי הערלעך ס'איז די ציוויליזירטע וועלט! אַך גאָט, וואָס פאַר אַ פינסטערע שטעטלעך איך האָב דורכגערייזט! אודאי האָב איך געזען עטלעכע אינטערעסאַנטע שטעטלעך אויך. יאָ, די מענטשן דאָרט זענען גאַנץ אָנשטענדיקע. אָבער די גאַסן — די גרעסטע גאַס איז אַזוי שמאָל, איר, וואָס איר פאָרט נישט אַרויס זענט גאָרנישט ביכולת צו פאַרשטיין, מיינע טייערע, ווי גליקלעך מען האַלט זיך דאָ מיט אייך, צווישן די לעבעדיקע מענטשן!

— איך גלויב דיר גערן — האָט דזשאָנס אים איבערגעריסן — די בעסטע מענטשן, זענען די פון די קליינע שטעטלעך, אָבער ליבער גאָט! וואָס פאַראַ שמועסן זיי פירן! פאַרוואָס, זאָג מיר, קאָנען זיי נישט רעדן מער, ווי וועגן וועטער און אַ קליינעם פאָרד. ערנוואָרט!

— אמת — זיי רעדן תמיד דיזעלבע זאַכן — האָט עדיע סוואַנסאָן געזאָגט.

— און אויב אַפילו יאָ! אַלע חזרן זיי תמיד איבער די זעלבע זאַכן! — האָט ווערדזש גאַנטש געזאָגט.

— יאָ, דאָס איז באמת אומגלויבלעך. גלייך, ווי עס וואָלט זיי געפעלט די פעיקייט צו אַ זעלבסטשטענדיק טראַכטן. זיי רעדן תמיד דאָסזעלבע וועגן וועטער און פאָרד־מאַשינען, וועגן

פּערד־מאַשינען און וועגן ווערסער און אַזוי ווייטער — האָט האַוואָרד ליטלפעלד געזאָגט.

— פונדעסטוועגן דאַרף מען זיי נישט נעמען פאַר אומגוט. — זיי האָבן נישט קיין אינטעלעקטועלע קרעפטן, ווי למשל מיר אין אונזער שטאָט — האָט שטום פרינק פאַרטיידיקט.

— איין גאָט ווייסט, דו האָסט רעכט — האָט בעבּיט געזאָגט — כ׳זאָג נישט, אַז איך וויל אומאויפהערלעך רעדן וועגן גרויסע זאַכן, וואָרום דער מענטש האַלט זיך אין די ראַמען, בעת ער טוט פון צייט צו צייט אַ רעד מיט וועלכן ס׳איז דיכטער וועגן גרויסע זאַכן אָדער מיט אַזאַ חברה מאַן, ווי האַוואָרד ליטלפעלד; וואָס איז אַזאַ מומחה אין דער עקאָנאָמיע. אָבער דידאָזיקע פאַרשטאָפּטע מהות פון די קליינע שטעטלעך רעדן נאָר איינער מיטן אַנדערן, טאָ וואָס איז דאָס וווּנדער, וואָס זייערע רייד זענען נאַריש, אומקולטיווירט, אַז זייער ביסל שכל ווערט איינגעשרומפּן פאַר דער צייט.

אָרוויל דזשאָנס האָט צוגעגעבן:

— און טוט נאָר אַ טראַכט וועגן די איבעריקע זאַכן, וואָס מיר האָבן — נעמט, די קינאָס, למשל. דידאָזיקע קליינשטעטלדיקע מיינען, אַז זיי זענען ווער ווייס ווי פאַרגעשריטן, וויבאַלד זיי האָבן איינמאָל אין דער וואָך אַ פרישן פּראָגראַם, בעת מיר דאָ אין שטאָט קענען זיך פּשוט נישט קיין עצה געבן אויסצווויילן פון אַ גאַנצן טוץ קינאָס.

— פאַרשטייט זיך! און דאַן, וויאַזוי ווערט געשאַרפט דער שכל, ווען מ׳מוז טאָג טעגלעך קאָנקורירן מיט ערשטקלאַסיקע פּראָגרעסיווע האַנדלס מענטשן און מען ווערט אָנגעשטאָפּט מיט כּלערליי אידעען — האָט עדיע סוואַנסאָן געזאָגט.

— אַ חוץ אַלעמען—האָט בעבּיט אַ זאָג געטון — דאַרפן מיר נישט אַזוי שטאַרק מוחל זיין דידאָזיקע פאַרשקלאַפטע קליינשטעטלדיקע לייט! דאָס איז זייער שולד, וואָס זיי האָבן נישט געווּוּג איניציאַטיוו, און זיי ווייסן נישט וויאַזוי זיך צו

אַנטוויקלען און צו דערהייבן דעם ניוואָ פֿון זייער אייגענער שטאָט — ווי מיר האָבן עס געטון. צווישן אונז גערעדט, קיינער הערט דאָך נישט, זעגען זיי אונז, גרויסשטאָטישע שטאַרק מקנא. יעדעס מאָל, ווען איך קום קיין קאַטאַובאַ, מוז איך זיך אַנטשולדיקן פֿאַר די, מיט וועלכע איך בין צוזאַמען דערצויגן געוואָרן, דערפֿאַר וואָס איך האָב צו עפּעס דערגרייכט און זיי נישט. פֿאַרפֿירט מיט זיי אַ שמועס, נאַטירלעך, ווי מיר דאָ, און איר ווייזט אַרויס אַ געוויסע סובטעלקייט, וואָס איר האָט דערגרייכט, קוקן זיי אויף אייך ברוגז און זאָגן אַז מען באַרימט זיך. דאָס זעלבע איז מיט מיין שטיף-ברודער מאַרטין, וואָס פֿירט דאָס שפּייז-קרעמל נאָך מיין פֿאָטער. יאָ, איך גיי מיט אייך אין געוועט, אַז ער ווייסט צומאָל נישט פֿון אַזאַ זאַך, ווי אַזאַ ראָק — כ'מיין, ווי אַ סמאָקינג. ווען ער זאָל אַזוי פֿלוצלונג איצט אַריינקומען, וואָלט ער געטראַכט, אַז מיר אַלע זענען — אַז מיר אַלע זענען, צום טייוול, איך שווער, ער וואָלט נישט געוווסט, וואָס צו טראַכטן. נישט פֿאַרגינערס זענען זיי, אַלע ווי איינער!

טשום פֿרינק האָט איינגעשטימט:

— אַזוי איז עס. אָבער דאָס, וואָס מיך אַרט, איז זייער שוואַכער חוש פֿאַר קולטור און קונסט — זייט מיר מוחל מיינע הויכע פֿראַזן. איך האָב ליב אָפּצוהאַלטן ערשטקלאַסיקע רעפּעראַטן און לייענען מיינע בעסטע לידער — נישט די, וואָס דרוקן זיך אין די צייטונגען, נאָר אין די צייטשריפֿטן, אָבער כ'זאָג אייך, ווען כ'קום נאָר אין שטעטל אַריין, פֿאָדערן זיי נישט מער ווי אַנעקדאָטלעך אָן אַ זין, וואָס כ'וואָלט דאָ אַפֿילו נישט געקענט ברענגען פֿאַרן מויל.

ווערדזש גאָנטש איז געקומען צום אויספֿיר:

— ס'איז אַ פֿאַקט, אַז מיר דאַרפֿן זיך גליקלעך שעצן, וואָס מיר לעבן צוזאַמען מיט שטאָט-מענטשן, וואָס האָבן אַ חוש פֿאַר קינסטלערישע דערגרייכונגען, פּונקט ווי פֿאַר געשעפֿטס-לעבע טעטיקייט. דאָס ערגסטע פֿאַר יעדן איינציקן פֿון אונז איז, ווען מיר פֿאַלן פֿלוצלונג אַריין אין אַזאַ קליין שטעטל

און מיר זוכן ווי אַרום דידאָזיקע לייט אויפצוּוועקן צום לעבן, אַט ווי מיר טוען עס דאָ. אָבער איינס קאָן איך אייך זאָגן, וויבאַלד מיר ווילן זיין גערעכט, אַז יעדעס אַמעריקאַנער שטעטל זוכט צו פאַרווירקלעכן מאָדערנע אידעאַלן און צו פאַרמערן די צאָל איינוווינער, זאָל מיך דער רוח נעמען, אויב דאָס גיט זיך טייל פון זיי נישט איין. עמעצער האָט דערציילט וועגן אַזאַ אָרעם אָרט, ביי אַ וועג-קרייצונג, וווּ ער איז געווען אין 1900, און ס'גאַנצע שטעטל איז נישט געווען מער ווי אַ בלאָטיקע גאַס, מיט ניין הונדערט נפשות. אָבער, אַז ער האָט זיך דאָרטן אומגעקערט אין יאָר 1920, האָט ער דאָרטן געטראָפן ברוקירטע גאַסן, און אַ קליינער האָטעל מיט אַן ערשטקלאַסיק דאַמען-קאָנפעקציע-געוועלב—באמת לעגענדאַריש! מ'דאַרף נישט נעמען אין אַכט, וואָס די קליינשטעטלדיקע זענען היינט, נאָר וואָס זיי וועלן ווערן, יעדער איינער פון זיי האָט אַמביציע, אַז מיט דער צייט זאָל עס ווערן דאָס שענסטע אָרט אויף גאָטס ערד — זיי וואָלטן גערן אַלע געוואָלט זיין ווי זעניט.

ג.

ווי עס זאָל נישט זיין זענען זיי אַלע געווען אויסגעבונדן מיט ס. ט. טשאָלמאָנדלי פרינק, וואָס האָט זיך ווי אַ נאָענטער שכן, אויסגעבאָרגט אַמאָל אַן אַקער-מאַשין צו זיין גאָרטן אָדער עפּעס אַ שליסל צו אַ שרויף. זיי האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון, אַז ער איז אַ באַרימטער דיכטער און אָנגעזעענער אַגענט פון אַנאָנסן, און אַז הינטער זיין געמיטלעכקייט באַהאַלטן זיך ליטעראַרישע פּראָבלעמען, וואָס זיי קענען נישט תופס זיין. אָבער היינטיקן אָוונט, אין דער פאַרטרוילעכקייט אויפגערייצט דורך אַלקאָהאָל, האָט ער איינגעבראָכן די ווענט פון זיין באַהאַלטענער קונסט:

— איך האָב איצט אַ ליטעראַרישע אַרבעט, וואָס מאַכט מיר ממש משוגע. איך שטעל צונויף אַ סעריע אַנאָנסן פאַר דער ציקאָ-טראַמוויי-געזעלשאַפט, און איך וויל פון יעדן

איינציקן מאַכן אַ קונסט־ווערק — אַ סטיליזירטע פּערל. איך האַלט זיך בײַ דער טעאָריע, אָדער צו שאַפן פאָלקאָמענע ווערק, וואָס זאָלן באַגייסטערן די מענטשן, אָדער גאָרניט. אָבער דידאָזיקע אַנאָנסן זענען די שווערסטע, וואָס כ׳האָב אַמאָל אונטערגענומען. איר מיינט אפשר, אַז עס קומט מיר אָן שווער צו שרייבן מיינע לירישע שאַפונגען — די אויסגיסן פון האַרץ און געפיל: היים, פאַמיליע און ליבעס־גליק — אָבער דאָס אַלץ איז נאָר שאַבלאָן. דערבײַ קאָן מען נישט מאַכן קיין פאַלשן שריט, וואָרום מ׳ווייסט גענוי, וואָס אַן אָנשטענדיקער יונגערמאַן טראַכט, ווען אַלץ גייט בײַ אים אויפן גלייכן וועג, מילא, דערבײַ האַלט מען זיך. אָבער די פּאָעזיע פון אינדוסטרי, זעט איר, דאָס איז שוין אַזאַ ליטעראַרישער געביט, ווו איר מוזט יעדעס מאָל אַנטדעקן נײַע טעאָריעס. ווייסט איר, ווער עס איז דער אַמעריקאַנער זשעני? אַ מענטש, וועמענס נאָמען איר קענט נישט און איך אויך נישט, אָבער זיינע ווערק דאַרף מען באַהאַלטן פאַר די קומענדיקע דורות, זיי זאָלן וויסן, וואָס עס איז געווען אונזער אַמעריקאַנער געדאַנק און אונזער אַמעריקאַנער אָריגינאַליטעט אין דער הײַנטיקער צײַט. איך רעד וועגן דעם מענטש, וואָס פאַרפאַסט אַנאָנסן פאַר דער פּרינץ־אַלבערט־טאַבאַק־געזעלשאַפט! הערט נאָר אויס דידאָזיקע שורות:

„מיט פּ. אַ. שטאָפּ, שטאָפּ, שטאָפּ, שטאָפּ אָן, דו גליקלעכער, דיין לולקע. אויב דיר איז שוין אַמאָל אײַנגעפאַלן, אַז ס׳וואָלט פאַר דיר בעסער געווען ווען דו זאָלסט אויפהערן רויכערן, ביסטו אפשר גאַנץ גערעכט. — אָבער — צווישן אונז געשמועסט, איז בעסער, ווען דו מאַכסט אַ פּרווו און פּראָבירסט שלאָגן דעם רעקאָרד מיטן ראַפּיד־שנעל־לויפער סיסטעם, כדי פון געמיינעם טאַבאַק האָפלא צו אַנטלויפן, צום באַרימטן טיפּ־טאָפּ צו דערגרייכן — וויבאַלד דו קאָנסט דיך נישט אָפּ־

געוווינען פון א לולקע, טאָ זאָל זיך דאָרטן געפונען דער איידעלער בשמים, פּרינץ אַלבערט.

פּרינץ אַלבערט איז דער אמת פון אַלע אמתן — שמעקט תּמיד און תּמיד נאָך הערלעך, קיל און פריש און רויכערט זיך גוט. אַז איך בין זיכער, אַז איר האָט נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט אַזאַ הנאה. ער איז הייס, ווי זינד, מיט קופּערנע ניטן, פעסט צונויפגעפּאַקט ווי אַ פויסט!

שנעלער צו דער לולקע — מיט גיכע פריילעכע טריט, ווייל דו איילסט צום העכסטן גליק! מיט פּרינץ אַלבערט אין קעשענע לעגסטו יעדן פּראָפּעסיאָנעלן ערזאַץ אויף די לאָפּאַטקעס און דו ווייסט גוט, וואָס דאָס באַטייט!”

— יאָ, דאָס! — האָט געשריגן דער אויטאָמאָביל-אַגענט עדיע סוואַנסאָן — דאָס קאָן מען אָנרופן ליטעראַטור! דער דאָזיקער פּרינץ-אַלבערט-פּאַרשוין — אָך, דאָס איז נישט מעגלעך, אַז איין מענטש זאָל דאָס שרייבן. דאָס האָבן געמוזט פאַרפאַסן אַ גאַנצע קאָמיסיע פון ערשט ראַנגיקע פעדער-קינסטלער. ווי ס'זאָל נישט זיין, שרייבט דער פּאַרשוין נישט פאַר קיין לאַנג-האָריקע ווייבערישע מאַנספּערשוינען, נאָר פאַר שטאַרקע מאַנסבילן מיט פעטע רוקנס, ער שרייבט פאַר מיר, און איך זאָג: דעם הוט נעמט אַראָפּ פאַר אים! אָבער דערביי איז דאָ נאָך אַ פראַגע: צי פאַרקויפט מען אויף אַזאַ אופן די סחורה. פּונקט ווי יעדער דיכטער, טראַכט דערדאָזיקער אויך אויס די געדאַנקען פון קאָפּ. ס'איז גאַנץ אינטערעסאַנטע לעקטור, אָבער עס זאָגט גאָרנישט, איך וואָלט קיינמאָל נישט געקויפט פּרינץ-אַלבערט, איבערלייענענדיק אַזאַ אַנאָנס, וואָרום איך ווייס נישט וועגן וואָס דאָרט האַנדלט זיך. ער צעקריכט אונטער די פינגער ווי שוים.

פּרינק האָט אַ קוק געטון אויף אים:

— אָך, דו ביסט אַ מאָדנער מענטש! זאָל איך דיר פאַר-

קויפֿן מײַן סטיליסטישע אָנשווינג? נו, יעדנפֿאַלס איז דאָס דאָס מערק, וואָס איך וויל גערן שאַפֿן פֿאַר דער ציקאָ-קאָמפּאַניע. אָבער איך האָב עס נאָך נישט פֿאַרענדיקט. און אַזוי האָב איך זיך באַשלאָסן צוצורירן צום פּאָעטישן קוואַל, און איך האָב געמאַכט אַ פּרוּוו מיט אַ הויכפּראַזיקן אַנאַנאַס פֿאַר דער ציקאָ קאָמפּ. ווי געפֿעלט עס אײַך?

„ווײַס און לאַנג אויסגעצויגן רופֿט דער וועג. רופֿט און לאָקט — אין איבער בערג און טאָלן און אין דער בלויער ווײַטקייט ציט אַהין מאַן און פֿרוי, ווען דאָס העלע בלוט, ווי פֿרילינג, קלאַפּט און דאָס אײביקע ליד פֿון וואַנדערער שוועבט אויף די ליפּן. גענוג מיט דער גראָקייט פֿון דער טריבער אַלטעגלעכקייט, גענוג מיט דער זאָרג און אַרבעט! שנעלקייט, די האַסטיקע, הער־לעכע שנעלקייט! דאָס איז עפּעס מער, ווי די פֿרייד פֿון קורצן אויגנבליק—דאָס ברענגט אַ נײַ לעבן מיר און דיר. דער נײַער גרויסער אמת איז פֿאַר די פֿאַבריקאַנטן פֿון דער ציקאָ־וואַגאָנען אַזוי וויכטיק, ווי דער פּרײַז און די געשמאַקפֿולע אויספֿירונג. דער וואַגאָן לויפֿט געשווינד, ווי אַן אַנטילאָפּ, ווייך און גלאַטיק, ווי ס'פֿליען פֿון אַ שוואַלב, שטאַרק, ווי אַ באַלאָדנטער העלפֿאַנט. יעדעס ברעקל זאָגט עדות פֿון פּרעכטיקער אויספֿירונג. הער, ברודער! ווערסט קיינמאָל נישט וויסן, וואָס דאָס איז אַזוינס לעבן, וואָס ס'הייסט אַזוינס הנאה פֿון לעבן, אויב דו ווערסט נישט דערפֿילן דעם טעם—ציקאָ“!

— יאָ — האָט פֿרינק געזאָגט — ס'קלינגט שוין אַפּילו גאַנץ פֿײַן, איך אַליין זאָג עס, אָבער ס'איז נישט אַזוי אָריגינעל ווי יענער אַנאַנאַס!

די גאַנצע געזעלשאַפֿט האָט אָפּגעזיפֿצט מיט מיטגעפֿיל און באַוווּנדערונג.

קאַפּיטל IX

א.

בעבית האָט ליב זיינע פריינט, ער איז געווען גליקלעך אין דער ראָלע פון אַ באַלעבאָס און צו שרייען: — געוויס, דו וועסט נאָך נעמען אַ שטיקל עוף — ווי דען! ער האָט הויך געשעצט דעם זשעני פון ט. שטאָלמאָנדלי פרינק, אָבער די קראַפט פון קאָקטאַיל האָט אויפגעהערט ווירקן, און וואָס מער בעבית האָט געגעסן, אַלץ ווייניקער פריילעך האָט ער זיך געפילט. דאַן איז די פריינטשאַפטלעכע אַטמאָספער פון מיטאָג געשטערט געוואָרן דורך דעם ריח פון די סוואַנסאָנס.

אויף דער פלאָרעל-הייטס און אין אַנדערע פּרעכטיקע שטאָט-טיילן פון זעניט, איז צווישן די „יינגע פאַרהייראַטעטע שיכטן" געווען פול פרויען, וואָס האָבן גאָרנישט געטון. חוץ-דעם, וואָס זיי האָבן באַשעפטיקט אַ קליינעם דינסט-פּערסאָנאַל, זענען זייערע הייזער פאַרזען געווען מיט גאַז-אויוונס, עלעק-טרישע שטויב-זויגערס און קאַפלע-ווענט אין זייערע קיכן, אַלץ איז געווען אַזוי באַקוועם איינגעאָרדנט, אַז זיי האָבן גע-האַט גאָר ווייניק אַרבעט, און אַ גרויסער טייל פון זייערע מאָלצייטן האָט מען געבראַכט פון דער פּאַשטעטן-פאַבריק, פון דעליקאַטעסן געוועלב. זיי האָבן געהאַט צי צוויי קינדער, איינס אָדער גאָרנישט. נישט געקוקט אויף דער לעגענדע, בכן די גרויסע וועלט-מלחמה האָט געווירקט, אַז מ'זאָל זיך נישט שעמען מיט קיין אַרבעט, האָבן זייערע מענער זיך אַנטקעגנ-געשטעלט, אַז זייערע ווייבער זאָלן פאַרלירן צייט און פאַר-דרייען זיך די קעפּ מיט אומנוצלעכע געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, און נאָך מער זענען זיי געווען קעגן, אַז זיי זאָלן אַרבעטן אויף פּרנסה, און דאַדורך געבן אַ סיבה צו פאַרשידענע רכילות,

אַז דער מאַן פאַרדינט ווייניק אויף חיונה. זיי האָבן געאַרבעט חעכסטנס צוויי שעה טעגלעך, און די איבעריקע צייט האָבן זיי פאַרבראַנגט דערמיט, וואָס זיי האָבן געגעסן שאָקאָלאַד, געגאַנגען אין קינאָ, געמאַכט אומנוצלעכע איינקויפן, געשפּילט אין קאָרטן, געלייענט צייטשריפטן, געחלומט וועגן ליבהאָבער, וואָס זענען קיינמאָל נישט געקומען, און זיי האָבן אָנגעקליבן אַ פּרעכטיקן אומרו, מיט וואָס זיי האָבן זיך געקענט פּאַרטיידיקן, בעת זיי האָבן זיך געקריגט מיטן מאַן. די מענער האָבן זיי אָפּגעצאָלט מיטן זעלביקן.

די סוואַנסאָנס זענען געווען אַ ביישפּיל פון אַ קריגעריש פּאָר.

בעתן מיטאָג האָט סוואַנסאָן זיך עפּנטלעך באַקלאָגט אויף זיין פרויס ניי קלייד. לויט זיין מיינונג איז ס'קלייד געווען צו קורץ, צו פיל אויסגעדעקאָלטירט, צו שטאַרק דורכזיכטיק און ס'האָט זייער טייער געקאָסט. ער האָט זיך געווענדעט צו בעפּיטן:

— דזשאָרזש, זאָג ערלעך, וואָס דו טראַכסט וועגן דער שמאַטע, וואָס ליטע האָט זיך געמאַכט? האַלסטו, אַז ס'גייט שוין נישט אַריבער יעדער גרענעץ?

—וואָס עסטו דיך, עדיע? איך האַלט דאָס פאַר אַ הערלעך קלייד.

— אַודאי אַזוי, הער סוואַנסאָן. ס'איז דאָך אַ זעלטן שיין קלייד. — האָט פרוי בעפּיט צוגעגעבן.

—נו זעסטו שוין מאַניאַק איינער. דו רעדסט זיך איין, אַז דו ביסט שוין איינמאָל אַ מבין אויף דאַמען-טואַלעט — האָט ליטע געזאָגט צאָרנדיק, בעת די געסט האָבן איבערגעקייט דאָס געשפּרעך און געקוקט אויף אירע אַקסלען.

— אויב אַזוי, טאָ הער זשע מיך אויס — האָט סוואַנסאָן געזאָגט — איך בין גענוג מבין צו וויסן, אַז ס'קאָסט אַ שלל מיט געלט, און די גרינגע גאַל גייט מיר איבער, ווייל איך וויס, אַז האָסט אַ גאַנצע שאַנק קליידער, וואָס דו טראָגסט גאָרנישט. איך האָב דיר געזאָגט מיין מיינונג פריער, אויב די

ווענסט דיך דערמאָנען, אָבער דו האָסט מיך נישט געוואָלט הערן. כ'קאָן די לונגען אויסשפּייען, און דיר גייט עס אין איין אויער אַריין און פֿון אַנדערן אַרויס.

אָט אין אַזאַ אופֿן האָט מען זיך איבערגעווערטלט, און אַלע זענען געזעסן און אויסגעהאָרכט, אַלע מיטן אויסנאַם פֿון בעביט. אַלץ אַרום איז אים געווען טריב און נישט קלאָר, אַלץ, אויסער זיין מאָגן, און ער האָט זיך געפֿינען אין אַ רויטער שווערער אומרויִקייט: — כ'האָב שוין ווידער צופֿיל געגעסן, כ'דאַרף נישט עסן די מאַכלים — האָט ער געזיפֿצט, בעת ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו שטיפֿן אין זיך; איצט האָט ער געשלונגען די פּראָסטיקע לאָדעס און געגעסן שטיקער טאָרט פֿון קאַקאַאָ-ביס, וואָס איז געווען אַזוי געדיכט, ווי זייף צום גאָלן. ס'האָט זיך אים געדוכט, ווי ער וואָלט געווען אָנגעשטאָפּט מיט ליים, זיין בויך איז שיר נישט צעזעצט געוואָרן, דער האַלדז איז אים געווען ווי פֿאַרבייט, זיינע געהירן זענען געווען פֿול מיט הייסן שלאַם: און עס איז געווען אַ שרעקלעכע מאַטערניש ווייטער צו שמייכלען און צו שפּאַסן אויפֿן קול, ווי ס'האָט געפּאַסט פֿאַר אַ באַלעבאָס פֿון פֿלאָרעל-הייטס.

וואָלט ער זיך נישט געשעמט פֿאַר זיינע געסט, וואָלט ער אַרויס פֿון צימער און ער וואָלט זיך אַביסל איבערגעגאַנגען, כּדי זיך צו באַפֿרייען פֿון דער פֿאַרטויבונג, אָבער ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן שוין אויף אייביק זיך באַזעצט אין דעם פֿאַררויכערטן צימער, אַז זיי וועלן שוין אַזוי רעדן אָן אַ סוף, בעת ער אַליין האָט מיט אַ ווייטאָק ביז צום שטאַרבן שטילערהייט געיאָמערט:—פֿאַרשאָלטענער אידיאָט, וואָס איך בין! צו וועלכע טייוואָלים האָב איך גענדאַרפֿט די אַלע מאכלים! — קיין איין ביסן נישט מער! און אין זעלבן אויגנבליק אַנטדעקט ער, אַז זיין מויל איז ווידער אָנגעשטאָפּט מיט די עקלהאַפֿטע לאָדעס וואָס זענען צעשמאָלצן געווען אויף זיין טעלער. דער גאַנצער צייבער איז אָפּגעטון געוואָרן פֿון זיינע פֿריינט. ער איז צומאָל נישט באַגייסטערט געוואָרן, בעת האַוואָרד ליטלפֿעלד האָט זיך געטיילט מיט אים מיט די ידיעות, וואָס

ער האָט געשעפּט פון זיין וויסנשאַפטלעכער הויז-מעטאָדע, אַז דער כעמישער צייכן איף רויער גומי איז $C_{10}H_{16}$ און די גומע פאַרוואַנדלט זיך דאַן אין יסאָפּרען אָדער C_5H_8. פּ'וצלונג איז געשען עפּעס אומגעווינלעכס. בעביט האָט זיך נישט נאָר געפילט לאַנגווייליק, נאָר ער האָט מודה געווען, אַז ער לאַנגווייליקט זיך. ער האָט געפילט ממש אַ עקסטאַטיש גליק צו אַנטלויפן איצטער פון טיש, פון דעם פיין אויף דער האַרטער שטול און זיך צו צעלייגן אויף דער קאַנאַפּע אין סאַלאָן!

לויט זייער גלייכגילטיק רעדן, לויט די שטילע אָפּגעריסענע ווערטער, האָבן זיינע געסט אויך אויסגעזען צו ליידן נישט ווייניקער פון דער גאַסטלעכקייט און פון צו פיל עסן. אַלע האָבן מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג אויפגעכאַפּט דעם פּראָיעקט פון ברידזש-שפּיל.

בעביט האָט זיך באַפרייט פונם געפיל, ווי מ'וואָלט אים געקאָכט לעבעדיקערהייט. ער האָט געווינען ביי דעם בריקשפּיל. ער איז ווידער געווען פעיק אויפצונעמען די אומרת-מנותדיקע ערנסטקייט פון ווערדזש גאָנטש, אָבער ער האָט געחלומט וועגן אַ שמועס טון מיט פּאָול ריסלינג ביים טייך אין מאַין. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען מאַין, אָבער אין דער מינוט האָט ער געקוקט אויף די פעלזיקע בערג, אויף דעם רויקן וואַסער פון טייך: — איין פּאָול איז מער ווערט, ווי די אַלע באַרימטע חכמים צוזאַמען — האָט ער אַ מורמל געטון; און דאַן :—איך וואָלט גערן געוואָלט אַנטלויפן פונדאַנען, — אַוועק פון אַלעמען.

אפילו ליטע סוואַנסאָן האָט אים נישט געקאָנט אויפמונטערן.

פרוי סוואַנסאָן איז געווען אַ שיינע. בעביט האָט נישט אַנאַליזירט קיין פרויען, סיידן ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אויסקלויבן פאַר זיי אַ ווינונג. ער האָט זיי איינגעטיילט אויף אמתע דאַמען, אַרבעטזאַמע פרויען, אַלטע באָבעס און לייכטזיניקע ציגן. ער איז געווען עמפּינדלעך אויף פרויען-רייץ, ער איז אָבער געווען ביי דער מיינונג, אַז אַלע (מיטן אויס-

באַם די פּרויען פון זיין פאַמילע) זענען „געהיימניספול" און „אַנדערש". דאָך האָט ער געפילט אינסטינקטיוו, אַז צו ליטע סוואַנסאָן איז זיך פּדי צו דערנענטערן. אירע אויגן און אירע ליפן זענען געווען פייכט. דאָס פּנים האָט זיך פאַרשמעלערט פון דעם ברייטן שטערן ביז צו איר פיין־פאַרשפּיצטער גאָמבע. ס'מויל שמאָל, אָבער שטרענג, און צווישן די ברעמען האָבן זיך אויסגעשניטן צוויי ליידנשאַפטלעכע קנייטשן. זי האָט גע־האַט אומגעפער דרייסיק יאָר און אפשר ווייניקער. וועגן ליטען האָט מען נישט גערעדט, אָבער יעדער מאַנסביל, וואָס האָט גערעדט מיט איר, האָט אינסטינקטיוו אָנגענומען א פלירטישן טאָן, און יעדערע פרוי האָט געקוקט אויף איר מיט איינגע־האַלטענער אומרויקייט.

ווען מ'האָט איבערגעריסן די שפּיל, האָט בעבּיט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּע און ער האָט אָנגעהויבן שמו־עסן מיט פריילין סוואַנסאָן. ער האָט גערעדט צו איר מיט אַ פאַרגעשריבענער גאַלאַנטעריע, מיט יענער דאַנקבאַרער גאַלאַנ־טעריע, ווי ס'האָט געפּאַסט פאַר דער פלאָרעל־הייטס, אַ גאַ־לאַנטעריע, וואָס איז נישט קיין פלירט נאָר אַ דערווייטערונג דערפון.

— איר שטראַלט היינטיקן אָוונט, ווי אַ פאָנטאַן פון סאָדע־וואַסער, ליטע!

— באמת?

— אונזער אַלטער עדיע איז ווידער קריגעריש געשטימט.

— יאָ. איך לייד שוין גענוג פון אים.

— גוט, ווייבאַלד איר קאָנט נישט אויסהאַלטן מיטן מאַן, טאָ אַנטלויפט מיטן פעטער דזשאָרזש.

— ווען כ'זאָל נאָר וועלן —

— קיינער האָט אייך נאָך נישט געזאָגט, אַז איר האָט שיינע הענט.

זי האָט אַ קוק געטון אויף די הענט, אַראָפּגעצויגן אי־בער זיי די שפּיצן פון די אַרבל, אָבער זי האָט זיך געמאַכט

ווי זי וואָלט עס נישט געהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. זי איז פאַרזונקען געוואָרן אין אירע חלומות.

בעביט איז אין דעמדאָזיקן אָוונט געווען צופיל פאַר־מאַטערט, כדי צו קאָנען דערפילן די פליכטן פון א באַצוי־בערנדן (אָבער אָפט שטרענג מאָראַלישן) מאַן. ער איז צוגע־געגאַנגען צום קאָרטן־טיש. ער איז נישט געווען זייער באַ־גייסטערט, בעת פרוי פרינק, אַ קליינע, צאַפּלדיקע דאַמע, האָט פאַרגעלייגט, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן אין ספּיריטיזם און מאַכן סעאַנסן מיטן טישל.

— איר ווייסט דאָך, אַז טשום קאָן אַרויסרופן גייס־טער — ערגוואָרט, ער וואַרפט תמיד אָן אויף מיר אַ מורא!

די דאַמען האָבן זיך נאָך אין היינטיקן אָוונט גאָרנישט געהאַט אַרויסגעזאָגט, אָבער איצטער זענען אַלע זעקס געווען גרייט צו פאַרנעמען זיך מיט גייסטיקע פראַגן. להיפּוך צו די מענער, וואָס האָבן אַצינדערט נאָך גערעדט וועגן די מאַטער־יעלע עסקים, האָבן זיי איבערגענומען די איניציאַטיוו און גע־שריגן:

— לאָמיר זיך שפּילן אין ספּיריטיזם!

אין דער פינסטער האָבן די מאַנסבילן זיך פאַרהאַלטן מיט חשיבות און געפלוידערט נאַרישקייטן, אָבער די דאַמען זענען געזעסן ערנסט, ציטערנדיק, אַרום טיש. זיי האָבן געזאָגט לאַכנדיק: — אַצינדערט זייט רויק, אויב נישט וועלן מיר שרייען—בעת די מענער האָבן זיי געהאַלטן ביי די הענט, כדי צו שאַפן אַ ראָד.

בעביט האָט אויפסניי דערפילט אַ לייכטן אינטערעס אין לעבן, בעת ליטע סוואַנסאָנס הענטל האָט פעסט און אַנטשלאָסן געדריקט זיין האַנט.

אַלע האָבן זיך איינגעבויגן אין שפּאַנונג. זיי האָבן פיי־ערלעך זיך באַמיט איינצוהאַלטן דעם אָטעם. אין דער העלער ליכטיקייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען פון זאַל, האָבן זיי אויס־געזען פאַנטאַסטיש. זיי האָבן זיך געפילט רוחניותדיק. פרוי גאָנטש האָט אַ פּישטשע געטון, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן

מיט אַ אומנאַטירלעכער צופרידנקייט, אָבער אַ צייכן פון פרינקן האָט זיי געמאַכט ערנסט און מוראדיק. פלוצלונג, אומדערוואַרטעט, האָבן זיי דערהערט קלאַפּן. זיי האָבן געקוקט אויף פרינקס האַלב-דורכזיכטיקע הענט און זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך. ס'האָט זיי אַדורכגענומען אַ שוידער, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען גלייכגילטיק.

פרינק האָט אַ זאָג געטון מיט ערנסטקייט:

— איז דאָ עמעצער פאַראַן? — ס'האָט איינמאָל אַ קלאַפּ געטון. זאָל איין קלאַפּ באַדייטן „יאָ"? — ס'האָט ווידער איינמאָל אַ קלאַפּ געטון — און צוויי קלעפּ זאָל באַדייטן „ניין"? דער טיש האָט אָפּגעקלאַפּט.

— און איצט, מיינע דאַמען און הערן, זאָלן מיר בעטן דעם נישט זעעוודיקן פירער, אַז ער זאָל אונז פאַרבינדן מיטן גייסט פון אַ גרויסן פאַרשטאָרבענעם מאַן? — האָט פרינק אַ מורמל געטון.

פרוי אָרוויל דזשאָנס האָט געבעטן:

— אָך, לאָמיר רעדן מיט דאַנטע! מיר שטודירן זיינע ווערק אויף אונזער לייען-קרייז! דו ווייסט דאָך ווער עס איז געווען דאַנטע, אָרוויי.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך ווייס, ווער ער איז געווען! אַ גרויסער דיכטער. יאָ, וואָס מיינסטו וועגן מיר, אַז איך בין אויפגעוואַקסן אין וואַלד? — האָט איר באַליידיקטער מאַן געענטפערט.

— נאַטירלעך — דער פאַרשוין, וואָס האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ רייזע-בילעט אין גיהנום אַריין! איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין געוואַלדיקער מומחה אין זיינע לידער, אָבער איך האָב אים געלערנט אויפן אוניווערסיטעט — האָט בעביט געזאָגט.

— האַלאָ, הער דאַ—נ—נ—טע! — האָט עדיע סוואַנסאָן געזאָגט.

— איך, אַלס דיכטער, דאַרף גאָרנישט אָנקומען אַזוי-

שווער אים אַרויסצורופן. איר זענט דאָך קאָלעגן — האָט ליטע סוואַנסאָן אַ זאָג געטון.

— אַלס קאָלעגן, שטותים? וואָס פאַלט אייך איין? — האָט גאָנטש זיך פאַנאַנדערגעלאַכט — איך בין זיך משער, אַז וועדליג יענער צייט האָט ער גראָד נישט שלעכט געשריבן, איר קענט זיך פאָרשטעלן, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין זאַך וואָס איך זאָל נישט האָבן געלייענט, אָבער נעמענדיק פאַקטיש די זאַך, בין איך זיכער, אַז ער וואָלט אַנטלאָפן ווו פעפער וואַקסט, ווען כ'זאָל אים אַזוי הייסן זיך נעמען צו פּראַקטישער ליטעראַטור און אָנשרייבן יעדן טאָג אַ ליד אין צייטונגס-סינדיקאַט, ווי אונזער טשום פרינק!

— גערעכט — האָט אויסגערופן עדיע סוואַנסאָן — אין די אַלטע צייטן האָט מען זיך געקאָנט פאַרגינען אַ סך צייט, ערנוואָרט, איך אַליין וואָלט געקאָנט אָנשרייבן אַ ליד, ווען מ'זאָל מיר געבן אַ יאָר צייט און ווען מ'זאָל מיך לאָזן שרייבן וועגן אַזוינע אַלטע זאַכן, ווי דאַנטע האָט געשריבן.

פרינק האָט באַפוילן:

— רויק, איצטער! איך רוף אים אַרויס... אָ, לאַכנדיקע אויגן, גיי ווייטער און זוך אויף דאָס, הם, דאָס לעצטע און ברענג אונז אַהער דאַנטעס גייסט, אַז מיר שטערבלעכע זאָלן האָבן די זכיה אויסצוהערן זיינע קלוגע ווערטער.

— האָסט פאַרגעסן אים אויפצוגעבן דעם אַדרעס: 1658 שוועבל-גאַס, פייערדיקע בערג, גיהנום — האָט גאָנטש געלאַכט, אָבער די איבעריקע האָבן געטראַכט, אַז דאָס איז צופיל געחוזקט. דאַן: — דאָס האָט זיכער טשום געקלאַפּט! וויבאַלד ס'זאָל עפּעס זיין, וועל איך באמת זיין באַגייסטערט צו רעדן מיט אַזאַ פאַרשוין, וואָס געהערט צו די, וואָס לעבן אין דער פאַרגאַנגנהייט!

אַ קלאַפּעריי. דאַנטעס גייסט האָט נישט זעענדיק אַרומגעשוועבט אין דזשאָרוש בעביטס צימער.

אפנים, אַז ער איז געווען גרייט צו ענטפערן אויף די געשטעלטע פראַגן.

— ער איז זייער צופרידן צו פאַרברענגען מיט אייך אַן אָוונט.

פרינק האָט געפּירט ס'געשפּרעך, אויסרעכענענדיק די אותיות פון אלף-בית. ביי דעם ריכטיקן וואָרט האָט דער גייסט אַ קלאַפּ געטון.

ליטלפעלד האָט געפרעגט מיט אַ טאָן פון אַ געלערנטן:

— פילט איר זיך גוט אין גן-עדן, מייסטער?

— מיר זענען אומענדלעך גליקלעך אין די הויכע הימלען, סעניאָר. עס פרייט אונז זייער, וואָס איר אַלע פאַרנעמט זיך מיטן שטודיום פון דעם גרויסן אמת, פון דעם ספּיריטיזם — האָט דאַנטע אָפּגעענטפערט.

דער געשלאָסענער קרייז האָט אַ ציטער געטון אונטערן גערויש פון די שטייפע גאָרסן און קליידער.

— הייסט עס, אַז אין דעם איז יאָ פאַראַן עפּעס ווירקלעכעס?

אָבער בעביטן האָט געאַרט גאָר עפּעס אַנדערש:

—צי לאָמיר אָננעמען, אַז טשום פרינק האָט באמת וועלכע ס'איז שייכות מיט גייסטער! — טשום האָט תמיד, נישט געקוקט אויף זיין ליטעראַרישן אויסזען, געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ נאָרמאַלן מענטשן; ער האָט אָנגעהערט צו דער פּרעסביטעריאַנער קירך אויף שאַטאַם-ראָד, געגעסן פרישטיק אין בוסטער-קלוב, ליב געהאַט ציגאַרן, דעם אויטאָמאָביל און בייסיקע אַנעקדאָטן. אָבער צו זאָגן, אַז ער גופא — איבעריקנס קאָן מען נישט ערב זיין פאַר די קלוגע טייוולאָנים, און צו זיין אַ ספּיריטיסט מיטן בלוט און פלייש, דאָס איז פּונקט ס'זעלבע, ווי אַרויסזאָגן זיך פאַרן סאָציאַליזם!

עס איז אוממעגלעך געווען לאַנג צו זיין ערנסט אין דער געזעלשאַפט פון ווערדזש גאָנטש.

— טו אַ פרעג דאַנטען, ווי עס לעבט זיך שעקספּירן און דעם אַלטן ווערדזש—נאָך ווען מ'האָט מיר אַ נאָמען געגעבן —און, צי זיי וואָלטן נישט געוואָלט אויפטרעטן אין קינאָ? — האָט ווערדזש געשריגן. די שטימונג איז תיכף געוואָרן אַ הייטערע.

פרוי דזשאָנס האָט געפּישטשעט, עדיע סוואַנסאָן האָט געפרעגט, צי דאַנטע האָט זיך נישט צופעליק פאַרקילט בעת ער איז געגאַנגען אָנגעטון בלויז קרענץ.

דער העפלעכער דאַנטע האָט באַשיידן אָפּגעענטפערט. —

אָבער בעביט — די פאַרשאָלטענע אומצופרידנקייט פון לעבן האָט אים ווידער אָנגעהויבן פייניקן — האָט זיך אָנגעהויבן גריבלען אין דער ליידיקער פינסטערניש:

— יאָ, מיינע הערן, מיר זענען מכלומרשט צופרידן, אָבער אין אמתן זענען מיר טרויעריק — אַזאַ מענטש ווי דאַנטע — כ'באַדויער, וואָס כ'האָב נאָך גאָרנישט געלייענט פון זיינע ווערק. און איך מיין, אַז כ'וועל שוין עס קיינמאָל נישט קאָנען טון.

ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי ס'וואָלט זיך אויפגעהויבן איבער אים אַ פייערדיקער באַרג, אויף וועמענס שפּיץ, באָגענט פון די מוראדיקע וואָלקנס, שטייט אַ סילועט, אַן איינזאַם, טונקל געשטאַלט. פּלוצלונג האָט אים אַרומגענומען אַ פאַראַכטונג צו זיינע אַלע געטרייע פריינט. ער האָט פעסט געדריקט די האַנט פון ליטע סוואַנסאָן, און זיך געפילט אַ ווילע געטרייסט פון דער מענטשלעכער וואַרעמקייט פון איר לייב. אָבער ער האָט זיך באַלד צוגעווינט. און דער אַלטער קריגער, וואָס איז גרוי געוואָרן אין זיינע וואָפן, האָט זיך אַ טרייסל געטון:

— צו אַלדי רוחות, וואָס טוט זיך דאָס מיט מיר היינט?

ער האָט צאַרט געגלעט ליטעס האַנטל, געוואָלט איר געבן צו פאַרשטיין, אַז אין דאָזיקן ערשטן האַנט-דרוק איז פּחלוטין נישטאָ קיין שום אָנשטענדיקס, דאַן האָט ער אַ פרעג געטון פרינקן:

— זאָג נאָר, אפשר וואָלסטו געקענט זען, אַז דיין דאַנטע זאָל דעקלאַמירן פאַר אונז זיינע פערזן! טו אים אַ בעט, זאָג אים, בוענאָ, זשאָרנא, סעניאָר, קאַם סע וואַ? ווי גייטס'ס? קעסקעקעסעקעסא, אַ קליין ליד, סעניאָר

ב.

מ׳האָט צוריק ליכטיק געמאַכט. די פרויען זענען געזעסן אויף די עקן פון די שטולן אין יענער אַנטשלאָסענער האַלטונג, וואָס גיט צו פאַרשטיין, אַז ווי גיך דער רעדנער וועט נאָר פאַרענדיקן זיין רעדע, וועט זי זיך ווענדן צו איר מאַן: — מיין טייערער, איך מיין, אַז עס וואָלט שוין געווען צייט זיך צו געזעגענען?—דאָס ערשטע מאָל איז געשען, אַז בעבִיט זאָל נישט פאַרהאַלטן די געסט. — ס׳איז געווען אַ פאַל, וואָס ער האָט אַליין דערנאָך נישט געקענט פאַרשטיין — אָבער זיי האָבן אויפסניי אָנגעהויבן רעדן וועגן גייסטער. (פאַרוואָס גייען זיי נישט אַהיים! פאַרוואָס גייען זיי נישט אַהיים!) הגם די טיפקייט פון דעם אַרגומענט האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק, האָט ער אָן אַ שום באַגייסטערונג אויפגענומען האַואָרד ליטלפעלדס באַהויפּטונג, אַז די פאַרייניקטע שטאַטן איז דאָס איינציקע לאַנד, ווו די רעגירונג איז אַ מאַכט, און נישט סתם אַ געזעלשאַפטלעכער אָפּמאַך. (אמת! אמת! אָבער ווען זיי שוין קיינמאָל נישט גיין אַהיים?!) ווי געוויינלעך, האָט אים הנאה געטון, אַז ער האָט אַ פעסטע אָנשויונג און אַ פאַרטיפטן בליק אין דער וועלט פון מאָטאָרן, אָבער אין היינטיקן אָוונט, האָט ער קוים מיט איין אויער אויסגעהערט די רעוועלאַציעס פון עדיע סוואַנסאָן, — ווען מ׳וויל האָבן נאָך אַ בעסערע כּלי ווי אַ זשעוועליין אויטאָ, איז אַ ציקאָ אויסגעצייכנט. מיט אייניקע וואָכן צוריק האָבן מיר געמאַכט אַן אויספלוג אויף אונזער ציקאַ אויפן שפּיץ פון באַרג טאַנעונדאָ, און איינער פון די מענטשן האָט מיר געזאָגט: — (ציקאָ — אַ גוטער אויטאָמאָביל, אָבער — צו טראַכטן זיי דאָ צו פאַרברענגען אַ גאַנצע נאַכט?)

לסוף זענען זיי אַוועקגעגאַנגען אין אַן אָנגענעמער און מונטערער שטימונג.

— מיר האָבן זיך אַזוי גוט געוויילט!

בעבִיט איז געווען אויסערגעוויינלעך ליבנסווירדיק, אָבער בעת דעם אַרויסבאַגלייטן, האָט ער ביי זיך געטראַכט: — איך

האָב ווי ס'איז אויסגעהאַלטן, אַ ווײַלע האָב איך געמיינט, אַז כ'וועל עס נישט איבערטראָגן! ער האָט זיך צוגעגרייט צו דעם סובטעלן פאַרגעניגן פון אַ באַלעבאָס צו לאַכן פון די געסט אין דער נאַכט־שטילקייט. אַז די טירן האָבן זיך פאַרמאַכט, האָט ער לוסטיק זיך צעגעגעצט, ער האָט זיך געטון אַ ציִ אויס, אַ שאָקל אָפּ און ציניש זיך אַ קער געטון צו זיין פרוי:

פרוי בעביט האָט געשטראַלט.

— אָך, ס'איז געווען שיין, נישט אמת? איך בין איבערגעציייגט, אַז זיי האָבן גענאָסן פון יעדער איינציקער מינוט. מיינסטו אויך אַזוי?

נו, דאָס האָט ער נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט אָבער אויך נישט געקאָנט אָפּחוזקן. דאָס וואָלט געהייסן ווי ער וואָלט בפּיוון געפּייניקט אַ גליקלעך קינד. ער האָט שווער געלייקנט:

— כ'גלויב דיר גערן! ס'פּרעכטיקסטע מאָלצייט היייאָר! ס'וועט לאַנג נישט זיין קיין שענערס!

— ס'מיטאָג איז געווען אויסגעצייכנט! און בנאמנות, די געבראָטענע הינער זענען געווען אַן אַנטיק.

— כ'גלייב דיר, קעניגלעך געבראָטן, כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געגעסן קיין בעסערע געבראָטענע הינער!

— אפשר קאָן מאַטילדע נישט בראָטן קיין הינער, וואָס? און ווי פיין די זופּ איז געווען!

— אַן אַנטיק! אויסגעצייכנט: אַזאַ זופּ האָט מיין עלטערעלטער זיידע נישט געגעסן. — זיין קול איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטילער. זיי זענען געשטאַנען אין זאַל אונטער דער עלעקטרישער לאָמפּ. אַ רויט גלעזל אין אַ ניקלנער איינפאַסונג. זי האָט אַ קוק געטון אויף אים:

— יאָ, דזשאָרזש, דו רעדסט, דו רעדסט, ווי דו וואָלסט דיך גאָרנישט געוויילט!

— אַך, וואָס הייסט? איך האָב זיך געווײַלט!

— דזשאָרזש, וואָס איז מיט דיר?

— כ'בין אַביסל פאַרמאַטערס. אַ סך געאַרבעט אין דער פיוראָ אין דער לעצטער צייט. כ'מוז נעמען אורלויב און זיך אַביסל אָפּרוען.

— נו, מיר ווילן דאָך סיי ווי אין איינינקע וואָכן אַרום פאָרן קיין מאַין, טייערער.

— יאָ — פּלוצלונג האָט ער אַ זאָג געטון דרייסט אָן צוריקגעהאַלטנקייט — דאַכט זיך מיר, אַז ס'וואָלט מיר געווען בעסער, ווען כ'זאָל שוין באַלד פאָרן.

— אָבער דו מוזט זיך דאָך טרעפן מיט דעם הער אין נוי־יאָרק.

— מיט וועלכן הער? אַ, אמת. ס'איז דערפון גאָרנישט געוואָרן! אָבער איך וואָלט געוואָלט אַ פּאָר טון קיין מאַין — כאַפּן אַביסל פיש, גרויסע — אַ נערוועזער, קינסטלעכער געלעכטער.

— פאַרוואָס זאָלן מיר מאַקע נישט פאָרן שוין? וועראָנע און מאַטילדע וועלן זיך אַליין אַן עצה געבן מיט דער ווירטשאַפט, און מיר קאָנען זיך מאַכן אַ קליינעם אָפּרו, וויבאַלד דו זעסט, אַז ס'קלעקט דערויף.

— אָבער דאָס איז — איך פיל זיך אין דער לעצטער צייט אומדערטרעגלעך. ס'וואָלט גלייכער געווען כ'זאָל פאָרן אַליין און זיך אַ ביסל אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דעם טומל.

— דזשאָרזש! ווילסטו נישט, אַז איך זאָל מיט דיר מיטפאָרן?

זי האָט עס געזאָגט צו ערנסט, כּדי צו זיין טראַגיש, אָדער צו באַליידיקן זיך. זי איז פּשוט געוואָרן צעטומלט, אומבאַהאָלפן און רויט ווי אַ בוראַק.

— אָבער פאַרשטייט זיך, אַז כ'וויל! כ'האָב נאָר געמיינט.

—ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פּאָול ריסלינג האָט עס פאָרויס געזאָגט — ער האָט זיך געפילט נישט ווייניקער פאַרצווייפלט ווי זי — כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז גוט פאַר אַזאַ מרוק, ווי איך בין אין מיין עלטער צו פאָרן אַליין, כּדי פּטור צו ווערן פון מיין נערוועזיטעט. — ער האָט געפּרוווט צוגעבן זיין שטימע

אַ פּאַטערלעכן טאָן: — ווען דו מיט די קינדער זאָלסט דערנאָך אַהינקומען — איך האָב מיר פֿאָרגעשטעלט, אַז איך זאָל זיין מיט עטלעכע טעג פריער אין מאַין, אויסרוען זיך, און צוריקקומען צו די נאָרמאַלע געדאַנקען — פאַרשטייסטו שוין, וואָס כ׳האָב געמיינט? — ער האָט זיך געוואָלט איר אונטערחנפענען מיט זיין פריילעך קול, מיטן פאַרשווונדענעם שמייכל, ווי אַ פּאָפּולערער פריסטער, וואָס בענטשט די טרייע מתפּללים בעת די תּפילות אין גרויסן תּענית, ווי אַ געבוירענער רעדנער־קינסטלער, וואָס קאַרגט נישט זיין רעפּערטואַר, ווי אַלע מענער, ווען זיי איבן אויס זייער מענערישע צביעות.

זי האָט געקוקט אויף אים. די צופרידנקייט איז פאַרשווונדן פון איר פּנים.

— צי וואָלט איך דיר מיט עפּעס געשטערט, ווען מיר זאָלן צוזאַמען פאַרברענגען, צי גיב איך דיר גאָרנישט צו קיין פריילעכקייט?

— אָבער יאָ! יאָ! יאָ! יאָ! צו אַלדי רוחות, יאָ: פאַרשטייסט נישט, אַז כ׳בין צערודערט? כ׳מוז זיך צונויפנעמען! כ׳זאָג דיר — ס׳איז מיר שרעקלעך דערעסן, אַלץ און אַלע. כ׳מוז זיך אויסהיילן. כ׳מוז אומבאַדינגט!

ערשט איז זי געוואָרן דערוואַקסן און זאָרגפעלטיק:

— יאָ, נו פאַרשטייט זיך, אַז דו דאַרפסט פאָרן אויף אורלויב אַליין און אפשר וואָלסטו מיט דיר מיטגענומען פּאָולן? איר וואָלט פאַרברענגט, אויסגערוט זיך — זי האָט אים צערטלעך געקלאַפּט איבער די פּלייצעס — זי האָט זיך צוליב דעם געמוזט שטעלן אויף די שפּיץ פינגער — בעת ער האָט געשוידערט און געציטערט ווי אַ פּאַראַליזירטער — אומבאַהאָלפן, עלנט. און אין דער מינוט האָט ער זי ליב געהאַט, נישט בלויז צוליב געוווינהייט, נאָר ער האָט זיך געקלאַמערט אָן איר שטאַרקייט.

זי האָט אויסגעשריגן פריינטלעך:

— אַצינדערט גיי אַרויף אינדערהייך, און זע זיך צו

לייגן אין בעט אריין. איך וועל שוין אליין באוואָרענען טיר און פענסטער. נו, איינס צוויי!

לאנגע מינוטן, לאנגע שעהן. א גאנצע אייביקייט איז ער געלעגן וואך מיט אָפענע אויגן, דורכגענומען מיט א שרעק, מיטן קלאָרן באוואוסטזיין, אז ער האָט אויסגעקעמפט פאר זיך פריי-הייט, און שטילערהייט האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס מען טוט מיט עפעס אזא אומבאקאנטע, פארטומלטע זאך, ווי פרייהייט.

קאַפּיטל X

א.

קיין שום קוואַרטאַל אין זעניט האָט מער נישט געליטן פון דער ענגשאַפט, ווי די רעוואָלסטאָק-אָרמס, ווו פּאָול און צילאַ ריסלינג האָבן געהאַט זייער וווינונג. די שלאָף-צימערן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווין-צימערן. די קיכן האָבן אויסגעזען, ווי וואַנט-שענק און זיי זענען פאַרזען געווען מיט עלעקטרישן שטראָם; אַ קופּערנעם קראַן, אַ גלעזערנע אייז-שאַנק, גרויסע וואַרטע-זאַלן, אַ דינסט-מיידל פון די באַלקאָן לענדער. אַלץ איז אין דערדאָזיקער געביידע געווען אויסערגעוויינלעך מאָדערן, אין די צימערן — איז אַלץ געווען צוזאַמענגעפּרעסט — חוץ אין גאַראַזש.

די בעפּיטס זענען געווען אויף אַ באַזוך ביי די ריסלינגס אינם רעוואָלסטאָק-אָרמס. ס'איז געווען אַ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג צו באַזוכן די ריסלינגס, ס'איז געווען אינטערעסאַנט און טיילמאָל אָפּשטויסנדיק. צילאַ איז געווען אַ לעבהאַפטע, מיט אַ שאַרף קול, אַ רייפע בלאָנדע מיט אַ הויכן בוזעם. ווען זי האָט באַוויליקט צו זיין אין אַ גוטער שטימונג, איז זי געווען רייצנד אמוזאַנט. אירע באַמערקונגען וועגן מענטשן זענען געווען שאַרף סאַטיריש און האָבן אַראָפּגעריסן פון זיי די צביעות. מען מוז איר מודה זיין: — אייגנטלעך האָט זי רעכט! — און זי מאַכט אַ פּנים פון אַ שעפּס. זי טאַנצט ווילד און ליידנשאַפטלעך און פּאָדערט אויף די גאַנצע וועלט צו זיין פריילעך, אָבער אין מיטן דערינען ווערט זי אומעטיק. דאָס לעבן איז אַ געפּלאַנטע פאַרשווערונג קעגן איר, און זי שטאַרצט אויס די אויגן.

דעם היינטיקן אָוונט איז זי געווען ליבנסווירדיק. זי האָט גאָר לייכט אָנגעמערקט, אַז אָרוויל דזשאָנס טראָגט אַ טשופּרינע, אַז ס'געזאַנג פון פרוי טשאָלמאָנדלי פּרינק דערמאָנט אָן די הויכע טענער פון אַ פאָרד-אויטאָמאָביל, און, אַז דאָס ערנוואָרט פון זיבלע, דער בירגערמייסטער און קאַנדידאַט צום קאָנגרעס, איז געווען פול מיט חניפה (וואָס איז אַגב געווען אמת). די בעביטס און די ריסלינגס זענען געזעסן צווייפלהאַפט אויף די שטיין-האַרטע בראָקאַטעל-שטולן אין דעם קליינעם אויפנאַמצימער פון זייער וווינונג, וואָס זיין קאַמין איז פאַרהילט געווען מיט אַ געוועב, געמאַכט פון געשטרייפטן שווערן גאָלדשטאָף, — ביז די פרוי ריס'ינג האָט אַ געשריי געטון: —געווירט זיך! לאָמיר דאָ אַרייַנברענגען אַביסל לעבן! נעם אַרויס דיין פידל, פּאָול, און איך וועל פּרוּוון אויסצולערנען דזשאָרזשן טאַנצן.

די בעביטס זענען געווען זייער ערנסט. זיי זענען געווען געשטימט צו דער רייזע נאָך מאַין, אָבער בעת פרוי בעביט האָט מיט אַ נאַרישן שמייכל געגעבן אָנצוזעהערן: — צי פּאָול איז אויך אַזוי פאַרמאַטערט ווי דזשאָרזש. נאָך אַ ווינטער אַרבעט — האָט ציליאַ פּלוצלונג זיך דערמאָנט אָן אַ קרענק, און ווען ציליאַ האָט זיך דערמאָנט אָן אַ קרענק, איז די וועלט געבליבן שטיין אויף איין אָרט, ביז זי איז ניט אויף אַ וועלכן ס'איז אופן געהאָלפן געוואָרן.

— צי ער איז פאַרמאַטערט? ניין, ער איז נישט פאַרמאַטערט, ער איז פשוט צעדרייט! איר מיינט, אַז פּאָול איז אַזוי קלוג! אָך יאָ, ער האָט ליב זיך צו מאַכן ווי אַ קינד, אָבער ער איז נאַריש, ווי אַן אייזל. אָך, ווען איר זאָלט אַזוי לעבן צוזאַמען מיט אים, — ווי זיס ער איז. ער מאַכט זיך צאַרט און באַשיידן, כדי תמיד צו קאָנען אַדורכפירן זיין ווילן. און איך האָב זיך ליב צו מאַכן קראַנק, און איך גלויב, ווען איך זאָל זיך נישט נעמען עפּעס טון, וואָלטן מיר פאַרפוילט געוואָרן, ווי אַ שטיק האָלץ. ער וויל אין ערגעץ נישט גיין, אָט נעכטן ביינאַכט איז דער אויטאָמאָביל נישט געווען אין אָרדנונג — אויך צוליב זיין פוילקייט, ער האָט באַדאַרפט

אָפּפירן דעם אויטאָמאָביל אין וואַרשטאַט אַריין, כּדי נאָכצוזען די באַטעריע — און ער האָט נישט געוואָלט פאָרן מיטן טראַמוויי אין קינאָ אַריין. אָבער מיר זענען געפאָרן, אין טראַמוויי איז גראָד געווען אַ קאָנדוקטאָר, אַ געמיינער פאַרשוין, און פּאַול האָט צומאָל נישט אויפגעהויבן קעגן אים די האַנט.

— איך שטיי אויף דער פּלאַטפאָרמע אינדרויסן און וואַרט, ביז די מענטשן וועלן מיך אַריינלאָזן אינעווייניק אין וואַגאָן, און דאָס חיהשע קול פון סאָנדוקטאָר האָט אויף מיר אַ ברום געטון: — גייט ווייטער, פרוי, טוט אייך אַ ריר? — זינט איך לעב האָט נאָך קיינער צו מיר אַזוי נישט גערעדט! איך בין געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז איך האָב זיך מאָמענטאַל אויסגעדרייט און געזאָגט: איך מיין, אַז איר האָט אַ טעות, און איך זאָג צו אים זייער פריינטלעך: איר האָט גערעדט צו מיר? — און ער טוט אַ בריל; — יאָ, אייך האָב איך געמיינט! דער טראַמוויי קאָן צוליב אייך נישט אָפּפאָרן — זאָגט ער, און איך באַמערק גלייך, אַז ער איז איינער פון יענע שמוציקע פאַרשוינען, מיט וועלכע ס׳איז אַן עברה אַ וואָרט אויסצורעדן, און איך בלייב שטיין, באַטראַכט אים פון אויבן ביז אַראָפּ און זאָג: אַנטשולדיקט מיר, ס׳איז גאָרנישט אַזוי געווען, זאָג איך צו אים, די מענטשן וואָס שטייען פאַר מיר רירן זיך נישט פון אָרט — זאָג איך—און חוצדעם וויל איך אייך זאָגן, יונגערמאַן, אַז איר זענט אַ געמיינער, פרעכער אומפאַרשעמטער יינג — האָב איך געזאָגט — און איר זענט נישט קיין דזשענטלמען! איך וועל אייך גאַנץ באַשטימט פאַרקלאָגן, און מיר חעלן זען — האָב איך געזאָגט — אויב אַ דאַמע וועט זיך לאָזן זידלען פון יעדער אָנגעטרונקענער בעסטיע, וואָס וועט אויף זיך אַרויפציען אַ מונדיר, איך וועל אייך אָנלערנען — חאָב איך אים געזאָגט — נישט אויפצומאַכן אייער אומדערוואַקסן מויל אין מיין קעגנוואַרט. נו, און דאַן חאָב איך געוואַרט, אַז פּאַול אַלס מאַן זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. אָבער ער שטייט גאַנץ רויק און מאַכט אַן איינדרוק, ווי ער וואָלט

קיין וואָרט נישט געהערט, און איך זאָג צו אים — נו, ווייסטו — זאָג איך צו אים —

— אָך, זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין אַזוי, ציל, — האָט פּאָול געזיפצט — מיר אַלע ווייסן, אַז איך בין אַ פוילנצער, און דו ביסט אַ צאַרט בלוט, און לאָמיר עס שוין פאַרגעסן.

— אַזוי, מיר זאָלן עס שוין פאַרגעסן? — צילעס פּנים האָט זיך צוזאַמענגעצויגן, ווי אַ מעדוזע, איר קול איז געווען רוי, ווי גליענדער שטאָל. זי איז געווען פול מיט שלעכטער שטימונג און אויפגערייצט פון אייגענער נישט איינגעהאַלטנקייט. זי איז געווען אַ קרייצפייער, און ווי יעדער קרייצפייער האָט זי געלאָקט אויף יעדער גינסטיקע געלעגנהייט, אין נאָמען פון דער צניעות צו טון שלעכטס: — מיר זאָלן עס פאַרגעסן? ווען די מענטשן וואָלטן אַזוי געוווסט, וויפל זאַכן איך דאַרף אַזוי פאַרגעסן —

— אָך, הער שוין אויף מיך צו טיראַניזירן.

— יאָ, שיין וואָלסטו אויסגעזען, ווען איך זאָל דיך נישט טיראַניזירן! ביז מיטאָג וואָלסטו געלעגן אין בעט און ביז האַלבע נאַכט וואָלסטו געשפּילט אויף דיין נאַריש פידעלע! ביסט פויל פון דיין געבוירט אָן, ביסט חילפלאָז פון געבוירן אָן, און דו ביסט אַ פּחדן פון געבוירן אָן, פּאָול ריסלינג —

— אָך, איצט דאַרפסטו דאָס נישט זאָגן, צילאַ; דו מיינסט דאָס זיכער נישט ערנסט — האָט זיך פרוי בעביט אַריינגעמישט.

— איך וויל עס זאָגן, און יעדעס איינציקע וואָרט איז פאַר מיר אַ ביטערער ערנסט.

— אָבער צילאַ, וואָס האָסטו ערשט צו אים? — פרוי בעביט איז געווען מוטערלעך שרייענדיק. זי איז גאָרנישט געווען עלטער ווי צילאַ, אָבער זי האָט אַזוי אויסגעזען — לפּחות אַצינד. זי איז געווען אַ געלאַסענע, אָנגעבלאָזן און רייף, בעת צילאַ מיט אירע פינפאונפערציק יאָר איז געווען אַזוי געוויקסיק און צוזאַמענגעצויגן, אַז ס'האָט זיך געדוכט, אַז זי איז עלטער ווי זי זעט אויס:

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן צו פייניקן דעם אָרעמען פּאָול?

— אָרעמער פּאָול איז גאַנץ ריכטיק! מיר וואָלטן שוין ביידע געווען אביונים, מען וואָלט שוין ביידע געוווינט אין וועלכן שנאָרער-הויז, ווען איך זאָל אים נישט זיין צו הילף.

— נו, איצט הער אויס, צילאַ: דזשאָרזש און איך האָבן מיר איצטער גראָד גערעדט וועגן דעם, ווי פּאָול האָט זיך שווער אָנגעהאָרעוועט אַ גאַנץ יאָר, און מיר — ס'וואָלט גאַנץ שיין געווען, ווען ביידע יינגן זאָלן אַליין אָוועקפאָרן. איך רעד צו דזשאָרזשן די גאַנצע צייט, אַז ער זאָל פריער פאַר אונז פאָרן קיין מאַין און קומען אַביסל צו זיך, דערנאָך וועלן מיר נאָכקומען, און איך גלויב, אַז ס'וואָלט געווען פיין, ווען פּאָול זאָל זיך באַפרייען פון זיין אַרבעט, און ער זאָל מיט אים מיטפאָרן.

ביי דידאָזיקע ווערטער פליטה, האָט זיך פּאָול אַ וועק אויף געטון פון זיין גלייכגילטיקייט. ער האָט געריבן זיינע פינגער. זיינע הענט האָבן געציטערט.

צילאַ האָט געיאָמערט:

— יאָ, דו ביסט גליקלעך! דו קאָנסט גאַנץ רויק לאָזן דזשאָרזשן גיין, דאַרפסט אים נישט נאָכשפּירן. דיקער, אַלטער דזשאָרזש! קוקט קיינמאָל נישט נאָך קיין אַנדערע ווייבער. ער האָט צומאָל נישט קיין פאַרלאַנג דערצו!

— וואָס צום טייוול! איך האָב נישט קיין פאַרלאַנג?—בע־ביט האָט הייס פאַרטיידיקט זיין אוממאָראַלישקייט, בעת פּאָול האָט אים איבערגעריסן. — און פּאָול האָט אויסגעזען גע־פערלעך. ער האָט זיך האַסטיק געטון אַ שטעל אויף; ער האָט צאַרט אַ זאָג געטון צו צילן:

— ווילסט דערמיט, הייסט עס זאָגן, אַז איך האָב אַ סך באַציונגען?

— יאָ, איך וויל?

— גוט, מיין טייערע, און אויב דו ווילסט עס פאַר יעדן פרייז וויסן. — אין די לעצטע צען יאָר איז נישט געווען קיין

איין אויגנבליק, אַז איך זאָל נישט האָבן ערגעץ־ווו אַ זיס, קליין מיידל, וואָס זאָל מיך טרייסטן, און אַזוי לאַנג, ווי דו וועסט מיר שענקען אַזאַ ליבלעכקייט, וועל איך דיך וואַרשיינלעך ווייטער אָפּנאַרן. עס איז גאָרנישט אַזוי שווער. דו ביסט נישט דערפאַרן.

צילאַ האָט זיך פאַרשעמט; זי האָט געדעוועט; די ווערטער פון אירע קללות זענען געווען אומפאַרשטענדלעך.

אָבער דער מילדער דזשאָרזש פּ. בעבּיט איז פּלוצלונג געוואָרן אַן אומגעביטענער, בעת פּאָול איז געווען אומדערטרעגלעך, בעת צילאַס קאָפּ איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון בייזע שלאַנגען, ווען די גוטע שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין רעוולסטאָק־אָרמס, האָט זיך פאַרטויִשט אויף האַס, דאַן איז בעבּיט געוואָרן שרעקלעך. ער האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף. ער האָט אויסגעזען צו זיין אומגעהויער גרויס. ער האָט אָנגעכאַפּט צילן ביים אַקסל. דער אויסזען פון אַ מעקלער איז פאַרשוואונדן פון זיין פּנים, און זיין קול האָט געקלונגען גרויזאַם און קאַלט:

— גענוג מיט דידאָזיקע נאַרישע טענות! איך קאָן דיך שוין פינפאונצוואָנציק יאָר, ציל, און איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אויסגעמיטן אַזאַ געלעגנהייט, אויסצוהערן דיין אַנטוישונג אין פּאָולן. דו ביסט נישט קיין שלעכטע. דו ביסט פיל ערגער ווי אַ שלעכטע. דו ביסט אַ נאַר. און איך וויל דיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָגן, אַז פּאָול איז דער בעסטער יינג, וואָס גאָט האָט נאָר באַשאַפן. יעדער אָנשטענדיקער מענטש ווערט מיד און קראַנק, צוזעענדיק ווי דו נוצט אויס דיין שטעלונג אַלס פרוי און מאַכסט געמיינע פאָרווורפן. ווער, צו אַלדי רוחות, ביסטו דאָס, אַז אַזאַ מענטש, ווי פּאָול זאָל דיך דאַרפן בעטן דערלויבעניש, ווען ער וויל ערגעץ מיט מיר אַוועקגיין. דו מאַכסט דיך, גלייך דו וואָלסט עפּעס אַרויסגעקומען פון דער קעניגן וויקטאָריע און קלעאָפּאַטרע צוזאַמען. דו ביסט אַ נאַר, זעסט נישט, ווי מענטשן לאַכן אין די פויסטן, פון דיר, מען מאַכט פון דיר ס׳חוזק.

צילאַ האָט געשלוכצט:

— כ׳האָב נאָך קיינמאָל — כ׳האָב נאָך קיינמאָל־קיינער האָט נאָך צו מיר אַזוי נישט גערעדט אין מיין לעבן.

— ניין, אָבער אונטער דיינע פּלייצעס רעדן אַלע אַזוי! תּמיד! זיי זאָגן אַז דו ביסט אַ בייזע אַלטע פרוי. אַלט, ווי ס׳איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!

אַזאַ מין מוראדיקער אָנגריף האָט זי נידערגעשלאָגן. אירע אויגן זענען געווען אָן אַן אויסדריק. זי האָט געוויינט. אָבער בעביט האָט געקוקט ווילד און שטאַר. ער האָט געפילט, אַז איצט איז ער דער מעכטיקער, אַז פּאָול און פרוי בעביט קוקן אויף אים מיט מוראדיקן דרך־ארץ, אַז נאָר ער אַליין איז באַהאַוונט אין די זאַכן.

צילאַ האָט זיך אויסגעדרייט. זי האָט זיך געבעטן:

— אָך ניין, נאָר דאָס נישט!

— אַזוי זאָגן זיי!

— כ׳בין אַ שלעכטע פרוי! ס׳טוט מיר לייד! כ׳וועל מאַכן אַ סוף מיט מיר! כ׳וויל אַלץ טון, וואָס איר ווילט. אָך, איך—וואָס ווילט איר פון מיר?

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז גאָר, אָבער זי האָט אויך אויסגענוצט די סיטואַציע. פאַרן קענער פון פאַמיליען־סכסוכים איז גאָרנישט געווען קיין בעסערס, ווי אַ גרינדלעכע, מעלאָדראַמאַטישע, עגאָיסטישע דערנידערונג.

— איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט דערלויבן פּאָולן צו פאָרן מיט מיר קיין מאַין — האָט בעביט דער־קלערט.

— ווי אַזוי קאָן איך אים העלפן פאָרן! האָסט מיר אַצינדערט געזאָגט, אַז איך בין אַ נאַר, און קיינער רעכנט זיך נישט מיט מיינס אַ פאַרלאַנג.

— אָך, דו קאָנסט אים העלפן, אַלרייט, אַלרייט! קודם כּל מוזטו אַ סוף מאַכן צו די שטענדיקע פאָרוווּרפן, אַז ער לויפט נאָך מיידלעך, וויבאַלד דו האָסט עס נישט געזען.

אינדעראמתן פירסטו אים אַליין אַראָפּ פון וועג. האָב מער־שכל —

— אָך, איך וויל, ערנוואָרט, איך וויל, דזשאָרזש. איך ווייס, אַז איך בין שלעכט. אָך, זייט מיר מוחל, איר אַלע, זייט מיר מוחל —

זי איז זיך ממש צעגאַנגען אין תענוג.

אויך בעביט האָט געשוועבט. ער האָט אויסגעצייכנט געמשפּט און גערן מוחל געווען, און בעת ער איז שטאָלץ אַוועקגעגאַנגען מיט זיין פרוי, האָט ער זיך געווענדעט צו איר גרויסאַרטיק :

— ס'איז באמת אַ חרפּה צו טעראָריזירן צילן, אָבער דאָס איז ס'איינציקע מיטל, כּדי מיט איר פּאַרטיק צו ווערן, איין גאָט ווייס, אַז איך האָב זי נישט געמיינט, חלילה, צו באַליידיקן.

זי האָט געזאָגט רויק :

— ביסט געווען עקלהאַפט. האָסט געהאַלטן אין איין רעדן די גאַנצע צייט האָסטו דיך ליבלעך אונטערגעהאַלטן אין ביסט געווען איבערגעצייגט, אַז דו ביסט אַ גרויסער און וויכטיקער מענטש.

גאָר אַזוי. האָסט שוין געהערט אַזוינס ?—דו קאָנסט אויך הייסט עס באַווייזן אַ זעלכע שטיק ! נאַטירלעך וועל איך שוין איצט וויסן, אַז דו ביסט נישט אויף מיין זייט ! איך וועל שוין וויסן, אַז דו האַלסט נאָר פאַר דיין אייגענעם געשלעכט.

— יאָ, אָרעמע צילאַ, זי איז דאָך אַזוי אומגליקלעך.

זי לאָזט אַלץ אויס צו פּאָולן. זי געפינט פאַר זיך גאָרנישט אין דערדאָזיקער קליינער וווינונג. און זי זיצט און לאַנגווייליקט זיך אַ ן פריער איז זי דאָך געווען שיין און פריילעך, און ס'פאַרדריסט איר צו פאַרלירן דאָס אַלץ. און דו ביסט געווען געמיין און עקלדיק, ווי נאָר דו קאָנסט זיין. איך בין נישט שטאָלץ מיט דיר — און נישט מיט פּאָולן, וואָס שיסט אַרויס מיט זיינע אָפּשיילעכע ליבע-באַציונגען.

ער איז געבליבן שווייגנדיק מיט אַ זויערער מינע, ער

האָט אויסגעהאַלטן אין זיך זיין שלעכטע שטימונג, וואָס ער האָט אויסגעביטן אויף פאַרדראָסיקע העפלעכקייט, בעת זיי זענען נאָך געווען אָפּגעטיילט מיט פיר בלאָק-וווינונגען פון זייער היים. ביי דער טיר האָט ער זי געלאָזט שטיין און איז אַליין הויכמוטיק און צופרידן אַוועק אויפן גראָז-פּלאַץ.

ער איז אַרומגענומען געוואָרן פון אַ פלוצלונגען ספק.

— גאָט מיין איינציקער, אפשר איז זי גערעכט — אפשר האָט זי כאָטש אַביסל רעכט געהאַט?—געוויס האָט די פאַרמאַטערטקייט ביי בעביטן אַרויסגערופן אַן אומנאָרמאַלע עמפּינדלעכקייט; דאָס איז געווען איינע פון יענע טיילווייזע מינוטן אין לעבן, ווען ער האָט געצווייפלט אין זיין פולקאָמענהייט; ער האָט אויפגענומען דעם רייץ פון דער זומער-נאַכט, איינגעאָטעמט אין זיך די פייכטקייט פון גראָז. דאַן:

— ס'איז מיר שוין אַלציינס! כ'האָב ס'מייניקע דורכגעפירט. איצטער וועלן מיר האָבן אָפּרו! פאַר פּאָולן בין איך גרייט אויף אַלץ!

ב.

זיי האָבן איינגעקויפט די פישער-מכשירים פאַר דער רייזע צום מאַין ביי די ברידער אייזשעמס, אַ גרויסער מאַגאַזין פון ספּאָרט אַרטיקלען, מיט דער מיטהילף פון וויליס אייזשעמס, אַ מיטגליד פון בוסטער-קלוב. בעביט איז ממש געווען משוגע פון גליק. ער האָט געגרעוועט און געשפּרונגען. ער האָט אַ זאָג געטון אויפן אויער:

— איז'ס נישט קאַ' הערלעכע זאַך, אַ? איינצוקויפן די אַלע זאַכן, אַ?

און דער גוטער אַלטער וויליס אייזשעמס, וואָס לויפט איבערן גאַנצן מאַגאַזין, אַבי אונז צו באַדינען? הערסט, ווען די לייט, וואָס פאַרקויפן די זאַכן די טוריסטן צום דרום-ים, זאָלן זיך דערוויסן, אַז מיר פאָרן קיין מאַין, וואָלטן זיי אויסגעגאַנגען, ממש אויסגעגאַנגען, ווי מיינסטו?... נו, אַ סוף ברודער אייזשעמס! וויליס, מיין איך. זע אויסצונוצן אַ געלעגנהייט,

נישט אזוי גיך וועסטו אריינקריגן אַזוינע צוויי קונים! הוהו! האַלטס מיך פעסט, קינדערלעך! איך גיי אויסליידיקן ס׳גאַנצע געוועלב.

ער האָט געקוקט גיריק אויף די גומענע שטיפטן, אויף די נישט דורכנעצבאַרע שיך, אויף די געצעלטן מיט די צעלעלוי-פענסטערלעך, צונויפגעלייגטע שטולעכלעך, אויף די אייזקעסטלעך. אין זיין ברייט האַרציקייט האָט ער גערן געוואָלט קויפן אַלץ. אָבער ס׳איז דאָ געווען פּאָול, וואָס האָט אים אָפּגעהיט פון משוגעתן, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון זיינע פאַרשפּורטע פאַרלאַנגען.

אָבער פּאָול גופא איז אויך אַרויס פון די כלים, בעת וויליס אייזשעמס, דער פּאָעטישער דיפּלאָמאַטישער פאַרקויפער, האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פליגן צום פישפאַנג:

— נו, איר מוזט אַוודאי זיין באַהאַוונט וועגן דעם גרויסן אונטערשיד צווישן אַ טרוקענע און נאַסע פליג. איך פערזענלעך בין פאַר אַ טרוקענע פליג. ס׳איז מער ספּאָרטלעכער.

— אַוודאי אַזוי. ס׳איז מער ספּאָרטלעכער — האָט זיך בעביט אַריינגעמישט, הגם ער האָט נישט געהאַט די קלענסטע השגה וועגן נאַסע אָדער טרוקענע פליגן.

— אויב דו ווילסט הערן מיין עצה, דזשאָרדזש, טאָ נעם אויף זאַפּאַס אָט די דורכזיכטיקע אָוונט-פליגן, אָט די זילבערנע פליגן — און די רויטע מוראַשקעס. אָך, דאָס זענען שוין איינמאָל פליגן, די רויטע מוראַשקעס.

— כ׳גלויב דיר. דאָס איז טאַקע — אַ פליג! — האָט זיך בעביט געפרייט.

— יאָ, מיינע הערן, די רויטע מוראַשקע — האָט אייזשעמס געזאָגט — דאָס איז שוין איינמאָל אַ פליג.

— אַך ווי די הערן פאָרעלן וועלן עס קומען צולויפן ווען זיי וועלן דערשמעקן אַזאַ רויטע מוראַשקע אין נעץ! — האָט בעביט דערקלערט און זיין שטאַרקע פויסט האָט זיך פאַרמאַכט, ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעכאַפּט.

— יאָ, און אַ לאַקס פון אַן אַזיערע וועט זיך אויך

נישט אָפּזאָגן פון אַ מוראַשקע — האָט אייזשעמס אַ זאָג געטון, הגם ער האָט נאָך קיינמאָל קיין לאַקס פאַר זיינע אויגן נישט געזען.

— אַ לאַקס! אַ פאָרעל! זאָג, פּאָול, וועסט קאָנען זען זיבן אינדערפרי אָנקל דזשאָרזש אין זיינע האַקי־הויזן מיט דער פישער־נעץ אין דער האַנט? אוי! אַ מחיה!

ג.

זיי זענען געזעסן אין נוי־יאָרקער עקספּרעס, און זיך נישט צוגעגלויבט, אַז זיי פאָרן קיין מאַין, אַז זיי פאָרן אַליין אָן די פאַמיליעס. זיי זענען געווען פריי, אַליין אין אַ קופּע פאַר רויפערנדיקע אין באַקוועמען סאַלאָן־וואַגאָן.

פון דער אַנדערער זייט פענסטער האָט זיך אויסגעשפרייט אַ פינסטערניש, ווי אַ פּאָלירטע מאַסע דורכגעוואָרפן מיט גאָלדענע איינצלנע געהיימע ליכטעלעך. בעביט האָט אויפגענומען אין דעם אומענדלעכן שטאַרקן גערויש פון צוג, אַז ער פאָרט, ער פאָרט כסדר פאָראויס. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו פּאָולן און געשעפטשעט:

— צו אַלדי רוחות. ס'איז דאָך אַ מחיה צו פאָרן, אַ?

דאָס קליינע שטיבעלע מיט די אָקער פאַרביקע שטאָלענע ווענט, איז פול געווען מיט דעם קלאַס מענער, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די „בעסטע מענטשן פון דער געזעלשאַפט". מענטשן, וואָס ס'לוינט זיך מיט זיי צו באַקענען. פיר פון זיי זענען געזעסן אויף אַ לאַנגער באַנק: אַ דיקער פאַרשוין מיט אַן אויסגעראַזירט דיק פנים, אַ פאַרשוין מיט אַ שאַרפן פראָפיל אין אַ גרינעם וועלור־הוט, אַ זייער יינגער מיט אַ קינסטלעך פורשטינענע לולקע און בעביט. אויף דער אַנדערער זייט זענען אויף צוויי באַוועגלעכע שטולן געזעסן פּאָול און אַ דאַרער, אַלט־מאָדישער פאַרשוין, מיט אַ כיטרען אויסזען, לאַנגע וואָנסעס, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די ליפּן. אַלע האָבן זיי געלייענט צייטונגען אָדער האַנדלס־זשורנאַלן, שיך־ און שטיוול־

זשורנאַלן, פּאָרצעלאַן- און גלאָז-זשורנאַלן און זיי האָבן געוואַרט אויף דעם פֿאַרגעניגן אָנצוהייבן אַ געשפּרעך. דער ייִנגער פּאַרשוין, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל געפֿאָרן אין אַ סאַלאָן-וואַגאָן האָט אָנגעהויבן דעם שמועס:

— יאָ, כ׳קאָן אייך זאָגן, אַז כ׳האָב פֿאַרברענגט אַ ווילדע צייט אין זעניט. — האָט ער זיך באַרימט — וויבאַלד עמעצער קען די שטאָט, מיין איך, אַז ער קאָן דאָרטן אַ לעב טון פּונקט ווי אין נוי-יאָרק.

— איך וואָלט מיך געוועט, אַז איר האָט דאָרט אַ חולע געטון. איר האָט געמוזט אַריינטרעפֿן צום אַלטן נעד, פּ׳האָב באַלד געזאָגט, אַז איר זענט אַ חברה-מאַן, ווי כ׳האָב אייך נאָר דערזען! — האָט געלאַכט דער דיקער פֿון זיי.

די אַנדערע האָבן צופֿרידן אָוועקגעלייגט די צייטונגען.

— מעגלעך, כ׳וועל אייך נישט איבערשפּאָרן! אָבער איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך האָב געזען אין די פּאָרשטעט זאַכן, וואָס קיינער פֿון אייך האָט נאָך נישט געזען — האָט זיך דער יונגערמאַן געשווירן.

— איך קאָן זיך שווערן ביי וואָס איר ווילט, אַז ס׳איז אַזוי. איך געוועט זיך, אַז איר האָט זיך אָנגעטרונקען מיט זיסע מילך, ווי אַ פּראָסטער קליינער שוז.

דער יונגערמאַן האָט געדינט פֿאַר אַן אָנהויב, באַלד דערנאָך האָבן זיי אים געלאָזט אין אַ זייט און זיי האָבן זיך אויף אַן אמתן פֿאַרטיפֿט אין אַ ברייטן שמועס. נאָר פּאָול, וואָס איז געזעסן און געלייענט דעם המשך פֿון אַ ראָמאַן, איז נישט צוגעשטאַנען, און אַלע, אַ חוץ בעביט האָבן אים באַטראַכט אַלס סנאָב, אַלס עקסצענטרישן מענטשן, אַלס מאַנטביל אָן טעמפּעראַמענט.

ווער ס׳האָט פֿון זיי גערעדט און וואָס יעדער איינער האָט גערעדט איז נישט פֿעסטגעשטעלט געוואָרן און ס׳האָט אויך נישט געהאַט קיין באַדייטונג, וואָרום אַלע זענען געווען ביי דיזעלביקע אָנשוויונגען און אַלע האָבן זיי זיך אַרויסגעזאָגט מיט דערזעלבער וויכטיקער און טיפֿער אַנטשלאָסנהייט.

אויב בעבּיט האָט עס נישט געזאָגט, האָט ער לפּחות צוגע־שאָקלט מיטן קאָפּ דעם, וואָס האָט געפירט ס׳געשפּרעך.

ס׳איז אַ סברה — האָט ער אָנגעהויבּן דער ערשטער — אַז מ׳פּאַרקויפט שוין אַביסל אָקעוויט אין זעניט. און דאַכט זיך מיר, אַז ערגעץ אַנדערש אויך. איך ווייס נישט אייער אָנ־שויונג, מייַנע הערן, בנוגע דעם פּראָהיבּישאָן, אָבּער איך האַלט, אַז דאָס איז אַ גוטער אויפטו פאַר די שנאָרער, וואָס האָבּן נישט קיין מאַכט איבּערן גראָשן, אָבּער פאַר אונז מענטשן פון אַן אַנדער וועלט, איז עס באמת אַן אָנגריף אויף אונזער פּער־זענלעכער פרייהייט.

— דאָס איז אַ פאַקט. דער קאָנגרעס האָט נישט קיין רעכט צו באַגרענעצן די פּערזענלעכע פרייהייט פון אַ מענטשן — האָט זיך דער צווייטער אַרייַנגעמישט.

אַ פּאַרשוין איז אַרייַנגעקומען פון דער שכנותדיקער קופּע, אָבּער אַזוי ווי אַלע ערטער זענען געווען פאַרנומען, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט און געררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער איז געווען אַ „צוטשעפּעניש”, ער האָט נישט געהערט צו די אַלטע געסט פון דער רויכענדער קופּע. זיי האָבּן געקוקט אויף אים קרום. אַ ווייַלע האָט ער געמאַכט אַן אייַנדרוק, ווי דאָס וואָלט אים לחלוטין נישט געאַרט, און ער האָט אויפ־מערקזאַם זיך אייַנגעקוקט אין שפּיגעלע אַרייַן; לסוף האָט ער אויפגעגעבּן דעם קאַמף און ער איז שווייַגנדיק פאַר־שוואונדן.

— איך פאָר טאַקע ערשט צוריק פון צפון. די געשעפטן זענען דאָרט נישט קיין גלענצנדע — האָט געזאָגט איינער פון די פּאַרטיידיקער.

— אַזוי איז עס טאַקע! נישט זייער גלענצנד, אַ?

— ניין. ס׳איז אַ סברה, אַז זיי זענען נישט נאָרמאַ־ליזירט.

— נישט נאָרמאַליזירט, וואָס?

— יאָ. כ׳קען נישט זאָגן, אַז דאָס זאָל הייסן נאָרמאַ־ליזירט?

אַלע האָבן זיי ערנסט געשאָקלט מיט די קעפּ און באַשטעטיקט: יאָ, אַלע מסחרים זענען דאָרטן ווערט אַ שמעק־טאַבאַק.

— יאָ, און די געשעפטן אויף מערב זענען אויך נישט אַזוי, ווי זיי וואָלטן באַדאַרפט זיין.

— ס'איז אַ פאַקט. און איך מיין, אַז דאָס האָט זיך שוין אָפּגערופן אויף די האָטעלן. אָבער דאָס איז אַ גאַנץ גוטע זאַך. די האָטעלן, וואָס האָבן געריסן פינף דאָלאַר אַ טאָג — און אפילו זעקס און זיבן — פאַר אַ ברודיק צימערל, וואָלטן שוין איצט געווען דאַנקבאַר פאַר פיר און און ס'וואָלט נאָך געווען אַ בעסערע דינערשאַפט.

— ס'איז אַ פאַקט. יאָ, הם. אויב מיר רעדן שוין וועגן האָטעלן בין איך צום ערשטן מאָל אין סאַן־פראַנציסקאָ איינגעשטאַנען, אין „ס אַ ן ־ פ ר אַ נ צ י ס ק אָ, און איר מעגט מיר גלויבן, אַז דאָס איז אַן ערשטקלאַסיק אָרט.

— איר האָט רעכט, ברודער! דער „סאַן פראַנציסקאָ“ איז אַ פּרעכטיק אָרט — פולשטענדיק ערשטראַנגיק.

— יאָ, אָבער וואָס איך האָב אייך געוואָלט זאָגן, מיינע ליבע מענטשן, ווער פון אייך האָט שוין געוווינט אין „ריפּלעטאָן“, אין טשיקאַגאָ? איך וויל נישט רעדן קיין לשון־הרע — איך מאַך גערן אומעטום רעקלאַמע — אָבער אַן אמת מוז מען זאָגן, אַז די אַלע עלנטע לעכער, וואָס רופן זיך אָן ערשטקלאַסיק, טויגן אויף אַכציק כּפּרות. מיט עטלעכע טעג פריער בין איך אָפּגעשטיגן אין אַזאַ לאָך. אָבער כ'האָב זיי אַריינגעזאָגט. איר ווייסט יאָ ווער כ'בין — נו, אפשר ווייסט איר נישט, אָבער איך בין צוגעוווינט צו אַן ערשטקלאַסיקע וווינונג און דערנערונג, און איך בין גערן גרייט דערפאַר גוט צו באַצאָלן. און איינמאָל קום איך אַריין שפעט ביינאַכט קיין טשיקאַגאָ, און דער ריפּלעטאָן האָטעל איז נישט ווייט פון דער סטאַציע — איך בין נאָך דאָרטן קיינמאָל נישט געווען, אָבער איך זאָג צום שאָפער — איך בין תמיד ביי דער מיינונג צו נעמען אַן אויטאָמאָביל, וויבאַלד מען קומט אַריין שפעט אין אַ

שטאָט אַריין ; אמת ס׳קאָסט אַביסל טייערער, אָבער ס׳לוינט זיך, אויף צומאָרגנס שטייסטו אויף אַן אויסגערוטער, פריש און מונטער צו די געשעפטן — און איך טו צו אים אַ זאָג :

— נו צום ריפּלעטאָן-האָטעל.

— נו, מיר פאָרן צו צום ריפּלעטאָן-האָטעל. איך טו אַ קלונג אָן און זאָג צום פּאָרטיער: הער, ברודערל, האָסט עפּעס דאָרטן אַ פיין צימערל מיט אַ באָד-צימער פאַרן פעטער בילט אַ קוזין. נו, האָט איר באַדאַרפט זען. ס׳האָט אויסגעזען, ווי כ׳וואָלט אים געוואָלט אָפּנאַרן, אָדער ווי כ׳וואָלט אים געהייסן אַרבעטן יום-כּפּור. ער קוקט מיך אָן ווי אַן אָפּגעקאָכטער ראַק און מורמלט אַרויס: כ׳ווייס נישט, פריינט, כ׳וועל אַ קוק טון. און ער פאַרשווינדט אונטער אַ וואַנט, ווו עס הענגען די שליס-לען פון די צימערן. נו, איך מיין, אַז ער האָט זיך נאָכגע-פרעגט ביי דער קרעדיט-עסאָשיישאָן און ביי די אַמעריקאַנישע זיכערהייטס-ליגע, אויב כ׳בין קרעדיט-פעיק — ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט געגוג לאַנג געדויערט — אָדער אפשר איז ער אַנט-לאָפן געוואָרן : לסוף קומט ער צוריק, ער טוט אויף מיר אַ קוק, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס געקומען און טוט אַ קרעכץ : — כ׳מיין, אַז כ׳וועל אייך קאָנען געבן אַ צימער מיט אַ באָד. און איך, — דאָס איז זייער פיין פון אייך — ס׳טוט מיר זייער לייד צו פאַרשאַפן אייך אַזוי פיל מי — וויפל וועט קאָסטן דאָס פאַרגעניגן ? — פרעג איך מיט אַ זיס קולכל. און ער ענטפערט דערויף ! — דאָסדאָזיקע,פריינט, וועט אייך קאָסטן זיבן דאָלאַר טעגלעך.

— נו, ס׳איז געווען שפּעט, און חוצדעם איז עס גע-גאַנגען אויפן חשבון פון די שפּעזן — צום טייוול, ווען די פירמע זאָל נישט באַצאָלן, נאָר איך, וואָלט איך בנאמנות אַ גאַנצע נאַכט געשלאָפן אויפן גאַס און איך וואָלט נישט באַ-צאָלט פאַר אַזאַ לאָך זיבן גרויסע, קיילעכדיקע דאָלאַר. איר מעגט עס מיר גלויבן. אָבער אַז די פירמע צאָלט, טאָ וואָס איז מיין עסק ! נו, דער פּאָרטיער וועקט אויף אַ יונגן דינער —

אַ פֿיינער פּאַרשוין, — וואָס האָט נישט מער און נישט ווייניקער ווי ניינאונזיבעציק יאָר — ער האָט זיך באַטייליקט אין דער שלאַכט אין געטיסבורג און ער ווייסט צומאָל נישט, אַז זי האָט זיך שוין פֿאַרענדיקט. לויט זיין קוקן אויף מיר, האָב איך זיך משער געווען, אַז ער האַלט מיך פֿאַר איינעם פֿון דער קאָנפֿידערירטער אַרמעע—און ריפּ װאַן ווינקלע פֿירט מיך אַריין אין אַ לאָך אַריין, שפּעטער האָב איך געהערט ווי זיי רופֿן עס צ י מ ע ר, אָבער לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַ טעות — איך האָב געמיינט, אַז זיי ווילן מיך אַריינלייגן אין אַ קאַסטן פֿון די אויסגעלייזטע. דאָס איז פֿאַר זיבן קײלעכדיקע דאָלאַר פּער ט אָ ג ! אַ שיינעם דאַנק !

— הם, און איך האָב ווידער געהערט, אַז דער ריפּלעטאָן איז אַ פֿאַרשטונקענער קעז. אַז איך קום קיין טשיקאַגאָ, שטייג איך תּמיד אָפּ אין „בלעקסטאָן" אָדער אין „לאַ סאַלע"— ערשטקלאַסיקע ערטער.

— הערט'ס נאָר, ווער פֿון אייך איז שוין איינגעשטאַנען אין ביירטשדייל אָדער אין טער האָטע ? ווי הייסט עס ?

— דער ביירטשדייל איז אַן ערשטקלאַסיקער האָטעל.

(אַ צוועלף מינוטיקע קאָנפֿערענץ וועגן דעם צושטאַנד פֿון די האָטעלן אין צפֿון-בענד, פֿלינט, דייטאָן, טיולסאַ, ווישיטאַ, פֿאָורט-וואָרט, וויינאָנאַ, עריע, פֿאַרגאָ, און מוסע דזשאָ.)

— אויב מיר רעדן וועגן פּרייזן — האָט באַמערקט דער מאַן אין וועלור-הוט, שפּילנדיק זיך בעת מעשה מיט דעם עלף-צאָן, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון זיין קייטל — וואָלט איך געוואָלט וויסן, ווו זענען די מענטשן, וואָס רעדן זיך איין, אַז מלבושים ווערן ביליקער. אָט נעמט למשל דאָס אַנצוג, וואָס איך טראָג אויף זיך — ער האָט אַ קניפּ געטון זיין פּוס — מיט פֿיר יאָר צוריק האָב איך דערפֿאַר באַצאָלט צוויי און פֿערציק פּופֿציק, ס'איז ווערט געווען דאָס געלט. מיט אייניקע טעג צוריק גיי איך אַריין אין אַ קאָנפֿעקציע-געוועלב ביי אונז אין הויז און הייס מיר ווייזן אַן אַנצוג. דער משרת כאַפּט אַראָפּ אַ רעקל, וואָס איך וואָלט, ערנוואָרט, נישט גע-

אָנצופֿון מײַן דינער. איך טו בײַגעריק אַ פֿרעג: וואָס ווילט איר פֿאַר דער שמאַטע? — אַ שמאַטע? — זאָגט ער — וואָס מיינט איר מיט דעם וואָרט שמאַטע? דאָס איז אַ פּרעכטיק מלבוש, ריינע וואָל — ס'הויבט זיך נישט אָן! — זאָג איך — דאָס איז פֿיינע פֿלאַנצן־וואָל, גלייך פֿון דער פּלאַנטאַציע! — ריינע וואָל — זאָגט ער — ס'וועט אײַך קאָסטן זיבנאונזעכציק דאָלאַר מיט נײַנציק סענט. — אַזוי ווילט איר, זאָג איך, איר מעגט וועלן. אָבער איך וועל אײַך נישט געבן. און איך דריי זיך צו אים אויס מיטן רוקן און כ'גיי ארויס. יאָ, זאָג איך צו מײַן ווײַב, כּל זמן דו וועסט האָבן כּח אין דײַנע גלידער, צו לייגן נייע לאַטעס אויף מײַנע אַלטע חוירן, וועל איך קיין נייע נישט קויפֿן.

— ביסט גערעכט, ברודערל. דאָסזעלבע איז מיט די קעלנער, שעלקעס —

— העי, וואַרט נאָר צו! — האָט דער דיקער פּראָטעסטירט — וואָס פֿאַראַ טענות האָט איר צו די קעלנער? איך פֿאַרקויף קעלנער! צי ווייסט איר, אַז דער אַרבעטסלוין ביי קעלנער איז נאָך אַלץ צוויי הונדערט און זיבן פּראָצענט איבער —

אַלע האָבן זיי אײַנגעשטימט, אַז אויב זייער אַלטער פֿריינט, דער דיקער מאַן, פֿאַרקויפֿט קעלנער, זענען די פּרייזן אויף קעלנער אַזוי געגנוי אויסגערעכנט, ווי זיי זענען; אָבער אַלע מלבושים זענען מוראדיק טייער. אַצינדערט האָבן זיי זיך קעגנזייטיק געליבט און באַוווּנדערט. זיי האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין די סודות פֿון מסחר, זיי זענען געקומען צום אויספֿיר, אַז די כּונה אויסצואַרבעטן צוקערלעך און ציגל איז נישט מער ווי זיי צו פֿאַרקויפֿן. פֿאַר זיי איז אַ ראָמאַנטישער העלד נישט געווען דער ריטער, נישט דער וואַנדערנדער דיכטער, אָדער דער קאָוובאָי פֿון ווילדן דרום, נישט דער פֿליער און נישט אַ יונגער דרייסטער קרייז־ריפּטער, נאָר דער טיפּטיקער געשעפֿטס־לייטער, וואָס האָט זיך געקאָנט אַן עצה געבן מיט שווערע האַנדלס־פּראָבלעמען, וואָס דאָס ערשטע פֿון די

עשרת-הדברות איז געווען „אַרויפצואַרבעטן זיך" און וועלבער האָט מקריב געווען זיך און זיינע יינגע כּחות אויפן מזבח פון קאָסמישער פּאַרקויפס-קונסט — נישט צו פּאַרקויפן עפּעס בּכלל, אָדער עמעצן בּכלל, נאָר פּאַרקויפן זיך אַליין.

דאָס געשפּרעך וועגן מסחר האָט פּאָול ריסלינגען געמאַכט לעבעדיק. הגם ער איז געווען אַ פידלער און אַ אינטערעסאַנטער אומגליקלעך-פּאַרהייראַטעטער, איז ער חוצדעם נאָך געווען אַ זייער פעיקער פּאַרקויפער פון דאַך-פּאַפּע. ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט די באַמערקונגען פון דיקן מאַן און וועגן דער בויטיקייט פון פּאַרטרעטונגען און פון טאָג-באַריכטן אַלס מיטל אויפצומונטערן די אַגענטן אויף זייערע רייזעס. און אַליין האָט ער זיך געטיילט מיט דער געזעלשאַפט מיט זיין אויסגעצייכנטער אידעע, וויאַזוי אויסצונוצן צווי-סענטיקע מאַרקן אויף צירקולאַרן. דאַן איז ער באַגאַנגען אַ פאַרברעכן קעגן דעם הייליקן געזעץ, וואָס האָט פּאַרפּליכטעט די גאַנצע חברה אָנשטענדיקע יינגען; ער האָט אָנגעהויבן שיטן מיט הויכע פּראַזן.

זיי זענען גראָד פּאַרבייגעפאָרן אַ שטאָט. אויפן האָריזאָנט האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ שטאָל-פּאַבריק באַלויכטן פון געל-רויטע און אָראַנזש-פּאַרביקע פלאַמען, אין זייער שיין האָבן זיך געזען די טויטע שטויסן האָלץ, אייזן-געפּאַנצערטע מויערן און הויכע קוימענס.

— מיין גאָט, טוט נאָר אַ קוק — ווי פּרעכטיק! — האָט פּאָול געזאָגט.

— כ'גלייב אייך, אַז ס'איז פּרעכטיק, פריינט. דאָס איז די שעלינג-האָרטאָנסער שטאָל-פּאַבריק, און איך האָב געהערט, אַז דער אַלטער דזשאָן שעלינג האָט געמאַכט גוטע דריי מיליאָן דאָלאַר ביי אַמוניציע בעת דער מלחמה — האָט ערנסט געזאָגט דער מאַן מיטן וועלור-הוט.

— כ'האָב נישט געמיינט דאָס — איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז דאָס לאַנדשאַפט איז שיין, די פּאַרכשופטע ליכטיקע שטראַלן פון דער פינסטערניש — האָט פּאָול געזאָגט.

זײ האָבן אים אָנגעקוקט. בעביט האָט אַ קרײ געטון:

— פּאָול האָט אַ זעלטן אויג פֿאַר מאָלערישע ערטער און אײגנאַרטיקײטן און נאָך אַזעלכע זאַכן. ר׳וואָלט זיכער געוואָרן אַ שריפטשטעלער, ווען ער וואָלט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט דעם פּאַפּע־מסחר —

פּאָול האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלט אים געלאַנגווײליקט. (בעביט האָט טײלמאָל געספּקט, אויב פּאָול איז אַ לאָיאַלער פּוסטער.) דער מאַן אין וועלור־הוט האָט אַ מורמל געטון:

— איך פּערזענלעך האַלט, אַז די שעלינג־האָרטאָנס פֿאַבריק איז מוראדיק שמוציק. אַ חזירישע ווירטשאַפט. אָבער מען קען קײנעם נישט שטערן, אויב עמעצער וויל עס אָנרופן פּרעכטיק.

פּאָול האָט זיך שווײגנדיק פֿאַרטיפֿט אין די צײטונגען און דאָס געשפּרעך האָט זיך אויף אַ לאָגישן אופן איבערגעוואָרפן וועגן צוג.

— ווען וועלן מיר זײן אין פּיטסבורג? — האָט בעביט אַ פֿרעג געטון.

— אין פּיטסבורג? איך מײן, אַז מיר וועלן זײן נײן אַ זײגער — נײן, דאָס איז אַ פֿאַראַיאָריקער רײזע־פּלאַן — וואַרט אַן אויגנבליק — כ׳האָב עס תּיכּף — כ׳האָב דאָ אַ רײזעבוך.

— כ׳בין טשעקאַווע, צי מיר וועלן קומען צו דער צײט!

— אָ, זיכער, מיר מוזן קומען צו דער צײט!

— נײן, בײ דער לעצטער סטאַציע האָבן מיר געהאַט אַ פֿאַרשפּעטיקונג פֿון זיבן מינוט.

— אַזוי? באמת? מײן גאָט און מיר האָט זיך געדוכטן אַז מיר זענען אומעטום צו דער צײט.

— נײן, מיר האָבן פֿאַרשפּעטיקט מיט זיבן מינוט.

— יאָ, ס׳איז ריכטיק; מיט זיבן מינוט פֿאַרשפּעטיקט.

דער דינער איז אַרײנגעקומען — אַ נעגער אין אַ װײסן פֿראַק מיט מעשענע קנעפּ.

— מיט וויפל האָבן מיר פאַרשפּעטיקט, דזשאָרזש? — האָט אַ פרעג געטון דער דיקער פאַרשוין.

— כ׳ווייס נישט, סיר. איך מיין אַז מיר וועלן קומען צו דער צייט — האָט דער דינער געזאָגט, בעת ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט אַ האַנטוך און פלינק פאַרהאָרפן איבער דער וואַש-שיסל. די פּאַסאַזשירן האָבן געקוקט אויף אים אומעטיק, און בעת ער האָט זיך דערווייטערט, האָבן זיי זיך באַקלאָגט!

—כ׳ווייס נישט, וואָס עס איז געשען היינט צו טאָג מיט די נעגער. זיי געבן נישט קיין העפלעכן ענטפער.

— ס׳איז אַ פאַקט, זיי זענען היינט געוואָרן אַזוי חוצפּה-דיק, אַז זיי האָבן נישט קיין ברעקל דרך-ארץ פאַר אַ מענטשן. אַמאָל האָט מען זיך נאָך געקאָנט מיט זיי באַנוצן — זיי האָבן געוווסט זייערע אויפגאַבן — אָבער דידאָזיקע יינגע שוואַרצע ווילן שוין נישט זיין קיין דינער אָדער וואָל-קלויבער. אָ, ניין! זיי ווילן ליבערשט זיין אַדוואָקאַטן אָדער פּראָפעסאָרן און גאָט ווייסט, וואָס נאָך אַלץ. איך זאָג אייך, אַז דאָס הויבט אָן צו ווערן אַ פּראָבלעם. מיר דאַרפן זיך טאַקע פאַרטראַכטן און אָנווייזן אָט די שוואַרצע און טאַקע די געלע אויך זייער אָרט. נו, איך למשל, האָב נישט קיין שום ראַסן-פאָראורטיילן. איך בין דער ערשטער, וואָס בין צופרידן, אויב אַ נעגער דערגרייכט עפּעס. אָבער אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָרטן, ווו ס׳איז זיין אָרט און ער פּרוווט נישט אַרונטערצורייסן דעם אויטאָריטעט און די געשעפטס-מעגלעכקייטן פון ווייסן מענטשן.

— אויסגעצייכנט! פּונקט אַזוי טראַכט איך אויך! און דער עיקר, וואָס מיר מוזן נאָך טון הײַנטצוטאָג — האָט געזאָגט דער מאַן אין וועלור-הוט (וואָס האָט געהייסן קאָפּלינסקי) — מיר דאַרפן אַרויסטרייבן די פאַרשאָלטענע אויסלענדער פון לאַנד. אַ דאַנק גאָט, וואָס די איינוואַנדערונג ווערט איצט באַגרענעצט. די וועלשן און די חינעזן וועלן ענדלעך מוזן פאַרשטיין, אַז ס׳לאַנד געהערט אויסשליסלעך דער ווייסער ראַסע, און מען קאָן זיך אָן זיי באַגיין. ווען מיר וועלן די אויס-

לענדער, וואָס געפינען זיך דאָ, אַסימילירן און אויסלערנען די גרונט-פּרינציפּן פון אַמעריקאַניזם און זיי וועלן ווערן ער-לעכע מענטשן — נו, דאַן וועלן מיר ווידער אַריינלאָזן אַביסל.

— יאָ, דאָס איז אַ פאַקט – האָבן זיי אַלע איינגעשטימט, און זענען אַריבערגעגאַנגען צו לייכטערע טעמעס. זיי האָבן זיך גיך ערלעדיקט מיט די אויטאָמאָביל-פּרייזן, מיט דער קראַפט פון די גומענע רייפן, נאַפט-אַקציעס, פישפאַנג און דאָס ווייץ-גערעטעניש אין דאַקאָטאַ.

אָבער דער דיקער פּאַסאַזשיר איז געווען אומצופרידן פון דעמדאָזיקן צייט-פאַרטרייב. ער איז געווען אַן אַלטער רייזנדער, באַפרייט פון די אַלע אילוזיעס. ער האָט אייניקע מאָל דערקלערט, אַז ער איז אַ „געהאַרטעוועטער". ער האָט זיך געטון עטוואָס אַ בויג איין, אַ קוק געטון, וואָס פאַרן אַן איינדרוק ס'וועט מאַכן זיין ענדערן די שטימונג:

— אָך, כאַפּט עס דער רוח, לאָזן מיר אַלץ אין אַ זייט און לאָמיר זיך אָנהויבן דערציילן מעשהלעך.

אַלע זענען זיי געוואָרן לעבעדיק און אינטים.

פּאָול און דער יונגער פּאַסאַזשיר זענען פאַרשווונדן. די איבעריקע האָבן זיך צעלייגט אויף די בענק, אויפגעקנעפּלט די וועסטן, אויסגעצויגן די פיס אויף די שטולן און אַראָפּגע-לאָזט די גרינגע פאָרהאַנגען, כדי זיך אָפּצושיידן פון דער פרעמדער נאַכט-פינסטערניש. נאָך יעדן געלעכטער האָבן זיי גע-שריגן :—איר האָט שוין געהערט די געשיכטע, ווי...—בעבית איז אַריין אין טראַנס און זיך דערפילט מענעריש. בעת דער צוג איז שטיין געבליבן ביי אַ גרעסערער סטאַציע האָבן זיי אַלע פיר שפּאַ-צירט אויף דער צעמענטענער פּלאַטפאָרמע. איבער זיי איז נעהאָנגען דער ריזיקער פאַררויכערטער וואָקזאַל-דאַך, ווי אַ פאַרוואָלקנטער הימל, זיי זענען געגאַנגען אויף די טראָטואַרן פאַר פיסגייער, לעבן קאַסטנס עופות און פערטלען פלייש, אינם געהיימען לאַבירינט פון אַן אומבאַקאַנטער שטאָט. זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען, ווי אַלטע פריינט און באַפרידיקטע מענטשן.

בעת דעם לאַנג צעצויגענעם אויסגעשריי: — „איינשטייגן! —
וואָס האָט אָפּגעהילכט ווי אַ קול צווישן בערג, זענען זיי צוריק-
געלאָפן אין די „קופּעס פאַר רויכערער”, און ביז צוויי בייַנאַכט
האָבן זיי זיך דערציילט זייערע פריילעכע מעשהלעך, מיט
פייכטע אויגן פון ציגאַרן-רויך און געלעכטער. בעתן געזעגע-
נען זיך האָבן זיי זיך געדריקט די הענט און געשריגן: —יאָ,
סיר, ס'איז געווען אַ גרויסע זיצונג. באמת אַ שאָד זי איבער-
צורייסן. כ'בין צופרידן פון דער באַקאַנטשאַפט מיט אייך.

בעביט איז געלעגן וואַך אויף דער שמאָלער, הייסער
באַנק פון סאַלאָן-וואַגאָן, ער האָט זיך געשטיקט פון געלעכ-
טער, בעת ער האָט זיך דערמאָנט די געשיכטע פון דעם דיקן
פאַסאַזשיר וועגן יענער דאַמע, וואָס האָט געוואָלט זיין עקסצענטריש.
ער האָט אַרויפגערוקט דעם פאָרהאַנג; ער איז געלעגן, פאַר-
לייגט די אָנגעשוואָלענע הענט צווישן קאָפּ און הארטן קישן,
און ער האָט געקוקט אויף די בלייכע שאָטנס פון די בוימער-
אויף די שטאָטישע לאַמטערן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אויס-
שריי-צייכנס. ער איז געווען זייער גליקלעך.

א.

אין נוי־יאָרק האָבן זיי געהאַט פיר שעה צייט, איידער דער צוג איז ווייטער געפאָרן. די איינציקע זאַך, וואָס בעביט איז געווען נייגעריק צו זען, איז געווען דער פּענסילוועניער האָטעל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן נאָך זיין לעצטן מאָל פאַרברענגען אין נוי־יאָרק. ער האָט געקוקט אויפן האָטעל און געמורמלט: צוויי־און־צוואָנציק הונדערט צימערן און צוויי־און־צוואָנציק הונדערט באָד־צימערן. דער גרעסטער וועלט־רעקאָרד. גאָט, זייער אומזאַץ מוז זיין — יאָ, לאָמיר אָננעמען, אַז דער פּרייז פאַר אַ צימערל איז בּיז אַכט דאָלאַר טעגלעך און משמעות זענען פאַראַן אַזוינע צימערלעך, וואָס קאָסטן צען דאָלאַר, און — פיר מאָל צוויי־און־צוואָנציק הונדערט — זאָגן מיר, זעקס מאָל צוויי־און־צוואָנציק הונדערט — יאָ, שוין צוזאַמען מיט די רעסטאָראַנען און נאַכט־לאָקאַלן, קאָן אַריינברענגען אין די זומער חדשים פון אַכט בּיז פופצן טויזנט דאָלאַר טעגלעך, יעדן טאָג. כ׳האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, אַז איך וועל זען אַזאַ בנין! ס׳איז דאָך אַ גאַנצע שטאָט. נאַטירלעך האָט דער דורכשניטלעכער מענטש אין זעניט פיל מער אינדיווידועלע איניציאַטיוו, ווי דידאָזיקע נוי־יאָרקער, אָבער איך שטרעק אויס מיינע הענט צו נוי־יאָרק, יאָ, מיין הער, ס׳איז אַ שטאָט, אָלרייט — מיטן גאַנצן קנאַק. נו, אַלטער פּאָולוס, מיר דאַכט זיך, אַז מיר האָבן שוין געזען ס׳שענסטע. ווו זאָלן מיר פאַרברענגען די רעשט אָוונט? קינאָ?

אָבער פּאָול איז געווען נייגעריק צו זען אַ שיף.

—כ׳האָב תמיד געחלומט צו מאַכן אַ רייזע קיין איראָפּע—און גאָט מייגער, איך מוז נאָך, כאָטש עטלעכע טעג פריער, איידער כ׳וועל אָפּשטאַרבן — האָט ער אָפּגעזיפצט.

זיי האָבן אַראָפּגעקוקט פון פאָרט אויפן צפון-ריווער-טייך, אויף דעם אונטערשטן טייל פון דער „אַקוויטאַניאַ״, אויף די הויכע קוימענס, אויף די אַנטענעס פון דראָטלאָזן טעלעגראַף, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן איבערן האַפן, וועלכער האָט זיי אַרומגעצוימט.

— צום טייוול! — האָט בעביט אַ ברום געטון — ס׳וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט, אַריבערצוכאַפּן זיך אין אַלטן לאַנד אַריין און צו מאַכן אַ באַזוך די אַלטע חורבות און דאָס אָרט, ווו שעקספּיר איז געבוירן געוואָרן. און טו נאָר אַ טראַכט, אַז מ׳קאָן באַשטעלן צו טרינקען, ווען נאָר מען וויל! גייסט גלייך אַריין אין אַ באַר און טוסט אַ געשריי: — גיט אַ קאָקטאַיל, און נידער מיט דער פּאָליציי! דאָס אַלץ איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. וואָס ווילסטו זען, פּאָוליבוס?

פּאָול האָט נישט געענטפערט. בעביט האָט זיך אויסגעדרייט. פּאָול איז געשטאַנען מיט צונויפגעביילטע פויסטן, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, קוקנדיק אויף דער שיף מיט פחד. קעגן די באַלויכטענע האַפן-ברעטער איז זיין דאַרער קערפּער אויסגעקומען קינדיש.

און ווידער האָט בעביט געפרעגט:

— און וואָס ציט דיך צום שטאַרקסטן אויף יענער זייט, פּאָול?

פּאָולס בייזער בליק איז צוגעשמידט געווען צו דער שיף, זיין ברוסט האָט זיך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט, און ער האָט געשעפּטשעט. — אָך, מיין גאָט! בעביט האָט געקוקט אויף אים מיט פחד און פּאָול האָט אים אוועקגעשלעפּט: — קום, ל׳מיר אַנטלויפן פונדאַנען, און ער איז געלאָפן לענגאויס דעם האַפן און זיך צומאָל נישט אומגעקוקט.

— מערקווירדיק — האָט בעביט געטראַכט — דער

חברה-מאַן האָט נישט ליב צו קוקן אויף די שיפן. איך האָב געמיינט, אַז ס'וועט אים אינטערעסירן.

ב.

הגם ער האָט זיך געפרייט און געמאַכט קלוגע באַמער-קונגען, וועגן דער קראַפט פון לאָקאָמאָטיוו, בעת דער צוג האָט געקלעטערט אויפן שפּיץ באַרג פון מאַין, פונוואַנען בעפּיט האָט געזען דעם ווייס-ליכטנדיקן וועג צווישן סאָסנע-בוימער, הגם ער האָט געשריגן: — דאָרטן צום טייוול! — בעת ער האָט דער-זען, אַז די לעצטע סטאַציע קייט-דאַמקוק איז אַן אַלטער אָפּ-געניצטער משא-וואַגאָן, האָט ער אָבער דערפילט אַ פאַרלייכ-טערונג, בעת ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפן קליינעם האַפן ביים טייך סאָגעסקיומסי, ווו ער האָט געוואַרט אויף דעם קליינעם האָטעל-דאַמפער. אַ טראַטווע איז געשווומען אויפן וואַסער. ביים ברעג איז דאָס וואַסער געווען לויטער, פלאַך, גרין ווי שמאַראַגדן. אַ פויער אין אַ שוואַרצן האָריקן חוט מיט פּאָרעל-שטיפּטן, וואָס האָבן געשטעקט אין זיין באַנד, איז געזעסן אין אַן אייגנטימלעך בלאָ חעמד אויף אַן אומגעלייגטן ווורצל און געשניצט עפּעס מיט אַ מעסערל און געשוויגן, אַ הונט, אַ דאָרפס-הונט, מיט אַ שוואַרצער גראָער פעל, אַ הונט, רייך אין פוילקייט און אין שכל, האָט זיך אַ קראַץ געטאָן, אויסגעצויגן זיך, אַ ברום געטאָן און איינגעשלאָפן. די ברייטע זונען-שטראַלן האָבן באַלויכטן דאָס קלאָרע וואַסער, די גאָלד-גרינע באַלזאַם-צווייגן, די זילבערנע בערעזעס און דער טראָפּישער פאַבריק, און געברענגט אויף די שטאַרקע בערג-רוקנס פון יענער זייט טייך. אַלץ איז איינגעהילט געווען אין אַ הייליקער רויקייט.

זיי זענען געזעסן שווייגנדיק אויפן ברעג פון האַפן, אַראָפּהענגנדיק די פיס איבערן וואַסער. די אומענדלעכע צאַרט-קייט פון דעם בילד האָט געווירקט אויף בעביטן, און ער האָט געמורמלט:

— כ׳וואָלט דאָ געוואָלט זיצן אַ גאַנץ לעבן און שניצן האָלץ — און פסדר אַזוי זיצן. און קיינמאָל שוין נישט הערן די שרייב-מאַשין, אָדער ווי סטען גראַף ליאַרמט דורכן טעלעפאָן, אָדער ווי ראָנע קריגט זיך מיט טעדן. כ׳וואָלט דאָ געזעסן. אָ, גאָט.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון פּאָולן איבער דער פּלייצע.

— נו, ווי געפעלט עס דיר, אַלטער פריינט?

— אָך, דאָ איז טייוואָניש שיין, דזשאָרזש, דערין איז פאַראַן עפּעס פון דער אייביקער שיינקייט.

דאָסמאָל האָט אים בעביט פאַרשטאַנען.

ג.

זייער שיף האָט אַרומגעקרייזט דעם האַפן; ביים ברעג פון ים, צופיסנס אַ באַרג, האָבן זיי געזען אַ געצעלט, דער רעסטאָראַן פון זייער האָטעל, אַרומגערינגלט מיט נידעריקע הייזלעך פון דיקע צווייגן, וואָס האָבן געדינט פאַר שלאָף-צימערן. זיי זענען אַריין אינעווייניק אונטער די בייזע בליקן פון די האַביטועס, וואָס האָבן שוין געוווינט אין האָטעל אַ וואָך צייט. אין זייער כאַטע, וואָס איז געווען מיט אַ הויכן שטיינערנעם קוימען, האָבן זיי זיך צוגעאיילט, ווי בעביט האָט זיך אויסגעדריקט, כדי איבערצוטון זיך אויפן „אָרטיקן שטייגער״. זיי זענען אַרויס פון דאָרטן: פּאָול אין אַן אַלט גראָ אַנצוג און אין אַ ווייך, ווייס העמד; בעביט אין אַ האַקי-העמד און אַ בלוזע און אין ברייטע הויזן פון דערזעלבער קאָליר. דאָס איז געווען אַ שפּאָגל ניי אַנצוג, זיינע ברילן האָבן דערמאָנט שטאָט און ביוראָ. און זיין פּנים איז נישט געווען אָפּגעברענט, נאָר שטאָטיש רויט. עס איז געווען אַ שרייענדיק-פאַלשער טאָן אין דעם אָרט. אָבער ער האָט געטופּעט מיט די פיס און מיט אינערלעכער באַפרידיקונג געקרייט.

— דאָס איז פענאָמענאַל, זאָג איך דיר.

זיי זענען שטיין געבליבן אויפן האַפן, לעבן דעם האָ־

שעל. ער האָט אַ ווונק געטון צו פּאָולן און האָט אַרויסגעצויגן פון זיין אונטערשטער הויזן-קעשענע קיי-טאַבאַק, אַ וולגאַרע געוווינהייט, וואָס איז פאַרווערט געווען אין בעבּיטס הויז, ער האָט צופרידן איינגעביסן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; בעת ער האָט דאָס געביסן מיט די ציין: — הם! הם! כ'בין שוין איינמאָל געווען אויסגעהונגערט נאָך אַביסל קיי-טאַבאַק! נעמסט אַביסל?

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט, געלאַכט און זיך פאַרשטאַנען פּאָול האָט גענומען טאַבאַק און געקייט. זיי זענען געשטאַנען שטיל, אָבער זייערע באַקן האָבן געאַרבעט, זיי האָבן פייערלעך געשפּיגן איינער נאָכן אַנדערן אין שפּיגלדיקן וואַסער. זיי האָבן זיך צעצויגן, אויסגלייכנדיק די אַקסל און איינבויגנדיק די רוקנס. פון יענער זייט ברעג האָט זיך געהערט ס'גערויש פון לויפנדיקן צוג. אַ פאָרעל האָט אַ שפּרונג געטון אינדערהויך און איז צוריק פאַרשווונדן געוואָרן אין זילבערנעם קרייז. זיי האָבן ביידע אָפּגעזיפצט.

ד.

זיי האָבן געהאַט אַ וואָך צייט ביז צום אָנקומען פון זייערע פאַמיליעס. יעדן אָוונט האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי וועלן אויפשטיין פרי און כאַפּן פיש פאַרן פרישטיק. יעדן אינדערפרי זענען זיי געבליבן אין די בעטן צום פרישטיק מיטן אָנגענעמען באַוווסטזיין, אַז ס'פעלט די בראַווע פרוי, וואָס זאָל זיי אויפוועקן. דער פרימאָרגן איז געווען אַ קאַלטער; דאָס פייער האָט געקנאַקט אין קוימען, בעת זיי האָבן זיך אָנגעטון.

פּאָול איז געווען מוראַדיק ריין, אָבער בעבּיט איז געזונקען אין אַ גוטן געזונטן שמוץ, ער האָט זיך נישט געגאָלט אַזוי לאַנג, ווי ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן פעטן פלעק און מיט יעדן שוּפּ אויף זיינע נייע האַקי-הויזן.

אַ גאַנצן פרימאָרגן האָבן זיי פויל געכאַפּט פיש, אָדער זיי זענען געגאַנגען מיט די פינסטערע, פייכטע שטעגן, צווישן הויך-געוואַקסענעם פּאַפּריק און מאָך, אַדורכגעוואָרפן מיט שמעקעדיקע גלעקלעך. זיי זענען געשלאָפן ביז מיטאָג, און ביז האַלבע נאַכט האָבן זיי געשפּילט אין פּאָקער מיט זייערע פירער. דער פּאָקער איז ביי די פירער געווען ערנסטע ביזנעס. זיי האָבן זיך נישט געשפּילט אין ווערטער, זיי האָבן אַדורכגעמישט די דיקע, פעטע טאַליע קאָרטן מיט אַ ווילדער גרויזאַמקייט פון ספּאָרטלער: און דזשאָ פּאַראַדיס, דער קעניג פון די פירער, האָט זיך סאַרקאַסטיש געבייזערט אויף די פוילנצער, וואָס האָבן אויף איין מינוט איבערגעריסן די שפּיל.

זיי האָבן נישט גערעדט קיין סך. די נערוועזע באַרעדעוודיקייט און די אייגנשאַפטן פון בוסטער-קלוב זענען פון זיי אָפּגעטון געוואָרן. אָבער אַז זיי האָבן אָנגעהויבן רעדן, איז עס געווען אַ נאַיווע ודוי, ווי אין די שול-צייטן. אַמאָל זענען זיי געפאָרן אין אַ שיפל צום ברעג פון סאַנעסקיומסיטייך, דאָרטן, ווו ס'איז אַריינגעפלאָסן דער טייך און זיך דורכגעשלאָגן דורך אַ געדיכטעניש פון געוויקסן. די זון האָט געבריט איבער דעם גרינעם זומפּ, אָבער אין שאָטן האָט געהערשט אַ פאַרחלומטע רויקייט, און דאָס וואַסער האָט געגלאַנצט מיט גאָלד און שטיל געפלאָסן.

בעביט האָט איינגעטונקען זיין האַנט אין קילן וואַסער און געחלומט:

— מיר האָבן קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מיר וועלן זיין אין מאַין!

— ניין, מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפירט דאָס, וואָס מיר האָבן געטראַכט. אַמאָל האָב איך געגלויבט, אַז איך וועל זיין אין דייטשלאַנד ביי מיין זיידנס משפחה און שפּילן דאָרטן פידל.

— אַזוי איז עס, און דערמאָן זיך נאָר, ווי איך האָב געשטרעבט צו ווערן אַדוואָקאַט און אַריינטרעטן אין דער

פּאָליטיק. איך טראַכט נאָך היינט, אַז כ׳וואָלט געווען עפּעס אויפגעטון, כ׳האָב פעיקייטן פאַר אַ רעדנער — כ׳קאָן דאָס, כ׳קאָן טראַכטן לאָגיש און מאַכן פון אַ ליאַדע-וואָס אַ גאַנצן עסק, און טאַקע אַזעלכע זענען נויטיק אין דער פּאָליטיק. צום טייוול, טעד מוז שוין גיין דערפאַר אויף רעכט, ווייל איך בין נישט געגאַנגען! נו — אַ סברה, אַז אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט צום גוטן. מירע איז אַ פּרעכטיקע פרוי. און צילע מיינט נישט קיין שלעכטס, פּאָוליבוס.

— יאָ. איך מאַך טאַקע איצט פאַרשידענע פּלענער, וואָס פאַר אַ סיורפּריזן צו מאַכן צילן. איך האָף, אַז אין אונזער לעבן איז אַריינגעטרעטן אַ גרויסע ענדערונג, מיר האָבן זיך אויסגערוט, באַרויקט די נערוון. מיר קאָנען אָנהויבן אויפסניי.

— יאָ, כ׳מיין אויך אַזוי, אַלטער פריינט! — שעמעוודיק: — זאָג, צום טייוול, ווי טייער דאָס וואָלט געווען צו זיצן אַזוי כסדר מיט דיר, אַרומצולויפן און שפּילן אין קאָרטן, כסדר זיין מיט דיר אַליין, דו אַלטער אויסוווּרף!

— יאָ, דו ווייסט יאָ, וואָס דאָס באַטייט פאַר מיר, דזשאָרזש. האָסט געראַטעוועט מיין לעבן.

זיי האָבן זיך געשעמט מיט דער באַגייסטערונג; זיי האָבן געזאָגט עטלעכע קללות, כדי צו באַווייזן, וואָס פאַר אַ מאַנסבילן זיי זענען. דאַן האָבן זיי זיך אין אַן אָנגענעמע שטילקייט — בעביט האָט געפייפט און פּאָול האָט געברומט — אומגעקערט זיך אין האָטעל.

ח.

הגם פּאָול איז געווען דער אויפגערעגטער און בעביט איז געווען ווי אַן עלטערער גוטער ברודער, איז פּאָול געווען גוטמוטיק און פריילעך, בעת בעביט האָט זיך גיך אויפגערעגט. ער האָט כסדר זיך דערמאָנט די אַלטע צייטן. לכתחילה האָט ער זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן פּאָולן, ער האָט אויסגעטראַכט פאַר זיינעטוועגן פאַרשידענע שפּילן; לסוף איז פּאָול געוואָרן

די באָבע און בעבּיט האָט אויסגענוצט זײַנע דערפינדונגען פלייסיק, ווי פון אַ געווייסנהאַפטע פלעגערין.

אַ טאָג פריער, איידער ס'זענען אָנגעקומען די פאַמיליעס, האָבן די ווייבערישע געסט פון האָטעל געזאָגט:

— אָך, ווי רייצנד דאָ איז! איר זענט אודאי אויפגערעגט. — און פּאָול און בעבּיט האָבן מחמת אָנשטענדיקייט געמוזט מאַכן אַן אָנשטעל פון דענערווירונג. אָבער זיי זענען געגאַנגען שלאָפן פרי און טרויעריק.

בעת מירע איז אָנגעקומען האָט זי געזאָגט צו זיי

— אַצינדערט בעטן מיר אייך, יינגען, אַז איר זאָלט זיך אויפפירן גלייך, ווי מיר וואָלטן דאָ נישט געווען!

דעם ערשטן אָוונט, איז ער געשטאַנען ביים פּאָקער-שפּיל מיט זײַנע וועג-ווייזער. מירע האָט געזאָגט צו אים רויק און מונטער:

— מילא, דו ביסט דערזעלביקער וואָס געווען.

אויפן צווייטן טאָג האָט זי שלעפּערדיק אַ מורמל געטון:

— אָ גאָט, וועסט אַזוי יעדן טאָג אַוועקגיין פון מיר?

און אויפן דריטן טאָג האָט ער שוין מער נישט געשפּילט אין פּאָקער. ער האָט געפילט אַ מידקייט אין יעדן אבר.

— קאָמיש! די פעריען האָבן מיר גאָרנישט געהאָלפן! — האָט ער געוויינט — פּאָול איז פריילעך, ווי אַ זשרעבעק, און איך בין נאָך קראַנקער און אויפגערעגטער, ווי געווען!

ער האָט פאַרברענגט דריי וואָכן אין מאַין. ביים סוף פון דער צווייטער וואָך, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פילן רויקער, און ער האָט געפונען אַ אינטערעס צום לעבן. ער האָט פאָרגעלייגט אַ עקספּעדיציע אויפן שפּיץ פון סייטשעם-באַרג און ער האָט באַשלאָסן צו שלאָפן אונטערן פרייען הימל אין געצעלט קאַרטיטש. ער האָט זיך געפילט אויסערגעוויינלעך אָפּגעשוואַכט, אָבער ער איז געווען גוט געשטימט, ווי ער וואָלט פאַרטריבן די גיפטיקע מאַסע פון זײַנע אָדערן און אָנגעפילט זיי מיט פריש געזונט בלוט.

ער האָט זיך אויפגעהערט כעסן וועגן טעדס ליבע מיט

אַ קעלנערין (זיין זיבעטע ליבעס-טראַגעדיע אין דעם יאָר); ער האָט פאַרבראַכט מיט טעדן און ער האָט אים געלערנט די קונסט, וויאַזוי צו פאַרוואַרפן די נעץ אין דער שאָטנדיקער שטילקייט פון סקאָוטיט-פאַרק.

לסוף האָט ער אָפּגעזיפצט:

— כאַפּט עס דער טייוול! אַצינדערט הויב איך אָן צו געניסן פון די פעריען. איך פיל מיך איצט פיל בעסער, און איך גלויב, אַז ס'גייט אַ גוט יאָר! אפשר וועט דער פאַרבאַנד פון פאַרמיטלער פון אומבאַוועגלעכקייטן אויסקלייבן מיך פאַר פּרעזידענט, שטאָט דעם אַלטן שווינדלער טשען מאָט.

אַהיימוועגס, וויפל מאָל ער איז אַריין אין דער קופּע פאַר רויכערער, האָט ער געפילט געוויסנסביסן, אַז ער פאַרנאַכלעסיקט זיין ווייב, און ער האָט זיך געערגערט, אַז עמעצער קאָן אים נאָך דאָס פאַרוואַרפן. און ער האָט כסדר געשריגן טריומפירנדיק.

— דאָס יאָר וועט זיין אַ גוט יאָר, אַ גרויס גוט יאָר.

אַ.

אויפן גאַנצן וועג פון מאַין אַהיים, איז בעביט געווען איבערגעצייגט, אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט זיך צוגעגרייט צו אַן ערנסט לעבן. ער וועט אויפהערן זיך צו באַקלאָגן אויף די געשעפטן. ער וועט זיך נעמען צו אינטערעסאַנטערע זאַכן — טעאַטער, געזעלשאַפטלעכע ענינים, לייענען, און פּלוצלונג, ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביי דעררויכערן דעם ציגאַר, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וועט אַ סוף מאַכן מיט דעם רויכערן.

ער האָט דערפינדן אַ נייע און פולקאָמענע מעטאָדע. ער וועט אויפהערן צו קויפן טאַבאַק. ער וועט זיך באַניגענען מיט באָרגן; און נאַטירלעך וועט ער זיך שעמען אָפט צו באָרגן. פון גרויס התפעלות צו זיין נייעם באַשלוס האָט ער ארויסגעוואָרפן זיין פּאָרטציגאַר דורכן פענסטער פון דער קופּע פאַר רויכערער. ער האָט זיך אומגעקערט צום ווייב און ער איז געווען צו איר אומגעוויינלעך העפלעך אָן שום סיבה; ער האָט באַוואונדערט זיין אייגענע צניעות, און ער האָט דעצידירט: גאַנץ פּשוט, נאָר אַ שטאַרקער ווילן איז נויטיק דערצו. ער האָט זיך פאַרטיפט אין „מאַגאַזין”. אַ טשעקאַווע געשיכטע וועגן דעדעקטיוון. ווען מ'איז אָפּגעפאָרן אַ צען מייל, האָט ער דערפילט אַ פאַרלאַנג צו רויכערן. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי אַ שילדקרויט, וואָס באַהאלט זיך אין דער שאָל; ער הויבט אָן ווערן אומרויק; ער קוקט אַדורך

צווי זייטלעך פון זיין געשיכטע, געדענקט לחלוטין נישט, וואָס ער האָט דאָרטן געלייענט. פינף מייל ווייטער שטעלט ער זיך אויף און זוכט דעם דינער: — הם, דזשאָרדזש, זאָג, האָסט אַ — דער דינער ווייזט אַ געמיטלעך פנים — האָסט אַ רייזע-בוך? — האָט בעבּיט פאַרענדיקט זיין פראַגע. ביי דער נאָענטסטער סטאַציע האָט ער אויסגעשטיגן און געקויפט אַ ציגאַר. דאָס האָט באַדאַרפט זיין לעצטער ציגאַר, איידער ער וועט אַריינקומען קיין זעניט. ער האָט אים אויסגערויכערט ביזן סוף.

פיר טאָג שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אויפגעהערט רויכערן, אָבער ער איז געווען צופיל פאַרנומען אין דער בּיוראָ, כּדי צו קאָנען עס געדענקען.

ב.

ער האָט מודה געווען, אַז בּייסבּאָל איז אַן אויסגעצייכנטע שפּיל,

— ס'האָט נישט קיין זינען, אַ מענטש זאָל אַרבּעטן ביז חלשות. דריימאָל אין דער וואָך וועל איך אַרויסגיין אויפן ספּאָרט-פּלאַץ. חוצדעם ווערט פאַר אַ מענטש אומערטרעגלעך צו זיין כּסדר איינגעשפּאַנט אין פאַמיליען-לעבן.

איז ער טאַקע געגאַנגען און ר'האָט זיך לויז געמאַכט פונם פאַמיליען-לעבן. ער האָט געהאַלטן הויך זעניטס רום, און געשריגן מיט אַלע כּחות: „גוט געשפּילט!" און „געגאַנגען!" ער האָט זיך געהאַלטן שטרענג ביי דעמדאָזיקן ריטואַל. ער האָט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ וואָלן טיכל; ער איז געווען דורכגעווייקט פון שווייס; ער האָט געעפנט זיין מויל מיט אַ בּרייטן, גוטמוטיקן שמייכל און ער האָט געטרונקען לימאָנאַד גלייך פון פלעשל. ער האָט אָפּגעהיטן אַלע דריימאָל אין דער וואָך, אָבער נאָר די ערשטע וואָך. דערנאָך איז ער איינגעגאַנגען אויף אַ קאָמפּראָמיס און ער האָט גוט אַכטונג געגעבן אויף די רעזולטאַטן, וואָס מ'האָט געשריבן אין דער

ספּאָרט-אָפּטיילונג פון „אַדוואָקאַט טיימס". ער איז געשטאַנען איינגעפּרעסט אין אַ געדיכטער, שטיקנדער מענטשן-מאַסע. בעת די יינגען פון דער פּלי-מאַנשאַפט האָבן מודיע געווען דעם נצחון פון בעק ביל באָסטוויק, ער האָט זיך פאַראייניקט מיט די געשרייען פון די מענטשן: — פּרעכטיק! גוט געאַרבעט! — און איז אַוועק אין זיין ביוראָ.

ער האָט ערלעך געגלויבט, אַז ער האָט ליב בייסבאָל. אמת טאַקע, אַז אין משך פון די לעצטע פינפאונצוואַנציק יאָר האָט ער נישט געשפּילט אויסער אַ קורצע פּאַרטיע מיט טעדן — זייער לאַנגזאַם און קיינמאָל נישט לענגער, ווי צען מינוט. אָבער דערדאָזיקער ספּאָרט האָט געהערט צו די פליכטן פון זיין שטאַם, און דאָס איז געווען אַ באַפרידיקונג פאַר די מערדערישע און פּאַרטייאישע אינסטינקטן, וועלכע בעביט האָט אָנגערופן „פּאַטריאָטיזם" און „נייגונג צום ספּאָרט".

ווען ער האָט זיך דערנענטערט צו דער ביוראָ, האָט ער אָנגעהויבן גיין גיכער און ער האָט געמורמלט: — כ'מוז זיך איילן. אַרום אים איז געלאָפן די גאַנצע שטאָט, אַבי צו לויפן. מענטשן, וואָס זענען געזעסן אין די לויפנדיקע אויטאָמאָבילן, האָבן זיך געאיילט אויסצומיידן אַנדערע אויטאָמאָבילן. מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן אין טראַמוויי, האָבן זיך דווקא געוואָלט אַריינשטופּן אין אָנפאָרנדיקן וואַגאָן און נישט געוואָלט וואַרטן אויפן אַנדערן, וואָס איז אָנגעקומען אין אַ ווייַלע אַרום, און זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוויי, גיך געלאָפן מיט די זייטיקע געסלעך, גיך אַריינגעלאָפן אין הויז צ״ייך, כדי וואָס גיכער אַריינצולויפן אין דער עקספּרעס-ווינדע. די מענטשן וואָס האָבן געגעסן פרישטיק, האָבן גיך געשלונגען די מאכלים, וואָס ס'האָט צוגעגרייט פאַר זיי אין איילעניש דער שנעלער קוכער. די מענער אין ראַזיר-אַנשטאַלט האָבן געשריגן: — גייט איינמאָל אַדורך מיטן מעסער, אַבי גיכער! זיי האָבן געזוכט, ווי אַרום זיך צו באַפרייען פון זייער ביוראָ מיטן אויפשריפט: — „כ'בין היינט פאַרנומען" און „גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג — דו קענסט ערלעדיקן

דיינע עניניס אין זעקס מינוט". מענטשן, וואָס האָבן פאַראַ־יאָרן פאַרדינט פינף טויזנט דאָלאַר און הײַ־יאָר צען טויזנט, האָבן זיך געבראָכן די קעפּ און געמאַטערט דעם געדאַנק, ווי אַרום צו פאַרדינען צוואָנציק טויזנט, און אַז זיי האָבן שוין פאַר־דינט די צוואָנציק טויזנט, זענען זיי גיך געפאַלן פון די כּחות, און זיי האָבן געאײַלט צום צוג, כּדי וואָס גיכער זיך אָפּצורוען, ווי ס'האָט זיי געהייסן דער אײַלנדיקער דאָקטאָר.

ג.

יעדן שבת האָט ער געאײַלט אין לאַנדס־קלוב, כּדי גיך צו מאַכן די ניין לעכער פון גאָלף, וואָס איז געווען דער אָפּרו נאָך אַ גאַנצער וואָך אײַלן זיך.

אין זעניט איז יעדער דערפאָלגרײַכער בירגער פאַר־פליכטעט געווען אָנצוגעהערן צום לאַנדס־קלוב, פּונקט ווי צו טראָגן אַ לײַוונטענעם קאָלנער. בעביט האָט אָנגעהערט צום אײַשינג גאָלף־ און לאַנדס־קלוב, אַ שיינע גרויע געבײַדע מיט אַ ברייטן טויער, וואָס האָט אַראָפּגעקוקט פון אַ באַרג איבערן טײַך קענעפּוס. ס'איז געווען אַן אַנדערער קלוב, דער טאַנאַונדאַ לאַנדס־קלוב. צו וועלכן ס'האָט אָנגעהערט טשאַרלז מעק קאַלווי, האָראַץ אָפּדײַק און די איבעריקע גבירים, וואָס האָבן נישט געמיטאָקט בײַ די אַטלעטן, נאָר אין אוניאָן־קלוב. בעביט האָט אָפּטמאָל געזאָגט:

— כ'וואָלט פאַר קיין שום געלט פון דער וועלט נישט אָנגעהערט צום טאַנאַונדאַ, אַפילו ווען כ'וואָלט געהאַט הונדערט און אַכציק דאָלאַר, אַרויסצוואַרפן אויף אַן אויפנאַמע. אין אײַשינג האָבן מיר אַ חברה אמתע מענטשן, און די שענסטע פרויען פון שטאָט — וואָס שפּילן נישט ערגער ווי די מענער, אָבער אין טאַנאַונדאַ איז גאָרנישטאָ, לויטער קאַרפּן־קעפּ, ווי אין נוי־יאָרק, וואָס טרינקען טיי! בכלל צופיל מענטשן! יאָ, כ'וויל נישט געהערן צו זיי, אפילו ווען — כ'וויל פאַר קיין שום פרייז נישט.

ווען ער האָט שוין אָפּגעשפּילט פיר אָדער פינף לעכער, האָט ער זיך אַביסל אָפּגערוט, זיין פאַררויכערט קלאַפּנדיק האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָרמאַל צו קלאַפּן און זיין קול איז געוואָרן שטילער, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ קינד פון הונדערט דורות, צוגעפּאַסט צו זיין ראָלע.

ד

פּחות איינמאָל אין דער וואָך האָבן הער און פרוי בעבּיט מיט טינקן באַזוכט אַ קינאָ. זייער באַליבט קינאָ־טעאַטער איז געווען דער שאַטאָו, וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך דריי טויזנט צושויער, אַן אָרקעסטער פון פופציק מענטשן, וואָס האָט געשפּילט פראַגמענטן פון אָפּערעס און סואיטן, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט אַ פאַרם אָדער אַ שריפה צוזאַמען מיט די אַלאַרם־סיגנאַלן און די געשרייען; אין דער גרויסער געמויערטער געביידע, באַפּוצט מיט סאַמעטענע פאָטעלן, אַלטערטימלעכע טעפּיכער, אַ פּרעכטיקן סופיט, אונטערגעשפּאַרט מיט זיילן, אויסגעצירט מיט לאָטאָס־בלומען.

מיט באַגייסטערטע געשרייען: „ס'הויבט מיר אָן צו געפעלן!״ און „כ'וויל זען דעם אָפּענעם קאַסטן, וואָס באַווייזט דאָס אַלץ!״ האָט בעבּיט געגעבן אַן אויסדרוק זיין פאַרחידושקייט איבערן „שאַטאָו״. ער האָט געקוקט איבערן ים פון קעפּ, איינגעעטעמט דעם ריח פון די פּרעכטיקע קליידער, פון דיסקרעטן פּאַרפום און קיי־גומי, ער האָט געפילט, פונקט ווי אַמאָל, בעת ער האָט ס'ערשטע מאָל אַ קוק געטון אויף דעם הויכן באַרג און ער האָט אַ טראַכט געטון, וויפל מ'דאַרף האָבן ציגל אויפצובויען אַזאַ באַרג.

ער האָט ליב געהאַט דרייערליי פילמען: שיינע מיידלעך מיט נאַקעטע פיס, בעתן באָדן זיך; פּאָליציי און קאָוובאָיס און אַ געשיסעריי פון רעוואָלווערן; און אומגעוויינלעך דיקע מענער, וואָס עסן שפּאַגאַט. ער האָט האַרציק געלאַכט, די אויגן האָבן זיך אים פאַרגאָסן מיט אַ נעפּל, בעת ער האָט

געקוקט אויף די הינטלעך, קעצלעך און יאַטלעך. ער האָט געוויינט אָן שום חרפּה, בעת אַ טויטנפאַל, אָדער ווען אַן אַלטע מוטער האָט געדולדיק געוואַרט אויף איר זון אינם קליינעם הייזעלע. פרוי בעבּיט האָט ליב געהאַט פילמען, ווי יינגע פרויען האָבן, פּרעכטיק אָנגעטון, אַרומגעשפּאַצירט אין סאַלאָנען; די אויפשריפטן האָבן דערציילט, אַז דאָס זענען סאַלאָנען פון נוי־יאָרקער מיליאָנערן. טינקאַ האָט ליב געהאַט דאָס, וואָס ס'האָבן ליב געהאַט אירע עלטערן.

דידאָזיקע אַלע פאַרוויילונגען — בּייסבּאָל, גאָלף, קינאָ, בּרידזש, אויטאָמאָבּיל־רייזעס, לאַנגע שמועסן מיט פּאָול ריסלינג בּיי די „אַטלעטן", „אונטערן רויטן אָקס" אָדער אין „ענגלישן הויף", זענען געווען אַ נייטווענדיקייט פאַר בּעבּיטן, וואָרום ער האָט אָנגעהויבן אַ טעטיק לעבן, וועגן וועלכן ער האָט בּיז איצטער נישט געהאַט די קלענסטע השגה.

קאַפּיטל XIII

אַ.

ס'איז געווען אַ צופאַל, וואָס בעביט האָט געהאַט די געלעגנהייט צו האַלטן אַ רעדע אין ש. פ. ה. מ.

דער ש. פ. ה. מ., ווי זיינע מיטגלידער האָבן אים גע־רופן מיט דער אַלגעמיינער ליידנשאַפט צו געהיימניספולע און וויכטיקע איניציאַלן, איז געווען דער שטאָטישער פאַרבאַנד פון הייזער־מעקלער; די אָרגאַניזאַציע פון אַלע פאַרמיטלער און הענדלער. די יערלעכע פאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פאָרקומען אין מאָנאַרך, די איינצ־קע שטאָט אין דעם שטאַט, וואָס האָט געקאָנט קאָנקורירן מיט זעניט. בעביט איז געווען איינער פון די אָפיציעל דעלעגירטע; דער אַנדערער דעלעגאַט איז געווען סעסיל ראָנטרע, וועמען בעביט האָט באַוואונדערט, צוליב זיין פעיקייט צו הייזער־שפּעקולאַציעס, און אים געהאַסט פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין די שענסטע בעלער אויף ראָיאַל־רידזש. ראָנטרע איז געווען פאָרזיצער פון פּראָגראַם־קאָמיטעט אויפן צוזאַמענפאָר.

בעביט האָט זיך פאַר אים באַקלאָגט:

— אַ חלשות פאַ׳לט אויף מיר אָן, בעת איך זע, ווי די אַלע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און פּריידיקער יאָגן זיך נאָך דעם טיטל „פּראָפעסיאָנאַל”! אַ גוטער מעקלער ווייסט מער און איז פלינקער, ווי די אַלע לייט.

— איר זענט גערעכט! איך זאָג: פאַרוואָס פאָרמולירט איר דאָס נישט אויפן פּאַפּיר, און איר לייגט עס נישט פאָר דעם ש. פ. ה. מ.? — האָט ראָנטרע געעצהט.

— נו, ווען דאָס זאָל אייך פאַרלייכטערן, צונויפצושטעלן

דעם פּראָגראַם. כ׳וועל אייך זאָגן, אָט ווי איך קוק אויף דער זאַך: ראשית, דאַרפן מיר שטרעבן דערצו, אַז מען זאָל אונז נישט אָנרופן מעקלער נאָר סוחרים פון אומבאַוועגלעכע נחלאות. והשנית — וואָס איז דער חילוק צווישן מלאכה אָדער פּשוטען מסחר און באַרוף? וואָס איז דער חילוק? נו, מיט דער אַלגעמיינער נוצלעכקייט, מיט דער ליידנשאַפט, שטאַרקער ליידנשאַפט און אויסבילדונג, דאָס אַלץ; בעת ווען עמעצער מאַכט עפּעס אַ מסחר אָן שום בילדונג, גייט אים נישט אָן די געזעלשאַפטלעכע זײַט דערפון, נישט בילדונג, נישט וויסן און אַזוי ווייטער. איך אַלס אַ מענטש פון באַרוף —

—ייגערעכט! ס׳איז פיין אויפגעפּאַסט! אַ גוטע באַמערקונג! שר ב עס אויף אַ פּאַפּיר — האָט ראָגאַטרע געזאָגט, בעת ער האָט זיך דערווייטערט גיך און אַנטשלאָפן.

ב.

הגם ער איז געווינט געווען צו ליטעראַרישער אַרבעט דורך די אַנאָנסן און קאָרעספּאָנדענץ, האָט ער זיך דעם הײַנטיקן אָוונט אַפּיסל איבערגעשראָקן, בעת ער האָט זיך אוועקגעזעצט אָנשרײַבן אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרנעמען צען מינוט צײַט איבערצולייענען.

ער האָט אַנידערגעלייגט אויפן ווייבס צונאַמענגעלייגטן ניי-טישל אַ העפט פאַר מופצן סענט, וואָס איז תמיד געלעגן אין סאַלאָן. ער האָט באַפוילן אַלעמען צו שווייגן; ווערנאָנע און טעדן האָט מען געהייסן זיך אָפּשראָגן; טינקאַן האָט ער געדראָט: אויב כ׳וועל הערן אַ שאָרך — אויב דו וועסט נאָר איינמאָל וועלן טרינקען אַ גלאָז וואַסער, איין אייציק מאָל — נו, איך עצה דיר בעסער צו זיין רויק. פרוי בעביט האָט זיך אוועקגעזעצט בײַם קלאַוויר, גענייט אַ נאַכט-העמד און מיט יראת הכבוד געקוקט אויף איר מאַן, בעת ער האָט געשריבן אין העפט, צושאָקלענדיק זיך דערבײַ ריטמיש צום טאַקט פון וואַקלדיקן ניי-טיש.

אַז ער האָט זיך לסוף אויפגעהויבן, פאַרשוויצט און אויפגערעגט, מיט אַ פולן האַלדז ציגאַרן-רויך, האָט פרוי בעבּיט אַ זאָג געטון:

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי דו זעצט דיך אוועק און טראַכסט אויס פאַרשידענע זאַכן פון קאָפּ.

— אָך, דאָס איז אַ געוויינלעכע איבונג פון קאָנסטרוקטיווע פאַנטאַזיע, וואָס אַ מענטש שעפּט פון מאָדערנעם געשעפטס-לעבן!

— ער האָט אָנגעשריבן זיבן ווייטלעך. דאָס ערשטע זייטל האָט אויסגעזען אָט ווי:



די איבּריקע זעקס זייטלעך זענען געווען ענלעך צום ערשטן אַ וואָך צייט איז ער אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט. יעדן פרימאָרגן, בעתן אָנטון זיך, האָט ער געגעבן אַן אויסדרוק זיינע געדאַנקען:

— האָסטו זיך שוין אַמאָל פאַרטראַכט, מיראַ, אַז פריער, איידער אַ שטאָט קאָן האָבן הייזער און ווילשטאַנד אָדער עפּעס אַנדערש, מוז פריער קומען דער פאַרמיטלער, וואָס זאָל זיי פאַרקויפן ערד? די גאַנצע ציוויליזאַציע הויבט זיך אָן מיט זיי! האָסטו דיך שוין איינמאָל וועגן דעם פאַרטראַכט? — אין אַטלעטן-קלוב האָט ער נישט ווילנדיק אַוועקגעשלעפּט זיינע חברים אָן אַ זייט און געפרעגט: — זאָג מיר, ווען דו זאָלסט אַזוי באַדאַרפט פאַרלייענען אָן אָפּהאַנדלונג אויף אַ קאָנגרעס, צי וואָלסטו אָנגעהויבן מיט משלען, צי באַלד פון עצם הענין? — ער האָט געבעטן האָוואָרד ליטלפעלד וועגן סטאַטיסטישע ידיעות בנוגע דער הייזער-מעקלעריי, עפּעס וויכטיקס און איבּערציינגנדיקס.

אָבער צומיינסטן האָט ער זיך געווענדעט צו טשאָלמאָנ־דלי פרינק. יעדן טאָג, מיטאָג־צייט, האָט ער אַ כאַפּ געטון פּרינקן אין קלוב, און בעת פרינק האָט ווי אַ פאַרפאָלגטע חיה געזוכט, ווו צו אַנטלויפן, האָט ער געוואָלט פון אים דערגיין:

— זאָג מיר טשום, דו ביסט דאָך יאָ אַ מבין אויף שרייבעריי — ווי אַזוי וואָלסטו אויפגעשריבן אָט אַזאַ מין זאַץ, וואָרום דאָ אין מיין כּתב יד — נו, ווו צום טייוול איז ער? — אַ־אַ־אַ, דאָ איז ער... צי וואָלסטו געזאָגט: מיר דאַרפן נאָך אויסער דעם אויך נישט נאָר טראַכטן? צי: מיר דאַרפן נישט נאָר אויסער דעם נאָך אויך טראַכטן, אָדער —

אין איינעם אַן אָוונט, בעת זיין פרוי איז נישט געווען אין שטוב און בעביט האָט נישט געהאַט, פאַר וועמען צו אימ־פּאָנירן, האָט ער פּשוט פאַרגעסן אָן סטיל, אָפּזאַצן און אַלע אַנדערע מיסטעריען, און ער האָט אַוועקגעלייגט אויפן פּאַפּיר זיינע געדאַנקען, וועגן דעם באַרוף פון מעקלעריי און זיין אייגענע שטעלונג; ער האָט זיך איבערגעצייגט, אַז זיין רע־פעראַט איז אָנגעשריבן. בעת ער האָט אים פאָרגעלייענט פאַר זיין ווייב, האָט פרוי בעביט אויסגעשריגן אַ צופרידענע:

— אָך, טייערער, ס'איז גרויסאַרטיק; אַזוי פאַרשטענדלעך און אינטערעסאַנט און אַזוינע הערלעכע אידעען! יאָ, ס'איז באמת — ס'איז באמת הערלעך!

צומאָרגנס האָט ער אַ כאַפּ געטון טשום פרינקן און גע־זאָגט:

— נו, פּאַסקודניאַק איינער, כ'האָב עס שוין יענע נאַכט פּאַרטיק געמאַכט! כ'האָב עס אויפגעשמירט| כ'האָב תּמיד גע־מיינט, אַז איר, שרייבער, האָט אַ האַרטע ניס איינצובייסן, אָבער גאָט, ס'איז דאָך גאָרנישט שווער! גאַנץ באַקוועם פאַר אייך, מענטשן. איר פאַרדינט לייכט געלט! אַז איך וועל זיך אַמאָל צוריקציען פון מסחר, וועל איך זיך אָפּגעבן מיט שרייבעריי, און איך וועל אייך ווייזן, חברה, ווי אַזוי מ'שרייבט. כ'האָב תּמיד געטראַכט, אַז כ'קאָן שאַפן עפּעס בעסערס און אָריגינעלערס,

ווי אַט די נאַרישקייטן, וואָס ווערן געדרוקט, און יעצט ווייס איך עס שוין אויף זיכער!

ער האָט געמאַכט פיר קאָפּיעס פון זיין רעפּעראַט, גע־דרוקט מיט שוואַרצע אותיות אין מיט אַ רויט קעפּל, ער האָט זיי געבונדן אין העל־בלויען־לעדער. איין עקזעמפּלאַר האָט ער איבערגעשיקט צום אַלטן אייראָ רענאָן, דעם שעף־רעדאַקטאָר פון „אַדוואָקאַט־טיימס". ער האָט געזאָגט:

יאָ, יאָ, באמת, ס'פרייט אים זייער, ער איז זייער צופרידן דאָס צו האָבן. און ער וועט דאָס זיכער גרינטלעך אַדורכלייענען — ווי ער וועט נאָר האָבן צייט.

פרוי בעביט האָט נישט געקאָנט פאָרן קיין מאָנאַרך. זי האָט געהאַט אַ זיצונג אין פרויען־קלוב. בעביט האָט געזאָגט, אַז ס'איז אים זייער אומאָנגענעם.

ג.

חוץ די פינף אָפיציעל־דעלעגירטע צום קאָנגרעס — בע־ביט, ראָנטרע, וו. אַ. ראָגערס, אַלווין טייער און עלבערט ווייננ — זענען נאָך געווען פופציק אומאָפיציעלע דעלעגאַטן, ס'רוב מיט זייערע פרויען.

זיי האָבן זיך געטראָפן אויפן אוניאָן־וואָקזאַל פאַרן אָפגיין פון נאַכט־צוג קיין מאָנאַרך. אַלע, מיטן אויסנאַם פון סעסיל ראָנטרע, וואָס איז געווען אַזאַ סנאָב, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געטראָגן קיין אָפּצייכנונג, האָבן זיי אַלע געטראָגן צע־לעלוי־קנעפּ, גרויס ווי אַ דאָלאַר, מיט אַן אויפשריפט: מיר זענען פאַר זעניט. די אָפיציעלע דעלעגאַטן האָבן, חוצדעם, נאָך געטראָגן זילבערנע און רויטע בענדער. מאַרטין לומסענס קליין זונדעלע, ווילו, האָט געטראָגן אַ פאָן מיט פראַנדזן מיט אַן אויפשריפט: „זעניט איז די שענסטע שטאָט — לוסט, לוקסוס, צוקונפט — 1.000.000 אין 1935 ו" בעת די דעלעגאַטן זענען אָנגעקומען נישט אין טאַקסאָמעטרען נאָר אין אייגענע אוי־טאָמאָבילן, אָנגעפירט דורך אַן עלטסטן זון אָדער דורכן קוזין

פרעד, האָבן זיי פאָרמירט אַ אימפּראָוויזירטע פּראָצעסיע אין וואַרטע-זאַל פון וואָקזאַל.

דאָס איז געווען אַן אומגעהייער גרויסער, נייער וואַרטע-זאַל מיט מירמלנע זײַלן און פרעסקן, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די אַנטדעקונג פון טייך-בעקן שאַלוסאַ דורך פּיער עמיל פּיטויקס אין יאָר 1740. די בענק זענען געווען פון מאַסיוון מאַכאָגאָן-האָלץ. אינמיטן איז געשטאַנען אַ מירמלנער קיאָסק מיט מע-שענע לאַסטן. די דעלעגאַטן האָבן מאַרשירט אונטער ווילי לומסענס פאָן, די מאַנסבילן האָבן געשאָקלט מיט די ציגאַרן, די פרויען האָבן באַרוסטזיניק קאָקעטירט אין זייערע נייע קליידער און צירונג. זיי האָבן געזונגען, מיט דער מעלאָדיע פון אָלד לאַנגסין, דעם אָפיציעלער שטאָט-הימן, אָנגעשריבן דורך טשום פרינק:

זעניט, די ליבע שטאָט,
אונזער היים און פאָטערלאַנד
ווו מיר זאָלן נישט זיין,
זינגען מיר הויך אויפן קול,
זינגען מיר דיין לויב-ליד:
שטאָט אָן אַ גלייכן,
מיר בויגן זיך פאַר דיר!

וואם ווייטבי, אַ מעקלער, וואָס האָט געהאַט טאַלאַנט צו פאַרפאַסן פּאָסיקע לידלעך אויף באַנקעטן און פּאָמיליען-אָוונטן, האָט צוגעגעבן צו טשומס הימן עטלעכע שורות ספּעציעל צום מעקלער-צוזאַמענפאָר:

דאָס זענען מיר,
די מענטשן פון,
פון דער שיינער שטאָט,
מיר זענען מעקלער,
פון געלט און מעטער,
קיינעם לעבט זיך נישט אַזוי ווי אונז.

אין בעביטן האָט אויפגעלעבט דאָס פּאַטריאָטישע געפיל. ער איז אַרויפגעשפּרינגען אויף אַ באַנק און אויסגעשריגן הויך אויפן קול:

— וויאַזוי אַנטוויקלט זיך זעניט?

— טיב־טוב אַרום און אַרום!

— וועלכע שטאָט איז די שענסטע אין די פאַראייניקטע שטאַטן?

— ז—ע—נ—י—י—יט!

די געדולדיקע אָרימע מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן נאַכט־צוג, האָבן געקוקט אויף אים פאַרחידושט, — איטאַליענישע ווייבער אין שאַלן, אַלטע מידע רייזנדע, אין צעריסענע שטיוול, שלעפּער, אויף וועמענס פּנימער ס'איז אויסגעקריצט געווען די חכמה פון די ווייטע וועגן, אָנגעטון אין מלבושים, וואָס זענען אַמאָל געווען ניי און איצט פאַרבלאָז און אָפּגעשאָסן.

בעביט האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלס אָפיציעלער דעלעגאַט דאַרף ער זיך פאַרהאַלטן מיט מער חשיבות. ער האָט אַרומגעשפּאַצירט מיט ווייַנדזש און ראָגערס לעבן סאַלאָן־וואַגאָן אויף דער צעמענטענער פּלאַטפאָרמע. וועגעלעך באַגאַזש מיט מאָטאָר־אַרטיקלען און רויט־היטלדיקע טרעגער מיט חאַנד־קוישלעך זענען געגאַנגען לענגאויס די וואַגאָנען, זייער פאַרנומענקייט איז געווען אָנגענעם אָנצוקוקן. בויגן־לאָמפּן האָבן געפלאַקערט און געסיקעט איבער זייערע קעפּ. דער לויכטנדיקער געלער שלאָף־וואַגאָן האָט געגלאַנצט און געלאָקט צו זיך. בעביטס קול איז געווען קלינגנדיק און באַפעלעריש. ער חאָט אַרויסגעשטופּט זיין בויך פאָרויס און געפּלוידערט:

— מיר דאַרפן זען, אַז די פאַראייניקונג פון דער געזעצגעבונג זאָל קלאָר מאַכן, ווו ס'ליגט די סיבה פון דער כסדרדיקער העכערונג פון דעם פאַרקער־טאַריף. — ווייַנדזש האָט מורמלענדיק צוגעבאָמקעט און בעביט האָט ממש אָנגעקוואָלן— טריומפירט —

עמעצער האָט אַרויפגערוקט דעם פאָרהאַנג פון אַ קופּע אין סאַלאָן־וואַגאָן, און בעביט האָט אַ קוק געטון אין אַ

רעמדער וועלט. די קופּע איז געווען פאַרנומען דורך לוציל מעק קאַלווי, די שיינע פרוי פון אַ מיליאָנער. אפשר — האָט בעביט אַ טראַכט געטון — פאַרט זי קיין אייראָפּע. לעבן איר איז געלעגן אַ בינטל אָרכידעען און פּילכען און אַ בוך מיט אַ געלן איינבאַנד, אפּנים אין אַ פרעמדער שפּראַך. בעת בעביט האָט געקוקט אויף איר, האָט זי אַ נעם געטון ס׳ביכל און געקוקט אין פענסטער, ווי זי וואָלט זיך געלאַנגווײליקט. זי האָט זיכער געקוקט אויף אים און ער אויף איר, אָבער זי האָט עס נישט געגעבן צו דערקענען. זי האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם פאָרהאַנג, און ער איז שטיין געבליבן שטיל, מיט אַ קאַלט געפיל פון אומבאַהאָלפנקייט אין זיין האַרצן.

אָבער אין וואַגאָן האָט ער צוריק באַקומען זיין שטאָלץ, בעת ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט די דעלעגאַטן פון ספּאַרט, פּיאָניר און אַנדערע קליינע שטעטלעך, זיי האָבן מיט דרך ארץ אויסגעהערט, ווי דער אַריסטאָקראַט פון דער זעניט-מעטראָפּאָליע האָט דערקלערט די פּאָליטישע סיטואַציע און די פּרינציפּן פון דער געשעפטלעכער אַדמיניסטראַציע, דאָס איז געווען די ריינסטע און באַגייסטערטסטע פאָרם פון אַ געשפּרעך:

— וויאַזוי האָט זיך דער פאַרשוין ראָנטרע אַן עצה געטון מיט דעם גרויסן האָטעל, וואָס ער האָט באַדאַרפט אויפשטעלן? ווי וויל ער דאָס מאַכן? האָט ער שוין, ווער ס׳זאָל אים פינאַנסירן די אונטערנעמונג? — האָט געפרעגט אַ מעקלער פון ספּאַרט.

— יאָ, איך וועל עס אייך דערקלערן — האָט בעביט געזאָגט — ווען איך וואָלט געווען אויף זייער אָרט...

— אַלזאָ — האָט געזאָגט אַלבערט ווײנדזש — איך דינג אָפּ די גרויסע שויבן-פענסטער אייף אַ וואָך צייט און כ׳קלײַב אויף גרויסע אַנאָנסן: „אַ שטאָט פאַר קליינע לאַלקעס”, דאַן וואָלט איך אויפגעשטעלט אַ רייע קליינע הייזלעך און אַ סך נאָך קלענערע בוימעלעך, און פון הינטן וואָלט איך נאָכ-

אַמאָל אויפגעהאָנגען אַן אויפשריפט: „קינדער פרייט אייך מיט דער לאַלקע־שטאָט", אָבער דער פאָטער און די מוטער האָבן ליב אונזערע אַנטציקטע וויליעס, און איר מעגט מיר גלויבן, אַז ס'וואָלט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט און אין דער ערשטע וואָך וואָלט עס פאַרקויפט געוואָרן:

די רעדער פון די וואַגאָנען האָבן אויסגעקלאַפּט: ליקעטי לייק, ליקעטי לייק, בעת דער צוג איז פאַרבייגעפאָרן די פאַבריק־געגנטן. פון די גרויסע אויוונס האָבן אַרויסגעזעצט פלאַמען, די גרויסע האַמערס האָבן געקלאַפּט. דאָס רויטע, גריגע, בלענדיקע פייער האָט געפונקלט, און בעביט איז ווידער געוואָרן ערנסט און פול מיט באַגייסטערונג.

ד.

ער האָט זיך פאַרגינען אַן איבעריקן לוקסוס: ער האָט געלאָזט אויספרעסן זיין אַנצוג אין צוג. אינדערפרי, אַ האַלבע שעה פאַרן אַריינקומען קיין מאָנאַרך, איז דער דינער צוגעקומען צו זיין בעט און געשעפּטשעט: — הער, דאָס טואַלעט־צימער איז ליידיק. כ'האָב שוין דאָרט אַוועקגעלייגט אייער אַנצוג. ער האָט אַרויפגעצויגן זיין ברוינעם הערבסט־מאַנטל אויפן פרימאָרגן־אַנצוג און געגאַנגען לענגאויס דעם קאָרידאָר, צווישן די גלאַנצנדיקע ווענט צו זיין ערשטער פּריוואַטער קופּע. דער דינער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט, אַז בעביט איז צוגעוווינט צו מענלעכע דינערשאַפט; ער האָט געהאַלטן די עקן פון בעביטס הויזן, כדי זיי זאָלן ווידער נישט צעקנייטשט ווערן, ער האָט אָנגעגאָסן אַ שיסל וואַסער אין באַזונדערן וואַש־צימער און געוואַרט מיט אַ האַנטוך.

אַן אייגענער וואַש־צימער איז געווען אַ לוקסוס. די קופּעפאַר רויכערער אין סאַלאָן־וואַגאָן, וואָס האָט ביינאַכט אויסגעזען פּרעכטיק, האָט אינדערפרי אַפילו אויף בעביטן געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. ער איז געזעסן פולשטענדיק אָנגעשטאָפּט

מיט דיקע מאַנסליים אין יעגער־מלבושים, יעדעס בענקל איז געווען פול באַזעצט מיט יעגער, אויף די לעדערנע שטולעכלעך זענען געלעגן די טואַלעט־זאַכן, און די לופט איז געווען דורכגעזאַפט מיט אַ חלשותדיקן ריח פון זייף און ציין־פּאַסטע. בעביט האָט, ווי געוויינלעך, נישט זייער געבענקט נאָך אַן אייגענעם וואַש־צימער, אָבער איצט האָט ער זיך באַגייסטערט פון דעם אַלעמען, ער האָט זיך באַגייסטערט פון דער דינערשאַפט; מיט פאַרגעניגן האָט ער געגעבן דעם דינער אַ דאָלאַר מיט אַ האַלבן ביר־געלט.

ער האָט געהאָפט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, בעת ער איז אין פריש־אויסגעפרעסטן אַנצוג מיטן טרעגער מיט די פעקלעך פון הינטן, אויסגעשטיגן אין מאָנאַרך.

ער האָט געמוזט אָפּטרעטן אַ האַלב צימער אין האָטעל סעדזשוויק פאַר וו. א. ראָגערס, דעם פאַרם־הענדלער פון זעניט. זיי האָבן צוזאַמען געגעסן דעם פיינעם פרישטיק, וואָס איז באַשטאַנען פון וואַפלעס מיט קאַווע. בעביט איז געוואָרן רעדעוודיק, ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פאַר ראָגערסן די קונסט פון שרייבן. ער האָט געגעבן דעם שיק־ייִנגל אַ פערטל דאָלאַר, ער זאָל אים ברענגען די פרימאָרגן־צייטונג, און ער האָט אָנגעשריבן צו טינקען אַ פּאָסט־קאַרטל: „דער פּאַפּאַ באַדויערט, וואָס דו ביסט דאָ נישטאָ, כדי זיך צו קאָנען מיט דיר ווײלן".

ה.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין באַל־זאַל פון אַלען־הויז. הינטן, אין אַ צימערל, האָט זיך געפונען די ביוראָ פון פאָרזיצער פון אויספיר־קאָמיטעט. ער איז געווען דער טעטיקסטער מיטגליד פון קאָנגרעס, ער איז געווען אַזוי פאַרנומען, אַז ער האָט גאָרנישט באַזאָרגט. ער איז געזעסן ביי אַן איינגעלייגטן טישל אין אַ צימער, וואָס איז פול געווען מיט צעקנייטשט פאַפיר. אַנאָנסן־אַגענטן, מענטשן, וואָס האָבן געזוכט,

איזוי צו באַאײַנפלוסן די קאָנגרעס-מיטגלידער, ויגד-
נער, וואָס האָבן געוואָלט נעמען אָן אָנטייל אין די וויכוחים,
האָבן אים געשעפּטשעט אין אויער אַרײַן; ער ווידער האָט
געקוקט אומזיכער און גיך געענטפערט: — יאָ, יאָ, דאָס איז
אַ פיינע אידעע, מיר וועלן זיך נאָך דערצו אומקערן, און
תיכף פאַרגעסן, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט. דאַן האָט
ער פאַררויכערט אַ ציגאַר און ער האָט פאַרגעסן, אַז ער האָט
פאַררויכערט, אינצווישן קלינגט דער טעלעפאָן, די מענטשן
לעבן אים שרייען: הער פּאָרזיצער! וואָס האָט צומאָל נישט דער-
גרייכט זיינע פאַרמאַטערטע אויערן.

אין אויסשטעלונגס-צימער זענען געווען פּלענער אויף נייע
פאָרשטעט פון ספּאָרט, פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען פון דער ניי-
ער רעזידענץ אין שטאָט גאַלאָפּדע וואַש, און גרויסע זאַנגען
מיט אַן אויפשריפט: „נאַטירלעך גאָלד, פון שילביי קענטי,
דער גן-עדן פון גאָטס באַליבטער שטאָט.”

די אמתע פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען פון מענער, וואָס
זענען געקומען אין די האָטעל-צימערן און געשריגן אַלע פאַר-
אַמאָל אָדער זענען געשטאַנען אין די קאָרידאָרן, אָבער ס'זע-
נען אויך איינגעאָרדנט געוואָרן עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

די דערעפענונגס-רעדע האָט אָפּגעהאַלטן דער בירגער-
מייסטער פון מאָנאַרך; דער פּאַסטאָר פון דער ערשטער קריסט-
לעכער קירך אין מאָנאַרך, אַ שווער-גופיקער מאַנספּיל מיט אַ
לאַנגן פייכטן יאָק האָר אויפן שטערן, האָט מודיע געווען דעם
רבונו של עולם, אַז דאָ האָבן זיך אַצינדערט פאַרזאַמלט די
פעלקער.

דער חשובער מינעמאַגאַנטער מעקלער, מאַיאָר קאַרלטאָן
טעק, האָט געלייענט אַ פּאַפּיר, ווו ער איז אַרויסגעטרעטן קעגן
די קאָאָפּעראַטיווע געוועלבן. וויליאַם ע. לאַרקין פון יורעקאַ
האָט געלייענט אַ פּראָגנאָז, פול מיט טרייסט, וועגן דער בוי-
טעטיקייט און איר אויסזיכט אויף דער צוקונפט, און ער האָט
דערמאָנט די אַנוועזנדע, אַז דער פּרייז פון געוויינלעכע שויבן
איז געפאַלן מיט צוויי פּונקטן.

דער קאָנגרעס איז געווען אין פולן גאַנג.

גרויס אַכט איז געלייגט געוואָרן אויף דער אונטערהאַלטונג פון די דעלעגאַטן. די האַנדלס-קאַמער פון מאָנאַרך האָט געגעבן לכּבוד זיי אַ באַנקעט, און דער פאַבריקאַנטן-פאַריין — אַ פייערלעכע נאָכמיטאָג-אויפנאַמע, אויף וועלכער יעדע דאַמע האָט געקריגן אַ כריזאַנטעמע און יעדערער פון די מענער אַ לעדערן נאָטיץ-ביכל מיט אַן אויפשריפט: „פון מאָנאַרך, די ריזיקע אויטאָמאָביל-אונטערנעמונג".

פרוי גראָסביי קנאָולטאָן, די פרוי פון פליטווינג-אויטאָמאָבילן-פאַבריקאַנט, האָט אויפגעמאַכט די טויערן פון איר באַרימטן איטאַליענישן גאָרטן און דערלאַנגט די געסט טיי. זעקס הונדערט מעקלער מיט זייערע ווייבער האָבן אויסגעטרעטן אין דער לענג און אין דער ברייט די האַרבסט-שטעגן פון פאַרק. מעגלעך אַז דריי הונדערט פון זיי האָבן וועגן גאָרנישט געטראַכט; מעגלעך אַז די אַנדערע דריי הונדערט האָבן באַגייסטערט אויסגעשריגן: — ווי הערלעך, וואָס? און זיי האָבן שטילערהייט אָפּגעריסן די לעצטע אַסטרען און באַהאַלטן אין קעשענע אַריין, באַמיענדיק זיך צו דערנענטערן זיך צו פרוי קנאָולטאָן און אַ דריק צו טון איר צאַרט הענטל. נישט געבעטענערהייט האָבן זיך די דעלעגאַטן פון זעניט (אויסער ראָנטרע אַרומגעשטעלט אַרום דער מירמלנער טאַנצנדיקער נימפע און זיי האָבן געזונגען: „מיר קומען דאָ, די יינגען פון זעניט, פון דער שיינער שטאָט."

צופעליק האָבן אַלע דעלעגאַטן פון דער שטאָט פיאָניר אָנגעהערט צום ברידערלעכן שוץ-אָרדן, זיי האָבן געטראָגן מיט זיך אַ פרעכטיקע פאָן מיט אַן אויפשריפט: ב. י. ד. וו. די בעסטע יונגן אויף דער וועלט — מ. ר. פ. פ. — מאַכט רעקלאַמע פאַר פיאָניר. אויך גאַלאָפּדע וואַש, די הויפּטשטאָט פון דעם שטאַט, האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשעמען. דער פירער פון דער גאַלאָפּער דעלעגאַציע איז געווען אַ גרויסער, רויטער, קיילעכדיקער, אָבער זייער רויקער מענטש. ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין רעקל, אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד

ויין בּרייטן, שוואַרצן פּילצענעם הוט, אַרויפגעשאַרצט די אַרבּל פון העמד, ער איז אַרויפגעקראָכן אויפן זונען־זייגער און גע־ שריגן הויך אויפן קול:

— מיר זענען מודיע דער גאַנצער וועלט און דער ליבנס־ ווירדיקער דאַמע, וואָס האָט אונדז דאָ היינט אויפגענומען, אַז די בּעסטע שטאָט פון גאַנצן שטאַט איז גאַלאָפּ דע וואַש. איר, חברה, מעגט אייך רעדן וואָס איר ווילט, אָבער איך זאָג אייך, אַז אונזער אַלטע גאַלאָפּ פאַרמאָגט דעם גרעסטן פּראָצענט אייגענע הייזער און בּאָדן, און דעריבּער קומען נישט פאָר קיין אַרבּעטער־אומרוען, און שטאָט צו פּראָדוצירן אַסך אומצופרידנ־ הייט, פּראָדוצירן זיי אַ סך קינדער. גאַלאָפּ דע וואַש! די שטאָט פון מענטשן, וואָס פאַרמאָגן אייגענע ווינונגען! די שטאָט, וואָס רייסט אַלץ פאַר זיך! מיר—זענען—עס—מודיע—דער— וועלט!

די געסט זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען; אין גאָרטן איז צוריק שטיל געוואָרן. אָבער פרוי גראָסבּיי קנאָולטאָן האָט אָפּגעזיפצט, בּעת זי האָט אַ קוק געטון אויף דער מירמלנער בּאַנק, וואָס שטייט שוין פינף הונדערט יאָר אין גאָרטן אַמאַלפי. עמעצער האָט מיט אַ קאָפּיר־שטיפט אָנגעשמירט אויף דעם ספינקס, וואָס האַלט אונטער די בּאַנק, אַ פּאָר וואָנסן. צעקנייטשטע פּאַפּירענע סערוועטקעס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט צווישן די מאַרגערעטקעס. אויף די שטעגן זענען, ווי שטיקלעך אָפּגעריסן פלייש, געלעגן די בּלעטלעך פון די לעצטע רויזן. אויסגערוי־ כערטע פּאַפּיראָסן זענען אַרומגעשווומען אין דעם בּאַסיין פון גאָלדענע פישעלעך און זיי האָבן אַרויסגעגעבּן פון זיך אַ מי־ אוסן ריח. הינטער דער מירמלנער בּאַנק איז געלעגן אַ צע־ בּראָכן טיי־שעלכל, די שאַרבּנס זאָרגפעלטיק צונויפגעלייגט.

ד.

אַז ער האָט זיך אומגעקערט אין האָטעל אַריין, האָט בּעבּיט אַ טראַכט געטון: מירע וואָלט אָנגעקוואָלן פון די אַלע

טייערע חוליאַנקעס. אים אַליין האָט אָט דידאָזיקע גאָרטן פּאַרוויילונג ווייניקער אינטערעסירט, ווי אַן אויספלוג מיטן אויטאָמאָביל, איינגעאָרדנט דורך דער מאָנאַרכער האַנדלס־קאַמער. ער האָט אומדערמידלעך באַקוקט די וואַסער־רעזערוואַרן, די אונטערשטאָטישע טראַמוויי־רעמיזיע און די גאַרבערייען. ער האָט געשלונגען די סטאַטיסטישע ציפערן, מיט וואָס מ'האָט אים געשפּייזט און מיט זיין באַגייסטערונג האָט ער זיך געטיילט מיט זיין האָטעל־שכן וו. א. ראָגאָווס:

— נאַטירלעך, ווי קומט מאָנאַרך צו זעניט; נישטאָ אונזער ברייטער פאַרנעם און די נאַטירלעכע אַנטוויקלונגס־מיטלען. אָבער איר האָט דאָס געוווּסט — איך האָב עס ביז הייגט צו טאָג נישט געוווּסט — אַז זיי האָבן אין לעצטן יאָר פּראָדוצירט זיבנהונדערט און דרייאונזעכציק מיליאָן פּוט בוי־מאַטעריאַל? וואָס זאָגט איר דערצו!

ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון לייענען זיין רעפעראַט, האָט ער זיך אויפגערעגט. בעת ער איז געשטאַנען אויך דער פּלאַטפאָרמע פאַרן פאַרזאַמלטן עולם, האָט ער געפילט, ווי ער ציטערט, און נישט געזען מער, ווי פּורפּורענע נעפּלען, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַלטן זייער ערנסט, און בעת ער האָט פאַרענדיקט זיין פאָרמעלע רעדע, האָט ער ווייטער גערעדט צו די פאַרזאַמלטע, מיט די הענט אין די קעשענעס, זיין קאָמיש פּנים האָט געלויכטן, ווי אַ טעלער אויפגעשטעלט אויפן קאַנט, אין דער ליכטיקייט פון די לאָמפּן. זיי האָבן געשריגן: — דאָס איז שטאָף. און בעת דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט, האָבן זיי זיך געווענדעט צו אים מיט די ווערטער: „אונזער פריינט און ברודער, מיסטער דזשאָרזש פ. בעביט.” אין משך פון פופצן מינוט האָט זיך דאָס קליינע מענטשעלע פאַרוואַנדלט אין אַ פּערזענלעכקייט, באַרימט, ווי דער געשעפטס־דיפּלאָמאַט סעסיל ראָנטרע. נאָכן רעפעראַט האָבן זיך די דעלעגאַטן פון די אַנדערע שטעט געווענדעט צו אים: — ווי גייט עס, ברודער בעביט? זעכצן פרעמדע מענער האָבן אים גערופן „דזשאָרזש”. אַנדער

דריי מענער האָבן אים אָפּגעשלעפּט אָן אַ זייט און אים פֿאַרטרוילעך געשעפּטשעט אין אויער אַריין: — כ׳בין זייער צופֿרידן, וואָס איר האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אייערס אַ גוט וואָרט, וועגן אונזער באַרוף. איך פֿון מיין זייט, האָב תּמיד געזאָגט —

צומאָרגנס האָט בעביט, ווי צופֿעליק און מיט אומענדלעכער גלייכגילטיקייט, פֿאַרלאַנגט פֿון מיידל אין צייטונגס־קיאָסק פֿון האָטעל די זעניטער צייטונגען. די „פּרעסע" האָט נאָרנישט דערמאָנט, אָבער אין „אַדוואָקאַט טיימס" אויף דער דריטער זייט, — ער האָט אָפּגעאָטעמט. זיי האָבן אָפּגעדרוקט זיין בילד און צוגעגעבן אַ באַריכט פֿון אַ האַלבער זייט. דאָס קעפּל איז געווען: — אַ סענסאַציע אויף דער יערלעכער פֿאַרזאַמלונג פֿון די מעקלער פֿון אומבאַוועגלעכקייט. ד. פּ. בעביט, דער באַקאַנטער זעניטער פֿאַרמיטלער, האָט אַרויסגערופֿן אַ ריזיקן אינטערעס מיט זיין שטורמישער רעדע.

ער האָט אַ מורמל געטון מיט חשיבות

— נו, כ׳מיין, אַז אַצינדערט וועלן די מענטשן פֿון פֿלאָרעל־הייטס אויפֿמאַכן די אויגן, זיי וועלן מער ווענדן זייער אויפֿמערקזאַמקייט אויפֿן אַלטן דזשאָרזש!

ז.

די לעצטע פֿאַרזאַמלונג. די דעלעגאַטן לייגן פֿאָר, אַז דער קינפֿטיקער קאָנגרעס זאָל פֿאָרקומען אין זייערע שטעט. רעדנער זאָגן זיך אַרויס, אַז „גאַלאָפּ דע וואַש, די רעזידענץ־שטאָט, דאָס אָרט פֿון אַן אוניווערזיטעט, איז דער אַלגעמיין אָנערקענטער אָרט פֿאַר קולטורעלע און בכבודיקע אונטערנעמונגען, און „האַמבורג", די גרויסע שטאָט, מיט איר לאָגישער איינטיילונג, ווו יעדער מאַן האָט אַ ברייטע האַנט און יעדע פֿרוי איז אַ גאָט־געבענטשטע ווירטן, עפֿנט אויך די פֿריינדלעכע טויערן.

אינמיטן די פֿאַרשידענע רעדעס, עפֿנט זיך די טיר פֿון באַל־זאַל, אונטער די קלאַנגען פֿון טרומייטן קומט אַריין אַ

הערלעכער מאַסקן-צוג. דאָס זענען געווען די דעלעגאַטן פון זעניט, איבערגעטון פאַר קאָווּבאָיען, קצבים און יאַפּאַנישע דזשאָנגלערס. פאָרויס איז געגאַנגען דער גרויסער וואַרן אויהייטבי מיט אַ בערן-פעל אויף זיין אַקסל, אין אַ רויט-געל רעקל פון טאַמבור-מאַזשאָר. הינטער אים איז געגאַנגען איינער איבערגעטון פאַר אַ קלאָון, ער האָט געקלאַפּט אין אַ מעשענער פויק, געהעטן גליקלעך און געפּילדערט — דאָס איז געווען בעביט.

וואַרן אויהייטבי איז אַרויף אויף דער טריבונע, ער האָט צופרידן אַמאַך געטון מיט אַ שטעקעלע און געזאָגט:

—יונגעלייט און מיידן, אָט איז געקומען די צייט אומצוקערן זיך אַהיים אין אונזערע נעסטן. אַ הייס-געבאָדענער זעניטער האָט זיכער ליב זיינע שכנים, אָבער פּונקט ווי זיך אַליין. אָבער מיר האָבן פעסט באַשלאָסן אַרויסצורייסן פון אייערע לאַפּעס דעם קינעטיקן קאָנגרעס איבעראיאָר, ווי מיר האָבן ביי אייך צוגערויבט די בינעס פון קאָנדעסירטע מילך און די בינעס פון פאַפּירענע שאַכטלעך.

י. האַרי באָרמיל, דער פאָרזיצער פון קאָנגרעס, האָט אויסגערופן:

— מיר זענען אייך זייער דאַנקבאַר, הער, הם, אָבער איר מוזט געבן אַנדערע אַ געלעגנהייט, אַריינצוטראָגן זייערע פאָרשלאַגן.

אַ קול, ענלעך צו אַ שופר, האָט געשריגן:

— יורעקאַ שענקט גראַטיס אַן אויספלוג מיט אויטאָמאָבילן אין די שענסטע געגנטן.

אַ בלייכער יונגערמאַן איז געלאָפן איבערן זאַל, געפאַטשט מיט די הענט און געשריגן:

— איך בין פון ספּאָרט! אונדזער האַנדלס-קאַמער האָט מיר טעלעגראַפיש מיטגעטיילט, אַז זי שענקט אַכט טויזנט דאָלאַר מזומן, אויפצונעמען די מיטגלידער פון קאָנגרעס.

אַ פאַרשוין מיט אַ פנים פון אַ גייסטלעכן האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט און געשריגן:

— ס׳געלט רעדט! איך לייג פאָר, אַז מיר זאָלן אָנגע־מען דעם פאָרשלאַג פון ספּאַרט.

און ער איז אָנגענומען געוואָרן.

ח.

דער קאָמיטעט, וואָס האָט געדאַרפט פאָרמולירן די באַשלוסן, האָט געלייענט אַ באַריכט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, וואָס דעם אַלמעכטיקן בורא איז געפעלן געוואָרן דעם לעצטן יאָר צוצונעמען זעקסאונדרייסיק פאַרמיטלער צו זיך אין הימל אַריין, און די פאַרזאַמלטע דאַרפן איצט, הייסט עס, באַדויערן שטאַרק די מעשים פון רבונו של עולם, און דער סעקרעטאַר זאָל איצט אָנשרייבן אין נאָמען פון אַלע מעקלער צו די שווער געליטענע פאַמיליעס נעבעך, אַ טרייסט בריוו, צו יעדער פאַמיליע אַ קאָפּיע פון דעם באַשלוס, וואָס די פאַרזאַמלונג וועט איצט אָננעמען.

אַ צווייטער באַשלוס האָט באַפולמעכטיקט דעם פרעזידענט פון פ. ה. מ., אויסצוגעבן פופצנטויזנט דאָלאַר, אויף צו פאַרבעסערן די שטימונג ביים באַשטימען די שטייערן אין די רעגירנדיקע קרייזן. דערדאָזיקער באַשלוס איז געווען אַ רעזולטאַט פון די לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, וועגן דער געפאַר, וואָס האָט געדראָט דעם געזונטן האַנדל, אויך פון דער נויטיקייט, אויסצורייניקן די פּראָגרעסיווע קרייזן פון די שלעכטע עצה־געבער און קורצזיכטיקע שטערונגען.

דער קאָמיטעט פון קאָמיטעט האָט געלייענט דעם באַריכט, און בעביט האָט מיט שטוינונג זיך דערוווסט, אַז ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט צו שרייבן קעפּלעך.

ער האָט טריאומפירט

— כ׳האָב געזאָגט, אַז ס׳גייט אַ גדויס יאָר! דזשאָרזש, אַלטער ביין, גרויסע זאַכן וואַרטן אויף דיר! ביסט אַ געבוי־

רענער רעדנער, און דו ווייסט, ווי אַזוי זיך אומצוגיין מיט מענטשן און —

ט.

אויפן לעצטן אָוונט איז שוין נישט געווען צוגעגרייט קיין שום פאָרמעלע פאַרזאַמלונג. בעביט האָט באַשלאָסן צו פאָרן אַהיים, אָבער נאָכמיטאָג האָט זשערעד סאַסבורגערס פון פיאַניר פאַרבעטן אים מיט וו. אַ. ראָגערסן אויף אַ גלעזל טיי אין האָטעל-קאַפּע קאַטאַלפּאַ.

פאַר בעביטן זענען אַזעלכע נאָכמיטאָג-טייען נישט געווען קיין נייעס. — זיין ווייב און ער האָבן שוין נישט איינמאָל אָן אָנטייל גענומען אין אַזוינע טיי אויפנאַמען, לפּחות איינמאָל אין יאָר — אָבער דאָס אַלץ איז אים אויסגעקומען גענוג עקזאָטיש, כּדי ער זאָל עס האַלטן פאַר אַ וויכטיקן מאָמענט. ער איז געזעסן בײַ אַ גלעזערנעם געדעקטן טיש אין קינסטלערישן, אויסגעפּוצטן זאַל פון דער קאַפּע, מיט אירע געמאָלטע קראָליקעס און אויפשריפטן מיט אַ מוסר השׂכּל אויפן שאָל פון בערעזע-האָלץ, מיט קעלנערינס, וואָס האָבן זיך באַמיט אויסצוזען שיין אין זייערע האָלענדישע היטעלעך, ער האָט געגעסן דאָס געשמאַקע סאַלאַט-ברויט און זיך פריילעך אונטערגעהאַלטן מיט פרוי סאַסבורג, וואָס איז געווען שיין און גרויסאויגיק, ווי אַ וואַקסענע פיגור. סאַסבורג און בעביט האָבן זיך באַקאַנט מיט צוויי טעג צוריק און זיי האָבן זיך שוין גערופן „דזשאָרדזש" און „סאַסי".

סאַסבורג האָט זיך כּמעט ווי געבעטן:

— הערט אויס, יונגען, איידער מיר צעפאָרן זיך, איז אַזוי ווי דאָס איז אונזער לעצטע געלעגנהייט... איך האָב דאָס אין מיין צימער, און אונזער מרים איז די בעסטע מישערין אין שטאַט ענדאָס, ווי מיר, איטאַליענער, פלעגן עס רופן.

מיט ברייטע, גוטמוטיקע באַוועגונגען איז בעביט און וו. אַ. ראָגערס געגאַנגען מיט די סאַסבורגס אַהיים. פרוי סאַסבורג.

האָט אַ געשריי געטון: — אָ, ווי שרעקלעך! — בעת זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי האָט געלאָזט ליגן דאָס דורכזיכטיקע נאַכט־העמד פון ראָזאַ־פאַרביקן קרעפּע אויפן בעט. זי האָט עס שנעל אַ באַהאַלט געטון אין קופערט, בעת בעביט האָט געשריגן: — מאַכט אײַך גאָרנישט דערפון, מיר זענען היימישעמענטשן!

סאַסבורג האָט טעלעפאָניש באַשטעלט אײַז. דער שליח וואָס האָט געבראַכט דאָס אײַז, האָט ווי פאַר זיך און פּראָזאַיִש אַ פרעג געטון: ווייסקי אָדער קאָקטייל־גלעזלעך? מרים סאַסבורג האָט געמישט דעם קאָקטייל אין איינעם פון יענע שלימזלדיקע אומגעלומפּערטע ווײַסע קרוגן, וואָס מ'זעט נאָר אין די האָטעלן. אַז זיי האָבן פאַרענדיקט דעם ערשטן קרײַז, האָט פרוי סאַסבורג באַוויזן, אַז נישט געקוקט וואָס זי איז אַ פרוי, קאָן זי גוט דעם הייליקן ריטואַל פון קאָקטייל־טרינקער, ווײַל זי האָט אַ זאָג געטון:

— איך קלער, יונגען, אַז איר וועט פאַרנעמען נאָך אַ פּאָרציע — ס'קומט אײַך צינזן.

אינדרויסן, האָט בעביט אַ זאָג געטון צו ראָגערסן:

— הער אויס, ו. אַ.! דו אַלטער כשופמאַכער, מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט נאָך איבערגעהאַלטן, ווען מיר וואָלטן זיך נאָך היינט נישט אומגעקערט אַהיים צו אונזערע ליבע ווײַבער. לאָמיר שוין פאַרבלײַבן דעם אָוונט אין מאָנאַרך און לאָמיר אַביסל צולעבן, וואָס?

— דזשאָרזש, פּערל שיטן זיך דיר פון מויל. ממש גאָלדענע ווערטער! עלווייגס ווײַב איז אַוועקגעפאָרן קיין פּיטסבורג. מ'דאַרף אים פּרווון געבן אַ נעם.

האַלב אַכט זענען זיי געזעסן אין זייער צימער מיט אַלבערט ווײַנג און מיט נאָך צוויי דעלעגאַטן פון אַנדערע שטאַטן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די רעקלעך, אויפגעקנעפּלט די וועסטן, זייערע פּנימער האָבן געפלאַמט מיט אַ פּורפּור־קאָליר, דאָס קול איז בײַ זיי געווען הייזעריק. זיי האָבן גאָר־וואָס פאַרענדיקט אַ פלעשל שטאַרקן, געשמוגעלטן ווייסקי און זיי האָבן געבעטן דעם דינער: — אָך, זונדעלע, צי קאָנסטו

אונז נישט ברענגען נאָך אביסל פון דעם באַלזאַמישן געטראַנק?

— זיי האָבן געריכערט גרויסע ציגאַרן און אָפּגעשאָקלט דאָס אַש אויפן דיוואַן, מיט אַ שטורמישן געלעכטער האָבן זיי זיך דערציילט אַנעקדאָטן. זיי זענען געווען אמתע מאַנסבילן, אין אַ גאָט געבענטשטן צושטאַנד.

בעבּיט האָט אָפּגעזיפצט:

— איך ווייס נישט, וואָס איר ווערט טראַכטן דערפון, אָבער איך אַליין האָב ליב ענדערונגען: צו קלעטערן אויף שפּיצן פון בערג און צו דערגרייכן דעם נאָרד־פּאָל, צו קוקן פון דאָרטן אויף דער נאַטור, אַרומצוקריַיזן וואָיראָזאָ בוירעקליס.

דער מאַן פון ספּאָרט, אַן ערנסטער, קרעפטיקער יונגערמאַן האָט געפּלוידערט:

— כ'זאָג איַיך, כ'בין אַ גאַנץ גוטער מאַן, לפּחות ווי יעדער דורכשניטלעכער מאַן, אָבער גאָט מיין איינציקער, ווי לאַנגווייליק דאָס איז, אומצוקערן זיך יעדן טאָג אַהיים און גאָרנישט נישט זען, אויסער אַ קינאָ! איך זאָג איַיך, אַז איך אַנטלויף און איך מאַך איבונגען מיט דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, איך ווייס, אַז כ'האָב די שענסטע פרוי פון שטאָט, אָבער איר ווייסט צו וואָס כ'האָב געשטרעבט ייִנגלווייז? כ'האָב געוואָלט זיין אַ גרויסער כעמיקער, אָט אַזוי האָב איך געוואָלט, אָבער מיין פאָטער האָט מיר געמאַכט שטערונגען אויף דעם וועג. ער האָט מיר גאָר געחייסן פאַרקויפן קיך־געשיר, און אַזוי בין איך צוגעשמידט — אויף מיין גאַנץ לעבן, — שוין נישטאָ קיין מעגלעכקייט זיך אָפּצורייסן! אָך, צום טייוול, ווער האָט אָנגעהויבן אָט דעם אומעטיקן שמועס! ווי האַלט עס מיט נאָך אַ גלעזעלע? ס'וואָלט אונז, כ'לעבן, גאָרנישט געשאַאַאַאַדט!

— יאָ, גענוג מיט די טרויעריקע זאַכן — האָט וו. אַ. וואָגערס געזאָגט פריילעך — איר ווייסט דאָך יונגען, אַז איך בין אַ דאָרפישער זינגער? נו, הויבן מיר אָן: איינס צוויי דריי!

זאָגט דער אַלטער עובדית צו דעם יונגן עובדיה:
אין האַלז איז מיר טרוקן, עובדיה מיין ליבער:

זאָגט דער יונגער עובדיה צום אַלטן עובדיה:
אַקוראַט ווי איך, נאָך מיט אַ שמיצל אַריבער.

י.

די האָבן געגעסן מיטאָג אין מירישן גריל-זאַל פון האָטעל סעדזשוויק. עפּעס פּונקט ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד, זענען אונטערגעקומען צוויי פרישע חברים. אַ פּאַבריקאַנט פון פליגן-פּאַפּיר און אַ דענטיסט. אַלע האָבן זיי געטרונקען וויסקי פון טיי-שעלעכלעך, און זיי זענען געווען ביים הומאָר. איינער האָט נישט געהערט, וואָס דער אַנדערער האָט געזאָגט. אַ חוץ דאַמאָלס. ווען וו. אַ. ראָגערס האָט „אַריינגערעדט" אין איטאַליענישן קעלנער:

— הערט אויס, דזשוסעפּע — האָט ער געזאָגט אומ-שולדיק — איך וויל אַ פּאָר געבאַקענע העלפאַנט-הערנער.

— ליידער, מיין הער, מיר האָבן דאָס נישט.

— וואָס, נישטאָ קיין העלפאַנט-הערנער? וואָס זאָגסטו דערצו — האָט זיך ראָגערס געווענדעט צו בעביטן — פּעדראָ זאָגט, אַז ס'האָבן אויסגעפעלט העלפאַנט-הערנער.

— נו, וואָס וועל איך עסן? האָט געזאָגט דער מאַן פון ספּאָרט, קוים איינהאַלטנדיק זיך פון לאַכן.

— יאָ, וויבאַלד אַזוי. קאַרלאָ, ברענגט מיר אַ פּאָרציע רינד-בראָטן מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל און אַביסל אַרבעסלעך — האָט ראָגערס געצויגן ווייטער — איך מיין, אַז אין אַלטן, ליבן, רויקן איטאַליען ברענגען די אָנשטענדיקע איטאַליענער די מהיהדיקע פרישע גאָרטן-אַרבעסלעך פון די אַמעריקאַנער קאָנ-סערוון-קעסטלעך.

— ניין, סיר, מיר האָבן זייער שיינעם אַרבעס אין אי-טאַליען.

— איז עס באמת אַזוי? דזשאָרזש, הערסט? דאָרט, זאָגט ער, וואַקסט אַרבעס אין גערטנער! צום טייוול, מ'ווערט

אַלט ווי אַ פערד און מען לערנט זיך קיינמאָל נישט אויס נישט אמת, אַנטאָניאָ? וועסט זיך דאָך אויך לערנען אויף די אַלטע יאָרן, אויב דו וועסט נאָר דערלעבן עלטער צו ווערן. אָלדייט, גאַריבאַלדי, גיב אַהער דאָס שטיק ריפ און אַביסל יענע פראַנצויזישע קאַרטאָפלעס אויף אַ צושמעלץ, קאָמפּרענע ווו, מיכעלאָוויטש אַנדריילאָני?

שפעטער האָט אַלבערט ווינג זיך געחידושט:

— האָסט אים גוט צעמישט, דעם אָרעמען יונג, מ. א. ער האָט נישט די קלענסטע השגה, וואָס דו ווילסט פון אים!

אין „מאָנאַרכער העראָלד“ האָט בעביט געפינען אַן אַנאָנס וואָס ער האָט געלייענט אונטער אַ האָגל פון געלעכטער און צופרידנקייט:

אַלטער קאָלאָניע-טעאַטער
באַגריסט די אַלטע לוסטיקע פייגל צו דער
פ ריי ל ע כ ע ר ש פ י ל
די פריילעכסטע טרופע פון די שענסטע מיידלעך
אין באָד קאָסטיומען און בורלעסקן
פעטע מענוטי און זיינע זיסע,
שיינע קינדערלעך

דאָס איז דער קורצער וועג-ווייזער. דאָס איז די פריילעכסטע טרופע, וואָס האָט נאָר ווען ס'איז אַמאָל אַמאָל באַזוכט אונזער שטאָט! מאַך פיס, כאַפ אַ בילעט און הויב-אויף דיינע אויגן אויף דער וונ—דער—לע—כער סצענע. קריגסט הונדערט און צען פראָצענט פון אַריינגעלייגטן קאַפּיטאַל — אין געלעכטער!!! די שוועסטער קאַלראָזאַ זענען ווערט, אַז מען זאָל זיי אָנקוקן, און זיי וועלן דיר געבן צו געניסן פאַר דיין געלט. דזשעק זיל בערנשטיין איז דער פלינקסטער יאַט אין לשון, און ער וועט דיר אַריינשפּריצן אַ שפּאָרע דאָזע געלעכטער.

דזשעקסאָן און וועסט נעמען אייך מיט בראַוואָס, בעת זיי טאַנצן אויף איין און צוויי דראָטן. פראָווינס און אַדאַמס פאַרטרייבן דיין שלעכטע שטימונג מיט זייער לאַך-סקעטש „הוטש מאָן! „ס'איז פיין!" הערט אויס די קלכלעך פון די פייגלען, וואָס לאָקן אייך מיט זייער געזאַנג, חברה

— דאַכט זיך, אַז דאָס דאַרף זיין נישקשה. גייען מיר אַלע אַהין — האָט בעבּיט געזאָגט.

אָבער זיי האָבן אָפּגעלייגט צו גיין אַהין, אויף ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געקאָנט. זיי זענען געווען זיכער מיט זיך, אַזוי לאַנג ווי זיי זענען געזעסן אונטערן טיש, פעסט צונויפגעלייגט די פיס, אָבער זיי האָבן געוווּסט, אַז קוים רירן זיי זיך פון אָרט, איז עס גאָרנישט אין אָרדנונג. זיי האָבן מורא געהאַט דורכצוגיין דעם לאַנגן גליטשיקן פּאַרקעט פון זאַל, כדי נישט צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די איבעריקע געסט און פון די ווייניקער אָדער מער אויפמערקזאַמע קעלנער.

אַז זיי האָבן זיך שוין ענדלעך אָנגענומען מיט דרייסטקייט, האָבן די טישן זיך געשטעלט זיי אין וועג. זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרדעקן זייער אָנגעזויפנקייט מיט אַ פרעכער פרייליכקייט; אין גאַרדעראָב, בעת דאָס מיידל האָט זיי דערלאַנגט די היט, האָבן זיי פרעך געשמייכלט צו איר און ביי זיך אין האַרצן שטיל געהאָפט, אַז זי איז ווי אַ קילע און אַ דערפאַרענע ריכטערין, זי וועט פאַרשטיין, אַז זי האָט איצט צו טון מיט אמתע דזשענטל-לייט. איינער האָט געפרעגט דעם אַנדערן: — וועמענס איז די שיסל? — און: — קלויב דיר אויס דעם בעסטן, דזשאָרזש, איך וועל שוין נעמען פון דעם וואָס וועט בלייבן. און צו דעם מיידל, וואָס האָט זיי דערלאַנגט, האָבן זיי געזאָגט: — קום בעסער מיט אונז, שוועסטערל! מיר וועלן זיך מאַכן אַ פיינעם אָוונט! אַלע האָבן זיך געריסן, צו געבן איר טרינקגעלט, איינער האָט איבערגעשריגן

דעם אַנדערן: — ניין! וואַרט! דאָ! כ'האָב שוין אין דער האַנט! אַרום און אַרום האָט זי געקריגן דריי דאָלאַר.

יא.

אונטער אַ דיקן רויך פֿון ציגאַרן, די פֿיס אָנגעשפּאַרט אָן דעם באַריער, זענען זיי געזעסן אין אַ לאָזשע אויף דער פֿאָרשטעלונג פֿון בורלעקן־כאָר, בעת אַ מחנה פֿון צוואָנציק צוגעפּאַרבטע, פֿאַרגרימירטע, האַלב־תּמעוואַטע נפֿשות האָבן באַוועגט זייערע פֿיס אין אָנפּאַנגערישע טאַנץ־באַוועגונגען און עפּעס אַן אַקטיאָר מיט אַן עפּט־סעמיטישן אויסזען האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער יידן. בעתן אַנטראַקט האָבן זיי זיך געטראָפֿן מיט אַנדערע איינזאַמע דעלעגאַטן. אַ טייל פֿון זיי איז שפּעטער אין טאַקסאָמעטערן אַוועקגעפֿאָרן אין שענק, ווו די פֿאַרביקע בלומען פֿון ברודיק, דין פּאַפּיר, האָבן פֿאַרפּוצט דעם גאַנצן נידעריקן סופֿיט פֿון אַ שטינקנדיקן זאַל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַן אומגוצלעך־געוואָרענע קו־שטאַל.

דאָ האָט מען גאַנץ אָפֿן דערלאַנגט וויסקי אין גלעזער. צוויי אָדער דריי ביוראַליסטן, וואָס האָבן אין טאָג פֿון זייער לוין־אויסצאָלונג געמאַכט דעם איינדרוק פֿון מיליאָנערן, האָבן אומגעלומפּערט געטאַנצט מיט טעלעפֿאָניסטינס און מאַניקורשעס אין שמאָלן דורכגאַנג צווישן די טישלעך. די פּראָפֿעסיאָנאַלן האָבן געטאַנצט פֿאַנטאַסטיש: אַ יונגערמאַן אין אַ פּרעכטיקן אָוונט־אַנצוג און אַ מיידל אין אַ שמאַראַגד־גרין זיידן קלייד, מיט האַרטע האָר, וואָס האָבן אַרומגענומען איר קאָפּ ווי פֿלאַמען. בעביט האָט געפֿרוווט מיט איר טאַנצן. ער האָט זיך באַוועגט לענגאויס דעם דיל, געוואָלט צו גראָב, אַז זי זאָל אים קאָנען פֿירן, זיינע טריט זענען נישט אויסגעקומען גלייך צום טאַקט פֿון דער מוזיק, ער איז שיר אַנידערגעפֿאַלן, אָבער זי האָט אים געהאַלטן פֿעסט און גוטמוטיק. דער אַלקאָהאָל פֿון דער פּראָהיבישאָן־עפּאָכע האָט אים געמאַכט טויב און

בלינד. ער האָט נישט געזען די טישלעך און נישט די פּנימער. אָבער ער איז געווען איבערגענומען פון מיידלס שיינקייט און פון איר יונג, װאַרעם לייב.

אַז זי האָט אים ענדלעך רויק און אַנטשלאָסן צוגעפירט צו זיין גרופּע, האָט ער זיך דערמאָנט, מיט אַ גדאַנקען־שפרונג, וואָס ער האָט נישט געקענט באַקאָנטראָלירן, אַז זיין מאַמעס מאַמע איז געווען אַ שאָטלענדערין. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף הינטן, פאַרמאַכט די אויגן און מיט אַ מויל, וואָס האָט אויסגעדריקט אַנטציקונג, האָט ער אָנגעהויבן זינגען פאַמעלעך און צופרידן: „לאָך לאָמאָנד".

אָבער דאָס זענען געווען די לעצטע מאָמענטן פון זיין גוטער שטימונג און חברשער פריילעכקייט. דער מאַן פון ספּאַרט האָט געזאָגט, אַז ער, בעביט, ריטשעט ווי אַן אָקס און בעביט האָט זיך געקריגט מיט אים גאַנצע צען מינוט צייט, מיט אַ טומלענדיקן, אומזיכערן, העראָישן כּעס. זיי האָבן נאָך געוואָלט טרינקען, אָבער דער שענקער האָט געוואָלט שליסן דעם לאָקאַל. אין דער גאַנצער צייט, האָט בעביט געפילט אַ פאַר־לאַנג, צו אַ מער ברוטאַלער פאַרווײַלונג. בעת וו. אַ. ראָגערס האָט אַ זאָג געטאָן: — וואָס זאָגט איר וועגן דעם, אַז מיר זאָלן גיין אַ קוק טון וועגן מיידלעך? — איז בעביט צוגע־שטאַנען מיט באַגײַסטערונג. איידער זיי האָבן פאַרלאָזט דעם לאָקאַל, האָבן דריי פון זיי זיך אָפּגעשמועסט מיט אַ פּראָפעס־יאָנעלער טענצערין, וואָס האָט יעדן איינעם פון זיי אָפּגע־ענטפערט: יאָ, יאָ, זיכער מיין טייערער — און זי האָט תיכּף גאַנץ גוטמוטיק פאַרגעסן אָן זיי.

אַז זיי זענען דורכגעפאָרן די פאָרשטעט פון מאָ־נאַרך, דורך לאַנגע גאַסן מיט קליינע, ברוינע, הילצערנע אַר־בעטער־הײַזלעך, ווי תּפיסה־קאַמערן, בעת זיי זענען פאַרביי־געפאָרן דעם האַנדלס־קוואַרטאַל, וואָס האָט אין זייער שפּורן צושטאַנד געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק פון אימהדיקייט און פול מיט סודות, וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו די ווייטע לאַמטערן, צו די הויכע, רייסנדיקע קלאַנגען פון די

אויטאָמאַטישע קלאַווירן און צו די נאַריש־לאַכנדיקע פּרויען, האָט בעביטן אַרומגענומען אַ פּחד. ער האָט געהאַט חשק אַרויסצושפּרינגען פֿון טאַקסאָמעטער, אָבער דאָס לייב האָט אים געברענט. ער האָט אַ מורמל געטון: — צו שפּעט צו אַנטלויפֿן — און ער האָט געוווּסט, אַז ס'וואָלט גאָרנישט געהאָלפֿן.

אונטערוועגס איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס זיי האָב אַלע אויפֿגענומען קאָמיש. אַ מעקלער פֿון מינעמאַגאַנטיק האָט געזאָגט: — מאָנאַרך איז אַ סך לעבעדיקער, ווי זעניט! איר, זעניטער, האָט נישט אַזעלכע שענקען, ווי דאָ.

בעביט האָט זיך אויפֿגערעגט:

— דאָס איז אַ געמיינער ליגן! נישטאָ קיין זאַך, וואָס מ'זאָל נישט קריגן אין זעניט. איר מעגט מיר גלייבן, — אַז ביי אונז אין זעניט זענען פֿאַראַן מער פֿאַרדעכטיקע הייזער און בראָנפֿן, שענקען און אַלע אַנדערע הייזלעך און לעמער, איידער אין אַלע אַנדערע שטעט פֿון דעם שטאַט.

ער האָט באַמערקט, אַז זיי לאַכן פֿון אים; ער האָט זיך שיר נישט גענומען שלאָגן וועגן דעם, אָבער ער האָט תּיכּף פֿאַרגעסן דערין אין דער ווייטערדיקער אויפֿרעגונג פֿון אומבאַפֿרידיקטע וויכּוחים, וואָס ער האָט שוין נישט דורכגעמאַכט זינט די אַלטע צייטן אויפֿן אוניווערזיטעט.

צומאָרגנס, בעת ער האָט זיך אומגעקערט אין זעניט, האָט ער געפֿילט, אַז זיינע אַוואַנטוריסטישע פֿאַרלאַנגען זענען טיילווייז באַפֿרידיקט. ער האָט זיך באַפֿעסטיקט הינטער אַ מין אידעלער שעמעוודיקער צופֿרידנקייט. ער איז געווען צערייצט. ער האָט שוין נישט געלאַכט, בעת וו. אַ. ראָגערס האָט זיך באַקלאָגט:

— אוי, מיין קאָפּ נעבעך! גאָטס שטראָף האָט זיך אויף מיר אויסגעגאָסן אין היינטיקן פֿרימאָרגן. הער נאָר! כ'ווייס שוין פֿונוואַנען דאָס נעמט זיך! עמעצער האָט געטוזט מיר נעכטן אַריינגיסן אַלקאָהאָל אין האַלדז אַריין!

וועגן בעביטס הוליאַנקע האָט זיך נישט דערוווּסט, נישט די פאַ־מיליע און נישט קיינער פון זעניט, מיטן אויסנאַם פון ראָ־גערס ווייִנג. נישט איינמאָל האָט ער אַליין מיט אים גע־באַפּט אַ שמועס וועגן דעם. אויב עס זענען נאָך פאַרבליבן שפּורן, זענען זיי קיינמאָל נישט אַנטדעקט געוואָרן.

קאַפּיטל XIV

א.

אין דעמדאָזיקן הערבסט איז וו. ג. האַרדינג פון מאַריאָן, אָהייאָ, אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אָבער זעניט האָט זיך ווייניקער אינטערעסירט מיט דעמדאָזיקן נאַציאָנאַלן ענין, ווי מיט די לאָקאַלע וואַלן. הגם סענעקאַ דאָן איז געווען אַן אַדוואָקאַט און געהאַט אַ דיפּלאָם פון מלוכה־אוניווערזיטעט, האָט ער פונדעסטוועגן אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור אַלס בירגערמייסטער פון זעניט מצד דער אַרבעטער־פּאַרטיי. די קעגנערישע ריכטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון די דעמאָקראַטישע און רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען, האָבן אַרויסגעשטעלט לוקאַס פּראָוט, אַ מאַטראַצן־פּאַבריקאַנט, וואָס האָט אומעטום געשמט מיט זיין רויקן, געזונטן פאַרשטאַנד. הער פּראָוט איז אונטערגעשטיצט געוואָרן פון אַלע בענק, פון דער האַנדלס־קאַמער, פון אַלע אָנשטענדיקע ציי־טונגען און פון דזשאָרדזש פ. בעביט.

בעביט איז געווען דער ראַיאָן־פירער פון פלאָרעל־הייטס, אָבער זיין וואַל־קרייז איז געווען געזיכערט, און ער האָט געדורשט נאָך בלוטיקע שלאַכטן. זיין רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויפן קאָנגרעס, האָט אים שוין געמאַכט באַרימט אַלס רעדנער, מחמת דעם האָט דער רעפּובליקאַנישער און דעמאָקראַטישער צענטראַל־קאָמיטעט אַרויסגעשיקט אים אין זיבעטן וואַל־קרייז פון צפון־זעניט, אַז ער זאָל דאָרטן אָפּהאַלטן אַ רעדע פאַר אַן אוידיטאָריע פון אַרבעטער, באַאַמטע און זייער

פּרויען, וואָס האָבן נישט קיין השגה, וואָס צו טון מיט זייער נאַר-וואָס באַקומענער שטים-רעכט. אין משך פון עטלעכע וואָכן איז ער געוואָרן אַ באַרימטקייט. נישט זעלטן אויף אַזאַ מיטינג קומט אַ רעפּאָרטער, און צומאָרגנס האָבן מודיע געווען די קעפּלעך אין די צייטונגען (הגם נישט קיין גרויסע), אַז דזשאָרזש פּ. בעביט „האָט גערעדט פאַר אַ באַגייסטערטן עולם און פאַר דער אָנוועזנהייט פון באַרימטע געשעפטס-לייט האָט ער אויפגעדעקט די שווינדלערייען פון דואַן". איינמאָל האָט זיך אין דער אילוסטרירטער זונטיק-ביילאַגע פון „אַדוואָקאַט טיימס" געפונען אַ פאָטאָגראַפיע פון דזשאָרזש פּ. בעביט און נאָך אַ טוץ אַנדערע געשעפטס-לייט, מיט אַן אויפשריפט: „די זעניטער פירער פון האַנדל און פינאַנסן שטיצן אונטער פּראָוטן.

זיין כבוד האָט ער באמת ערלעך פאַרדינט. ער איז געווען אַ העלדישער קעמפער. ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרק-גלויבן: ער איז געווען איבערצייגט, אַז ווען לינקאָלן וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט ער זיכער געשטימט פאַר האַרדינגען — סיידן ער וואָלט געקומען קיין זעניט אָפּגעבן זיין שטים פאַר הער לוקאַש פּראָוט. ער האָט נישט פאַרדרייט די אוידיטאָריע אַ קאָפּ מיט שפּיציקע טעאָריעס. פּראָוט שטעלט פאָר מיט זיך דעם הערלעכן האַנדל און פלייסיקייט. סענעקאַ דואַן — די קליינקעפלדיקע אומבאַהאָלפנקייט, און פון די ביידע דאַרף מען וויסן, וועמען אויסצוויילן. מיט זיינע ברייטע אַקסלען און געזונטער שטימע, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ גוטן יונג. און — וואָס עס איז באמת אַ זעלטענע זאַך, ער האָט שטאַרק ליב געהאַט דאָס פאָלק. אַפילו דעם געמיינעם אַרבעטער האָט ער ליב. ער האָט וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן קריגן גוטע לוינען, כדי זיי זאָלן זיין בכוח צו צאָלן גרויסע צינזן—הגם פאַר אים איז גאַנץ זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דורך דעם וועלן אויך נישט פאַרקלענערט ווערן די אָנשטענדיקע פאַרדינסטן פון די פאַבריקאַנטן. מיט דעמדאָזיקן גוטן פּראָגראַם און מיט זיין רעדנער-טאַלאַנט, איז ער ביי די מענטשן

באליבט געוואָרן, און ער האָט עקשנותדיק געפירט דעם וואַל־קאַמף, נישט נאָר אין זיבעטן וואַל־קרייז, נאָר אויך אין זעקסטן און אפילו אין זעכצנטן וואַל־קרייז.

ב.

צוזאַמענגעפּרעסט אין זיין אויטאָמאָביל, זענען זיי געפאָרן צום זאַל פון טורן־פּאַריין אויף צפון־זעניט — בעבּיט, זיין ווייב, וועראָנע, טעד, און פּאָול און צילאַ ריסלינג. דער זאַל האָט זיך געפונען איבער אַ דעלעקאַטעסן־געוועלב, אין אַ גאַס, וואָס האָט געציטערט פון דעם טראַמוויי־גערויש און געשטונקען מיט ציבעלעס, נאַפט און געבראָטענע פיש. אַלע, מיטן אויסנאָם פון בעביטן אַליין, האָבן געקוקט אויף בעביטן מיט אַן אַנדער בליק.

— איך פאַרשטיי באמת נישט, וויאַזוי דו ביסט בכוח צו רעדן אין איין אָוונט אויף דריי מיטינגען. איך ווינטש מיר צו האָבן דיין כוח — האָט פּאָול געזאָגט; און טעד האָט אויסגעשריגן צו וועראָנע — דער אַלטיטשקער ווייסט, וויאַזוי צו נעמען די חברה־לייט און צו פירן זיי אויפן דרך הישר!

מענער אין שוואַרצע סאַטינענע העמדער, זייערע פנימער פריש אָפּגעוואַשן, אָבער מיט אַן איינגעגעסענעם שמוץ אונטער די אויגן, זענען געקראָכן אויף די ברייטע טרעפּ אַרויף אין זאַל אַריין. בעביטס געזעלשאַפט האָט העפלעך זיך געמאַכט אַ וועג צווישן עולם צום ריין־אויסגעקאַלעכטן צימערל. אין דער טיף איז געשטאַנען אַ טריבונע מיט אַ שטענדער, געמאָלט מיט אַ בלויע וואַסער־פאַרב, ווי ס'באַנוצן די גרויסע קינסטלער און די אייגנטימער פון אַ סך לאָזשעס: דער זאַל איז געווען פול. בעת בעביט האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם, האָט ער געהערט די ליבע־ווערטער: דאָס איז ער! דער פאָרזיצער איז אים געגאַנגען אַקעגן און געפרעגט:

— דער רעדנער? אַלץ איז גרייט, סיר! הם — דער־לויבט — ווי איז אייער נאָמען, סיר?

בעביט האָט גענומען גיסן מיט אַ מבול ווערטער:

— מיינע דאַמען און הערן פֿון זעכצנטן וואָל-קרייז! ס'איז פֿאַראַן אַ מענטש, וואָס קאָן דאָ נישט זיין מיט אונז אין דעם היינטיקן אָוונט, אַ מענטש, וואָס האָט, ווי יענע טראָיאַנער, נישט זיינס גלייכן אויף דער פּאָליטישער אַרענע — איך מיין דאָ דעם פֿירער און חשובן לוקאַס פּראָוט, וואָס האָט געטראָגן מיט שטאָלץ די פֿאָן פֿון דער שטאָט זעניט און איר אומגעגנט. אַזוי ווי ער איז דאָ נישטאָ, מיין איך, אַז איר וועט מיר דערלויבן, אַז איך, אייער שכן און פֿריינט, איך, וואָס בין שטאָלץ דערמיט, וואָס דער גורל האָט מיך באַשאָנקען צו קאָנען זיך טיילן מיט אייך מיטן גליק, צו זיין איינער פֿון די זעניטער איינוווינער, אַז איך זאָל קאָנען אייך דערקלערן מיט דער גאַנצער געדולדיקייט, ערלעכקייט און ערנסטקייט, וויאַזוי איך באַציִ זיך צו דערדאָזיקער וואָל-קאָמפּאַניע; איך, אַ געשעפֿטס-מאַן, אַ מענטש פֿון ביזנעס, וואָס גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט דער ברכה פֿון אַרבעט. אַפֿילו דאַן ווען איך בין פֿאַרמשפּט צו זיצן ביים שרייב-טיש, האָב איך פֿאַרגעסן אָן דעם עול אויפֿצושטיין האַלב זעקס אינדערפֿרי און צו לויפֿן אין דער פֿאַבריק מיטן פּעקעלע עסן אין דער האַנט — בעת די פֿאַבריק-סירענע פּייפֿט ערשט זיבן אַ זייגער, סיידן, ווען דער אייגנטימער געגאַרט אונז מיט אַ צען מינוט און לאָזט פֿריער דעם סיגנאַל! (געלעכטער) אָבער כּדי צו קומען צו די פֿונדאַמענטאַלע און זייער וויכטיקע רעזולטאַטן פֿון אונזער וואָל-קאָמפּאַניע, וואָס ווערט על פּי טעות פֿאַרגרעסערט דורך דער שווינדלערישער אַגיטאַציע פֿון סענעקאַ דואַן — —

ס'זענען דאָ געווען אַרבעטער, וואָס האָבן הויך געחוזקט. יונגע חוצפּהדיקע אַרבעטער, ס'רוב אויסלענדער — יידן, שוועדן, אירלענדער, איטאַליענער — אָבער די עלטערע מענטשן, די איינגעהויקערטע מעכאַניקער, מויערער, האָבן געפּאַטשט בראַוואָ, און בעת ער האָט אָנגעהויבן דערציילן פֿאַר די צוהערער זיין

מעשהלע וועגן לינקאָלן, זענען בײַ זײ אין די אויגן געשטאַנען טרערן.

ער איז גיך און באַשײדן אַרויסגעלאָפן פון זאַל; באַגלײט מיט בראַוואָס, איז ער אַוועק אויף דער דריטער פאַרזאַמלונג פון הײַנטיקן אָוונט.

— טעד, פיר בעסער דעם אויטאָמאָביל — האָט ער אַ זאָג געטון — כ'בין אַ שפּאָר ביסל פאַרמאַטערט פון דער רעדע. נו, פּאָול, וואָס זאָגסטו דערצו? כ'האָב זײ גענומען?

— פײַן! פענאָמענאַל! דו ביסט באַשאָנקען מיט דער אמתר רעדנער-קונסט.

פרוי בעביט האָט אָנגעקוואָלן:

— אָך, ס'איז געווען הערלעך! אַזוי קלאָר און אינטע- רעסאַנט, און אַזוינע קלוגע אידעען. בעת איך הער, ווי דו רעדסט, פאַרטראַכט איך זיך, אַז איך בין פשוט נישט בכח צו פאַרשטײן, ווי טיף דו פאַרטראַכסט זיך וועגן דעם אַלעם און וואָס פאַראַ געניאַלע אײַנפאַלן דו האָסט! וואָס פאַר אַן אויסוואַל פון ווערטער! מיט אײן וואָרט — הערלעך.

אָבער ווראָנע איז געווען אויפגערעגט.

— פאָטער — האָט זי אים געפײַניקט—פונוואַנען ווײסטו, אַז די עפנטלעכע-נוצלעכע-אינסטיטוציעס און אַזוי ווײטער און אַזוי ווײטער זענען תמיד אומנויטיק?

פרוי בעביט האָט זי געמוסרט:

— ראָנע, דאַכט זיך מיר, אַז דו דאַרפסט וויסן און זיך פאַרטראַכטן, אַז ווען דײַן טאַטע איז פאַרמאַטערט פון רעדן, איז נישט די צײַט אויף קלאָר צו מאַכן דיר אַזוינע שווערע פראַגן. איך בין זיכער, אַז ווי ער וועט זיך נאָר אַביסל אָפּ- רוען, וועט ער דיר גערן אַלײן אַלץ דערקלערן. איצט זײַ שטיל און געב דעם טאַטן אַ מעגלעכקײט, צוצוגרײטן זיך צו דער אַנדערער רעדע! טוט אײַך נאָר אַ שטעל פאָר: אין דאָזיקן אויגנבליק שטראָמט דאָס פאָלק אין מאַקאַבי-טעמפּעל און וואַרט אויף אונז.

ג.

הער לוקאַס-פּראָוט און די געזונטע ביזנעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער סענעקאַ דואַן און דעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס, און זעניט איז אַזוי אַרום ווידער געראַטעוועט געוואָרן. בעביטן האָט מען פאָרגעלייגט עטלעכע קליינע אַמטן פאַר זיינע אָרעמע קרובים, אָבער ער האָט ליבערשט געוואָלט קריגן צו דער צייט אינפאָרמאַציעס, אין וועלכע ריכטונג עס וועלן געלייגט ווערן נייע גאַסן, און די דאַנקבאַרע פאַרוואַלטונג האָט זיי אים געגעבן. ער איז אויך געווען איינער פון די ניינצן רעדנער אויפן באַנקעט, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער שטימע אויף דער פייערונג פון דער האַנדלס-קאַמער לכּבוד דעם נצחון פון יושר און אמת.

ער איז שוין געווען באַרימט אַלס רעדנער, און מחמת דעם האָט מען אים אָנגעטרויט אָפּצוהאַלטן די יערלעכע רעדע אויפן באַנקעט פון זעניטער מעקלער-פאַרבאַנד. דער „אַדוואָקאַט-טיימס" האָט איבערגעדרוקט דידאָזיקע רעדע מיט אַן אומגעוויינלעכער פּינקטלעכקייט.

„איינער פון די וויכטיקסטע באַנקעטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע צייטן, איז אָן ספק דער נעכטיקער יערלעכער באַנקעט, וואָס ס'האָט איינגעאָרדנט דער זעניטער מעקלער-פאַרבאַנד אין דעם ווענעציאַנישן באַל-זאַל פון האָטעל אוירן. דער ליבער פריינט, דזשיל אוירן, האָט ווי תּמיד נישט מיסגעברויכט מיט דעם שטענדיקן צוטרוי צו אים, און ער האָט אויפגענומען די געסט מיט אַן אויסוואַל פון מאכלים, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך צו געפינען אין מערב נוי-יאָרק, און מעגלעך, אַז דאָרטן אויך נישט. די געסט האָבן זיך געקוויקט מיט די גוטע מאכלים און נאָכגעטרונקען דעם פיינעם וויין, וואָס וועקט אויף דעם גייסט און מאַכט נישט שכּור; דאָס איז געווען דער עפּל-וויין פון טשענדלער מאָט, דעם פאָרזיצער פון פאַרבאַנד, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין הומאָר און ענערגיע."

„מחמת דעם, וואָס הער מאָט האָט געליטן אויף האַלדז-ווייטאָק און געהוסט, האָט די דערעפענונגס רעדע אָפּגעהאַלטן. ד. פּ. בעביט. נאָכדעם, ווי ער האָט דערקלערט די אַנטוויקלונגס-אַקציע אויף צו באַשטימען אַ נאָמען פאַר די מעקלער, האָט בעביט געזאָגט אָט וואָס:

„איידער איך טרעט צו, אָפּצוהאַלטן פאַר אייך מיין אימפּראָוויזירטע רעדע, וואָס איך האָב באַהאַלטן ביי מיר אין וועסטל-קעשענע, וויל איך אייך דערציילן אַ מעשהלע פון צוויי אירלענדער, מיק און פּאַט, וואָס זענען געפאָרן אויפן באַן אין שלאָף-וואַגאָן. איך האָב אייך פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז ביידע זענען זיי געווען מאַטראָזן. דאַכט זיך, אַז מיק איז געלעגן אונטערן בעט, און מיטאַמאָל הערט ער, ווי איבער אים, ווו פּאַט איז געשלאָפן, הערט זיך אַ קלאַפּ און אַ גערויש, ער טוט זיך אַ ריס פון אָרט און פרעגט, וואָס ס'איז געשען, דערויף האָט פּאַט געענטפערט: — אָך, כ'קען אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוטון, אַ גאַנצע נאַכט נישט. שוין פון אַכט אַ זייגער אָן פּרוּוו איך זיך אַזוי אַריינצופּאַקן אין דעם שטריק-בעטל, אָבער ס'גייט נישט.

„נו, דזשענטעלמענער, שטייענדיק דאָ פאַר אייך, פיל איך דיזעלבע איבערלעבעניש, וואָס פּאַט, און אפשר וועל איך זיך לסוף, ווען איך וועל זיך אַראָפּרעדן אַביסל פון האַרצן, דערפילן אַזוי קליין, אַז איך וועל זיין בכוח אַריינצוקריכן אין דער שאַטקע פון אַ שלאָף-וואַגאָן. אָבער דאָס וועל איך טון אָן שום מאַטערניש!

„דזשענטעלמענער! דאַכט זיך מיר, אַז פּונקט ווי יעדעס יאָר אויף דעמדאָזיקן פייער, עכן באַנקעט, וואָס פאַראייניקט אונז אַלע, פריינט און שונאים, ווען מיר לייגן אַוועק די שווערד פון האַנט, און פון דער מילדער, לויטערער לופט פון גוטן ווילן און האַרציקייט שווימען אַרויס די באַבלומטע באַרג-שפּיצן פון לויטערער פריינטשאַפט — איז אונזער ערשטע פליכט זיך צו שטעלן האַנט אין האַנט, אַקסל ביי אַקסל; בירגער און ברידער פון דער בעסטער שטאָט אויף דער וועלט, מיר דאַרפן

ייך איין אויגנבליק רויק און קלאָר פאַרטראַכטן, ווער מיר זענען. מיר אַלס אַזעלכע און אַלס אַ טייל פון אַלגעמיינעם וווילשטאַנד.

„אמת טאַקע, אַז חוץ אונזערע דרייהונדערט און איינ־און־זעכציק טויזנט, און לויט דער פּראַקטישער צאָל דרייהונדערט און צוויי־און־זעכציק טויזנט איינוווינער, לויט דער לעצטער סטאַטיסטישער ציילונג — פעלט נישט קיין גרעסערע שטעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווי אונזער שטאָט. אָבער מיינע חערן, אויב מיר וועלן ביי דער קינפטיקער ציילונג נישט פאַרנעמען לפּחות דאָס צענטע אָרט, וועל איך גערן בעטן יעדן איינציקן, וואָס וועט האָבן חשק דערצו, אַז מ'זאָל מיר אויסרייסן די אויגן פון קאָפּ און וואַרפן פאַר די הינט! דאָס זאָגט צו אייך ד. פּ. בעפּיט, ווי איך בין אַ מענטש! מעגלעך, אַז ס'איז אמת, אַז נוי־יאָרק, טשיקאַגאָ און פילאַדעלפיע וועלן ווייטער אונז אַריבערוואַקסן אין דער צאָל. אָבער נישט גערעכנט זיך מיט די דריי שטעט, וואָס זענען שוין אַזוי געדיכט באַפעלקערט, אַז קיין שום אָנשטענדיקער ווייסער מענטש, וואָס האָט ליב זיין ווייב און קינדער און גאָטס שיינע נאַטור און טיילמאָל צו דריקן די האַנט פון זיין שכן, וועט נישט וועלן דאָרטן וווינען — און דערלויבט מיר אייך צו זאָגן קלאָר, איך וואָלט נישט פאַרטוישט אונזערע שיינע געגנטן אין זעניט פאַר דער בראָדוויי אָדער סטעט־סטריט — ווי לאַנג און ברייט זי איז! — אָפּקערנדיק זיך פון אָט די דריי שטעט, איז קלאָר פאַר יעדן איינציקן, וואָס האָט אַ קאָפּ אויפצונעמען פאַקטן, אַז זעניט איז דער בעסטער ביישפּיל פון אַמעריקאַנער לעבן און גליק, וואָס איז אוממעגלעך ערגעץ אַנדערש צו געפינען.

„איך וויל דאָ נישט זאָגן, אַז מיר האָבן שוין דערגרייכט דעם שפּיץ פון דער פולקאָמענהייט, מיר האָבן אַ סך גאַסן, וואָס זענען נאָך נישט אויסגעפּלאַסטערט געוואָרן פאַרן אויטאָמאָביל־פאַרקער, און איר מעגט מיר גלויבן, אויב איך וועל אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז פאַר דער אַנטוויקלונג און פאָרשריט

פון זעניט זאָרגן די מענטשן, וואָס פאַרדינען זיך קוים פון פיר ביז צען טויזנט דאָלאַר יערלעך, און, לאָמיר זאָגן, זיי האָבן אַ שיינע פאַמיליע, אַן אייגענעם אויטאָמאָביל, אַ שטיל באַשיידן הייזל ערגעץ אין דער אומגעגנט.

„דאָס איז דער טיפּ מענטש, וואָס הערשט היינט איבער אַמעריקע; באמת איז דאָס אַן אידעאַליסטישער טיפּ, צו וועלכן די גאַנצע וועלט דאַרף שטרעבן, אויב אונזער ליבער אַלטער פּלאַנעט, די ערד, וויל דערגרייכן אַן אָנשטענדיקע, האַרמאָנישע, דורך און דורך קריסטלעכע צוקונפט.

„אונזער אידעאַלער בירגער — איך שטעל מיר אים פאָר פלינקער ווי אַ הירש, אַ טיכטיקער חברה-מאַן, וואָס פאַרלירט נישט קיין צייט אויף פאַנטאַזיעס און נישט אויף געזעלשאַפטלעכע גלעזלעך טיי, אָדער אַנדערע ענלעכע אומנוצלעכע זאַכן, נאָר פאַרנעמט זיך מיט אַ מלאכה אָדער קונסט. ביינאַכט פאַררויכערט ער אַ גוטן ציגאַר, קריכט אַריין אין זיין קליינעם אויטאָמאָביל און פאָרט אַהיים. ער שפּאַצירט זיך אַדורך דעם פּאַרק, אָדער ער פאַרנעמט זיך מיט עפּעס פּראַקטישעס און דאַן פאָרט ער אַהיים עסן. נאָכן עסן דערציילט ער די קינדער מעשהלעך, אָדער ער גייט מיטן גאַנצן בני-בית אין אַ קינאָ אַריין, אָדער ער שפּילט עטלעכע פּאַרטיעס ברידזש, לייענט די אָוונט-צייטונג, אָדער עטלעכע קאַפּיטלעך פון אַ גוטן ראָמאַן, אויב ער האָט אַ חוש פאַר ליטעראַטור, און טאָמער פאַלט אַריין אַ שכן אין שטוב אַריין, זיצט מען און מען שמועסט פאַרשידענע זאַכן. דאַן גייט מען אַ גליקלעכער אין בעט אַריין, זיין געוויסן איז ריין, ער ווייסט, אַז ער האָט עפּעס אויפגעטון פאַר זיין שטאָט און פאַר זיין אייגענעם חשבון אין באַנק.

„אין דער פּאָליטיק און אין רעליגיעזע ענינים, האָט דערדאָזיקער בירגער דעם קלאָרסטן קאָפּ. ער פאַרמאָגט אַ נאַטירלעך געשמאַק פאַר קונסט און דאָס גיט אים תמיד אַ מעגלעכקייט צו פאַרמאָגן ס'בעסטע פון בעסטן. אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט וועט איר נישט געפינען אַזוי פיל שיינע רעפּראָדוקציעס פון אַלטע מייסטער און די שענסטע בילדער,

מיט וואָס ס׳זענען אויסגעצירט די ווענט, ווי אין די פּאַריי-
ניקטע שטאַטן. קיין שום לאַנד האָט נישט אַזויפיל גראַמאָפאָנען
ווי מיר, און די פּליטן זענען נישט בלויז פון טאַנץ-לידלעך
און הומאָר, נאָר פראַגמענטן פון די בעסטע אָפּערעס, ווי ווערדי
און אַנדערע, וואָס זענען געזונגען געוואָרן פון די בעסטע
באַצאָלטע קינסטלער.

„אין אַנדערע לענדער ליגט די קונסט און די ליטעראַ-
טור אין די הענט פון הונגעריקע פאַרשוינען, וואָס ווינען אין
בוידעם-שטיבלעך און דערנערן זיך מיט בראָנפן און רעטעכער.
אָבער אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד פון
דעם אָנערקענטן שריפטשטעלער אָדער מאָלער און יעדן אַנ-
דערן אָנשטענדיקן געשעפטס-מאַן ; און איך פון מיין זייט, בין
זייער שטאַרק צופרידן, אַז אַ מענטש, וואָס באַזיצט אַ זעל-
טענעם טאַלאַנט, אַרויסצוזאָגן זיינע געדאַנקען אין דער פאָרם
פון אַ מעשה, אַ מענטש וואָס איז פלינק און דערפאַרן און ווייסט, ווי
אַרום צו פאַרקויפן זיין ליטעראַרישע סחורה—אַז אַזאַ מענטש
קאָן פאַרדינען זיינע פופציק טויזנט דאָלאַר, וואָס גיט אים אַ
מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן באַציונגען מיט דער שענסטער געזעל-
שאַפט, צו פירן אַן אָנשטענדיק הויז, האָבן אַן אייגענעם אוי-
טאָמאָביל, פונקט ווי יעדער אינדוסטרי-באַראָן ! אָבער נעמט עס
אייך גוט אין זינען : דאָס איז דער פאַרדינסט פון די טיכ-
טיקע בירגער, וועלכע איך האָבן פריער דערמאָנט, מחמת
דעם, דאַרפט איר זיי שענקען דעם זעלבן כבוד, וואָס די שריפט-
שטעלער.

„און לסוף — אָבער דאָס איז זייער וויכטיק — אונ-
זער מוסטערהאַפטער בירגער, אפילו ווען ער איז אַ בחור,
איז ער אַ ליבהאָבער פון קינדער, אַן אָנהענגער פון פאַמיל-
יען-לעבן, וואָס איז די פונדאַמענטאַלע באַזע פון אונזער צי-
וויליזאַציע, אַצינדערט, שפּעטער און אַלעמאָל, און דערמיט
שיידן מיר זיך אונטער פון אַלע שלעכטע אייראָפּעישע פעל-
קער !

„איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אין אייראָפּע —

און אויב איך וועל זיך אַ פאַרטראַכט טון, בין איך נישט
זיכער, צי ס'איז מיר אַזוי שטאַרק נויטיק צו זען אייראָפּע,
כּל-זמן איך קאָן נאָך נישט אונזערע אַלע בערג און שטעט —
לויט איך בין זיך משער מוזן דאָרטן זיין אַ סך מענטשן פון
אונזער שטייגער. אָבער מיר שיידן זיך אונטער פון יענע אָנ-
שטענדיקע ברידער; זיי רינגלען זיך אַרום מיט סנאָביזם, מיט
זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער, בעת דער מאָדערנער אַמעריקאַ-
נער געשעפטס-מאַן, ווייסט, וויאַזוי זיך אַן עצה צו געבן, ווי
אַרום צו געבן אַנדערע צו פאַרשטיין, אַז ער וויל מאַכן אַ
געשעפט. ער באַדאַרף זיך נישט באַנוצן מיט דעם הויך-גע-
בילדעטן, ווען ער וויל געבן אַן ענטפער אויף דער נאַרישער
קריטיק פון געזונטן און טעטיקן לעבן. ער איז נישט שטום,
ווי יענער אַלטמאָדישער סוחר. ער האָט אַ שאַרף צינגל און
אַ שטאַרקע פויסט.

„נישט געקוקט אויף מיין גאַנצער באַשיידנקייט, וויל איך
זיך פאָרשטעלן פאַר אייך אַלס אַן עקזעמפּלאַר פון אַ טיפּ-
טיקן געשעפטס-מאַן און איך בין אייך מגלה אַ סוד:—אַזוי זענען אונ-
זערע מענטשן! דאָס איז דאָס ריכטיקסטע בילד פון אַן אַמע-
ריקאַנער! דאָס איז אַמעריקעס יונגע גענעראַציע: מענער מיט
באַוואַקסענע ברוסטן, מיט אַ געלעכטערל אין די אויגן און
מיט חשבון-מאַשינען אין די ביוראָס. מיר ווילן זיך נישט
באַרימען, אָבער מיר זענען ערשטקלאַסיק, און אויב מיר גע-
פעלן נישט עמעצן, דער זאָל זיך נעמען אין זינען, אַז ס'איז
גלייכער אונטערצוקריכן אַביסל, איידער דער ציקלאָן נעמט
בושעווען איבער דער שטאָט!

„יאָ, אַזוי אַרום האָב איך זיך באַמיט, אויף מיין שטיי-
גער, פאָרצושטעלן פאַר אייך דעם אמתן מאַן, דעם פעסטן פאַר-
שוין פון זאַפט און קראַפט. און מחמת דעם, וואָס זעניט פאַר-
מאָגט אַ סך אַזוינע מענטשן, איז זי די גרעסטע פון אונזערע
שטעט. נוי-יאָרק פאַרמאָגט אויך אַ טויזנט אַזוינע טיכטיקע
מענטשן, אָבער נוי-יאָרק איז איבערפולט פון אויסלענדער.
דעסגלייכן סאַן פראַנציסקאָ און טשיקאַגאָ, דעטראָיט און קלעוו-

מאַשינען-לאַנד מיט זייערע ווײַלער. סינסינעטי מיט אירע זייפן-פאַבריקן; פּיטסבורג און בירנהיים מיטן שטאָל; קאַנזאַס סיטי, מינעפּאָליס און אָמאַהאַמאַס, וואָס אירע רײַכע טויערן עפענען זיך, ווי אַ ים פון ווייצן-פעלדער, און אַ גרויסע צאָל פּרעכטיקע שוועסטער-שטעט. וואָרום, לויט די לעצטע פאָלקס-ציילונג האָט אונז באַוויזן, ציילן אַכטאונזעכציק באַרימטע שטעט פון אַמעריקע איבער הונדערט טויזנט איינוווינער. און דידאָזיקע אַלע שטעט פאַרטיידיקן זיך מוטיק קעגן פרעמדן איינפלוס פון קאָמוניזם.—אַטלאַנטאַ מיט האַרטפאָרד, דאָרטשעסטער מיט דענווער, מילוואָקי מיט אינדיאַנאַפּאָליס, לאָס אַנדזשעלאָס מיט סקראַנטאָן, פּאָרטלאַנד מאַין מיט פּאָרטלאַנד-אָרעגאָן... אַ פלינקער, לעבנספעיקער גייסט פון באַלטימאָר אָדער סיטלע אָדער דאָלוט איז דער לייבלעכער צווילינגס-ברודער פון יעדן איינעם פון בופאַלאָ אָדער אַקראָן, פאָרד-וואָרד אָדער אָסקאַלוסאַ.

„אָבער דאָ אין זעניט, די היים פון מענלעכע מענער און ווײַבלעכע פרויען און שיינע קינדער, איז דאָס אָרט, ווו איר געפינט דעם גרעסטן פּראָצענט פון דידאָזיקע טיכטיקע מענטשן. און מחמת דעם איז זעניט אַ קאַפּיטל פאַר זיך, מחמת דעם וועט זעניטס נאָמען מיט גאָלדענע ווערטער פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פאַר דער פאַרלויפערין פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס וועט לעבן אייביק, בעת אונזער היינטיקער דור וועט אַוועק אין דער פאַרגאַנגנהייט, און דער מאָרגנשטערן פון אַן ערנסטן האַנדל וועט אויפשײַנען איבער דער גאַנצער וועלט.

„איך האַלט, אַז ס'איז שוין נאָענט די צײַט, ווען די מענטשן וועלן אויפהערן לויבן די פאַרשימלטע, עקלהאַפטע, אַלטע אומגערעכט-רעקלאַמירטע אייראָפּעישע נאַרישקייטן און זיי וועלן אָפּגעבן אַ לויב זעניטס הערלעכן גייסט, וואָס האָט געקעמפט פאַרן דערפאָלג פון זעניט, וואָס האָט באַרימט געמאַכט די אומבאַקאַנטע שטאָט אין יעדן לאַנד און אין יעדן ווינקל, וווהין עס דערגרייכט די קאָנדענסירטע מילך און די טאָוולנע קעסטלעך. גלויבט מיר, די וועלט האָט זיך שוין גענוג

לאַנג פֿאַראינטערעסירט מיט די אַלטע לענדער, וואָס האָבן נישט געקענט פּראָדוצירן קיין אַנדערע זאַכן, אויסער שטיוול-פּוצער, שיינע בילדער און ליקער; וואָס האָבן קוים פֿאַרמאָגט איין באָד-צימער אויף הונדערט איינוווינער; וואָס ווייסן נישט קיין אונטערשיד פֿון אַ הויפּט-בוך ביז אַ נאָטיץ-ביכל, און עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז אַן עכטער זעניטער זאָל אויפֿהייבן די הענט און אויסשרייען צו זיי אַ וואָרנונג!

„איך זאָג אייך, זעניט און אירע שוועסטער-שטעט פּראָדוצירן אַ נייעם טיפּ פֿון דער ציוויליזאַציע. ס'זענען פֿאַראַן אַנדערע שטעט, וואָס זענען ענלעך צו זעניט, און דאָס פֿרייט מיךן דידאָזיקע אומגעוויינלעכע, אָן אויפֿהער-וואַקסנדיקע מוסטער-האַפֿטיקייט פֿון געוועלבן, ביוראָס, האָטעלן, גאַסן, מלבושים און צייטונגען אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז אַ בולטער באַווייז, ווי ווייט שטאַרק און דויערהאַפֿט עס איז אונזער טיפּ.

„איך האָב תמיד ליב, אָפּצושטעלן זיך אויפֿן אַרטיקל, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן טשום פֿרינק, בעת זיין פֿאַרלעזונג-טורנעע. דאָסדאָזיקע אַרטיקל איז בלי-ספֿק אַ סך פֿון אייך באַקאַנט, אָבער אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך אויסנוצן די געלעגנהייט און וועל עס פֿאַר אייך פֿאַרלייענען. דאָס איז איינע פֿון די שענסטע קלאַסישע פּאָעמען, ווי פֿון אַ קיפּלינג אָדער העלער ווייל ווילקאָקס „דער מענטש, וואָס האָט עס פֿאַרדינט". אָט דעמדאָזיקן אויסשניט טראָג איך תמיד אין מיין נאָטיץ-ביכל:

„ווען איך געפֿין מיך אַלס וואַנדערער אין וועג, אַ דיכטער, אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס, דאַן זינג איך מיר ס'רוב מאָל אַ פֿריילעך ליד, דערכאַפּ מיר ערגעץ דאָס האַרץ און גיי ווייטער, און דערביי צעטייל איך זונענשיין און פֿרישן פֿריילעכן מוט; איך האַנדל אויך מיט אָפּטימיזם, מיט געלעכטער, צוגעווירצט מיט שאַרפֿן וויץ... הויכשולן קומען און אַנדערע אויך, מיטגלידער פֿון קיוואַניאַ-קלוב, גוטע-ברידער — און סתם מענטשן, און אַלע פֿילן

גלייך: אָט דער האָט גוטע כּוונות, איז געטריי, האָט א גאָלדן האַרץ, איז נישט קיין זשוליק. און מיטאַמאָל, סילאַס דער שטן, דער אַלטער מאַיאָר, אָט דער פאַרשאָלטענער טייוול, וואָס ליגט שטענדיק אויף דער לויער, ער דרייט מיט גרויס געפיל מיטן ווידל, שטעקט אַריין זיינע שמוציקע קלאָען אין דער שפּיל, לייגט מיר שטיינער אויפן וועג, שיסט מיר מיט אַרבעסלעך אין אויער אַריין, שיט מיר פעפער אין דער נאָז. ער מאַכט מיר נאָך איינזאַמער, ווי אַ הונט אין רעכטן מיט יום־טוב, ווען אַלע מענטשן פרייען זיך. און דעמאָלט — ווי גאָט איז מיר ליב — וואָלט געווען אַ סך בעסער, ווען איך זאָל שוין קיינמאָל מער נישט דאַרפן האַלטן קיין רעדעס פאַר אַ גלייכגילטיקן עולם, נישט דאַרפן זיך אַרומשלעפן אין דער ערשטער קלאַס און רויכערן די פינף־סענטיקע ציגאַרן, און אויפהערן צו וואָגלען איבער פרעמדע שטעט. איך וואָלט שוין בעסער געפאָרן אַהיים, עסן דעם טייערן שטרודל, שינקע, מיט מענטשן, וואָס ווייסן ווער איך בין!

„און ווען איך דערפיל זיך איינזאַם, זוך איך מיר אויס פראָסט־פּשוט דעם בעסטן האָטעל, אַלצאיינס אין וועלכער שטאָט איך געפין זיך — סען פּאָול, טאָלעדאָ, אָדער ק. צ. אין וואַשינגטאָן. שענעקטע, אין לויסוויל אָדער אַלבאַניאַ. און אין דעמדאָזיקן האָטעל פיל איך זיך ווי אינדערהיים. בעת איך שטיי אַ לאַנגע צייט אַליין ביים פענסטער פאַרן האָטעל און קוק, ווי די כּלי־זמרים גייען אַרויס פון שכנותדיקן קינאָ און גייען אַריין צו טון אַן עס, אַ טרונק, מוז איך אַ טראַכט טון: — ווי הייסט די שטאָט, וווּ איך געפין זיך? באמת, כ'הויב נישט אָן צו וויסן! וואָרום די אַלע מענטשן אַרום מיר זענען אָנגעטון שיין, עלעגאַנט. פּונקט ווי ביי אונז אינדערהיים, די דאַמען טראָגן היט לויט דער לעצטער מאָדע, און די מענער שטייען אַרום און רעדן וועגן וויכטיקע ענינים. וואָס רעדן זיי? איך געוועט זיך מיט אייך, אַז זיי רעדן דאָסזעלבע, וואָס מיר, פון אויטאָמאָבילן,

וועגן פּאָליטיק, פון בייסבאָל, וואָס איז ביי זיי פּונקט אַזוי באַליבט, ווי אין אונזער ליבער היים.

„און ווען איך גיי צוריק אַריין אין האָטעל, קוק איך זיך אַרום און זאָג: ריכטיק! אַלץ ס׳זעלבע! דאָרטן, דער צייטונגס-קיאָסק איז פּונקט ווי אינדערהיים, און צוקער-וואַרג, טאַבאַק, פּאַפּיראָסן. גלויבט מיר, ס׳איז צו לאַכן, דיזעלבע פירמעס, ווי אינדערהיים. און ווען אַ פריילעכע חברה קומט צוגיין פון עפּעס אַ פאַרווײַלונג און טאַנצט אַריין אין זאַל, די אָנצוגן זייערע לויט דער לעצטער מאָדע, און איילן הונגעריקע צום פרישטיק, עסן אין גרויסע טעלער פראַנצויזישן פרוכטן-זופּ — פאַרוואָס ווילט זיך מיר דאַן אַ זיפץ טון פון גליק: כ׳פיל זיך לחלוטין ווי אין שטוב, איך בין אין ערגעץ נישט אַוועקגעפאָרן, און מיט אַ רויק געמיט זעץ איך זיך אַוועק אויף אַ ליידיקן פּלושענעם פאָטעל לעבן אַ פאַרשוין אין אַ ברוינעם יעגער-אַנצוג און איך טו צו אים געשווינד אַ גרוס: האַלאָ, ביל, דערצייל מיר, אַלטער גוטער יונג, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיינע פּאַפּירן? און ווי די בעסטע פריינט, נעמען מיר ביידע פּלוידערן פון אויטאָמאָבילן, וועטער, היים און ווייב, מיר זענען שוין ברידער אויף אייביק. און איר, גוטע פריינט, ווען דער טייוול מאַכט אייך קאַליע דעם הומאָר — איך גיב אייך אַ גוטע עצה, גייט אַהין און טוט, וואָס איך האָב געטון; אין אונזער לאַנד, צי איר זענט נאָענט, צי איר זענט ווייט פון אייער היים און הויז, האָט איר נאָך קיינמאָל נישט פאַרלאָזט אייער ליבע, טייערע, זיסע היים״.

„יאָ, מיינע הערן, די אַלע אַנדערע שטעט שטייען לעבן אונז, ווי גוטע, געטרייע פריינט אין דעם גרויסן קאַמף פאַרן לעבן. אָבער לאָמיר זיך אויך איין ווײַלע נישט נאַרן; איך שטעל פעסט, אַז זעניט איז די בעסטע און די אַנטוויקלסטע קאַמפּס-פריינדין פון דער גאַנצער מחנה שטעט. איך מיין, אַז קיינער פון אייך וועט נישט האָבן קיין פּאַראיבל, אויב איך וועל קאָמענטירן מיינע ווערטער מיט סטאַטיסטישע ציפערן; תּגם זיי וועלן נישט זיין פאַר אייך קיין נייעס, וועלן זיי דאָך

ק׳ינגען זיס אין די אוירן פון דעם אמתן פּראָגרעסיוון, פּונקט ווי די נביאות פון דער ביבל, וואָס איז אויך נישט אַזוי לייכט צו פאַרשטיין. יעדער אינטעליגענטער מענטש ווייסט, אַז זעניט פּראָדוצירט מער קאָנדעסירטע מילך, קעסטלעך סמעטענע, מער פּאַפּירענע שאַכטלעך, און באַלויכטונגס-אַרטיקלען, ווי אַלע אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע-שטאַטן, און מעג-לעך, אַז פון דער גאַנצער וועלט. אָבער נישט פאַר אַלעמען איז שוין באַוווסט, אַז מיר פאַרנעמען ס׳צווייטע אָרט מיט דער גרויסער פאַבריקאַציע פון מאָטאָרן און אויטאָמאָבילן און דרך אַגב דאָס דריטע אין דער קעז-פּראָדוקציע, לעדער, דאַך-פּאַפּע, קיך-געשיר און אַרבעטער-בלוזעס.

„אָבער אונזער גרויסקייט ליגט נישט נאָר אין אונזער פּראָגרעס, נאָר אויך אין אונזער געזעלשאַפטלעכן גייסט. אין דעם ווייט-זעענדיקן אידעאַליזם און ברידערלעכקייט, מיט וואָס זע-ניט האָט זיך אויסגעצייכנט זינט דורות. מיר האָבן רעכט, אין דער אמתן האָבן מיר אַ פליכט צו איר, צו וויסן צו טון דער גאַנצער וועלט, אַז אונזערע הויכשולן האָבן דעם בעסטן ווענ-טילאַציע-סיסטעם פון גאַנצן לאַנד; אַז מיר האָבן די פּרעכ-טיקסטע נייע האָטעלן און בענק מיט קאָרידאָרן, אויסגעהאָנגען מיט בילדער, אַז אונזער נאַציאָנאַלער טורעם פאַרנעמט דאָס צווייטע אָרט אין לאַנד. ווען איך וועל נאָך צוגעבן, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גרויסע צאָל מיילן געפלאַסטערטע גאַסן, באָד-צימערן, שטויבזויגער, און אַלע אַנדערע סמנים פון ציוויליזאַ-ציע, אַז אונזערע ביבליאָטעקן און מוזעאומס זענען איינגע-אָרדנט אין באַקוועמע געביידעס, אַז אונזער סיסטעם פון פלאַנצן גערטנער מיט אַלעען, באַוואַקסן מיט גראָז, קוסטעס און דענקמעלער, איז דאָס לעצטע וואָרט פון פּראָגרעס, אַפילו דאַן האָב איך נאָך נישט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס איך קאָן זאָגן פון זעניטס אומגעוויינלעכער גרויסקייט.

„דאַכט זיך מיר, אַז ס׳בעסטע האָב איך איבערגעלאָזט אויף צולעצט. אַז איך וועל אייך זאָגן, אַז אין זעניט קומט אויס איין אויטאָמאָביל אויף פינף און זיבן אַכטל איינוואוינער,

דאַן האָב איך אייך געגעבן אַ פעלזנשטאַרקן, פראַקטישן באַווייז, ווי ווייט דער פראָגרעס און פאַרשטאַנד זענען די סינאָנימען פון זעניטס נאָמען.

„אָבער דער וועג פון דער גערעכטיקייט איז נישט נאָר אויסגעשפרייט מיט בלומען. איידער איך פאַרענדיק, וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן אויף דעם פראָבלעם, וואָס מיר מוזן לייזן נאָך אין משך פון היי-יאָר. די גרעסטע געפאַר פאַר אַ געזונטע רעגירונג איז נישט דער אָפענער סאָציאַליסט, נאָר די פחדנים, וואָס אַרבעטן אונטער אַ מענטעלע — יענע לאַנגהאָריקע הערן, וואָס רופן זיך אַליין אָן „ליבעראַלן" און „ראַדיקאַלן" און „אומפאַרטייאישע" און „אינטעליגענץ" און איין גאָט ווייס, וואָס נאָך פאַראַ נעמען! דידאָזיקע אומפאַראַנטוואָרטלעכע לערער און פראָפעסאָרן זענען די ערגסטע לייט פון דערדאָזיקער חברותא, און איך שעם זיך עס צו זאָגן, אַז אַ טייל לערנען אויף די פאַקולטעטן פון אונזער גרויסן רעגירונגס-אוניווערזיטעט. דער גרויסער „או" איז מיין אייגענער אַלמער מאַטער, און איך בין שטאָלץ דערמיט, אַז איך בין געווען איינער פון זיינע שילער, אָבער דאָרטן זענען היינט דאָ אַזוינע לערער, וואָס זאָגן אָפן, אַז מען דאַרף מאַכן אַן איבערקערעניש און דער רעגירונג, און אונזער נאַציע איבערלאָזן ביי ליידאַקעס און אַנדערע כאַמעס.

„אַזעלכע פראָפעסאָרן זענען שלאַנגען, וועלכע מוזן אויסגעראָטן ווערן, זיי און זייערע נאָכשלעפער און די גאַנצע באַנדע. דער אַמעריקאַנער געשעפטסמאַן איז גרויסמוטיק ביז גאָר, אָבער איינס פאַרלאַנגט ער פון זיינע לערער, פון זיינע פריידיקער און זשורנאַליסטן: אויב זיי קריגן פון אונז דעם גוטן לוין, מוזן זיי אונז זיין צו הילף און רופן דעם עולם צו אַרבעט, טעטיקייט און ראַציאָנעלן פאָרשריט! און אויב עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן די פוילנדע, פעסעמיסטישע, צינישע אוניווערזיטעט-פראָפעסאָרן, וויל איך אייך נאָר זאָגן, אַז איך האַלט עס פאַר אונזער פליכט, אָנצווענדן אויף דידאָזיקע הערן אונזער איינפלוס און צו צעטרייבן זיי אויף-

אַלע זייטן, צו פאַרקויפן אַלע געביידעס און ערד, און צו
באַהאַלטן יעדער פרוטה, וואָס וועט אַריינקומען אין דער האַנט
אריין.

„ערשט דעמאָלט, ווען דאָס, געשען, וועלן אונזערע זין
און טעכטער איינזען, אַז דער אידעאַל פון אַמעריקאַנער מענ-
לעכקייט און קולטור ליגט נישט אין די הענט פון
נאַראָנים, וואָס זיצן קרענקלעך און גריבלעך זיך וועגן רעכט
און אומרעכט, גוטס און שלעכטס, נאָר אין די הענט פון גאָטס-
פאָרכטיקע, גליקלעכע, רעדעוודיקע, געזונטע בירגער, וואָס גע-
הערן אָן צו די „בוסטער”. „וועלט-פאַרברידערונג” אָדער „קי-
וואַניאַ”, „עלק”, „אָרדן-קאַוואַליר”, „רויט-הויטיקע פון קאָלומביאַ”,
אָדער צו אַן אַנדערע פון דידאָזיקע אָרגאַניזאַציעס פון
אַנשטענדיקע, פריילעכע, מוטיקע, לאַכנדיקע מענטשן, וואָס אויב
זיי אַרבעטן, איז מיט אַ פול מויל, אויב זיי ווילן זיך, איז
מיט דער גאַנצער נשמה—און וועמענס ענטפער איז אויף קרי-
טיק — אַ פעסטער טראָט מיט גוט-באַזוילטע שיך. דער וואָס
לערנט אַמבעסטן אויס די אומגלויביקע און אומצופרידענע,
ווי אַזוי דרך ארץ צו האָבן פאַר אַ מענטשן און אַ בירגער,
אונטערצוהאַלטן הויך די לאָזונג פאַר אָנקל סעם U. S. A.!”

ד.

בעביט האָט צוגעזאָגט, צו ווערן אַ גוטער רעדנער. אויף
דעם באַל אין מענער-קלוב ביי דער פרעסביטעריאַנער קירך
שאַטאַם ראָד, האָט ער געוויילט די געסט מיט וויצן אין אַ
כינעזישן, אירלענדישן און יידישן דיאַלעקט.

אָבער אין קיין שום זאַך האָט זיך אַזוי נישט אויסגע-
צייכנט זיין טרייבירגערשאַפט, ווי אין זיין רעדע: „דאָס טאָג-
טעגלעכע לעבן פון אַ מעקלער פון אומבאַוועגלעכקייטן”, וואָס
ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ האַנדלס-קורס אין פאַריין פון קריסט-
לעכע יונגע מענטשן אין זעניט.

דער „אַדוואָקאַט טיימס” האָט געברענגט דעם פולן

אינהאַלט פון דער רעדע, און ווערדזש גאָנטש האָט אַ זאָג געטון צו בעביטן: — דו ווערסט אַ באַרימטער רעדנער אין שטאָט! כ׳וואָלט שוין פשוט נישט געקענט נעמען קיין צייטונג אין דער האַנט אַריין, אַז כ׳זאָל נישט דאָרטן געפינען עפּעס וועגן דיין באַרימטן רעדנער־טאַלאַנט. ביי דעם אַלעמען דאַרפסטו מאַכן נישט קיין שלעכטע געשעפטן. ס׳איז גאָרנישט קיין שלעכטע זאַך, דו דאַרפסט נאָר וויסן, וויאַזוי זיך צו האַלטן דערביי.

— נו, הער אויף צו האַקן אַ טשייניק! — האָט בעביט שוואַך געזאָגט, אָבער פון דעמדאָזיקן לויב מצד גאָנטשן, וואָס איז אַלס רעדנער אַליין אויך געווען נישט אַבי ווער, האָט בעביט געקוואָלן פון תענוג. ער האָט זיך אַליין אויך געחידושט, וויאַזוי ער האָט געקאָנט פאַר די פעריען צווייפלען אין זיין צופרידנקייט, וואָס ער האָט געפילט, זייענדיק אַ סאָלידער בירגער.

קאַפּיטל XV

א.

זיין וועג צו גרויסקייט איז נישט געווען פריי פון אומאָנגענעמע שטרויכלונגען.

דער דערוואָרבענער רום האָט נישט געבראַכט די בעבּיטס דעם געזעלשאַפטלעכן ווּקס, וואָס זיי האָבן פאַרדינט. זיי זענען נישט איינגעלאַדן געוואָרן, צו באַזוכן דעם טאַנוואַנדאַ-לאַנד־קלוב און נישט פאַרבעטן געוואָרן אויף די טענץ אין יוניאָן-קלוב. אַליין האָט ער זיך געפילט געקרענקט, אָבער ס׳האָט אים ווינציק־וואָס געאַרט, נאָר זיין ווייב האָט זיך געוואָלט צונויפטרעפן מיט דער בעסערער געזעלשאַפט פון זעניט. ער האָט נערוועז און אומגעדולדיק געוואַרט אויפן באַנקעט פון זיין אוניווערזיטעט־קלאַס, כדי זיך איין אָוונט צונויפצוטרעפן אינטים מיט אַזוינע געזעלשאַפטלעכע פירער, ווי טשאַרלס מעק קאַלווי, דער קאָנטראַקטאָר־מיליאָנער, מאַקס קראָגער, אַ באַנקיר, איירווינג טאָטע, אַ מאַשינען־פאַבריקאַנט, און אַדעלבערט דאָבסאָן, אַ מאָדערנער דעקאָראַטאָר פון זאַלן. טעאָרעטיש איז ער געווען זייער פריינט, צוזאַמען האָבן זיי באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, און ווען עמעצער פון זיי האָט אים געטראָפן, האָט ער אים גערופן „דזשאָרדזש״, אָבער זיי האָבן אים זעלטן ווען געטראָפן און קיינמאָל אים נישט פאַרבעטן אויף אַ מיטאָג (מיט שאַמפּאַן און לאָקייען) אין זייערע וווינונגען אויפן ראָיאַל־רידזש.

אַ גאַנצע וואָך פאַר דעם חברים־באַנקעט האָט ער

נערעדט צו זיך — כ'זע נישט איין, פאַרוואָס מיר זאָלן אַצינד נישט זיין איבטים!

ב.

ווי יעדערע אמתע אַמעריקאַנער פאַרוויילונג און גייסטיקער געניוס, איז דער חברים-באַנקעט פון די סטודענטן פון יאָר 1896 גוט אָרגאַניזירט. דער פייערונגס-קאָמיטעט האָט יעדער וואָך אַרויסגעשיקט אַן אויפרוף צו די אָנטיילנעמער:

אויפרוף נר. 3

„אַלטער חברה-מאַן, ווילסטו אָנטיילנעמען אין דעם אָנגענעמען חברים-באַנקעט, וואָס די סטודענטן פון גוטן אַלטן U. האָבן ווען ס'איז בדעה איינצואָרדענען? די סטודענטנשאַפט פון 08, האָט זיך געשטעלט אין דער צאָל פון 60 פּראָצ. צי זאָלן מיר פריילעכע חברה זיך לאָזן שלאָגן פון די ווייבערישע וויצן!? קומט מענטשן, לאָמיר פּרוּוון צו פּראָדוצירן דעם אמתן ענטוזיאַזם, און אַלע צוזאַמען לאָמיר מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ נאָך נישט געוועזענער אָוונט-פאַרווײַלונג מיט גוטע מאכלים, קורצע, שטמעוודיקע רעדעס און געמיינזאַמע ערינערונגען פון די צוזאַמענפאַרבראַכטע, שענסטע טעג פון אונזער לעבן".

דאָס מאָלצייט איז פאָרגעקומען אין אַ פּריוואַט-צימער פון אוניאָן-קלוב. דער קלוב האָט זיך געפונען אין אַ שמוציקער געביידע, דריי אַלטע הייזער צונויפגעשמאָלצן אין איין שורה, דער איינגאַנגס-קאָרידאָר האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ קעלער אויף קאַרטאָפל, בעבית איז צוגעווױנט געווען צום פּראַכט פון אַטלעטן-קלוב און ער איז אַריינגעגאַנגען עטוואָס צעטומלט, ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ צום פּאָרטיער, אַן אַלטער נעגער אין אַ בלאָען פראַק מיט מעשענע

קנעפּלעך, און דורכגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, באַמיענדיק זיך אויסצוזען ווי אַ מיטגליד.

זעכציק מענער זענען געקומען אויפן באַנקעט. זיי האָבן געשאַפּן קופּקעלעך און אינזלען אין קאָרידאָר; זיי האָבן זיך געשטופּט אין די ווינדעס און אין די ווינקלען פון עס-צימער. זיי האָבן זיך באַמיט, צו זיין אינטים און ענטוזיאַסטיש. זיי האָבן אויסגעזען פּונקט ווי אין די אוניווערזיטעט יאָרן — צעלאָזענע ייִנגלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשטעלט מיט וואָנסעס, פּליכן, דיקע בייכלעך, ברילן, ווי אויף אַ מאַסקאַראַד.—דו האָסט זיך נישט געענדערט אויף דעם מינדסטן האָר — האָבן זיי גע־זאָגט איינער צום אַנדערן. צו די, וואָס ס'איז אוממעגלעך געווען צו דער־קענען, האָבן זיי זיך געווענדעט: — אָ, אָ, איך בין זייער צופרידן וואָס איך זע דיר, אַלטער יונג. וואָס מאַכסטו — נאָך אַלץ ס'זעלבע?

עמעצער באַמיט זיך פריילעך צו מאַכן אָדער הויבט אָן אַ סטודענטן-ליד, אָבער קיינער האַלט אים נישט אונטער. הגם זיי האָבן באַשלאָסן צו האַלטן זיך דעמאָקראַטיש, האָבן זיי זיך דאָך צעטיילט אויף צוויי גרופּן: די מענער אין אָוונט-מלבושים און די מענער אָן אָוונט-מלבושים. בעביט (ווי תמיד אין אָוונט-אָנצוג) איז געגאַנגען פון איין גרופּע צו דער אַנדערער. הגם ער איז געווען דורשטיק נאָך געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען, האָט ער קודם כל אויפגעזוכט פּאָול ריסלינגן. ער האָט אים געטראָפן אַליין, שטיל און שווייגנדיק.

פּאָול האָט אַ זיפץ געטון:

— דו! איך טויג זיך גאָרנישט צו דערדאָזיקער אַפּערע צו שאָקלען מיט די הענט און צום שרייען: „נו, ווער איז דאָס?"

— פלוידערסט, פּאָוליבוס, טו זיך אַ ריר און זיי אָנשטענדיק! די בעסטע יונגען אויף דער ערד! הער נאָר, זעסט מיר עפּעס אויס אַזוי אומעטיק. וואָס איז דיר געשען?

— אָך, דאָס, וואָס תמיד. אַ מחלוקה מיט ציליען.

— קום אַוועק אָן אַ זייט. לאָמיר טרינקען און פאַרגעסן אָן אונזערע צרות.

ער האָט געהאַלטן פאָולן לעבן זיך, אָבער ער האָט דירעקט געקוקט אויפן אָרט, ווו ס׳איז געזעסן מעק קאַלווי און געוואַרעמט זיינע צוהערער ווי אַן אויוון.

מעק קאַלווי איז געווען דער העלד פון דער חברה אין יאָר 96, נישט נאָר אַלס קאַפּיטאַן פון דער פוסבאָל-מאַנשאַפט און אַלס האַמער-וואַרפער, נאָר אויך אַלס דיסקוסיאַנט, און אַ נויט אויך אַלס פּראָפעסאָר אין שטאַט-אוניווערזיטעט. ס׳האָט אים אָפּגעגליקט אין לעבן: ער איז געווען דער אייגנטימער פון דער בוי-אונטערנעמונג, וואָס האָט אַמאָל אָנגעהערט צו די דאָדסווואָרטס, די שענסטע פּיאָנערן-פאַמיליע פון זעניט. ער האָט אויפגעשטעלט רעגירונגס-געביידעס, וואָלקנקראַצער, וואָקזאַלן. עס איז געווען אַ ברייטביניקער מענטש, מיט שווערע אַקסלען, אָבער נישט קיין נידריקער. אין זיין בליק איז געווען אַ רויקער הומאָר, און אין זיין רעדן איז געלעגן אַזאַ האָניק-זיסע שאַרפקייט, וואָס האָט די זשורנאַליסטן און פּאָליטיקער געמאַכט אומטענטשלעך און אַרויסגעבראַכט פון די כלים, און אין זיין קעגנוואַרט האָט זיך דער אינטעליגענטסטער וויסנשאַפטלער, דער גרעסטער קינסטלער געפילט בלוטלאָז, אומוועלטלעך, און געוויינלעך. ער איז געווען זייער ליבנסווירדיק, גוטמוטיק און העפלעך, באַזונדערס דעמאָלט, ווען ער האָט געוואָלט באַאיינפלוסן וועלכע ס׳איז קערפּערשאַפט אָדער דערווערבן פאַר זיך אַרבעטער-שפּיאָנען. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס פירשטלעכס. ער איז געווען אַ מיטגליד פון די נאָר-וואָס אָפּגעזונדערטע אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע און בלויז די גאַנץ אַלטע פאַמיליעס זענען געשטאַנען העכער פון אים. (אין זעניט האָט זיך גערעכנט פאַר אַלט די פאַמיליע, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטאָט אין יאָר 1840.) זיין מאַכט איז נאָך געווען גרעסער דערמיט, וואָס ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פאַר קיין שום שווערקייטן, פאַר אים האָט נישט עקזיסטירט קיין צניעות און פאַרברעכנס פון דער אַלטער פּוריטאַנישער טראַדיציע.

מעק קאַלווי איז איצט געזעסן אַ פרייליכער מיט די גרויסע פאַבריקאַנטן און באַנקירן, גוטבאַזיצער, אַדוואָקאַטן, כירורגן, וואָס האָבן געהאַלטן שאָפערן און געפאָרן קיין אייראָפּע. בעביט האָט זיך געשטופט צווישן זיי. מעק קאַלוויס אַ שמייכל האָט געהאַט פאַר אים דעמזעלבן ווערט, ווי די געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען. אויב אין פאָולס געזעלשאַפט איז ע ר געווען דער ערנסטער און דער באַשיצער, האָט ער זיך לעבן מעק קאַלווי געפילט שוואַך און מיט פול פאַרערונג.

ער האָט געהערט, ווי מען האָט געזאָגט צו מאַקס קראָגער, דעם באַנקיר:

— יאָ, מיר וועלן אונטערשטיצן סיר גערעלד דאָאַק! — בעביטס דעמאָקראַטישע ליבשאַפט צו טיטולען איז באַפרידיקט געוואָרן — דו ווייסט, מאַקס, ער איז איינער פון די גרעסטע אייזן־סוחרים אין ענגלאַנד. שרעקלעך רייך... האַלאָ, אַלטער דזשאָרזש, זע נאָר, מאַקס, דזשאָרזש בעביט איז שוין באַלדיקער פון מיר.

דער פאָרזיצער האָט אַ געשריי געטון:

— מענער, פאַרנעמט אייערע ערטער!

— מ'טוט עפּעס, טשאַרלי? — האָט בעביט פּלוצלונג אַ זאָג געטון צו מעק קאַלווי.

— נישקשה, האַלאָ, פאָול! וואָס מאַכסטו אַלטער פידלער? האָסט שוין אַן אָרט, וווּ צו זיצן, דזשאָרזש? קום, מיר וועלן זיך שאַפן ערטער. קום מאַקס! כ'האָב געלייענט וועגן דיינע רעדעס, בעת דער וואַל־קאַמפּאַניע. אַ פיין שטיקל אַרבעט.

נאָך דעמדאָזיקן שמועס, וואָלט אים בעביט נאָכגעגאַנגען אין פייער און אין וואַסער. בעתן עסן איז ער געווען אומגעהויער באַשעפטיקט. אָט האָט ער אַ ברום געטון צו פאָולן, אָט האָט ער זיך געווענדט צו מעק קאַלווי.

— כ'האָב געהערט, אַז דו גייסט אויפשטעלן הייזער אין ברוקלין. — דאַן באַמערקט ער, ווי די ווייניקער גליקלעכע,

האָס זיצן אין אַ ווינקל צוזאַמענגעשטופּט אין אַ קופּע, קוקן אויף אים מיט קנאה, ווי ער איז קנעפּל שבקנעפּל מיט דער אַריסטאָקראַטיע; ער האָט זיך פּשוט געקוויקט מיט דעם געזעלשאַפטלעכן שמועס, וואָס מעק קאַלווי האָט געפירט מיט מאַקס קראָגער. זיי האָבן גערעדט פון אַ „דזשאָנגל-באַל, אויף וועלכן מאָנאַ דאָדסוואָרט האָט אויסגעצירט איר הויז מיט טויזנטער בלומען. זיי האָבן גערעדט מיט אַן אומגעווייִנלעכער גלייכגילטיקייט פון אַ מאָלצייט אין וואַשינגטאָן, אויף וועלכן מעק קאַלווי האָט זיך באַקאַנט מיט אַ סענאַטאָר, מיט אַ באַלקאַנישער פּרינצעסין און אַן ענגלישן גענעראַל. מעק קאַלווי האָט אָנגערופן די פּרינצעסין דזשעני, און לויט מ'האָט זיך געקאָנט משער זיין פון זיינע ווערטער, האָט ער אפילו מיט איר געטאַנצט.

בעביט איז געווען נידערגעשלאָגן, אָבער נישט אַזוי ווייט איבערגעשראָקן, אַז ער זאָל לחלוטין שווייגן. אמת טאַקע, אַז זיי האָבן אים נישט פאַרבעטן צו זיך אויף מיטאָג, אָבער ער איז דאָך געווען צוגעוווינט, צו רעדן מיט באַנקדירעקטאָרן, מיט קאָנגרעס-מיטגלידער, מיט קלוב-דאַמען, וואָס זענען באַפריינדעט מיט דיכטער. ער איז געווען לגבי מעק קאַלווי אָנגערעגט און באַריידעוודיק.

— זאָג, טשאַרלי, געדענקסט נאָך די יונגע יאָרן, ווען מיר האָבן געזעגלט אויפן טייך, איילנדיק קיין ריווערדאַל, כדי צו זען די גרויסאַרטיקע פאָרשטעלונג פון מאַדאַם בראָון? געדענקסט, ווי דו האָסט צעמזיקט דעם הויכן פּאָליצײ-מאַן, וואָס האָט אונז געוואָלט אַרויסוואַרפן, און ווי מיר האָבן אַרונטערגעריסן דעם שילד פון דער מענער-מלבושים-פּרעסערײ און אויפגעהאָנגען אים אויף פּראָפעסאָר מאָריסאָנס טיר? אָך, גאָט, אָט דאָס זענען געווען צייטן.

— אודאי, — מעק קאַלווי האָס מסכים געווען, אַז דאָס זענען געווען צייטן.

בעביטן איז גראָד איינגעפאַלן צו זאָגן:

— ס'איז נישט אַזוי דאָס ביסל וויסן, וואָס מען

קריגט אויפן אוניווערזיטעט און קומט צונויף אין די שפעטערדיקע יאָרן, ווי די פריינטשאַפט, וואָס מען שליסט דאָרטן, — בעת די מענער האָבן ביים אַנדערן עק טיש אויסגעזונגען אַ ליד, און אַט נעמט ער זיך דירעקט צו מעק קאַלווין.

— ס׳איז אַ בזיון, יאָ, אַ בזיון, צו זיין אַזוי דערווייטערט איינער פון אַנדערן דערפאַר, וואָס אונזערע עסקים זענען פאַרשידנאַרטיקע. ס׳האָט מיר הנאה געטון, צו רעדן מיט דיר פון די אַלטע טעג. דו און פרוי מעק קאַלווי מוזט איר קומען וועלכן ס׳איז אָוונט צו מיר, עפּעס טועם זיין.

זייער אומבאַשטימט :

— יאָ, אין דער אמתן.

— כ׳וואָלט גערן מיט דיר געשמועסט וועגן דער פּאַנאַנדערפּוּיונג פון דער געגנט אַרום דיין קאַמפּוס־הויז גראַנטוויל. איך מיין, אַז איך וואָלט דיר געקאָנט זיין בייהילפיק מיט אַ פּאָר גוטע אָביעקטן, מעגלעך...

— אויסגעצייכנט! מיר מוזן ווען עסן צוזאַמען. דזשאָרזשטו מיר נאָר צו וויסן ווען. און איך וועל זיך זייער פרייען צו זען דיין פרוי און דיך ביי מיר אין שטוב — האָט מעק קאַלווי געזאָגט, דאָסמאָל אַביסל ווייניקער אומבאַשטימט.

דאַן האָט דאָס קול פון פּאָרזיצער, דאָס הויכע קול, וואָס האָט זיי שוין נישט איינמאָל אויפגעמונטערט, כּדי מיט הויכע שטימען אויסצודריקן זייער פאַראַכטונג צו די ראַדיקאַלן פון אָהייאָ, מיטשיגאַן און אינדיאַנאַ.

— שטייט אויף, פלוידער־זעק! שרייט אויס אַלע אינגעם דעם לאַנגן מלחמה־רוף פון אונזער אוניווערזיטעט! בעביט האָט אינערלעך געפילט, אַז ס׳לעבן קאָן שוין נישט זיין זיסער, ווי אין דערדאָזיקער רגע, בעת ער שרייט מיט פאָולריסלינג און מיט זיין נייעם צוריק־אָפּגעזוכטן העלד, מעק קאַלווי:

מלחמה-העק,
ברענג אַ האַק,
קוילן-העק,
כאַפּ אַ האַק,
וווהין? צו דער או.!
הוראַההאו!

ג.

די בעביטס האָבן איינגעלאַדן די קאַלוויס אויף אַ מיטאָג, אָנהויב דעצעמבער, און די קאַלוויס האָבן נישט גאָר אָנגענומען די איינלאַדונג, נאָר נאָכן ענדערן עטלעכע מאָל די צייט, זענען זיי פאַקטיש געקומען.

די בעביטס האָבן זייער גרינטלעך אַרומגערעדט די איינצלהייטן פון אָוונט, אָנהויבנדיק ביי דער פלאַש שאַמפּאַניער, וואָס מען מוז זען צו קויפן, ביז צו דער צאָל געזאַלצענע מאַנדלען, וואָס מען דאַרף אַנידערשטעלן פאַר יעדן גאַסט. חוצדעם האָבן זיי געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים איינלאַדן אַנדערע געסט. ביז צום סוף, איז בעביט דורכויס געווען דערפאַר, אַז פּאָול ריסלינג זאָל האָבן די געלעגנהייט צו פאַרברענגען עטלעכע שעה צוזאַמען מיט מעק קאַלווי.

— דער גוטער טשאַרלס וועט ליבערשט וועלן פאַרברענגען מיט פּאָול און ווערדזש גאָנטש, איידער מיט עמעצן אַנדערש פון די הויכגעבילדעטע, גוזמאַדיקע בעלי-גאווה — האָט בעביט באַמערקט.

אָבער פרוי בעביט האָט אים איבערגעריסן:

— יאָ, אפשר, אָבער איך מיין, אַז כ'וועל זיך באַמיען צו באַקומען ערגעץ ליינהאַוועגער אויסטריצעס.

און ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט זי איינגעלאַדן דעם אויגן-דאָקטאָר, ד. ד. אַנגוס, און איינעם אַ חשובן, אומעטיקן אַדוואָקאַט, מיטן נאָמען מאַקסוועל, מיט זייערע יפיפיות.

נישט אַנגוס און נישט מאַקסוועל האָבן אָנגעהערט צום עלף אָדער צום אַטלעטן-קלוב, קיין איינער פון זיי האָט נישט גערופן בעביטן „ברודער”, אָדער אים געפרעגט זיין אָנשויונג איבער דער רעגיסטראַציע. די „לייטישע מענטשן”, וואָס זי האָט פאַרבעטן, איז געווען ליטלפעלד, האָוואַרד ליטלפעלד פלעגט טיילמאָל ווערן אַזוי סטאַטיסטיש טרוקן, אַז בעביט פלעגט זיך ווענדן צו גאָנטשן נאָך אַ פריש וואָרט און נאָך זיין:

— נו, אַלטע צורה, קאָנסט נישט זאָגן עפּעס אַ קלוג וואָרט?

תּיכּף נאָכן פרישטיק האָט פרוי בעביט אָנגעהויבן גרייטן דעם טיש פאַר די מעק קאַלוויס, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען ערשט זיבן מיט דרייסיק, און בעביט איז לויט אַ העכערן באַפעל אַהיימגעקומען פיר אַ זייגער. אָבער זיי האָבן נישט געהאַט פאַר אים קיין שום אַרבעט, און פרוי בעביט האָט זיך דריימאָל אויפגערעגט צוליב אים.

— איך בעט דיך, הער דיך אויף צו פּלאָנטערן פאַר די פיס.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער טיר פון גאַראַזש, זיינע ליפּן זענען געווען אַראָפּגעהאָנגען, און ער האָט באַגערט, אַז ליטלפעלד אָדער סעם דאָפּלברוי, אָדער עמעצער אַנדערש, זאָל פאַרבייגיין און כאַפּן מיט אים אַ שמועס. ער האָט באַמערקט ווי טעד שלייכט זיך ביי די ווינקלען פון הויז.

— וואָס איז געשען, טאַטע לעבן? — האָט בעביט אַ זאָג געטון.

— דו ביסט עס טאַטעלע? גאָט, די מאַמע איז עס היינט אַביסל צערודערט! כ'האָב איר געזאָגט, אַז ראָנע און איך וועלן נישט זיין ביים ביינאַכטיקן פרעסן, האָט זי מיך געוואָלט איינשלינגען. זי זאָגט, אַז כ'זאָל מיר נעמען אַ באָד. אָבער דו וועסט זען, ווי שיין די בעביט-מאַנסלייט וועלן אויסזען היינט אָוונט! דער קליינער טעאָדאָר אין אַ פראַק.

די בעביט-מאַנסלייס! דאָס וואָרט איז בעביטן געפעלן געוואָרן. ער האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויפן יונגס אַקסל.

ער וואָלט געוואָלט, אַז פּאָול ריסלינג זאָל האָבן אַ טאָכטער, מיט וועלכע טעד וואָלט געקאָנט חתונה האָבן.

— יאָ, דיין מאַמע איז היינט באמת אַביסל אויפגערעגט — האָט ער אַ זאָג געטון, און זיי האָבן ביידע אַ שמייכל געטון, זיי האָבן ביידע אָפּגעזיפצט, און זענען ביידע אַריין אין שטוב זיך אָנטון.

די מעק קאַלוויס האָבן פאַרשפּעטיקט מיט אומגעפער פופצן מינוט.

בעבּיט האָט זיך געוווּנטשן אין האַרצן, אַז די דאָפּלבּרויט זאָלן זען דעם אויטאָמאָבּיל פון מעק קאַוולי מיטן ליווּרירטן שאָפער שטיין פאַר זיין טיר.

דאָס מאָלצייט איז געווען גוט צוגעגרייט און אומגעוויינלעך רייך, און פּרוי בעבּיט האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם זילבּערנעם לייכטער פון איר באָבּע. בעבּיט האָט געאַרבּעט מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. ער איז געווען העפלעך. ער האָט קיינעם נישט דערציילט אַנעקדאָטן, וואָס זענען אים געלעגן אויף דער צונג. ער האָט אויסגעהאָרכט, בעת אַנדערע האָבן גערעדט. ער האָט אַרויסגעהאָלפן מאַקסוועלן צו אַן התחלה, ער האָט הויך צו אים אַ זאָג געטון:

— אַצינד ווילן מיר עפּעס הערן וועגן דיין רייזע קיין יעלאָסטאָן. ער האָט אויסערגעוויינלעך געלויבּט אַלעמען, ער האָט געזוכט און געפונען אַ געלעגנהייט צו באַמערקן, אַז דר. אַנגוס איז אַ בעל טובה פון דער מענטשהייט, מאַקסוועל און האַוואָרד ליטלפעלד גרויסע געלערנטע, טשאַרלס מעק קאַלווי — אַ ביישפּיל פאַר די אַמביציעזע יוגנט און פּרוי מעק קאַלווי דאָס צירונג פון דער העכסטער געזעלשאַפט פון זעניט, פון וואַשינגטאָן, נוי-יאָרק, פּאַריז און אַ סך אַנדערע שטעט.

אָבער ער האָט זיי נישט געקענט באַגייסטערן. ס'איז געווען אַ מאָלצייט אָן אַ נשמה. אַלע האָבן זיי זיך, צוליב אומבאַוווּסטע טעמים, געפינען אין אַ שווער געמיט, זיי האָבן גערעדט יאושדיק און אומגערן.

ער האָט זיך קאָנצענטרירט אויף לוציליע מעק קאַלווי, און אויסגעמיטן דערביי צו קוקן אויף איר הערלעכע, ווייסע אַקסלען, אויף דער־נעל־ברוינער באַנד, וואָס האָט צוגעפּעסטיקט איר קלייד.

—איר וועט מסתמא באַלד ווידער פאָרן אַביסל קיין איי־ראָפּע, — האָט ער אַ פּרווו געטון.

— איך וואָלט גערן אַ פּאָר געטון אויף אַ פּאָר חדשים קיין רוים.

— איר זעט דאָרטן אַן אוצר בילדער און מוזיק און אַנטיקן און פאַרשידענע אַנדערע זאַכן?

— ניין, איר ווייסט וואָס מיך לאָקט: דאָרט איז דאָ אַ קליינע „טראַטאַריאַ" אויף דער וויאַ דעלאַ סקראָפּאַ, און דאָרט קריגט מען די בעסטע „פעטוציני" פון דער גאַנצער וועלט.

— אָך, איך — יאָ, ס'מוז זיין גאָר פיין, צו פאַרזוכן עס. יאָ.

פופצן מינוט פאַר צען, האָט מעק קאַלווי זיך געטון אַ הויב אויף און מיט טיפן באַדויער דערקלערט, אַז זיין פרוי ליידט אויף קאָפּ־ווייטאָק. בעת בעביט האָט אים דער־לאַנגט דעם מאַנטל, האָט ער געזאָגט מונטער:

— מיר מוזן ווען צוזאַמען פרישטיקן און רעדן וועגן די אַמאָליקע צייטן.

בעת די איבעריקע געסט זענען אויך אַוועק האַלב עלף, האָט בעביט זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— טשאַרלי האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט דאָ גוט פאַרבראַכט און ער מוז מיט מיר צוזאַמען פרישטיקן. ער האָט געזאָגט, אַז זיי ווינטשן זיך צו זען אונז גאָר אינגיכן אויף אַ מאָלצייט ביי זיך אין שטוב.

דאָס האָט זי אַריינגעבראַכט אין התפּעלות.

— נו, דאָס איז געווען איינער פון די רויקע אָוונטן, וואָס זענען אַ סך אָנגענעמער, איידער די טומלענדיקע גע־זעלשאַפטן, בעת אַלע רעדן צוזאַמען און מען הויבט נישט אָן צו פאַרשטיין אַ וואָרט — רויק און פיין זיך אונטערגעהאַלטן.

אָבער פון זיין ווינקל אויף דער שלאָף-וואַרענדע האָט ער געהערט ווי זי וויינט — לאַנגזאַם, האָפנונגסלאָז.

ד.

אַ גאַנצן חודש האָבן זיי נאָכגעפאָלגט די געזעלשאַפטלעכע כראָניק, און זיי האָבן געוואַרט צוריק איינגעלאַדן צו ווערן.

צום באַזוך פון סיר געראַלד דאָאַק האָבן די מעק קאַלוויס, אַלס גאַסט-אויפנעמער, אַ גאַנצע וואָך נאָך דעם מאָלצייט ביי בעביטן, געהאַט גרויסע קעפּלעך אין די צייטונגען. זעביט האָט פּייערלעך אויפגענומען סיר געראַלד (וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע קויפן קוילן). די צייטונגען האָבן אים אינטערוויואירט וועגן פּראָהיבישאָן, אירלאַנד, אַרבעטלאָזיקייט, וועגן פלי-וועזן, חובות, וועגן טיי טרינקען, קעגן טרינקען וויסקי, די פּסיכאָלאָגיע פון דער אַמעריקאַנער פרוי און דאָס לעבן פון דער ענגלישער מאַגנאַטן-פאַמיליע. סיר געראַלד האָט אויסגעזען צו זיין באַהאַוונט אין דידאָזיקע אַלע פראַגן. די קאַלוויס האָבן איינגעאָרדנט לכבוד אים אַ סינגאַלישן אָוונט, און פרייַלן עלנאָראַ ביירל בעטס, וואָס האָט רעדאַגירט די געזעלשאַפטלעכע כראָניק אין „אַדוואָקאַט-טיימס", האָט געזונגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע. צומאָרגנס האָט בעביט בעתן פרישטיק געלייענט הויך:

„צווישן די אָריגינעלע און אָריענטאַלישע דעקאָראַציעס, די זעלטענע און איבערראַשנדיקע מאכלים, האָט זיך באַוויזן די פּערזאָן פון טייערן גאַסט, די אַנטציקנדע באַלעבאָסטע און דער ווירדיקער באַלעבאָס. אַזאַ הערלעכן טאַנץ-אָוונט, וואָס הער און פרוי טשאַרלס מעק קאַלווי האָבן איינגעאָרדנט לכבוד סיר געראַלד דאָאַק, האָט נאָך זעניט ביז היינט צו טאָג נישט געזען. בעת איך האָב אויף אַ גליקלעכן אופן געהאַט די זכיה צו זען מיט מיינע אויגן דאָס עקזאָטישע בילד, בין איך געקומען צום אויספיר, אַז ס'איז אוממעגלעך צו זען עפּעס שע-

נערס, נישט אין מאָנטע קאַרלאָ און נישט אין קיין אַנדערע לענדער, ווו ס'געפינען זיך אונזערע אַמבאַסאַדעס. נישט אומזיסט ווערט זעניט געהאַלטן, אין געזעלשאַפטלעכער הינזיכט, פאַר די אויסדערוויילטע שטאָט פון גאַנצן לאַנד.

„הגם סיר געראַלד איז קענטיק זייער שטאַרק באַשיידן, האָט ער מיט זיין געגנוואַרט צוגעגעבן אונזער געגנט אַ גלאַנץ, וואָס זי האָט שוין נישט געהאַט זינט דעם באַזוך פון הערצאָג פאָן סיטינגבאָרן. ער איז נישט בלויז דער פער פון ענגלאַנד, ער איז חוצדעם, ווי מ'זאָגט, דער פירער פון דער בריטישער מעטאַל-אינדוסטרי. ער שטאַמט פון האַטינג האַם, דאָס באַליבטע אָרט פון רובין האָד, אגב, ווי לאָרד דאָאַק אַליין האָט אונז דערציילט, איז עס היינט אַ מאָדערנע, לעבהאַפטע שטאָט מיט צווייהונדערט און פינפאונזיבעציק טויזנט פינפהונדערט און דרייאונזיבעציק איינוווינער, מיט א גרויסע פאַבריק פון שפיצן און אַנדערע אויסאַרבעטונגען, מיר טראַכטן מיט פאַרגעניגן, אַז אין זיינע אָדערן פליסט אַביסל פון יענעם מענלעכן, רויטן און איידעלן, בלויען בלוט פון אַמאָליקן וואַלד-הערשער, פונם שעלמישן רובין האָד.

„די רייצנדיקע פרוי מעק קאַלווי איז גאָר קיינמאָל נישט געווען אזוי שיין, ווי נעכטן אין אָוונט אין איר שוואַרצן טולקלייד, באַנייט מיט צאַרטע, זילבערנע בענדער, אויף וועלכע עס האָבן געגליט אָראָן וואַרד-רויזן".

בעביט האָט אַ זאָג געטון מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג:

— איך מיין, אַז זיי לאַדן אונז נישט איין, צוליב לאָרד דאָאַק. מיר איז פיל ליבער, אַז מיר פאַרברענגען אַן אינטימען, שטילן אָוונט מיט טשאַרלי און זיין פרוי.

אין זעניטער אַטלעטן-קלוב האָט מען דידאָזיקע געשעעניש צעליינט אויף טעלערלעך.

— איך מיין — האָט סידניי פינקעלשטיין געזאָגט, — אַז פון איצט אָן וועלן מיר רופן מעק קאַלווי „לאָרד טשאַץ".

— ס'איז באמת נישט צו פאַרשטיין — האָט זיך

קלאָגט ליטלפעלד, דער וויסנשאַפטלער — ווי שווער עס קומט אָן די מענטשן, אויסצולערנען זיך געוויסע זאַכן. אָט למשל זאָגן אַלע „לאָרד דאַאָק”, בעת ער הייסט גאָר „סיר געראַלד”.

בעביט האָט גערריקט מיט די אַקסלען:

— ניין, פאַרשטייט זיך! יאָ, יאָ! אַזוי גאָר! סיר געראַלד. וואָס? אַזוי רופט מען אים טאַקע? נו, מיינע הערן, איך בין צופרידן עס צו וויסן.

שפּעטער האָט ער דערציילט זיינע אָנגעשטעלטע:

— ס'איז ממש לעכערלעך, וויאַזוי מענטשן, וואָס זענען צופעליק רייך געוואָרן, לאַדן איין צו זיך באַרימטע אויסלענדער, און ווייסן אַזויפיל, ווי אַ קו אין שטאַל, ווי צו רעדן צו אים, אַז ער זאָל זאָל זיך פילן ווי אינדערהיים!

דעמזעלבן אָוונט, בעת בעביט איז געגאַנגען אַהיים, האָט ער געטראָפן אויפן וועג מעק קאַלוויס אויטאָמאָביל, און אינעווייניק איז געזעסן סיר געראַלד, אַ שווערער, רויטער, טיטאַנישער ענגלענדער מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, זיינע דינגע אַראָפהענגנדיקע געלע וואָנסעס, האָבן אים צוגעגעבן אַ אומעטיקן אומזיכערן אויסזען. בעביט איז לאַנגזאַם פאַרשוווּנדן, ער האָט געהאַט אַ געפיל פון אייגענער קליינלעכקייט. ער האָט געפילט אַ פלוצלונגע אומדערקלערלעכע און גרויזאַמע איבערצייגונג, אַז די מעק קאַלוויס מאַכן פון אים חוזק.

מיט דער העפטיקייט, וואָס ער האָט גערעדט צום ווייב, האָט ער פאַרראַטן זיין נידערגעשלאָגנקייט:

— מענטשן, וואָס זאָרגן ערנסט וועגן זייערע געשעפטן, האָבן נישט קיין צייט זיך אָפּצוגעבן מיט אַזעלכע פּוסט-און-פּאַסניקעס, ווי די מעק קאַלוויס: דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ציט אַריין דעם מענטשן, ווי אַ סך אַנדערע נאַרישקייטן: קוים ווידמעט מען זיך עס איינגאַנצן, האָט מען שוין אויף גאָרנישט קיין צייט, אָבער איך וויל ליבערשט פאַרברענגען מיט דיר און מיט די קינדער, שטאָט צו גיין אויף די אַלע נאַרישע פאַרווײַלונגען.

און זיי האָבן שוין מער וועגן די מעק קאַלוויס ניש־ גערעדט.

ה.

ס'וואָלט שוין געווען צופיל, אין דידאָזיקע אויפגערעגטע טעג צו באַשעפטיקן זיך נאָך מיט די צרות פון די אָווערברוקס.

עד אָווערברוק איז געווען בעביטס אַ שול-חבר, ס'איז אים שלעכט געגאַנגען. ער האָט געהאַט אַ גרויס בני-בית און אַ קליינע אַסעקורירער-ביוראָ אין דער פאָרשטאָט דאָרטשעסטער. ער איז געווען אַ גראָער, אַ דאַרער, אויסדרוקלאָז... ער האָט געהערט צו די, וואָס מ'פלעגט תמיד פאַרגעסן פאָרצושטעלן זיי, פדי שפעטער דאָס צו פאַרריכטן מיט אַ באַזונדער באַגייסטערונג. ער האָט באַוווּנדערט בעביטן נאָך אין די אוניווערזיטעט-צייטן, ער האָט באַוווּנדערט זיין מאַכט אין מעקלעריי, זיין פרעכטיק הויז, זיינע שיינע מלבושים. בעביטן האָט עס הנאה געטון, הגם ער איז באַשווערט געוואָרן מיט אַ געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויף די שול-באַנקעטן האָט ער געזען דעם אָרעמען אָווערברוק אין אַן אָפגעטראָגן בלוי שעוויאָט-אָנצוג, ער איז געשטאַנען אין אַ ווינקל מיט נאָך דריי יורדים. בעביט איז צוגעגאַנגען און הערצלעך אַ זאָג געטון:

— האַלאָ, יונגער עד! איך האָב געהערט, אַז דו מאַכסט אַלע פאַרזיכערונגען אין דאָרטשעסטער. אַ גוט געשעפט!

זיי האָבן דערמאָנט די גוטע, אַלטע צייטן, ווען אָווערברוק האָט פאַרפאַסט שירים: אָווערברוק האָט אים אַריינגעברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט, בעת ער האָט אַ זאָג געטון:

— הער אויס, דזשאָרזש, ס'פאַרדריסט מיך, בעת איך טו אַ טראַכט, ווי מיר האָבן זיך דערווייטערט איינער פון אַנדערן. איך וואָלט געווען זייער צופרידן, ווען דו און פרוי בעביט — ווען איר זאָלט אַזוי וועלן קומען צו אונז אויף אַ מאָלצייט.

בעביט האָט אַ ציטער געטון:

— אויסגעצייכנט! בלי ספק! טו נאָר צו וויסן וועןֹ. און מיין פרוי און איך וועלן דיך גערן זען ביי אונז אין הויז.

און בעביט האָט באַלד פאַרגעסן, אָבער צום אומגליק האָט אָווערברוק נישט פאַרגעסן.

אייניקע מאָל האָט ער טעלעפאָנירט צו בעביטן, כּדי אים איינצולאַדן אויף מיטאָג.

— מיר מוזן אים מאַכן אַ באַזוך און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּפּטרן. — האָט בעביט זיך באַקלאָגט פאַר זיין ווייב — ס׳איז פּשוט צו שטוינען, ווי דערדאָזיקער, אָרעמער פאַרשוין האָט נישט קיין ברעקל חשגה וועגן געזעלשאַפטלעכער האַלטונג? טו נאָר אַ קוק, ער טעלעפאָנירט צו מיר, שטאָט זיין ווייב זאָל אָנשרייבן אַן איינלאַדונג צו אונז ביידע! נו, מיר מוזן עס סוף כּל סוף איבערקומען. דאָס קומט אַרויס, ווען מען גיט זיך אָפּ מיט אַ ליאַדע וועמען.

ער האָט אָנגענומען די פיינלעפע איינלאַדונג פון די אָווערברוקס, אויף איינעם אַן אָוונט אין צוויי וואָכן אַרום. אַ מאָלצייט אין צוויי וואָכן אַרום, אַפילו אַ פאַמיליען-מאָלצייט, זעט שוין נישט אויס ערנסטער; די צוויי וואָכן גייען פאַרביי און דער מענטש דערפילט צומאָל נישט, אַז עס דערנעענטערט זיך די מינוט. צוליב דעם מיטאָג האָבן זיי געמוזט טוישן די דאַטע פאַר די קאַלוויס. לסוף זענען זיי פאַרפאָרן אומעטיק פאַר אָווערברוקס הויז אין דאָרטשעסטער.

אַלץ, פון אָנהויב ביזן סוף איז געווען קמצניש. די אָווערברוקס האָבן געגעסן זעקס מיט דרייסיק, בעת בעביט קיינמאָל נישט פריער פאַר זיבן, בעביט האָט פאַרשפּעטיקט מיט צען מינוט.

— מיר וועלן עס מאַכן וואָס קורצער. איך מיין, אַז מיר וועלן באַצייטנס אַוועקגיין. איך וועל זאָגן, אַז כ׳מוז מאָרגן זיין גאַנץ פרי אין ביוראָ -- האָט ער זיך צוגעגרייט.

אָווערברוקס הויז האָט געמאַכט אַ העסלעכן איינדרוק. דאָס איז געווען אַ צוויי-שטאָקיק הילצערן הויז פאַר צוויי פאַמיליעס. פאַרן הויז זענען געשטאַנען קינדער-וועגעלעך,

אין קאָרידאָר זענען געהאָנגען אַלטע היט, און ס'האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון קרויט. אין שטוב איז געלעגן אויפֿן טיש אַ פֿאַמיליען־ביבל. עד אָווערברוק און זיין ווייב זענען געווען אומגעלומפּערט און לאַנגווייליק, ווי תּמיד, די אַנדערע געסט זענען געווען צוויי שרעקלעכע פֿאַמיליעס, זייערע נעמען האָט בעבּיט נישט געקאָנט און זיך נישט באַמיט צו געדענקען. אָבער ער איז באַגייסטערט געוואָרן פֿון דער נאַיוויטעט, מיט וואָס אָווערברוק האָט אים געלויבּט:

— מיר זענען שטאָלץ, צו האָבּן דיך בּיי אונז, אַלטיטשקער! מיר האָבּן נאַטירלעך געלייענט אַלץ, וואָס עס שרייבּן וועגן דיר די צייטונגען — און אַ ווילער יונג בּיסטו אויך, אַ? — אָבּער דאָס בּעסטע, וואָס איך דערמאָן זיך פֿון מיינע אוניווערזיטעט־יאָרן, איז, וואָס פֿאַר אַ טייערער חבר דו בּיסט געווען און איינער פֿון די בּעסטע שווימער אין קלאַס.

בּעבּיט האָט זיך באַמיט צו זיין לוסטיק; ער האָט זיך געבּראָכן דעם קאָפּ, אָבּער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אויסגעפֿונען, וואָס ס'זאָל אים פֿאַראינטערעסירן, נישט אָווערבּרוקס אומדרייסטקייט, נישט די בּלייכע פּנימער פֿון די איבעריקע געסט, נישט דער אומאויפֿהערלעכער אידיאָטיזם פֿון פֿרוי אָווערבּרוק מיט די בּרילן, מיטן גערונצלטן פּנים און גלאַטיק־פֿאַרקעמטע האָר. ער האָט פֿאַר זיי דערציילט זיין בּעסטן אירלענדישן וויץ, אָבּער ער איז צערונען געוואָרן ווי אַ זייפֿנבּלאָז. דער ערגסטער מאָמענט איז געווען, בּעת פֿרוי אָווערבּרוק האָט זיך אָנגעהויבּן בּאַקלאָגן אויף איר שווערע אַרבּעט בּיים דערציִען אַכט קינדער, בּיים קאָכן און רוימען, זי האָט אָנגעהויבּן ווערן באַרעדעוודיק:

— איר פֿאָרט אַוודאי זייער אָפֿט קיין טשיקאַגאָ און נויארק, הער בּעבּיט? — האָט זי אַ זאָג געטון.

— יאָ, קיין טשיקאַגאָ פֿאָר איך זייער אָפֿט.

— ס'מוז דאָרטן זיין זייער אינטערעסאַנט. איך מיין, אַז איר באַזוכט דאָרט אַלע טעאַטערן.

— אָ, כּדי צו זיין אויפריכטיק, פרוי אָווערברוק, מוז איך זיך מודה זיין, אַז דאָס וואָס מיך לאָקט אַמשטאַרקסטן אין טשיקאַגאָ, זענען די גרויסע שיינע ביפשטיקן אינם האָלענדישן רעסטאָראַן אויפן לאָפּ.

מער האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו רעדן — בעביט האָט זיך געפילט געקרענקט, אָבער ער האָט זיך גאָר־נישט געקאָנט העלפן. דער מאָלצייט האָט זיך בכלל נישט איינגעגעבן. אַרום צען אַ זייגער האָט ער איבערגעריסן דאָס נאַרישע, זינלאָזע געשפּרעך און מיט דער פרייליכסטער מינע אַ זאָג געטון:

— כ'מיין, אַז מיר וועלן זיך לאָזן אין וועג אַריין, עד, מאָרגן באַגינען דאַרף מען שוין רעדן מיט די קונדן.

בעת אָווערברוק האָט אים דערלאַנגט דעם פּאַלטן, האָט בעביט אַ זאָג געטון.

— ס'איז זייער גוט צו רעדן פון די אַלטע צייטן! מיר מוזן ווען פרישטיקן צוזאַמען.

אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט פרוי בעביט אָפּגעזיפצט.

— ס'איז געווען מוראדיק, ווי דער אָווערברוק לויבט זיך!

— אָ, אַן אָרעם באַשעפעניש! ער האַלט מיך פאַר אַ קליינעם מלאך, פאַר דעם גרעסטן מענטש אין זעניט.

— נו, דאָס ביסטו אפילו נישט, אָבער — אָך, דזשאָרזש, וועסט דאָך אודאי נישט זאָגן, אַז מיר דאַרפן זיי איינלאַדן צו אונז?

— אוי, גאָט! איך מיין, אַז נישט.

— הער נאָר, דזשאָרזש! אָבער האָסט אים אַמאָל נישט געזאָגט וועגן דעם?

— ניין! ערנוואָרט! ניין, כ'האָב נישט געזאָגט! כ'האָב

נאָר אַ זאָג געטון, אַז מיר וועלן ווען ס'איז פרישטיקן צו־זאַמען.

— יאָ... אָך, טייערער... איך וואָלט זיי נישט געוואָלט אָנטון קיין עגמת נפש. אָבער איך ווייס נישט, צי כ'וואָלט געקאָנט אויסהאַלטן נאָך אַן אָוונט אין זייער געזעלשאַפט. און שטעל דיר נאָר פאָר, אַז ס'קומט עמעצער אַריין צו אונז. אָט לאָמיר זאָגן, דר. אַנגאָס מיטן ווייב און זיי טרעפן בײַ אונז די אָווערברוקס. זיי וואָלטן נאָך געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען אונזערע פריינט!

אַ וואָך צייט האָבן זיי זיך מישב געווען.

— מיר וואָלטן אייגנטלעך באַדאַרפט פאַרבעטן עדן מיט זיין פרוי, די קבצנים נעבעך!

אָבער זיי האָבן שוין קיינמאָל נישט געזען די אָווער־ברוקס און זיי האָבן פאַרגעסן אָן זיי. אין אַ חודש אַרום האָט עמעצער אַ זאָג געטון:

— דאָס איז געווען דאָס בעסטע מיטל, ווי אַזוי אַרויס־צודרייען זיך פון זיי. עס האָט פאַר זיי גאָר נישט געווען אַזוי גוט, אַז מיר זאָלן זיי איינלאַדן. זיי וואָלטן זיך ממש שלעכט געפילט בײַ אונז אין שטוב.

און זיי האָבן מער וועגן די אָווערברוקס נישט גערעדט.

קאַפּיטל XVI

א.

די זיכערקייט, אַז ער וועט נישט איינגעלאַדן ווערן צו די מעק קאַלוויס, האָט בעביטן געמאַכט שולדיק און אַביסל לעכערלעך. אָבער ער האָט וואָס אַמאָל רעגלמעסיקער באַזוכט דעם עלך-קלוב. אויף אַ פרישטיק פון דער האַנדלס-קאַמער האָט ער גערעדט וועגן די שאָדנס פון שטרייק, און ער האָט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַן אויסדערוויילטן בירגער.

זיינע קלובן און געזעלשאַפטן האָבן געשפּייזט זיין הונגעריקן גייסט.

פון יעדן אָנשטענדיקן מענטש אין זעניט, האָט מען פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אָנגעהערן צו איינעם, אָדער בעסער — צו צוויי אָדער גאָר צו דריי פון דער גרויסער צאָל „לאָזשעס" און צו די חשובע פרישטיק-קלובן; צו דער וועלט-פאַרברידע-רונג, צום קיוואַניאַ אָדער בוסטער; צו די גוטע ברידער, רויטהויטיקע וואַלדמענטשן, סאָוועס, אָדלער, מאַקאַבעער, ריטער פון פּיטיאַ און ריטער פון קאָלומביאַ און אַנדערע געהיימע אָרדנס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט הויכער גוטהאַרצי-קייט, געזונטער מאָראַל און דרך ארץ פאַר דער קאָנסטיטוציע. אָנצושליסן זיך אין דידאָזיקע אָרדנס האָבן גורם געווען פיר זאַכן: ווייל יעדערער האָט אַזוי געטון. ווייל ס'איז געווען נוצלעך צום געשעפט, וואָרום ס'רוב קונדן זענען געווען פון די „לאָזשעס". ווייל דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם אַמעריקאַנער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו

זערן געהיימראַט אָדער געלערנטער — צו קריגן אַזאַ נאָמען, די דער גרעסטער, הויכווירדיקער, געהיימער אַרכיוו-שרייבער אָדער גרויס-האָגאָו, וואָס האָט זייער שיין אָפּגעקלונגען צווישן די נאָנאַלע טיטולן פון קאָמאַנדיר אָדער פּראָפעסאָר, און דאָס זאָט דעם שטרענג-געהאַלטענעם אַמעריקאַנער מאַן געגעבן די פרייהייט, אַרויסצורייסן זיך איין אָוונט אין דער וואָך פון זיין טומלדיקן בני-בית. די לאָזשע איז געווען זיין אַרענע, זיין קאַפּע. דאָ האָט ער געקאָנט אַ שפּיל טון אין ביליאַרד, זאָגן אַ וויץ אין אַ ריינער מענער-געזעלשאַפט און זיין צעלאָזן און מוטיק.

בעביט איז געווען דאָס, וואָס מ׳האָט געקאָנט אָנרופן די פאַרקערפּערונג פון די אַלע זאַכן.

אונטער דעם גאָלד-רויטן פאָן פון זיינע עפּנטלעכע אַרויסטרעטונגען, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די לאַנגווייליקע גרויע עסקים פון טאָג-טעגלעכן לעבן: אַרענדע, קאָנטראַקטן, רשימה פון אומבאַוועגלעכקייטן צו פאַרקויפן. די אָוונט-פאַרלעזונגען, די קאָמיטעטן און לאָזשעס האָבן אים צעהיצט ווי בראָנפן. צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער געהאַט אַ טרוקענע צונג. וואָך איין וואָך אויס האָבן אים די נערוון נישט אויפגעהערט צו מאַטערן. ער איז געשטאַנען אין אַן אָפענער מלחמה מיט זיין פאַרקויפער, סטענלי גראַף; און איינמאָל, האָט ער אָנגעשריגן אויף פריילין מעק גאָון, וואָס זי האָט געהאַט די חוצפה „אויסצובעסערן” זיין בריוו, הגם איר חן האָט בעביטן תמיד געמאַכט ווייכער.

אָבער אין פּאָול ריסלינגס קעגנוואַרט איז ער געוואָרן מילדער. איינמאָל אין דער וואָך האָבן זיי זיך צוריק דערפילט ווי יינגלעך. שבת האָבן זיי געשפּילט גאָלף און איינער דעם אַנדערן האָט פאָרגעוואָרפן:

— אַלס גאָלפער, ביסטו אַ פיינער טעניס-שפּילער!

אָדער זיי זענען אַ גאַנצן זונטאָג נאָכמיטאָג אַרומגעפאָרן אין אויטאָמאָביל, זיי זענען שטיין געבליבן פאַר דאָרפישע שענקן און געזעצט זיך אויף הויכע שטולן און

טרונקען קאַווע פון דיקע שעלעכלעך. טײַלמאָל פלעגט כאָוּל קומען מיט זײַן פידל, און דאַן שווײַגט אַפילו צילע, בעת דער דאָזיקער אײַנזאַמער מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זײַן וועג, און בלאָנדזשעט כּסדר אויף אומבאַקאַנטע וועגן, זוכט זײַן נשמה אין דער מוזיק.

ב.

זײַן קירך, די פּרעסביטעריאַנער אויף שאַטאַם-ראָד, איז געווען אין זעניט אײנע פון די גרעסטע און רײַכסטע, צום מײנסטן אויסגעפּוצטע מיט אײכן און סאַמעט. דער פּאַס-טאָר איז געווען דער חשובער דזשאָן דזשעניסאָן דרײַו. מ. א. ד. ד. ל. ל. ד.*) (די ערשטע צווײ טיטולן האָט ער גע-קריגן אויף דעם אַלבערט-אוניווערזיטעט, נעבראַסקאַ, דעם לעצטן אויף דער וואַטערבאָרער אוניווערזיטעט אין אָקלעהאָמאַ.) ער האָט געהאַט אַ גרויסן טאַלאַנט צו רעדן, געווען טעטיק און פלינק. ער איז געווען פאָרזיצער אויף די מיטינגען, וואָס האָבן געהאַט אַן אויפגאַבע, אַרונטערצורײַסן די פאַרײַנען אָדער צו דערהויבן דעם גײַסט בײַ די הויז-דינערשאַפט, און ער האָט זיך מודה געווען פאַר די פאַרזאַמלטע, אַז ער איז געווען אַמאָל אַן אָרעם ייִנגל און אַ צײַטונגס-פאַרשפּרײַטער. ער האָט געשריבן אַרטיקלען אין דער זונטאָג-בײַלאַגע פון „אָונט טײַמס" אויף דער טעמע: „דער גלויבן פון אַן אמתן מאַן", „דאָלאַרן און די באַדײַטונג פון קריסטנטום", די דאָזיקע אַרטיקלען האָט מען געדרוקט מיט גרויסע אותיות אויף ברײטע שפּאַלטן. ער פלעגט תּמיד זאָגן: — „איך בין שטאָלץ דערמיט, וואָס כ'בין פריער פאַר אַלץ אַ געשעפטס-מאַן", און, אַז עס פעלט אים גאָרנישט אײן „צו לאָזן דעם אַלטן יצר הרע מאָנאָפּאָליזירן דעם גאַנצן פעפער און פאָנטש". ער איז געווען אַ דאַרער יונגערמאַן, מיט אַ פּשוטן אויסזען, מיט גאָלדענע ברילן, מיט אַ טשופּרינע טונקעלע האָר, אָבער

*) מ. ע. מעסטער אָף אַרטס, דאָקטאָר פון קונסטגעשיכטע. ד. ד, דר. אָף דיווינטי: דר. טעאָלאָג. ל. ל' ד. דר. פון רעכט.

ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט ער געפלאַמט פון באַגייסטערונג. ער האָט מודה געווען, אַז ער פאַרמאָגט אין זיך צופיל פון אַ דיכטער און פון אַ געלערנטן, כדי נאָכצופאָלגן דעם עוואַנגעליסט מיק מאָנדעי; דאָך האָט מאָנדעי אויפגעוועקט אין אים אַ געפיל פון אַ ניי לעבן מיט דעם ציטאַט: „מיינע ליבע, גלויביקע ברידער, ווער עס געטרויט נישט גאָט איז אַ מנוול".

ער האָט געמאַכט זיין קירך פאַר דעם מיטלפונקט פון דער געמיינדע. זי האָט אַריינגענומען אין זיך אַלץ אויסער אַ באַר. דאָרטן איז געווען אַ קינדער־גאָרטן, אַ דאָנערשטיק־אָוונט־ברויט, באַגלייט מיט אַ קורצע, פריילעכע, הייליקע דרשה, אַ טורן־זאַל, און יעדער אַנדערע וואָך, אַ קינאָמאַטאָגראַפישע פאָרשטעלונג, אַ ביבליאָטעק מיט טעכנישע האַנטביכער פאַר יונגע אַרבעטער — כאָטש קיין יונגע אַרבעטער האָבן ליידער, נישט באַזוכט די קירך, אויסער אַמאָל אין אַ יובל צו פוצן די שויבן אָדער פאַרריכטן דעם אויוון — און איינציקע נייטאָרינס, וואָס האָבן געמאַכט קורצע הייזלעך פאַר קינדער פון אָרעמע, בעת פרוי דריו האָט הויך אויפן קול ערנסט געלייענט אַ ראָמאַן.

הגם דעם דאָקטאָר דריוס טעאָלאָגיע איז געווען אַ ריין פרעסביטעריאַנישע, איז זיין קירך געווען רייצנד־עפּיסקאָפּאַל. ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, האָט די געביידע געהאַט אין זיך „די דויערהאַפטסטע און כאַראַקטעריסטישסטע סימנים פון די איידעלע קירלעכע מאָנומענטן פון גרויסן אַלטן ענגלאַנד, וואָס זענען געשטאַנען אַלס סימבאָל פון אייביקן גלויבן, רעליגיע און בירגערלעכקייט. זי איז געבויט געווען פון אייזנבעטאָן אין גאָטישן סטיל, און דער הויפּט־זאַל איז אומדערעקט באַלויכטן געוואָרן פון עלעקטרישע אַלבאַסטער־קוילן.

אין איינעם אַ דעצעמבער־פרימאָרגן, בעת די בעביטס זענען געווען אין קירך, איז דר. דזשעניסאָן דריו געווען אומגעווייגלעך רעדעוודיק. דער געדראַנג איז געווען גרויס. צען לעבעדיקע, פלינקע יונגען, אין פרימאָרגן־מלבושים

מיט ווייסע רויזן, האָבן אַרויפגעברענגט איינלייג-שטולן פון אַ קעלער. ס׳איז צוגעגרייט געווען אַן אינטערעסאַנטער מוזיקאַלישער פּראָגראַם אונטער דער לייטונג פון שעלדאָן שמידט, דעם אָנפירער פון די מוזיק-קורסן אין דעם „פאַרבאַנד פון קריסטלעכע יונגע מענער”, וואָס האָט גלייכצייטיק געזונגען אַן אָווערטורע. בעביט האָט נישט גערן אויסגעהערט דעם מוזיקאַלישן טייל, באַזונדערס דערפאַר, וואָס עמעצער האָט ווי אויף צו להכעיס אויסגעלערנט דעם הער שמידט לאַכן, אומאויפהערלעך צו לאַכן, בעתן זינגען; להיפוך האָט ער מיט דער גאַנצער פאַראינטערעסירונג פון אַ רעדנער אויסגעהערט די רעדע פון דריו. זי האָט געהאַט אַלע אינטעלעקטועלע מעלות, וואָס האָט אונטערגעשיידט די געמיינדע שאַטאַם-ראָד פון די געוויינלעכע קירכעס אויף דער שמיד-גאַס

— אין דערדאָזיקער ערנסטער צייט פון דין וחשבון פון אַ גאַנץ יאָר — האָט דר. דריו געזאָגט אין אַ זינגנדיקן טאָן: — ווען דער וועג פון וואַנדערער איז שווער און פאַרמאַטערט און די וואָלקנס פאַרשטעלן דעם הימל פאַר אים — קוקט זיך אום דער שוועבנדיקער קערפּערלאָזער גייסט איבער די אָפּגעטועטע מעשים און ער וואָלט געוואָלט עס זאָלן זיך אומקערן די נאָר-וואָס פאַרגאַנגענע צוועלף חדשים, אָך, און וואָס פאַר אַ גרויסע טרייסט איז עס פאַר אונז, ווען אונטער אונזערע זינד און פעלערן קלינגט דאָס פריידיקע קול פון די, וואָס לעבן שוין נישט מער אויף דער ערד; און טו אַ קוק! אויף דעם טונקעלן האָריזאָנט טויכן-אויף טריבע וואָלקנס פון ליידן און אונטער די וואָלקנס ריזיקע בערגמאַסן, בערג פון מעלאָדיע, בערג פון פרייד, פון אַלע שיינקייטן און פרייד.

— ניין, באמת, ווי אָנגענעם און גוט עס ווירקט אויף מיר אַזאַ דרשה דורכגעפלאָכטן מיט קולטור און געדאַנקען. — האָט בעביט זיך פאַרקלערט.

ביים סוף דרשה איז ער אַנטציקט געוואָרן. בעת דער פּאַסטאָר האָט אים געדריקט די האַנט און געזאָגט:

— אָך, ברודער בעביט, אפשר קאָנט איר וואַרטן אַן אויגנבליק? איך נויטיק זיך אין אייערס אַן עצה.

— זיכער, דאָקטאָר, ביטע זייער!

— קומט אַריין צו מיר אין ביוראָ. כ'מיין, אַז מיינע ציגאַרן וועלן אייך שמעקן.

בעביטן האָבן די ציגאַרן געשמעקט. ס'איז אים אויך געפעלן געוואָרן די ביוראָ, וואָס האָט זיך אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע געשעפטס-ביוראָס בלויז מיט דעם באַקאַנטן אויפשריפט אויף דער וואַנט: „היינט איז אַ טאָג פאַר גאָטס עניִים". טשום פרינק איז אַריינגעקומען און הינטער אים חיליאַם וו. איטהאָרן.

איטהאָרן איז געוועזן דער זיבעציק-יעריקער פּרעזידענט פון דער ערשטער שטאַט-באַנק אין זעניט. ער האָט נאָך געטראָגן די איידעלע באַקנבערד, ווי ס'איז געוועזן דער מנהג פון די באַנקירן אין יאָר 1870. אויב בעביט האָט די הערלעכע געזעלשאַפט פון מעק-קאַלווי מקנא געווען, האָט ער פאַר וויליאַם איטהאָרן געהאַט דרך ארץ. איטהאָרן האָט נישט געהאַט קיין שייכות מיט מעק קאַלוויס געזעלשאַפט. ער איז געוועזן אַן אור-אור-אייניקל פון איינעם פון יענע פינף מענער, וואָס האָבן געגרינדעט זעניט אין יאָר 1792. און ער האָט געשטאַמט פון דעם דריטן דור באַנקירן. ער האָט געקאָנט געבן קרעדיט, מאַכן הלוואות, קאַליע מאַכן אָדער בעסער מאַכן די געשעפטן. אין זיין קעגנוואַרט האָט בעביט געאָטעמט גיכער און געפילט זיך אומדערוואַקסן.

דער חשובער הער דריו איז אַריינגעפאַלן אין צימער און תיכּף אָנגעהויבן רעדן:

— איך האָב אייך פאַרבעטן דאָ אַהער, כּדי אייך פאָרצולייגן אַ געוויסן פּראָיעקט. די זונטיק-שול נויטיקט זיך אין שטיצע. אונזער שול דאַרף זיין די גרעסטע אין שטאָט, מחמת דעם האָב איך אייך געוואָלט בעטן, אַז איר זאָלט שאַפן אַ קאָמיטעט אויף אונטערצושטיצן און צו פּאָפּולאַריזירן די שול, קוקט זיך צו צו איר טעטיקייט, גיט אויסבעסערונגס-פּלענער.

אפשר וועט אייך מעגלעך זיין צו באַמיען זיך, אַז די צייטונ־גען זאָלן עפּעס שרייבן — זאָלן זיי שרייבן וועגן עפּעס אַ נייע זאַך, וועגן עפּעס קאָנקרעטס און וויכטיקס, נישט נאָר וועגן רציחות און גטן.

— אויסגעצייכנט! — האָט דער באַנקיר אַ זאָג געטון. בעביט און טשום פרינק האָבן זיך צופרידן אָנגעשלאָסן.

ג.

ווען איר זאָלט אַזוי אַ פרעג טון בעביטן וועגן זיין גלויבן, וואָלט ער אייך געענטפערט מיט דער שטענדיקער רעטאָריק פון בוסטער־קלוב.

— מיין גלויבן, איז צו דינען מיינע גוטע ברידער, צו אַכטן מיין חבר, ווי זיך אַליין, און טון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי גליקלעך צו מאַכן ס'לעבן פון מיר און פון אַנדערע.

און ווען איר זאָלט אים אַ פרעג טון גענויער, וועט ער אייך דערקלערן:

— איך בין אַ מיטגליד פון דער פּרעסביטעריאַנישער קירך, און נאַטירלעך, האַלט איך פון איר לערע.

און ווען איר וואָלט געוואָלט זיין ברוטאַל אוןווידער פרעגן, וואָלט ער פּראָטעסטירט:

— איך האַלט פאַר צוועקלאָז צו דיסקוסירן וועגן רע־ליגיע; דאָס מאַכט אַ שלעכטע שטימונג.

דער פונדאַמענט פון זיין טעאָלאָגיע, איז געווען דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון אַ העכער וועזן, וואָס האָט אונז געוואָלט באַשאַפן פולקאָם און עס איז אים נישט געלונגען. איז אַ מענטש ערלעך, וועט ער קומען אין גן־עדן אַריין (בעביט האָט נישט ווילנדיק זיך פאָרגעשטעלט דעם גן־עדן, ווי אַן ערשטקלאַסיקער האָטעל מיט אַ פּריוואַט־גאָרטן.) איז דער מענטש שלעכט, דאָס הייסט, ער האָט געמאָרדעט, געגנבעט אָדער בעשלונגען קאָקאַין אָדער געהאַט אַ קעבסווייב,

צי גאָר פאַרקויפט נישט עקזיסטירנדיקן באָדן, וועט ער אַריין אין גיהנם. בעביט האָט נישט געהאַט קיין ידיעה, ווי ער האָט עס אָנגערופן, אין די גיהנם-געשעפטן. טעדן האָט ער דער־קלערט:

— נאַטירלעך בין איך אַ פולשטענדיקער ליבעראַל; איך שטעל מיר נישט פאָר דעם גיהנם, ווי אַ קאָכענדיקער קעסל מיט סמאָלע. אָבער עס לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אַ מענטש זאָל שטאַרבן מיט זיינע אַלע זינד, און נישט קריגן דערפאַר דעם געהעריקן פסק, פאַרשטייסט, ווי איך פאַס עס אויף?

איבער דערדאָזיקער טעאָלאָגיע האָט ער זיך זעלטן ווען פאַרטראַכט. דער קערן פון זיין פראַקטישער רעליגיע איז גע־ווען די איבערצייגונג, אַז מ׳דאַרף זי פילן; אַז נאָך די תּפילות דאַרף מען מאַכן גוטע געשעפטן, אַז די קירך האַלט אָפּ די שלעכטע עלעמענטן, זיי זאָלן נישט ווערן נאָך ערגער; און די דרשות, וואָס זענען לכתחילה לאַנגווייליק, באַקומען שפּעטער אַ העכערער קראַפט, וואָס „מאַכט בעסער דעם מענטשן און דערנענטערט אים צו העכערע ענינים".

די אויספאָרשונג, וואָס ער האָט אַדורכגעפירט אין נאָמען פון באַראַטונגס־קאָמיטעט פון דער זונטיק-שול, האָט אים נישט באַגייסטערט.

דער ביבל-קלאַס איז אים געפעלן געוואָרן. ער איז באַשטאַ-נען פון רייכע מענער און פרויען; פאַר זיי האָט גערעדט דער אַלטער שול-לערער, דר. עטינקס זשאָרדען. ער האָט גע־רעדט מיט אַ בליצאַרטיקע שנעלקייט, וואָס מ׳האָט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די סובטעלע רעדעס פון אַ הומאָריסט. אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען אין דעם יוגנטלעכן קלאַס, האָט ער זיך אַנטוישט, ער האָט געהערט, ווי שעלדאָן שמידט, דער דירעקטאָר פון די קורסן אין „קאַטוילישן פאַרבאַנד פון יונגע מענער" און לייטער פון קירכע-כאָר, אַ בלייכער, פייער־דיקער יונג, מיט אַ געקרויזטן קאָפּ האָר, האָט גערעדט צום קלאַס, וואָס איז באַשטאַנען פון זעכצן-יעריקע יינגלעך; שמידט האָט גערעדט צו זיי ליבלעך:

— דעם נאָענטסטן דאָנערשטיק וועט פאָרקומען ביי מיר אין שטוב אַן אָוונט־שמועס פון הארץ צו האַרץ. מיר וועלן אַ שמועס טון צווישן זיך וועגן פאַרשידענע געהיימע דאגות; איר וועט זיך קענען מתודה זיין פאַרן אַלטן שעלדאָן אַלצדינג, ווי יער שטייגער ביי אונז אין קאַטוילישן פאַרבאַנד, און איך וועל אייך ערנסט דערציילן וועגן די מוראדיקע תאוות, וואָס לויערן אויף אַ בחור, וואָס האָט נישט איבער זיך קיין עלטערן ברודער, אויך וועגן דער סכנה און דעם געגנוס, וואָס עס גיט אַ נקבה. דער אַלטער שעלד האָט געשטראַלט; די יינגלעך האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט, און בעביט האָט נישט געוווּסט, ווו די אויגן היינצוטון.

די יונגערע קלאַסן זענען נישט געווען אַזוי באַאומרויקנדיק, אָבער דערפאַר זענען זיי געווען ל אַנגווייליקער: אַלטע, ערנסטע פריילינס האָבן געלערנט אָריענטאַלישע פילאָזאָפיע און עטנאָלאָגיע. ס׳רוב לעקציעס זענען פאָרגעקומען אין די גוט־איינגעאָרדנטע צימערן פון דער זונטיק־שול, אָבער די האָבן זיך געפונען אין קעלער, וואָס איז אויסדעקאָרירט געווען מיט וואַסער־רערן און באַלויכטן פון קליינע פענסטערלעך, הויך אין די פייכטע ווענט. דאָס, וואָס בעביט האָט איצט געזען פאַר זיינע אויגן, האָט אים דערמאָנט די ערשטע געמיינדע־קירך אין קאַטוואַבאַ. ער האָט זיך געזען אין דער זונטיק־שול, אין די קינדער יאָרן. ער האָט איינגעאָטעמט אין זיך דעם אָנגענעמען פייכטן ריח, די אייגנאַרטיקייט פון אַלטע קלויסטער־צימערן. ער האָט זיך דערמאָנט די שענק מיט האַנט־ביכער פון דער זונטיק־שול: „העטי, די באַשיידענע העלדין און יוסף, דאָס פאַלעסטינער יינגלן" ער האָט ווידער אָנגערירט די פאַרביקע בילדלעך, מיט די הייליקע פסוקים, וואָס אַלע יינגלעך האָבן פיינט, אָבער האָבן מורא זיך מודה צו זיין אין דעם, ווייל זיי האָבן אין זיך עפעס הייליקס; די עבירות פון זיינע גאַנצע פינפאונדרייסיק יאָר האָבן אים מוראדיק געפייניקט, בעת ער האָט אין דער גרוימיקער זעניטער קירך אויסגעהערט די לעקציע:

— אַצינד, עדגאַר, לייען דו די ווייטערדיקע שורה: וואָס

איז דער טייטש: „ס'איז לייכטער דעם קעמעל דורכצוגיין דורכן אויער פון אַ נאָדל"? וואָס לערנט דאָס אונדז? קלאַרענץ, כ'בעט דיך, דריי זיך נישט אַהין און אַהער! אויב דו וואָלסט געקאָנט די לעקציע, וואָלסטו זיך נישט אַזוי געדרייט. אַצינד, אירל — וואָס האָט קריסטוס געוואָלט לערנען זיינע תּלמידים? איך וויל, אַז איר זאָלט אייך יינגלעך, נעמען איין זאַך אין זינען אריין, און אָט וואָס: „ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך!" די ווערטער זאָלט איר גוט געדענקען! קלאַרענץ! גיב אַכטונג — חזרט איבער: „ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך", ווען ס'וועט אייך פאַרפעלן מוט און — אַליס, לייען די ווייטערדיקע שורה, ווען דו גיסט אַכטונג, וואָלסטו נישט פאַרגעסן, ווו דו האַלטסט.

— זשום-זשום-זשום! — גיגאַנטישע בינען האָבן גערוישט. אין אַ הייל פון טיפן שלאָף —

בעפּיט האָט זיך אויסגעריבן זיינע אויפגעעפנטע אויגן, ער האָט געדאַנקט די לערערין פאַר דער „פּריווילעגיע פון אויסצוהערן איר גלענצנדע לעקציע", און אַוועק צו דער אַנדערער גרופּע.

צוויי וואָכן נאָכדעם האָט ער נאָך נישט געהאַט קיין שום פּאָזיטיווס פאַרן חשובן דר. דריו.

דאַן האָט ער אַנטדעקט אַ וועלט אין דער זונטיק-שול-צייטונג, אַ אומגעהויער געביט פון וואָכנשריפטן און חודש זשורנאַלן, וואָס זענען געווען פונקט אַזוי פּראַקטיש און נויטיק, ווי די מעקלעריי-אָפּטיילונג אָדער דער אָרגאַן פאַרן שוך-האַנדל. ער האָט זיי געלייענט ביז נאָך האַלבע נאַכט און זיך געחידושט.

ער האָט געפונען אַ סך ידיעות, וואָס שייך די „צענטראַליזירונג פון אויפרופן" „ווערבירן נייע מיטגלידער", און וויאַזוי צו קריגן שפּעקוליאַנטן פאַר דער זונטיק-שול". ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט דאָס וואָרט „שפּעקוליאַנטן", און פון אָט דעם אַרטיקל איז ער גאָר באַגייסטערט געוואָרן:

„דער מאָראַלישער קוואַל פון געזעלשאַפטלעכן לעבן ליגט

אין דער זונטיק-שול — אין דער שול פון רעליגיעזער וויסנשאַפט און באַגייסטערונג. אויב זיי ווערן אַצינד פאַרנאַכלעסיקט, וועט זיך דאָס שלעכט אָפּרופן אויף די שפּעטערדיקע יאָרן דורך אַ פאַרקלענערונג פון דער גייסטיקער קראַפט און מאָראַלישן איינפלוס... דער אויבן-אָנגעוויזענער טאַט, אונטערגעשטיצט מיט אַ וואַרעמען רוף, וועט איבערצייגן די, וואָס ס'איז זיי שווער, סיי מיט אַ געלעכטער און סיי מיט גוטע רייד, צו געווינען פאַר זייער פליכט".

בעביט האָט עס באַשטעטיקט:

— ס'איז אַזוי. איך האָב געלאַכט פון דער זונטיק-שול אין קאַטאַבאַ, וויפל כ'האָב נאָר געקאָנט, אָבער טיילמאָל טו איך אַ טראַכט, צי וואָלט איך געווען דער, וואָס איך בין היינט, ווען כ'וואָלט מיך נישט געווען אָנגעטרונקען מיט איר מאָראַלישן כּח? און אַלץ פון דער ביבל. די שענסטע ליטעראַטור. איך מוז ווידער נעמען דורכלייענען די ביבל, ווי כ'וועל נאָר האָבן צייט.

די וויסנשאַפטלעכע יסודות צו אָרגאַניזירן די זונטיק-שול, האָט ער געלערנט פון אַן אַרטיקל אין דעם „וועסטמינסטער ביבל-קלאַס פאַר דערוואַקסענע”:

„דער צווייטער וויצע-פּרעזעס לייגט אַכט אויף צו דערהויבן דעם געזעלשאַפטלעכן גייסט פון דעם קלאַס. ער גרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אים קומען צו הילף. יעדער איינער, וואָס קומט אַריין אין זאַל, דערלאַנגט וואַרעם די האַנט, קיינער ווערט נישט אָפּגעשטויסן. אַ מיטגליד שטייט ביי דער שוועל פון דער טיר און בעט אַריין די דורכגייער”.

בעביטן איז מער פון אַלץ געפעלן געוואָרן די באַמערקונג פון וויליאַם ר. רידזשוויי אין דעם „זונטיק-שול-טיימס”:

„אויב איר האָט אַ זונטיק-שול-קלאַס אָן ענערגיע, אָן חשק צו אַרבעטן, אַ קלאַס, וואָס רופט נישט אַרויס קיין אינטערעס און פונקציאָנירט נישט רעגלמעסיק, אַ קלאַס, וואָס ליידט אויף פיבער, דאַן ווענדעט אייך נאָך אַ מיטל צום

אַלטן דר. רידזשוויי. לאַדט זיי איין אַלע צוזאַמען אויף מאַלצייט.

די זונטיק-שול-צייטונגען האָבן געגעבן פּראַקטישע און אַלזייטיקע עצות. זיי האָבן געפּלעגט אַלע קונסט-צווייגן; וואָס שייך מוזיק, האָט דער „זונטיק-שול-טיימס" מודיע געווען, אַז הער צ. לאָנדן, „וואָס איז באַקאַנט טויזנטער מענטשן מיט זיינע רעליגעזע שאַפונגען", האָט אָנגעשריבן אַ בוך: „איך ווייטיק מיט אייך"; די פּאָעמע פון הערי ד. קער, איז איינע פון די שענסטע פּאָעמען, וואָס מיר האָבן ווען ס'איז געלייענט און די מוזיק, אומגעוויינלעך שיין, די קריטיקער זענען ביי דער מיינונג, אַז דאָס ליד וועט באַהערשן ס'גאַנצע לאַנד; גאַנץ מעגלעך, אַז עס וועט באַנוצט ווערן פאַר אַ רעליגעזן הימן צו די ווערטער: „הער אויס קריסטוס קול".

אַפילו פאַר האַנט-אַרבעט האָבן זיי אַ סך געזאָרגט. בעביט האָט פאַרצייכנט אַ חריפותדיק מיטל, ווי אַרום צו אילוסטרירן קריסטוסעס תחית המתים:

„אַ מוסטער פאַר שילער. אַ קבר מיט שויבן-טירלעך. — נעם אַ פירעקידיק קעסטעלע מיט אַ דעקל און לייג עס מיט דער דנאָ קאַפויר. רוק-אויף אַביסל דאָס דעקל, כּדי ס'זאָל זיך שאַפן אַ שוועל. שנייד אויס אַ פירעקיק שטיקל, כּדי ס'זאָל זיין אַ טירל, נעם אַ קיילעכדיק שטיק טאָוול, וואָס זאָל פאַרשטעלן די טיר. אַרום גאַנצן קבר אין אויף דער טיר שיט אָן אַ געמיש פון זאַמד, מעל און וואַסער, און לאָז עס אויסטריקענען: דאָס איז דער שווערער קיילעכדיקער שטיין, וואָס די יונג פרויען האָבן געפונען אַוועקגעקאָלערט אין יענעם פּסחדיקן פרימאָרגן. דאָס איז די געשיכטע פון „גייט און רופט".

אין זייערע אַנאָנסן זענען די זונטיק-שול-צייטונגען געווען אויסגעוויינלעך טעטיק. בעביט האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די פּרעפּעראַטן, וואָס פאַרטרעטן פיזישע איבונגען פאַר מענער, וועלכע מוזן ס'רוב זיצן. „זיי פרישן אויף די נערוון, דערמונטערן דעם מוח און דעם פאַרדייאונגס-סיסטעם". ער איז געווען אויפריכטיק, מודה צו זיין, אַז דער ביבל פאַרקויף

איז אַ שווערע קאָנקורירנדע אינדוסטרי ; און אַלס עקספּערט פון היגעניע, האָט ער זיך געפרייט מיט די ידיעות פון דער סאַניטאַרער געזעלשאַפט וועגן „שיינע און פּראַקטישע כּלים פאַר דער קירך, צוזאַמען מיט אַ מאַכאָן טאַץ. אזא טאַץ וועט זיין לייכטער, גרינגער צו דערלאַנגען פון האַנט צו האַנט, מיט ווייניקער גערויש, מער צוגעפּאַסט צו אַלע אַנדערע כּלים, ווי אַלע טאַצן פון אַנדער מאַטעריאַל".

ד.

ער האָט אַוועקגעלייגט דעם שטויס זונטיק-שול-צייטונגען. ער האָט זיך פאַרטראַכט :

— יאָ, דאָס איז גאָר אַן אַנדערע וועלט. אימפּאָזאַנט. אַ חרפּה, וואָס כ'בין שוין נישט מער געגאַנגען אהין. אַ מענטש, וואָס קאָן האָבן אַן איינפלוס אויף דער געזעלשאַפט — איז באמת אַ חרפּה פאַר אים, אויב ער נעמט נישט קיין אַקטיוון אָנטייל אין אַזאַ שטאַרקער, דרייסטער, רעליגיעזער באַוועגונג. מען קען כּמעט זאָגן, אַז דאָס איז אַ מין פאַרייניקונג פון קריסטנטום מיט ג. מ. ב. ה.

אָבער פאַרשטייט זיך, מיטן גאַנצן יראת הכּבוד.

אַ סך מענטשן קאָנען טענהן, אַז דידאָזיקע זונטיקדיקע שול-רעקלאַמעס זענען אומווירדיק און אַ חילול השם און אַזוי ווייטער. זיכער ! עס וועט זיך שוין געפונען אַזאַ איינער, וואָס וועט אָפּלאַכן ! צעשטערן, אָפּלאַכן און אָפּחוזקן איז תּמיד לייכטער איידער אויפבויען. אָבער איך פון מיין זייט מוז זאָגן, אַז דידאָזיקע בלעטלעך האָבן מיר אַ סך גוטס געטון, עס האָט זיי אָפּגעגאָלטן צו געווינען דעם גוטן, אַלטן דזשאָרזש פ. בעביט פאַרן קאַמף, און דאָס איז דער ענטפער אויף דער נידעריקער קריטיק !

יאָ, וואָס מענטשלעכער און פּראַקטישער דער מענטש איז, אַלץ ווייניקער גיט ער זיך אָפּ מיט דידאָזיקע הערלעכע

עניִנים: איך בין דערפֿאַר, אַז מען מוז איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סוף מאַכן מיט דער אָפּגעלאָזנקייט און מיטן בראָנפֿן טרינקען.

— ראָנע! ווו ביסטו צו אַלדע רוחות! איך מוז זאָגן, אַז ס'איז זייער פֿיין, אומצוקערן זיך נאָך האַלבע נאַכט אַהיים!

קאַפּיטל XVII

א.

אויפן פלאָרעל הייטס האָבן זיך געפינען אינגאַנצן דריי אָדער פיר אַלטע הייזער, און דאָרטן הייסט אַן אַלט הויז, דאָס וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פאַרן יאָר 1880. דאָס גרעסטע פון זיי איז די וווינונג פון וויליאַם וואַשינגטאָן איטהאָרן, דער פּרעזידענט פון דער ערשטער מלוכה-באַנק.

דער איטהאָרן-פּאַלאַץ איז געווען אַ לעבעדיקע ערינערונג פון דעם שיינעם קוואַרטאַל אין זעניט, וואָס איז באַליבט געווען פון יאָר 1860 ביז 1900. דאָס איז געווען אַ ריזיקע געביידע פון רויטן ציגל-שטיין מיט אַ גרויען שטיינערנעם באַלקאָן מיט פענסטער-געזימסן און אַ משופּעדיקן דאַך, מיט רויטע, גרינע, שמוציק-געלע פּאַסן. דאָרט זענען געווען צוויי מאָגערע קראַפּטלאָזע טורעמס. איינער איז באַדעקט געווען מיט קופּער, דער אַנדערער איז געקרוינט געווען מיט אַ קופּאָל פון געגאָסענעם אייזן. די וואַרענדע איז געווען ווי אַן אָפּענער קבר, זי איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון אומגעלומפּערטע גראַניט-זיילן, איבער וועלכע ס'זענען אַראָפּגעהאָנגען שטייף-קאַלטע ציגלנע קאַסקאַדן. פון איין זייט הויז האָט אַראָפּגעקוקט אַ ריזיק פענסטער מיט קאָלירטע שויבן אין דער פאָרם פון אַ שליסל-לאָך.

אָבער דאָס הויז האָט בשום אופן נישט געמאַכט קיין לעכערלעכן איינדרוק. דאָס איז געווען די פאַרקערפּערונג פון חשיבות ביי יענע פינאַנסיסטן פון דער וויקטאָריאַנישער עפּאָכע, וואָס האָבן רעגירט מיט דעם צווישן-דור צווישן די פּיאָנערן און פּיפּיקע אינזשיניערן-סוחרים און געשאַפן אַ

פינסטערע אָליגאַרכיע, איבערנעמענדיק די קאָנטראָל איבער די בענק, מילן, באַנען, ערד. גאַנצע טוצן פאַרשידענע סתירותדיקע זעניטס האָבן פאָרגעשטעלט דאָס אמתע און גאַנצע זעניט, און קיין איינס פון זיי איז נישט געווען אַלמעכטיק און אויסדויערנדיק, און קיין איינס פון זיי איז נישט געווען אַזוי פרעמד די בירגער, ווי דאָס קליינע, שטילע, טרוקענע אכזריותדיקע זעניט פון וויליאַם איטהאָרן; און אויף אונטערצוהאַלטן דידאָזיקע קליינע היעראַרכיע, האָבן די איבעריקע זעניטס געאַרבעט, אַליין נישט וויסנדיק דערפון און געשטאָרבן מיט אַ שטילן טויט.

דער גרעסטער טייל וויקטאָריאַנישע טעטראַרכען זענען היינט פאַרשוונדן געוואָרן פון דער ערד, אָדער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קרעטשמעס; אָבער דער איטהאָרן-פּאַלאַץ איז געבליבן שטיין אין שטאָלצער הערלעכקייט, ווי די ערינערונג פון בעק-ביי, רינטהויז-סקווער. די מירמלנע טרעפ האָט מען געוואַשן יעדן טאָג, די מעשענע שלעסער ביי די טירן האָט מען געפוצט מיט נרויס ליבשאַפט, און די שפּיצן-פאָרהאַנגען זענען געווען אַזוי שיין און רייך, ווי וויליאַם וואַשינגטאָן איטהאָרן אַליין.

מיט אַ ציטערדיקן געפיל פון יראת-הכבוד, האָט בעביט מיט פרינקן אויפגעזוכט איטהאָרנען, כדי אָפּצוהאַלטן אַ באַראַטונג פון דעם זונטיק-שול-קאָמיטעט. מיט אַן אינערלעכער מורא זענען זיי נאָכגעגאַנגען דעם אוניפאָרמירטן דינסט-מיידל, וואָס האָט זיי געפירט דורך די קאַטאַקאָמבישע אויפנאַב-צימערן צו דער ביבליאָטעק. עס איז געווען אַזוי שווער צו דערקענען, אַז דאָס זאָל זיין די ביבליאָטעק פון אַ סאָלידן אַלטן באַנקיר, ווי איטהאָרנס באַקנבערד, וואָס האָבן געדאַרפט זיין די באַקנבערד פון אַ סאָלידן אַלטן באַנקיר. ס'רוב ביכער זענען געווען געזאַמלטע ווערק אין אַ קאָרעקטן טראַדיציאָנעלן איינבאַנד פון טונקל-בלוי, טונקל-גאָלד און גלאַטיק קאַלבס-לעדער. דאָס פייער אין קאַמין איז געווען קאָרעקט און טראַדיציאָנעל; אַ קליין, רויק, אָנגענעם פייער, וואָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די טירלעך פון

פּאָלירטן אײַזן; דער דעמבענער שרײַב=טיש איז געווען טונקל־אַלט און אויסגעהאַלטן אין יעדן פּרט. די שטולן זענען אפילו געווען אַביסל שטאָלץ.

איטהאָרנס פֿראַגן וועגן פֿרוי בעביטס געזונט, וועגן פֿרײַלין בעביט און די אַנדערע קינדער, האָבן אָפּגעקלונגען צאַרט און פּאָטערלעך, אָבער בעביט האָט נישט געפֿינען קיין איין וואָרט אויף אַן ענטפֿער. ס'איז געווען אומגעלומפּערט, צו טראַכטן אַפילו, אַז מ'קאָן תּמיד זאָגן: „ווי גייט עס, אַלטער שאַרבן?" מיט וואָס מען האָט געקענט באַגריסן ווערדזשיל גאָנטש, פֿרינק און האָוואָרד ליטלפֿעלד — מענטשן, וואָס האָבן ביז איצט אויסגעזען אין זײַנע אויגן גוט דערצויגן און גרויס־שטאָטיש. בעביט און פֿרינק האָבן זיך אַנידערגעזעצט מיט דרך ארץ, און איטהאָרן האָט העפֿלעך באַמערקט, עפֿענענדיק זײַנע דינע ליפּן, אַזויפֿיל, כּדי נאָר דורכצוזיפּן זײַנע ווערטער:

— מײַנע הערן, איידער איך עפֿן די זיצונג — איר האָט זיך אַוודאי גוט דורכגעפֿירן איבערן וועג — ס'איז זייער פֿײַן פֿון אײַך, וואָס איר האָט פֿאַרשפּאָרט אַן אַלטן מאַן די מי — אפֿשר ווען מיר צוערשט אַ טרונק טון אַביסל וויסקי?

בעביט איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו רעדן מיט אַ גוטן פֿרײַנד, אַז ער האָט זיך שיִער נישט כּמעט אינגאַנצן קאָמפּראָמיטירט מיטן אויסגעשריי: אדרבה, זאָל מען שוין זען אויפֿן טיש! אָבער איר מוזט מיר פֿריִער פֿאַרזיכערן, אַז ס'ליגט נישט דאָ עמעצער פֿון דער מאַכט באַהאַלטן אין פּאַפּיר־קאָרב. — די ווערטער זענען אים שטעקן געבליבן אין האַלדז. ער האָט זיך אַ נויג געטון אין שווייגנדיקער געהאָרכזאַמקייט. אַזוי האָט אויך געטון טשום פֿרינק.

איטהאָרן האָט אַ קלונג געטון נאָכן דינסטמיידל.

דער מאָדערנער און צו לוקסוס צוגעוווינטער בעביט האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז מ'זאָל אין אַ פּריוואַטער שטוב קלינגען נאָכן דינסטמיידל, סײַדן בעתן מיטאָג. ער אַליין האָט אין האָטעל געקלונגען נאָך די דינער, אָבער אין שטוב

האָבן זיי זיך געהיטן חלילה נישט צו באַליידיקן מאַטילדען זיי פלעגן אַרויסגיין אין קאָרידאָר און זי אַ רוף טון. אויך האָט ער, זינט דער פּראָהיבּישאָן, נישט געקענט קיין איין מענטש, וואָס זאָל רעדן אַזוי גלייכגילטיק פון אַלקאָהאָל. ס'איז געווען אַ וואונדערבאַר און אָנגענעם געפיל, צו ציען פון פלעשל און נישט צו שרייען:—אָך מענטשן, ס'כאַפּט מיך אָן ביים האַרץ! און מיטן עקסטאַז פון אַ יינגל, וואָס שטייט פאַר אַן אמתן גרויסן מענטשן, האָט ער שטילערהייט אַ זיפץ געטון: דער קליינער, האָריקער פאַרשוין, ער קאָן מיך מיט איין פינגער צעקוועטשן! ווען ער זאָל אַזוי זאָגן מיין באַנקיר, ער זאָל מיר מאַכן די הלואה!—גאָט! טוט נאָר אַ קוק אויפן קליינעם נפש, און עס זעט אויס, ווי ס'וואָלט נישט געהאט אין זיך קיין האָר כּוח! ס'איז מאָדנע, צי זענען מיר, בוסטער, נישט צופיל איינגעגלויבט אין אונזער כּוח?

שווידערנדיק פון דעמדאָזיקן געדאַנק, האָט ער זיך געווענדעט צו איטהאָרנען, אויסצוהערן מיט יראת הכּבוד זיינע אידעען, ווי אַזוי אויפצוריכטן די זונטיק-שול, וואָס זענען אַלע געווען זייער קלאָר און זייער שלעכט.

לסוף האָט בעביט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען:

— איך מיין, אַז אויב מיר ווילן אַנאַליזירן, אין וואָס די שולע נויטיקט זיך, אויב מיר זאָלן באַטראַכטן די זאַך פון ריינעם סוחרישן שטאַנדפּונקט, וועלן מיר נאַטירלעך איינזען, אַז די איינציקע גרינטלעכע נויטווענדיקייט איז אַ פּאַנאַנדערבליונג. איך גלויב, אַז מיר זענען אַלע איינשטימיק, אַז מיר וועלן זיך נישט באַרויקן, ביז מיר וועלן נישט אויפבויען די גרעסטע זונטיק-שול אין גאַנצן שטאַט, אַזוי, אַז קיינער זאָל צו דער פּרעסביטעריאַנישער קירכע נישט קענען האָבן קיין שום טענה. און איצט, איז ווי אַזוי פירן מיר אַדורך די קאַמפּאַניע? אָט האָבן מיר געפּרוווט אָנהויבן אַן אַקציע מיט ווערבירמתנות. די קינדער, וואָס האָבן אַריינגעבּרענגט די גרעסטע צאָל מיטגלידער, האָבן געקריגן מתנות. אָבער דאָ האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסן פעלער. די מתנות זענען געווען הוילער שונד, נאַרישע שמאָכטעס, ביכלעך, לידער און אילוסטרירטע ביבלען,

שטאָט זיי צו געבן זאַכן, וואָס זאָלן אַ לייטישן יונג צוגעבן חשק צו אַרבעטן: מזומן געלט אָדער אַ שנעלקייטמעסטער צו זיין מאָטאָציקל. אַוודאַי איז גאַנץ שיין, צו אילוסטרירן די לעקציעס מיט פאַרביקע בילדער און וואַנטטאָוולען און אַזוי ווייטער, אָבער דאַן, ווען עס האַנדלט זיך אין אַן ערנסטע זאַך, ווי אַריינציען אַ קונד, איך מיין אַ מיטגליד, דאַמאָלס, מיין איך, דאַרפן מיר אַזאַ פאַרשוין נעמען מיט עפּעס אַזוינס, אַז ס'זאָל אים אָננעמען חשק.

— דעריבער האָב איך געוואָלט מאַכן צוויי פאָרשלאַגן: ראשית, אַ פאָרשלאַג, איינצוטיילן די זונטיק-שול אויף פיר אַרמייען, לויט דעם עלטער פון די יינגלעך, יעדערער באַקומט אַ מיליטערישן ראַנג אין זיין אַרמיי, לויט די צאָל מיטגלידער, וואָס ער וועט ווערבירן. און וועלכער לך עס וועט אונז אָפּנאַרן, דער ווערט צוריק אַ געוויינלעכער זעלנער. דער פּאַסטאָר און דער סופּעריטענדענט וועלן קריגן דעם טיטול גענעראַל. און יעדערער וועט זיי מוזן סאַלוטירן און מאַכן די אַלע אַנדערע קונצן, פונקט ווי אין אַ ריכטיקע אַרמיי. אָט אַזוי אַרום וועלן זיי זיך אויסלערנען שעצן די טיטולן.

— צווייטנס, די שול האָט אַ פּראָפּאַגאַנדע-קאָמיטעט, אָבער גאָט מיין אייניציקער, מ'טוט דאָך דאָרטן גאָרנישט — קיינער וועט דאָך נישט אַרבעטן מחמת ליבע צו פּראָפּאָגאַנדע. די זאַך מוז פּראַקטיש אַוועקגעשטעלט ווערן אויפן היינטיקן שטייגער, מיר מוזן האָבן פאַר דער זונטיק-שול אַ באַצאָלטן פּרעסע-אַגענט, אַ זשורנאַליסט, וואָס זאָל קאָנען שענקען אַ פּאָר שעה פון זיין צייט דערדאָזיקער אַרבעט.

— יאָ, זיכער, ביסט גערעכט! האָט טשום פרינק געזאָגט.

— טוט נאָר אַ טראַכט וועגן די שיינע, זאַפטיקע שטיקלעך, וואָס אַזאַ זשורנאַליסט וואָלט אַריינגעבראָכט — האָט בעביט טריומפירט — נישט נאָר גרויסע, לעבעדיקע, באַדייטנדע פּאַקטן, ווי דער גיכער וווקס פון דער זונטיק-שול און איר געלטזאַמלונג, נאָר אַ סך הומאָריסטישע מעשהלעך און סתם קלייניקייטן;

למשל, ווי עמעץ אַ חברה-מאַן האָט זיך אונטערגענומען צו שאַפן
אַזויפיל און אַזויפיל נייע מיטגלידער, אָדער אַ שילדערונג, ווי דער
„דריי אייניקייט"-קלאַס פאַר מיידלעך האָט זיך אונטערגעהאַלטן
אויפן „ווינער-וורשטן-באַל". און אויסער דעם, אַז דערדאָזי-
קער פאַרשוין וועט האָבן צייט, קען ער באַשרייבן די לעקציעס,
דערמיט וואָלט ער אייגנטלעך געמאַכט פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַלע
זונטיק-שולן אין שטאָט. איך זע נישט איין, הלמאַי מיר זאָלן
זיך באַציִען שלעכט צו אַנדערע שולן, סיידן זיי וועלן ביי
אונז אָפּציִען די מיטגלידער. דער אַגענט וואָלט דעסגלייכן
פּראָפּאַגירט אונזערע אידעען אין די צייטונגען, נאַטירלעך
האָב איך נישט אַזאַ ליטעראַרישן חוש, ווי אונזער פריינט
פרינק, אָבער איך בין זיך משער, וויאַזוי דאָס דאַרף זיין אָנ-
געשריבן, אָט למשל דאַרף די נאָענטסטע לעקציע זיין וועגן
אונזער פּאָטער יעקב; נו, דאַן קאָן דער פּרעסע-אַגענט עפּעס אָנ-
שרייבן, מיט אַ פיינער מאָראַל ביים סוף. אָבער דאָס קעפּל
דאַרף זיין סענסאַציאָנעל און מיט גרויסע אותיות, אַז ס'זאָל
אויסרייסן די אויגן און צוציִען דעם לייענער; אָט למשל אויף
אַזאַ אופן: „דזשעק נאַרט אָפּ דעם אַלטן לבן, ער מאַכט פּליטה
מיטן מיידל און מיטן געלט". איר פאַרשטייט, וואָס איך מיין?
דאָס רופט אַרויס אינטערעס! איר, הער איטהאָרן, זענט
אַ קאָנסערוואַטיסט, און אייך דאַכט זיך אפשר, אַז די מעטאָדן
זענען אומווירדיק, אָבער בנאמנות, איך גלויב, אז נאָר אויף
אַזאַ אופן קען מען אַריינקריגן דאָס פייגעלע אין נעץ אַריין.

איטהאָרן האָט אויפגעלייגט זיינע הענט אויף זיין שיין
קליין ביכל און געמרוקעט, ווי אַן אַלטער קאָטער:

— איך מוז אייך קודם כל זאָגן, אַז איך בין זייער צו-
פרידן, וואָס איר האָט אַזוי גרינטלעך אַנאַליזירט די לאַגע,
הער בעביט. ווי איר האָט עס ריכטיק באַמערקט, צווינגט
מיך מיין שטעלונג צו זיין קאָנסערוואַטיוו, און מעגלעך,
אַז איך בין געצווונגען אין אַ געוויסער מאָס צו האַלטן הויך
די פאָן פון ווירדע. אָבער פונדעסטוועגן וועט איר זיך אי-
בערצייגן, אַז אפילו איך בין שוין אין אַ געוויסער מאָס

פּראָגרעסיוו. אָט נעמט אין אונזער באַנק, איז די רעקלאַמע- און פֿינאַנסן-אָפּטיילונג אַוועקגעשטעלט אויפֿן גאָר מאָדערנעם שטײַגער. יאָ, איר קאָנט אַליין אײַנזען, אַז מיר, אַלטע, שאַצן ווי געהעריק אָפּ די גײַסטיקע חכמה פֿון אײַער יאָרהונדערט. יאָ, אַזוי איז עס. און מחמת דעם, יאָ, באמת, בין איך מודה, אַז ס'איז מיר ליבער דער שטרענגער פּרעסביטעריאַניזם פֿון די פֿריִערדיקע דורות.

ערשט לסוף האָט בעביט קוים פֿאַרשטאַנען, אַז איטהאָרן איז מיט אים מסכּים.

טשום פֿרינק האָט פֿאַרגעלייגט אַלס אַגענט אַ געוויסן קענעט עסקאָט, דעם רעפּאָרטער פֿון „אַדוואָקאַט טיימס".

זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אַ געפֿיל פֿון האַרציקער פֿרײַנטשאַפֿט און קריסטלעכער הילפֿס-גרייטקייט.

בעביט האָט זיך נישט אומגעקערט אַהיים, נאָר ער איז אַוועק אין צענטער פֿון שטאָט. ער האָט געוואָלט זײַן אַליין, כּדי צו וועבן ווייטער דעם חלום פֿון זײַנע אינטימע באַציִונגען מיט וויליאַם וואַשינגטאָן איטהאָרן.

ב.

אַ שימערנדיקער שניי-אָוונט מיט פּראָסטיקע טראָטואַרן מיט אַ העלער פֿרײַנטלעכער ליכטיקייט.

אַ גרויסע גאָלדענע ליכטיקייט פֿון די אויטאָבוסן, וואָס האָבן זיך געגליטשט לענגאויס די פּראָסטיקע, באַשנייטע גאַסן. די פֿײַבודיקע ליכטיקייט פֿון די קליינע הײַזער. די שטאַרקע שטראַלן פֿון די ווײַטע שמעלצאויוונס האָבן פֿאַרטונקלט די העל-לויכטנדיקע שטערן. אַ ליכטיקייט פֿון די אַפּטייקן און סאָדע-וואַסער-געוועלבן, ווו די מידע סוחרים האָבן געשמועסט צווישן זיך נאָך אַ גאַנצן טאָג-אַרבעט.

די גרינע ליכטיקייט פֿון דער פּאָליצײַ-וואַך און אידע נאָך גרינערע שטראַלן, אויפֿן שניי. דער שווידערלעכער תּפֿיסה-וואָגן — דער גלאָק קלינגט, ווי אַן איבערגעשראָקן האַרץ, זײַנע

אויטאָמאָביל־לאַמטערן פאַרגיסן די קרישטאָל־שימערירנדיקע כאַאָס — דער פירער איז נישט קיין שאָפער, נאָר אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין מונדיר, אַ צווייטער פּאָליציאַנט שטייט אויף אַ רייזיקאַלישן אופן אויפן הינטערשטן טרעפּל און וואַרפט אַ לאַנגן אויגנבליק אויף דעם אַרעסטאַנט: אַ מערדער, אַ גנב, אַ געלט־פעלשער, וואָס איז אויף אַ געשיקטן אופן געכאַפּט געוואָרן אין דער שטייג.

אַ ריזיקע גרויע שטיינערנע קירך מיט אַ שטרענגן טורעם; אַ שוואַך ליכט פון קריסטוס־שטיבל, ווו ס'איבט זיך אַ פריילעך־רוישנדיקער כאָר. אַ ציטערנדיק גרינע קוועקזילבערנע דאַמען־ליכטיקייט פון אַ פאָטאָגראַפישער אַטעליע. דאַן — אַ שטראָם ליכטיקייט פון צענטער שטאָט; שטייענדיקע אויטאָמאָבילן מיט רובין־רויטע נומערירטע לאַמטערן; ווייסע געוועלבונגען ביי די איינגענג פון די קינאָ־טעאַטערן, ענלעך צו ווינטערדיקע פאַרפרוירענע הייל; עלעקטרישע רעקלאַמען — שלאַנגען און קליינע טאַנצנדיקע פייערדיקע מענטשלעך, פּורפּור־לאָמפּן און פייער־רויטע דזשאַז־מוזיק אין ביליקע טאַנצלאָקאַלן אויף הויכע שטאָקן, אַ ליכטיקייט — פון די כינעזישע רעסטאָראַנען, לאַמטערן אויסגעמאָלט מיט קאַרשן־בלוט און פּאַגאָדן; קליינע. ברודיקע לעמפּלעך פון שטינקנדיקע גאָרקיכן. דער עלעגאַנטער געשעפטס־קוואַרטאַל מיט דעם רייכן, רויקן ליכט איבער קריסטאָלענע קייטן און פוטערס, איבער גלאַטיק פּאָלירטע האָלץ אין די פענסטער, דיסקרעט אויסגעלייגט מיט סאַמעט. הויך איבער דער גאַס, אַן אומגעריכטער אויפגעלויכטענער פּירעק, וואָס זעט אויס, ווי ער וואָלט געהאָנגען אין דער טונקלקייט: דאָס פענסטער פון אַ ביוראָ, ווו עמעצער אַרבעט שפּעט, צוליב אומבאַוווסטע און אויפרעגנדע טעמים — אַ מענטש, וואָס קעמפט מיט באַנקראָט, אַן אַמביציעזער יונג, אַ נאַפט־שפּעקוליאַנט, וואָס איז איבער נאַכט רייך געוואָרן.

די לופט איז געוואָרן שניידיק, דער שניי איז געלעגן טיף אויף דער שמאָלער, נישט אויסגעקערטער אַלעע, און אויף יענער זייט שטאָט, האָט בעבית געוווסט, ליגן שניי־פאַרשאָטענע

פּערג מיט ווינטערדיקע דעמבעס און דער לאַנגער אייז-גע-פרוירענער טייך.

ער האָט ליב געהאַט זיין שטאָט מיט אַ ליידנשאַפטלעכער פאַרוואונדערונג. די אָנגעזאַמלטע מידקייט פון די געשעפטלעכע דאגות און עפנטלעך רעדן איז פון אים פאַרשוואונדן; ער האָט זיך געפילט יונג, איינפלוסרייך.

ער איז געווען פול מיט אַמביציע: ס'איז געווען ווייניק צו זיין אַ ווערדזש גאָנטש, אַן אָרווייל דזשאָנס. ניין. זיי זענען טאַקע געריבענע יונגען, באמת פּראַקטפול, אָבער ס'האָט זיי געפעלט דער גלאַנץ. ניי, ער וועט זיין אַן איטהאָרן; איבערקלויבעריש, שטרענג, קאַלט און מעכטיק.

— דאָס איז עס. די שווערע פּויסט אין אַ זיידענער הענטשקע. נישט ווערן מיט יעדערן גוטער ברודער. איך האָב פאַרנאַכלעסיקט מיין שפּראַך. גערעדט מיט אַ זשאַרגאָן. באַנוצט זיך מיט געמיינע אויסדרוקן. געווג דערמיט. איך בין געווען דער ערשטער אין דער רעטאָריק. צו באַאַרבעטן אַ טע-מע — יעדנפאַלס נישט שלעכט. היינט האָב איך מיך צו פיל אַריינגעלאָזט אין דער גוטברידערשאַפט און אין דער גע-מיטלעכקייט. איך — פאַרוואָס זאָל איך נישט אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָרגאַניזירן אַ באַנק און טעד זאָל זיין מיין יורש?

אַ גליקלעכער איז ער געפאָרן אַהיים, און ער איז גע-ווען פאַר פרוי בעביט אַ וויליאַם וואַשינגטאָן איטהאָרן, אָבער זי האָט עס לחלוטין נישט באַמערקט.

ג.

דער יונגער קענעט עסקאָט, רעפּאָרטער פון „אַדוואָקאַט טיימס", איז צוגענומען געוואָרן פאַר פּרעסע-אַגענט ביי דער זונטיק-שול אויף שאַטאַם ראָד. ער האָט געווידמעט דערויף זעקס שעה וועכנטלעך. לפּחות האָט מען אים אַזוי באַצאָלט. ער האָט געהאַט גוטע פריינט אין דער „פּרעסע" און אין דער „צייטונג" און ער איז אומאָפיציעל באַקאַנט געווען אַלס

פרעסע-אַגענט. ער האָט אויסגעפונען אַ מין אומאויסשעפלעכן קוואַל פון נאָטיצן וועגן קרובהשע געפילן און ביבל, ער האָט געשריבן וועגן געזעלשאַפטלעכע מאָלצייטן, פריילעך אָבער דערציעריש, און וועגן דעם ווערט פון אַ צניעותדיק לעבן, כּדי צו זיכערן דעם פינאַנסיעלן דערפאָלג.

די זונטיק-שול האָט אַקצעפּטירט בעביטס סיסטעם פון מיליטערישע ראַנגעס. אַדאַנק דערדאָזיקער גייסטיקער אויפלעבונג האָט זי געמאַכט אַ געוואַלדיקן שריט פאָרויס. די גרעסטע שול אין זעניט איז זי טאַקע נישט געוואָרן — די צענטראַלע מעטאָדיסטישע קירך האָט פאַרנומען ס׳ערשטע אָרט אַדאַנק די מעטאָדן, וואָס דר. דריו האָט זיי פאַראורטיילט פאַר נישט פּאַסיק, אומווירדיק, נישט אַמעריקאַניש און אַנטי קריסטלעך און נישט דזשענטלמעניש — אָבער זי האָט געקלעטערט פון פערטן אָרט אויפן צווייטן, און אַ פרייד האָט געהערשט אין הימל, צו וועלכן ס׳האָט געהערט די געמיינדע פון דר. דריו, בעת בעביט האָט געקריגן אַ סך שבחים און אַ גוטע רעפּוטאַציע.

ער איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַרן עלטסטן אין גענעראַלשטאַב פון דער שול. ער איז געווען זייער צופרידן פון דעם כּבוד, וואָס די קליינע אומבאַקאַנטע יינגלעך האָבן אים פאַרשאַפט מיטן סאַלוטירן אויף דער גאַס; זיינע אויגן האָבן געפלאַמט פון עקסטאַז, בעת מ׳האָט אים גערופן „גענעראַל״; און ווען ער האָט, אפילו נישט אויסשליסלעך צוליב דעמדאָזיקן פאַרגעניגן, באַזוכט די זונטיק-שול, האָט אים פונדעסטוועגן דערדאָזיקער געדאַנק פאַרשאַפט אַ אינטענסיוון גענוס.

באַזונדער איז ער געווען ,יבנסווירדיק צום פרעסע-אַגענט, קענעט עסקאָט: ער האָט אים מיטגענומען אויף אַ פרישטיק אין אַטלעטן-קלוב און אים איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב אויף מיטאָג.

להיפּוך צו דעם גרעסטן טייל זעלבסטשטענדיקע יונגע מענער, וואָס מוזן זיך אַליין באַזאָרגן אין דער גרויסער שטאָט און דריקן אויס זייער ציניזם אין אַ געוויינלעכער

ווינדלעכער שפּראַך, איז עסקאָט געווען איינזאַם און נישט דרייסט זיין דורכגעטריבן, קלוג, הונגעריק פּנים האָט געשטראַלט פון פרייד בעתן עסן, און ער פלעגט זאָגן:

— ליבער גאָט! ווען איר זאָלט וויסן, פרוי בעביט, ווי גוט עס איז ווידעראַמאָל צו פאַרזוכן אַ היימישן מאכל!

עסקאָט און וועראָנע זענען זייער היימיש געוואָרן. אַ גאַנצן אָוונט האָבן זיי געשמועסט וועגן זייערע „אידעאַלן”. זיי האָבן אַנטדעקט, אַז זיי זענען ביידע ראַדיקאַלן. זייער שטעלונג איז געווען אַ בולטע: זיי האָבן איינגעשטימט, אַז יעדער קאָמוניסט איז אַ פאַרברעכער; אַז דאָס וואָרט „ווערס ליבערי” איז נישט מער, ווי אַן אומזין, און אַז עס מוז קומען צו אַן אַלגעמיינע אַנטוואָפענונג. אָבער גרויס-בריטאַניען און אַמעריקע וועלן פונדעסטוועגן, כדי צו באַשיצן די אונטערדריקטע, קליינע פעלקער, מוזן אויסהאַלטן אַ פלאָט, וואָס וועט זיין דער שטאַרקסטער פון דער גאַנצער וועלט. אָבער זיי זענען געווען אַזוי רעוואָלוציאָנער, אַז זיי האָבן (צו בעביטס איבערראַשונג) פאָרויס געזאָגט, אַז אין איינעם אַ טאָג וועט אַנטשטיין אַ דריטע פאַרטיי, וואָס וועט אַ סוף מאַכן מיט די רעפּובליקאַנער און דעמאָקראַטן.

עסקאָט האָט ביים געזעגענען זיך דריימאָל געשאָקלט בעביטס האַנט.

בעביט האָט נישט אויסבאַהאַלטן זיין אויסערגעוויינלעכע סימפּאַטיע צו עסקאָטן.

אין משך פון אַ וואָך האָבן דריי צייטונגען געבראַכט באַריכטן וועגן בעביטס אַרבעטסזאַמקייט פאַר דער קירך און אַלע האָבן טאָקטפול אָנגערופן וויליאַם וואַשינגטאָנען אַלס בעביטס מיטאַרבעטער.

קיין שום זאַך האָט בעביטן נישט געבראַכט אַזוי פיל אָנערקענונג און כבוד אין עלך-קלוב, אין אַטלעטן-קלוב און ביי די בוסטערס. זיינע פריינט האָבן אים נישט אויפגעהערט צו גראַטולירן מיט זיינע רעדעס פאַרן עולם, אָבער זייערע שבחים האָבן געקלונגען נישט אויפריכטיק, וואָרום אפילו אין

די רעדעס ביים רעקלאַמירן די שטאָט, האָט זיך אויך געפינען אינטעלעקטועלס, עפּעס דעגענערירטעס, פּונקט ווי ער וואָלט געשריבן שירים. אָבער איצט האָט אָרוויל דזשאָנס געשריגן איבערן גאַנצן עס-זאָל ביי די אַטלעטן: — אָט דאָ איז אונזער נייער דירעקטאָר פון דער ערשטער מלוכה-באַנק! גראָוער בוטערבוי, דער באַקאַנטער פאַבריקאַנט פון בליי-אינדוסטרי, האָט געלאַכט: אַ חידוש, וואָס דו ווילסט דיך נאָך אָפּגעבן מיטן געמיינעם פאָלק נאָכן דריקן איטהאָרנס האַנט! און עמיל וועגנערט, דער יובילער, האָט לסוף זיך דעצידירט צו רעדן וועגן קויפן אַ הויז אין דאָרטשעסטער.

ד.

אַז די קאַמפּאַניע פאַר דער זונטיק-שול איז געווען פאַרענדיקט, האָט בעבּיט פאָרגעלייגט קענעט עסקאָטן:

— הער אויס, טאָמער וואָלטן מיר געמאַכט אַ קליין ביסל רעקלאַמע פאַר דר. דריו אַליין?

עסקאָט האָט זיך אַ קרום געטון:

— איר קאָנט זיך שוין פאַרלאָזן אויפן דאָקטאָר, הער בעבּיט, ער ווייסט אַליין, וויאַזוי צו מאַכן פאַר זיך אַביסל רעקלאַמע! עס גייט נישט פאַרביי אַ וואָך, אַז ער זאָל נישט אָנקלינגען אין צייטונג און פאַרלאַנגען, אַז מיר זאָלן אים צושיקן אַ רעפּאָרטער, וואָס ער זאָל אים איבערגעבן זיין דרשה, אין וועלכער ער רעדט וועגן דער אוממאָראַלישקייט פון די קורצע קליידלעך אָדער וועגן דעם אויטענטישן מחבר פון פּענטאַטעוך, — זאָרגט נישט פאַר אים, איין מענטש איז נאָר דאָ אין שטאָט, וואָס ווייסט בעסער, וויאַזוי צו ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון עולם, און דאָס איז דאָרא גיבסאָן טעקער, די פירערין פון דעם קינדערהיים און דער אַמעריקאַנישער ליגע, און דאָס איז דער איינציקער טעם, וואָס מען האַלט זי העכער פון דר. דריו; ווייל זי האָט אַביסל מער שכל!

— נו, איך מיין, קענעט, אַז אַציינד פּאַסט נישט פאַר

דיר, צו רעדן אויף אַזאַ אופן וועגן דעם דאָקטאָר. אַ פּאַסטאָר מוז אויך זאָרגן פאַר זיינע געשעפטן, נישט אַזוי? געדענקסט עפּעס פון דער ביבל, ווו עס שטייט, אַז מען מוז פלייסיק אָפּהיטן גאָטס ענינים, אָדער עפּעס אויף אַזאַ אופן?

—אָלרייט, איר האָט רעכט, הער בעבּיט, איך וועל דערפילן אייער פאַרלאַנג, אָבער איך מוז וואַרטן, ביז דער שעף־רעדאַקטאָר וועט אַוועקפאָרן, מיטן שטאָט־רעדאַקטאָר וועל איך זיך שוין דאַן אַן עצה געבן.

און אַזוי אַרום איז געשען, אַז אין איינעם אַ זונטאָקדיקן „אַוואָקאַט־טיימס" האָט זיך געפונען דאָס בילד פון דר. דריו אין זייער אַן ערנסטן מאָמענט, מיט אַ לעבּהאַפטן בליק, אייזערנער אַנטשלאָסנקייט אויפן פּנים, מיט אַ פלאַטערנדיקן לאָק אויפן שטערן, און אונטן אַ נאָטיץ — אַ האָלצשניט־טאָוול, וואָס האָט אים געמאַכט גאַנצע פיראונצוואָנציק שעה אומשטערבלעך.

„דער חשובער דר. דזשאָן דזשעניסאָן דריו, מ. א., פּאַסטאָר פון דער שיינער פּרעסביטעריאַנישער קירך אויף שאַטאַם־ראָד אין אונזער ליבן פלאָרעל הייטס, איז אַן אמתר מכשף און נשמה־פאַנגער. ער האָט אויסגעהאַלטן דעם לאָקאַלן רעקאָרד אויף מחזיר זיין צום גוטן: בעת זיין פּאַסטאָר־טעטיקייט, האָבן אומגעפער הונדערט בלאָנדזשענדיקע מענטשן אַ יאָר, וואָס זענען געווען זינדיק, באַשלאָסן אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, און זיי האָבן געפונען ביי אים אַ שויס פאַר אויפלעבונג און רו.

די אַרבעט אין דער קירך אויף שאַטאַם באַוועגט זיך אין פולן גאַנג. די הילפס־אָרגאַניזאַציעס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער העכסטער מדרגה. דר. דריו לייגט באַזונדערט אַכט אויפן שיינעם געזאַנג אין זיין געמיינדע. ביי יעדערער דרשה זינגט מען פרישע, פריילעכע קירכע־לידער. די ספּעציעלע זינגנדיקע תפילות ציען אַריין מוזיק־ליבהאָבער און פּראָפעסיאָנאַלן פון אַלע טיילן פון דער שטאָט.

אויף דעם פּאָפּולערן דרשה־בעלעמער איז דר. דריו פּונקט אַזוי באַקאַנט אַלס מייסטער פון וואָרט, ווי ביים עמוד, און אין משך פון יאָר באַקומט ער הונדערטער איינלאַדונגען צו רעדן אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, סיי דאָ אין שטאָט און סיי אין דער סביבה."

ה.

בעבּיט האָט געלאָזט וויסן דער דר. דריו, אַז ער איז געווען דער, וואָס האָט גורם געווען דעמדאָזיקן רום. דר. דריו האָט אים גערופן „ברודער", און ער האָט אַ סך מאָל געשאָקלט זיין האַנט.

אויף אַ זיצונג פון באַראַטונגס־קאָמיטעט, האָט בעבּיט אָנגעמערקט, אַז ער וואָלט געוואָלט זען דעם הער איטהאָרן ביי זיך, אָבער איטהאָרן האָט אַ מורמל געטון:

— אָ, ליבנסווירדיק פון אייך... כ'בין שוין אויף דער עלטער, איך גיי שוין כמעט נישט אַרויס פון שטוב.

אָבער זיין פּאַסטאָר וועט איטהאָרן אַוודאי נישט אָפּזאָגן. בעבּיט האָט מיט יינגלשן ענטוזיאַזם אַ זאָג געטון צום הער דריו:

— הערט, דאָקטאָר, אַצינד, ווען מיר האָבן אַלץ אַזוי גוט באַזאָרגט, דאַרפט איר, אַלס אונזער פּאַסטאָר, פאַרבעטן אונז דריי אויף אַ מיטאָג!

— אויסגעצייכנט! ס'איז געמאַכט! מיט פאַרגעניגן! — האָט דר. דריו געשריגן מיט זיין מעגלעך קול. (עמעצער האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ער רעדט ווי דער פאַרשטאָרבענער פּרעזידענט רוזוועלט).

— איך, הם, דאָקטאָר, וואָס כ'האָב אייך געוואָלט זאָגן, זעט נאָר אַז דער הער איטהאָרן זאָל אומבאַדינג קומען. בעט אים דורכויס. ער איז, הם, — איך גלויב, אַז דאָס זיצן צו־פיל אין שטוב ווירקט שלעכט אויפן געזונט.

איטהאָרן איז געקומען.

דאָס איז געווען אַ פריינטלעך מיטאָג. בעביט האָט גערעדט גראַציעז וועגן דעם סטאַביליזירנדיקן און דערציערישן איינפלוס פון די באַנקירן אויף דער בירגערלעכער געזעלשאַפט. זיי זענען, האָט ער געזאָגט, די גייסטלעכע פון דער קאַמערציעלער געמיינדע. דאָס ערשטע מאָל האָט איטהאָרן איבערגעריסן די טעמע וועגן דער זונטיק-שול, און געפרעגט בעביטן וועגן דער אַנטוויקלונג פון זיין געשעפט. בעביט האָט אָפגעענטפערט באַשיידן, כמעט ווי אַ קינד.

עטלעכע חדשים שפעטער, ווען ס'האָט זיך אים געמאַכט אַ געלעגנהייט, צו שליסן אַ געשעפט מיט דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט, האָט בעביט זיך נישט געווענדעט נאָך אַ הלוואה צו זיין אייגענער באַנק; דאָס איז געווען אַ געהיים געשעפט, און אויב עס וואָלט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט, וואָלט געקומען צו מיספאַרשטענדענישן. ער איז געגאַנגען צו זיין פריינט, הער איטהאָרן, געוואָרן אויפגענומען, און ער האָט באַקומען די הלוואה אַלס אַ גמילת-חסד; און ביידע האָבן אַצינד פאַרדינט אין דעמדאָזיקן פאַרגעניגן אַ נייע פאַרבינדונג.

נאָכדעם, האָט בעביט רעגלמעסיק באַזוכט די קירך, סיידן אין אַ פרילינגס-זונטיק, וואָס ער האָט געוואָלט אויסנוצן אויף אויספלוגן מיטן אויטאָמאָביל. טעדן האָט ער דערקלערט:

— איך זאָג דיר, יונג, ס'איז נישטאָ קיין שטאַרקער אָרט פון סאָלידן קאָנסערוואַטיזם, ווי די עוואַנגעלישע קירך, און נישט קיין בעסער אָרט, ווו צו געפינען אַ פריינט, וואָס זאָל דיר זיין בייהילפיק, צו דערגרייכן דאָס שענסטע אָרט אין דער געזעלשאַפט, ווי אונזער אייגן געבעט-הויז.

קאפיטל XIII

א.

הגם ער האָט זיינע קינדער געזען צווייִמאָל טעגלעך, הגם ער האָט געוווסט יעדער אויסגאַבע זייערע, און הגם ער האָט בּרייט גערעדט וועגן זיי, זענען אָריבּער גאַנצע וואָכן, וואָס זיי זענען אים נישט אָנגעגאַנגען מער, ווי די קנעפּלעך פון די אַרבּל בּיי זיין רעקל.

די בּאַוווּנדערונג פון קענעט עסקאָט צו וועראָנען, האָט אויך בּעבּיטן געמאַכט צו איר אויפמערקזאַמער.

זי איז געוואָרן סעקרעטאַרין בּיי הער גרינסבּערג פון דער „גרינסבּערג-לעדער-קאָמפּאַניע”; זי האָט אויסגעפירט איר אַרבּעט מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ מענטשן, וואָס לייגט גרויס אַכט אויף איינצלהייטן און פאַרשטייט זיי קיינמאָל נישט, אָבּער זי איז געווען פון די, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען אויף מעשים — אָוועקצוּוואַרפן די שטעלע אָדער דעם מאַן, אָבּער זיי וועלן עס קיינמאָל נישט טון. בּעבּיט האָט געלייגט אַ סך האָפענונג אויף עסקאָטס נישט דרייסטע בּאַוווּנדערונג, און ער איז געוואָרן אַ גוטער פאָטער. אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון עלק-קלוב, האָט ער פאַרשעמט אַ קוק אַריין געטון אין סאַלאָן אַריין און געלאַכט: — אונזער קעני איז דאָ געווען היינט אָוונט? — ער האָט נישט געגלויבּט אין וועראָנעס פּראָטעסט, בּעת זי האָט אים דערקלערט:

— קען און איך זענען נאָר גוטע פריינט, און מיר שמועסן נאָר וועגן אידעען. איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט זיך אונז אַריינמישן מיט די נאַרישע סענטימענטן, וואָס וועלן מיר אַלץ קאַליע מאַכן.

די גרעסטע זאָרג האָט בעביטן פאַרשאַפט טעד.

טעד האָט מיט שווערע מי דורכגעמאַכט דאָ׳ יאָר אין דער העכערער שול אויף איסט-סייד מיט אַ דיפּלאָם פון לאַטיין און ענגליש, אָבער מיט אַ גרעסערן רעקאָרד פון האַנד-גימנאַסטיק, ספּאָרט און אָרגאַניזירן טאַנץ-פאַרוויילונגען. מיט דער שטוב האָט ער זיך אינטערעסירט נאָר דאַן, ווען מ׳האָט אים געבעטן, צו פאַרריכטן דעם צינדער ביים אויטאָמאָביל. ער האָט דערקלערט דעם עקשנותדיקן טאַטן, אַז ער וויל נישט גיין אויפן אוניווערזיטעט און נישט אויף רעכט, און בעביט האָט געהאַט צער פון דערדאָזיקער גלייכגילטיקייט, פונקט ווי פון טעדס באַציונגען מיט יוניקע ליטלפעלד, פון שכנות-דיקן הויז.

הגם זי איז געווען אַ טאָכטער פון האַוואָרד ליטלפעלד, פון דעמדאָזיקן אייזנשטאַרקן מענטשן פון מעשים, פון דעמדאָזיקן פערדקעפּיקן כהן-גדול פון פּריוואַט-אייגנטום — איז יוניקע דאָך געווען אַ טאַנצנדיק פליגעלע קעגן דער זון. זי האָט אריינגעטאַנצט אין שטוב אַריין, זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף בעביטס אַקסל, בעת ער האָט געלייענט, אַרויסגעריסן ביי אים די צייטונג, און האָט געלאַכט צו אים, בעת ער האָט איר דערקלערט, אַז ער האָט פיינט אַ צעקנטשטער צייטונג, פונקט ווי אַ צעקנייטשטן געשעפטס-אָפּמאַך. זי איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. איר אַמביציע איז געווען, צו ווערן אַ קינאָ-אַקטריסע. זי האָט געזען נישט נאָר יעדן „סענסאַציאָנעלן פילם״, נאָר אויך געלייענט די קינאָ-צייטשריפט, — דער מערקווורדיקער סימפּטאָם פון דער יונגסטער עלטער — חודש און וואָכנשריפטן, רייך אילוסטרירט מיט בילדער פון פרויען, וואָס זענען ערשט נישט לאַנג געווען מאַניקורשיס, אַפילו זייער נישט פעיקע מאַניקורשעס, וואָס וואָלטן צומאָל נישט געהאַט קיין טאַלאַנט פאָרצושטעלן פסח אין דער צענטראַלער מעטאָ-דיסטישער קירך, אויב דער דירעקטאָר וואָלט זיי נישט אויסגעלערנט יעטוועדע באַוועגונג; די מאַגאַזינען האָבן מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געדרוקט „אינטערוויוען״, אילוסטריט מיט

בילדער פון רייט-הויזן, און קאַליפאָרנישע ווילִיעס, מיט פאַרדעכטיק שיינע יונגעלייט, וואָס האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע אָנשויונגען וועגן סקולפּטורן און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק; ס'זענען דאָרטן אויך געווען בילדער פון פילמען, אָרנטלעכע גאַסנפּרויען און ווייכהאַרציקע באַן-רויבער; און זיי האָבן געגעבן אָנווייזונגען, וויאַזוי אַ שיך-פּיצער קאָן איבער נאַכט ווערן אַ סצענאַר-שרייבער.

אָט אַזוינע אויטאָריטעטן האָט יוניקע שטודירט. זי האָט געקאָנט דערציילן — און זי האָט עס תמיד געטון, — צי מאַק דערקער האָט אָנגעהויבן זיין קאַריערע אַלס פילם-אַרטיסט אין נאָוועמבער צי אין דעצעמבער 1905 מיטן לידל: „אָך, שלעכט מיידעלע". אויף די ווענט פון איר צימער זענען—ווי איר פאָטער האָט דערציילט—געהאָנגען בילדער פון אייניאונצוואָנציק אַקטריסעס. אָבער דאָס בילד פון גרעסטן פילם-העלד האָט זי געטראָגן אין איר יונגן בוזעם.

בעביטן איז מאָדנע אויסגעקומען דערדאָזיקער קולט פון די נייע געטער. און ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז יוניקע דויכערט באַפּיראָסן. ער האָט געפילט דעם שווערן ריח פון דערווייטנס, בעת ער האָט געהערט איר אַרומשטיפן מיטן טעדן. ער האָט זיי קיינמאָל נישט נאָכשפּיאָנירט. דאָס צאַרטע קינד האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַ מורא. איר שמאָל און חנווודיק פּנים איז געווען שאַרף פון די קורץ-געשוירעגע האָר; איר קליידל איז געווען קורץ, אירע זאָקן פאַרוויקלט, און בעת טעד האָט זיך אַרומגעיאָגט מיט איר, האָט זיך געזען פון אונטער די זיידענע פאַלדן פון די זאָקן די ווייכע קיילעכדיקע קני, וואָס האָבן בעביטן אומרויק געמאַכט, און ער איז געווען פאַרצווייפלט, וואָס זי האַלט אים פאַר אַלט. טיילמאָל, אינם פאַרשלייערטן לעבן פון זיינע חלומות, ווען דאָס פאַרפּישופּטע קינד איז אים געקומען צו חלום, איז זי שטאַרק ענלעך געווען צו יוניקע ליטלפעלד.

טעד איז געווען אַ אויטאָמאָביל-ליבהאָבער, און יוניקע איז געווען אַ קינאָ-ליבהאָבערין.

טויזנטער סאַרקאַסטישע, אָפּשטויסנדיקע ענטפערן האָבן אים נישט געקאָנט אָפּהאַלטן ער זאָל זיך אויפהערן מאָגען אַן אייגענעם אויטאָמאָביל. ווי תמיד, איז ער געווען אומדעצידירט, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט אין פרי אויפשטיין אָדער אין ווערדזשילס פּראָסאָדיע, קענטעניש פון ציילן זילבן. ער איז געווען אומערמידלעך ביים פאַרריכטן מאָטאָרן. מיט נאָך דריי אַנדערע יונגען האָט ער געקויפט אַ צעבראָכענעם פאָרדטשאַסיס, אויפגעבויט אַ כּרעכטיקן אויסלייג־דאַך פון בלעך און האָלץ; ער איז אַרויס מיט אַ נצחון פון דערדאָזיקער ריזיקאַלישער אונטערנעמונג, און ער האָט אים נאָך פאַרקויפט מיט ריוח. בעביט האָט אים געשאָנקען אַ מאָטאָציקל. און יעדן שבת נאָכמיטאָג, איז ער מיט זיבן פוטערשניטן מיט אַ פלעשל קאָקאַ־קאָלא אין קעשענע, און מיט יוניקען, וואָס איז געהאָנגען אומזיכער אויף אַן אַרויסרוק, אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע שטעטלעך.

מיט יוניקע ליטלפעלד האָט אים געבינדן אַ ריין חבריש געפיל, און זיי האָבן זיך געקריגט מיט אַ פולשטענדיקן מאַנגל אין איידלקייט; אָבער טיילמאָל, נאָכן פאַרמאַטערן זיך מיטן טאַנצן, זענען זיי געוואָרן שווייגנדיק און אַביסל צאָרנדיק, און דאַן איז בעביט געוואָרן אומרויק.

בעביט איז געווען אַ דוכשניטלעכער פאָטער. ער איז געווען צערטלעך, טיראַניש, עגאָיסטיש, אומוויסנד און אפשר אויך אַ ביסל סענטימענטאַל. פונקט ווי אַלע עלטערן, האָט ער ליב געהאַט צו וואַרטן, ביז דער קרבן וועט אָפן אויספירן דאָס פאַרברעכן, כּדי אים שפּעטער צו באַשטראָפן. ער האָט זיך אַליין באַרעכטיקט און געמורמלט:

— יאָ, טעדן פירט די מאַמע איבער. סוף כּל סוף מוז דאָך זיין עמעצער, וואָס זאָל איב זאָגן, וואָס און ווען. און איך בין גראָד אויסגעקליבן געוואָרן צו דעם עסק. דוקא ווייל איך וויל, אַז ס'זאָל אַרויסוואַקסן פון אים אַן אמתער אָנשטענדיקער מאַנסביל און נישט קיין לאַקריצדיקער און קריכנדיקער עקדיש. נאַטירלעך רופן מיך באַלד אַלע טיראַן!

דאָך, מיט דעם אייביקן מענטשלעכן זשעני, וואָס דערגרייכט דורך די ערגסטע וועגן זיין ציל, האָט בעביט ליב געהאַט זיין זון, ער האָט געוואָלט זיין זיין פריינט, און ער איז גרייט געווען אַלץ פאַר אים מקריב צו זיין—ווען ער וואָלט נאָר געווען זיכער, אַז ער וועט קריגן דערפאַר אַ לויב.

ב.

טעד האָט געפּלאַנעוועט איינצולאַדן צו זיך די חברים פון דעם העכערן קלאַס.

בעביט האָט געוואָלט אים זיין בייהילפיק און זיך אויך משמח זיין. ער האָט זיך דערמאָנט די שול-אויפנאַמע אין קאַטאַובע אין זיינע יונגע יאָרן. און ער האָט פאָרגעלייגט פאַרשידענע שיינע שפּילן: „אַ רייזע קיין באָסטאָן", און שאַראַדן מיט קאָך-טעפּ, שטאָט העלמען און שפּריכוואָרט-שפּילן אין וועלכע מ'קען זיין אַ בייוואָרט אָדער אַן אייגנשאַפטס-וואָרט. בעת ער איז אַריינגעפאַלן אין התפּעלות, האָט ער באַמערקט, אַז קיינער הערט אים נישט אויס; זיי האָבן אים נאָר טאָלערירט. וואָס שייך צו דער עיקר אויפנאַמע, איז אַלץ געווען נאָכגעמאַכט און שטרענג לויט די פאַרוויילונגען פון אוניאָן-קלוב. אין גרויסן צימער וועט מען טאַנצן, אַ פיינעם נאַכטמאָל אין עס-צימער, און אין זאַל צוויי טישלעך אויףברידזש-שפּיל, ווי טעד האָט געזאָגט „פאַר די אָרעמע אַלטע באָקעס", וואָס וועלן נישט קאָנען טאַנצן די גאַנצע צייט.

יעדעס פרישטיק איז געווען מאָנאָפּאָליזירט אויף קאָנפערענצן וועגן דעם ענין. קיינער פון זיי האָט נישט אויסגעהערט בעביטס ביולעטין וועגן וועטער אין פעברואַר, און נישט זיינע קרעכצן אויף קאָפּווייטאָק. ער האָט אַ זאָג געטון צאָרנדיק:

— טאָמער וואָלט איר מיר דערלויבט איבערצורייסן אייער הויך פּריוואַט-געשפּרעך — יאָ. איר האָט געהערט, וואָס איך האָב געזאָגט?

— אָך, זיי נישט ווי אַ קאַפּריז קינד. טעד און איך

האָבן אַזוי גוט רעכט צו רעדן, ווי דו — האָט פרוי בעביט אַ זאָג געטון.

און אָוונט אויף דער פאַרווייַלונג האָבן זיי אים דערלויבט צוצוקוקן, זיך ווען ער איז נישט נויטיק געווען מאַטילדען ביים קרעם פון וועכטשין און ביים פעטיט פאָרוס. ער איז געווען שרעקלעך אומרויק. מיט אַכט יאָר צוריק, ווען וועראָנע האָט איינגעאָרדנט פאַר די חברטעס אַ פאַרווייַלונג, זענען פעקומען בלויז קינדער. אַצינד זענען געקומען מענער און דרויען פון דער וועלט, אַפילו זייער פיינע מעגער און פרויען. אָי יונגען זענען געווען העפלעך צו בעביטן; זיי האָבן געטראָגן ווינט-אָנצוגן און זיי האָבן זיך הויכמוטיק מכבד געווען מיט ציגאַרן פון זילבערנע פאָרטציגאַרן. בעביט האָט אין אַטלעטן-קלוב זיך אָנגעהערט פאַרשידענע מעשיות, וואָס עס קומט פאָר אויף די יוגנט-פאַרווייַלונגען: פון מיידלעך, וואָס „לאָזן איבער" זייערע גאָרסעטן אין דער גאַרדעראָבע. פון „קנייפן" און „טאַפּן" אין נאָך אַווינע זאַכן, וואָס מען האַלט פאַר אוממאָראַליש. הייַנט אָוונט האָט ער אָנגעהויבן גלויבן אין די אַלע געשיכטעס. די קינדער זענען אויסגעקומען אין זייַנע אויגן דרייסט און באַרעכנט. די מיידלעך זענען אָנגעטון געווען אין דורכזיכטיקן שיפאָן, קאָרעל, סאַמעט, אָדער אין גאָלדענעם בראָקאַט; שימערירנדע קרענץ זענען געלעגן אויף זייערע קורץ-געלאָקטע, באַוועגלעכע קעפּ. ער האָט זיך איבער-געצייגט, נאָך אַ געהיימען אויספאָרשן די זאַך, אַז קיין גאָרסעטן זענען אינדערהייך נישט איבערגעלאָזט געוואָרן; אָבער דידאָזיקע צאַרטע לייבער זענען זיכער נישט געווען איינגעצויגן אין שטאָל; זייערע זאָקן זענען געווען פון גלאַנצנדיקן זייד, זייערע טאַנץ-שיכלעך קאָסטבאַר און מיט אַן אומנאַטירלעכער פאָרם. זייערע ליפּן זענען געווען געשמינקט און די ברעמען געשמירט מיט אַ בלייַ. זיי האָבן געטאַנצט פנים על פנים די יינגלעך, און בעביט האָט אינסטינקטיוו געפילט אַן איבל און אַן אומ-באַוווסטע קנאה.

די ערגסטע פון אַלע איז געווען יוניקע ליטלפעלד, און

דער ווילדסטער פון אַלע יונגען איז געווען טעד. יוניקע איז געווען אַ דעמאָן מיט פליגל. זי האָט זיך אַ גליטש געטון איבער דער גאַנצער לענג פון צימער; אירע צאַרטע אַקסלען האָבן געציטערט; אירע פיס זענען געווען פלינק און שיין, ווי אַ וועבער-שיפל; זי האָט געלאַכט און פאַרבעטן בעביטן צו טאַנצן מיט איר.

דאַן האָט ער אַנטדעקט שפּילן פאַר דער געזעלשאַפט.

די יינגלעך און די מיידלעך זענען דערווייל פאַרשוונדן, און דאַן האָט ער דערהערט דעם קלאַנג פון פלאַטשיקע קעשענע-פלעשלעך. מ׳האָט געטרונקען! ער איז געקראָכן אַרום הויז; אין יעדן פון די צוועלף אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן געוואַרט אויף דער גאַס, האָט ער געזען אַ ליכטיקייט פון אַ פאַפּיראָס. פונוואַנען ס׳האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשטיקט געלעכטער און אַ קוויטשעריי. ער האָט געהאַט חשק זיי צו דענונצירן, אָבער (שטייענדיק אין שניי און קוקנדיק פון אַ ווינקל הויז) ס׳האָט אים פאַרפעלט מוט. ער האָט זיך באַמיט דערגרייכן זיין צוועק אויף אַ טאַקטפולן אופן; בעת ער האָט זיך אומגעקערט אין זאַל אַריין, האָט ער געפּרוווט רעדן צו די יונגען:

—הערט, איר זענט דורשטיק, איך האָב מיין אינגבער-ביר.

אָך, אַ דאַנק! — האָבן זיי זיך פאַרנויגט העפלעך.

ער האָט אויפגעזוכט זיין ווייב און געפונען זי אין שפּייז-קאַמער; ער האָט אַרויסגעזעצט:

— כ׳וואָלט גערן אַראָפּגעגאַנגען און אַרויסגעוואָרפן עט-לעכע פון די יאַטן פון מיין שטוב! זיי שאַפן זיך מיט מיר, פונקט ווי כ׳וואָלט געווען זייער קעלנער. כ׳האָב זייער ליב —

—כ׳ווייס — האָט זי אָפּגעזיפצט — אָבער אַלע זאָגן, אַלע מאַמעס האָבן עס מיר דערציילט, אַז מען מוז זיי געבן אַל-קאָהאָל, אָדער זיי אַרויסלאָזן צו די אויטאָמאָבילן, כדי דאָרט צו טרינקען, אויב מען מאַכט זיי אַ סקאַנדאַל, קומען זיי שוין נישט מער אין דיין הויז אַריין, און מיר ווילן דאָך נישט, אַז טעד זאָל פאַרלירן זיין געזעלשאַפט, נישט אַזוי?

ער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט זיך געפילט גליקלעך

לעך, ווען טעד זאָל זיי פאַרלירן, און ער האָט זיך געאײלט אונטערצוחנפענען די יונגעלײט, זיי זאָלן חלילה נישט אויסשליסן טעדן פון דער געזעלשאַפט.

אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז אויב ער וועט ווידער כאַפּן עמעצן ביים פלעשל, דאַן וועט ער אים אַזוי אָנלערנען, אַז ער וועט אים האָבן צו געדענקען. ווי ער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט באַמיט צו זיין העפלעך מיט דידאָזיקע ברייט-פּלייציקע יונגע בחורים, האָט ער זיי נישט אויפגעהערט נאָכצושפּירן. צוויי מאָל האָט אים דער ריח פון פּראָהיבישאָן-וויסקי אַ שלאָג געטון אין נאָז אַריין, אָבער דאַן... דאָס איז נאָר געווען צוויי מאָל —

דר. האַוואָרד ליטלפעלד האָט זיך אַריינגעקאָלערט אין זאַל אַריין.

ער איז געווען אין אַ פייערלעכער, פּאַטערלעכער שטימונג, און געקומען זיך צוקוקן. טעד און יוניקע האָבן גראָד געטאַנצט צוזאַמען, און זיי האָבן געשוועבט ריטמיש ווי איין קערפּער. ליטלפעלד האָט פאַרלוירן דעם אָטעם. ער האָט אַ רוף געטון יוניקען. צווישןביידע איז פאָרגעקומען אַ שטילער דיאַלאָג, און ליטלפעלד האָט דערקלערט בעביטן, אַז יוניקעס מאַמע האָט קאָפּווייטאָק און זי מוז גיין אַהיים. זי איז פאַרשוונדן כמעט וויינענדיק. בעביט האָט איר נאָכגעקוקט ברומענדיק בייז:

— אַזאַ קליינער טייוול! האָט אים אָנגעטון עגמת נפש!

און ליטלפעלד, דער אַלטער אָנגעבלאָזענער טפּש, זעט אויס, חי טעד וואָלט זי נאָך קאַליע געמאַכט.

שפּעטער האָט ער דערפילט פון טעדן אַ ריח פון בראָנפן.

נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך העפלעך געזעגנט מיט די געסט, האָט אויסגעבראָכן אַ מוראדיקער שטורם, אַן אמתע פאַמיליען-סצענע, ווי אַ לאַווע-אויסברוך, וואָס מאַכט אָן אַ וויסטעניש, און נישט אָן ווערטער; בעביט האָט געדונערט, פרוי בעביט האָט געוויינט, טעד איז געווען איינגעשפּאַרט און חוצפּהדיק,

און ווראָנע האָט נישט געוווסט אויף וועלכן צד צו־שטיין.

שוין אייניקע חדשים, ווי צווישן די בעביטס און די ליטל־פעלדס הערשט אַ קאַלטע באַציִונג. יעדער פאַמיליע האָט אָפּגעהיט איר שעפּסעלע פאַרן יונגן וואָלף, וואָס האָט געוווינט אין שכנות. בעביט און ליטלפעלד האָבן ווידער געריעדט צו זיך מיט אַ ברוגזן טאָן, וועגן זייערע אויטאָמאָבילן און וועגן זייערע אָנשוויונגען איבערן סענאַט, זיי האָבן זיך באַמיט נישט איבערצוחזרן קיין איין וואָרט וועגן זייערע פאַמיליעס. יעדעס מאָל, ווען יוניקע איז אַריינגעקומען צו זיי אין שטוב, האָט זי געשמועסט וועגן דעם, אַז איר איז פאַרבאָטן זייער שוועל איבערצוטרעטן. און בעביט האָט זיך באַמיט, אָן דעם מינדסטן דער־פאָלג, צו זיין צו איר פאָטערלעך און ליבלעך.

ג.

— דער טייוול זאָל עס נעמען, דעם גאַנצן עסק! — האָט טעד זיך באַקלאָגט פאַר יוניקע, בעת זיי האָבן געשלונגען הייסע שאָקאָלאַד, שטיקער נאָגאַט, און אַן אויסוואַל פון צוקער־ניס אין דער מאָזאַיק־געצירטער פּראַכט פון דער ראָיאַל־דעליקאַטעסן־קראָם — איך קען נישט פאַרשטיין פאַר וואָס דער טאַטע איז אַזוי אוממענטשלעך נודנע, און לאַנגווייליק ווי דער טויט. יעדן אָוונט זעצט ער זיך אַוועק אין שטוב, און דרימלט, און ווען ראָנע אָדער איך זאָגן אים: — אָך, קום לאָמיר ערגעץ גיין! נעמט ער זיך צומאָל נישט די מי, אַ טראַכט צו טון וועגן דעם. ער צעגענעצט זיך און זאָגט: — ניין כ׳פיל מיך דאָ גאַנץ גוט: ער האָט נישט קיין ברעקל השגה, וואָס פאַרגעניגן דאָס בלויזע גיין פאַרשאַפט. קען זיין, אַז ער טראַכט אויך, אַ שטייגער ווי דו און איך, אָבער גאָט, זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב מען קען עס אין אים אָנזען. איך בין זיכער, אַז ער ווייסט אפילו נישט, אַז אויסער די ביוראָ און דעם ביסל נאַרישן גאָלף אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג, איז נאָך

פאַראַן אויף דער וועלט עפּעס אַנדערש צו טון, אַרויף צו זיצן דאָרטן אויף איין אָרט — צו זיצן דאָרטן יעדן אָוונט — נישט צו גיין קיינמאָל אין ערגעץ — נישט טון עפּעס אַזעלכעס... און זיך טראַכטן דערביי, אַז מיר קינדער זענען שוין אַראָפּ פון זינען — תמיד דאָרטן זיצן — אָ, רבונו של עולם!

ד.

אויב מעדס לייכטזיניקייט האָט בעביטן באַאומרויקט, איז ער דערפאַר, מיט וועראָנען, שוין געווען צו ווייניק אומרויק. זי איז שוין געווען צופיל זיכער און פעסט. זי האָט געלעבט צו פיל פאַרשפּאַרט אין דעם זויבערן קליינעם קעמערל פון איר גייסט. אַרום איר און קענעט עסקאָטן האָט מען תמיד אַרומגעטאַנצט. אויב זיי זענען נישט געווען אין שטוב און נישט געפירט זייערע פּאָרזיכטיקן ראַדיקאַלן פלירט איבער סטאַטיסטישע ענינים, זענען זיי תמיד געווען אויפן וועג צו די פאָרלעזונגען פון שריפטשטעלער, פון אינדישע פילאָזאָפן און שוועדישע אָפּיצירן.

— רבונו של עולם! — האָט בעביט זיך באַקלאָגט פאַרן ווייב, בעת ער האָט זיך אומגעקערט צופוס אַהיים פון דער ברידזש-שפּיל ביי די פאָרגאַרטס — איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי ראָנע און דער מענטש קאָנען זיין אַזוי שרעקלעך נודנע און לאַנגווייליק. דאָרטן זעצן זיי זיך אַוועק נאַכט און נאַכט, און זיי הויבן נישט אָן צו וויסן, אַז ס'איז נאָך דאָ אויף דער וועלט פריילעכקייט און שפּאַס. זיצן דאָרט און רעדן און דיסקוסירן, — אָך ליבער גאָט — זיצן דאָרט — זיצן דאָרט — נאַכט און נאַכט — האָבן קיינמאָל קיין חשק נישט צו עפּעס אַנדערש, האַלטן מיך פאַר אַ משוגענעם, ווייל איך גיי אַמאָל מאַכן אַ קערטל אויך — זיצן דאָרט מיטאַנאַנדער — אָ, גאָט!

בעביטס שווער און שוויגער, הער און פרוי היינריך ט. טאָמפּסאָן, האָבן פאַרדונגען זייער אַלט הויז אין דער בעלוויו-געגנט, און זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אינם האָטעל האַטאָן, אין אַט דעם אָרנטלעכן הויז פון מעבלירטע וווינונגען פול מיט אַלמנות, רויטן פּלוש-מעבל, און דעם קלאַנג פון אייז-וואַסער-קרוגן. זיי האָבן זיך אָבער געפילט דאָרטן איינזאַם און מחמת דעם זענען די בעביטס איינגעלאַדן געוואָרן יעדן צווייטן זונ-טיק אָוונט, צו עסן מיט זיי געבראָטענע הין, שוואַכן סעלערי און מאַנדאַמין-אייז-קרעם. און שפּעטער האָבן זיי זיך געזעצט העפלעך און ווילעדיש אין געזעלשאַפט-צימער פון האָטעל, בעת אַ יונגע וויאָלאָניסטן האָט געשפּילט איבערגעזעצטע לידער פון דייטשן וויאַ בראָדוויי.

דאַן איז בעביטס אייגענע מוטער געקומען צו גאַסט פון קאַטאַובע, כדי צו פאַרברענגען דאָ דריי וואָכן.

זי איז געווען אַ גוטמוטיקע, שרעקלעך-באַגרענעצטע פרוי. זי האָט אָן אויפהער געלויבט די אומקאָנווענציאָנעלע וועראָניקע, אַז זי איז אַ ווײַל טייער קינד, וואָס זיצט אין שטוב און גיט זיך נישט אָפּ מיט די אַלע נאַרישע אידעען, ווי כמעט אַלע מיידלעך פון די הייַנטיקע צייט. און בעת טעד האָט אָנגעפילט דעם טראַנספאָרמאַטאָר מיט שמירעכץ, אויס ריינער ליבשאַפט צו מעכאַניזם און שמוץ, איז זי געווען צופרידן, וואָס ער איז אַזוי בייהילפיק אין שטוב, העלפט דעם פאָטער אין אַלעמען און לויפט נישט אַרום תמיד מיט מיידלעך, ווי אַן אַנדערער, וואָס וויל זיך מאַכן פאַר אַ געזעלשאַפטלעכן לעב-יונג.

בעביט האָט ליב געהאַט זיין מוטער, און טיילמאָל, האָט ער זי געהאַט גאַנץ גערן, אָבער איר קריסטלעכער געדולד האָט אים געקריצט אויף די נערוון, און ער האָט זיך ממש נישט גע-קענט קיין אָרט געפינען, ווען זי האָט אים אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן עפּעס אַ מיסטישן העלד, וועמען זי האָט אָנגערופן „דיין פאָטער״:

— דו װעסט עס שוין נישט געדענקען, דזשאָרזש, ביסט נאָך געװען דעמאָלט אַ פּיצל קינד. מײַן גאָט, איך געדענק, װי כ׳האָלט געקוקט אויף דיר הײַנט, מיט די גאָלד־ברוינע לאָקן און מיטן שפּיצן־קעלנערל, ביסט תּמיד געװען אַזאַ פײַן, הערלעך און אַביסל צאַרט און קרענקלעך, און האָסט ליב געהאַט שײנע זאַכן, רויטע שלײפעלעך בײַ די קלײנע שיכלעך און אַנדערע זאַכן — און אײנמאָל האָט דײַן טאַטע אונדז מיטגענומען אין קירך אַרײַן, אָבער פּלוצלונג שטעלט אונדז אָפּ אַ מענטש אין װעג און ער זאָגט: „מאַיאָר" — אַזוי פלעגן רופן די שכנים דײַן טאַטן, — מאַיאָר. װאָס אַן אמת, איז ער אין דער מלחמה נאָר געװען אַ געװײנלעכער זעלנער — אָבער, יעדער אײנער האָט געװוסט, אַז דאָס איז נאָר געװען צוליב דער אײפערזוכט פון פּולקאָװניק און, אַז ער האָט זיך פאַרדינט דעם ראַנג אָפיציר; ער האָט געהאַט אַ געבוירענע פעיקײט צו קאָמאַנדירן, װאָס עס גיט זיך זעלטן אײַן בײַ אַ מענטשן — און דערדאָזיקער מענטש שטעלט זיך אַנידער אינמיטן גאַס, ער הױבט אויף די האַנט און שטעלט אָפּ אונזער װאָגן און ער זאָגט: — מאַיאָר — זאָגט ער — אַ סך מענטשן פון דערדאָזיקער געגנט האָבן באַשלאָסן אונטערצושטיצן דעם קאָלאָנעל סקאָנעל, אַלס דעלעגאַט צום קאָנגרעס, און מיר װילן, אַז איר זאָלט זיך אָנשליסן אָן אונדז. בײַ אײַך אין געװעלב קומען אַזױ פיל מענטשן, איר װעט אונדז קענען אַ סך העלפן.

— נו, דײַן פאָטער האָט אַ קוק געטון אויף אים: — עס פאַלט מיר נישט אײַן צו מישן זיך אין אײערע ענינים, איך האָב פײַנט פּאָליטיק — האָט ער געזאָגט. נו, דער פאַרשױן — קאַפּיטאַן שמידט, װי זײ האָבן אים גערופן, הגם קײנער האָט נישט געװוסט פאַרװאָס, מחמת ער האָט נישט געהאַט קײן סימן אפילו פון קײן ראַנג, אַז מ׳זאָל אים אָנרופן קאַפּיטאַן אָדער אַן אַנדערן טיטול — האָט דער קאַפּיטאַן שמידט אַ זאָג געטון צו דײַן טאַטן: — מיר װעלן אײַך פאַרשאַפן אַ גיהנום, הער מאַיאָר. אויב איר װעט נישט האַלטן פאַר אײערע פרײַנט. נו,

וויסט שוין, ווער דיין טאַטע איז געווען, און דערדאָזיקער שמידט האָט עס אויך געוווסט; ער האָט געוווסט, וואָס פאַרא חשובער מענטש ער איז געווען, ער האָט געוווסט, אַז דיין טאַטע קאָן די פּאָליטישע סיטואַציע, ווי זיינע פינף פינגער. און, נאַטירלעך האָט ער איינגעזען, אַז דעם מענטשן וועט ער אַזוי לייכט נישט איבעררעדן. אָבער ער האָט ווייטער געפּרווט, געמאַכט אָנמערקונגען און געפּרווט, ביז דיין פאָטער האָט פאַרלוירן דאָס געדולד און אַ זאָג געטאָן: — קאַפּיטאַן שמידט — האָט ער געזאָגט — אין דערדאָזיקער געגנט האַלט מען מיך פאַר אַ מענטשן, וואָס איז פולשטענדיק בכוח צו זאָרגן פאַר זיינע אייגענע עסקים, און הייסט אַנדערע זאָרגן פאַר זיך! און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אויסגעדרייט און געלאָזט שטיין יענעם ווי אַ נאַר.

בעת זי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פאַר די קינדער זיינע קינדער-יאָרן, איז בעביט שוין גאָר אַרויס פון די כלים. לויט די רעוועלאַציעס פון זיין מוטער, האָט ער ליב געהאַט געראָסטן-צוקער און צו טראָגן אין זיינע לאָקן די שענסטע רויטע שלייף, און, אַז ער האָט פאַרדרייט זיין נאָמען אויף דזשאָו-דזשאָו. ער האָט געהערט (הגם נישט אָפיציעל געהערט), ווי טעד האָט געזאָגט צו טינקען: נו קום אַהער מיין קינד, שטעק דיר אַריין דאָס קליינע רויטע שלייפעלע אין דיינע לאָקן און זעץ דיך צום פרישטיק, אַנישט וועט דיר דזשאָו-דזשאָו טון אַ פעטשעלע, וועט דיר אַראָפּפאַלן ס'קעפעלע.

בעביטס שטיפברודער, מאַרטין, איז געקומען פון קאַטאַובע מיט זיין ווייב און מיטן יונגסטן קינד אויף צוויי טעג. מאַרטין האָט געהאָדעוועט בהמות און ער האָט געפירט אַ קראָם מיט פאַרשידענע סחורות. ער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער אַמעריקאַנער פון גוטן, אַלטן יענקי-שטאַם; ער איז געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס ער איז געווען ערלעך, גראָב, העסלעך און אָפּשטויסנדיק. זיין שטענדיקע באַמערקונג אויף יעדער זאַך איז געווען: — ווימל האָסטו דערפאַר באַצאָלט? ער האָט געהאַלטן וועראָנעס

ביכער, בעביטס זילבערנעם בלייער און די בלומען אויפן טיש פאר א פארשוועדונג און נישט אפגעטראטן פון זיין מיינונג. בעביט וואלט זיך זיכער מיט אים געקריגט, ווען נישט זיין גארישע פרוי און דאס קינד, וואס בעביט האט עס געצערטלט און זיך געשפילט מיט דעם, געקיצלט מיט א פינגער און געזאגט:

— איך מיין, אז דאס קינד איז א גארנישט — יא, מיינע הערן, איך זאג נאכאמאל, אז דאס קליינע קינד איז א גארנישט, יא, מיינע הערן, אויף מיין ווארט, ווי ס'איז א גארנישט. אט, וואס דאס איז, ס'איז א גארנישט, דאס קינד איז א גארנישט, א קליינער אלטער גארנישט. אט דאס איז עס. א גארנישט!

בינו לבינו, האבן ווערא́נע און קענעט געמאכט לאנגע פארשונגען איבער עפיסטאמאלאגיע; טעד איז געווען חוצפהדיק, קריגעריש, און טינקא, וואס איז קוים אלט געווען עלף יאר, האט פארלאנגט, אז מ'זאל איר דערלויבן, צו גיין דריי מאל אין קינא אריין, פונקט „ווי אלע מיידלעך”.

בעביט האט זיך געבייזערט:

— איך בין שוין ממש קראנק דערפון! גאנצע דריי גענעראציעס האב איך ארום זיך! די גאנצע חברה האט זיך אנגעלייגט אויף מיר. אויסהאלטן דער מאמע מיינע מיט האלב הוצאות, אויסהערן היינריך ט., אויסהערן מירעס דאגות, זיין העלפעך צו מארטינען, און צום סוף רופן זיי מיך אלטער בער, פאר מיין מי, צו זארגן פאר מיינע קינדער. אלע האבן זיך אנגעלייגט אויף מיר און זויגן מיך אויס. און קיין איינער איז נישטא צווישן זיי, וואס זאל ארויסווייזן א ברעקל דאנקבארקייט! נישטא קיין אויסלייזונג, נישטא קיין אנערקענונג און נישט קיין הילף פון קיינעם, תמיד זיך אזוי צו פלאגן — גוטער גאט, ווי לאנג נאך?

ווען ער איז אין פעברואר קראנק געווארן, האט עס אים ממש הנאה געטון; ער איז געווען צופרידן פון זייער

צעטומלטקייט, וואָס ער, דער פעלזן-מויער האָט זיך אַ וואַקל געטון.

ער האָט געזופּט צווייפלהאַפטע גריץ. צוויי טעג איז ער געווען שלאָף און זיי האָבן אים געפּיעשטשעט און אָפּגעהיט. ער האָט אָן שום פאָרוואָרפן געקאָנט כּסדר מורמלען :— „אָך לאָזט מיך אַליין!" ער איז געלעגן אויף דער שלאָף-וואַרענדע און געקוקט אויף דער ווינטערדיקער זון, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן דורך די שפּאַרעס פון די פעסט-צוזאַמענגעצויגענע האַקי-פאָרהאַנגען, וועלכע האָבן אויסגעזען כּמעט רויט. דער שאָטן פון דעם שטריק איז געווען שוואַרץ און געלעגן, פאַרפירעריש געקרייזלט, אויפן לייוונט. ער איז צופרידן געווען פון דידאָזיקע קרומע ליניעס און ער האָט אָפּגעזיפצט, ווען זיי זענען אין דער פאַרשווונדענדיקער ליכטיקייט געוואָרן פאַר אים אומדייטלעך. דאָס לעבן איז אים געווען גוט באַקאַנט און ער איז געווען אַביסל טרויעריק. אַצינד, ווען ס'איז נישט געווען קיין ווערדזש גאָנטש, פאַר וועמען צו ווייזן אַן אָפּטימיסטיש פּנים, האָט ער איינגעזען, — ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט איינגעזען—אַז ער האָט פאַרבראַכט אַ מעכאַניש לעבן. אַ מעכאַניש געשעפט — אַ לעבעדיקער פאַרקויף פון שלעכט-אויפגעמויערטע הייזער. אַ מעכאַנישע רעליגיע — אַ טרוקענע, פאַרגליווערטע קירך, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון ווירקלעכן לעבן, וואָס אויף דער גאַס, און איז פונקט אַזוי אוממענטשלעך און חשוב, ווי אַ צילינדער-הוט; מעכאַנישער גאָלף און מאָל-צייט-געזעלשאַפטן און ברידזש-שפּיל און געשפּרעכן. און—אויסער פּאָול ריסלינג — מעכאַנישע פריינד — מיט וועמען מען האָט זיך קעגנזייטיק געקאָנט קלאַפּן אין פּלייצע און לאַכן, און מ'האָט זיך קיינמאָל נישט געוואַגט אויף דעם שרעקלעכן נסיון — צו שווייגן אַ ווײַלע.

ער האָט זיך געדרייט אומרויק אין בעט.

ער האָט געזען די יאָרן, די שטראַלנדיקע ווינטערדיקע טעג און די לאַנגע זיסע נאָכמיטאָגן, באַשאַפן צו פאַרברענגען אויף די זומערדיקע גראָז-פּלעצער, וואָס זענען פאַרלוירן

געגאַנגען אין דער פאַרגעגנגלעכקייט. ער האָט געטראַכט וועגן טעלעפאָנען צוליבן מסחר, וועגן די שמייכלען, וואָס ער האָט געמוזט צווואַרפן די קויפער, וועלכע ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן, פון געשעפטן און פון וואַרטן אין די שמוציקע קאָרידאָרן — דעם הוט אויף דער קני, געגעצנדיק אויף דעם פליגן-שמוץ פון די קאַלענדאַרן; וועגן דעם, וואָס מען מוז זיין העפלעך צו די ביוראָ-ייִנגלעך ..

— בנאמנות, ווי כ'וואָלט שוין נישט געוואָלט צוריקקערן צו מיין אַרבעט — האָט ער זיך געבעטן — כ'וואָלט געוואָלט — כ'ווייס אַליין נישט וואָס.

אָבער צומאָרגנס האָט ער זיך ווידער אומגעקערט אין ביוראָ אַריין, זייער באַשעפטיקט און אין אַ געפערלעכער שטימונג.

קאַפּיטל

א.

די זעניטער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט האָט באַשלאָסן אויפצובויען אין דער פאָרשטאָט דאָרטשעסטער רעמאָנטיר-וואַרשטאַטן. אָבער ווען זיי זענען געקומען קויפן די נויטיקע פּלעצער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די איינציקע רעכט דערויף האָט די בעבּיט-טאָמפּסאָן-פאַרמיטלונגס-געזעלשאַפט. דער איינקויף-אַגענט, דער ערשטער וויצע-פּרעזידענט און זאָגאַר דער פּרעזידענט פון דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּרייז, וואָס בעבּיט האָט פאַרלאַנגט. זיי האָבן גערעדט וועגן די פּליכטן בנוגע אַקציאָנערן און זיי האָבן געדראָט, איבערצוגעבן דעם גאַנצן ענין אין געריכט, הגם די דראָונג מיט געריכט איז נאָר געווען בלויז אַ זשעסט און די באַאַמטע האָבן געהאַלטן פאַר קלוגער צו קומען צו אַ קאָמפּראָמיס מיט בעבּיטן אַליין. קאָפּיעס פון דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ זענען געלעגן אין אַרכיוו פון דער געז[?]שאַפט, ווו זיי האָבן געקאָנט ווערן נאָכקאָנטראָלירט פון יעד[?] בירא[?]ר-קאָמיסיע.

באַלד נאָכדעם האָט בעבּיט אַוועקגעלייגט אין זיין באַנק דריי טויזנט דאָלאַר. דער איינקויף-אַגענט פון דער גאַזן-באַן-געזעלשאַפט האָט געקויפט אַן אייטאָמאָביל פאַר פינף טויזנט דאָלאַר, דער ערשטער וויצע-פּרעזידענט האָט זיך אויפגעבויט אַ היים אין דיוואָן-וווּדס, און דער פּרעזידענט גופא איז אויסגעוויילט געוואָרן פאַר מיניסטער אין אַ פרעמדן שטאַט.

פֿאַר בעפּיטן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג, צו דערהאַלטן די קאָנצעסיעס און צו זיכערן פֿאַר זיך דעם באָדן אין אַלע הינזיכטן, און אַז אַ שכן זאָל זיך דערפֿון נישט דערוויסן. ס'איז געווען נויטיק צו פֿאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז מ'בויט גאַראַזשן און געוועלבן, מאַכן דעם אָנשטעל, גלייך מ'וויל שוין נישט נעמען מער קיין קאָנצעסיעס, צו וואַרטן און אויסצוזען פֿאַרנודעט, ווי אַ פּאָקער-שפּילער אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט געמאַכט אַ פֿעלער און עס צעקריכט זיין גאַנצער פּלאַן. דערצו איז נאָך צוגעקומען די שטילע, נערוון-אויפֿרייצנדיקע מחלוקת מיט זיינע געהיימע שותּפֿים; זיי האָבן נישט געוואָלט צולאָזן בעפּיטן און טאָמפּסאָנען צו האָבן אַ חלק אין מעקלעריי. בעפּיט האָט שוין כּמעט ווי מספּים געווען. — די עטיק פֿון מסחר — אַ מעקלער מוז אָפּהיטן זיינע פּרינציפּן און נישט נעמען קיין אָנטייל אין דער קניה — האָט ער געזאָגט צו טאָמפּסאָנען.

— עטיק, נאַרישקייטן! מיינסט אַוודאַי, אַז איך וועל שטיין און צוקוקן זיך, ווי זיי וועלן אָנשטופּן די קעשענעס מיט געלט, און אונדז וועט מען לאָזן אַן אַ זייט — האָט דער אַלטער העבריך געזאָגט כּראָפּנדיק.

— נו, מיר געפֿעלט די זאַך נישט אַבסאָלוט. דאָס קומט מיר אויס, ווי אַ צווייפּאַכיקער שווינדל.

— ס'איז גאָרנישט. ס'איז אַ דרייפּאַכיקער שווינדל. די געזעלשאַפֿט ווערט טאָפּלט באַשווינדלט.

— נו, אַצינד, ווען מיר האָבן זיך אָראָפּגערעדט אַביסל פֿון לעבער, פֿרעגט זיך אַ קשיא, ווו נעמען מיר געלט צו קויפֿן אין געהיים אַ שטיק לאַנד פֿאַר אונדז אַליין? מיר קענען זיך דאָך נישט ווענדן צו אונזער באַנק. דער עולם קען זיך נאָך דערוויסן.

— איך קאָן גיין צום אַלטן איטהאָרן. ער איז פֿאַרשלאָסן ווי אַ קבר.

— אָט דאָס איז דער ריכטיקער בעל דבר!

איטהאָרן איז געווען, ווי ער האָט אַליין געזאָגט, צופֿרידן צו מאַכן

פּערזענלעכע אינוועסטיציעס", צו מאַכן בעביטן די הלוואה און צו זאָרגן דערפאַר, אַז די הלוואה זאָל נישט פיגורירן אין די באַנק-ביכער. די טראַנזאַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן, אַז בעביט און טאָמפּסאָן האָבן געקריגן די אויסשליסלעכע רעכט אויף די שטיקער לאַנד, וואָס האָבן אָנגעהערט צו זיי, הגם זייערע נעמען זענען נישט דערמאָנט געווען אין די קניות.

ביים סוף פון דידאָזיקע גלענצנדע טראַנזאַקציעס, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו דערהויבן דאָס געשעפט, און איבערצוצייגן דער געזעלשאַפט וועגן דער ענערגיע פון דער בעביט-טאָמפּסאָן-געזעלשאַפט, האָט בעביט צו זיין גרויס שטוינונג זיך דערוווסט, אַז ער האָט ביי זיך אַ נישט ערלעכן מענטשן.

דערדאָזיקער נישט ערלעכער מענטש איז געווען סטענלי גראַף, דער אויסערלעכער אַגענט.

שוין אַ געוויסע צייט, ווי בעביט האָט געהאַט אַ חשד אויף גראַפן. גראַף האָט נישט געהאַלטן זיין צוזאָג צו די לאָקאַטאָרן. ביים פאַרדונגען אַ וווינונג, האָט ער צוגעזאָגט אַ רעמאָנט, צו וועלכן דער הויז-אייגנטימער האָט זיך לגמרי נישט פאַרפליכטעט. ס'איז אויך געווען אַ חשד, אַז ער האָט געפעלשט די אינווענטאַר-רשימה פון די מעבלירטע וווינונגען, און דער נייער לאָקאַטאָר האָט ביים אַריינציען זיך געמוזט צאָלן פאַר זאַכן, וואָס זענען לחלוטין נישט געווען — דאָס געלט האָט גראַף אַראָפּגעלאָזט צו זיך אין קעשענע. בעביט האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַווייזן זיינע באַשולדיקונגען, און אויב ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו דערווייטערן גראַפן, האָט ער איצטער געהאַט דערצו די ריכטיקע געלעגנהייט.

און ... ט רייסט זיך איינמאָל אַריין אין בעביטס קאַבינעט אַ רויט-פּנימדיקער פאַרשוין מיט אַ געשריי:

— הערט אויס! איך בין געקומען אייך מאַכן אַ ריזיקן סקאַנדאַל, אויב איר זעצט נישט איין דעם פאַרשוין, וועל איך עס טון!

— וואָס איז? — רעגט אייך נישט אויף, מיין טייערער, וואָס איז געשען?

— וואָס איז געשען! כאַ־כאַ־כאַ! ס'איז שוין איינמאָל געשען! —

— זעצט אייך אַנידער און רעדט רויקער! מען הערט אייך איבערן גאַנצן הויז!

— אָט דער מענטש, גראַף, וואָס אַרבעט ביי אייך, האָט מיר פאַרדונגען אַ וווינונג. נעכטן בין איך דאָרטן געווען, און כ'האָב אונטערגעשריבן דעם קאָנטראַקט, אַלץ אין בעסטן אָרדענונג, ער האָט באַדאַרפט נעמען דעם אונטערשריפט ביים אייגנטימער און מיר ביינאַכט אָפּשיקן דורך פּאָסט דעם קאָנטראַקט אַהיים, און אַזוי איז געשען. היינט אינדערפרי קום איך אַהיים צום פרישטיק און דאָס דינסט־מיידל זאָגט מיר, אַז באַלד נאָך דער ערשטער פּאָסט איז געקומען אַ יונגערמאַן און געהייסן זיך געבן דעם בריוו מיטן גרויסן לאַנגן קאָנווערט מיט אַ סימן פון דער פירמע „בעביט טאָמפּסאָן”, וואָס איז על פּי טעות צוגעשיקט געוואָרן. און מחמת אויף דעם קאָנווערט איז טאַקע געווען אַזאַ סימן, האָט זי אים אָפּגעגעבן. ווי זי האָט מיר אָנגעהויבן צו שילדערן, וויאַזוי דער פּאַרשוין האָט אויסגעזען, האָב איך תּיכּף פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גראַף. איך טעלעפאָניר צו אים, און אָט דער נאַרישער מנוול איז זיך מודה. ער דערקלערט, אַז נאָכן שליסן מיט מיר דעם קאָנטראַקט, האָט זיך אים געמאַכט אַ בעסערער קונה, און ער האַלט זיך אָפּ פון פאַרקויפן, וואָס רעכנט איר איצטער צו טון?

— איר הייסט? —

— וויליאַם ווערני — וו. ק. ווערני.

— אָך, יאָ. דאָס איז געווען דאָס דזשעק־הויז —

בעביט האָב אַ דריק געטון דאָס עלעקטרישע גלעקל. בעת פריילין מעק איז אַריינגעקומען, האָט ער אַ פרעג געטון: — גראַף איז אַוועקגעגאַנגען?

— יאָ הער בעביט.

— זייט אַזוי גוט און טוט אַ קוק אויף זיין שרייב־טישל, צי ס'ליגט נישט דאָרטן דער קאָנטראַקט פון הער ווערני, וועגן

דזשעריסאָן־הויז! — צו ווערני: — איך קאָן אייך זאָגן, חיי־שטאַרק איך פֿיל זיך דערפֿון געקרענקט. כ'דאַרף פֿאַר אייך נישט לאַנג ברייען, אַז גראַפֿן וועל איך אַרויסוואַרפֿן תּיכּף, ווי ער וועט נאָר אַריינקומען אין ביוראָ. און נאַטירלעך, איז אייער קאָנטראַקט ווייטער גילטיק. אָבער חוץ דעם וועל איך נאָך עפּעס טון. איך וועל מודיע זיין דעם אייגנטימער, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פֿון קאָמיס, און דאָס געלט זאָל ער אַראָפּרעכענען פֿון אייערע ציגזן. ניין! בנאמנות! אַזוי וויל איך! איך זאָג ערלעך, אַז די זאַך האָט מיך דערשיטערט. איך מיין, אַז כ'בין תּמיד געווען אַ פּראַקטישער געשעפֿטסמאַן. מעגלעך, אַז איך האָב אויך דערציילט נישט געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע מעשׂיות, ווען ס'איז געווען נייטיק — איר ווייסט דאָך יאָ: טיילמאָל מוז מען צופּאַרבן, אויב מען האָט צו טון מיט אַ נאַר. אָבער דאָס איז ס'ערשטע מאָל, וואָס איך מוז מאַכן מיינס אַן אָנגעשטעלטן אַן ערנסטן פֿאָרוואורף, צוליב נאַרישע פּרוטות. איינדערהאַמתן וואָלט מיך שטאַרק געקרענקט, אַז מיר זאָלן נאָך איצט ביי דעם עסק מאַכן ריוח. איר וועט אונדז דערלויבן אָפּצוזאָגן זיך פֿון קאָמיס לטובֿת אייך? גוט!

ב.

ער האָט שפּאַצירט דורך דער שטאָט. אין איר פֿעברואַר־שטימונג. די לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן געשפּריצט מיט בלאָטע און דער בלייערנער הימל איז געהאָנגען איבער די טונקעלע ציגל־געזימסן. ער האָט זיך אומגעקערט צוריק, ער איז געווען אומגליקלעך, ער, וואָס האָט געהאַלטן הויך דאָס געזעץ, האָט אים איצט געבראָכן, פֿאַרבאָרגנדיק אַ מלוכה פֿאַרברעכן פֿון איבערכאַפּן די פּאָסט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינזעצן גראַפֿן אין תּפֿיסה און צו זען, ווי זיין ווייב ליידט. ערגער, ער וועט גראַפֿן אַרויסוואַרפֿן, און דעמדאָזיקן סיסטעם האָט ער געהאַסט אין זיין געשעפֿט. ער האָט ליב געהאַט אַלע מענטשן

און ער האָט געוואָלט, אַז מ׳זאָל אים אויך ליב האָבן, ער האָט זיי אַפילו נישט געקאָנט מאַכן קיין פאָרוואורף.

פריילין מעק גאָון איז אַריינגעפאַלן שעפּטשענדיק, מיט דער אויפרעגונג פון דער אומפאַרמיידלעכער סצענע:

— ער איז דאָ!

— הער גראַף? הייסט אים אַריינגיין.

ער האָט זיך באַמיט צו זיצן רויק און ערנסט אין זיין פאָטעל און צו קוקן גלייכגילטיק. גראַף איז אַריינגעקומען מיט גרויסע שפּרייזן אינעווייניק — אַ פינפאונדרייסיק־יעריקער מאַנסביל, לעבעדיק, מיט ברילן און פראַנטישע וואָנסעלעך.

— ר׳דאַרפט מיך? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— יאָ, זעצט אייך.

גראַף איז שטיין געבליבן רויק און געברומט:

— איך בין זיך שוין משער, אַז דער אַלטער ווערני איז געווען ביי אייך. איר וועט מיך דערלויבן צו דערציילן אייך אַלץ. דאָס איז אַ מוראַדיקער קמצן, ער ליגט אויפן גראָשן, און ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ צווייפל מיט זיין קרעדיט־פעיקייט — איך האָב זיך דאָס דערוווּסט, ווען אַלץ איז שוין געווען אונטערגעחתמעט. און דאַן האָט זיך אונטער־געדרוקט אַן אַנדער פאַרשוין מיט אַ בעסערער אָפערטע פאַר דעם הויז, און איך האָב עס געהאַלטן פאַר מיין פליכט פאַרן געשעפט אָפּצושטופּן ווערני. איך בין געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז איך בין געלאָפן דאָרטן אַהין און אָפּגענומען צוריק דעם קאָנטראַקט. ערנוואָרט, הער בעביט, ווי איך בין גאָרנישט אויסן געווען קיין שלעכטס. איך האָב פשוט געוואָלט, אַז די פירמע זאָל האָבן מער קאָמיס, ווי —

— וואַרט צו אַ ווײַלע, סטען. דאָס אַלץ קאָן זיין אמת, אָבער איך האָב אין דער לעצטער צייט געהערט אַ סך מענטשן זיך באַקלאָגן אויף אייך. איצט פאַלט מיר גאָרנישט איין, אַז איר זענט אויסן געווען שלעכטס. און איך גלויב, אַז אויב איר וועט איצט קריגן אַ שטאַרקן קלאַפּ, וועט עס זיין פאַר אייך אַ לערע, ווי אַזוי צו ווערן אַן ערשטקלאַסיקער מעקלער.

אָבער איך זע נישט איין די מעגלעכקייט, אַז איך זאָל אייך קענען האַלטן בײַ מיר ווייטער.

גראַף האָט זיך אויפסניי אָנגעלענט אָן דער רעגיסטערשאַנק, געהאַלטן די הענט אין די קעשענעס און געלאַכט:

— אַזוי, זאָגט מען מיך אָפּ! נו, אַלטער מוסרניק און צדיק! כ'בלאַץ פאַר געלעכטער! אָבער איר זאָלט נישט מיינען, אַז איר וועט זיך אַזוי לייכט אַרויסדרייען פון יענער אַפּערע. וואָס אַן אמת האָב איך טאַקע אָפּגעטון עטלעכע געפערלעכע שטיקלעך — אין אַ געוויסער מאָס — אָבער צי האָב איך געהאַט אַן אַנדערן אויסוועג אין אַזאַ פירמע?

—אָבער, הערט אויס, יונגערמאַן.

— יאָ, יאָ! באַהאַלט אייער ניכטערנעם הומאָר בײַ זיך, און שרייט נישט, וואָרום מ'הערט אייך שוין באַלד אין דער גאַנצער ביוראָ. אַ סברא, אַז אַצינד הערן אייך שוין אַלע. בעפּיט, אַלטער יונג, ראשית זענט איר אַליין תּמיד געגאַנגען אויף געניוג קרומע וועגן, און צווייטנס זענט איר אַ פאַרשאָלטענער הויטשיגדער. וואָס, איר צאָלט מיר דען אַ לייטישן געהאַלט, איך מוז דאָך גנבענען פון אַ בלינדן בעטלער די פּאָר פּרוטות פון היטל, כּדי נישט צו לאָזן מיין ווייב שטאַרבן פאַר הונגער. מיר זענען איצטער פינף חדשים נאָך דער חתונה, און זי איז דאָס שענסטע מיידל, וואָס כ'האָב נאָר אַמאָל געזען אין מיין לעבן, און מיר ראַנגלען זיך די גאַנצע צייט אין נויט, כּדי איר, אַלטער גנב, זאָלט קאָנען אָפּשפּאָרן געלט פאַר אייער זון דעם ראָצער, און פאַר אייער אידיאָטישער טאָכטער. וואַרט נאָר, דאָס אַלץ זאָלט איר ליבערשט שטיל אויסהערן, אַנישט הויב איך אויף אַ געשריי, אַז מען וועט דערהערן אין דער גאַנצער ביוראָ! אַ שווינדלער — דאָס זענט איר — וואָס וועט איר זאָגן דערצו, ווען איך זאָל אויסגעבן פאַר דער פּאָליציי, וואָס איך ווייס פון די לעצטע טראַנזאַקציעס מיט דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט? וואָלט איר און איך געגאַנגען אין תּפיסה אַריין, צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר פיינע, זויבערע, פרומע, אָנגעזעענע הערן פון דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט.

— נו, סטען, זוי איך זע, קומען מיר דאָך צו פאַקטן. דאָס מסחר — דאָס איז לחלוטין נישט געווען קיין שווינדל. די איינציקע מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פאָרשריט, איז דאָס, וואָס אָנגעזעענע מענטשן פירן עפּעס ריכטיק אויס; דאַרפן זיי דערפאַר נאַטירלעך גוט באַלוינט ווערן—

— אָך, ליבער גאָט, מאַכט אייך נישט פאַר קיין צדיק! לויט איך פאַרשטיי אייערע רייד, וואַרפט איר מיך אַרויס. אָלרייט. פאַר מיר איז'ס פּשוט אַ גליקזאַך. און אויב איך וועל אייך כאַפּן, ווי איר וועט מיר קאַליע מאַכן אין אַנדערע שטעלעס, וועל איך אויסזינגען אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן אייך און היינריך טאָמפּסאָן און אייערע ברודיקע קליינע עסקים, וואָס די אינדוסטרי-פירער האָבן אויסגעפירט פאַר גרעסערע און אינטעליגענטערע באַנדעס גנבים, און מען וועט אייך הייסן זיך מטריח זיין פון שטאָט, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן. וואָס שייך מיר — האָט איר רעכט, בעביט, איך בין געגאַנגען אויף שלעכטע וועגן, אָבער איצט וויל איך אָנהויבן גיין אויפן גלייכן וועג, און מיין ערשטער שריט, איז אויסצוזוכן זיך אַ שטעלע אין וועלכער ס'איז ביוראָ, וווּ דער באַלעבאָס פלוידערט נישט וועגן אידעאַלן. האָט מיר אַלדאָס שלעכטס, אַלטער יונג, און איר קאָנט אַריינוואַרפן אייער שטעלע אין אַ מיסטקאַסטן!

בעביט איז געזעסן אַ לאַנגע צייט אומבאַוועגלעך און געקריצט מיט די ציין: אין טורמע וועט ער ביי מיר זיצן! דערנאָך האָט ער געמורמלט בענקשאַפטלעך: אַ חידוש — ניין, איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטון דאָס, וואָס ס'איז נישט נויטיק געווען פאַרן פאָרשריט פון ביזנעס.

צומאָרגנס האָט ער צוגענומען אויף גראַפס אָרט פריץ וועלינגער, דעם אָנגעשטעלטן פון זיין געמיינסטן קאָנקורענט פון דער „געזעלשאַפט פאַר אַנטוויקלונג פון היימען" אויפן איסט-סייד, און אַזוי אַרום האָט ער פאַרשאַפט קרענקונג זיין שונא און דערוואָרבן פאַר זיך אַ טיכטיקן מענטש. פריץ איז געווען אַ געקרייזלטער, פריילעכער, טעניס-שפּילנדיקער יונגערמאַן.

אויף זײַן אָנגענעמען אופן האָט ער צוגעגעבן חשק די קויפער צו קומען אין דער ביוראָ אַרײַן. בעביט האָט אין געדאַנק אים געהאַלטן פאַר אַ זון, און ער האָט געפינען אין אים אַ גרויסע טרייסט און אַ לינדערונג פאַר זײַן געזעלשאַפט.

ג.

אַ פוסטער באַן-פּלאַנט אין אַ פאָרשטאָט פון טשיקאַגאָ. אַן אויסגעצייכנטער אָביעקט פאַר די שכנותדיקע פאַבריקן, האָט זיך געמאַכט צו פאַרקויפן, און דזשעק אָפּוט האָט בעביטן. געבעטן, אונטערצוהאַנדלען וועגן דעמדאָזיקן פּלאַץ פאַר זײַנעטוועגן די אָנשטרענגונג צוליב דעם אָפּמאַך מיט דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט און דער פאַרדרוס אויף סטענלי גראַף האָבן אַזוי ווייט בעביטן דערשיטערט, אַז ס'איז אים געווען שווער אײַנצוזיצן בײַם שרייב-טיש און זיך קאָנצענטרירן. ער האָט געזאָגט צו זײַן בני-בית:

— הערט אויס, מענטשן; איר ווייסט, ווער ס'וועט אַ פאָר טון קיין טשיקאַגאָ אויף אייניקע טעג — שוין סוף וואָך, נישט צו פאַרזוימען איין טאָג אין שול — איר ווייסט ווער ס'וועט באַגלייטן דעם באַרימטן האַנדלס-געזאַנדטן דזשאָרדזש פ. בעביט? נו, הער טעאָדאָר רוזוועלט בעביט!

— הוראַ! — האָט טעד אַ געשריי געטון — און ווי די בעביט-מענער וועלן איבערדרייען די ליבע, אַלטע שטאָט!

און קוים האָבן זיי געלאָזט הינטער זיך די פאַרטרויטע געוווינהייטן פון דער היים, זענען זיי בײדע געוואָרן מאַנסבילן. טעד איז געווען אומרייף, ווען ער האָט זיך געוואָלט מאַכן אַלט. ער איז געווען קלוג, וויכטיק, פאַרשטייט זיך אויף דעם געביט, אויף וועלכן בעביט האָט געהאַט מער דערפאַרונג פון טעדן, ווי למשל אין מעקלערײַ און אין פּאָליטיק. ווען די איבעריקע חכמים פון דער רויכער-אָפּטיילונג האָבן זיי איבערגעלאָזט אַליין, האָט בעביט נישט אָנגענומען אַ הומאָריסטישן, קעגנערישן טאָן, ווי מ'רעדט צו אַ קינד, נאָר ער האָט זיך

געהאַלטן ביי זיין הערשנדיקן, גלייכגילטיקן טאָן, און טעד האָט זיך באַמיט אים אונטערצוהאַלטן מיט זיין טענאָר.

— אָ, פּאָטער, האָסט אים גוט געגעבן, דעם אָרעמען שלעפּער, בעת ער האָט אויפגעמאַכט דעם פּיסק אויף דער פּעלקער-ליגע!

— נו, דאָס ערגסטע איז מיט די מענטשן, וואָס זיי האָבן נישט קיין ברעקל השגה, וועגן וואָס זיי רעדן. זיי אָפּעריִרן נישט מיט קיין פאַקטן... וואָס טראַכסטו וועגן קען עס-קאָט?

— איך וועל דיר זאָגן, טאַטע: איך האַלט, אַז קען איז אַ פיינער יונג, האָט נישט קיין ספּעציעלע פעלערן, סיידן דאָס, וואָס ער רויכערט צופיל; אָבער לאַנגווייליק איז ער, אָ גאָט! אויב מ'וועט אים נישט אונטערשטופּן, וועט דער שלימזל זיך קיינמאָל נישט דערקלערן אין ליבע! און ראָנע איז נישט בעסער ווי ער, פלעגמאַטן.

— יאָ, כ'זע, אַז ביסט גערעכט. זיי זענען פלעגמאַטן. קיין איינער פון זיי ביידע איז נישט פון אונזער שניט.

— ס'איז אמת. זיי זענען פלעגמאַטן. איך שווער, טאַטע, כ'חייס נישט, ווי אַזוי אַזאַ ראָנע איז אַריינגעפאַלן אין אונזער פאַמיליע! איך גיי אין געוועט, אַז ווען מ'זאָל זיך קענען דערוויסן אַלצדינג פון דיר, וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דו ביסט געווען בחורווייז אַ פיינער פאַרשוין.

— אודאי, כ'בין נישט געווען קיין פלעגמאַט.

— דערויף קאָן איך זיך וועטן. איך גיי אין געוועט, אַז דו ביסט געווען אַ גריבענער יינג. מיט מיידלעך ביסטו געוויס נישט געווען קיין פרייער.

— זעלבסטפאַרשטענדלעך, ווען כ'האָב זיך צונויפגעטראָפן מיט מיידלעך, האָב איך זיכער נישט גערעדט מיט זיי וועגן שטרייק אין די וועבערייען!

זיי האָבן ביידע אַ רעווע געטון, זיי האָבן ביידע אָנגעצינדן ציגאַרן.

— וואָס קאָנען מיר מיט זיי מאַכן? — האָט בעביט זיך בעראַטן.

— צום טייוול, כ'ווייס אַליין נישט. איך שווער דיר, אַז טייל מאָל האָב איך חשק אַ נעם צו טון קענין אין אַ זייט, אים אַ טרייסל טון און זאָגן: יונגערמאַן! צי האָסטו בדעה חתונה צו האָבן מיט ראָנען, אָדער צי ווילסטו גלאַט אַזוי מיט איר פאַרדרייען ביזן שטאַרבן? אָט גייסטו שוין באַלד צו די דרייסיקער און פאַרדינען פאַר־דינסטו נאָך אַלץ צוואָנציק אָדער פינפאונצוואָנציק אַ וואָך! ווען וועסטו שוין ווערן אַ פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש און אָנהויבן גיין אַרויף? אויב דו האָסט שוין יאָ אַזאַ געלעגנ־הייט ביי דזשאָרדזש פ. אָדער איך, וואָס שטייען דיר צו הילף, טאָ רעד אַ וואָרט, אַבי טו דיך אַ ריר!

— מילא, ס'וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי שלעכט, ווען דו אָדער איך זאָל מיט אים אַ שמועס טון, אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל זיך עפּעס אָנשטויסן. ער איז נישט פון די גרויסע חכמים. ער קאָן נישט זיין אַזוי דרייסט און שפּילן אין אָפענע קאָרטן, ווי דו אָדער איך.

— ס'איז אמת, ער איז נישט פון די גרויסע חכמים.

— יאָ, יאָ, נישט פון די איבערגעשפּיצטע.

— ס'איז אַ פאַקט.

זיי האָבן אָפּגעזיפצט, און זיי זענען געזעסן שווייגנדיק, פאַרטראַכט און גליקלעך.

דער קאָנדוקטאָר איז אַריינגעקומען. ער איז אַמאָל געווען אין בעביטס ביוראָ און געפרעגט זיך וועגן אַ ווינונג:

— איר זענט דאָ, הער בעביט? פאָרט איר, הייסט עס, מיט אונז קיין טשיקאַגאָ? דאָס איז אייער בחור?

— יאָ. דאָס איז מיין זון, טעד.

— אַזוי, ווער וואָלט דאָס געגלויבט אויף אייך? איך האָב געמיינט, אַז איר זענט נאָך אַ יונגער מענטש, נאָך אַ טאָג נישט איבער די פערציק, געהאַרטעוועט, און צום סוף האָט איר שוין אַזאַ יונגאַטש

— פערציק? אָ, ברידערל, כ'וועל שוין מער נישט זען דאָס פינאונפערציקסטע.

— וואָס איר רעדט! נו, דאָס וואָלט איך אויף אייך קיינמאָל נישט געזאָגט!

— יאָ, סיר, ס'איז שוין אַ שלעכטע סימן פאַר אַן אַלטן מאַן, ווײַבאַלד ער נעמט זיך מיט אויף דער רייזע אַזאַ יונג, ווי טעד.

— איר האָט רעכט, אַזוי איז עס. — צו טעדן: — ב'מיין, אַז איר זענט שוין אויפן אוניווערזיטעט?

שטאָלץ:

— ניין, ערשט דעם נאָענטסטן האַרבסט. דערווייל וויל איך מיר אַביסל אַרויסלאָזן די אַלע אוניווערזיטעטן פון קאָפּ.

אַז דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען זיין פריינדלעכן וועג — די שווערע קייט פון זייגער האָט געקלונגען אויף זיין בלויע וועסטל — דאַן האָט בעביט און טעד אָנגעהויבן רעדן וועגן אוניווערזיטעטן. קיין טשיקאַגאָ זענען זיי געקומען שפּעט ביינאַכט. צומאָרגנס זענען זיי געלעגן ביז שפּעט אין די בעטן און זיי האָבן געשמועסט פריילעך:

— ווי גוט עס איז, אַז מ'דאַרף נישט אויפשטיין פרי און לויפן צום פרישטיק!

זיי זענען איינגעשטאַנען אין באַשיידענעם עדען-האָטעל, ווייל אַלע זעניטער ביזנעס-לייט זענען איינגעשטאַנען אין עדען. אָבער מיטאָג האָבן זיי געגעסן אין די בראָקאַט- און קריסטאָל-צימערן פון ווערסאַלער האָטעל „רעדזשענס". בעביט האָט באַשטעלט בלויע אויסטערן מיט קאָקטאַיל-סאָך, אַ ריזיקן ביפשטיק מיט נאָך אַ גרעסערע שיסל געפּרעגלטע קאַרטאָפל, צוויי שעלעכלעך קאַווע, אַן עפּלקוכן פאַר ביידע און פאַר טעדן נאָך אַ ספּעציעלן קוכן מיט עפּל.

— ערשטקלאַסיקע מאכלים! ס'איז דאָ וואָס צו עסן, יונגער פריינט! — האָט טעד זיך געחידושט.

— האַ! דו האַלט דיך נאָר לעבן מיר, אַלטער יונג, און איך וועל דיר ווייזן, ווי אַזוי מען מאַכט אַ גוט לעבן!

אין אָוונט זענען זיי געגאַנגען אויף אַ מוזיקאַלישע קאָמעדיע און זיי האָבן צוזאַמען אויסגעלאַכט די הייראַט און דאָס פּראָהיביציאָן-געזעץ. בעתן אַנטראַקט האָבן זיי שפּאַצירט אין קאָרידאָר געאָרעמט, און אין דעם אויסגעלעבטן געפּיל פון בושה, וואָס טיילט אָפּ פאָטער פון זון, האָט טעד אַרויסגעלאַכט:

— טאַטע, האָסטו שוין געהערט די געשיכטע וועגן די דריי מאָדיסטינס און דעם ריכטער?

אַז טעד האָט זיך צוריקגעקערט קיין זעניט, איז בעבּיט געבליבן אַליין. ער האָט זיך באַמיט אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט צווישן אָפּוטן און אייניקע אינטערעסאַנטן פון מיליוקי, וואָס האָבן זיך באַמיט צו קויפן אַ זייטיקע באַן-ליניע, און צוליב דעם האָט ער אָפּגעגעבן אַ סך צייט אויף אָפּצוואַרטן טעלעפאָן-געשפּרעכן. ער איז געזעסן אויף אַן עק פון בעט מיטן טעלעפאָן-רערל אין האַנט און געפּרעגט פאַרמאַטערט: — הער זאָגען איז נאָך נישט צוריקגעקומען? ער האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט פאַר מיר? אָלרייט. כ׳וואַרט ביים טעלעפאָן. ער האָט דערזען אַ פלעק אויף דער וואַנט און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער פלעק איז ענלעך צו אַ שוך. צום צוואַנציקסטן מאָל האָט ער פעסטגעשטעלט די ענלעכקייט פון פלעק צו אַ שוך. ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר. דאַן, זייענדיק צוגעשמידט צום טעלעפאָן, האָט ער נישט געהאַט לעבן זיך דאָס אַש-קעסטעלע, ער האָט זיך פאַרטראַכט, וואָס צו טון מיטן אַש, און ער האָט זיך באַמיט אָפּצושאָקלען דעם ציגאַר אין באָד-צימער, וואָס איז אויסגעלייגט געווען מיט קאַפּלעס און לסוף, אַ טעלעפאָן: גאָרנישט פאַר מיר, אַ? אָלרייט איך וועל קלינגען שפּעטער?

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג איז ער געגאַנגען אויף די באַשנייטע גאַסן, וואָס זייערע נעמען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געהערט, גאַסן מיט קליינע געביידעס, הייזלעך פאַר צוויי פאַמיליעס אין ליידיקע באַטקעס. ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט נישט קיין חשק עפּעס צו טון. אין אָוונט,

ידען ער האָט געגעסן אַליין אין „רעדזשען" האָטעל· האָט ער זיך געפילט אומעטיק און איינזאַם. ער איז געזעסן אין אַ זייטיקן זאַל אין אַ סאַמעטענעם פאָטעל מיטן הערב פון זאַקסן־קאָבורג, פאַררויכערט אַ ציגאַר און געזוכט עמעצן, מיט וועמען זיך אונטערצוהאַלטן און ער זאָל אים אַביסל צעשטרייען זיינע געדאַנקען. אין אַ פאָטעל לעבן אים (אויסגעשטריקט מיטן ליטווישן הערב) איז געזעסן אַ מענטש, וואָס האָט אים אויסגעוויזן באַקאַנט. אַ דיקער מאַנסביל מיט אַ רויט פנים, שטאַרע אויגן און דינע געלע וואָנסעס. ער האָט אויסגעזען גוטמוטיק, אומבאַדייטנדיק און איינזאַם, ווי בעביט אַליין. ער האָט געטראָגן אַ געשפּריצטן אָנצוג און אַ העסלעכן אָראַנזש־שניפּס.

און בעביטס מוח האָט אַ בליץ געטון. דער מעלאַנכאָלישער פרעמדער איז געווען סיר געראַלד דאָאַק.

ער האָט זיך אַ הויב אויף געטון און געמורמלט:

— וואָס הערט זיך ביי אייך, סיר געראַלד? ר'דערמאָנט אייך, ווי מיר האָבן זיך געטראָפן אין זעניט ביי טשאַרלס מעק קאַלווי? מיין נאָמען איז בעביט — אַ מעקלער.

— אָך! וואָס הערט זיך ביי אייך? — סיר געראַלד האָט לייכט געדריקט זיין האַנט.

בעביט איז געשטאַנען אַ צעטומלטער און זיך געטראַכט, וויאַזוי אַנטרונען צו ווערן, ער האָט געשטאַמלט:

— אַ, כ'מיין, אַז איר האָט שוין אַדורכגעמאַכט אַ וואַשנגטאָן רייזע, זינט איר האָט אונז פאַרלאָזט אין זעניט.

— אודאי, די בריטישע קאָלומביע און גאַנץ קאַליפאָרניע אין דער לענג און אין דער ברייט — האָט ער אַ זאָג געטון גלייכגילטיק, קוקנדיק אויף בעביטן מיט אַ פאַרלאָשענעם בליק.

— ווי אַזוי זעען אויס די געשעפטן אין בריטיש קאָלומביע? אָדער איך מיין, אַז איר האָט זיך דערין נישט אינטערעסירט? דאָס לאַנדשאַפט און ספּאָרט און אַזוי ווייטער.

— דאָס לאַנדשאַפט? גרויסאַרטיק. די געשעפטס־קאָניונקטור — איר ווייסט, הער בעביט, ביי זיי איז פונקט דאָ

אַזויפיל אַרבעטלאָזע ווי בײַ אונז! — האָט סיר געראַלד אַ זאָג געטון וואַרעמער.

— אַזוי? זענען, הייסט עס, די געשעפטס-פאַרהעלטעניש ניט אַזוי גלענצנד גוט, וואָס?

— ניין, די געשעפטס-קאָניונקטור איז דאָרטן גאַנץ ווייט דערפון, ווי איך האָב זיי געהאָפט צו טרעפן.

— נישט גוט, אַ?

— ניין, באמת נישט אַזוי גוט.

— דאָס איז אַ חרפּה. נו — אַ סברא, אַז איר וואַרט אויף עמעצן, כּדי צו גיין עפּעס אויף אַ פיינער אויפנאַמע.

— אַן אויפנאַמע? אָך, אַן אויפנאַמע! נו, אויב צו זאָגן אייך דעם אמת, האָב איך זיך שאַקע פאַרטראַכט, וואָס צו טון מיטן הייַנטיקן אָוונט. איך קאָן נישט קיין לעבעדיקן מענטשן אין גאַנץ טשיקאַגאָ. איך טראַכט טאָמער ווייסט איר, צי עס איז דאָ אַ גוט טעאַטער אין שטאָט?

— גוט! הערט וואָס, די גרויסע אָפּערע, זי איז הײַנט נאָרנישט שלעכט. אפשר וואָלט איר געוואָלט?

— וואָס? אין דער אָפּערע? געווען אַמאָל אין לאָנדאָן אין דער אָפּערע, דאַכט זיך אין קאָווענט גאַרדען. שוידער-האַפט! ניין, איך האָב געטראַכט טאָמער גיט מען דאָ עפּעס אַ גוטן פילם אין קינאָ!

בעביט האָט זיך אַנידערגעזעצט, ער האָט אַרויסגערוקט פאָרויס זײַן שטול און געשוויגן:

— קינאָ? יאָ, הערט, סיר געראַלד, איך האָב געמיינט אַז איר האָט אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט דאַמען, וואָס וואַרטן אויף אייך כּדי אָוועקצופאָרן מיט אייך אַ לעב טון.

— גאָט באַהיט!

— ...אויב שוין יאָ אַזוי, טאָ וואָס וואָלט איר געזאָגט דערצו, אַז מיר זאָלן היינט גיין אין אַ קינאָ אַריין? אין גראַנטהאַם גיט מען אַ הערלעכן פילם: ביל האָדט אין אַ באַנדיטן ראָלע.

— אדרבה: איין אויגנבליק, כ׳וועל נאָר נעמען מיין רעקל.

אָנגעשוואָלן פון גאווה, האָט זיך בעביט באַאומרויקט, טאָמער וועט דאָס איידעלע בלוט פון נאָטינגהאַם חלילה נאָך ענדערן זיין באַשלוס און אים איבערלאָזן ערגעץ אין אַ ווינקל גאַס. דערנאָך האָט ער שטאָלצירט מיט סיר געראַלד דאָצק אין קינגס-פּאַלאַץ, ער איז געזעסן לעבן אים אַ שוויגנדיקער און זיך באַמיט נישט אַרויסצוווייזן צופיל זיין ענטוזיאַזם, כדי חלילה נישט צו וועקן ביים פּרינץ קיין פאַראַכטונג צו זיין באַגייסטערונג פאַר דעם זעקס-קויליקן רעוואָלווער. אַז די פאָרשטעלונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָט סיר געראַלד אַ מורמל געטון:

— אַ פריילעך, שיין בילד, דאָס. זייער פיין פון אייך, וואָס איר האָט מיך געבראַכט אַהער. כ׳האָב מיך שוין אַ סך וואָכן אַזוי פיין נישט אונטערגעהאַלטן. אָ, די באַלעבאַטישקייט— זי לאָזט אייך קיינמאָל נישט די מעגלעכקייט צו זען אַמאָל אַ פילם!

— אָ, צו אַלדע רוחות, וואָס זאָגט איר?—בעבּיטס שפּראַך האָט פאַרלוירן די געקינצלטקייט און זי האָט געקלונגען הארציק און נאַטירלעך.

— נו, כ׳בין שטאַרק צופרידן וואָס דאָס בילד איז אייך געפעלן געוואָרן.

אין מיטעלן אַרויסגאַנג זענען זיי פאַרבייגעגאַנגען פאַר די נאַקעטע קני פון אַ דיקער פרוי; זיי זענען געשטאַנען אין דער גאַרדעראָבע און געהויבן מיט די אַקסל, בעת זיי האָבן אָנגעטון די מאַנטלען. בעביט האָט פאָרגעלייגט:

— הערט נאָר, אפשר וואָלטן מיר עפעס אַ קיי געטון? איך ווייס פון אַן אָרט, וווּ מ׳קען קריגן זעלטענע מאכלים, אפילו עפעס צו טרינקען אויך — זעלבסטפאַרשטענדלעך, אויב איר האָט בכלל ליב אַ שנעפּסל.

— אַ שאלה אַ בּיכל! אָבער פאַרוואָס זאָלט איר נישט

קומען צו מיר אין שטוב אריין? כ'האָב דאָרטן אַ ביסל סקאָטש־גאָרנישט קיין שלעכטן.

— אָך, איך וויל נישט אויסטרינקען אייער גאַנצן בראָנפן! ס'איז זייער פיין פון אייער זייט, אָבער — אַ סברה, אַז איר מוזט עס האָבן באַהאַלטן אונטערן קישן!

סיר געראַלד האָט זיך געענדערט. ער האָט אים געבעטן ערנסט:

— אָך, באמת, אַצינד; כ'האָב שוין לאַנג נישט פאַרבראַכט קיין לייטישן אָוונט! כ'האָב אַמאָל געמוזט באַזוכן די אַלע טאַנץ־זאַלן. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו שמועסן וועגן ביזנעס און אַנדערע ענלעכע זאַכן. זייט אַ גוטער יונג און קומט מיט מיר. איר ווילט?

— אויב איך וויל? איר קאָנט זיין זיכער! איך טראַכט נאָר, אַז — זאָגט, צום טייוול, עס טוט דאָך דעם מענטשן הנאה, נישט אמת? נאָך דידאָזיקע אַלע בעלער און מאַסקאַראַדן און באַנקעטן און אַלע אַנדערע נאַרישקייטן אַ שמועס צו טון וועגן ביזנעס. אַזוינע מחשבות זענען מיר אָפּטמאָל באַפאַלן אין זעניט. יאָ, איר קאָנט זיין זיכער, איך גיי מיט אייך.

— דאָס איז זייער פיין פון אייער זייט — זיי זענען געגאַנגען לענגאויס די גאַסן. — הער נאָר, אַלטער יונג, זאָג מיר: צי אין אַלע אַמעריקאַנער שטעט פירט זיך אַזאַ שרעקלעך פאַרשייט לעבן? אומעטום מאַכט מען אַזוינע גרויסאַרטיקע מאָלצייטן?

— הערט אויף, מאַכט נישט פון מיר ס'געלעכטער! גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָס אַלץ קעגן אייערע הויפבעלער און אויפנאַמען און אַזוי ווייטער?

— ניין, באמת, אַלטער יונג! איך און דאָס ווייב — לײדי דאָאַק, ווייל איך זאָגן, שפילן מיר געוויינלעך אַ פּאַרטיע און מיר גייען צען אַזייגער שלאָפן. אָ, מיין טייערער, אַזאַ שטייגער לעבן ווי דאָ ביי אייך, נעם איך מיך נישט אונטער לאַנג מיטצומאַכן! און דאָס ייִדן! אַלע אייערע

אַמעריקאַנער פרויען, זיי ווייסן דאָך אַזויפיל — געבילדעטע און ווי זאָגט מען דאָס. אָט דידאָזיקע פרוי מעק קאַלווי — אייער פריינדין —

— אָ, אונזער לוצילע, אַ ווילדע פרוי!

— ...זי האָט מיך געפרעגט, וועלכע גאַלעריע ס'איז מיר צום שענסטן געפעלן געוואָרן אין פלאָרענץ. אָדער צי האָט זי געזאָגט גירענץ? איך בין נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען אין איטאַליען! און די פרימיטיווע. צי איך האָב ליב די פרימיטיווע? אפשר ווייסט איר, צום טייוול, וואָס דאָס איז אַזוינס פרימיטיוו?

— איך? כ'האָב נישט קיין השגה. אָבער איך ווייס, וואָס ס'איז אַ חילוק פון דיסקאָנטאָ ביז מזומן.

— גוט! דאָס איז שוין עפעס אַנדערש! אָבער פרי־מיטיוו!

— יאָ! פרימיטיוו!

זיי האָבן געלאַכט מיט דעמזעלבן געלעכטער, ווי מ'פלעגט לאַכןביים פרישטיק אין בוסטער־קלוב.

סיר געראַלדס צימער איז, מיטן אויסנאַם פון די סאָלידע ענגלישע רייזע־קעסטלעך, געווען זייער ענלעך צו דזשאָרדזש פ. בעביטס צימער. און מיט דיזעלבע באַוועגונגען וואָס בעביט, האָט ער אַרויסגעצויגן ס'פלעשל וויסקי, געקוקט שטאָלץ און גאַסטפריינטלעך, אַ זאָג געטון:

— זאָגט וען גענוג, אַלטער ריז.

נאָכן דריטן גלעזעלע האָט סיר געראַלד אַרויסגעזאָגט זיינע אָנשויונגען.

— ווי קומט איר, יענקיס, צו טראַכטן, אַז אַזוינע פעדער־שאַר־לאַטאַנעס, ווי בערנאַרד שאָו און אועלס רעפרעזענטירן ענגלאַנד? דאָס ריכטיקע ביזנעס־ענגלאַנד. מיר האַלטן זיי נאָר פשוטע פאַרזעטער. אונזערע ביזנעס־לענדער פאַרמאָגן ביי זיך אַ קאָמישע אַלטע אַריסטאָקראַטיע — איר ווייסט, וואָס איך מיין, די אַלטע באַזעסענע פאַמיליעס, וואָס גיבן זיך אָפ מיט יאַגד און אַז. וו. — אין ביידע לענדער האָבן נישטיקע פירער פון די

פּאַרטייען, אָבער ביידע לענדער האָבן אַ קערן פון סאָלידע, טיכטיקע געשעפטס־לייט, וואָס אַלץ ווערט געטון נאָך זייער געדאַנק.

— קלאָר ווי דער טאָג. דאָס זענען די אמתע פירער.

— איך בין מסכּים מיט אייך.

נאָכן ערשטן גלעזעלע האָט סיר געראַלד אַ פרעג געטון נידערגעשלאָגן:

— וואָס טראַכט איר וועגן די היפּאָטעקן אויף דרום דאַקאָטאַ? — אָבער ערשט נאָכן פינפטן האָט בעביט אים אָנגעהויבן רופן „זשערי" און סיר געראַלד האָט געזאָגט פּאַרטרויִלעך: — כ'מיין, אַז איר וועט נישט פאַריבל האָבן, ווען איך וועל אַראָפּציִען מיינע שטיוול — און דאַן האָט ער אַנטציקט אויסגעשטרעקט זיינע ריטערלעכע פיס, זיינע אָרעמע, מידע, וואַרעמע, אָנגעשוואָלענע פיס איבער דער לענג פון בעט.

נאָכן זעקסטן גלעזעלע האָט בעביט זיך אַ הויב אויף געטון מזיכער:

— נו, איך וועל מאַכן פּיס. זשערי, איר זענט אַן אמת אָנשטענדיקער מענטש! איר וועל קיינמאָל נישט אויפהערן באַדויערן, וואָס מיר האָבן זיך נישט גענטער באַקאַנט אין זעניט. זעט נאָר, קענט איר נישט אַמאָל ווידער קומען אַהין, און עטלעכע טעג וווינען ביי מיר?

— ליידער — כ'מוז מאָרגן זיין אין נוי־יאָרק. צום באַדויערן, אַלטער יונג. זינט איך קום צו פאָרן אין די פאַריייניקטע שטאַטן, געדענק איך נישט אַזאַ אָנגענעמען אָוונט! דאָס הייסט אַ שמועס, נישט די געזעלשאַפטלעכע נאַרישקייטן. כ'האָב מיר נישט געלאָזט אָנהענגען דעם פאַרשאָלטענעם טיטול — און זיי האָבן מיר אים נישט געשאָנקען אַזוי סתּם אין דער וועלט אַריין, וואָס? — ווען כ'וואָלט געוווּסט, אַז כ'וועל דאַרפן רעדן מיט פרויען וועגן פרימיטיוון און פּאָלאָ! אָבער גאַנץ אַנדערש איז מיט מיין טיטול אין נאָטינגהאַם, ביים בירגערמייסטער ציטערן די פיס, ווען כ'גיי אַריין צו אים אין דער ביוראָ; און נאַטירלעך איז מיינע דערפון גליקלעך!

אָבער קיינער האָט מיך נאָך נישט גערופן זשערי—ער האָט כמעט געשלוּכצט פון באַגייסטערונג — און קיינער האָט נאָך מיך נישט באַהאַנדלט אַזוי פריינטלעך אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווי איר אין היינטיקן אָוונט! אויף ווידערזען, אַלטער שאַר-לאַטאַן! אויף ווידערזען! אַ הערצלעכן דאַנק!

— נישטאָ פאַרוואָס, זשערי. און נעמט אייך אין זכרון, אַז ווען איר וועט קומען קיין זעניט, איז מיין טיר פאַר אייך תמיד אָפן.

— און אויך איר פאַרגעסט נישט, אַלטער יונג, אַז אויב איר וועט אַמאָל קומען קיין נאָטינגהאַם, וועט דאָס מאָ-מעלע און איך זיין זייער צופרידן צו האָבן אייך ביי אונז. איך וועל דערציילן פאַר די גוטע ברידער פון נאָטינגהאַם אייערע אידעען אויף דער צוקונפט און וועגן אייער בליק אויף אָנשטענדיקע מענטשן — אויף דעם נאָענטסטן פרישטיק אין אונזער וועלט-פאַרבריִדערונגס-קלוב.

ד.

בעביט איז געלעגן אין זיין האָטעל און זיך פאָרגע-שטעלט, ווי מ'וועט אים פרעגן אין זעניטער אַטלעטן-קלוב: — ווי אַזוי האָט מען עפּעס פאַרברענגט אין טשיקאַגאָ? — און ער וועט דערויף ענטפערן: — אָך, פיין, כ'האָב אַ סך צייט פאַרברענגט מיט סיר געראַלד דאָאַק. אין דער פאַנטאַזיע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער טרעפט זיך צונויף מיט לוצילע מעק קאַלווי און ווי ער זאָגט צו איר אין אַ ווילערישן טאָן:

—איר זענט אַ גאַנץ אָנגענעמע פרוי, מעק, ווען איר זאָלט נישט מאַכן אַזאַ הויכן אָנשטעל. דאָס זעלבע האָט מיר געזאָגט סיר געראַלד דאָאַק אין טשיקאַגאָ — אָך, יאָ, זשערי איז מיינער אַן אַלטער פריינט — מיין פרוי און איך האָבן בדעה צו מאַכן אַ רייזע קיין ענגלאַנד. מיר'ן באַזוכן זיין שלאָס, אין נאָענטסטן יאָר — און ער האָט מיר טאַקע געזאָגט: — דזשאָרזש אַלטער ביין, איך האָב זי אַפילו זייער גערן, די לוצילע

אָבער איך און איר, דזשאָרזש, מיר דאַרפן פון איר אַרויסטרייבן די הויכע, איידעלע פּראַזן, מיט וועלכע זי באַנוצט זיך.

אָבער צומאָרגנס אין אָוונט איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ תּל געמאַכט פון זיין גאַנצן שטאָלץ.

ה.

ביים ציגאַרן־קיאָסק אין „רעדזשענס"־האָטעל, האָט ער פאַרפירט אַ געשפּרעך מיט אַ קלאַוויר־סוחר, און ביידע האָבן צוזאַמען געגעסן מיטאָג. בעביט איז געווען פריינטלעך און צופרידן. ער האָט זיך געקוויקט מיט דער פּראַכט פון זאַל: פון די קאַנדעלאַבּרען מיט די שווערע פאַלדן, פון די בראָקאַט־פאָרהאַנגען, מיט די פּאָרטרעטן פון די פראַנצויזישע קעניגן, איינגערעמט אין גאָלדענע ראַמען. ער האָט אָנגעקוקט אַלע פון די געסט: שיינע פרויען, גוטע, סאָלידע מענער. „וואָס האָבן אָן אָפּן האַרץ מיט זייער אָן אָפענעם בייטל.

מיטאַמאָל האָט ער פאַרלוירן דעם אָטעם. ער האָט אַ קוק געטון, ער האָט זיך אויסגעדרייט און ער האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון. מיט דריי טישלעך ווייטער, לעבן עפּעס אַ פרוי מיט אַ צווייפלהאַפטן אויסזען, אַ פרוי, אַ שעמעוודיקע און פאַרוועלקטע, איז געזעסן פּאָול ריסלינג. און פּאָול, האָט, ווי בעביט האָט געהערט, באַדאַרפט זיין אין אַקראָן, צו פאַרקויפן דאַך־פּאַפּע. די פרוי האָט געגלעט זיין האַנט, זי האָט קאָקעטירט און געלאַכט. בעביט האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט דאָ אָנגעטראָפן אויף עפּעס קאָמפּליצירטס און שלעכטס. פּאָול האָט גערעדט מיט דער היציקייט פון אַ מאַן, וואָס דערציילט זיינע צרות. ער האָט קאָנצענטרירט זיין בליק אויף דער פרויס מאַטע אויגן. פּלוצלונג האָט ער אַ כאַפּ געטון איר האַנט, און נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף די אָנוועזנדע געסט, האָט ער צוגעדריקט זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זי געקושט. בעביט האָט אַזוי שטאַרק חשק געהאַט צוצוגיין צו

פּאָולן, אַז ער האָט געפּילט, ווי עס הויבט אים פון אָרט, ווי עס באַוועגן זיך די אַקסלען, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גלייכער זיך צו פאַרהאַלטן דיפּלאָמאַטיש, און ווען ער האָט געזען, ווי פּאָול צאָלט דעם חשבון, האָט ער אַ זאָג געטון צום קלאַוויר-סוחר.

— צום טייוול — מיינער אַ פריינט זיצט דאָרטן — אַנטשולדיקט אַן אויגנבליק — איך וויל אים נאָר באַגריסן.

ער האָט אַ קלאַפּ געטון פּאָולן איבער די פּלייצע, און געשריגן:

— נו, ווען ביסטו דאָ אַהערגעקומען?

פּאָול האָט אַ קוק געטון אויף אים, זיין פּנים איז געווען גערונצלט.

— אָך, האַלאָ דזשאָרזש. כ'האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין צוריקגעפאָרן קיין זעניט! — ער האָט נישט פאָרגעשטעלט פאַר אים זיין פריינדין. בעבּיט האָט אויף איר אַ קוק געטון. זי איז געווען מיטלמעסיק שיין, אַ קרענקלעך שטיפערישע פרוי פון צוויי אָדער דרייאונפערציק יאָר, אין אַ אָפּשיילעכן געבלומטן הוט. אירע פאַרבן זענען געווען נאַטירלעך, אָבער געשמאַקלאָז.

— וו ביסטו אָפּגעשטיגן, פּאָוליבוס?

די פרוי האָט זיך אויסגעדרייט, אַ גענעץ געטון, באַטראַכט די נעגל. אַפּנים אַז פאַר איר איז נישט געווען קיין נייעס, נישט צו ווערן פאָרגעשטעלט.

פּאָול האָט אַ ברום געטון:

— קאַמפּבעל-הויף אויף דער צפון-זייט.

— אַליין? — דאָס איז געווען ווי אַן אָנצוהערעניש.

— יאָ, ליידער!

פּאָול האָט זיך ביין אויסגעדרייט צו דער פרוי. ער האָט געטון צו איר אַ שמייכל, פון וואָס בעבּיט האָט שיר נישט געחלשט:

— מאַ! דערלויב דיר פאָרצושטעלן, פרוי אַרנאָלד, דאָס איז מיין אַלטער באַקאַנטער, דזשאָרזש בעבּיט.

— עס פרייט מיך זייער — האָט בעביט אַ מורמל געַ־טון, בעת זי האָט געפּישטשעט:

— כ'בין זייער צופרידן צו באַקענען זיך מיט הער ריסלינגס פריינט, זייער צופרידן.

בעביט האָט אַ פרעג געטון:

— וועסט זיין אינדערהיים אין אָוונט, פּאָול? איך וויל זיך צו דיר אַריינכאַפּן און זיך זען מיט דיר.

— ניין, גלייכער — מיר וועלן ליבערשט מאָרגן פריִ־שטיקן צוזאַמען.

— אָלרייט. אָבער איך וויל דיך זען היינט אָוונט, פּאָול. איך וועל קומען צו דיר אין האָטעל אַריין, און כ'וועל וואַרטן אויף דיר!

קאַפּיטל XX

א.

ער איז געזעסן מיט דעם קלאַוויר-סוחר און גערויכערט,
געפּלאָנטערט זיך אין דעם וואַרעמען לאַבירינט פון רכילות,
באַמיענדיק זיך צו דערווייטערן פון די געדאַנקען די מעשה
מיט פּאָול ריטלינג. וואָס מער ער האָט זיך באַפרייט פון דער
שפּאַנונג, אַלץ מער האָט ער פאַרשטאַנען, געפילט אַ גרעסערע
פּוסטקייט. ער איז געווען זיכער, אַז פּאָול איז געקומען קיין
טשיקאַגאָ אָן צילעס וויסן, און אַז ער טוט אָפּ זאַכן, וואָס
זענען פּונקט אַזוי אומזיכער ווי אוממאָראַליש. ווען דער סוחר האָט
אים געגעזעגנדיק דערקלערט, אַז ער דאַרף שוין גיין באַזאָרגן
זיינע ענינים, האָט בעביט פאַרלאָזט אים און דעם האָטעל אין
אַ געקינצלטער רויקייט, אָבער צום שאָפער האָט ער אַ זאָג
געטון ווילד: — קאַמפּבעל-הויף! — ער איז געזעסן אָן אויפ-
גערעגטער אויפן גלאַטיקן, לעדערנעם געזעס, אין דער קאַלטער
טונקלקייט, וואָס איז פול געווען מיט אַ ריח פון שטויב, פאַר-
פוס און טערקישע ציגאַרן. ער האָט לחלוטין נישט באַמערקט
די באַשיינטע אַזיערע, די גינסטערע שטחים און די העל-
ליכטנדיקע ווינקלען אין דעם אומדערפאָרשטן דרום-לאַנד פון
לאָפּ.

די בירהאָ פון „קאַמפּבעל-הויף”-האָטעל איז געווען שטרענג,
שיינענדיק, ניי; דער נאַכט-דינער איז געווען נאָך שטרענגער
און שיינענדיקער:

— ביטע! — האָט ער אַ זאָג געטון צו בעביטן.

— איז הער פּאָול ריסלינג דאָ רעגיסטרירט?

— יאָ.

— איז ער איצט אין שטוב?

— ניין.

— טאָ גיט מיר, כ'בעט אייך, דעם שליסל פון זיין צימער, כ'וויל וואַרטן אויף אים.

— כ'קאָן דאָס נישט טון, מיין ליבער, וואַרט אויף אים דאָ, אויב איר ווילט וואַרטן.

בעביט האָט גערעדט מיט יענער ווירדע, מיט וועלכע די בראַווע חברה־לייט האָבן באַהאַנדלט די האָטעל־דינער. איצט האָט ער אַ קוק געטון מיט אויפרעגונג:

— טאָמער קומט מיר אויס צו וואַרטן אַ לענגערע צייט. איך בין ריסלינגס אַ שוואָגער, איך וויל אַרויפגיין צו אים אין צימער. זע איך דען אויס ווי אַ גנב?

זיין קול איז געווען שטיל און אומאָנגענעם. מיט אַ ווירדיקע שנעלקייט האָט דער דינער אַרונטערגענומען דעם שליסל, פּראָטעסטירנדיק:

— כ'האָב לחלוטין נישט געזאָגט, אַז איר זעט אויס, ווי אַ גנב, אַזוי זענען די פאָרשריפטן אינם האָטעל. אָבער אויב איר ווילט דוקא —

בעת ער איז אַרויפגעפאָרן מיט דער ווינדע אינדערהויך, האָט בעביט זיך אַליין געפרעגט, צו וואָס ער איז אייגנטלעך דאָ אַהערגעקומען. הלמאי זאָל פּאָול נישט טאָרן פאַרברענגען מיט אַן אָנשטענדיקע, פאַרהייראַטע פרוי? צו וואָס האָט ער געזאָגט אַ ליגן פאַרן דינער, אַז ער איז פּאָולס אַ שוואָגער? ער האָט בכלל געהאַנדלט, ווי אַ קינד. ער מוז זיין פאָרזיכטיק און אויסמיידן דראַמאַטישע מאָמענטן. ווען ער האָט זיך אָנגעדערגעזעצט, האָט ער זיך באַמיט אויסצוזען וויכטיק און געלאַסן. דאַן, פּלוצלונג, אַ געדאַנק־זעלבסטמאָרד. דאָס האָט אים איבערגעשראָקן. פּאָול איז געווען פעיק אָפּצוטון אַזאַ מעשה. ער איז משמעות אַראָפּ פון זינען, ווען נישט, וואָלט ער זיך

נישט אָנגעטרויט פאַר אָט דער... אָט דער אַלטער, מיאוסטער מכשפה.

— צילע! (אָך די נאַרישע צילע! ווי גערן ער וואָלט אומגעברענגט דידאָזיקע אומדערטרעגלעכע פרוי), אַפּנים, אַז ס'האָט זיך איר פולקאָם איינגעגעבן צו מאַכן פּאָולן וואַנזיניק. זעלבסטמאָרד. דאָרטן, אינדרויסן, ביים טייך, ווייט אינדרויסן, אויף יענער זייט אייז, לענגאויס דעם ברעג... עס איז שרעקלעך קאַלט אַריינצוּוואַרפן זיך אין אַזאַ נאַכט אין וואַסער אַריין.

—און אפשר — איבערגעשניטן דעם האַלדז — אין באָד-צימער.

בעבּיט איז אַריינגעלאָפן אין פּאָולס באָד-צימער, ער איז געווען ליידיק. ער האָט לייכט אַ שמייכל געטון.

ער האָט אַראָפּגעריסן דעם קאָלנער פון האַלדז, ער האָט אים געשטיקט, אַ קוק געטון אויפן זייגער, געעפנט דאָס פענסטער און אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ער האָט ווידער אַ קוק געטון אויפן זייגער, געפרוווט לייענען די אָוונט-צייטונג, וואָס איז געלעגן אויף דעם גלעזערנעם פּלאַט פון שרייב-טיש, נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויפן זייגער. פון ערשטן מאָל קוקן איז ערשט געווען דריי מינוט.

און אים האָט זיך געדאַכט דריי שעה.

ער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, אומעטיק, בעת די טיר האָט זיך אַן עפן געטון. פּאָול איז אַריינגעקומען אַ צעקאָכטער.

— האַלאָ — האָט ער אַ זאָג געטון — וואַרטסט אויף מיר?

— יאָ, אַביסל.

— נו?

— נו, וואָס? כ'בין אַרויפגעקומען צו דיר, כדי זיך צו דערוויסן, ווי אַזוי דו האָסט פאַרבראַכט אין אַקראָן.

— גאַנץ גוט פאַרבראַכט, וואָס איז דיין עסק, ווי אַזוי איך האָב פאַרבראַכט?

— וואָס... גאָט, איז מיט דיר, פאָול, וואָס ביסטו אַזוי
בייז ?

— פאַרוואָס שטעקסטו אַריין די נאָז אין מיינע ענינים ?

— אָבער, פּאָול, ווי אַזוי רעדסטו צו מיר ! איך מיש זיך נישט אין דיינע ענינים. כ׳האָב געוואָלט אַ קוק טון אויף דיין מיאוסע, אַלטע מכשפה, בין איך דאָ אַהערגעקומען און, ווי עס פירט זיך, מיט דיר אַ שמועס טון.

— איך האָב פיינט, אַז עמיצער קריכט מיר נאָך, כדי מיך צו מוסרן. כ׳האָב עס שוין גענוג געהאַט, ס׳קריכט מיר שוין פון האַלדז.

— אָבער, צום טייוול, כ׳בין דאָך נישט —

— כ׳האָב נישט ליב, ווי דו האָסט געקוקט אויף מאַי אַרנאָלד, ווי דו האָסט גערעדט מיט דיין בורטשענדיקע שטימע.

— גוט. אָלרייט. אויב דו האַלטסט, אַז איך שטעק אַריין מיין נאָז, וועל איך עס טאַקע פון איצט אָן טון ! איך ווייס נישט, ווער דאָס איז מאַי אַרנאָלד, אָבער איינס ווייס איך זיכער, אַז איר ביידע האָט נישט גערעדט וועגן קיין דאַך־פאַפּע און אויך נישט וועגן פידל־שפּילן. אויב דו האָסט נישט קיין ברעקל מאָראַלישן דרך־ארץ צו דיר אַליין, זאָלסטו עס לפּחות האָבן פאַר דער געזעלשאַפט. וואָס איז דיר איינגעפאַלן ארומצושלעפן זיך מיט נקבות איבער דער גאַנצער וועלט און אויסצוגלאָצן אַ פּאָר אויגן, ווי אַ הונט אויף פלייש ! איך קאָן גאַנץ גוט פאַרשטיין, אַ מענטש טוט אָפּ אַמאָל אַ נאַריש־קייט, אָבער איך האָב נישט בדעה לאַנג צוצוזען, ווי עמעצער, וואָס איז מיט מיר גוט באַפריינדעט, ווי אַ שטייגער דו, זינקט אין אָפּגרונט, אַנטלויפן פון אַן אייגן ווייב צו אַן אַנדערע, ווען די אַנדערע איז נישט בעסער ווי צילע, און סתם נאָכ־גייפן אַלע ווייבערישע ספּודניצעס —

— אַך, דו, דו ביסט אַ געטרייער, מאָראַלישער מאַן !

— כ׳בין עס טאַקע, בנאמנות ! כ׳האָב קיינמאָל נישט געקוקט אויף אַן אַנדערע פרוי, אויסער אויף מירען, זינט כ׳האָב חתונה געהאַט, און איך וועל עס קיינמאָל נישט טון !

איך זאָג דיר אָפן, אַז די תּאווה איז גאָרנישט, פּשוט ס'לוינט נישט, קיין גוטס ברענגט עס נישט! זעסט דען אַליין נישט, אַלטיטשקער, אַז דו מאַכ— ציִלען נאָך מערער וואַנזיניק?

פּאָול, וואָס זיין ענערגיע איז געווען אַזוי ווייניק ווי־דערשטאַנד־פּעיק, ווי זיין גוף, האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין באַ־שגייטן ווינטער־פּאַלטן אויף דעם דיל און אַרויפגעקראָכן אויף אַ געפלאָכטענער שטול.

— אָך, דו ביסט אַן אַלטער קאָכלעפל! און וועגן מאָ־ראַל ווייסטו אַזוי פיל ווי טינקע, אָבער אַפּאַרט דעם ביסטו אַ בראַווער יונג, אָבער דו קאָנסט דאָס נישט פאַרשטיין, אַז— כ'וויל מאַכן אַ סוף, איך קען מער נישט אויסהאַלטן צילעט קאַפּריזן, זי איז פולשטענדיק איבערגעצייגט, אַז איך בין אַ טייוול אין געשטאַלט פון אַ מענטשן. און — אַ פּסדרדיקע אינקוויזיציע. ממש טאָרטורן. זי האָט פּשוט הנאה דערפון. זי האָט אַ פאַרגעניגן צו פּייניקן מיך. און פאַר מיר, בלייבט הייסט דאָס, זוכן אַ טרייסט, עמעצנס אַ טרייסט, ערגעץ ווו, אָבער עפּעס, וואָס איז טיילמאָל פיל ערגער. איצט דידאָזיקע פרוי אַרנאָלד, למשל, זי איז טאַקע נישט קיין יונגע. אָבער זי איז אַ ווילדע פרוי און פאַרשטייט אַן אונזעריקן מענטש, און זי אַליין האָט שוין פיל אַדורכגעמאַכט אין איר לעבן.

— אַזוי! אַ סברה, אַז זי איז איינע פון די הינדעלעך, וואָס דער מאַן האָט זי נישט פאַרשטאַנען!

— כ'ווייס נישט. מעגלעך. ער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מלחמה.

בעביט האָט זיך אַ ריס געטון, ער איז געשטאַנען לעבן פּאָולן, געגלעט אים איבער די אַקסל, און געפּישטשעט.

— ערנוואָרט, דזשאָרזש, — האָט פּאָול געזאָגט — זי איז אַ ווילדע פרוי און זי האָט דורכגעמאַכט אַ גיהנומדיק לעבן. איינער דעם אַנדערן מאַכט פריילעך. מיר זאָגן צו זיך, אַז מיר זענען די בעסטע מענטשן אויף דער וועלט. מעגלעך, אַז מיר גלויבן אַליין נישט דערין, אָבער אויף דעם לעבנס־וועג איז עס פּשוט אַ גליק צו האָבן עמעצן, וואָס מ'קאָן זיין

מיט אים איינפאַך און נאַטירלעך, נישט תמיד די דיסקוסיעס — די דערקלערונגען —

— און ווייטער קומט נאָרנישט פאַר צווישן אייך?

— ווייטער גאָרנישט! נו זאָג שוין אַרויס וואָס דיר קוועטשט!

— נו, איך וויל נישט — איך וויל נישט זאָגן, אַז איך בין אַנטציקט פונם גאַנצן עסק, אָבער — מיט אַ פּלוצלונגען באַשלוס איז ער שטיין געבליבן אין די שטראַלן פון זיין גרויסקייט — סך הכל גייט מיר דער גאַנצער עסק נישט אָן! איך וויל דיר גערן בייהילפיק זיין, אויב איך וועל נאָר קאָנען פאַר דיר עפּעס טון.

— דו קאָנסט מיר שוין העלפן. איך בין זיך משער פון צילעס בריוו, וואָס מען שיקט מיר נאָך פון אַקראָן, אַז עס הויבט איר אָן ווערן פאַרדעכטיק, וואָס איך פאַרזוים זיך אַזוי לאַנג. זי קאָן מיר אָנהייבן נאָכשפּיאָנירן און טון אַ פאָר אַראָפּ קיין טשיקאַגאָ, גלייך אין רעסטאָראַן אַריין, און אין אַלעמענס קעגנוואַרט מיר מאַכן אַן אַראַנטורע.

— איך נעם צילען אויף זיך. איך וועל איר שוין דערציילן אַ געשיכטע, ווי כ׳וועל נאָר אָנקומען קיין זעניט.

— כ׳ווייס נישט — כ׳מיין, אַז דו זאָלסט עס בעסער נישט טון. ביסט אַ גוטער ברודער, אָבער כ׳חייס נישט, צו דו טויגסט דיך אַזוי שטאַרק צו דיפּלאָמאַטיע. בעביט האָט אויסגעזען געקרענקט, דאַן צאָרנדיק — איך מיין נאָר, וואָס שייך פרויען! וואָס שייך פרויען, מיין איך. נאַטירלעך אין געשעפט איז עפּעס אַנדערש, דאָ ביסטו דער בעסטער דיפּלאָמאַט. אָבער איך האָב געמיינט ביי פרויען. צילע רעדט אַ סך און זי איז זייער כיטרע. זי וועט פון דיר אַרויסבאַקומען דעם גאַנצן אמת.

— נו, זאָל זיין אַזוי, אָבער — בעביט איז נאָך אַלץ געווען פאַטעטיש, וואָס מ׳לאָזט אים נישט שפּילן די ראָלע פון אַ געהיים-אַגענט. פּאָול האָט פאַרלייכטערט זיין צער:

— קאָנסט איר נאַטירלעך זאָגן, אַז דו ביסט געזעען אין אַקראָן און האָסט מיך דאָרטן געזען.

— אָ, זיכער, אַזוי איז עס! מיינסט, אַז כ'וואָלט נישט באַדאַרפט זיין אין אַקראָן וועגן יענער צוקערלעך-פאַבריק? מיינסט, אַז נישט! און ס'איז דען נישט קיין חרפה, אַז איך מוז זיך דאָרטן פאַרזוימען, ווען איך אייל זיך אַהיים? ס'איז נישט קיין חרפה? איך זאָג דיר, אַזוי איז עס! דאָס איז אַ בושה!

— אויסגעצייכנט. אָבער גאָט אין הימל, צעלאָז נישט אַזוי דיין פאַנטאַזיע. ווען מענער לייקענען, מאַכן זיי די געשיכטע צו גלאַטיק און געקינצלט, און די פרויען ווערט עס באַלד פאַרדעכטיק. און — לאָמיר עפּעס אַ טרינק טון, דזשאָרזש איך האָב דאָ אַביסל שנאַפּס און ווערמוט.

דערזעלבער פּאָול, וואָס האָט זיך תמיד אָפּגעזאָגט פון נאָך איין קאָקטאַיל, האָט אַצינד געטרונקען אַ צווייטס און אַ דריטס. זיינע אויגן זענען געוואָרן רויט, די צונג שווער, ער איז געווען פיינלעך-לוסטיק און באַרעדעוודיק.

אין טאַקסאָמעטער האָט בעביט געזען, ווי טרערן זענען אים געשטאַנען אין די אויגן.

ב.

ער האָט נישט פאַרראַטן פאַר פּאָולן זיין פּלאַן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַקראָן, צווישן איין צוג און דעם אַנדערן, נאָר צוליב דעם אַליין, כדי צו שיקן צילען אַ פּאָסט-קאַרטל מיט: „כ'בין שוין דאָ אַ טאָג, צופעליק באַגעגנט פּאָולן". אין זעניט האָט ער זי תיכף באַזוכט. אויב צילע איז געווען פאַר דער געזעלשאַפט פלייסיק פאַרקעמט, שיין געפאַרבט און איינגעשנירט, האָט זי אין שטוב געטראָגן אַ בלויען, אַלטן שלאָפראָק, צעריסענע זאָקן און אַלטע, צעריסענע, ראָזע זיידענע פאַנטאָפל. איר פּנים איז געווען געגרונצלט. זי האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געהאַט אַ העלפט פון די האָר, וואָס בעבי

פלעגט ביי איר זען, און דידאָזיקע העלפט איז געווען קלעפיק. זי איז געזעסן אין אַ וויג־שטול צווישן רעשטלעך פון שאָקאָלאַד און אילוסטרירטע צייטשריפטן, און איר קול האָט געקלונגען טריב, ווען ס׳איז נישט געווען שפּאָטיש.

— נו, נו, ציל, אוצר מיינער, דו פּוילענצסט אַ שפּאָר ביסל, אַז דער מאַן איז נישטאָ? האַ? דאָס איז די אַרבעט! איך קאָן זיך וועטן, אַז ציל איז היינט אויפגעשטאַנען צען אַזייגער, ווען איך בין געווען אין טשיקאַגאָ. הער נאָר, כ׳וויל באָרגן דיין טערמאָס — כ׳בין אַרויפגעקומען בלויז דערוויסן זיך, צי דו וועסט מיר באָרגן דיין טערמאָס־פלאַש. מיר מאַכן היינט אַ שליטן־רייזע — ווילן מיר מיטנעמען קאַווע מעט... אָך, האָסטו יאָ דערהאַלטן מיין קאַרטל פון אַקראָן, ווו כ׳האָב דיר געשריבן, אַז כ׳האָב באַגעגנט פּאָולן?

— יאָ. וואָס טוט ער דאָרטן?

— וואָס מיינסטו, טוט ער? — ער האָט אויפגעקנעפּלט זיין מאַנטל און ער האָט זיך ביסלעכווייז אַוועקגעזעצט אויפן עק פון אַ שטול.

— דו ווייסט שוין גוט, וואָס איך מיין! זי האָט נערוועז געבלעטערט אַ מאַגאַזין, האַלטנדיק אים אויף איר שויס — איך מיין, אַז איצט שלעפּט ער זיך גראָד אַרום מיט עפּעס אַ קעלנערין אָדער מאַניקירשע אָדער עמעצן אַנדערש.

— צו אַלדי רוחות, שטעלסט דיר תמיד פאָר, אַז פּאָול לויפט נאָך אַלע ווייבערישע קליידלעך. קודם כל טוט ער עס נישט, און ווען ער זאָל אַפילו טון, וואָלט עס געווען בלויז דערפאַר, ווייל דו באַהאַנדלסט אים גראָב און דו פּייניקסט אים. כ׳האָב עס דיר נישט געוואָלט זאָגן, ציליאַ, אָבער אַזוי ווי פּאָול איז אונטערוועגס, אין אַקראָן —

ער איז באמת אין אַקראָן? איך ווייס, אַז ער האָט עפּעס אַ העסלעכע נקבה, וואָס ער שרייבט צו איר קיין טשיקאַגאָ.

— אַז איך זאָג דיר, כ׳האָב אים געטראָפן אין

אַקראַן... וואָס ביסטו אייגנטלעך אויסן? ווילסט מיך מאַכן פאַר אַ ליגנער?

— ניין, אָבער — ס׳איז מיר בענקלעך.

— אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! זעסטו, דאָס קען איך נישט פאַרשטיין. דו זאָגסט אַליין, אַז דו האָסט ליב פּאָולן און דאָך פייניקסטו אים, ווי די וואָלסט אים פיינט געהאַט. איך קאָן אַבסאָלוט נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי. ס׳זענען פאַראַן מענטשן, וואָס מער זיי ליבן, אַלץ מער באַמיען זיי זיך צו מאַכן די מענטשן אומגליקלעך.

— דו האָסט ליב טעדן און ראָנען — נישט אמת? — און פונדעסטוועגן שרייסטו אויף זיי.

— אָך, מילא. דאָס. דאָס איז עפּעס אַנדערש. חוצדעם שריי איך נישט אויף זיי. נישט אַלץ קען מען אָנרופן שרייען, אָבער דאָס, וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן: דאָ איז פּאָול, דער פּעיקסטער, עמפּפינדלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. וואָלסט דיך געמעגט שעמען אין ווייטן האַלדז אַריין, ווי דו באַהאַנדלסט אים. יאָ, די רעדסט צו אים ווי אַ חזשין. איך וווּנדער זיך אויף דיר, ווי דו קאָנסט זיין אַזוי אָרדינער און געמיין, צילאַ!

זי האָט פאַרבראָכן מיט די הענט:

— אָך, איך ווייס. כ׳ווייס, אַז טיילמאָל בין איך נידער־טרעכטיק, און שפּעטער האָב איך חרטה. אָבער, אָך, דזשאָרדזש. פּאָול איז דאָך אַזוי אומדערטרעגלעך! ערנוואָרט, ווי איך האָב זיך באַמיט אין לעצטן יאָר צו זיין צו אים גוט, אָבער דער־פאַר, ווייל כ׳בין געווען בייז — אָדער מיר האָט זיך אַזוי געדוכטן; אינדערעמתן בין איך דאָך נישט אַזוי, אָבער איך בין שוין צוגעוווינט צו רעדן, וואָס עס קומט מיר אין מויל אַריין. — און ער רעדט זיך איין, אַז איך בין אין אַלעמען שולדיק. אָבער איך קאָן דאָך נישט תמיד זיין אין אַלעמען שולדיק, נישט אמת? און אַז איך מאַך אַמאָל אַ שטיקל סצענע, שווייגט ער. אָך, ער איז אַזוי שטיל און ער קוקט גאָרנישט אויף מיר — איגנאָרירט מיך. ער איז אויס מענטש,

און דאַן איז ער אַזוי לאַנג שטיל, ביז איך וואַרף אים אַ פּאָר בלים אין קאָפּ אַריין, וואָס איך וועל גאָרנישט דערמאָנען. שטיל און שווייגעוודיק — אָך, איר יושרדיקע מענער! ווי נידערטרעכטיק איר זענט! ווי געמיין נידערטרעכטיק!

זיי האָבן איבערגעחזרט ס'זעלבע נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל, אַזוי לערך אַ האַלבע שעה צייט. און לסוף, האָט צילע אַ באַגאָסענע מיט טרערן, צוגעזאָגט צו ווערן בעסער.

פּאָול האָט זיך אין פיר טאָג אַרום אומגעקערט אַהיים. די בעביטס און די ריסלינגס זענען פריילעכע געגאַנגען צוזאַמען אין קינאָ אַריין און פון דאָרט אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן. בעת זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די גאַסן מיט די קליידער-מאַגאַזינען און ראַזיר-אַנשטאַלטן, און די צוויי ווייבער זענען געגאַנגען פאָרויס, פאַרטיפט אין אַ ווירטשאַפט-געשפּרעך, האָט בעביט אַ שעפּטשע געטון צו פּאָולן:

— דו, דאַכט מיר, צילע איז אַ סך בעסער!

— יאָ, זי איז אַביסל בעסער, אַחוץ איינמאָל אָדער צווייִמאָל. אָבער ס'איז שוין צו שפּעט. איך — איך וויל נישט רעדן וועגן דעם, כ'האָב מורא פאַר איר, כ'האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג. איך וויל שוין אויף איר נישט קוקן. אין אַ שיינעם טאָג וועל איך איר פּטור ווערן, ווי אַזוי כ'וועל נאָר קאָנען.

קאַפּיטל XXI

א.

די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע פון די בוסטער-קלובן צייכנט זיך אויס אין דער גאַנצער וועלט מיט איר אָפּטימיזם, מענטלעכן הומאָר און געשעפטלעכע טיכטיקייט. אין דרייסיק לענדער געפינט מען אָפּטיילונגען פון קלוב, ניין הונדערט און צוואָנציק פון דער אַלגעמיינער צאָל טויזנט געפינט זיך בלויז אין די פאַרייניקטע שטאַטן.

קיין איינער פון זיי איז נישט אַזוי טעטיק, ווי דער בוסטער-קלוב אין זעניט.

דער פרישטיק, וואָס איז פאָרגעקומען ביי די בוסטער דעם צווייטן מערץ, איז געווען די וויכטיקסטע געשעעניש פון יאָר, וואָרום באַלד דערנאָך איז פאָרגעקומען וואַלן פון פירער. די אַגיטאַציע איז געווען אַ ברייטע. דאָס פרישטיק איז צוגעגרייט געוואָרן אין באַל-זאַל פון אָהיין-הויז. ביים איינגאַנג האָט יעדער פון די פיר הונדערט בוסטער אַראָפּגענומען פון אַ ברעט אויף דער וואַנט אַ ריזיקן צעלעלוי-קנאָפּ, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט געווען זיין נאָמען, פאַמיליען-נאָמען, און זיין באַשעפטיקונג. מ'האָט געמוזט צאָלן צען סענט שטראָף, אויב מ'האָט ביים פרישטיק נישט אָנגערופן אַ בוסטער-קאָלעגע מיט אַ צונעמעניש. און בעת בעביט האָט זיך אַ נויג געטון און אויפגעהאָנגען זיין הוט, האָבן זיך געהערט געשרייען: „האַללאָ, טשעט" און „וואָס מאַכסטו, פעסל?" און „נאָר לעבעדיק, מעק!"

זיי זענען געזעסן פריינטלעך צו אַכט ביי אַ טישל און זיך באַשעפטיקט מיט די זיך-פּלוצער. בעביט איז געזעסן צו-זאַמען מיט אַלבערט בוס, דעם מענער-שניידער, מיט העקטאָר סיי-באָלט פון דער „קאָנדענסירטע מילך-געזעלשאַפט זיסער אוצר״, מיט עמיל וועגנערט, דעם יווילער, מיטן פּראָפעסאָר פּאָמפּרי פון דער טריטווייער האַנדלס-שולע, מיט דר. וואָלטער דזשאַרבאָט, מיט רוי טיגערטן, דעם פאָטאָגראַפיסט, און בען בערקי, דעם ליטאָגראַפיסט. איינער פון די פאַרדינסטפולע אויפ-טוער פון בוסטער-קלוב איז געווען דער פאַרבאָט, אַז מער ווי צוויי מיטגלידער פון איין בראַנזשע, טאָרן נישט זיצן צו-זאַמען, כדי יעדער איינער זאָל האָבן די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די אידעאַלן פון אַ צווייטער בראַנזשע און תופס זיין די מעטאַפיזישע פאַרבינדונג צווישן אַלע באַשעפטיקונגען— בליי- און פאָרטרעט-מאַלעריי, מעדיצין און די פאַבריקאַציע פון קיי-גומי.

בעביטס טיש האָט זיך היינט באַזונדערס געפינען אין אַ גליקלעכער שטימונג, ווייל פּראָפעסאָר פאָמפּרי האָט גראָד גע-פייערט זיין געבורטס-טאָג, און מחמת דעם האָבן זיי געהאַט אַ געלעגנהייט אויף וויצן.

— לאָמיר אויספּאָמפּן ביי פּומפּן, ווי אַלט ער איז! — האָט עמיל וועגנערט אַ זאָג געטון.

— ניין—מירן זיך בעסער לאָזן איבער פאָמפּן מיט פאָמפּס (טאַנק-שיך)—האָט בען בערקי געזאָגט.

אָבער בעביט מיט זיין וויץ האָט דערגרייכט דעם רע-קאָרד:

— רעדט נישט מיט פּאָמפּרין וועגן פאָמפּעס! די איינ-ציקע פּאָמפּע איז ביי אים ס׳פּלעשל! ערנוואָרט, ווי כ׳האָב געהערט, אַז ער וויל אין זיין אַלטער הויכשול אָפּהאַלטן פאָר-לעזונגען וועגן היימיש ביר!

ביי יעדן איינציקן איז געלעגן דאָס בוך פון בוסטער-קלוב מיט אַ רשימה פון די מיטגלידער. הגם די צילן פון קלוב זענען געווען חברישע באַציונגען, האָט מען אָבער דאָך

נישט פֿאַרגעסן אָן געשעפֿט. אונטער יעדן נאָמען האָט מען געשריבן די באַשעפֿטיקונג פֿון מיטגליד. דאָרטן זענען אויך געווען פֿיל אַנאָנסן און אויף איין זייט איז געשטאַנען אַן אויפֿשריפֿט: ס'איז טאַקע נישטאָ קיין געזעץ, וואָס זאָל דיך צווינגען צו מאַכן געשעפֿט נאָר מיט בוסטער-לייט, אָבער פֿאַרטראַכט זיך, דו מענטש — צו וואָס זאָלסטו דערלאָזן, אַז דאָס געלד זאָל אַרויסגיין אויסער די גרענעצן פֿון אונזער חברה?" און הײַנט האָט זיך לעבן יעדן אײנציקן געפֿינען אַן אַרטיסטיש כּתב מיט רויט-שוואַרצע אותיות:

אייניקייט און בוסטערטום.

די אייניקייט געפֿינט די שענסטע געלעגנהייט און די בעסטע באַדינגונגען פֿאַר אַנטוויקלונג אין דער ברייטער און אינטענסיווער אָנווענדונג אין דער באַטראַכטונג פֿון איר שטענדיקער פּראָווּסווירקונג און צוריקווירקונג. איך גלויב, אַז די העכסטע פֿאָרם פֿון אייניקייט, פּונקט ווי אַלע אַנדערע עטישע גרונטזאַצן, ווירקט אומאויפֿהערלעך און איז גורם אַן אַקטיווע צוזאַמענבינדונג און לאָיאַליטעט צו די גרונטפּרינציפּן פֿון בוסטעריזם — גוט בירגערטום אין אַלע זײַנע דערשײַנונגען און באַשטאַנדטיילן.

דאָר פּעטערסאָן

דאָדבאָרי פּעטערסאָן אַנאָנסן-פֿאַרבאַנד שטייט שטענדיק צו דינסט

3 ווערטער

באַמבנערפֿאָלג ביי פּעטערסאָנען

אַלע בוסטערס האָבן געלייענט הער פּעטערסאָנס אַפֿאָריזם און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי פֿאַרשטייען אים פֿולשטענדיק.

דער מיטינג איז געעפֿנט געוואָרן מיט די רעגלמעסיקע וועכנטלעכע „גלייכווערטלעך". דער געוועזענער פּרעזידענט ווערדזשיל גאָנטש איז געזעסן אין זײַן פֿאָטעל, זײַנע האָר זענען געווען האַרט, ווי שטאַכעטן, זײַן קול האָט געקלונגען, ווי אַ קופּערנע קעסל-פּויק. די מיטגלידער, וואָס האָבן אַרײַנגעפֿירט געסט, האָבן פֿאָרגעשטעלט זיי פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט—

אָט דאָסדאָזיקע לאַנגע, רויט־האָריקע באַשעפעניש פון פאַלשע באַריכטן, איז דער ספּאָרט־רעדאַקטאָר פון „פרעס״ — האָט געזאָגט ווילִיס דזשעמס; און ה. ה. האַזען, דער אַפּטייקער, האָט געריטשעט אויף אַ טענאָר: — חברה! ווען איר מאַכט אַ לאַנגע אויטאָמאָביל־רייזע, און איר קומט אָן עפּעס צו אַ ראָמאַנטישן שטיקל אָדער גלאַט אַן הערלעכע לאַנדשאַפט, אַזוי אַז איר טוט זיך אַ ריס פון אָרט, און איר זאָגט צו דער פלונתטע: — „אָט דאָס איז די אמתע ראָמאַנטישע געגנט״, און ס׳בלוט הויבט אָן זידן אין אייערע אָדערן... נו, מיין היינטיקער גאַסט איז פון אָט אַזאַ אָרט, הערפּירס פערי, ווירזשיניאַ, אין שיינעם דרום, וואָס איז רייך מיט די זכרונות פון גענעראַל ראָבערט ע. לי און פון דער מוטיקער נשמה, דזשאָן בראָון, וואָס האָט ווי יעדער אמתער בוסטער, תמיד מאַרשירט פאָרויס —

עס זענען נאָך געווען צוויי חשובע געסט. דער דירעקטאָר פון דער „גן־עדן פייגל״־טרופּע, וואָס האָט גראָד די וואָך געשפּילט אין דאָדסוואָרט טעאַטער, און דער בירגערמייסטער פון זעניט, דער חשובער לוקאַס פּראָוט.

ווערדזשיל גאָנטש האָט געדונערט:

— אויב מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוקריגן דעם באַרימטן דעספּיאָן פון די שיינע, רייצנדע אַקטריסעס — און איך מוז פאַר אייך מודה זיין, אַז איך האָב זיך עקסטרע אַריינגעריסן אין זיין גאַרדעראָבע, כדי צו זאָגן, ווי ווייט די בוסטער שאַצן אָפּ זיינע קינסטלערישע אַרויסטריטן — און פאַרגעסט נישט, אַז דער אייגנטימער פון דאָדסוואָרט טעאַטער איז אַ בוסטער, וואָס ווייס ווי אַזוי אָפּצושאַצן אונזער דאַנקבאַרקייט — יאָ, ווען ס׳האָט זיך אונז נאָך איינגעגעבן אָפּצורייסן דעם בירגערמייסטער פון זיינע פאַרשידענע פליכטן אין ראָטהויז,—דאַן פיל איך, אַז מיר דאַרפן זיך אַליין גראַטולירן, און הער פּראָוט וועט אונז זאָגן אייניקע גוטע ווערטער ווען די אויפגאַבן און פליכטן. — די בוסטער האָבן דורך אַ גורל באַשטימט, ווער ס׳איז דער שענסטער און ווער דער מיאוסטער

גאַסט, און יעדער-איינציקער האָט געקריגן אַ מתנה אַ בינטל בעלקן, וואָס איז געשאָנקען געוואָרן, ווי גאַנטש האָט דער־קלערט, דורך ה. ג. יאגער, דער אייגנטימער פון אַ בלומען־געשעפט אויף יעניפער עוועניו.

יעדערע וואָך, אין אַ כסדרדיקער רייע, האָבן פיר בוס־טער געהאַט די פריווילעגיע, צו קריגן דאָס פאַרגעניגן פון רחבות און פון כבוד, צו שענקען מתנות אָדער טון עפעס פאַר פיר אַנדערע בוסטער־מיטגלידער, וואָס האָבן געווונען דעם גורל. היינטיקע וואָך איז געווען פון וואָס צו לאַכן, וואָרום צווישן די מנדבים האָט זיך געפינען באַרנאַבאַס דזשאָע, דער לוויה־אונטערנעמער. יעדער איינער האָט געשעפטשעט:

— איך ווייס שוין פון עטלעכע וואַזשנע פאַרשוינען, וואָס וועלן מיט פאַרגעניגן טון אַ שטאַרב אָפּ, ווייל זיי וועלן האָבן אַ בחנמדיקע לויה!

אויף דידאָזיקע צוזאַמענקומען, האָבן די בוסטער גע־פרישטיקט מיט הינער־קאָטלעטן, גרינע אַרבעסלעך, געפרעגלטע קאַרטאָפל, קאַווע, עפלקוכן און אַמעריקאַנער קעז. גאַנטש האָט געטיילט די טאָאַסטן. ער האָט גערופן צום וואָרט איינעם פון די אָנוועזנדע, וואָס האָט דאָ געוויילט אַלס גאַסט, דעם סעק־רעטאַר פון וועלט־פאַרברידערונגס־קלוב, די קאָנקורענץ אָרגאַ־ניזאַציע. דער סעקרעטאַר האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט געהאַט אַ רעגירונגס־דערלויבעניש צו פאָרן אומ־זיסט, פאַרזען מיטן נר. 5.

דער סעקרעטאַר פון וועלט־פאַרברידערונגס־קלוב, האָט מיט אַ שמייכל דערקלערט, אַז אומעטום, ווו ער קומט אין די פאַראייניקטע שטאַטן מיט זיין אויטאָמאָביל, רופט זיין נומער אַרויס אַ פאַרווונדערונג, און הגם ס'איז אַ כבוד צו האָבן דעם נומער, איז ער אָבער פאַר די היטער פון דער אָרדנונג לייכט צו נעמען זיך אין זכרון און טיילמאָל באַדויערט ער, וואָס ער האָט נישט דעם נומער ב. 56.876 אָדער אַן ענלעכן צו דעם. אָבער אויב עפעס אַ שלימזלדיקער בוסטער וועט זיך אַריינגעמען אין זינען אַריין, אַז ער וועט אַוועקגעמצן דעם

„פינף" פון וועלט־פאַרברידערונגס־קלוב אין נאָענטסטן יאָר, דאַן ווי צו אים, וואָרום, דאַן וועט געוויס עפּעס געשען. און אויב איר זענט נישט קעגן דעם, וויל איך צום סוף זאָגן אייניקע לויב־ווערטער פאַר די בוסטער, די וועלט פאַרברידערער און די קיוואַניער צוזאַמען.

בעביט האָט אַ זיפץ געטון צום פּראָפעסאָר פּאָמפּרי:

— ס'מוז זייער פיין זיין, צו האָבן אַזאַ קליינעם נומער! יעדערער וואָלט געזאָגט „דאָס איז אַ וואַזשנער פאַרשוין! כ'בין טשעקאַווע פונוואַנען ער האָט דאָס? כ'קאָן זיך וועטן, אַז ער האָט שוין נישט איין מיטאָג אויפגעגעסן און איין גלעזל ווייַן אויסגעטרונקען מיטן לייטער פון דער פאַרקער־ביוראָ, איידער ער האָט דאָס געקריגן".

דאַן האָט משום פרינק געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע.

— מעגלעך, אַז אייניקע פון אייך זענען ביי דער מיינונג, אַז נישט דאָ איז דאָס אָרט צו רעדן וועגן העכערע אינטעלעקטועלע פראַגן, אָבער איך קום צו אייך, חברה, מיט מיין פּראָ־ּעקט, צו גרינדן אין זעניט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער. אַ סך פון אייך באַגייען אַ גרויסן פעלער, אויב זיי טראַכטן, אַז זיי מוזן פאַר יעדן פרייז שטימען קעגן דעם, בלויז דערפאַר, ווייל איר האָט פיינט די קלאַסישע מוזיק און די אַלע שמאָכנעס. איך בין פאַר אייך מודה, אַז איך, הגם, איך בין אַ ליטעראַט, האָב איך גאָרנישט, אָבער טאַקע גאָרנישט פאַר דעדראָזיקער לאַנג־האָריקער מוזיק. איך בין צו יעדער צייט גרייט ליבערשט אויסצוהערן אַ שטיקל פון אַ דזשאַזבאַנד, איידער די בעטהאָווען־שטיקלעך, וואָס האָבן אין זיך פונקט אַזויפיל מעלאָדיע, ווי אַ גאַנצע מחנה פישטשענדיקע קעץ, איך וואָלט עס נישט געקאָנט נאָכפייפן, ס'זאָל מיר גיין אין לעבן! אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. קולטור איז היינט צו טאָג פונקט אַזאַ צירונג פאַר אַ שטאָט, ווי ברוקירטע גאַסן און באַנק־געביידעס. די קולטור, וואָס דריקט זיך אויס אין טעאַטערן און אין קונסט־גאַלעריעס איז דאָס, וואָס ברענגט אַראָפּ קיין ניו־יאָרק טויזנטער באַזוכער יעדעס יאָר און, אויב צו זיין ערלעך, מוז

איך זאָגן פאַר דערדאָזיקער הערלעכער אױדיטאָריע, אַז נישט נאָר מיר האָבן נאָך נישט דערגרייכט די קולטור, וואָס אַ נוי-יאָרק אָדער טשיקאַגאָ אָדער באָסטאָן — מיר האָבן צומאָל נישט דעם חוש דערפאַר. דאָס, וואָס מיר לעבעדיקע, צאַפּלדיקע, פאָרויס-גייענדיקע מוזן פריער פאַר אַלץ טון, איז צו *קאַפּיטאַליזירן די קולטור*, איינפאַך אָנגרייפן זי און דעראָבערן זי.

— בילדער און ביכער זענען אַ גאַנץ פּרעכטיקע זאַך פאַר די, וואָס האָבן צייט צו שטודירן, זיי קענען אָבער נישט מאַכן קיין גרויסן ליאַרם וועגן זיך אַליין: „זעט, וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע קולטור דאָס אַלטע גוטע זעניט פּראָדוצירט!" אָבער אַ סימפאָנישער אָרקעסטער איז גאָר עפּעס אַנדערש. טוט נאָר אַ קוק, ווי באַרימט מיניפּאָליס און סינסינעטי זענען געוואָרן. אַן אָרקעסטער מיט ערשטקלאַסיקע מוזיקער מיטן בעסטן דיריגענט — און לויט מיין מיינונג דאַרף מען אין דעם פאַל קיין שום זאַך נישט קאַרגן און אַראָפּברענגען דעם טייערסטן דיריגענט פון מוזיקאַלישן מאַרק, פאַרשטייט זיך, ער זאָל נישט זיין קיין דייטשל — אָט אַזאַ אָרקעסטער וועט אַרויסגערופן ווערן קיין באָסטאָן, נוי-יאָרק און וואַשינגטאָן; אַזאַ אָרקעסטער וועט שפּילן אין די פּרעכטיקסטע טעאַטערן פאַר די קולטיוווירטסטע און רייכסטע מענטשן! אָט דאָס איז רעקלאַמע, וואָס קיין אַנדערע שטאָט וועט זיך נישט דערווערבן! און בלינד איז דער, וואָס וועט שטימען קעגן אַזאַ אָרקעסטער; *דער* פאַרקלענערט די שאַנסן, אַז זעניט זאָל אָפּקלינגען אין די אויערן פון עפּעס אַ גרויסן נוי-יאָרקער מיליאָנער, וואָס וועט אפשר... וואָס וועט נאָך אַמאָל עפענען אַ פאַבריק פון אַ נייעם אינדוסטרי-צווייג.

— איך וואָלט אייך אויך געקענט זאָגן, אַז דערדאָזיקער פאַקט האָט אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג פאַר אונזערע טעכטער, וואָס האָבן ליב העכערע מוזיק און, האָבנדיק אַן ערשטקלאַסיקע לאָקאַלע מוזיק-אָרגאַניזאַציע, וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט צו שטודירן, אָבער לאָמיר בלייבן ביי דער פּראַקטישער

זייט, און נאָך דעם אַלעם, וואָס כ'האָב אייך געזאָגט, רוף איך אייך, גוטע ברידער, צו שטימען פאַר קולטור און פאַר דעם וועלט-רעקאָרד, דעם סימפאָנישן אָרקעסטער:

אַלע האָבן אַפּלאָדירט:

אין דעם גערויש פון דער אויפרעגונג, האָט פּרעזידענט גאַנטש דערקלערט:

— מיינע הערן, מיר טרעטן צו צו די יערלעכע וואַלן פון די פירערס. — אויף יעדן איינעם פון די זעקס פירערס איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דריי קאַנדידאַטן, דאָס צווייטע אָרט אויף דער רשימה פון וויצע-פּרעזידענט האָט פאַרנומען בעביט.

ער איז געווען איבערראַשט. ער האָט אויסגעזען באַרוסט-לאָז. דאָס האַרץ האָט ביי אים הויך געקלאַפּט. ער איז גע-וואָרן נאָך מער אויפגערעגט, בעת מ'האָט געציילט די שטי-מען און גאַנטש האָט אַ זאָג געטון:

— איך פריי זיך אייך מודיע צו זיין, אַז דזשאָרדזש פ. בעביט איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס וויצע-פּרעזידענט. איך קאָן נישט נאָך אַזאַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי פאַרביסן פאַרטיי-דיקן די געזונטע ביזנעס, ווי דער אָנשטענדיקער אַלטער דזשאָרדזש. רירט אייך, לאָמיר אים מאַכן די אמתע אָוואַציע.

ווען די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן זיך הונדערט מענטשן געשטופּט אים אָנצורירן. ער האָט נאָך קיינ-מאָל נישט איבערגעלעבט אַ העכערן מאָמענט. ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אַ פאַרטויבטער. ער איז אַריינגעפאַלן אין דער ביוראָ אַריין, שמייכלענדיק צו פריילין מעק גאָון:

— נו, כ'מיין, אַז איר דאַרפט גראַטולירן אייער שעף! כ'בין אויסגעקליבן געוואָרן אַלס וויצע-פּרעזידענט פון בוסטער-קלוב.

ער האָט זיך אַנטטוישט. זי האָט בלויז געענטפערט:

— יאָ, אַך, פרוי בעביט האָט שוין עטלעכע מאָל גע-קלונגען אין טעלעפאָן!

אָבער דער נייער אַגענט, פריץ וועלינגער, האָט אויסגע-שריגן

— צום טײַוול, קאַפּיטאַן, אָט דאָס איז אַן ערפֿאָלג! איך פֿרײ מיך אויסערגעווײנלעך. איך גראַטוליר.

בעביט האָט טעלעפֿאָנירט אין שטוב אַרײַן און צוגע־רופֿן זײַן ווײַב:

— כ'האָב געהערט, אַז דו האָסט מיך געזוכט, מירע. הער, נעם אַרום דײַן קלײנעם דזשאָרזש און זע צו רעדן מיטן נויטיקן דרך ארץ. דו רעדסט איצטער מיטן וויצע־פּרעזידענט פֿון בוסטער־קלוב.

— אַך, דזשאָרזש...

אָבער שײן, אַז וויליאַם דזשעמס איז דער נײער פּרעזידענט. אָבער ווען ער וועט נישט זײַן, פֿאַרנעמט דער קלײנער דזשאָרזש דעם פּרעזידענטן־פֿאָטעל און רופֿט אויס אַ רעדנער, מעג ער זײַן אפילו דער גובערנאַטאָר אַלײן, און —

— דזשאָרזש, הער —

— ...דאָס מאַכט מיך אַזוי גרויס, ווי דאָך דײלינג —

— דזשאָרזש, פּאָול ריסלינג —

— יאָ, זיכער, איך טעלעפֿאָניר שוין צו פּאָולן און לאָז עס אים וויסן.

— דזשאָרזש, הער אויס! פּאָול איז אין תּפֿיסה. ער האָט דערשאָסן זײַן ווײַב. ער האָט דערשאָסן צילען. הײַנט מיטאָג. זי וועט שטאַרבן.

א.

ער איז געפאָרן אין דער שטאָטישער תפיסה, נישט מיט קיין בלינדער משוגעת, נאָר מיט אַן אומגעוויינלעכער צעטומלטער פאָרזיכטיקייט אויף די עק גאַסן, ווי די פאָרזיכטיקייט פון אַן אַלטע פרוי ביים פלאַנצן בלומען. דאָס האָט אים לייכטער געמאַכט צו קוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן אַריין.

דער תפיסה-אויפזעער האָט אים געזאָגט:

— ניין, איר וועט נישט קאָנען זען קיינעם פון די אַרעסטאַנטן פאַר דרייסיק, אין די זעונגס-שעהן.

ס׳איז געווען דריי דער זייגער. בעביט איז געזעסן אַ האַלבע שעה צייט און געקוקט אויף אַ קאַלענדאַר און אויף אַ וואַנט-זייגער, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ ווייס-אויסגעמאָלעער וואַנט. דאָס בענקל איז געווען האַרט, אומבאַקוועם און געקרעכצט. מענטשן זענען דורכגעגאַנגען דורך דער ביוראָ, און אים האָט זיך געדוכטן, אַז זיי קוקן אויף אים. ער האָט געפילט אַ קאָמפּלוסטיקע פאַראַכטונג, און ס׳איז איבערגעגאַנגען און אַ מוראדיקן שוידער, בעת ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די דאָזיקע גאַנצע מאַשינעריע וועט צעטרעטן פאָולן — פאָולן — פינקטלעך האַלב פיר האָט ער געמאָלדן זיין נאָמען.

דער תפיסה-אויפזעער האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק:

— ריסלינג האָט געזאָגט, אַז ער וויל זיך מיט אייך נישט זען.

— זענט איר משוגע! איר האָט אים אודאי נישט געזאָגט

מיין נאָמען! זאָגט אים, אַז דזשאָרזש וויל זיך מיט אים זען, דזשאָרזש בעביט.

— כ׳האָב אים אַזוי געזאָגט. כ׳האָב אים ריכטיק גע־זאָגט. אָבער ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער וויל זיך נישט מיט אייך זען.

— מילא, טאָ פירט מיך אַריין צו אים!

— אוממעגלעך, אויב איר זענט נישט זיין אַדוואָקאַט, אויב ער וויל זיך נישט מיט אייך זען, דאַן וועט זיך גאָר־נישט לאָזן מאַכן.

— אָבער, גאָט מיינער! — הערט נאָר, פירט מיך אַריין צום אינספּעקטאָר.

— ער איז איצט פאַרנומען. גייט געזונטערהייט, איר — בעביט האָט זיך אויסגעדרייט אַוועקצוגיין. דער אויפזער האָט געענדערט זיין טאָן: — איר קאָנט קומען מאָרגן נאָכאַמאָל פרווון, דער חברה־מאַן האָט נעביך געמוזט אַראָפּ פון זינען.

בעביט איז געפאָרן דורכאויס נישט פאָרזיכטיק און נישט לאַנגזאַם, ביז פאַרבייגעגליטשט זיך די לאַסטוועגן, שעלטנדיק די שאָפער — גלייך צום מאַגיסטראַט. די רעדער האָבן געטון אַ קרעכץ, ווען ער האָט זיי איינגעהאַלטן ביים אָפּשטעלן זיך. דאַן איז ער געלאָפן אויף די מירמלנע טרעפּ צו דער ביוראָ, ווו ס׳איז געזעסן דער חשובער הער לוקאַס פּראָוט, דער בירגערמייסטער. ער האָט איבערגעקויפט דעם דינער מיט אַ דאָלאַר; אין אַ ווײַלע אַרום איז ער געשטאַנען אינעווייניק און דעקלאַמירט:

— איר געדענקט מיך, הער פּראָוט? בעביט — וויצע פּרעזידענט פון די בוסטער — אַגיטירט פאַר אייך. כ׳בעט אייך, האָט איר שוין געהערט וועגן אָרעמען ריסלינג? נו, איך וויל בעטן ביי אייך אַ באַפעל פאַרן תפיסה אינספּעקטאָר, אָדער ווי ער הייסט דאָרטן, אַז ער זאָל מיך אַריינלאָזן צו אים. גוט. איך דאַנק אייך.

אין פופצן מינוט אַרום איז ער געגאַנגען לענגאויס דעם תפיסה־קאָרידאָר צו אַ שטייג, ווו פּאָול ריסלינג איז געזעסן

אויף אַ נאַרע, אײנגעקורטשעט, ווי אַן אַלטער בעטלער, די פּיס צונויפֿגעפֿלאָכטן, די אָרעמס פֿאַרלײגט מיט צונויפֿגעבײלטע פֿויסטן.

פּאָול האָט געקוקט גלײַכגילטיק, בעת דער שליסער האָט געעפֿנט די טיר פֿון דער קאַמער, אַרײַנגעלאָזט בעביטן, און איבערגעלאָזט מיט אים. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם:

— גײ אַוועק! פֿרײדיק נישט פֿאַר מיר קײן מאָראַל!

בעביט האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער נאַרע לעבן אים:

— איך בין נישט געקומען דיר פֿרײדיקן מאָראַל! מיר אַרט נישט, וואָס ס'איז געשען! איך וויל נאָר פֿאַר דיר עפּעס טון. איך בין צופֿרידן, אַז צילע האָט געקריגן דאָס, וואָס איז איר שוין פֿון לאַנג געקומען.

פּאָול האָט געזאָגט:

— זײ אַזוי גוט און וואַרף נישט אַלץ אויף צילען. איך האָב אַלץ אַדורכגעטראַכט. מעגלעך, אַז איר איז אויך שווער געווען צו פֿאַרברענגען מיט מיר. באַלד דערנאָך, ווען כ'האָב אויסגעשאָסן אויף איר — איך האָב גאָרנישט געהאַט בדעה דאָס צו טון, אָבער זי האָט מיך אויפֿגערעגט, אַן אויגנבליק האָב איך נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, אײן אויגנבליק, און איך האָב אַ כאַפּ געטון דעם אַלטן רעוואָל־ווער, מיט וועלכן מיר בײדע פֿלעגן שיסן קראָליקעס און איך האָב אַ דריק געטאָן בײַם צינגל. איך האָב עס אסור נישט געוואָלט טון — דערנאָך, ווען כ'האָב איר געוואָלט פֿאַרהאַלטן דעם בלוט אָפּפֿלוס – אירע אַקסל זענען געווען פֿאַרבלוטיקט, זי האָט דאָך געהאַט אַזאַ שײן צאַרט לײַב — אפשר וועט זי נישט שטאַרבן. אפשר וועט זיך איר לײַב אויסהײלן. דאַן בין איך געלאָפֿן אין באָד־צימער נאָך וואַטע צו שטילן ס'בלוט און כ'האָב אָנגעטאַפּט אַ געל וואַקסן קאַטשקעלע, וואָס מיר האָבן אויפֿגעהאָנגען אַמאָל ווײַנאַכט, און מיר איז אײַנגעפֿאַלן, אַז איך און זי זענען מיר דעמאָלט געווען אומגעהויער גליקלעך— ווײ ווײ! איך קאָן גאָרנישט תּופֿס זײַן, אַז איך זיץ דאָ. —

נעביטס אַקסל האָבן אים פעסט אומגעאָרעמט. פּאָול האָט אָפּ- נעזיפצט: — כ׳בין צופרידן, וואָס דו ביסט אַהערגעקומען. איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיר פריידיקן מאָראַל, אָבער ווען מ׳פירט אויס אַ מאָרד און ווען מ׳זיצט שוין דאָ און ווען — — אינדרויסן פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַ גרוי- סער המון מענטשן, די פּאָליציאַנטן האָבן מיך געשלעפּט אי- בער דער גאַס — אָך, פרעג נישט, פרעג נישט!

אַן איינטאָניקע, וואַנזיניקע שוידערלעכע שעפּטשעריי האָט ווייטער אָן אויפהער געשטראָמט פון זיינע ליפּן.

כדי אים אַביסל צו פאַררעדן, האָט בעביט אַ זאָג געטון:

— האָסט אַ צייכן אויף דער באַק.

— יאָ, דאָס האָט מיר דער פּאָליציאַנט געמאַכט. אַ סברא, אַז פאַר זיי איז עס אויך אַ נשקשהדיקער צייט-פאַרטרייב, אַ מערדער אָנצוּלערנען, ער זאָל געדענקען. ער איז געווען אַ געזונטער פאַרשוין. און ער האָט מיך נישט געלאָזט העלפן אַראָפּטראָגן צילען צום אַמבולאַנס.

— פּאָול! מסתמה דאַרף אַזוי זיין! הער אויס: זי וועט נישט שטאַרבן, און אַז דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, וועלן מירביידע ווידער אַוועקפאָרן קיין מאַין און מעגלעך, אַז מיר וועלן נאָך צוקריגן די מאַי אַרנאָלד, אַז זי זאָל מיט אונז מיטפאָרן. איכ׳ל אַליין אַ פּאָר טון קיין טשיקאַגאָ זי בעטן. אַ ווילדע פרוי, צום טייוול, און שפּעטער וועל איך שוין זאָרגן דערפאַר, אַז דו זאָלסט דיר ערגעץ-ווו אויף מעריב עפּענען אַ געשעפט, מעגלעך אין סיטלי — מען זאָגט, אַז ס׳איז אַ הערלעכע שטאָט.

פּאָול האָט אַ לייכטן שמייכל געטון. ערשט איז עס גע- ווען בעביט, וואָס האָט גערעדט אָן אַ זינען. ער האָט נישט געקענט וויסן, צי פּאָול האָט אים אויסגעהערט, אָבער ער האָט אַזוי לאַנג גערעדט איינטאָניק, ביז ס׳איז אָנגעקומען פּאָולס אַדוואָ- קאַט, פּ. י. מאַקסוועל, און איבערגעריסן זיי דאָס געשפּרעך

ער איז געווען אַ דאַרער, באַשעפּטיקטער, אומאָנגענעמער מענטש, ער האָט אַ וויגק געטון צו בעביטן און געזאָגט:

— לאָזט מיך אַן אויגנבליק מיט ריסלינגען אַליין.

בעביט האָט געדריקט פּאָולס האַנט, ער האָט געוואַרט אין דער ביוראָ, ביז מאַקסוועל האָט זיך אומגעקערט צוריק.

— זאָג, אַלטער פריינט, וואָס קאָן איך טון? — האָט ער געפרעגט:

— גאָרנישט. קיין שום זאַך. דערווייל גאָרנישט — האָט מאַקסוועל געזאָגט. ס'טוט מיר לייד. כ'מוז אַוועקגיין, און איר גייט שוין נישט אַריין צו אים צוריק. איך האָב אים געגעבן אַ מאָרפיום־איינשפּריצונג פון דאָקטאָר, אַז ער זאָל שלאָפן.

ס'איז אים געווען אַ חרפּה, אומצוקערן זיך איצטער אין דער ביוראָ. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט זיך צוריקגעקערט פון אַ לויה. ער איז געפאָרן צום שטאָטישן שפּיטאָל באַזוכן צילען. ער האָט זיך דערוווסט, אַז עס דראָט איר לגמרי נישט קיין לעבנס־געפאַר. די קויל פון פּאָולס ריזיקן, אַלטן פּיראָונפּערציקדיקן רעוואָלווער האָט איר דורכגעפלעכערט דעם אַקסל און איז אַרויס דורך דער אַנדערער זייט.

ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים און געטראָפן זיין ווייב אַ פּאַרפלאַכטע, מיט יענעם שטויגענדיקן אינטערעס און נייגעריקייט, וואָס עס וועקן אַמאָל אויף ביי אונז די טראַגעדיעס פון אונזערע פריינט.

— אוודאי קאָן מען נישט אַרויפוואַרפן די גאַנצע שולד אויף פּאָולן, אָבער אָט דאָס קומט אַרויס, ווען מ'ען יאָגט זיך נאָך אַנדערע פרויען, אָנשטאָט צו טראָגן דעם צלם, ווי אַ גוטער קריסט דאַרף טון — האָט זי טריומפירט.

ער איז געווען צו פיל פאַרמאַטערט, צו ענטפערן איר וואָס ער טראַכט. ער האָט איר געזאָגט אַלצדינג, וואָס ער האָט איר געהאַט צו זאָגן וועגן טראָגן דעם צלם, און ער איז אַרויס רייניקן זיין אויטאָמאָביל. טרויעריק און געדולדיק, האָט ער אויסגעווישט דעם אייל פון דער טראָפּן־בלעך; ער האָט געקראַצט די פאַרטרוקנטע בלאָטע פון די רעדער. ער האָט

פֿאַרנוצט אַ סך צייט אויף וואַשן די הענט, רייבנדיק זיי מיט געוויינלעכן קיך־זייף. געפּרייט זיך דערבּיי, וואָס ער רייסט זיינע ווייכע פֿינגער: — פֿאַרשאָלטענע ווייכע הענט — ווי אַ נקבה, פֿע!

בּיים מיטאָג, ווען פֿרוי בּעבּיט האָט ווידער אָנגעהויבּן וועגן דעם אומפֿאַרמיידלעכן, האָט ער אַ געשריי געטון:

— איך פֿאַרווער אייך אַלעמען צו רעדן איין וואָרט וועגן פּאָולן. איך וועל שוין אַליין בּאַזאָרגן אַלע נויטיקע פּלוידערייען, פֿאַרשטאַנען? אין דערדאָזיקער סקאַנדאַליעזער, רכילותדיקער שטאָט וועט דעם היינטיקן אָוונט זיין כאָטש איין שטוב, וואָס וועט זיין פֿריי פֿון פּלאָטקעס — און וואַרפֿט מיר שוין אַרויס די פֿאַרשטונקענע צייטונגען!

אָבּער ער אַליין האָט נאָכן מיטאָג געלייענט די צייטונגען.

אַרום ניין אַזייגער איז ער אַוועקגעגאַנגען צום אַדוואָקאַט מאַקסוועל. ער איז קאַלט אויפֿגענומען געוואָרן.

— נו? — האָט מאַקסוועל אַ פֿרעג געטון.

— איך בּין גרייט אייך בּייהילפֿיק צו זיין צום פּראָצעס. איך האָבּ אַ פֿיינעם איינפֿאַל. איך קאָן שווערן פֿאַרן געריכט, אַז איך בּין געווען בּיים פּאָרפּאַל און איך האָבּ אַליין געזען, אַז זי האָט געשאָסן די ערשטע, און אַז ער האָט זיך מיט איר געאַמפּערט און דער רעוואָלווער האָט צופֿעליק אויסגעשאָסן.

— ווי.ט איר שווערן פֿאַלש?

— הם? יאָ, דאָס וועט מסתמא זיין אַ פֿאַלשע שבֿועה. אָבּער — ס'קאָן אים עפּעס העלפֿן?

— אָבּער, מיין טייערער פֿריינט, אַ פֿאַלשע שבֿועה!

— אָך זייט דאָך נישט קיין שוטה! אַנטשולדיקט מיר, מאַקסוועל, כ'האָבּ נישט געמיינט אייך צו בּאַליידיקן. כ'זאָג איין נאָר: אַז נישט איין פֿאַל פֿון פֿאַלש שווערן ווייסן מיר, איך און איר, כּדי צו דערגרייכן אַ פֿאַרשאָלטן פּיצל בּאָדן, און ווען עס האַנדלט זיך צו בּאַפֿרייען פּאָולן פֿון תּפֿיסה, זאָל איך מורא האָבּן פֿאַלש צו שווערן?

— ניין, שוין אָפּגערעדט פֿון דער עטישער זייט בּי־

דעמדאָזיקן, האָט אייער איינפאַל סתּם נישט קיין פּראַקטישן ממשות. דער אויספאָרשונגס־ריכטער וועט תּיכּף צעבּרעקלען אייערע טענות. ס'איז באַוווּסט פאַר אַלעמען, אַז אין דער זעלבער צייט איז אין דער וווינונג געווען נאָר ריסלינג אַליין און זיין ווייב.

— דאַן, הערט אויס! רופט מיך אַרויס צו שווערן און דאָס וועט זיין דער ריינער אמת, — זאָל מיר אַזוי גאָט העלפן — אַז זי האָט אים געפּייניקט, און ער איז וואַנזיניק געוואָרן.

— ניין, ס'טוט מיר זייער לייד. ריסלינג זאָגט זיך אָפּ פון עדות, וואָס וועלן וואַרפן אַ שלעכטע שיין אויף זיין ווייב. ער באַשטייט צו ווערן פאַרמשפּט.

— דאַן לאָזט מיך אַרויסטרעטן און מיט עפּעס עדות זאָגן — וואָס איר וועט מיך נאָר הייסן. לאָזט מיך ע פּ ע ס טון!

— ס'טוט מיר זייער לייד, בעביט, אָבער דאָס בעסטע, וואָס איר קאָנט פאַר אונז טון — ס'איז מיר שווער אייך דאָס צו זאָגן — אָבער איר וועט אונז אַ סך בייהילפיק זיין, אויב איר וועט זיך פאַרהאַלטן רויִק.

בעביט, וואָס האָט געדרייט דעם הוט אין דער האַנט, ווי אַן אָרעמער לאָקאַטאָר, האָט זיך איינגעקורטשעט, מאַקסוועל האָט זיך צו אים אַראָפּגעלאָזט.

— ס'איז מיר זייער אומאָנגענעם, וואָס איך טו אייך וויי, אָבער איר מוזט פאַרשטיין, אַז מיר ביידע ווילן טון פאַר ריסלינגען דאָס בעסטע און מחמת דעם מוזן מיר דאָס אַלץ לאָזן אין אַ זייט. אייער אומגליק איז, בעביט, וואָס איר גע־הערט צו די מענטשן, וואָס האָבן ליב אַ סך צו רעדן. איר האָט ליב צו הערן אייער אייגענעם קול. אויב איך וועל זיך נויטיקן אָן אייער עדות זאָגן, וועל איך אייך אַרויסרופן און איר וועט געבן דערקלערונגען. ס'טוט מיר זייער לייד. אַצינד מוז איך דורכקוקן מיינע פּאַפּירן — ס'טוט מיר זייער לייד.

ב.

דעם גרעסטן טייל פון נאָענטסטן פרימאָרגן, האָט ער
פאַרבראַכט, צו שטאַרקן זיינע כּחות, צו קאָנען רויק באַזוכן
די פלאַפלענדיקע וועלט פון אַטלעטן-קלוב. זיי וועלן רעדן
וועגן פּאָולן; זיי וועלן זיין צודרינגלעך-נייגעריק און פול
מיט רשעותדיקער פרייד. אָבער ביים טיש פון דידאָזיקע ווײַ-
סע חברהניקעס איז פּאָול צומאָל נישט דערמאָנט געוואָרן. זיי
האָבן גערעדט מיט באַגייסטערונג פון דעם נאָענטסטן בייסבאָל-
סעזאָן. ער האָט זיי אַצינד ליב געהאַט, ווי נאָך קיינמאָל נישט
ביז איצט.

ג.

ער האָט זיך פאָרגעשטעלט—מסתמא לויט עפּעס אַ ראָמאַן—
פּאָולס פּראָצעס, ווי אַ לאַנג-דויערענדער קאַמף מיט פאַרביטערטע
אַרגומענטן, אַ גרויסער עולם נייגעריקע און וואָסאַמאָל פרישע
עדות. אינדערואמתן, האָט דער פּראָצעס געדויערט סך הכּל
פופצן מינוט און די סיבּה דערפון איז געווען דאָס, וואָס דאָק-
טוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז צילען דראָט לגמרי נישט
קיין לעבנס-געפאַר, און אַז פּאָול איז אין יענעם מאָמענט נישט
געווען באַרעכנט. צומאָרגנס איז פּאָול פאַראורטיילט געוואָרן
אויף דריי יאָר תּפיסה און זיי האָבן אים גענומען — גאָרנישט
דראַמאַטיש, אָן קייטן, נאָר פאַרמאַטערט אַוועקגעזעצט אים לעבן
אַ פריילעכן שעריף — און נאָכדעם, ווי בעבּיט האָט זיך מיט
אים געזעגנט אויפן וואָקזאַל, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים
אין זיין בּיוּראָ, ווו עס איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז ער
געפינט זיך אין אַ וועלט, וואָס האָט אָן פּאָולן פאַרלוירן איר
גאַנצן ווערט.

קאַפּיטל XXIII

א.

פון מערץ ביז יוני איז ער געווען זייער באַשעפטיקט. ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן, נישט אַריינצופאַלן אין דעם לאַבירינט פון זיינע געדאַנקען. זיין ווייב און די שכנים האָבן געהאַנדלט ברייטהאַרציק. יעדן אָוונט האָט ער געשפּילט אין ברידזש אָדער ער איז געגאַנגען אין קינאָ אַריין, און די טעג האָבן אַלע געהאַט אַן אומאויסדריקלעך און שווייגנדיק פּנים.

אין יוני זענען פרוי בעביט און טינקאַ אַוועקגעפאָרן צו אַ פאַמיליע אויף מזרח, און בעביט האָט געהאַט די פרייהייט אַלץ צו טון — ער האָט אָבער אַליין נישט געוווּסט, וואָס צו טון.

אַ גאַנצן טאָג נאָך איר אָפּפאָרן, האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס אָט איז זיין הויז פריי און ער וועט קאָנען, אויב ער וועט וועלן, זיין משוגע וויפל ער וועט וועלן, אָפּלאַכן און שעלטן די געטער, נישט האַלטנדיק זיך ביי די פליכטן פון אַן אָרנטלעכן מאַן. ער האָט געטראַכט: — כ'וואָלט געקאָנט היינט אָוונט מאַכן די אמתע פאַרטיע, אַהיימקומען צוויי ביינאַכט און נישט דאַרפן פאַר קיינעם זיך פאַרענטפערן. ווי טייער! ער האָט טעלעפאָנירט צו ווערדזשיל גאָנטש און צו עדיע סוואָנסאַן.ביידע זענען זיי געווען פאַרנומען אין היינטיקן אָוונט, און פּלוצלינג האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס'וועט אים היינט גאָרנישט לייכט זיין אַ לעב צו טון.

ביים טיש איז ער געווען קאַרג אין ווערטער, אומגעוויינלעך

ליבלעך צו טעדן און וועראָנען, ער איז געווען צווייפלענדיק אָבער נישט איינגעשפּאַרט, בעת וועראָנע האָט אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן קענעט עסקאָטס מיינונג וועגן דר. דריוס מיינונג וועגן דער מיינונג פון די עוואָלוציאָניסטן. טעד האָט בעת די זומער־פעריען געאַרבעט אין אַ גאַראַזש און דערציילט פון זיינע טאָג־טעגלעכע טריומפן. וויאַזוי ער האָט איינמאָל געפונען אַן אויסגעשאָסענע קוילן־גילזע, וואָס ער האָט געזאָגט צום אַלטן מרוק, וואָס ער האָט געזאָגט צום שאָפער וועגן דער צוקונפט פונם דראָטלאָזן טעלעגראַף.

טעד און וועראָנע זענען נאָכמיטאָג אַוועקגעגאַנגען טאַנצן — אַפילו דאָס דינסטמיידל איז אַוועקגעגאַנגען. זעלטן ווען בעביט איז אַ גאַנצן אָוונט געזעסן אין שטוב אַזוי עלנט און פאַרלאָזן ווי היינט. ער איז געווען אומרויק. ער האָט געזוכט עפּעס מער פרייערעכעס, ווי די הומאָריסטישע ביילאַגעס אין די צייטונגען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין וועראָנעס ציימער, אַוועקגעזעצט זיך אויף איר מיידלש בלוי־ווייס־בעטל, ברומענדיק און קרעכצנדיק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ סאָלידן בירגער, האָט ער געבלעטערט אירע ביכער: קאָנראַדס „באַפרייונג", אַ בוך מיט אַ מאָדנעם טיטול: „ערדישע געשטאַלטן", לייריק (זייער נישט ריטמישע ליריק, האָט בעביט אַ טראַכט געטון) פון וועשעל ליינדסע, און עסייען פון ה. ל. מענקען — שטאַרק נישט פּאַסיקע עסייען, וואָס לאַכן אויס די קירך און אַלע אָנשטענדיקע זאַכן. קיין איינע פון זיי איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט געפילט אין זיי דעם גייסט פון בונט אַקעגן דער שיינקייט און סאָלידער בירגערלעכקייט. די מחברים — און ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען אַמאָל געווען באַרימט — האָבן זיך, ווייזט אויס, אַפילו נישט געוואָלט געבן די מי, צו שאַפן אַ גוטע דערציילונג, וואָס זאָל קאָנען מאַכן אַ מענטש פאַרגעסן אין זיינע דאגות. ער האָט אַ זיפץ געטון. ער האָט באַמערקט אַ בוך: „די דריי שוואַרצע פּעניעס", פון דזשאָזעף הערגסהיימער. אָך, דאָס איז שוין גיכער עפּעס פאַר אים! דאָס איז זיכער אַן איבערלעבעניש, אפשר איבער געלט־פעלשער

— ווי דעטעקטיוון גנבֿענען זיך אונטער בײַנאַכט צו אַן אַלט הייזל. ער האָט אַ נעם געטון ס'ביכל אונטערן אָרעם. אַראָפּגעגאַנגען אונטן און פֿייערלעך אָנגעהויבן לייענען בײַ דעם קלאַוויר-לאָמפּ:

„די טאָפּלטע ליכטיקייט האָט ווי בלויער שטויב זיך געזופּט אין פֿלאַכע שיכטן פֿון די קלאָן-ביימער. עס איז געווען אָנהויב אָקטאָבער, אָבער אַ קלינגענדיקער פֿראָסט האָט שוין באַשיט די ביימער מיט גאָלד, די שפּאַנישע דעמבעס זענען געווען באַהאָנגען מיט וויין-רויטע פֿלעקן און דער גאַרבאַר-בוים האָט געלויכטן גרעל פֿון צווישן די טונקעלע קוסטעס. אַ שורה ווילדע גענז זענען געפֿלויגן נידעריק און זאָרגלאָז איבער די בערגלעך, שוועבנדיק צוריק צום לויטערן אָוונט-הימל. האָוואַט פּעניע, שטייענדיק אויפֿן פֿאַרהעלטניסמעסיקן ריינעם וועג, האָט באַשלאָסן, אַז די פֿליענדיקע מחנה וועט נישט צוקומען אַזוי נאָענט, אַז מ'זאָל קענען שיסן... ער האָט לחלוטין נישט געהאַט בדעה צו כאַפּן גענז. מיטן אָנקומען פֿון דער נאַכט איז זיין באַגייסטערונג פֿאַרשוווּנדן; אַ געוויינלעכע טעמפּע גלייכגילטיקייט, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין אַלע זיינע אָדערן...״

אָט איז ווידער דאָס זעלביקע: אומצופֿרידנקייט מיט אַלטע, גוטע מנהגים. בעבֿיט לייגט אַוועק דאָס בוך און האָרכט זיך איין אין דער שטילקייט. די אינעווייניקסטע טירן פֿון הויז זענען געווען אָפֿן. פֿון דער קיך האָבן זיך געהערט די רעגלמעסיקע טראָפּנס פֿון דער אייזשאַנק, אַן אומרויקער, איינדרוקספֿולער קלאַנג. ער האָט זיך צוגעשלעפּט צום פֿענסטער. די זומערנאַכט איז געווען געפֿלדיק און דורך די איידעלע דראָטענע שאַטקעס האָבן די הויכע גאָסן-לאָמפּן אויסגעזען, ווי בלייכע פֿייער-צלמים. די גאַנצע וועלט איז אים אויסגעקומען אומנאַטירלעך. בעת ער האָט אַזוי געטראַכט, זענען טעד און וועראָנע אַהיימגעקומען און זיי זענען געגאַנגען שלאָפֿן. די שטילקייט איז געדיכטער געוואָרן אין דעם איינגעשלאָפֿענעם הויז. ער האָט אָנגעטון דעם הוט, זיין פֿרעכטיקן

דערבײַ, פאַררויכערט אַ ציגאַר און גענומען שפּאַצירן הין און צוריק פאַרן הויז, אַ באַלייבטע, חשובע, רעאַלע, דורכויס נישט פאַנטאַסטישע געשטאַלט האָט געמורמלט שטילערהייט: דאָס געלד איז אַדורכגעוועבט מיט זילבער. ער האָט צופעליק אַ טראַכט געטון: — אייגנטלעך וואָלט איך דאָך געקענט אַ רוף טון פאָולן. אָבער ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געזען פאָולן אין זיינע תפיסה-מלבושים, אָבער אין דידאָזיקע יסורימדיקע מינוטן האָט ער נישט געוואָלט גלויבן אין דער ווירקלעכקייט פון די געשעענישן. דאָס איז געווען אַ קערן פון דער אומווירקלעכקייט פון דעמדאָזיקן נעפּלהאַפטן פאַרכישופטן אָוונט.

ווען מירע וואָלט דאָ איצט געווען, וואָלט זי אים שוין געמאַכט באַמערקונגען: — ס'איז נישט שפּעט, דזשאָרדזש? — ער איז געגאַנגען אין זיין הילפלאָזער און אויסגעווונטשענער פרייהייט. דער נעפּל האָט אַצינד איינגעהילט זיין הויז. די וועלט איז נאָך נישט באַשאַפן געוואָרן, אַ כאַאָס אָן שום באַוועגונג און פאַרלאַנגען.

דורך דעם נעפּל איז געקומען אַ מענטש, מיט אַזיינע גיכע טריט, אַז בעת ער איז אַריינגעטרעטן אין אַ העלן קרייז פון אַ לויכטנדער גאַסן-לאַמטער, האָט עס אויסגעזען, ווי ער וואָלט געטאַנצט פון משוגעת. ביי יעדן טריט האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן שטעקעלע און מיט אַ קלאַפּ עס אַראָפּגעלאָזט אויף די שטיינער. זיינע ברילן אויפן ברייטן קענטיקן שנירל, האָבן זיך געשאָקלט אויף זיין בויך: בעביט האָט פאַרחידושט דערזען, אַז דאָס איז טשום פרינק.

פרינק איז שטיין געבליבן, קאָנצענטרירט זיין בליק און פייערלעך אַ זאָג געטון:

— אָט האָסטו נאָך אַ משוגענעם, דזשאָרדזש בעביט. פאַרברענגט זיין לעבן מיט מעקלען הילצערנע הייזער. דו ווייסט, ווער כ'בין? כ'בין דער פאַררעטער פון דער ליריק. כ'בין שכּור. איך רעד אַביסל צו פיל. ס'איז מיר אַלץ איינס. ווייסט, וואָס איך האָב געקאָנט זיין? כ'האָב געקאָנט זיין אַ

דזשען פילד אָדער אַ דזשעמס וויטקאָמב רילי. מעגלעך אַ סטעווענסאָן. כ'האָב אַלץ געקאָנט זיין. אַ קאַפּריז. פאַנטאַזיע. הער אויס, הער דיך צו, ס'האָט געקאָנט אַמאָל זיין:

שימערענד און זומערדיק, לאָנקעס גרין-געבענטשטע,

מיט זשוקעס פול, און בלימעלעך און בונט-פאַרביקע מענטשן.

האָסט געהערט? ס'אי—איז געווען שטימונג האָב איך געשריבן. איך האָב נישט געוווסט, וואָס דאָס איז אַזוינס געמיין; אָנגעהויבן מיט גוטע לידער. גאָרטן-לידער פאַר קינדער. און היינט, וואָס שרייב איך? שמאַטעס! פריילעכע לידער. אַלץ שמאַטעס! געקאָנט אַמאָל שרייבן — שוין שפעט!

ער איז געגאַנגען ווייטער. מיט אַ ליאַרעמדיקן שפרונג פאָרויס, ס'האָט זיך געדוכטן, ווי אָט פאַלט ער, אָבער ער איז נישט אַנידערגעפאַלן. בעבּיט וואָלט נישט געווען מער איבעראַשט, ווען ס'וואָלט זיך באַוויזן פאַר אים אַ געשפענסט, אַרויסקומענדיק פון שני מיטן קאָפּ אונטערן אָרעם. ער האָט געקוקט אויף פרינקן מיט דער גרעסטער אַפּאַטיע; ער האָט אַ מורמל געטון: אָרעמער פאַרשוין! און ער האָט אים תיכף פאַרגעסן.

אַ פאַרמאַטערטער איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטוב. ער איז נאָכטראַכטנדיק צוגעגאַנגען צו דער אייז-שאַנק און זי אָנגעהויבן צו באַרויבן. בעת פרוי בעבּיט איז געווען אין שטוב, איז דאָס געווען איינער פון די גרעסטע פאַרברעכנס. ער איז געשטאַנען ביי אַ שורה צוגעדעקטע טעלער, ער האָט אַראָפּגעגעסן פון אַ הינערנעם ביין און צוגעזופּט מאַלינע-באָרשט, און ער האָט געבּרומט איבער די קאַלטע קאַרטאָפל. ער האָט זיך פאַרטראַכט. ס'איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אפשר איז דאָס גאַנצע לעבן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט, גאָרנישט ווערט, אַז דער הימל, ווי עס האָט אים געשילדערט דער חשובער דזשאָן דזשעניסאָן דריו, איז נישט אינטערעסאַנט און נישט אמתדיק, אַז פאַרדינען געלט איז בכלל גאָרנישט קיין אָנגענעמע זאַך; אַז ס'איז זינלאָז צו האָדעווען קינדער, נאָר דערפאַר, אַז זיי זאָלן קאָנען האָדעווען זייערע קינדער, וואָס זאָלן ווידער האָדעווען

די ווייטערדיקע קינדער. און וואָס קומט דאָ בכלל פאַר? וואָס וויל ער אייגנטלעך אויפטון?

ער איז אַרומגעקראָכן אין אויפנאַם־צימער, געלייגט זיך אויף דער קאַנאַפּע, די הענט הינטערן קאָפּ.

וואָס אייגנטלעך וויל ער? עשירות? אַ געזעלשאַפטלעכע שטעלונג? אַרומרייזן? אַ דינערשאַפט? יאָ, אָבער נאָר פאַרביי־גייענדיק.

— כ'וועל אַ סוף מאַכן דערמיט, — האָט ער אַ זיפץ געטון.

אָבער ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף האָבן פּאָול ריס־לינג; און נאָכדעם איז ער געשטרויכלט געוואָרן מיטן געדאַנק, אַז ער דאַרף דאָס פייערלעכע מיידל — איר לייב. ווען ער וואָלט אַזוי געהאַט אַ פרוי, וואָס ער זאָל ליב האָבן, ער וואָלט געלאָפן צו איר, איינגעבוירעט זיין קאָפּ אין איר שויס.

ער האָט אַ טראַכט געטון וועגן זיין סטענאָגראַפיסטין, פריילין מעק גאָון. ער האָט געטראַכט וועגן דעם שענסטן מאַניקור־מיידל פון פריזיר־סאַלאָן אין האָטעל דאָרנלייט. בעת ער איז איינגעשלאָפן אויף דער קאַנאַפּע, האָט ער אַנטדעקט, אַז ער האָט שוין געפונען עפּעס נייעס אין זיין לעבן, און אַז ער האָט געמאַכט אַ מוראדיקן איבעררייס מיט דעם אַלע־מען, וואָס ס'איז געווען אָנשטענדיק און נאָרמאַל.

ב.

צומאָרגנס האָט ער פאַרגעסן אין זיין גייסטיקן בונט, אָבער אין דער ביוראָ איז ער געווען אויפגערעגט, און עלף אַ זייגער, ווען די ענגשאַפט אין דער ביוראָ און די טעלעפאָן־רופן זענען געווען גרויס, האָט ער געטון עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט שוין לאַנג געטראַכט צו טון, וואָס ער האָט שפּע־טער לאַנג נאָכגעטראַכט; אָן דעם נויטיקן מוט עס אויסצופירן, האָט ער פאַרלאָזט די ביוראָ, נישט איבערבעטנדיק זיינע

שקלאַפּן און אַוועק אין קינאָ אַריין. ער האָט זיך געפרייט מיט זיין רעכט צו זיין אַליין. ער איז געקומען צו אַ זינדיקן באַשלוס צו טון, וואָס ס'וועט אים געפעלן.

אַז ער איז אין קלוב צוגעקומען צום טיש פון די ווייסע חברהניקעס, איז ער אויפגענומען געוואָרן מיט אַ געלעכטער.

— נו, דאָ איז דער מיליאָנער! — האָט סידניי פינקעלשטיין אַ זאָג געטון.

— יאָ, איך האָב אים געזען אין זיין לאָקאָמאָביל! — האָט פּראָפעסאָר פּאָמפּרי געזאָגט.

— טייערער גאָט, ווי הערלעך ס'מוז זיין, ווען מ'איז אַזאַ איידעלער פּאַטראָן, ווי דזשאָרזש! — האָט ווערדזשיל גאָנטש זיך געחידושט — אַ סברה, אַז ער האָט באַגזלט גאַנץ דאָרטשעסטער. ס'איז אים ממש אַ שאָד געווען איבערצולאָזן אַ שטיקל ערד זיין אייגענעם גורל, אויב ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט עס אַוועקצורויבן!

זיי האָבן בדעה אים אָנצוציען, באַשליסט בעביט שטילערהייט אין זיך, זיי ווילן אים, אַזוי צו זאָגן, נעמען אויפן צימבל. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אים הנאה געטון דידאַזיקע פּאַראינטערעסירונג, אָבער ער האָט זיך געפילט געטראָפן. ער האָט אַ מורמל געטון: — הם, יאָ; מעגלעך, אַז כ'וועל אייך נאָך נעמען צו מיר אין דער ביוראָ אַריין פאַר אָנגעשטעלטע. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, בעת דער וויץ האָט זיך לאַנגזאַם צערונען אין זיין עפעקטלאָזיקייט.

— ער האָט געמוזט האָבן אַ ראַנדעווו מיט אַ מיידל, — האָבן זיי געזאָגט, און — ניין, איך מיין, אַז ער האָט געוואַרט אויף זיין אַלטן שול-חבר, סיר ירושלעם דאָאַק.

ער האָט אַרויסגעזעצט:

— נו, לייגט שוין אַרויס, וואָס איר האָט, איר איינזלשעקעפּ! וואָס איז דאָס פאַראַ וויץ?

— הוראַ! דזשאָרזש איז באַליידיקט! — האָט סידניי פינקעלשטיין געקייכט, בעת אַלע אַרום טיש האָבן מיטגעלאַכט.

גאַנטש האָט שעמעוודיק מודה געווען דעם אמת: ער האָט
געזען בעביטן אַרויסגיין פון קינאָ — מיטאָג צייט!

דערביי זענען זיי געבליבן. אין הונדערט וואַריאַנטן, אין
הונדערט געלעכטער, האָבן זיי איבערגעחזרט, אַז בעביט האָט
באַזוכט אַ קינאָ אין די האַנדלס-שעהן. ער האָט נישט גע-
האַט אַזוי ווייט קיין טענה צו גאַנטשן. אָבער אים האָט גע-
לאַנגווייליקט סידניי פינקעלשטיין, דער כיטרער, גראָבער, אומ-
געלומפערטער, רויטהאָריקער וויצלער. דאַן האָט אים געשטערט דאָס
שטיקל אייז אין זיין גלאָז וואַסער. ס'איז געווען צו גרויס, ס'איז גע-
געשווימען אין וואַסער און צוגעפרוירן צו זיין נאָז, בעת ער האָט גע-
וואָלט טון אַ טרונק. ער האָט זיך געכעסט, אַז פינקעלשטיין
איז פונקט ווי דאָס שטיקל אייז. אָבער צום סוף האָט ער
טריומפירט איבער זיי: ער האָט נישט געקאַרגט מיט זיינע
שפּאָטישע ענטפערן, ביז זיי זענען פאַרמאַטערט געוואָרן פון
לצנות און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו די גרויסע פּראָבלע-
מען פון טאָג.

ער האָט זיך פאַרקלערט:

— וואָס איז מיט מיר היינט? ס'זעט אויס, ווי כ'וואָלט אויפ-
געשטאַנען אויף דער לינקער זייט. אָבער זיי רעדן היינט אַזוי
פיל. טאָמער וועל איך ליבערשט זיין אַביסל פאָרזיכטיקער און
האַלטן ס'מויל.

אַז זיי האָבן פאַררויכערט ציגאַרן, האָט ער אַ מורמל
געטון:

— מ'וועט זיך קלויבן אין וועג אַריין—און אונטער אַ כאָר:
„אויב דו ווילסט גיין אינדערפרי מיט מיידלעך אין קינאָ
אַריין!" האָט ער זיך דערווייטערט. ער האָט נאָך געהערט
הינטער זיך זייער געלעכטער. ער איז געווען נידערגעשלאָגן.
בעת ער האָט מיט אַן איבערגעג[illegible]יבענעם פּאַטאָס מסכים גע-
ווען מיטן גאַרדעראָבע-דינער, אַז דאָס וועטער אין דרויסן
איז וואַרעם, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער איז איינזאַם,
אַז ער וואָלט גערן געלאָפן צו יענעם פאַרכשופטן מיידל, כדי
אויף איר שויס צו פאַרגעסן אָן אַלע ליידן.

ג.

ער האָט פֿאַרהאַלטן פרײלין מעק גאָון אין זײַן צימער, נאָכדעם, ווי ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס דיקטירן. ער האָט געזוכט אַ טעמע, וואָס זאָל פֿאַרוואַנדלען איר אומפֿערזענלעכן ביוראָקראַטיזם אויף וואַרעמער פרײַנטשאַפֿט.

— ווו וועט איר פֿאַרברענגען די פֿעריען? — האָט ער געפֿרעגט, וואָרטשנדיק ווי אַ קאָטער.

— איך מײן, אַז כ׳וועל אַוועקפֿאָרן אין אַ פֿאַרם; ווילט איר נאָך דעם סידאָן-אָפּמאַך הײַנטיקן נאָכמיטאָג...

— אָך, ס׳איז נישט אַזוי נויטיק... איך מײן, אַז איר וועט זײַן צופֿרידן, ווען איר וועט אַנטלויפֿן פֿון דער ביוראָ און פֿון אונז משוגעים.

זי האָט זיך פֿאַררויטלט און באַטראַכט איר בלײַפֿעדער.

— אָך, קײנער איז דאָ נישט משוגע, כ׳מײן, אַז כ׳וועל האָבן גענוג צײַט איבערצושרײַבן דעם קאָנטראַקט נאָך די בריוו.

זי איז פֿאַרשוווּנדן. בעבּיט האָט עקשנותדיק געלײקנט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פּרוּוו זיך צו דערוויסן, צי מען וועט זיך קענען דערנענטערן צו פֿרײלין מעק גאָון. ער האָט אַ זאָג געטון:

— נאַטירלעך האָב איך געוווּסט, אַז ס׳וועט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן!

ד.

עדיע סוואָנסאָן, דער אויטאָמאָביל אַגענט, וואָס האָט געוווינט אויף דער אַנדערער זײַט קעגנאיבער בעבּיטן, האָט אײַנגעאָרדנט אַ זונטיק-מאָלצײַט. זײַן ווײַב ליטע, די יונגע ליטע-וואָס האָט ליב געהאַט דזשאַז-מוזיק, קלײדער און פֿאַרווײַלונגען, האָט געטומלט מער ווי תּמיד.

— מיר וועלן האָבן אַ ריכטיקע פאַרווײלונג, — האָט זי געשריגן, בעת זי האָט אויפגענומען די געסט.

בעביט האָט נאָך פריער אַנטדעקט, אַז זי ווירקט רייצנד אויף אַ סך מאַנסבילן; אַצינד האָט ער איינגעזען, אַז זי רייצט אים אַליין אויך אַ שפּאָר ביסל. פרוי בעביט האָט קיינמאָל אויף ליטען נישט געזאָגט קיין גוט וואָרט; בעביט איז געווען צופרידן, וואָס זי איז דאָ נישטאָ דעם היינטיקן אָוונט.

ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער וועט איר צוהעלפן אין דער קיך: ער האָט אַרויסגענומען די הינערנע קאָטלעטן פון וואַרעם־אויוון און די פּוטער־שניטן פון דער אייז־שאַנק. איינמאָל האָט ער געהאַלטן איר האַנט און שטאַרק געדריקט, און זי האָט עס נישט באַמערקט. זי האָט אַרויסגעזונגען:

— איר זענט אַ גוטע, טייערע הילף פאַר אַ פרוי, דזשאָרזש. איר נעמט די טאַץ און שטעלט זי אַוועק אין זאַל אויף אַ זייט טישל.

ער האָט באַגערט, אַז עדיע סוואָנסאַן זאָל זיי מכבד זיין מיט קאָקטאַיל; אַז ליטע זאָל טרינקען אַ גלעזל. ער האָט געוואָלט — אָך, ער האָט געוואָלט זיין איינער פון יענע ציגיינער, וועגן וועלכע מען לייענט אין ביכער. אַטעליע־אויפנאַמען, ווילדע, פרייליכע מיידלעך, וואָס זענען זעלבסטשטענדיק, נישט אומבאַדינגט קיין שלעכטע, דורכויס נישט, אָבער נישט קיין באַגרענעצטע, ווי אויף פלאָרעל הייטס. ווי אַזוי האָט ער דורכגעלעבט די אַלע יאָרן.

עדיע האָט זיי נישט כּמבד געווען מיט קאָקטאַיל. פונדעסטוועגן איז געווען ביים מאָלצייט זייער פריילעך, און אָרוויל דזשאָנס האָט איינציקע מאָל איבערגעחזרט: אויב ליטע וועט זיך באַשליסן אַוועקצוזעצן אויף מיין שויס, וועל איך אין איין אויגנבליק אויפעסן אַלע פּוטערשניטן. אָבער פונדעסטוועגן זיי זענען געווען ערנסט, ווי ס׳האָט געפּאַסט אויף אַ זונטיקדיקן מאָלצייט. בעביט האָט דיסקרעט זיך רעזערווירט אַן אָרט אויפן קלאַוויר־בענקל לעבן ליטען. בעת ער האָט גערעדט וועגן מאָטאָרן, בעת ער האָט אויסגעהערט מיט אַ פּאַר־

געזען דעם פֿאַרגאַנגענעם מיטוואָך, בעת ער האָט געהאָפּט, אַז אַט וועט זי אַ סוף מאַכן צו איר דערציילן וועגן די שיינקייט פֿון דעם העלד און דעם לוקסוס פֿון דער אויסשטאַטונג, האָט ער אַלץ פּסדר געקוקט אויף איר: די שלאַנקע טאַליע אַרומגענומען מיט זייד, די ענערגישע ברוינע פֿלאַמענדיקע אויגן, די האָר צעטיילט ביים ברייטן שטערן — זי איז אים אויסגעקומען די פֿאַרקערפּערונג פֿון יונגקייט און שיינקייט, וואָס האָט אים געמאַכט טרויעריק. ער האָט זיך פֿאַרטראַכט, וואָס פֿאַר אַ גוטע פּאַרטנערין זי וואָלט געווען אויף אַ לאַנגער אויטאָמאָביל־רייזע, קלעטערן אויף בערג, צו פֿאַרברענגען מיט איר אין אַ יונגן סאָסנע־וואַלד, ערגעץ הויך איבער טאָלן. איר לייכטקייט האָט אים געריצט: ער איז געווען בייז אויף עדיע סוואָנסאַן פֿאַר זיינע שטענדיקע מחלוקת אין שטוב. און פּלוצלונג האָט ער זי פֿאַרייניקט מיט יענעם מיידל פֿון זיינע חלומות. די איבערצייגונג, אַז זיי הערן נישט אויף צו בענקען איינער נאָכן אַנדערן האָט אים איבערראַשט און איבערגעשראָקן.

— איך מיין, דו מוזט פֿירן אַ שרעקלעך געמיין לעבן אַצינד, ווען דו ביזט אַליין, — האָט זי אַ זאָג געטון.

— ר׳זאָלט וויסן! כ׳בין אַ געמיינער חברה־מאַן און כ׳בין שטאָלץ דערמיט. אין איינעם אָן אָוונט שיט איך אַריין אַביסל שלאָף־פּראָשעק אין עדיעס קאַווע אַריין און גנבע אייך אַריבער צו מיר, דאַן וועל איך אייך שוין וויזן, ווי אַזוי מען מישט צונויף קאָקטאַיל, — האָט ער אַ רעווע געטון.

— נו, כ׳ווייס נישט! מעגלעך, אַז כ׳וועל עס טון! מ׳קאָן נישט וויסן!

— נו, ווען ס׳וועט זיך אייך פֿאַרגלוסטן, הענגט אַרויס אַ וויים האַנטוך פֿון פֿענסטער און איך וועל שוין צו אייך אַריינשפּרינגען נאָך אַ קאָפּ בראָנפֿן!

אַלע האָבן געלאַכט פֿון דעמדאָזיקן דרייסטן וויץ. עדיע סוואָנסאַן האָט מיט אַ צופֿרידן פּנים דערקלערט, אַז ער וועט

יעדן טאָג שיקן די קאַווע צו אַ דאָקטאָר אויף אַן אַנאַליז. די איבעריקע זענען פאַרנומען געווען מיט אַ דיסקוסיע וועגן דעם גרויסן, דעם נייעסטן מאָרד, אָבער בעביט האָט זיך פסדר באַמיט, אַריינצוציען ליטען אין אַ פערזענלעכן געשפרעך.

— דאָס איז דאָס שענסטע קלייד, וואָס כ׳האָב נאָר אַמאָל געזען אין מיין לעבן.

— ס׳געפעלט דיר באמת?

— אויב ס׳געפעלט מיר? יאָ, הער אויס, איך וועל אַ שמועס טון מיט קענעט עסקאָט, ער זאָל געבן אַזאַ נאָטיץ, אַז די שענסטע געקליידעטע פרוי אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז ליטע סוואָנסאַן.

— נו, הער שוין אויף מיט די נאַרישקייטן! — אָבער זי האָט געשטראַלט — לאָמיר טאַנצן אַביסל. דזשאָרזש, דו מוזט אומבאַדינגט מיט מיר טאַנצן.

הגם ער האָט פּראָטעסטירט: — אָן, איר ווייסט דאָך, ווי וואָסער שלעכטער טענצער איך בין! — האָט ער זיך באַלד אויפגעשטעלט.

איך וועל אייך לערנען. כ׳קאָן לערנען יעדן איינציקן.

אירע אויגן זענען געווען פייכט. איר קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג. ער איז געווען איבערצייגט, אַז ער האָט זי באַהערשט. ער האָט זי אַרומגענומען, געפילט איר ווייכע וואַרעמקייט, און פייערלעך זיך געדרייט מיט איר אין אַן אונאַן-סטעפּ. ער האָט זיך נאָר אָנגעשטויסן אָן איינעם אָדער צוויי מענטשן: — צום טייוול, כ׳מאַך עס דאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט; כ׳בין שוין באַלד אַן אמתער טענצער! — האָט ער טריומפירט; און זי האָט געענטפערט באַשעפטיקט: — יאָ, יאָ — כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז כ׳קען יעדן איינעם אויסלערנען — מ א כ ט נ י ש ט אַ ז ו י נ ע ג ר ו י ס ע ט ר י ט !

אין אַן אויגנבליק האָט ער פאַרלוירן זיין זיכערקייט; מיט מוראדיקער קאָנצענטראַצע האָט ער געזוכט צוריק אָנצוכאַפּן דעם טאַקט צו דער מוזיק. אָבער ער איז ווידער מיטגעריסן געוואָרן פון איר רייץ: — זי מוז זיך אין מיר פאַר-

ליבן. איך וועל שוין אַזוי מאַכן! — האָט ער אַ נדר געטון. ער האָט זיך באַמיט אַ קוש צו טון דעם לאָק, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען איבער איר אויער. זי האָט מעכאַניש אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ, כּדי אים אויסצומיידן, מעכאַניש האָט זי געמורמלט:

— וואָס טוט איר?

אַן אויגנבליק האָט ער זי געהאַסט, אָבער אין אַן אויגנבליק שפּעטער איז ער ווידער געוואָרן נידערגעשלאָגן. ער האָט געטאַנצט מיט פרוי אָרוויל דזשאָנס, אָבער דערבײַ האָט ער באַאָבאַכטעט ליטען, וואָס האָט זיך איצט געגליטשט איבערן צימער מיט איר מאַן.

— פּאָרזיכטיק, דו מאַכסט זיך נאַריש, — האָט ער זיך אַליין געוואָרנט, בעת ער האָט געטאַנצט און אײַנגעבויגן זײַנע קני צום טאַקט פון פרוי דזשאָנס, און ער האָט צו איר אַ מורמל געטון: — ווי הייס! פּלוצלונג, אָן שום סיבה האָט ער אַ טראַכט געטון וועגן פּאָולן, וואָס זיצט איצט אין אַ פינסטערער תּפיסה, ווו מ׳טאַנצט קיינמאָל נישט: — כ׳בין משוגע דעם הײַנטיקן אָוונט, גלײַכער צו גיין אַהיים — האָט ער געטראַכט פאַרדאגעט, אָבער ער האָט באַלד פאַרלאָזט פרוי דזשאָנס און צוגערוקט זיך צו ליטען.

— דער צווייטער געהערט מיר, — האָט ער געזאָגט.

— אָך, ס׳איז מיר אַזוי הייס; כ׳וועל שוין מער נישט טאַנצן.

— דאַן, — ער האָט זיך געמאַכט האַרץ - קומט אַרויס מיט מיר אינדרויסן אויף דער וועראַנדע, מירן זיך אַביסל אָפּקילן.

— קומט! —

אין דער צאַרטער טונקלקייט, מיט דעם ליאַרם און ליכטיקייט פון הויז הינטער די פּלייצעס, האָט ער אַנטשלאָסן אַרײַנגענומען איר האַנט אין זײַנע. אַ ווײַלע האָט זי געדריקט זײַנע פינגער און תּיכּף זיי אָפּגעלאָזט.

— ליטע! איך גלויב, אַז איר זענט דאָס שענסטע וועזן חאָט כ׳האָב נאָר אַמאָל געזען אין מיין לעבן!

— נו, איך האַלט, אַז איר זענט אויך גענוג שיין.

— באמת? איר מוזט מיך אַביסל ליב האָבן! איך בין דאָך אַזוי איינזאַם.

זי האָט אונטערגעשפּאַרט אירע הענט אונטער דער גאָמבע, אַז ער זאָל זי נישט קאָנען אָנרירן. ער האָט אָפּגעזיפצט:

— ווען כ׳פיל זיך נישט מיט אַלעמען — ער איז שוין געווען גרייט פאַר איר צו ברענגען די טראַגעדיע פון פּאָולן, אָבער דאָס איז געווען אַ צו הייליקער קרבן פאַר דער דיפּלאָמאַטיע פון ליבע — ווען כ׳בין שוין פאַרמאַטערט פון געשעפט און פון אַלץ, דאַן טו איך אַ קוק איבער די גאַס און איך טראַכט וועגן אייך. איר ווייסט, ס׳האָט זיך מיר אַפילו איינמאָל געחלומט פון אייך?

— כאָטש אַ גוטער חלום?

— אַ הערלעכער!

— נו, מ׳זאָגט, אַז אַ חלום באַדייט אייביק דאָס פאַרקערטע! איצטער מוז איך שוין גיין...

זי האָט זיך אַ הויב אויף געטון.

— אָך, גייט נאָך נישט אַוועק, כ׳בעט אייך, ליטע!

— יאָ, כ׳מוז. כ׳מוז ווייַלן די געסט.

— זאָלן זיי זיך אַליין ווייַלן!

— כ׳קאָן דאָס נישט. זי האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין אַקסל און איז אַנטלאָפן.

אָבער נאָך צוויי מינוט פאַרשעמטער, קינדערשער ווילן צו לויפן אַהיים, האָט ער אַ מורמל געטון:

— נאַטירלעך האָב איך מיר גאָרנישט געגעבן די מי, צו ווערן אינטים מיט איר! כ׳האָב באַלד געוווסט, אַז ס׳וועט זיך גאָרנישט לאָזן מאַכן! און ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן מיט פרוי אָרווייל דזשאָנס, אויסגעמיטן ליטען צניעותדיק, דעמאָנסטראַטיוו.

קאפיטל XXIV

א.

זיין באַזוך ביי פּאָול ריסלינג איז געווען אַזוי אומ־ווירקלעך, ווי זיין נעפּלדיקע און ספקותפולע נאַכט. ער איז געגאַנגען, נישט אומקוקנדיק זיך, דורך די תּפיסה־קאָרידאָרן, וואָס האָבן געשטונקען מיט קאַרבאָל, צו אַ צימער, ווו ס׳זע־נען געשטאַנען העל־געלע בענקלעך, ענלעך צו די, וואָס ער האָט געזען יינגלווייז אין אַ שיך־געשעפט. דער שליסער האָט אַריינגעפירט פּאָולן. איבערן כאַלאַט פון גרויען לייוונט, האָט געשוועבט פּאָולס בלייך און אויסדרוקלאָז פּנים. ער האָט זיך באַוועגט מיט מורא און אויסגעפירט דעם שליסערס באַפעלן. אַ נידערגעשלאָגענער האָט ער אים דערלאַנגט בעביטס מתנות צום רעווידירן: טאַבאַק און עטלעכע צייטשריפטן. ער האָט נישט געהאַט, וואָס צו רעדן אַ חוץ:

— אָך, איך הויב מיך שוין אָן צוצוגעוווינען — און איך אַרבעט אין שניידער־וואַרשטאַט, דער רויער שטאָף מאַכט מיר ווונדן אויף די פינגער.

בעביט האָט געוווּסט, אַז אין דעמדאָזיקן טויזן־הויז, איז פּאָול כמעט ווי אַ טויטער. און בעת ער איז געווען אין צוג און געפאָרן אַהיים, האָט זיך אים געדאַכט, ווי אין אים אַליין איז אויך עפּעס אָפּגעשטאָרבן: דער טרייער און שטאַרקער גלויבן אין דער ערלעכקייט פון דער וועלט, די מורא פאַר עפנטלעכע בושה, די שטאָלצע פרייד פון דערפאָלג... ער איז געווען צופרידן, וואָס זיין ווייב איז אַוועקגעפאָרן. ער האָט אַ

טראַכט געטון וועגן דעם, און נישט געפּרוּווט אַפילו זיך צו פאַרענטפערן. ס'איז אים געווען גאַנץ גלייכגילטיק.

ב.

אויף אַ וויזיט-קאַרטע איז געשטאַנען: „פרוי דניאל יודיקע". בעביט האָט געהערט וועגן איר, אַז זי איז אַן אלמנה נאָך אַ פּאַפּיר-סוחר. זי האָט שוין געמוזט אַלט זיין פערציק אָדער צוויי-און-פערציק יאָר, אָבער ווען ער האָט זי געזען ביי זיך אין ביוראָ, אין דעמדאָזיקן נאָכמיטאָג, איז זי אים אויסגעקומען פיל יונגער. זי איז געקומען זיך דערקונדיקן וועגן אַ וווינונג, און ער האָט זי אָנערקענומען פון דער פריִשער נאָך נישט איינגעאיבטער בוכהאַלטערין. ער איז דערשטוינט געוואָרן פון איר פראַכט. זי איז געווען אַ שלאַנקע פרוי, אָנגעטון אין אַ שוואַרץ קלייד, געפּוצט מיט ווייס, וואָס האָט געווירקט קאַלט און גראַציעז. אַ ברייטער, שוואַרצער הוט האָט פאַרשאָטנט איר פּנים. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט אַ פייכטן שימער, איר ווייכער קין איז געווען אָנגענעם קיילעכדיק און אירע באַקן גלייכמעסיק-רויט. בעביט האָט זיך שפּעטער פאַרטראַכט, צי דאָס איז נישט געמאַכט, אָבער אַ מאַנסביל האָט זיך ווינציק-וואָס געקאָנט אויף דער קונסט.

זי איז געזעסן און געדרייט איר פּיאָלעטן זון-שירם אין דער האַנט. איר קול איז געווען פאַרפּירעריש און נישט זשעבירט:

— כ'וויל וויסן, צי איר קאָנט מיר אין עפּעס העלפן.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— כ'האָב שוין געזוכט אומעטום — און כ'באַדאַרף אַ קליינע וווינונג, אַ שלאָפצימער, אָדער צוויי, אַן אויפנאַם-צימער, אַ קליינע קיך און אַ באָד-צימער, אָבער איך וויל עפּעס אַזוינס, וואָס מען זאָל באמת קאָנען אָנרופן שיין, נישט די שמוציקע לעבער אָדער עפּעס אַ נייעם באַראַק מיט די

געשמאַקלאָזע בלישטשנדע לאָמפּן. און איך קאָן נישט צאָלן אַזויפיל דירה-געלט. מיין נאָמען איז טאַניס יודיקע.

— איך גלויב, אַז איך האָב גראָד עפּעס פּאַסנדיקס פאַר אייך. קאָנט איר מיט מיר אפשר איצט אַ פאָר טון?

— יאָ, איך האָב גראָד עטלעכע שעה צייט.

אין די נייע קיווענדיש-הייזער האָט בעביט געהאַט אַ וווינונג, וואָס ער האָט רעזערווירט פאַר פינקעלשטיינען, אָבער דער געדאַנק צו פאָרן לעבן דערדאָזיקער אָנגענעמער פרוי, האָט אים געמאַכט פאַרגעסן אָן זיין פריינט פינקעלשטיין, און אין אַ גאַלאַנטן טאָן האָט ער דערקלערט:

— איר וועט באַלד זען, וואָס איך קאָן פאַר אייך טון.

ער האָט אָפּגעווישט פאַר איר עטוועגן, דעם שטויב פון געזעס אינם אויטאָמאָביל און צווימאָל האָט ער איינגעשטעלט זיין לעבן, כדי צו ווייזן פאַר איר, ווי אַזוי ער פאָרט.

— איר האַלט דעם אויטאָמאָביל אויסערגעוויינלעך גוט!

— האָט זי געזאָגט.

איר קול איז אים געפעלן געוואָרן. ס'איז דאָ מוזיק אין איר שטימע, — האָט ער געטראַכט, — און אַ סך קולטור, נישט ווי די גריילצעריי און די קייכנדע שטימע פון אַ ליטע סוואָנסאַן.

ער האָט זיך אָנגעהויבן באַרימען:

— איר ווייסט, ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס זענען אַזוי פאָרזיכטיק און זיי פאָרן אַזוי פאַמעלעך, אַז זיי פאַרשטעלן יעדן דעם וועג. דער זיכערסטער שאָפער איז דער, וואָס ווייסט, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט דער מאַשין און האָט נישט קיין מורא צו פאָרן גיך, אויב ס'איז נויטיק. ווי מיינט איר?

— יאָ, אַוודאי!

— איך גלויב אויף זיכער, אַז איר קאָנט אויסגעצייכנט פירן אַן אויטאָמאָביל.

— אָך, ניין — איך מיין — נישט אַזוי גוט. נאַטירלעך האָבן מיר אויך געהאַט אַן אויטאָמאָביל. אַמאָל נאָך, ווען

מײַן מאַן האָט נאָך געלעבט — און איך האָב תּמיד אַזוי שפּעקולירט, אַז איך זאָל קאָנען אַלײן פֿאָרן. אָבער איך גלױב נישט, אַז אַ פֿרױ זאָל קאָנען אַזױ פֿירן אַן אױטאָמאָביל, װי אַ מאַנסביל.

— נו, דאָס קאָן איך שױן נישט זאָגן, ס'זענען שױן הײַנט צװישן פֿרױען אױך דאָ גוטע שאָפֿערינס.

— אָ, פֿאַרשטײט זיך, ס'זענען פֿאַראַן פֿרױען, װאָס האָבן נישט קײן אַנדער ציל, װי נאָכצומאַכן די מענער, און זײ שפּילן גאָלף און אַלע אַנדערע זאַכן, אַזױ אַרום רױנירן זײ זײער אױסזען און מאַכן אַ תּל פֿון זײערע הענט!

— ס'איז אמת. כ'האָב קײנמאָל נישט איבעריק ליב גע־האַט די מענערישע װײַבער.

— איך — נאַטירלעך, אימפּאָנירן זײ מיר אומגעהױער, און איך פֿיל זיך לעבן זײ אַזױ שװאַך און אַזױ נוצלאָז.

— אַך, נאַרישקײטן! איך גײ אין געװעט, אַז איר שפּילט קלאַװיר פֿאַרכּשופֿט שײן.

— אָך, נײן, — ס'הײסט — כ'שפּיל נישט אַזױ אױסער־געװײנלעך גוט.

— נו, איך גײ מיט אײַך אין געװעט, אַז איר שפּילט זײער גוט!

ער האָט אַ קוק געטון אױף אירע װײכע הענט, אױף די בריליאַנטענע און רובינענע פֿינגערלעך. זי האָט דערפֿילט זײַן בליק, זי האָט צונױפֿגעפֿלאָכטן די הענט מיט אַ קעצישע באַװעגונג פֿון די לאַנגע, װײסע פֿינגער, װאָס האָבן אים אַנט־ציקט און אים אױפֿגערעגט:

— כ'האָב ליב צו שפּילן — ס'הײסט — כ'האָב ליב צו גרימפּלען אױפֿן קלאַװיר, אָבער כ'האָב קײנמאָל נישט סיסטע־מאַטיש געאיבט. העך יודיקע פֿלעגט זאָגן, אַז כ'האָב געקאָנט זײַן אַ גוטע קלאַװיר־שפּילערין, אױב כ'װאָלט געהאַט אַביסל לערע, אָבער מסתּמא האָט ער מיר סתּם געװאָלט מאַכן אַ קאָמפּלימענט.

ווי קומט! ער האָט עס געוויס געמיינט ערנסט, איך גיי אין געוועט, אַז איר זענט פול מיט טעמפּעראַמענט.

— ווער, איך? — איר האָט ליב מוזיק, הער בעביט?

— איר קאָנט זיך דערויף וועטן! נאָר מיך נעמט נישט אַזוי דאָס קלאַסישע.

— אָ, איך יאָ! איך האָב ליב שאָפּענען און די אַלע אַנדערע.

— טאַקע אַזוי? נו, איך גיי נאַטירלעך אויף די אַלע שווערע קאָנצערטן, אָבער איך האָב ליב אַ גוטן דזשאַז־אָר־קעסטער, מיט די העכסטע טענער, ווו דער פאַרשוין מיטן קאָנטראַבאַס דרייט זיך אויף איין אָרט און ציט אַרויף און אַראָפּ מיטן בויגן.

— אָ, כ'ווייס. איך האָב ליב אַ גוטע טאַנץ־מוזיק. און איך טאַנץ אַזוי גערן, איר נישט, הער בעביט?

— זיכער, איר קאָנט זיך דערויף וועטן. כ'בין נישט אַזאַ גוטער טענצער, אָבער פונדעסטוועגן...

— אָך, כ'בין זיכער, אַז איר טאַנצט גוט. פונדעסטוועגן וואָלט איך אייך אַביסל צוגעלערנט. איך קאָן אויסלערנען יעדן איינציקן.

— צי וועט איר מיר וועלן געבן אַ לעקציע פון צייט צו צייט?

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

— זייט בעסער פאָרזיכטיק, איך וועל אייך נאָך האַלטן ביים צוזאָג. כ'וועל קומען צו אייך אין שטוב אַריין, אַז איר זאָלט מיר געבן אַ לעקציע טאַנצן.

— טאַ—אַקע? — זי איז נישט געווען באַליידיקט, אָבער זי איז אויך נישט געווען איינשטימיק. בעביט האָט זיך אַליין געוואָרנט: — האָב אַצינד אַביסל שכל, שוטה איינער! ווייז דיך שוין נישט אַרויס פאַר אַן אייזל! און ער האָט מיט שטאָלץ דערקלערט:

— כ'וואָלט געווען זייער צופרידן, ווען איך קען טאַנצן, ווי די יונגע חברה־לייט, אָבער כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת:

לויט מיין מיינונג, דאַרף אַ מאַנסביל נעמען אויף זיך אַ גרויסן, איר מעגט זאָגן, אַ שעפערישן טייל פון דער אַרבעט אויף דער וועלט, ער מוז צופאַסן די פאַרהעלטעגישן צו זיין ווילן, כּדי צו קאָנען דערגרייכן דערפאָלג אין לעבן. צי מיינט איר נישט אויך אַזוי?

— אָ, אוודאי!

און מחמת דעם, מוז איך מקריב זיין אַ סך זאַכן, וואָס איך וואָלט געטון מיטן גרעסטן חשק, הגם, צוריק גע־שמועסט, שפיל איך פונקט אַזוי גוט אין גאָלף, ווי אַן אַנ־דערער.

— אָך, כ׳בין זיכער, אַז ס׳איז אַזוי... איר זענט פאַר־הייראַטעט?

— הם — יאָ... און, הם, נאַטירלעך, עפנטלעכע פליכטן— כ׳בין וויצע־פּרעזידענט פון בוסטער־קלוב, און כ׳בין דער אָנ־פירער פונם קאָמיטעט אין פאַרבאַנד פון הויז־מעקלער, אָט דאָס הייסט אַ געוואַלד מיט אַרבעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און אין פּראַקטיק איז מען צומאָל דערפאַר נישט דאַנקבאַר.

— אָך, כ׳ווייס עס. מענטשן, וואָס ווידמען זיך דעם כּלל, קריגן קיינמאָל נישט קיין דאַנק פאַר זייער אַרבעט.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט קעגנזייטיקן דרך־ארץ, און ווען זיי זענען צוגעקומען צו די קייוועגדיש־הייזער, האָט בעביט ריטערלעך איר געהאָלפן אויסשטייגן. ער האָט אָנגע־וויזן מיט דער האַנט אויפן הויז, ווי ער וואָלט געוואָלט איר עס פאָרשטעלן, און ער האָט פייערלעך באַפוילן דעם ווינדע־יונג: — טו אַ שפרונג נאָכן שליסל. אין דער ווינדע איז זי געשטאַנען האַרט לעבן אים, און ער איז געווען אויפגערעגט, אָבער פאָרזיכטיק.

דאָס איז געווען אַ שיינע וווינונג, מיט ווייסע דילן און בלייך־בלויע ווענט, פרוי יודיקע האָט מיט פאַרגע־ניגן איינגעשטימט זיך צו טוישן, און בעת זיי זענען געגאַנ־גען לענגאויס דעם קאָרידאָר צו דער ווינדע, האָט זי לייכט אַרויפגעלייגט אירע פינגער אויף זיין אַקסל, יאָכצנדיק:

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס כ'האָב זיך געווענדעט צו אייך! ס'איז דאָך אַזוי גוט צו קענען אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך אויף פאַרמיטלונג. אַך! די וווינונגען, וואָס אַנדערע האָבן מיר געוויזן!

ער האָט דערפילט אַ שאַרף, אינסטינקטיוו געפיל, אַז ער דאַרף זי איצט אומאַרמען, אָבער ער האָט זיך באַהערשט; מיט איבערגעטריבענער העפלעכקייט, האָט ער זי באַגלייט צום אויטאָמאָביל און זי אָפּגעפירט אַהיים. צוריקוועגס אין דער ביוראָ אַריין, האָט ער זיך געכעסט:

— ס'טוט מיר הנאה, וואָס כ'האָב כאָטש איינמאָל געהאַט שכל... זייער גוט, צו אַלדי רוחות, וואָס כ'האָב צומאָל נישט אַ פרווו געטון. זי איז אַן אוצר! אַנטציקנדיק! אַ חנוודיק ווען. הערלעכע אויגן און זיסע ליפּן און אַזאַ פיינע פיגור. וואָס פאַרא קערנדיקע ברוסטן — וואָס וועלן זיך קיינמאָל נישט צעיוירן, ווי ביי אַנדערע פרויען... ניין, ניין, ניין! זי איז אַ ריכטיקע, איידעלע דאַמע, אפשר די לעבעדיקסטע, רייצנדיקסטע פרוי, וואָס איך האָב שוין לאַנג נישט באַקאַנט. זי פאַרשטייט זיך זייער גוט אויף עפנטלעכע פראַגן און — אָבער פאַרוואָס האָב איך פאָרט נישט געמאַכט קיין פרווו מיט איר?... טאַניס!

ג.

ער איז געווען פאַרמאַטערט און צעשרויפט פון די איבערלעבענישן, אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ צוריקקער צו דער יוגנט, צו דער יוגנט אַלס אַזעלכע. דאָס מיידל, וואָס האָט אים ספּעציעל באַאומרויקט — הגם ער האָט נאָך קיינמאָל נישט גערעדט צו איר — איז געווען די לעצטע מאַניקירשע אויף דער רעכטער זייט אין פּאָמפּעישן פריזירסאַלאָן. זי איז געווען קליין, פלינק, שוואַרצהאָריק, לאַכנדיק. זי איז אַלט געווען ניינצן, אָדער אפשר צוואַנציק יאָר. זי

האָט געטראָגן דינע לאַקס-פּאַרביקע בלוזקעס, וואָס האָבן אַנטבלויזט אירע אַקסל און אירע, מיט שוואַרצע טאַשמעלעך באַצירטע וועש.

ער איז געגאַנגען אין פּאָמפּעישן סאַלאָן, אָפּשערן זיך די האָר. ווי תמיד, האָט ער זיך געפילט ווי אַ פּאַררעטער, בעת ער איז אַדורך זיין שכן, דעם פריזיר-סאַלאָן אין ריווס-געביידע. אָבער צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שולד:

צו אַלדי רוחות, איך דאַרף דאָך נישט גיין דאָ, ווו מיך ציט נישט! די ריווס-געביידע איז דאָך נישט מיינע! וואָס גייען מיך אָן די פריזירער! איך וועל מיר אָפּשערן מיינע האָר, דאָרט ווו מיר געפעלט! און גוט אַזוי. איך וויל שוין מער נישט הערן וועגן דעם. כ'בין שוין גענוג געווען אָפּהענגיק פון אַנדערע מענטשן — כ'טו, וואָס איך וויל. מיט אַזוינע וועגן קאָן מען ווייט נישט גיין! אַ סוף דערמיט!

דער פּאָמפּעישער פריזיר-סאַלאָן האָט זיך געפונען אין די קעלערן פון האָטעל דאָרנלייט, דער גרעסטער און מאָדערנסטער האָטעל אין זעניט. געדרייטע מירמלנע טרעפ מיט מעשענע בלישטשענדיקע פּאָרענטשן האָבן אַראָפּגעפירט פון קאָרידאָר אין האָטעל אַריין. אינעווייניק זענען אויסגעלייגט געווען ווייסע, שוואַרצע און טונקל-רויטע קאַפּלעס. דער סופיט איז געווען אַ סענסאַציע אין טונקעלן גאָלד, און חוצדעם איז נאָך געווען אַ פאָנטאַן. אַ מאַסיווע נימפע האָט אָן אויפהער געגאָסן פון אַ פולן שאַרלאַך-רויטן האָרן. פערציק פריזירער און ניין מאַניקירשעס האָבן געאַרבעט ווי די רוחות און ביים איינגאַנג האָבן זעקס נעגער אין ליבעריעס אויפגענומען די געסט, געהאָלפן אויסטון די היט און די קעלנער און אָנגעוויזן אַן אָרט אין וואַרטע-זאַל, ווו אויף אַ שניי-ווייסע פּאָדלאָגע איז געלעגן אַ דיוואַן, ווי אַ טראָפּישער אינזל אויפן אָקעאַן, און אויף אים זענען געשטאַנען אַ טוץ לעדערנע פאָטעלן אַרום אַ טישל באַוואָרפן מיט מאַגאַזינען.

בעביטס דינער איז דאָסמאָל געווען אַ הכנעהדיקער, גרוי־האָריקער נעגער, וואָס זיין דרך ארץ האָט מען הויך געשעצט אין אַזאַ שטאָט ווי זעניט — ער האָט באַגרוסט בעביטן ביים נאָמען. פונדעסטוועגן האָט זיך בעביט דערפילט אומגליקלעך. זיין רייצנדע, ספעציעלע מאַניקירשע איז געווען פאַרנומען. זי האָט געפיילט די נעגל ביי אַ פראַנטישן הער און זי האָט געלאַכט מיט אים. בעביט האָט דערפילט אין האַרצן אַ שנאה. לכתחילה האָט ער געוואָלט אונטערוואַרטן, ס'איז אוממעגלעך געווען צו ברעכן דעם סיסטעם, וואָס ס'האָט געהערשט אין פּאָמפּעישן סאַלאָן און זיך אויפצוהאַלטן, און אין איין אויגנבליק איז ער פאַרזונקען געווען אין אַ פאָטעל.

אַרום אים איז געווען אַ לוקסוריעזע קאָסטבאַר־אויסגעקליבענע פּראַכט. איינער פון די געסט האָט געלאָזט זיין פּנים באַשטראַלן מיט פיאָלעט־שטראַלן, אַן אַנדערער האָט פאַרלאַנגט שאַמפּאָן. דינער האָבן שווייגנדיק אַרומגעפירט די געהיימניספולע עלעקטרישע מאַסאַזש־מאַשינען אויף רעדער. די פריזירער האָבן אַרויסגעצויגן פאַריקע האַנטיכער פון אַ מאַשין, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ גלאַנצנדיקער ניקלנער האַרמאַט און נאָך איינמאָל באַנוצן, מיט פאַראַכטונג אַוועקגעוואָרפן אין אַ זייט. אויף אַ ריזיקער מירמלנער פּאָליצע, וואָס איז געהאָנגען אַקעגנאיבער זיין פּנים זענען געשטאַנען טויזנטער זאַלבן פון אַ גרינעם, געלן, רויטן קאָליר. בעביטן האָט הנאה געטון, וואָס ער קאָן באַשעפּטיקן אַרום זיך צוויי שקלאַפן — דעם פריזירער און דעם שיך־פוצער. ער וואָלט געווען פולשטענדיק גליקלעך, ווען ער וואָלט נאָך געקאָנט האָבן די קליינע מאַניקירשע לעבן זיך. דער פריזירער האָט אים געשווירן און גלייכצייטיק זיך אויסגעפּרענט זיין מיינונג וועגן די געיעגן פון האָוור דע גראַץ, וועגן די בייסבאָל־מעטשן און וועגן שטאָט־פּרעזידענט פּראָוט. דער שטיוול־פוצער — אַ יונגער נעגער — האָט אונטערגעבראָמט אַ בלעס און געפוצט בעביטס שיך צום טאַקט פון זיין מעלאָדיע. דער פריזירער האָט זיך

אַרויסגעוויזן פאַר אַ גלענצנדן סוחר. ער האָט דערוועקט בײַ בעביטן אַ געפיל פון רײַכטום און אײגענער ווירדע מיט זײַן פראַגע: — מיט וואָס פאַראַ זאַלבן באַנוצט איר זיך, מײַן הער? האָט איר הײַנט צײַט, מײַן הער, צו אַ מאַסאַזש אויפן פנים? אײַער הויט איז שוין אַ ביסל טרוקן; מאַכן אײַך אַ קאָפּ־מאַסאַזש?

בעביטס בעסטער פאַרגעניגן איז געווען שאַמפּאָן. דער פריזירער האָט באַדעקט זײַנע האָר מיט אַ דיקן שיכט זײַף, דאַן (בעת בעביט, אַרומגענומען אין אַ לײַלעך, איז געזעסן געבויגן איבער דער שיסל), האָט ער געוואַשן זײַן קאָפּ מיט הײס וואַסער און לסוף אַ לאָז געטון אויף אים אַ שטראָם קאַלט וואַסער. פון דעם קאַלטן וואַסער האָט בעביטן אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ. זײַן ברוסט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, איבער זײַן רוקן איז דורכגעלאָפן אַן עלעקטרישער שטראָם. דאָס איז געווען אַן אָנגענעם געפיל, וואָס האָט איבערגעריסן די אײנטאָניקײט פון זײַן לעבן. בעת ער איז געזעסן אין פאָטעל, האָט ער זיך שטאָלץ אומגעקוקט אַרום סאַלאָן. דער פריזירער האָט זאָרגעוודיק געווישט זײַן קאָפּ און אים אַרומגעוויקלט מיט אַ לײַלעך ווי אַ טורבאַן. בעביט האָט אויסגעזען ווי אַן אָנגעגעסענער קאַליף אויף אַ קלוגן, צוגעפּאַסטן טראָן. דער פריזירער האָט אַ פרעג געטון (אין אַ פרײַנטלעכן טאָן, וואָס איז אויסער דעם באַהערשט געוואָרן פון דעם קאַליפס פּראַכט):

— ווי אַזוי וואָלט איר אויפגענומען אַביסל עלדאָראַדאָ־אײל, מײַן הער? זײער גוט צו דער הויט, מײַן הער. דאַכט זיך, אַז ס׳איז געווען ס׳לעצטע מאָל?

— דאָס לעצטע מאָל איז עס אפילו נישט געווען, אָבער בעביט איז באַשטאַנען.

— נו, אָלרײַט.

מיט אַ ציטערנדיקער אויפרעגונג, האָט ער באַמערקט, אַז זײַן מאַניקירשע איז פרײַ.

— כ׳ווײס נישט, אפשר זאָל איך מיך לאָזן מאַניקירן

די נעגל — האָט ער פֿאָרזיכטיק געטראַכט און אויפגערעגט אָפּגעוואַרט איר אָנקומען, אַ שוואַרץ־האָריקע, אַ לאַכנדיקע, אַ צאַרטע און קליינטשינקע. די מאַניקירשע וועט אַוודאי פֿאַרענדיקן ביי איר טישל, און ער וועט האָבן די געלעגנהייט צו רעדן מיט איר נישט אין פֿריזירערס קעגנוואַרט. ער האָט געוואַרט געדולדיק, באַמיענדיק זיך נישט צו קוקן אויף איר, בעת זי האָט אים געפּיילט די נעגל און דער פֿריזירער האָט נעריבן זיינע פֿלאַמענדיקע באַקן מיט יענע טייערע זאַלבן, וואָס דער ליבהאַרציקער גייסט פֿון די האָר־קינסטלער האָבן דערפֿינדן אין משך פֿון דורות. אַז דער פֿריזירער האָט פֿאַרענדיקט זיין אַרבעט און בעבעט האָט זיך אַוועקגעזעצט אַקעגן־איבער דעם מיידל ביים טישל, האָט ער באַוווּנדערט די מירמלנע פּאָליצע, באַוווּנדערט דעם פּעסטן, פֿאַרטיפֿטן בעקן מיט זיינע קליינע, זילבערנע קראַנען, און ער האָט באַוווּנדערט זיך אַליין, וואָס ער איז בכּח צו באַזוכן אַזאַ קאָסטבאַרן אַנשטאַלט. בעת זי האָט אַרויסגענומען זיינע פֿייכטע הענט פֿון בעקן, זענען זיי געווען אַזוי עמפּינדלעך נאָכן אויסווייקן זיך אין הייסן זייף־וואַסער, אַז ער האָט שטאַרקער ווי תּמיד געפֿילט די באַרירונג פֿון איר צאַרט הענטל. ער איז באַגייסטערט געוואָרן פֿון אירע ראָזע פּאָלירטע נעגל. אירע הענט זענען אים אויסגעקומען שענער און אַנטציקנדער, ווי די דינע פֿינגער פֿון פֿרוי יודיקע. דעם ווייטאָק, וואָס זי האָט אים פֿאַרשאַפֿט מיטן אַרומשניידן די הויט אַרום די נעגל, האָט זיך פֿאַרטוישט אויף עקסטאַז. ער האָט זיך באַמיט נישט צו קוקן אויף אירע אַקסלען און אויפֿן יונגן בוזעם, וואָס האָט זיך בולט אויסגעשניטן אונטער דער זיידענער שיפֿאָן־בלוזקע. זי איז אויסגעקומען אין זיינע אויגן אַ סובטעל וועזן, און בעת ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן אַן איינדרוק אויף איר מיט זיין פּערזענלעכקייט, האָט ער אַ זאָג געטון צו איר אַזוי אומבאַהאָלפֿן, ווי אַ דאָרפֿיונג ביים ערשטן טאַנץ:

ס׳מוז היינט זיין אַביסל צו הייס צו אַרבעטן, וואָס?

— אָך, יאָ, שוין איינמאָל הייס. איר האָט ס'לעצטע מאָל אַליין זיך אָפּגעשניטן די נעגל, נישט אמת?

— יאָ—אָ, דאַכט זיך.

— דאָס דאַרפט איר קיינמאָל נישט טון. איר דאַרפט תמיד גיין צו אַ מאַניקירשע.

— יאָ, מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט. איך —

— ס'נישטאָ קאַ' שענערע זאַך, וואָס זאָל מאַכן אַ בעסערן איינדרוק, ווי גוט געפּלעגטע נעגל. איך האַלט תמיד, אַז אין דעם דערקענט מען די פיינקייט פון אַ מענטש. נעכטן איז דאָ געווען אַן אויטאָמאָביל-אַגענט, האָט ער דערקלערט, אַז מ'קאָן זיך לייכט דערוויסן עמעצנס לאַגע, לויט דעם אויטאָמאָביל, וואָס ער פאַרמאָגט, אָבער איך האָב אים געזאָגט: רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, האָב איך צו אים געזאָגט, קודם כל וואַרפט אַ קוק אויף די נעגל, אויב איר ווילט וויסן, צי עמעצער איז אַ גראָביאַן אָדער אַ דזשענטלמען.

— יאָ, מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט. נאַטירלעך, אַזוי איז עס — צו אַזאַ שיין קינד, ווי איר, מוז אַ לייטישער מענטש אַלעמאָל קומען און זיך לאָזן באַנייען זיינע פינגער.

— נו, מעגלעך, אַז כ'בין אַ קינד, אָבער איך בין אַ פלינק פייגעלע, און איך דערקען באַלד מענטשן, וואָס קומען מיר אין וועג אַריין. — כ'דאַרף נאָר איין בליק טון און שוין קאָן איך זייער גאַנצן כאַראַקטער — און כ'וועל קיינמאָל זיך נישט לאָזן אָפּנאַרן, אַז איך זאָל זיין אָפנהאַרציק צו מענטשן, אויב כ'בין נישט זיכער, צי זיי זענען אָנשטענדיק.

זי האָט געשמייכלט. אירע אויגן זענען אים אויסגעקומען מילד און צערטלעך, ווי אַ טייך אין אַפּריל. מיט גרויסער ערנסטקייט האָט ער זיך אַליין קלאָר געמאַכט, אַז ס'זענען פאַראַן אַזוינע לייט, וואָס וועלן זאָגן, אַז באַשר אַ מיידל איז אַ מאַניקירשע און אפשר נישט אַזוי גוט געבילדעט, טויג זי שוין צו גאָר נישט, אָבער נישט ער, ער איז אַ דעמאָקראַט, „און האָט פאַרשטענדיגיש פאַרן פאָלק", און ער איז געבליבן

בײַ זײַן באַשלוס, אַז זי איז אַ װױל מײדל, אַן ערלעך מײדל, אָבער נישט צו אומבאַקװעם ערלעך. ער האָט אַ פֿרעג געטון מיט אַ קול, װאָס האָט געציטערט פֿון סימפּאַטיע:

— איך מײן, אַז ס'מוזן קומען צו אײַך אַ סך בחורים, װאָס װילן אײַך טון פֿאַרשידענע אומאָנגענעמלעכקײטן.

— אױ! אַ שײנע פֿראַגע! יאָ, הערט אױס, אײניקע פֿון די ײנגלעך אין דעם טאַבאַק-געװעלב האָבן זיך אײַנגערעדט, אַז אױב אַ מײדל אַרבעט אין אַ פֿריזיר-אַנשטאַלט, קאָנען זײ זיך שױן מיט איר אַלץ דערלױבן. װאָס זײ רעדן אַלץ אױס! אָבער איר מעגט מיר גלױבן, אַז איך קאָן זיך אַן עצה געבן מיט די פֿױגעלעך. איך גיב זײ באַלד איבער דער נאָז און פֿרעג זיך; װאָס מײנט איר, מיט װעמען האָט איר צו טון? און זײ אַנטלױפֿן װי דער פּעפּער װאַקסט און, אַך, װילט איר נישט אַביסל נעגל-פּאַסטע? ס'מאַכט אַ גלאַנץ אױף די נעגל, אױב ס'איז ס'ערשטע מאָל מאַניקירט, חוצדעם איז עס נישט שעדלעך און ס'האַלט זיך לאַנג.

— אדרבה, ביטע שײן! הערט נאָר אױס, איז עס נישט קאָמיש, איך קום שױן דאָ אַרײַן זיבט דער אַנשטאַלט איז אָפֿן און — מיט שעלמישער פֿאַרחידושטקײט — כ'גלױב באמת, אַז איך װײס נאָך נישט, װי איר הײסט?

— טאַקע? באמת נישט? טאַקע קאָמיש! אײער נאָמען װײס איך אױך נישט!

— איצט זאָל שױן זײַן גענוג דערמיט! װי אַזױ איז אײער שײנער, קלײנער נאָמען?

— אַך, ער איז גאָרנישט אַזױ שײן, איך גלױב, אַז ער קלינגט אַביסל ײדיש. אָבער מײן פֿאַמיליע שטאַמט נישט פֿון קײן ײדן. מײן זײדע איז געװען אַ פּױלישער שלאַכטשיץ, און נישט לאַנג איז דאָ געװען אַ הער, אַ גראַף צי עפּעס אַנדערש.

— איר מײנט אודאי אַ גראַף אָן גיטער און אָן דעם, װאָס ליגט אין קעשענע?

— װער האָט דאָס אײַך געזאָגט, איר חוצפּהניק? און

ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קאָן מיין פֿאָטערס פֿאַמיליע אין פּוילן און, אַז זיי האָבן דאָרט אַ שיין, גרויס הויז. האַרט לעבן טייך! — אומזיכער: — נאָך אַלעמען גלויבט איר גאָרנישט אין דעם?

— ווי קומט! ניין. ווירקלעך. איך גלויב. פֿאַרוואָס נישט. איר מיינט, אַז איך לאַך פֿון אייך, ערנוואָרט, בײַ יעדן מאָל, ווען כ'טו אַ קוק אויף אייך, זאָג איך צו זיך אַליין: „דאָס קינד האָט פּוילישע בלוט אין די אָדערן".

— אַזוי זאָגט איר, באמת?

— באמונות, ווי כ'זאָג אַזוי. נו, נו, הייסט עס, אַז אַצינד זענען מיר שוין פֿריינט — ווי אַזוי איז אייער זיסער, קליינער נאָמען?

— אידאַ פּוטיאַק. באמת נישט אַזוי איי-איי פֿון אַ נאָמען, כ'זאָג תּמיד צו דער מאַמען, — מאַמע — זאָג איך איר, — פֿאַרוואָס האָסטו מיר נישט געגעבן דעם נאָמען דאָלאָרעס אָדער אַן אַנדער שיינעם נאָמען?

— נו, איך מיין, אַז דאָס איז זייער אַ שיינער נאָמען אידאַ!

— כ'וואָלט נישט געשוווירן, אַז כ'ווייס ווי אַזוי איר הייסט?

— נו, דאַכט זיך, אַז נישט. גאַנץ מעגלעך — אָך, מיין נאָמען איז נישט אַזוי באַרימט.

— זענט איר נישט הער זאָנדהיים, דער, וואָס פֿאָרט אַרום פֿאַר דער קראַקיאַק-קיכן-מעסער-קאָמפּאַניע ג. מ. ב. ה.

— ניין, כ'בין נישט דער! איך בין הער בעביט, דער אימאָבילן-אַגענט.

— אָך! אַנטשולדיקט! אָך, נאַטירלעך! איר מיינט, דאָ אין זעניט.

— יאָ, — האָט געקלונגען קורץ, ווי אַ טאָן פֿון אַ מענטשן, וואָס פֿילט זיך געקרענקט.

— אָ, יאָ. איך האָב געלייענט אייערע אַנאָנסן. זיי זענען אָבער זייער פֿיין.

— הם, יאָ — איר האָט אפשר אויך געלייענט וועגן מיינע רעדעס פאַר דער עפנטלעכקייט?

— נאַטירלעך האָב איך געלייענט! איך האָב טאַקע נישט קיין איבעריקע צייט צום לייענען, איר מוזט מיך האַלטן פאַר אַ קליין, שרעקלעך, נאַריש מיידעלע!

— איר זענט אַ קליינער אוצר!

— נו — איין מעלה האָט מיין באַשעפטיקונג. אַ מיידל האָט די מעגלעכקייט צו באַקאָנען פאַרשידענע סימפּאַטישע מענטשן און אויסצואיבן זיך אין רעדן, און מיט דער צייט דערגייט מען אַזוי ווייט, אַז ביים ערשטן בליק דערקאָנט מען דעם כאַראַקטער פון אַ מענטשן.

— הערט אויס, אידאַ; האַלט מיך נישט פאַר אַן אומפאַרשעמטן מענטשן — ס'איז אים הייס געוואָרן, בעת ער האָט איבערגעטראַכט, אַז ס'וואָלט געווען אַ גרויסער בזיון ווען ער זאָל קריגן פון איר אַן אָפּזאָג, און געפערלעך, ווען זי זאָל מסכּים זיין. אויב ער וועט זי נעמען אויף אַ מיטאָג און ס'וועלן אים זען די רכילותדיקע פרייַנט — אָבער ער האָט געזאָגט ליידנשאַפטלעך:

— האַלט מיך נישט פאַר אומפאַרשעמט, אויב איך וועל אייך פאַרבעטן אויף אַ קליין מיטאָגל, וועלכן ס'איז אָוונט.

— כ'ווייס אייגנטלעך נישט, צי איך זאָל מסכּים זיין אָדער נישט. אַלע הערן, מיט וועלכע איך באַקאָן זיך לאַדן מיך באַלד איין. פונדעסטוועגן קען איך גראָד האָבן צייט דעם הייַנטיקן אָוונט צו קומען.

ד.

— ס'איז באמת נישטאָ קיין שום סיבה, — האָט ער געטענהט צו זיך אַליין, —פאַרוואָס ער זאָל איינמאָל נישט אָפּעסן רויק אַ מיטאָג מיט אַן אָרעם מיידל, וואָס די באַקאַנטשאַפט מיט אַזאַ געבילדעטן און רייפן מענטש קאָן ברענגען נוצן. אָבער, כּדי אויסצומיידן די, וואָס קאָנען אים זען און

שלעכט פאַרשטיין, וועט ער גיין מיט איר אין בידלמייערס גאַסטהויז, אויף אַן עק פון אַ פאָרשטאָט. זיי וועלן זיך מאַכן אַן אָנגענעמען שפּאַציר, אין דעמדאָזיקן הייסן אָוונט, און ער וועט זי האַלטן פאר אַ האַנט—ביין, דאָס וועט ער זיך אפילו נישט איינמאָל דערלויבן! אידאַ איז אַ נאָכגיביקע; אירע באַקעטע אַקסלען האָבן אים דערין איבערצייגט; זאָל אים אַ טראַמוויי איבערפאָרן, אויב ער וועט שפּילן די ראָל פון אַ פאַרליבטן, נאָר צוליב דעם, וואָס זי וואַרט אויף דעם, זעט אויס.

דאַן האָט זיך זיין אויטאָמאָביל פּלוצלונג אָפּגעזאָגט, עפּעס איז קאַליע געוואָרן אין צינדער. און ער האָט דאָך געמוזט האָבן דעם אויטאָמאָביל אויף היינט אָוונט! מיט כעס האָט ער נאָכקאָנטראָלירט דעם צינדער, דורכגעקוקט דעם קאָמוטאַטאָר, אָבער זיין אויפגערעגטער בליק האָט די מאַשין נישט גערירט פון אָרט, מיט חרפה האָט ער אים צוריקגעשלעפּט אין גאַראַזש אַריין. ער האָט אַ ציטער געטון ביים בלויזן געדאַנק וועגן אַ טאַקסאָמעטער. אַ טאַקסאָמעטער האָט אין זיך עפּעס פון ווולגאַרקייט און תאווה.

אָבער ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט איר, אין אַ ווינקל, צוויי הייזער אָפּגערוקט פון האָטעל דאָרנלייט, האָט זי אַ זאָג געטון:

— אַ טאַקסאָמעטער? איך האָב געמיינט, אַז איר האָט אַן אויטאָמאָביל!

— איך האָב. אוודאי האָב איך. אָבער ער איז מיר היינט קאַליע געוואָרן.

— אָ, — האָט זי אַ זאָג געטון, ווי זי וואָלט עס שוין נישט געהערט דאָס ערשטע מאָל.

אַ גאַנצן וועג צו בידלמייערס גאַסטהויז, האָט ער זיך באַמיט צו רעדן צו איר ווי אַן אַלטער פריינט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט דורכברעכן די וואַנט פון אירע ווערטער. מיט אומאויפהערלעכע אויפרעגונג, האָט זי אים דערציילט וועגן אירע שטענדיקע רייסערייען מיט דעם חוצפּהדיקן אויבער־פּריזירער, און דעם ענטפער, וואָס ער וועט קריגן פון איר,

אויב ער וועט נאָך איינמאָל האָבן די העזה צו זאָגן, אַז זי טויג זיך „בעסער צום רעדן, ווי צום שניידן נעגל".

אין בידלמייערס גאַסטהויז איז אוממעגלעך געווען עפּעס צו קריגן. דער עלטסטער קעלנער האָט נישט געוואָלט וויסן, ווער ס'איז דזשאָרדזש פּ. בעביט. זיי זענען געזעסן ממש דערשטיקט צו ווערן פון הייסקייט, פאַר אַ ריזיקן טעלער געבראָטן-פלייש און געשמועסט וועגן בייסבאָל. בעת ער האָט געפּרוווט אַ נעם טון איר האַנט, האָט זי פריילעך אַ זאָג געטון:

— פּאָרזיכטיק! דער געמיינער קעלנער קוקט אויף אונז — אָבער שפּעטער זענען זיי אַרויסגעקומען אין דער פאַרשטעטישער זומער-נאַכט. די לופט איז געווען שטיל און ווייך און אַ קליינע לבנה איז געהאָנגען איבער די פאַרחלומטע ביימער.

— לאָמיר נאָך אַ פּאָר טון ערגעץ, וווּ מ'קאָן אַביסל טרינקען און טאַנצן! — האָט ער פאָרגעלייגט.

— יאָ, אַן אַנדערש מאָל. אָבער היינט האָב איך צוגעזאָגט דער מוטער צו קומען פרי אַהיים.

— וואָס רעדט איר! אין אַזאַ נאַכט שוין גיין אַהיים?

— איך וואָלט גערן געוואָלט, אָבער די מאַמע וועט שרייען.

ער האָט געציטערט. זי איז געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלץ, וואָס איז יונג און שיין. ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך צאַרט און אָן מורא געטוליעט צו אים און ער האָט טריומפירט. דאַן איז זי אַראָפּגעלאָפן פון גאַסטהויז און אויף די טרעפּ געשריגן:

— קומט, דזשאָרדזש, דאָס צוריקפאָרן וועט אונז פיין אָפּקילן.

עס איז געווען אַ נאַכט פאַר פאַרליבטע. לענגאויס דעם וועג, וואָס האָט געפירט קיין זעניט, זענען אין דער צאַרטער ליכטיקייט פון דער טיף-הענגענדיקער לבנה געשטאַנען אויטאָמאָבילן און לעבן זיי האָבן זיך געשלייבט אומדייטלעכע געשטאַלטן, ווי איינגעהילט אין אַ טרוים. ער האָט הונגעריק אויסגעשטרעקט

זיינע הענט צו אידען, און ווען זי האָט אים אַ צערטל געטון האָט ער געפילט אַ דאַנקבאַרקייט. ס׳האָט נישט געהאַט קיין זינען צו קעמפן און צו געווינען. ער האָט זי אַ קוש געטון און זי האָט אים גאַנץ געווייניגלעך געטון אַ קוש צוריק, זיצנ־דיק באַהאַלטן אונטער די בלינדע פלייצעס פון שאָפער.

דער הוט איז איר אַראָפגעפאַלן, און זי האָט זיך אַ ריס אַרויס געטון פון זיינע אָרעמס, כּדי אים אָנצוכאַפּן.

— אָ, זאָל זיין אַזוי! — האָט ער זיך געבעטן.

— וואָס? מיין הוט? ס׳פאַלט מיר נישט איין!

ע׳ז האָט געוואַרט ביז זי האָט אים אָנגעטון, דאַן האָט ער זי ווידער אַרומגענומען די טאַליע. זי האָט זיך געטון אַ דריי אַוועק פון אים און געזאָגט מיט אַ מוטערלעך געפיל:

— אַצינד זייט נישט מער קיין נאַריש ייִנגל! אַנישט וועט די מאַמעשי בייז זיין! זעצט זיך רויק אַנידער, טייערער, און קוקט, וואָס פאַרא שיינע נאַכט ס׳איז אינדרויסן. אַז איר וועט זיין אַ גוט ייִנגל, וועט איר אפשר קריגן נאָך אַ קוש, ווען איך וועל זאָגן אַ גוטע נאַכט. און אַצינד וואָלט איך געדרויכערט אַ פּאַפּיראָס.

זאָרגעוודיק האָט ער אַכטונג געגעבן, זי זאָל גוט פאַר־רויכערן איר פּאַפּיראָס און צי זי זיצט באַקוועם. דאַן האָט ער זיך אָפּגערוקט וואָס ווייטער פון איר. ס׳האָט אים אַרומגע־נומען אַ קעלט פון אַנטוישונג. קיינעם וואָלט בעבּיט נישט גע־קאָנט אָנרופן אידיאָט מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט און ענערגיע, ווי זיך אַליין. ער האָט זיך פאַרטראַכט, אַז פון חשובן דר. דרייוס שטאַנדפּונקט, איז ער אַ זינדיקער מענטש און לויטן שטאַנדפּונקט פון פריילין אידאַ פּוטיאַק — איז ער אַן אַלטער, לאַנגווייליקער נאַר, מיט וועמען מען מוז פאַרברענגען אַביסל פאַרן אויפעסן אַ גוטן מיטאָג.

— טייערער, איר וועט דאָך נישט מאַכן קיין אָנשטעלן און אַראָפּלאָזן די נאָז! וואָס, ביסט בייז?

איר טאָן איז געווען חוצפּהדיק. ער האָט געהאַט חשק איבערצוהאַקן איר די הענט. ער האָט געטראַכט:

— מ'דאַרף זען — אָ גאָט — זיך אָפּהיטן נישט אַראָפּצופאַלן אין די אויגן פון דעמדאָזיקן גאַסן־מיידל! אַ שמוציקע אימיגראַנטין! נו, איצט, הייסט עס, מוז מען וואָס גיכער אַ סוף מאַכן מיט דעם ענין, און זיך שנעל אָפּטראָגן, כּדי דורכצומאַכן דעם ריכטיקן קאַצניאָמער ביי זיך אין דער היים.

ער האָט אַ מורמל געטון:

— וואָס? איך, בייז? אָ, נאַרישע לאַלקע! פאַר־וואָס זאָל איך זיין בייז? אַצינד הער אויס, אידאַ; הער אויס דעם אָנקל דזשאָרזש. איך וויל דיר זאָגן מיין מיינונג וועגן די שטענדיקע מחלוקת צווישן דיר און דעם עלטסטן שערער. איך האָב פיל דערפאַרונג פון מיינע אייגענע אָנגע־שטעלטע, און איך זאָג דיר, אַז ס'לוינט זיך קיינמאָל נישט צו האָבן שונאים.

ביי דעם פאַרבלאָזן הילצערנעם הייזל, אין וועלכן זי האָט געוווינט, האָט ער איר אַ זאָג געטון קורץ און פריינט־לעך אַ גוטע נאַכט, אָבער ווען דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן ווייטער, האָט ער אָפּגעזיפצט:

— אָ, גאָט מיין איינציקער!

קאפיטל XXV

א.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געטראַכט צופרידן, בעת ער האָט זיך צוגעהאָרכט צום געזאַנג פון די שפּערלינגען, ביז ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז אַלץ גייט אים שלעכט, אַז ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצוקערן פון דרך הישר, און אָט דערדאָזיקער פּראָצעס פאַרשאַפט אים לחלוטין נישט קיין פאַרגעניגן. פאַרוואָס — האָט ער זיך געחידושט — זאָל איך זיך בונטעוון ? וואָס אייגנטלעך וויל איך ? פאַרוואָס בין איך נישט אָנשטענדיק ? פאַרוואָס הער איך מיר נישט אויף אַרומצושלעפּן משוגענערווייז, און נעם נישט ווידער הנאה האָבן פון לעבן אין קרייז פון מיין פאַמיליע, פון געשעפט, פון פריינט אין דעם קלוב ? וואָס האָט אים געבראַכט דערדאָזיקער בונט ?—עלנט און בושה — די בושה צו ווערן טראַקטירט ווי עפּעס אַ קליינער ראָצער פון עפּעס אַ פאַסקודניצע, ווי אידאַ פוטיאַק. און פונדעסטוועגן—תמיד האָט ער זיך ווידער צוריקגעקערט צו דעם „און פונדעסטוועגן״.—שוין אָפּגערעדט פון דעם עלנט, האָט ער נישט געקאָנט רויק זוכן די צופרידנקייט אויף דער וועלט, אין וועלכער ער האָט שוין איינמאָל אָנגעהויבן צו צווייפלען און וואָס איז אים אויסגעקומען לעכערלעך.

אָבער איצט האָט ער באַשלאָסן ביי זיך — ער הערט אויף איינמאָל פאַר אַלעמאָל נאָכצולויפן קליידלעך.

מיטאָג-צייט איז ער שוין אַליין נישט געווען איינגאַנצן זיכער אין דערדאָזיקער פראַגע. אויב ער האָט זיך אַנטוישט אין פריילין מעק גאָון, ליטע סוואָנסאַן, און אין אידען, וואָ האָבן זיך נישט אויסגעוויזן פאַר די זיסע, אידעאַלע

פרויען — איז עס נאָך נישט קיין באַווייז, אַז אַזאַ פרוי עקזיסטירט נישט. ער איז ווידער פאַרפּאָלגט געוואָרן פון געדאַנק, אַז ערגעץ מוז עקזיסטירן אַזאַ פרוי, אַז ס'איז נישט אויסגעשלאָסן זי זאָל אים פאַרשטיין, אָפּשאַצן זיין ווערט און אים מאַכן גליקלעך.

ב.

אין אויגוסט איז פרוי בעביט צוריקגעקומען אַהיים.

אַמאָל, ווען זי פלעגט אַוועקפאָרן פון שטוב, פלעגט בעביט פילן אַ בענקשאַפט נאָך איר שטילער, בנעימותדיקער פערזאָן, און איר צוריקקומען איז שטענדיק געווען פאַר אים אַ יום־טוב. איצטער, הגם ער האָט זי מיט איין וואָרט נישט פאַליידיקט אין בריוו, האָט ער באַדויערט, וואָס מירע קומט צוריק, איידער ער האָט זיך אַליין געפונען. און ער איז געווען צעטומלט דערפון, וואָס ער מוז זי אָפּוואַרטן אויפן וואָקזאַל און אויסזען פריילעך.

ער האָט זיך געשלעפּט צום וואָקזאַל; ער האָט שטודירט דעם זומערדיקן רייזע־פּלאַן, ער האָט געוואָלט ליבערשט דאָס, איידער שמועסן מיט באַקאַנטע און פאַרראַטן פאַר זיי זיין צושטאַנד. אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פעסט. ווען דער צוג איז אָנגעקומען, איז ער אַרויסגעלאָפן אויפן פעראָן, געזוכט אין אַלע וואַגאָנען און, אַז ער האָט זי באַמערקט צווישן די אַרויסגייענדיקע, האָט ער געשאָקלט זיין הוט. ביי דער טיר האָט ער זי אַרומגענומען און אַ זאָג געטון צו איר: — אָ, אָ, אָ! צום טייוול! זעסט גוט אויס, זעסט גוט אויס.—דאַן האָט ער באַמערקט טינקעג. דאָס איז שוין עפּעס, דאָס קינד מיטן קאָמישן נעזל און לעבהאַפטע אויגן, עפּעס, וואָס האָט אים ליב, גלויבט אין אים, און בעת ער האָט זי אַ כאַפּ געטון אין זיינע אָרעמס און אַ הויב געטון אינדערהייך, האָט זי אַ קוויטש געטון. אינם דאָזיקן אויגנבליק, האָט ער געפילט, ווי ער קערט זיך צוריק צו זיין אַלטן איך.

טינקאַ איז געזעסן לעבן אים אין אויטאָמאָביל, איר הענטל איז געלעגן אויפן ראָד, און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים צוגעהאָלפן קערווען, ער האָט געשריגן הינ־טערוויילעכץ צו זיין פרוי:

— איך ווער מיך, אַז דאָס קינד וועט זיין אַ בע־סערע שאָפערין ווי מיר אַלע! זי האַלט דאָס רעדל, ווי אַן אַלטער, געניטער שאָפער!

די גאַנצע צייט האָט ער מורא געהאַט פאַר דעם מאָ־מענט, ווען ס'וועט אים אויסקומען צו זיין אַליין מיטן ווייב, און זי וועט אומגעדולדיק וואַרטן, אַז ער זאָל איר שענקען זיין ליידנשאַפט.

ג.

אין שטוב האָט מען זיך שטילערהייט געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז בעביט וועט פאַרברענגען די פעריען, אַ וואָך אָדער צען טעג אין קאַטאַובאַ איינער אַליין, אָבער אים גופא האָט געפיייניקט דער געדאַנק, אַז ער איז מיט אַ יאָר צוריק געווען מיט פאָולן אין מאַין. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי ער פאָרט ווידער אַהין און געפינט ווידער פאָולס פערזענלעכקייט אין דעם פרימיטיוון און הערלעכן לעבן. דער געדאַנק, אַז ער קאָן דאָרטן פאָרן, האָט אים אַרויסגעפירט פון גלייכגעוויכט. אָבער אינדערעמתן האָט ער נישט געקאָנט פאָרן; ער האָט נישט געקאָנט פאַרלאָזן זיינע געשעפטן, און מירען וואָלט אויסגעקומען מערקווירדיק זיין פלוצלונגער אַוועקפאָרן איינער אַליין, נאַטירלעך האָט ער באַשלאָסן פון איצטער אָן צו טון, וואָס אים געפעלט, אָבער דאָך — אַזוי ווייט, קיין מאַין...

נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, איז ער פאָרט אַוועקגעפאָרן זיין ווייב, וואָס ס'איז איר, דאַכט זיך, געווען אוממעגלעך צו דערקלערן, אַז ער פאָרט אַוועק, כדי צו זוכן פאָולס גייסט אין דער ווילדעניש, האָט ער געזאָגט אַ ליגן, וואָס ער האָט שוין געהאַט גרייט אַ יאָר צייט און ביז איצט אים נישט אויס־

געזאָגט צו איר: — זאָל דיך גאָט היטן, קינד! פון וואַגאָן האָט ער געשאָקלט צו איר מיטן טיכל, בעת זי איז געוואָרן אַ רויט פּינטעלע לעבן דעם גרויסן ברוינעם פלעק פון פרוי בעביט, ביים סאַמע סוף פון צעטענטעגעם, שטאָלענעם וואָקזאַל. מרה שחורהדיק האָט ער געקוקט אויף זעניטס פאָרשטעט.

אויף דעם גאַנצן וועג צו דרום האָט ער זיך פאָרגעשטעלט די פּירער פון מאַין: קרעפּטיקע און מוטיקע—פּשוטע, בעת זיי האָבן געשפּילט פּאָקער אין פּרוטות אין זייערע הייזלעך פון צווייגן—דערפאַרן אין די סודות און וועגלעך פון דעם וואַלד, פון די בערג און די שטראָמענדיקע וואַסערן. ער האָט באַזונדערס געדענקט דזשאָ פּאַראַדיז, דעם האַלבן יענקי און האַלבן אינדיאַנער. אָ, ווען ער וואָלט אַזוי געקאָנט צוזאַמען מיט אַזאַ מענטש, ווי דזשאָ, אָפּדינגען אַ שטיק וואַלד און לעבן פון אייגענער אַרבעט, זיין פריי און פריילעך, אָנגעטון אין אַ פלאַנעלן העמד, קיינמאָל שוין נישט צוריקקערן צו דעם נבזהדיקן, אָנשטענדיקן, ציוויליזירטן לעבן.

אָדער ווי אַ רויבער אין אַ דרום-קאַנאַדער פילם, וואָס ליגט באַהאַלטן אין אַ הייל, צווישן פעלזן, אַ ווילדער שווייגנדיקער הייל-מענטש! פאַרוואָס נישט? ער קאָן דאָך דאָס טון! אינדערהיים האָבן זיי דאָך גענוג געלד צו דערנערן זיך, ביז וועראָנע וועט חתונה האָבן און טעד וועט אַליין אָנהויבן פאַרדינען. דער אַלטער הײנריך טאָמפּסאָן וואָלט אויף זיי אַכטונג געגעבן. בנאמנות! פאַרוואָס נישט! דאָס ווירקלעכע לעבן

ער האָט געבענקט דערצו, אַליין מודה געווען, אַז ער בענקט דערצו, ער האָט כמעט געגלויבט, אַז ער וועט אויספירן זיין פּלאַן, בעת דער געזונטער פאַרשטאַנד האָט צו אים געמורמלט:

— נאַרישקייטן! מענטשן וואַרפן נישט אַוועק זייערע איינגעפונדעוועטע פאַמיליעס און פריינד; שלאָג עס דיר אַרויס פון קאָפּ און גענוג — האָט זיך בעביט געבעטן נידערגעשלאָגן, נו, דערצו דאַרף מען זיכער נישט אַזויפיל מוט, ווי פּאָול האָט באַדאַרפט, ווי גערן איך וואָלט דאָס געטון! מאָקאַסינער — זעקס-קוליגער — גרענעץ-שטעט — קאָרטנשפּילער — שלאָפן אונטערן פרייען הימל — זיין אַן אמתער מאַנטביל, צוגלייך מיט אַנדערע, ווי אַ דזשאָ פּאַראַדיז — גאָט!

אַזוי איז ער אָנגעקומען קיין מאַין. ער איז ווידער אָפּגעשטיגן אין אַ האָטעל לעבן האַפן, ער האָט ווידער מוטיק געשפּיגן אין דעם צאַרטן, שימערנדיקן, פּליסטערנדיקן וואַסער, בעת די סאָסנעס האָבן גערוישט, די בערג האָבן געגליט, און אַ פּאָרעל האָט אַ פּלוסקע געטון אין וואַסער און פאַרשווונדן געוואָרן. ער האָט געאײַלט צום הייזל פון די פירער, ווי צו אַן אייגענער שטוב, ווי צו אמתע פריינט, צו וועלכע ער האָט שוין לאַנג געבענקט. זיי וועלן זיך פרייען, ווען זיי וועלן אים דערזען. זיי וועלן זיך אַ ריס טון פון די ערטער און שרייען:

— אָ, העד בעביט איז דאָ! דאָס איז נישט דאָרטן איינער פון די סתם ספּאָרטלער! ער איז דער אמתער, ריכטיקער מאַן!

די פירער זענען געזעסן אין זייערע געצעלטן און אויף פעטע טישן געשפּילט מיט אויסגעפּעצטע קאָרטן אין פּאָקער. אַ האַלב טוץ איינגעשרומפּענע מאַנסבילן אין אַלטע הויזן און אין באַקוועמע, אַלטע פילצענע היטן. זיי האָבן אים באַמערקט און צו אים אַ שאָקל געטון מיט די קעפּ, דזשאָ פּאַראַדיז, דער טונקלהויטיקער עלטערער מאַן מיט די געדיכטע וואָנסעס האָט אַ ברום געטון:

— וואָס הערט זיך, ווידער דאָ?

אַ טויטע שטילקייט, וואָס ווערט איבערגעריסן פון טאַשן מיט די קאָרטן.

בעבּיט איז געשטאַנען לעבן זיי און זיך געפילט שטאַרק איינזאַם. נאָך עטלעכע קאָן אינטענסיוו שפּילן, האָט ער זיך דערוועגט צו פרעגן:

— כ׳מיין, אַז כ׳וועל אויך קריגן אַ קאָרט, דזשאָ.

— נאַטירלעך. זעצט אייך. פאַר וויפל ווילט איר? וואַרט נאָר, איר זענט דאָ נישט געווען פאַראַיאָרן מיט אייער ווייב?

— האָט דזשאָ פאַראַדיז אַ זאָג געטון.

דאָס איז געווען דער גאַנצער קבלת־פּנים פאַר בעבּיטן אין זיין אַלטער היים.

— ער האָט געשפּילט אַ האַלבע שעה, איידער ער האָט ווידער אויפגעמאַכט זיין מויל. אין קאָפּ האָט אים געדרייט פון דעם ציגאַרן־ און לולקע־רויך, די שפּיל האָט אים גע־לאַנגווייליקט, און ער איז געווען אויפגערעגט, ווייל זיי האָבן אים באַשווינדלט. ער האָט אַ זאָג געטון צו דזשאָען:

— באַשעפטיקט?

— ניין.

— ווילט איר מיר זיין אַ פירער אויף אייניקע טעג?

— אָ, אָבער שוין. כ׳בין פריי ביז דער אַנדערער וואָך.

דאָס איז געווען די גאַנצע אָנערקענונג, וואָס דזשאָ האָט געהאַט פאַר בעבּיטס פאָרגעלייגטע פריינטשאַפט. בעבּיט האָט באַצאָלט זיין חשבון און ער איז אַנטלאָפן פון הייזל מיט אַ קינדערשן צו להכעיס. דזשאָ האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון די וואָלקנס־רויך, ווי אַ ים־הונט פון די כוואַליעס, און אַ מורמל געטון:

— איך׳ל קומען מאָרגן אינדערפרי! — און ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט צו זיינע דריי טייז.

אָבער נישט אין זיין שטילער קאַבינע, וואָס האָט נאָכגע־שמעקט פון זשיווויצע און פרישן האָלץ, און נישט ביים ברעג טייך, און נישט אין די וואָלקנס פאַר זונענאונטערגאַנג, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אונטער די בלוי־פאַרחילטע בערג, האָט בעבּיט נישט געקאָנט געפונען פּאָולס גייסט. ער האָט זיך געפילט אַזוי איינזאַם, אַז נאָכן עסן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט

שמועסן מיט אַן אַלטער דאַמע. מיט אַ שווער אָטעמדיקע, פּלוידערנדיקע דאַמע, ביים אויוון אין דער האָטעל־פּיוראַ. ער האָט איר דערציילט פון טעדס פּערספּעקטיוון און דערפאָלגן אויפן מלוכה־אוניווערזיטעט, פון טינקעס אויסערגעוויינלעכן ווערטער־אוצר, ביז עס האָט אים אַרומגענומען אַ בענקשאַפט צו דער היים, וואָס ער האָט נאָר־וואָס פאַרלאָזט.

דורך דער פינסטערניש, דורך דער שטילקייט, אַרומגענומען מיט סאָסנעס, האָט ער געבלאָנדזשעט צום טייך און געפונען אַ שיפל. ס'איז נישט געווען דאָרטן קיין רודערער, אָבער מיט דער הילף פון אַ ברעט אינמיטן פון שיפל — ער האָט מער געקלאַפּט איבערן וואַסער, ווי גערודערט—איז ער אַרויסגעשווומען אינמיטן טייך. דאָס ליכטיקייט אין האָטעל און אין די כאַטעס, איז אים אויסגעקומען ווי געלע פינטעלעך, אַ מחנה ווערעמלעך צופיסנס דעם סאַשע־באַרג. אין דער טיפער שטערן־פינסטערניש איז דער באַרג געוואָרן מעכטיקער און אומדערגרייכבאַרער. און דער טייך איז געווען אַן אומענדלעכער פליין פון שווארצן מירמלשטיין. ער האָט זיך געפילט ווי אַ קאַרליק, שווייגנדיק און אַביסל אומזיכער, אָבער דידאָזיקע אַראָפּגעלאָזנקייט האָט אים באַפרייט פון דער פּאָמפּע, פון צו זיין דזשאָרזש פ. בעביט פון זעניט, זיין האַרץ איז געוואָרן קאַלט און טרויעריק. איצט האָט ער געפילט פּאָולס אָנוועזנהייט, פאָרגעשטעלט זיך אים (באַפרייט פון תפיסה, פון צילען און פון דעם מיאוסן דאַך־פּאַפּע־מסחר), שפּילנדיק אויף זיין פידעלע, דאָרטן, אין אַ ווינקל פון דעם שיפל. ער האָט אַ נדר געטון: איך וועל אַוועקגיין! כ'וועל זיך שוין קיינמאָל נישט צוריק אומקערן! אַצינד, ווען פּאָול איז דאָרטן נישטאָ, וויל איך קיין איינעם פון די מנוולים נישט אָנקוקן! איך בין געווען אַ נאַר צו באַליידיקן זיך, באשר דזשאָ פאַראַדיז איז מיר באַלד נישט אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז. ער איז טאַקע אַ וואַלד־מענטש, צו מיושב און שכלדיק צו מאַכן אַ גאַנצן טומל און רעדן דערנאָך ניין מאָס רייד, ווי אַ שטאָטישער

ברה־מאַן. צו זיין מיט אים אין די בערג, אויף דער וואַנדער־שאַפט! — דאָס איז דאָס אמתע לעבן!

ד.

דזשאָ האָט זיך געמאָלדן אין בעביטס שלאָף־חדר צו מאָרגנס ניין אינדערפרי. בעביט האָט אים באַגריסט ווי אַ ברודער און הייל־איינוווינער.

— נו, דזשאָ, וואָס וואָלט איר געזאָגט וועגן עפּעס אַ וואַנדערונג, אַז מיר זאָלן פּטור ווערן פון די אַלע פאַר־שאָלטענע ווייכע דאַטשניקעס מיט זייערע ווייבער און אַלץ ביינאַנדער.

— זייער פיין, הער בעביט.

— וואָס מיינט איר, ווען מיר זאָלן אַזוי טון אַ גיי אַריבער צום באָקס־קאַר־טייך — מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס הייזל דאָרטן איז ליידיק און דאָרטן זיך אָפּרוען אַ ביסל.

— זייער גוט, איך באַשטיי, הער בעביט, אָבער דער סקאָוטוויט־טייך איז נענטער, און דאָרטן זענען אויך פאַראַן פיש.

ניין, איך וויל אַוועק אין אַן אמתער ווילדעניש.

— נו גוט.

— לאָמיר נעמען די פּעקלעך אויף די רוקנס און לאָזן זיך אויף אַן אמת אין וואַלד אַריין.

— איך מיין, אַז ס'וואָלט לייכטער געווען דאָרטן צוצו־קומען דורכן וואַסער, מיט דער דאָגע־אָזערע. מיר קאָנען פאָרן מיט אַ מאָטאָר־שיפל, אַ מאָטאָר־שיפל מיט אַ פלאַכער דנאָ.

— ניין, מיין הער, שטערן די רויקייט מיטן גערויש פון מאָטאָר? קיינמאָל נישט אין לעבן. טוט אַ ברענג אייערע זיבן זאַכן און זאָגט די מענטשן פון האָטעל, וואָס מען דאַרף מיטנעמען צום עסן. איידער איר טוט זיך אַ ריר, בין איך פאַרטיק.

— ס׳רוב ספּאָרטלער פּאָרן מיט אַ שיפל, הער בעביט. ס׳אין שרעקלעך ווייט.

— הערט אויס, דזשאָ, הייסט עס, אַז איר ווילט נישט גיין מיט מיר?

— אַך, ניין, כ׳מיין, אַז כ׳וועל אויסהאַלטן, אָבער איך האָב שוין זעכצן יאָר נישט דורכגעמאַכט אַזאַ וועג צופוס. ס׳רוב ספּאָרטלער פּאָרן מיט אַ שיפל, אָבער איך וועל גיין, אויב איר ווילט — איך גלויב — דזשאָ איז אַ טרויעריקער אַוועקגעגאַנגען.

בעביטס עמפּינדלעכע אויפרעגונג איז אָפּגעטראָטן, איי־דער דזשאָ איז צוריקגעקומען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי דזשאָ וועט זיך צעוואַרעמען און אָנהויבן דערציילן זיינע אַמוזאַנטע מעשהלעך. אָבער זיי זענען שוין געווען אין וועג און דזשאָ האָט זיך נישט צעוואַרעמט. ער איז שווייגנדיק גע־גאַנגען הינטער בעביטן, וואָס זיינע אַקסל האָבן זיך איינגע־בויגן אונטער דער נישט צוגעוווינטער שווערער משא; בעביט האָט שווער געסאָפּעט און פּסדר געהערט, ווי זיין פּירער אָטעמט שווער. אָבער דער וועג איז געווען גאַנץ גוט. די שטעגן זענען געווען ברוין פון די סאָסנע־נאָדלען און בערגל־דיק פון וואָרצלען—צווישן באַלזאַם־יאָדלעס, מאַרנקרויט און פלוצ־לונג אויפלויכטנדיקע בעריאָזע־וועלדלעך. דער גלויבן האָט זיך ווידער צו אים אומגעקערט און ער האָט געשוויצט מיט תענוג און פרייד. אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אָפּצורוען, האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל:

— כ׳מיין אַז מיר זענען שוין נישקשהדיק אָפּגעגאַנגען, כאָטש מיר זענען אַזוינע אַלטע פייגל, וואָס?

— הוהם! האָט דזשאָ מודה געווען.

— דאָס איז אַ פּראַכטפולער ווינקל. טוט נאָר אַ קוק, מען זעט דורך די ביימער, ווי עס שטראָמט דער טייך, איך זאָג אייך דזשאָ, איר ווייסט גאָרנישט, ווי אַזוי אָפּצושאַצן דאָס גליק, וואָס איר וווינט אין וואַלד, ווייט פון דער שטאָט מיט דער רוישנדיקער גאַסן־באַן, קלאַפּנדיקע שרייב־מאַשינען

און אָן אַ צאָל מענטשן, וואָס לאָזן קיין איין מינוט נישט רוען! איך וואָלט געוואָלט קאָנען דעם וואַלד, ווי איר. זאָגט מיר, ווי אַזוי הייסט דאָס קליינע, רויטע בלימעלע?

דזשאָ האָט זיך אַ קראַץ געטון אין פּלייצע און פאַרטראַכט אַ קוק געטון אויפן בלימל:

— נו, טייל מענטשן רופן עס אַזוי און טייל רופן עס אַנדערש. איך רוף עס תּמיד רויט בלומעלע.

ווען דער גאַנג איז געוואָרן זייער שווער, און זיי האָבן זיך מיט גרויס מי געררוקט פאָרויס, האָט בעבּיט צום גליק אויפגעהערט צו טראַכטן. ער איז געווען איינגעהילט פון זיין מידקייט, זיינע אָנגעשוואָלענע פיס האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אַליין אָן עמעצנס באַפעל, און ער האָט מעכאַניש זיך געווישט דעם שווייס פון שטערן. ער איז געווען צו פיל פאַרמאַטערט, כּדי צו זיין באַוווסטזיניק גליקלעך, בעת זיי זענען נאָכן אָפּגיין אַ מייל וועגס אונטער אַ ברענענדיקע זון, דורך אַ געדיכטעניש און איבערבאַרגיקע שטעגן, אַרומגערינגלט מיט בייסנדיקע פליגן, ענדלעך צוגעקומען צו אַ קילן שאָטן פון באָקס-קאַר-פּאָנט. ווען ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דאָס פּעקל פון די פּלייצעס, האָט ער זיך אַ וואַקל געטון און פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און אַ ווײַלע האָט ער נישט געקאָנט שטיין גלייך. ער האָט זיך געטון אַ וואָרף אַנידער אויפן גראָז אונטערן שאָטן פון אַ קלאָן-בוים, ער האָט געפילט אַ פאַרגעניגן, בעת דער שלאָף איז דורכגעלאָפן זיין גלידער.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין זון-אונטערגאַנג. דזשאָ האָט פלייסיק געבראָטן שינקע מיט אייער און פאַנקוכן אויף אַ מיטאָג, און ווידער האָט זיך אומגעקערט זיין באַוווּנדערונג פאַר דעם וואַלד-מענטש. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ וואָרצל פון אַ בוים און געפילט אין זיך אַ חעלדישע, מענלעכע קראַפט.

— דזשאָ, וואָס וואָלט איר געטון, ווען איר וואָלט געהאַט אַ סך געלט? צי וואָלט איר ווייטער געווען אַ פירער,

צי וואָלט איר זיך אָפּגעגרענעצט אַ שטיק וואַלד, באַארבעט און געוווינט דאָרטן אָפּגעזונדערט פון מענטשן?

דזשאָעס פּנים האָט זיך צום ערשטן מאָל צעשטראַלט. ער האָט אַ מעלה־גירה געטון און אַרויסגעפּלאַצט:

— כ'האָב שוין אַ סך מאָל געטראַכט וועגן דעם. ווען איך וואָלט געהאַט געלט, וואָלט איך אַוועקגעפאָרן קיין טייבקער און דאָרטן וואָלט איך מיר געעפנט אַ שיין געשעפט פון שיך.

נאָך דער וויעטשערע האָט דזשאָ פאָרגעלייגט אַ פּאַרטיע פּאָקער, אָבער בעביט האָט קורץ אָפּגעזאָגט, און דזשאָ איז אַ צופרידענער געגאַנגען אַכט אַ זייגער שלאָפן. בעביט איז געזעסן אויפן שטאַם, געקוקט אויפן טונקעלן טייך און צוגעהערט זיך צום זשומען פון די קאָמאַרעס. חוץ דעם שנאָרכענדיקן פירער האָט מען אויף אַ שטח פון צען מייל נישט געזען קיין לעבעדיק באַשעפעניש. ער איז געווען אַזוי איינזאַם, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן. דאַן איז ער מיטאַמאָל ווידער געווען אין זעניט.

ער איז געווען אומרויִק, צי פרייליין מעק גאָון צאָלט נישט טייער פאַר קויל־פּאַפּיר. ער האָט זיך אויפגערעגט צוליב זיינע פריינד אין גלייכצייטיק געבענקט נאָך די גערייסערייען ביים טיש פון די וויסע־חברהניקעס. ער האָט זיך געפרעגט, וואָס קאָן איצטער טון צילע ריסלינג, ער האָט געטראַכט, צי טעד וועט נאָך די זעלבסטשטענדיקע זומער־אַרבעט אין גאַראַזש זיך וועלן אָפּגעבן מיט די אוניווערזיטעטשטודיען. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ווייב: — ווען זי וואָלט נאָר—ווען זי וואָלט נאָר נישט געווען אַזוי צופרידן פון דעם לאַנגווייליקן לעבן — ניין! כ'וויל נישט! כ'וויל נישט מער אַהיים! אין דריי יאָר אַרום ווער איך אַלט פופציק. אין דרייצן יאָר אַרום זעכציק. איך וויל נאָך עפּעס טועם זיין פון מיין לעבן, איידער ס'ווערט צו שפּעט! ס'איז מיר שוין אַלצייינס! איך וויל...

ער האָט געטראַכט וועגן אידאַ פּוטיאַק, וועגן ליטע

סוואַנסאַן, וועגן דער שיינער אלמנה — ווי אַזוי הייסט זי — טאַניס יודיקע, — די, פּאַר וועלכע ער האָט אויסגעזוכט אַ וווינונג. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין פאַרפּשופּטע שמועסן, דאַן:

—צו אַלדי רוחות, ווייזט אויס, אַז איך קען בשום אופן נישט אויפהערן צו טראַכטן וועגן דידאָזיקע לייט.

און אויף אַזאַ אופן האָט ער פּלוצלונג פאַרשטאַנען, אַז אַנטלויפן איז אַן אומזין, ווייל ער קאָן נישט אַנטלויפן פון זיינע אייגענע געדאַנקען.

אינם דאָזיקן מאָמענט האָט ער באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין זעניט. אין זיין היימקער איז גאָרנישט געווען קיין אַנט-לויפן, אָבער דאָך איז ער אַנטלאָפן, און אין פיר טאָג אַרום איז ער שוין געזעסן אין צוג קיין זעניט. ער האָט געוווסט, אַז ער פאָרט נישט אַהיים צוליב דעם, ווייל ער וויל זיך אומקערן, נאָר ווייל ער האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג. ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער זיין אַנטדעקונג, אַז ער קאָן קיינ-מאָל נישט אַנטלויפן פון זעניט, פון זיין הויזגעזונט און פון געשעפט, וואָרום אין זיין מוח איז שוין איינגעוואַקסן די בּיוראָ, דאָס הויזגעזונט, יעדע גאַס, די אומרויקייט און אפילו זעניטס אילוזיעס.

— אָבער פונדעסטוועגן — אַך, איך וועל אומ-באַדינגט עפּעס טון, — האָט ער זיך צוגעשווירן, און ער האָט זיך באַמיט אויסצוזען העלדיש.

קאַפּיטל XXIV

א.

ער איז געגאַנגען לעבנאויס דעם צוג, און אויסגעקוקט באַקאַנטע פּנימער, ער האָט אָבער געפונען בלויז איין מענטש וועלכן ער האָט געקאָנט, דאָס איז געווען סענעקע דוואַן, דער אַדוואָקאַט, וואָס, נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט דאָס גליק צו זיין בעביטס קאָלעגע פון איין קלאַס אין אוניווערזיטעט און שפּעטער אַ ראַטמאַן פון דער געמיינדע, איז ער פּלוצלונג משוגע געוואָרן און אַנגעשלאָסן זיך אין די פּויערים-און אַרבעטער-פאַרבאַנדן און געווען אין ברידערלעכע באַציונגען מיט באַקאַנטע סאָציאַליסטן. הגם בעביט איז געווען אין דעם צושטאַנד פון בונטעווען זיך, האָט ער דאָך נישט געהאַט קיין חשק, אַריינצולאָזן זיך אין אַ שמועס מיט אַזאַ פאַנאַטיקער, אָבער אין אַלע קופּעס האָט ער נישט געקאָנט טרעפן קיין אַנדער באַקאַנטן, און לסוף איז ער שטיין געבליבן אָן חשק. סענעקע דוואַן איז געווען אַ שיינער, איידעלער מענטש, עטוואָס ענלעך צו טשוּם פרינק, אָבער אָן פרינקס שמייכל, ער האָט געלייענט אַ בוך מיטן נאָמען „די רעזולטאַטן פון פלייש". בעביטן איז עס אויסגעקומען אַ רעליגעז בוך און ער האָט געפרעגט זיך אַליין, אויב דוואַן האָט תשובה געטון און צוריק געוואָרן אָנשטענדיק און פּאַטריאָטיש.

— האַלאָ, דוואַן — האָט ער אויסגערופן.

דוואַן האָט אַ בליק געטון. זיין קול איז געווען זעלטן אָנגענעם.

— אָך, וואָס מאַכט איר, בעביט?

— געמאַכט אַ נסיעהלע, האַ?

— יאָ, כ׳בין געווען אין וואַשינגטאָן.

— וואַשינגטאָן, אַזוי? וואָס מאַכט דאָרטן אונזער אַלטע רעגירונג?

— די רעגירונג — איר ווילט זיך נישט זעצן?

— אַ דאַנק. פאַרוואָס נישט? נו, נו! שוין אַ שאָק מיט יאָרן, זינט מיר האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט אַביסל אַ שמועס צו טון. איך בין געווען, הם — כ׳פאַרוויער זייער, וואָס איר זענט נישט געווען אויף אונזער לעצטער קלאַס-פייערונג.

— יאָ, אַ שאָד.

— וואָס מאַכט די יוניאָן? איר וועט ווידער אַרויס-שטעלן אייער קאַנדידאַטור אַלס בירגערמייסטער?

דזאַן האָט אויסגעזען אומרויק. ער האָט געבלעטערט די זייטלעך אין זיין בוך. ער האָט אַ זאָג געטון: מעג-לעך, — ווי ער וואָלט דערמיט גאָרנישט געוואָלט זאָגן, און ער האָט אַ שמייכל געטון.

בעפּיטן איז דאָס שמייכעלע געפּעלן געוואָרן, און ער האָט געזוכט, וואָס צו רעדן:

— כ׳האָב געזען אַ הערלעכן קאַבאַרעט אין נוי-יאָרק. דעם „גוט מאָרגן" מיט אַ סך שיינע מיידלעך אין האָטעל מינטאָן.

— יאָ, דאָרטן זענען דאָ שיינע מיידלעך. איך האָב שוין דאָרטן אַמאָל אין אַן אָוונט געטאַנצט.

— אָך, איר האָט ליב צו טאַנצן?

— נאַטירלעך. כ׳האָב ליבער צו טאַנצן און שיינע פרויען און גוט עסן, מער ווי אַלצדינג אין דער וועלט. ס׳רוב מענער האָבן עס ליב.

— אָבער, צו אַלדי גוטע יאָר, דזאַן, איך האָב געמיינט, אַז אייערע חברים ווילן פון אונז אַוועקנעמען דאָס גאַנצע גוטע עסן און אַלע גוטע זאַכן?

— ניין, דורכויס נישט. איך וויל בלויז, אַז די באַקלייד-אַרבעטער זאָלן קאָנען אָפּהאַלטן זייערע מיטינגען אין ריץ און שפּעטער דאָרטן טאַנצן. איז דאָס נישט קיין גוטע אידעע?

— אָ, אַ גוטע אידעע, אָלרייט. נו נו — אַ חרפּה, וואָס כ'האָב זיך אין די לעצטע יאָרן אַזוי זעלטן מיט אייך גע־טראָפן. אָ, הערט אויס, איך האָף, אַז איר וועט נישט האָבן קיין פּאַראיבל, וואָס כ'האָב אַגיטירט קעגן אייך און פּראָפּאַ־גאַנדירט פאַר פּראָוטן. זעט איר, איך געהער אָן צו דער רע־פּובליקאַנישער פּאַרטיי און מיין געפיל —

— ס'איז נישט געווען קיין גרונט, פאַרוואָס איר זאָלט נישט אַגיטירן קעגן מיר. איך בין איבערגעצייגט, אַז איר זייט נוצלעך אין אייער אָרגאַניזאַציע. איך געדענק, אַז אויפן אוניווערזיטעט זענט איר געווען אַן אומגעווייגלעך ליבעראַלער און פיינפילנדיקער יונג. איך דערמאָן זיך, ווי איר האָט מיר דערציילט, אַז איר ווילט ווערן אַן אַדוואָקאַט, אַז איר ווילט פאַרטיידיקן די אָרעמע אומזיסט און קעמפן קעגן די רייכע. און איך געדענק, ווי איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך וויל זיין אַ רייכער. כ'וועל זאַמלען בילדער און ווינען אין פּאַרט. איך בין זיכער, אַז איר האָט אונז אַלע באַאיינפלוסט.

— אוודאי, אוודאי!... איך האָב מיך תמיד באַמיט צו זיין ליבעראַל — בעביט איז געווען אומגעהויער פאַרשעמט און שטאָלץ און זעלבסטבאַוווסט; ער האָט זיך באַמיט אויס־צוזען, ווי דער בחור פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, און ער האָט געשטראַלט אַנטקעגן זיין אַלטן פריינט סענעקע דואַן בעת ער אַליין האָט ווייטער געמורמלט:

— די צרה מיטדעם גרעסטן טייל מענטשן, אפילו מיט די קלוגע און וואָס האַלטן זיך פאַר ווייטזיכטיג, איז דאָס, לאָס זיי האָבן נישט קיין ברייטן שווונג און זענען נישט ליבעראַל. איך, זעט איר, גיב תמיד יענעם אויך די מעגלעכ־קייט, צו אַנטוויקלען פאַר מיר זיינע אידעען.

— זייער שיין.

— אָט וועל איך אייך זאָגן, ווי אַזוי איך קוק אויף דער זאַך: אַ קליינע אָפּאָזיציע קען קיינמאָל נישט שאַדן, און צוליב דעם דאַרף יעדער מענטש, בפרט אַ געשעפטסמאַן, וואָס אַרבעט פאַר דער גרויסער וועלט, זיין ליבעראַל.

— יאָ —

— איך זאָג תמיד. אַז מען מוז האָבן אידעען און אַ בליק אויף דער צוקונפט. אפשר האַלטן מיך אַ סך פון מיין מסחר פאַר אַ פאַנטאַסט, אָבער איך לאָז זיי טראַכטן, וואָס זיי ווילן און גיי מיר רויק מיין וועגס — אָט אַ שטייגער פונקט ווי אייערע... צום טייוול, ווי הערלעך דאָס איז, צו זיצן אַזוי צוזאַמען און פּלוידערן וועגן אונזערע אידעאַלן.

— אָבער אונז, אידעאַליסטן און וויזיאָנערן גייט, פאַרשטייט זיך, נישט אַזוי גוט, צו וועט עס אייך נישט ברענגען קיין שאָדן?

— אַ ברעקל נישט! קיינער קאָן מיר נישט דיקטירן, ווי אַזוי צו טראַכטן!

— איר זענט דער אמתר מענטש, וואָס וועט מיר קאָנען העלפן! איך וויל, אַז איר זאָלט אַ שמועס טון מיט אייניקע געשעפטסלייט און ווירקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן זיין אַביסל מער ליבעראַל אין זייער האַלטונג צו דעם אָרעמען ביטשער איינגרעם.

— איינגרעם? אָבער, יאָ, דאָס איז נישט דער פּריידיקער, וואָס מ׳האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער קירך, ווייל ער האָט געפּריידיקט פרייע ליבע און אויפשטאַנד?

—דאָס—האָט סענעקאַ דואַן דערקלערט—איז די אַלגעמיינע מיינונג, וואָס מ׳האָט וועגן ביטשער איינגרעם,—אָבער אין זיינע אויגן איז ער געווען דער פאַסטאָר פון דער מענטשלעכער ברידערגעמיינדע, וואָס זיין אָנהענגער איז געווען בעביט אַליין. דעריבער זאָל בעביט אויפמערקזאַם מאַכן זיינע באַקאַנטע, אַז זיי זאָלן אויפהערן פאַרפאָלגן איינגרעמען אין זיין קליינער פאַרלאָזענער קירך

— איר קאָנט זיין זיכער! איך וועל שוין רעדן מיט יעדן איינעם פון די יונגען, ווי איך וועל זיי נאָר הערן עפּעס רעדן וועגן איינגרעם — האָט בעביט פייערלעך פאַרזיכערט זיין טייערן פריינט דואַן.

דואַן האָט זיך צעוואַרעמט און ער איז געוואָרן

רירעוודיק. ער האָט גערעדט פון די סטודענטן־טעג אין דייטשלאַנד, וועגן דעם קאַמף פאַר אַ גלייכע שטייערן־אויסמעסטונג אין וואַשינגטאָן, פון די אינטערנאַציאָנאַלע לייבאָר־קאָנפערענצן. ער האָט דערמאָנט זיינע פריינט, לאָרד ווייקאָמב, קאָלאָנעל וועדזשעווּד, פּראָפעסאָר פּיקאָלי. בעבּיט האָט תּמיד געמיינט, אַז דואַן האָט נאָר באַציונגען מיט די י. וו. וו. אָבער איצט האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס קען שוין לאָרד ווייקאָמב פון לאַנג, און ער האָט צוויי מאָל געגעבן אָנצוהערן וועגן סיר געראַלד דאָאַק. ער האָט געפילט, אַז ער זעט אויס מוטיק, אידעאַליסטיש, קאָסמאָפּאָליטיש.

פּלוצלונג, אין זיין נייער גייסטיקער שטייגונג, האָט ער רחמנות געקריגן אויף צילע ריסלינג, און ער האָט זי פאַרשטאַנען, נישט ווי יעדער געוויינלעכער פאַרשוין פון בוסטער־קלוב וואָלט זי געקאָנט פאַרשטיין.

ב.

פינף שעה נאָך זיין אָנקומען קיין זעניט און נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט זיין ווייב, ווי הייס ס'איז געווען אין נויאָרק, איז ער געגאַנגען באַזוכן צילען. ער איז געווען פול מיט אידעען און מחילה. ער וועט באַפרייען פּאָולן; ער וועט אויפטון זאַכן, וואָס זענען אמת נישט קלאָר פאַר אים, אָבער הויך־ווילטעטיקע פאַר צילען; ער וועט זיין אַזוי גוטהערציק, ווי זיין פריינט סענעקאַ דואַן.

ער האָט נישט געזען צילען, זינט פּאָול האָט אויף איר געשאָסן, און ער האָט זיך זי פאָרגעשטעלט די בליענדיקע הויך־בוזעמדיקע, לעבעדיקע און עטוואָס צעגאָסענע! ווען ער איז פאַרפאָרן מיטן אויטאָמאָביל פאַרן הויז, ווו זי האָט געוווינט, אויף אַ שמוציק קליין הינטערגעסל, האָט ער זיך פאַרהאַלטן מיט אַן אומאָנגענעם געפיל. ביי אַ פענסטער אויף

אַ העכערן שטאָק, אונטערגעשפּאַרט די הענט אונטערן קאָפּ, איז געזעסן אַ פרוי ענלעך צו צילען, אָבער זי איז געווען אַלט און בלוטלאָז, ווי אַ קליין צעקנייטשט בויגעלע פּאַפּיר. פּונקט ווי די פריערדיקע צילע איז געווען לעבעדיק און צאַפּלדיק, איז דידאָזיקע פרוי געווען שרעקלעך שטיל.

ער האָט געוואַרט אַ האַלבע שעה, איידער זי איז אַריינגעקומען אין אויפנאַם-צימער פון פּענסיאָן. ער האָט פופציק מאָל אַדורכגעבלעטערט דאָס בוך פון דער טשיקאַגאָר וועלט-אויסשטעלונג פון יאָר 1893 און פופציק מאָל האָט ער געקוקט אויף דעם בילד פון ערנהויף.

ער איז דערשטוינט געוואָרן, ווען ער האָט זי געזען אַריינקומען אין צימער. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ שוואַרץ אָפּגעטראָגן קלייד, וואָס זי האָט געפּרוווט אויפפרישן מיט אַ בלייכן רויטן גאַרטל. דער באַנד איז געווען צעריסן און זאָרגעוודיק און געדולדיק צונויפגענייט. ער האָט דאָס גוט באַמערקט, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן צו קוקן אויף אירע אַקסלען. איין אַקסל איז געווען עטוואָס נידעריקער ווי דער אַנדערער, איין אָרעם איז מאָדנע אַראָפּגעהאָנגען, ווי ער וואָלט געווען געליימט; און אונטער דעם הויכן קאָלנער פון ביליקע שפּיצן אין בלוטלאָזן האַלדז, וואָס איז פריער געווען בלענדענד-ווייס און רונדיק, איז געווען אַ פּאַרטיפונג.

— יאָ, — האָט זי געזאָגט.

— נו, נו, אַלטיטשקע צילע! גאָט מיינער, ווי שטאַרק איך פריי מיך, וואָס מיר זען זיך ווידער!

— ער האָט מיר געקאָנט זאָגן דורך אַן אַדוואָקאַט אַלץ וואָס ער וויל.

— אָבער נאַרישקייט, צילע, איך בין נישט געקומען וועגן אים. כ'בין געקומען צו דיר, ווי אַן אַלטער פריינט.

— האָסט גענוג לאַנג געוואַרט דערויף!

— נו, דו ווייסט דאָך יאָ, ווי אַזוי ס'איז. כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז דו וועסט אַ לאַנגע צייט נישט וועלן זען

קײנעם פֿון זײנע פֿרײנט און — זעץ דיך טײערע! לאָמיר זײן געװיסנהאַפֿט. אַלע האָבן מיר אױף אונזערע געװיסן אַזױנע זאַכן, װאָס מיר האָבן נישט באַדאַרפֿט טון, אָבער אפֿשר װאָלטן מיר געקאָנט מאַכן אַ נײע התחלה. בנאמנות, צילע, איך װאָלט זיך באַמיט, אײך בײדע צו מאַכן גליקלעך. דו װײסט, װאָס איך האָב הײנט געטראַכט? זאָלסט װיסן, אַז פּאָװל װײסט דערפֿון לחלוטין נישט — ער װײסט צומאָל נישט, אַז איך קום צו דיר. איך האָב מיר אַזױ געטראַכט: צילע איז דאָך אַ הערלעכע, גוטהערציקע פֿרױ, און זי װעט פֿאַרשטײן, אַז פּאָװל, הם, האָט שױן געקריגן זײן פּסק. צי װאָלט עס נישט געװען אַ פֿײנע אידעע, אַז דו זאָלסט בעטן דעם גובערנאַטאָר, אַז ער זאָל באַפֿרײען פּאָװלן, איך גלױב, אַז ער װאָלט עס געטון, װען דו זאָלסט דאָס בעטן... נײן! װאַרט! פֿאַרטראַכט דיך, װי גליקלעך דו װעסט זיך פֿילן, אױב דו װעסט זײן אַזױ גרױסמוטיק.

— יאָ, איך װיל זײן גרױסמוטיק — זי איז געזעסן שטײף און איר קול איז געװען קאַלט װי אײז — און דערפֿאַר װיל איך טאַקע, אַז ער זאָל זיצן אין תּפֿיסה, זאָל ער זײן אַן איבערשרעקנדיקער בײשפּיל פֿאַר אַלע שלעכטע מענער. איך בין געװאָרן פֿרום, דזשאָרדזש, זינט דער מענטש איז באַגאַנגען איבער מיר אַזאַ מוראדיק פֿאַרברעכן. פֿריער בין איך נאָך געװען אָן מוט, און איך האָב געבענקט נאָך דער פֿרײד פֿון דער װעלט, נאָך טענץ און טעאַטער. אָבער װען איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, פֿלעגט מיך באַזוכן דער פּאַסטאָר פֿון די פּענטעקאָסטאָל-קאָמונע-גלױביקע, און ער האָט מיר געװיזן מיט זײן אײגענער האַנט די נביאות װאָס שטײט געשריבן אין די הײליקע שריפֿטן, אַז דער טאָג פֿון משפּט קומט אָן און, אַז אַלע מיטגלידער פֿון אַלטע קירכעס זענען פֿאַרמשפּט אױף דער אײביקער קללה, װאָרום זײ טוען תּפֿילה מיט די ליפּן און אין האַרצן דינען זײ דער װעלט, דעם פֿלײש און דעם טײװל —

גאַנצע פּופּצן משוגענע מינוטן האָט זי אַזױ גערעדט

אָן אויפהער און געמוסרט און געזאָגט עצות, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך פון געטלעכן צאָרן. איר פּנים האָט געפלאַמט, איר טויט קול האָט ווידער געהאַט אין זיך עפּעס פון דער אַמאָליקער שרייענדיקער ענערגיע פון דער אַלטער צילע. זי האָט פאַרענדיקט מיט כּעס:

— דאָס איז די אמתע ברכה פון רבונו של עולם, וואָס פּאָול זיצט אין תּפיסה און ווערט געפּייניקט און דערנידעריקט, און קומט אָפּ די פאַרדינטע שטראָף, וואָס וועט ראַטעווען זיין נשמה, און כּדי אַנדערע שלעכטע מאַנסלייט, וואָס לויפן נאָך פרעמדע פרויען און יאָגן זיך נאָך תּאוות, זאָלן זיך אָפּלערנען אַ מוסר השׂכּל.

בעביט האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן. פונקט ווי ער האָט אין דער קירך נישט דערוועגט זיך אַ ריר צו טון בעת דער דרשה, אַזוי האָט ער געפילט, אַז ער דאַרף אויך איצט אויפמערקזאַם אויסהאָרכן, הגם איר גאַנצע תּוכחה איז פאַרביי־געלאָפן איבער זיין קאָפּ, ווי אַ גערויש פון אַ רויב־פויגל.

ער האָט זיך באַמיט אויסצוזען רויק און ברודערלעך:

— יאָ, איך ווייס, איך ווייס צילע. אָבער ליבער גאָט, אָבער אינדעראמתן איז דאָך דער אייגנטלעכער מהות פון יעדער רעליגיע, אַז מען זאָל זיין באַרמהערציק, נישט אמת? לאָז, איך וועל דיר זאָגן, ווי אַזוי איך שטעל מיר דאָס אַלדינג פאָר: דאָס, וואָס מיר נויטיקן זיך אין דער וועלט איז ליבע־ראַליזם, ליבעראַלער זין, אויב מיר ווילן עפּעס דערגרייכן. פון תּמיד אָן האָב איך געשטרעבט צו זיין ברייטהאַרציק און ליבעראַל —

— דו? ליבעראַל? — דאָס איז שוין געווען די אַלטע צילע — אָבער, דזשאָרזש בעביט, דו ווייסט אַזויפיל פון גוט־האַרציקייט און ליבעראַליזם, ווי דיין ראַזיר־מעסער!

— אָ, דאָס בין איך, דאָס בין איך! אויב אַזוי לאָמיר דיר טאַקע זאָגן, יאָ לאָמיר דיר — שוין — טאַקע—זאָגן, איך בין פונקט אַזוי ליבעראַל ווי דו פרום! ד ו פ ר ו ם!

— איך בין עס טאַקע! אונזער פּאַסטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז איך, שטאַרק אים אין זיין גלויבן!

— דאָס געוויס, מיט פאָולס געלט! אָבער כּדי דיר צו באַווייזן, אַז כ'בין יאָ אַ ליבעראַל, שיק איך אַ טשעק אויף צען שטיקלעך דעם ביטשער איינגרעם, ווייל עס זענען פאַראַן טפּשים, וואָס זאָגן אַז דער אָרעמער פאַרשוין פּרעדיקט פרייע ליבע און אויפשטאַנד, און זיי באַמיען זיך אים צו פאַרטרייבן פון שטאָט.

— און זיי זענען גערעכט! זיי דאַרפן אים אומבאַדינגט אַרויסטרייבן פון שטאָט! אָ, ער פּרעדיקט — אויב איר ווילט עס דוקא אָנרופן געפּרעדיקט — אין אַ טעאַטער, אין שטנס הויז! אָ, דו ווייסט נישט, וואָס הייסט אַזוינס, געפינען גאָט, געפינען דו אין כּח, אויסצומיידן די נעץ, וואָס דער שטן טוט פאַר אונז אויסשפּרייטן! אָ, ווי גליקלעך איך בין, וואָס איך האָב תּופס געווען די סודות פון די געטלעכע וועגן, וואָס ער האָט אויף בּפיוון אָנגערייצט פאָולן, אַז ער זאָל מיך פאַרווונדן, כּדי איך זאָל אַ סוף מאַכן צו מיין זינדיק לעבן — און פאָול וועט קריגן ס'זייניקע, פאַר אַלע צרות, וואָס ער האָט מיר אָנגעטון, און איך האָף, אַז ער וועט שטאַרבן אין תּפיסה!

בעביט איז געשטאַנען מיטן הוט אין דער האַנט, שרייענדיק:

— נו, אויב דאָס הייסט ביי דיר זיין אין פרידן, דאַן ווי גאָט איז דיר ליב, טו מיר פריער צו וויסן, ווען דו הויבסט אָן די הייליקע מלחמה, גוט?

ג.

אומגעהויער איז דער רייץ פון דער שטאָט, וואָס לאָקט צוריק דעם וואַנדערער. מער ווי בערג, מער ווי דער בּרעגן־רייסנדיקער ים, האַלט אויף די שטאָט איר כאַראַקטער, אומפאַרענדערט, ציניש, שטרעבנדיק צו איר ציל, האַלטנדיק זיך אין דער זעלבער צייט אונטער די אויסערלעכע ענדערונגען פון

איר ווירקלעכן אויסזען. הגם בעביט האָט פאַרלאָזט זיין פאַמיליע און געוווינט מיט דזשאָ פּאַראַדיז אין די וועלדער, הגם ער איז געוואָרן אַ ליבעראַל, הגם ער איז אין יענער נאַכט, איידער ער איז אָנגעקומען קיין זעניט. געווען פעסט איבערגעצייגט, אַז נישט ער און נישט די שטאָט וועלן זיין דיזעלבע, האָט ער זיך צען טעג נאָך זיין צוריקקומען שוין נישט געקאָנט כּמעט גלויבן, אַז ער איז ווען ס'איז אַרויסגעפאָרן. ס'האָט אויסגעזען, אַז זיינע באַקאַנטע האָבן לחלוטין נישט באַמערקט, אַז עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דזשאָרזש פ. בעביט, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט זיך אויפגערעגט מער, בעת די אומאויפהערלעכע קיביצערייען אין אַטלעטן-קלוב, און איינמאָל, ווען ווערדזשיל גאָנטש האָט באַמערקט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט אויפהענגען סענעקע דואַן, האָט בעביט אַ ברום געטון:

— נו, צום טייוול, ער איז דאָך נישט אַזוי שלעכט.

אינדערהיים האָט ער כּסדר געמאַכט אויסרופן איבער דער צייטונג, „וואָס? הא?" בעת זיין ווייב האָט זיך אַריינגעלאָזט אין קאָמענטאַרן. ער איז געווען אַנטציקט פון טינקעס ניי רויט היטעלע, ער האָט צוויסן געטון:

— דערדאָזיקער בלעכענער גאַראַזש האָט שוין באמת קיין פּנים נישט, איך מוז מיר באמת לאָזן אויפבויען עפּעס אַ שיינעם, ריכטיקן בנין.

ווראָנע און קענעט עסקאָט, האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן באמת געווען פאַרליבט. קענעט עסקאָט האָט דורכגעפירט אין זיין צייטונג אַ קאַמפּאַניע אין די אינטערעסן פון ריינע ערנערונגס מיטלען קעגן די גרויסע קאָמיס-הייזער, און דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז ער האָט באַקומען אַ גלענצנדע שטעלע אין אַ קאָמיס-הויז; ער האָט געקריגן אַ געהאַלט, אַז ער האָט שוין געקאָנט רויק פירן אַ פאַמיליעןלעבן, און שפּעטער געיאָגט און געפּלאָגט די רעפּאָרטערן, וואָס האָבן געשריבן וועגן די קאָמיס-הייזער, נישט האָבנדיק קיין ברעקל השגה, וועגן דעם, וואָס זיי רייסן זיך אויף די ציין.

אין סעפטעמבער איז טעד אַריינגעטרעטן אין מלוכה־אוניווערזיטעט און געווען איצט דאָס ערשטע יאָר אויפן פאַקולטעט פון קונסט און וויסנשאַפט. דער אוניווערזיטעט האָט זיך געפינען אין מאָאַליס, בלויז פופצן מייל ווייט פון זעניט, און טעד איז סוף וואָך געקומען אַהיים. בעביט האָט זיך געזאָרגט. טעד האָט געהאַט צו אַלצדינג חשק, אויסער צו די ביכלעך. ער האָט געפרווט „מאַכן” זיך פאַר אַ מיטל־שטורמער אין דער פוסבאָל־מאַנשאַפט, ער האָט זיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויפן האַנט־באָל־סעזאָן, ער איז געווען אין קאָמיטעט פון די „פריצן”, און (אַלס איינוווינער פון זעניט, אַן אַריסטאָקראַט צווישן די גראָביאַנעס) איז ער אויסגעוויילט געוואָרן דורך צוויי קאָרפּאָראַציעס. אָבער וועגן זיין לערע האָט בעביט זיך נישט געקאָנט מער דערוויסן, ווי אָט וואָס:

— אָך, צו אַלדי שוואַרץ יאָר! די אַלטע אייזל־קעפּ, די לערער, הערן נישט אויף צו פאַרקלאַפּן דעם קאָפּ מיט די נאַרישקייטן וועגן ליטעראַטור און עקאָנאָמיע.

איינמאָל, ווען ער איז געווען גראָד אינדערהיים האָט טעד פאָרגעלייגט:

— הער אויס, טאַטע, פאַרוואָס זאָל איך זיך נישט קענען איבערשרייבן פון אוניווערזיטעט אויף דעם טעכניקום און שטודירן אַלס מאַשינען־טעכניקער? דו האַלטסט אין איין שרייען, אַז איך לערן זיך נישט. אָבער ערגעץ, דאָרטן וואָלט איך זיך געלערנט.

— ניין, די טעכנישע שול וועט דיר ווייט נישט פאַרשאַפן דידאָזיקע פּאָזיציע, וואָס דו וועסט באַקומען, ווען דו וועסט ענדיקן דעם אוניווערזיטעט — האָט זיך בעביט געכעסט.

— אָבער איך וויל טאַקע וויסן, פאַרוואָס דו מיינסט אַזוי? אַן אינזשיניער למשל איז דאָך שטענדיק פון אויבן און באַקומט דאָס בעסטע.

עס זענען געווען נאָך אַ סך דערקלערונגען וועגן דעם ווערט פון דעם אוניווערזיטעט־טיטול, אויסגערעכנט אין דאָלאַרן

און סענטן, און בפרט ווען מען שטודירט אויף אַן אַדוואָקאַט, און אין הערלעכע פאַרבן האָט ער אים פאָרגעשטעלט די קאַריערע פון אַן אַדוואָקאַט; ס'איז געווען אַ רעדע, פשוט אַ מייסטערווערק, איידער ער האָט נאָך באַוויזן אַ טראַכט צו טון, האָט בעבית שוין געמאַכט טעדן פאַר אַ סענאַטאָר פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

צווישן אַלע גרויסע אַדוואָקאַטן, וועלכע ער האָט אויסגערעכנט, איז אויך געווען סענעקאַ דואַן.

— אָ, טאַטעלעך מײַנע! — האָט טעד געשטויגט — איך האָב דאָך געמיינט... דו אַליין האָסט דאָך מיר תמיד געזאָגט, אַז דואַן איז אַ משוגענער הונט, אַ...

— דו! אַזוי דריקט מען זיך נישט אויס וועגן אַ גרויסן מענטשן! דואַן איז תמיד געווען מײַנער אַ גוטער פרײַנט! — אין אוניווערזיטעט האָב איך אים אפילו צוגעהאָלפן. — איך האָב אים אַרויסגעפירט אויפן וועג און מען קען כמעט זאָגן, אים באַגייסטערט. נאָר דערפאַר וואָס ער האָט סימפּאַטיעס פאַר דער אַרבעטער-פּאַרטיי, טענהן אַ מאַסע אויסוורפן, וואָס זענען נישט ליבעראַל און האָבן נישט די מינדעסטע ברייטהאַרציקייט, —יאָ — אַז ער איז כלומרשט נישט מיט אַלעמען, אָבער איך מוז דיר זאָגן, אַז ס'נישטאָ קיין סך מענטשן היינט צו טאָג, וואָס זאָלן נעמען אַזעלכע פעטע האָנאָראַרן, ווי ער, און באַפרײַנדעט מיט די באַרימטסטע קאָנסערוואַטיסטן פון דער וועלט — ווי למשל לאָרד ווייקאָמב, דער, הם, דער גרויסער ענגלישער אַריסטאָקראַט, פון וועלכן עס רעדט אַ וועלט. — און, וואָס מײַן ליבער, וואָלסטו בעסער געוואָלט: צי פאַרברענגען מיט אויסגעשמירטע מעכאַניקער און אַרבעטער, אָדער האָבן באַציונגען מיט אַזאַ מענטש, ווי ווייקאָמב, און ער זאָל דיך אײַנלאַדן צו זיך אויף בעלער?

— אוי, גאָטעלע איינציקער — האָט טעד אָפּגעזיפצט:

די אַנדערע וואָך איז ער אַרײַנגעפאַלן אַ שטראַלנדיקער:

— הער נאָר, טאַטע, פאַרוואָס זאָל איך נישט שטודירן

אויף טעכניק, אויפן אָרט פון אייביקע לערעס? די רעדסט חעגן שטעלונגען און טיטולן — מעגלעך אַז אַ מאַשין-אינ- זשיניער איז נישט אַזוי גרויסאַרטיק, אָבער אַ גרובן-אינזשי- ניער... דער טייוול זאָל מיך נעמען ווי ביי די לעצטע וואַלן אין נאָ—טאָ טאָ, האָבן זיי פון עלף באַקומען גאַנצע זיבן שטימען!

ה.

דער שטרייק, וואָס האָט צעטיילט זעניט אין צוויי פֿיינטלעכע לאַגערן, אויף רויטע און ווייסע, האָט זיך אָנגעהויבן סוף דעצעמבער מיט אַ דעמאָנסטראַציע פֿון די טעלעפֿאָניסטינס און טעלעפֿאָן־אַרבעטער, אַלס פּראָטעסט אויף דער רעדוקציע פֿון די לוינען. דער ניי־געגרינדעטער פֿאַריין פֿון די מילך־אינדוסטרי־אַרבעטער איז אויך אַרויס אויפֿן גאַס, טיילווייז אויס סימפּאַטיע און טיילווייז מיט דער פֿאָדערונג פֿון אַ פֿיר און פֿערציק שעהדיקער אַרבעטס־וואָך. זיי זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די שאָפֿערן פֿון די לאַסט־וועגן, אַ קרובותדיקן צווייג. דער האַנדל איז אָפּגעשטאָרבן, די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט מיט שרעק און אומרויקייט וועגן אַ טראַמוויי־שטרייק, אַ דרוקער־שטרייק, אַ גענעראַל־שטרייק. די אויפֿגערעגטע בירגער, וואָס האָבן זיך באַמיט צו קריגן טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונגען מיט דער הילף פֿון שטרייק־ברעכערינס, האָבן זיך אומבאַהאָלפֿן געדרייט אַהין און אַהער. יעדער לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס איז געפֿאָרן פֿון פֿאַבריקס־קוואַרטאַל צו דער לאָדונגס־סטאַציע, איז באַוואַכט געווען מיט אַ פּאָליציימאַן, וואָס האָט זיך באַמיט אויסצוזען אומשולדיק לעבן שטרייק־ברעכערישן שאָפֿער. אַ שורה פֿון פֿופֿציק לאַסט־אויטאָמאָבילן פֿון דער זעניטער שטאָל־ און מאַשינען־געזעלשאַפֿט איז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון די שטרייקער — זיי זענען אַראָפּ פֿון די טראָטוואַרן, אַראָפּגעוואָרפֿן די שאָפֿערן פֿון די געזעסן, צעבראָכן

די צינדער און די קאָמולאַטאָרן, בעת די טעלעפאָניסטינס אויף די טראָטואַרן האָבן געשריגן הורא! און קליינע ייגנלעך האָבן געוואָרפן שטיינער.

די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע איז אַרויסגעטרעטן. קאָלאָנעל ניקסאָן, וואָס איז אין פריוואַטן לעבן געווען קעלעב ניקסאָן, דער סעקרעטאַר פון דער פולמאָרער טריישאָן־געזעלשאַפט, אָנגעטון אין אַ האַקי־מאַנטל, האָט שפּאַצירט גרויסאַרטיק דורך דער גאַס, צווישן דער מאַסע, מיט זיין אויטאָמאַטישן „פּירי־אונפערציקער" אין דער האַנט. אפילו בעביטס פריינט, קלאָרענץ דרום, דער שיך־סוחר, אַ קיילעכדיקער, פריילעכער פאַרשוין, וואָס האָט דערציילט מעשהלעך אין אַטלעטן־קלוב און וואָס איז זייער ענלעך געווען צו אַ וויקטאָריאַנישן מאָפּס־הונט — האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס שטרענגער קאַפּיטאַן, מיט אַ פּאַסעק אַרום זיין שיין, קליין בייכל, און זיין קיילעכדיק קליין מיילעכל האָט זיך געקנייטשט, בעת ער האָט נישט געלאָזט, מען זאָל זיך גרופּירן אין דיווינקלען.

— פאַנאַנדערגיין, נישט שטיין בלייבן! איך קאָן נישט דערלויבן קיין פאַרזאַמלונגען!

אַלע צייטונגען אין שטאָט, אַ חוץ איינע, זענען געווען קעגן די שטרייקער. ווען דער המון האָט געשטורעמט די צייטונגס־קיאָסקן, איז ביי יעדן קיאָסק אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך, אַ יונגער, פאַרלעגענער מיליציאַנט מיטברילן, וואָס איז געווען אין פריוואַטן לעבן אַ בוכהאַלטער, אָדער אַ געהילף אין אַ גרויסן געוועלב. ער האָט זיך באַמיט אויסצוזען געפערלעך, בעת די קליינע יאַטן האָבן געשריגן מיט אַלע כוחות: אַנטלויף, בלייענער זעלנער! און די שטרייקנדע שאָפערן פון די לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן זיך צערטלעך נאָכגעפרעגט: — זאָג נאָר, דזשאָ, ווען איך האָב זיך געשלאָגן אין פראַנקרייך, צי ביסטו זיך געזעסן אין אַמעריקאַנישן „טיל", אָדער דו האָסט געמאַכט שוועדישע איבונגען אין פאַריין פון יונגע קריסטלעכע מענער? זיי נאָר פאָרזיכטיק מיטן באַגנעט, קאָנסט זיך נאָך אַ שניט טון!

אין גאַנץ זעניט האָט מען נישט געהערט פון קיין שום זאַך, אַ חוץ פון שטרייק, און עס איז נישט געווען קיין איינער, וואָס זאָל נישט געהערן צו קיין פּאַרטיי. מ'איז געווען אָדער אַ מוטיקער פריינט פון די אַרבעטער, אָדער דער גאַנצער כל-ולך ביי די באַזיצנדיקע קלאַסן, און אין יעדן פּאַל ביסטו געווען קאַמפּסלוסטיק, גרייט צו צערייסן דעם אייגענעם פריינט, וואָס האָסט נישט דעם שונא.

אין אַ פּאַבריק פון קאָנדענסירטע מילך איז אויסגעבראָכן אַ שרפה — איין צד האָט עס אַרויפגעוואָרפן אויפן אַנדערן — און די שטאָט איז געוואָרן היסטעריש.

אין אָט אַזאַ אויגנבליק האָט בעביט זיך אויסגעקליבן צו ווערן אַ ליבעראַל.

ער האָט אָנגעהערט צום געזוגטן, יושרדיקן, סאָלידן לאַגער און לכתחילה איז ער געווען פולשטענדיק מסכּים, אַז מען דאַרף די אַלע אַגיטאַטאָרן שיקן אויף דער תּליה. ס'האָט אים וויי געטון, וואָס זיין פריינט סענעקאַ דואַן האָט פּאַרטיידיקט די שטרייקער און ער האָט אַ טראַכט געטון צו גיין צו דואַן און צו דערקלערן אים וועגן די אַגיטאַטאָרן. אָבער ווען ער האָט אַדורכגעלייענט אַ פלוגבלעטל, אַז די טעלעפאָניסטינס האָבן אַפילו ביי די פריערדיקע לוינען געהונגערט, איז ער געוואָרן צעטומלט:

— קיין איין וואָרט נישט אמת און פאַלשע ציפערן. — האָט ער אַ זאָג געטון, אָבער זיין קול האָט געקלונגען ספקותדיק.

אויף אַ זונטיק שפּעטער האָט די פרעסביטעריאַנישע קירך אויף שאַטאַט-ראָד מודיע געווען וועגן אַ דרשה פון ד"ר דזשאָן דזשעניסאָן דריו. דער טיטול האָט געהייסן: „ווי אַזוי אונזער אויסלייזער וועט אַ סוף מאַכן צו די שטרייקן". בעביט האָט אין דער לעצטער צייט פאַרנאַכלעסיקט די קירך, אָבער דאָסמאָל האָט ער געוואָלט גיין, מיט דער האָפענונג, אַז דר. דריו מוז טאַקע עפּעס וויסן, ווי אַזוי מען טראַכט דאָרט אין

הימל וועגן שטרייקן. טשום פרינק איז געזעסן לעבן בעבי̇טן אין דער גרויסער, קירכעלעכער, סאַמעטענער שטול.

פרינק האָט געפליסטערט:

— איך האָף, אַז דער דאָקטאָר וועט זיי גוט אַריינזאָגן, די שטרייקער! וואָס אַן אמת, בין איך גאָרנישט דערפאַר, אַז אַ פּאַסטאָר זאָל זיך מישן אין פּאָליטיק — זאָלן זיי זיך בעסער האַלטן ביי דער אמונה און ביים ראַטעווען נשמות, און נישט זיך אַריינלאָזן אין דיסקוסיעס — אָבער אין אַזאַ צייט ווי היינט מיין איך, אַז ס'איז זיין פליכט אַלס פּאַסטאָר אַרויס־צוטרעטן פאַרן גאַנצן פאָלק, דידאָזיקע אויסוואורפן אַוועקגעבן אַ חלק, וואָס זיי קומט.

— נו יאָ, — האָט בעביט געזאָגט.

דער חשובער דר. דריו, וואָס זיינע קינסטלערישע לאָקן האָבן געפלאַטערט פון ענטוזיאַזם, פּאָעטישקייט און סאָציאַלן יושר, האָט געדונערט.

— אין דער צייט, וואָס די אומגעוווּנטשענע מחנה פאַר־פירטע אינדוסטריעלער, וועלכע — לאָמיר זיין מוטיק און זאָגן עס אָפן — האָבן אין דער לעצטער צייט דערשטיקט דאָס געשעפטלעכע לעבן פון אונזער שיינער שטאָט — האָט מען אָנ־געהויבן צו פלאַפּלען סתם אין דער וועלט אַריין וועגן עקזאַקטער וויסנשאַפט, וויסנשאַפטלעך־אויסגעזוכטע רעטונג! וויסנשאַפטלעך! וויסנשאַפטלעך! נו, איך וועל אייך נאָר זאָגן, אַז ס'איז נישט פאַראַן אויף דער וועלט אַ זאַך, וואָס זאָל זיין אַזוי ווייניק וויסנשאַפטלעך, ווי די וויסנשאַפט גופא; אָט נעמט למשל די שטענדיקע אָנגריפן אויף די אייביקע פונ־דאַמענטן פון קריסטנטום, וואָס זענען געווען אַזוי באַליבט ביי די „וויסנשאַפטלער" מיט אַ דור צוריק. אָך, יאָ, זיי זענען געווען מעכטיקע ריזן און געלאַכט און אָפּגעחוזקט און קרי־טיקירט אויפן גרויסן שטייגער! זיי האָבן געוואָלט פּאַרטיילן די קירך, זיי האָבן אונז באַוויזן, אַז אַ בלינדער צופאַל האָט גורם געווען די אַנטשטייונג פון דער וועלט און איר וווּקס צו דער איצטיקער לעגענדאַרער דערגרייכונג פון מאָראַל און

ציוויליזאַציע. און פונדעסטוועגן שטייט די קירך נאָך הייַנט אַזוי פעסט, ווי פריער, און דער איינציקער ענטפער, וואָס אַ פּאַס־טאָר קאָן געבן די אַלע לאַנגהאָריקע פלוידערזעק, איז אַ שמייכל פון מיטגעפיל!

— און איצט ווילן די זעלבע „געלערנטע" איבעראַנדערשן דעם נאַטירלעכן צושטאַנד פון דעם פרייען וועלט־מסחר דורך אַ משוגענעם סיסטעם, וועלכער איז דאָך נישט אַנדערש, ווי אַ דעספּאָטישער פּאַטערנאַליזם, הגם זיי רופן אים אָן מיט פאַרשידענע קלינגנדיקע נעמען. נאַטירלעך מיין איך דאָ נישט צו קריטיקירן די אַרבעטער־געריכטן, וואָס קלערן אויף יענע לייט, וואָס שטרייקן אומגערעכט, אָדער די גלענצנדע פאַריינען, ווו אַרבעטער און אַרבעטגעבער גייען האַנט ביי האַנט. אָבער איך קריטיקיר אָט יענעם סיסטעם, אין וועלכן דער טרייער און פלייסיקער מאָטיוו פון אומאָפּהענגיקער אַרבעט איז אויסגעטוישט געוואָרן אויף אַ קינסטלעכן צאָל־טאַריף און אַ מיני־מום־לוין, און אַ רעגירונגס־קאָמיסיע, אַרבעטער־פעדעראַצי און די נאָך אַלע אַנדערע נאַרישע זאַכן.

— און אַממערסטן נישט פאַר אַלעמען פאַרשטענדל איז דאָס, וואָס די גאַנצע אינדוסטריעלע פראַגע איז ג קיין אויסשליסלעך עקאָנאָמישע פראַגע. דאָס איז פריער פא אַלץ אַ פראַגע פון ליבע און אַ פראַקטישע אָנווענדונג פון קריסטוסעס לערע! שטעלט אייך פאָר אַ פאַבריק — אַנשטאָט אַרבעטער־קאָמיטעטן, וואָס קוקן פרעמד אויף דעם באַלעבאָס, שפּאַצירט דער באַלעבאָס אַרום צווישן די אַרבעטער מיט אַ שמייכל אויפן פנים, און זיי ווייזן אים צוריק אַ שמייכלענדיק פנים, ווי אַן עלטערער ברודער מיט אַ סך יונגערע ברידער. ב ר י ד ע ר, דאָס איז עס, וואָס זיי דאַרפן זיין, ליבנדיקע ברידער. און דאַן וועלן שטרייקן זיין אַזוי צוועקלאָז, ווי האַס אין דעם שויס פון דער פאַמיליע.

ביי די ווערטער האָט בעבּיט אַ מורמל געטון:

— אָך, טיפשות!

— הם? — האָט טשום פרינק געפרעגט.

— ער ווייסט אַליין נישט, וואָס ער רעדט. דאָס אַלץ איז אַזוי קלאָר און דורכזיכטיק, ווי געזיגענע בלאָטע. אין דער גאַנצער פּלוידעריי איז נישטאָ קיין איין רעכטער גע־דאַנק.

— מעגלעך. אָבער —

פּרינק האָט אויף אים אַ קוק געטון צווייפלהאַפט. בעת די גאַנצע איבעריקע דרשה, האָט ער געקוקט אויף אים צווייפל־האַפט און פאַרוווּנדערט, ביז בעביטן איז עס שוין געוואָרן פּריקרע.

ב.

די שטרייקער האָבן געמאָלדן וועגן אַ דעמאָנסטראַציע אויף דינסטיק אינדערפרי, אָבער קאָלאָנעל ניקסאָן האָט עס זי⁓ פאַרווערט, ווי עס האָבן געמאָלדן די צייטונגען. ווען ביט איז צען אַ זייגער אינדערפרי געפאָרן פון זיין ביוראָ ף מעריב־זייט, האָט ער געזען אַ מחנה אָפּגעריסענע מאַנס־ן. וואָס האָבן זיך געשלעפּט אין דער ריכטונג פון דעם דייטן, שמוציקן קוואַרטאַל אויף יענער זייט פון דעם קורט־הויז סקווער. ער האָט זיי פיינט געהאַט, ווייל זיי זענען גע־ווען אָרעם, ווייל זיי האָבן אים פאַרשאַפט אַ געפיל פון אומ־זיכערקייט.

— פאַרשאָלטענע ליידיקגייער! זיי וואָלטן נישט געווען קיין געמיינע אַרבעטער, אויב זיי וואָלטן געהאַט אַביסל מער ענערגיע — האָט ער געזאָגט שטילערהייט צו זיך. ער האָט געטראַכט, צי עס וועט קומען צו אַן אויפשטאַנד. ער איז געפאָרן ביים אויסגאַנגס־פּונקט פון דער דעמאָנסטראַציע, אַ דרייעק מיט צעטרעטן שטויביק גראָז, וואָס האָט זיך גערופן דער מאָר־סטייט־פּאַרק און ער האָט איינגעהאַלטן זיין אויטאָ־מאָביל.

דער פּאַרק און די גאַסן זענען געווען פול מיט שטרייקנ־דיקע, יונגע מענער אין בלויע וואָלענע העמדער, אַלטע

מענער מיט היטלען אויף די קעפּ. צווישן זיי האָט זיך אָן אויפהער באַוועגט דאָס מיליטער אַהין און צוריק, האַלטנדיק זיי כּסדר אין איין אויפרודערן, ווי אַ קאָכענדיקער קעסל וואַסער. בעביט האָט געקאָנט הערן די מאָנאָטאָנע באַפעלן פון די זעלנער: נישט שטיין בלייבן! — געגאַנגען! — גייט זיך אַביסל איבער! וואַרעמט אָן די פיס! בעביט האָט באַוואונדערט זייער גוטמוטיקייט. די מאַסן האָבן געשריגן: — בלייענע זעלנער! — און — פאַרכעוואַטע הינט! — קאַפּיטאַליסטישע לאָקייען! — אָבער די זעלנער האָבן געלאַכט און נאָר געענטפערט: —זיכער, איר זענט גאַנץ גערעכט. נאָר נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. ווייטער, ביל!

בעביט איז באַגייסטערט געוואָרן פון דער בירגער-מיליץ, ער האָט געהאַסט דאָס פעבל, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם ליפּהאַרציקן וועג פון פּראָגרעס און עשירות. ער האָט באַוואונדערט דעם קאָלאָנעל ניקסאָן, וואָס האָט זיך דורכגעבראָכן מיט אַ קאַלטער פאַראַכטונג אַ וועג צווישן דער מאַסע; און ווען דער קאַפּיטאַן קלאָרענץ דרום, דער אַביסל אָנגעבלאָזענער שיך-סוחר איז אַ צאָרנדיקער אָנגעקומען, האָט בעביט מיט דרך ארץ אַ געשריי געטון:

— אַ וואַזשנע אַרבעט, קאַפּיטאַן! לאָזט זיי נישט אַרויסמאַרשירן!

ער האָט געקוקט, ווי די שטרייקער האָבן פאַרלאָזט דעם פּאַרק. זיי האָבן געטראָגן טראַנספּאָראַנטן מיט אויפשריפטן: „זיי קאָנען אונז נישט שטערן רויק דעמאָנסטרירן". די מיליץ האָט אַרויסגעריסן די טראַנספּאָראַנטן, די שטרייקער אָבער האָבן זיך פאַרזאַמלט הינטער זייערע פירער און זיך דערווייטערט אין אַ דינער, דורכאויס נישט אימפּאָזאַנטער ליניע צווישן די בלישטשנדיקע שטאָלענע העלמען פון די זעלנער.

צו זיין גרויסער אַנטוישונג האָט בעביט דערזען, אַז מ'ווענדט דאָ נישט אָן קיין שום געוואַלד, אַז ס'וועט גאָרנישט פאָרקומען קיין אינטערעסאַנטס. אָבער דאַן איז אים שיר פאַר שרעק נישט אַרויס די נשמה.

צווישן די מאַרשירנדיקע, לעבן אַ גרויסן, שווערן יונגן אַרבעטער, איז געגאַנגען סענעקאַ דואַן, שמייכלענדיק און צו־פרידן. פאָרויס איז געגאַנגען פּראָפעסאָר ברויקבענק, דעקאַן אויפן היסטאָרישן פאַקולטעט אין מלוכה-אוניווערזיטעט. אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס איז אַלעמען באַוווּסט געווען, אַז ער שטאַמט פון אַ יחוסדיקער פאַמיליע אין מאַ־סאַטשוסעטס:

— אָ, צום טייוול — האָט בעביט געשטוינט — אַזאַ גרויסער קאָפּ, ווי ער, צווישן די שטרייקער? און דער גוטער, אַלטער סענעקאַ דואַן! זיי זענען נאַראָנים, וואָס זיי מישן זיך מיט דעמדאָזיקן פּעבל! זיי זענען סאַלאָן-סאָציאַליסטן! אָבער מוט, ווייזט אויס, האָבן זיי! זיי קריגן דאָך דערפאַר גאָרנישט, אַ סענט נישט! און — איך מיין, אַז נישט אַלע שטרייקער זען אויס ווי אַ מחנה אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע שלעפּער. זיי זען אויס אייגנטלעך, ווי אַלע אַנדערע מענטשן!

די מיליץ האָט אָפּגעקערעוועט די דעמאָנסטראַציע אין אַ זייטיקער גאַס.

— זיי האָבן פּונקט אַזאַ רעכט צו מאַרשירן, ווי אַלע אַנדערע! די גאַסן געהערן צו זיי, ווי צו קלאָרענץ דרום און צום אַמעריקאַנישן לעגיאָן! — האָט בעביט געמורמלט — נאַ־טירלעך, זענען זיי — זענען זיי אַ געפערלעכער עלעמענט, אָבער — אָך ווי נאַריש!

אין אַטלעטן-קלוב ביים פרישטיק איז בעביט געווען שווייגנדיק, בעת די איבעריקע האָבן זיך באַקלאָגט — כ'ווייס באמת נישט, וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען. אָדער זיי האָבן מיט וויצן פאַרלייכטערט זייער געדריקטע שטימונג.

קאַפּיטאַן קלאָרענץ דרום איז אַריינגעקומען ווי אַ מאַרטירער אין דער גאַנצער פּראַכט פון זיין האַקי-מונדיר.

— נו, וואָס הערט זיך, קאַפּיטאַן? — האָט ווערדזשיל גאָנטש געפרעגט.

— אָ, מיר האָבן זיי איינגעהאַלטן. מיר האָבן זיי אָפּ־געקערעוועט אין די זייטיקע געסלעך און פאַנאַנדערגעטריבן.

דאַן האָבן זיי אָנגעווירן דעם מוט און זיי זענען געגאַנגען אַהיים.

— גרויסאַרטיק! אַ וואַזשנע אַרבעט געווען! און אָן געוואַלט.

— גאָרנישט אַזוי וואַזשנע — האָט דרום זיך געבייזערט — ווען עס וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, וואָלט שוין יאָ געווען אַביסל געוואַלט אויך און איך טאַקע וואָלט געמאַכט די התחלה, און דאַן וואָלט מען איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיט זיי אַ סוף געמאַכט. איך האַלט נישט פון שטיין רויק און צו קוקן, ווי די חברה וועט זיך מאַכן שטרייקן און אומרוען. איך זאָג אייך, אַז דידאָזיקע שטרייקער זענען נישט מער, ווי אַ געמיינע באַנדע באָמבע-וואַרפער, מעסער-שטעכער און גזלנים, און אַנדערש וועט מען מיט זיי נישט אויסקומען, ווי מיט דער נאַהייקע שלאָגן צום טויט. אָט דאָס איז מיין מיינונג!

בעבּיט האָט דערהערט זיין אייגן קול:

— אָך, דו פלוידערסט, קלאָרענץ, זיי ווילן לעבן אויף דער וועלט, פונקט ווי דו און איך. איך בין זיכער אַז זיי האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין שום באָמבעס.

דרום האָט געענטפערט געקרענקט:

— אַזוי, זיי האָבן נישט געהאַט ביי זיך קיין באָמבעס? און אפשר וואָלסטו איבערגענומען די אויפזיכט איבערן שטרייק? זאָג עס נאָר דעם קאָלאָנעל ניקסאָן, וואָס פאַראַ אומשולדיקע שעפעלעך די שטרייקנדיקע זענען! ער וועט אַנטציקט ווערן פון דיינע ווערטער — דרום איז אַריין אין זיין ראָלע, בעת דער גאַנצער טיש האָט געקוקט אויף בעבּיטן.

— וואָס איז דיר איינגעפאַלן? ווילסט אפשר, אַז מיר זאָלן די בייזע הונט ענטפערן מיט קושן? — האָט דזשאָנס געפרעגט.

— דו פאַרטיידיקסט אַ באַנדע קאַטאָרזשניקעס, וואָס ווילן אַוועקנעמען דאָס שטיקל ברויט ביי אונזערע פאַמיליעס! — האָט פּראָפעסאָר פּאָמפרי זיך געכעסט.

ווערדזשיל גאָנטש האָט גאָרנישט געזאָגט, דאָס האָט

געווירקט שרעקנדיק. ער האָט זיך איינגעהילט אין אַ שטרענגע, ערנסטע מאַסקע; זיין מויל און די באַקן זענען געווען האַרט, ווי אייזן, זיינע האַרטע, קורצע האָר האָבן אויסגעזען גרויזאַם, זיין שווייגן איז געווען אַ גרויסער שטורם. בעת די איבעריקע האָבן פאַרזיכערט בעביטן, אַז זיי האָבן אים געמוזט שלעכט פאַרשטיין, האָט גאַנטש אויסגעזען, ווי ער וואָלט נאָך צופיל פאַרשטאַנען. ווי אַ שטרענגער ריכטער האָט ער אויסגעהערט, ווי בעביט שטאַמלט:

— ניין, אוודאי; נאַטירלעך ווייס איך, אַז זיי זענען אַ באַנדע אויסוואורפן. אָבער איך מיין — אַז ס'איז אַ פאַלשע פּאָליטיק צו נעמען און זיי פשוט אויסהרגענען. קעלעב ניקסאָן וועט עס אויך נישט טון. ער האָט דעם גוטן איטאַליענישן טאַקט. דערפאַר איז ער טאַקע קאָלאָנעל. קלאָרענץ דרום איז אייפערזיכטיק אויף אים.

— נו — האָט פּראָפעסאָר פּאָמפרי געזאָגט — דו האָסט דרימען זייער שטאַרק מצער געווען, דזשאָרזש. ער איז אַ גאַנצן פרימאָרגן געווען אויפן גאַס, אין שטויב און היץ, און מ'קען זיך נישט חידושן אויף אים, וואָס ער וויל אָט דאָס געזינדל פּלעטן דעם שאַרבן.

גאָגטש האָט גאָרנישט גערעדט, ער האָט זיך נאָר צוגעקוקט, און בעביט האָט געוווסט, אַז ער ווערט אָבסער-ווירט.

ג.

ווען בעביט האָט פאַרלאָזט דעם קלוב, האָט ער גע-הערט, ווי טשום פרינק האָט זיך געווענדט צו גאָנטשן מיט אַ טענה:

—כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז מיט אים געשען. דעם לעצטן זונטיק האָט דר. דריו אָפּגעהאַלטן אַ הערלעכע דרשה וועגן דער אָנשטענדיקייט און מאָראַל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן,

און אומעטום האָט בעביט געהאַט טענות. אויף וויפל איך קאָן עס מיר דערקלערן —

בעביט האָט געפילט, ווי עס גייט אים דורך אַ שוידער.

ד.

ער האָט געזען אַ גרויסן המון, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו אַ מענטשן, וועלכער האָט אַראָפּגערעדט צו אים פון אַ קיך־בענקל. ער האָט איינגעהאַלטן זיין אויטאָמאָביל. פון די ציַיטונגס־בילדער האָט ער זיך משער געווען, אַז דאָס מוז זיין דער פאַרפאָלגטער פריידיקער ביטשער איינגרעם, וואָס רעדט אויף זיינע אייגענע אחריות. סענעקאַ דואַן האָט אים דערציילט וועגן אים. איינגרעם איז געווען אַ דאַרער מאַנסביל, מיט פלאַמענדיקע האָר, איינגעפאַלענע באַקן און טריבע אויגן. ער האָט גערעדט זיך בעטנדיק:

— ...אויב די טעלעפאָניסטינס קאָנען אויסהאַלטן, כאָטש זיי עסן איינמאָל אין טאָג, וואַשן אַליין די וועש, הונגערן און לאַכן, קאָנט איר, שטאַרקע מענער, אוודאי און אוודאי אויס־האַלטן —

בעביט האָט באַמערקט, אַז ווערדזשיל גאָנטש אָבסערווירט אים פון טראָטואַר. מיט מאָדנער אומרויִקייט אין האַרצן האָט ער אַ לאָז געטון די מאַשין און מעכאַניש אַוועקגעפאָרן. און ס'האָט זיך אים געדוכטן, ווי גאָנטשס פייַנטלעכער בליק וואָלט אים פאַרפאָלגט אַ גאַנצן וועג.

ה.

— זייער אַ סך מענטשן מיינען — האָט בעביט זיך באַקלאָגט פאַר זיין ווייב — אַז די אַלע אַרבעטער, וואָס שטרייקן, זענען גזלנים. נו, נאַטירלעך, איז עס אַ קאַמף צווישן דעם געזונטן מסחר און דעם צעשטערנדיקן עלעמענט, און אויב זיי צווינגען אונז דערצו, דאַרף מען זיי, פאַרשטייט זיך, איבער־

האַקן די הענט, אַז זיי זאָלן וויסן אויף נאָכאַמאָל. אָבער זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב איך הויב אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר זאָלן נישט קעמפן מיט זיי, ווי דזשענטלמענער און נישט רופן זיי פאַרשיווע הינט און זאָגן, אַז מען דאַרף זיי אַלע אויסשיסן.

— יאָ, דזשאָרזש — האָט זי מילד געזאָגט — דאַכט זיך מיר, אַז פלעגסט מיר תּמיד זאָגן, אַז מען דאַרף אַלע שטרייקער פאַרשפאַרן אין תּפיסה.

— איך האָב קיינמאָל אַזוי נישט געזאָגט! ס'הייסט, איך מיין — אַז טייל פון זיי יאָ. די פאַראַנטוואָרטלעכע פירער, אָבער איך מיין, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַ ברייטן בליק און זיין ליבעראַל אין אַזוינע פראַגן, ווי —

— אָבער טייערער, מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט מיר תּמיד געזאָגט, אַז די אַזוי גערופענע „ליבעראַלן" זענען די ערגסטע אויף —

— נאַרישקייט! פרויען זענען קיינמאָל נישט בּיכולת זיך פאַנאַנדערצוקלויבן אין די פאַרשידענע ניואַנסן פון אַ וואָרט. ס'איז דאָך אַ חילוק אין וועלכן זין מען זאָגט עס. חוצדעם דאַרף מען קיינמאָל נישט זיין אַזוי עקלהאַפט זיכער. אָט למשל די שטרייקנדיקע: איך פאַרזיכער דיר, אַז זיי זענען גאָרנישט די ערגסטע מענטשן. זיי זענען נאַראָנים, זיי פאַרשטייען נישט די קאָמפּליצירטע פאַרהעלטעניש פון האַנדל און ריוח, ווי מיר געשעפטס-לייט פאַרשטייען עס, אָבער טיילמאָל פאַרטראַכט איך זיך, אַז זיי זענען דיזעלבע מענטשן, וואָס מיר אַלע, און נישט מער גיריק נאָך אַ גרעסערן לוין, ווי מיר נאָך ריוח.

— דזשאָרזש! ווען מענטשן זאָלן דיך הערן אַזוי רעדן — איך באַטירלעך קען דיך; איך געדענק, וואָס פאַר אַן אויסגעלאָסן נאַריש יינגל דו ביסט געווען; און איך ווייס, אַז דו מיינסט נישט קיין איין וואָרט אַזוי ווי דו רעדסט — אָבער ווען אַנדערע, וואָס פאַרשטייען דיך נישט, זאָלן דיך הערן אַזוי רעדן, וואָלטן זיי דיך פּשוט אָנגענומען פאַר אַ סאָציאַליסט!

– וואָס גייט עס מיך אָן, וואָס עמעצער וועט וועגן מיר טראַכטן ? און לאָמיך טאַקע דיר איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָגן — איך וויל, אַז דו זאָלסט עס ענדלעך פאַרשטיין, אַז איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין ווילדער, משוגענער יינגל, און ווען איך זאָג עפּעס, מיין איך עס און איך האַלט זיך דערביי און — זאָג מיר צו, מיינסטו טאַקע באמת, אַז די מענטשן וועלן מיך האַלטן פאַר צו ליבעראַל, אויב איך וועל זיי זאָגן, אַז די שטרייקער זענען אָנשטענדיקע מענטשן ?

— זיי וועלן זיכער אַזוי מיינען. אָבער האָב נישט קיין עגמת נפש דערפון, טייערער ; איך ווייס, אַז דו מיינסט נישט קיין איין וואָרט פון דעם אַלעם. שוין צייט צו גיין שלאָפן. האָסט גענוג די קאָלדרע אויף דער היינטיקער נאַכט ?

אויף דער שלאָף־וואַרענדע האָט ער זיך געבראָכן דעם קאָפּ :

— זי פאַרשטייט מיך נישט. אייגנטלעך פאַרשטיי איך מיך אַליין אויך נישט. פאַרוואָס קאָן איך נישט נעמען די זאַך, אַזוי לייכט, ווי כ'האָב עס אַמאָל געטון ?

— איך וואָלט גערן געגאַנגען צו סענע דוּאַן און איינמאָל פאַר אַלעמאָל זיך אַדורכגעשמועסט מיט אים. ניין ! ליבער גאָט ! ווען ווערדזש גאָנטש זאָל מיך זען דאָרטן גיין !

— אָ, ווען כ'וואָלט זיך אַזוי געקאָנט מיט אַ שיינע, ערלעכע פרוי, וואָס זאָל פאַרשטיין, וואָס איך וויל, און וואָס זאָל מיך לאָזן רעדן צו איר און, — טאָמער איז מירע גערעכט ! צי מיינען זיי טאַקע, די מענטשן, אַז איך בין אַראָפּ פון זינען, ווייל איך האָב אַ ברייטן בליק און איך בין אַ ליבעראַל ? ווי ווערדזש האָט געקוקט אויף מיר

קאפיטל XXVIII

א.

דריי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז פריילין מעק גאָון אַריינגעקומען אין זיין פּריוואַט-ביוראָ:

— אַנטשולדיקט, הער בעביט, אַ פרוי, יודיקע וואַרט ביים טעלעפאָן — זי וויל זיך דערוויסן וועגן עפּעס אַ רעמאַנט און אַלע אָנגעשטעלטע זענען אַוועקגעגאַנגען. איר ווילט מיט איר רעדן?

— גוט.

דאָס קול פון טאַניס יודיקע איז געווען קלאָר און אָנגענעם. אין דעם שוואַרצער צילינדערל פון טעלעפאָן-רערל, איז אים אויסגעקומען ווי ס'וואָלט דאָרט געווען איר קליין אָפּבילד: די גלאַנצנדיקע אויגן, פיינגעשניטענע נאָז, דער צאַרטער קין.

— דאָ רעדט פרוי יודיקע. איר געדענקט מיך? מיט אַ קורצע צייט צוריק זענט איר געפאָרן מיט מיר צום קיווענדיש-הויז און מיר געהאָלפן אויסזוכן שיינע וווינונג.

— זיכער, צי איך געדענק? מיט וואָס קאָן איך אייך דינען?

— אָ, אַ קלייניקייט — איך ווייס נישט, צי כ'זאָל אייך באַלעסטיקן, אָבער דער הויז-אויפזעער איז נישט אַזוי באַהאַוונט דערין. ווי איר ווייסט, איז מיין וווינונג אויפן העכסטן שטאָק און אַצינד, ווי עס האָבן אָנגעהויבן גיסן די האַרבסט-רעגנס נעצט עטוואָס אַדורך דורכן דאַך, און איך וואָלט געווען זייער צופרידן —

— מיט פאַרגעניגן! איך וועל קומען אַ קוק טון —
גערוועז: — ווען וועל איך אייך טרעפֿן אין שטוב?

— איך, איך בין אין שטוב אַ גאַנצן פֿרימאָרגן.

— וועט איר זיין היינט נאָכמיטאָג, אין אַ שעה אַרום?

— יאָ — אָ. אפשר וועל איך אייך קאָנען מכבד זיין מיט טיי. איך מיין, אַז דאָס קומט אייך ווייניקסטנס פֿאַר אייער מי.

— אויסגעצייכנט! איך קום צו אייך, ווי כ'וועל נאָר קאָנען אַוועקגיין.

ער האָט זיך געישובט:

— אָט דאָס איז דידאָזיקע פֿרוי, פֿאַרמאָגט באמת חשיבות, פֿאַרשטייסט — קלאַסיש! „פֿאַר אייער גאַנצער מי קומט דאָך אייך כאָטש אַ שעלעכל טיי! זי קאָן אָפּשאַצן אַ מענטש. כ'בין אַ נאַר, אָבער דערקענט מען מיך, בין איך גאָרנישט אַזוי אָפּשטויסנדיק. און אפשר גאָרנישט אַזאַ נאַר ווי טייל האַלטן מיך!

דער גרויסער שטרייק האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ מפּלה פֿאַר די שטרייקנדיקע. מיטן אויסנאַם, וואָס ווערדזשיל גאָנטשס איז געווען ווייניקער הערצלעך, האָט בעביטס פֿאַרראַט נישט איבערגעלאָזט קיין ווייטערדיקע שפּורן אין זיין חברה. דער פּחד פֿאַר דער קריטיק פֿון די חברים איז פֿאַרשוווּנדן, אָבער דער אומצוטרוי און די איינזאַמקייט איז געבליבן. איצט איז ער געווען אַזוי הייטער געשטימט, אַז ער האָט פֿופֿצן מינוט זיך געדרייט הין און צוריק אין דער ביוראָ, כּדי צו פֿאַרדעקן זיין אויפֿרעגונג. ער האָט אַדורכגעקוקט די פּלענער, דערקלערט פֿריילין מעק גאָון, אַז די פֿרוי סקאָט וויל צו טייער פֿאַר איר הויז — זי האָט געהעכערט דעם געפֿאָדערטן פּרייז — געהעכערט פֿון זיבן טויזנט אויף אַכט טויזנט פֿינפֿהונדערט — און אויב פֿריילין מעק גאָון וויל זיין זיכער, זאָל זי עס שוין אויסבעסערן אויף דער רשימה — פֿרוי סקאָטס הויז — געהעכערט. און ווען ס'האָט זיך אים סוף כּל סוף איינגעגעבן צו דערפֿירן זיין אייגענעם איך צו דער

אומעמפינדלעכקייט און צו אַן אינטערעס פאַרן געשעפט, האָט ער זיך אַרויסגעשלעפט. אַ סך צייט האָט ביי אים צוגענומען דאָס צוגרייטן זיין אויטאָמאָביל. ער האָט אויסגעפרווט די רעדער, אויסגעווישט די גלעזער פון ספעדאָמעטער, צוגעדרייט די שרויפן, וואָס האָבן צוגעפעסטיקט דעם ווינט־באַשיצער.

ער איז אַ גליקלעכער געפאָרן צו דער בילוויו-געגנט. דאָס בילד פון פרוי יודיקע איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ווי די לויטערע ליכטיקייט אויפן האָריזאָנט. די בלעטער זענען געפאַלן פון דיביימער און זיי האָבן געשאַפן קופקעס אויף די אַספאַלטענע גאַסן. ס'איז געווען אַ טאָג פון בלייך גאָלד און פאַרטרוקנט גראָז, רויק און פלעגמאַטיש. בעביט האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון דעמדאָזיקן טרוימערישן טאָג און ער האָט געקוקט אויף די באַדערפענישן פון דער בילוויו־געגנט — שורות הילצערנע הייזלעך, גאַראַזשן, קליינע געוועלבן, גאָלע פעלדער: — ס'דאַרף נויטיק פאַרשענערט ווערן. ס'נויטיקט זיך אין אַזוינע מענטשן ווי פרוי יודיקע, וואָס האָבן געפיל און דעם ריכטיקן געשמאַק — האָט ער געטראַכט, בעת ער איז געפאָרן דורך די לאַנגע, ליידיקע, לופטיקע גאַסן. אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, לעבהאַפט, שאַרף, און אין אַ געפיל פון ווילשטאַנד, האָט ער דערגרייכט די וווינונג פון טאַניס יודיקע.

ווען זי האָט אַן אויפגערעגטע אים אַריינגעלאָזט, האָט זי געטראָגן אַ קלייד פון שוואַרצן שיפאָן, וואָס האָט זיך באַשיידן און רונד פאַרמאַכט ארום איר שיינעם האַלדז. זי איז אים אויסגעקומען שטאַרק פאַרענדערט אין אומקאָנטראָלירבאַר. ער האָט געקוקט אויף די בונטע קאַרטאָנען און פאַרביקע בילדלעך, וואָס זענען געהאָנגען אין איר אויפנאַם-צימער און ער האָט אַ מורמל געטון;

— אַ רוח! איר האָט אייך גאָר פיין איינגעאָרדנט! אָט דאָס הייסט אַ פעיקע פרוי, וואָס ווייסט, וויאַזוי זיך איינצואָרדנען, אָלרייט!

— געפעלט עס אייך אינדעראמתן? עס פרייט מיך

זייער! אָבער איר האָט מיך סקאַנדאַליעז פאַרנאַכלעסיקט, איר האָט מיר צוגעזאָגט אַמאָל אַרויפצוקומען און צו לערנען זיך טאַנצן.

ווי אומזיכער:

— אָ, איר האָט עס נישט געמיינט ערנסט!

— אפשר נישט. אָבער איר האָט באַדאַרפט פּרוּוון!

— נו, בין איך איצטער געקומען נעמען מיין לעקציע און איר מעגט זיך אַזוי איינאָרדנען, אַז איך זאָל שוין בלייבן צום אָוונט-ברויט!

ביידע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אין אַ טאָן, וואָס האָט באַדייט, אַז נאַטירלעך מיינען זיי עס נישט ערנסט.

— אָבער פריער פאַר אַלץ מוז איך זען, ווו עס רעגנט אַריין.

זי האָט אַרויפגעקלעטערט מיט אים אויפן דאַך פון הויז — אַן אייגנאַרטיקע וועלט מיט וועגן פון ברעטער, שטריק אויף וועש, אַ וואַסער-רעזערוואַר הינטער אַ שויך-דעכל. ער האָט געקלאַפּט מיטן שפּיץ פוס אויף פאַרשידענע ערטער און זיך באַמיט צו אימפּאָנירן מיט זיין קענטעניש איבער קופּערנע רינעס, וועגן דער נויטווענדיקייט צו ציען וואַסער-רערן דורך אַ בלייענער מופע און איבערצודעקן מיט קופּער, און די מעלה פון צעדער-האָלץ קעגן געגאָסן אייזן פאַר דאַך רעזער-וואַרן.

— וואָס איר מוזט אַלץ וויסן אין אייער הייזער-אַגענ-טור! — האָט זי אים באַוווּנדערט.

ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז אין צוויי טאָג אַרום וועט דער דאַך פאַרריכט ווערן, ער האָט אַ פרעג געטון:

— עס קען נישט שאַטן, איך זאָל טעלעפאָנירן פון אייער וווינונג?

ליבער גאָט, ניין.

ער איז געשטאַנען אַ ווײַלע ביים געזימס, געקוקט אויפן לאַנד פון שטייפּע, קליינע זומער-הייזלעך מיט די אומגעהויערע גרויסע ווערענדעס, אויף די הייזער, קליין, אָבער בונט מיט

וייערע פילפאַרביקע ציגלנע ווענט אין טעראַקאָטאַ־פאַרצירונגען. הינטן איז געלעגן אַ באַרג מיט אַ ברייטן, געלן פלעק פון ליים, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ ריזיקע ווונד. הינטער יעדן הויז, לעבן יעדערע ווילע, האָט זיך געפונען אַ קלײנער גאַראַזש. ס׳איז געווען אַ וועלט מיט גוטע, קליינע, מענטשעלעך, אַ באַקוועמע, אַרבעטזאַמע, גלויביקע וועלט:

אין דער הערבסט־ליכטיקייט זענען די פלאַכקייטן און די פרישקייט פון די שטובן געווען מילדער, און די לופט האָט געשימערט, ווי דאָס קלאָרע וואַסער פון אַ טייך.

— אָ, גאָט, וואָס פאַר אַ הערלעכער נאָכמיטאָג. איר האָט פאַר זיך אַ הערלעכע לאַנדשאַפט, ביז איבערן טאַנער באַרג! — האָט בעביט געזאָגט.

— יאָ, ס׳איז שיין און רחבותדיק.

— ווייניק מענטשן לייגן אַכט אויף אַ ברייטער לאַנד־שאַפט.

— העכערט מיר נישט אויף דעם חשבון דאָס דירה־געלט! דאָס וואָלט מיך דערבייזערט. איך וואָרן אייך. אָבער ערנסט, ווייניק מענטשן, וואָס רעאַגירן מיט די געפילן אויף אַ שיינע לאַנדשאַפט, וואָס גייען אַרויס פון די כלים. איך מיין, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דידאָזיקע מענטשן האָבן נישט קיין געפיל פאַר פאָעזיע און שיינקייט.

— דאָס איז אַ פאַקט, זיי האָבן עס טאַקע נישט — האָט ער געשעפטשעט און באַוווּנדערט איר שלאַנקע פיגור און איר פאַרטראַכטקייט אויפן פנים; זי האָט באַטראַכט די לאַנדשאַפט, די גאָמבע אויפגעהויבן און אויף די ליפן אַ שמייכל. — נו, איך מיין, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, ווען כ׳זאָל שוין אַ טעלעפאָניר טון נאָכן מעכאַניק, אַז ער זאָל זיך מאָרגן אינדערפרי נעמען דערצו.

נאָכדעם ווי ער האָט טעלעפאָנירט, מיט אַ שטימע, וואָס ער האָט בפירוש געלאָזט קלינגען מענעריש, האָט ער זיך אומגעקוקט אומזיכער און אַ זיפץ געטון:

— איך מיין, איך וועל זיך קלויבן אין וועג אַריין.

— אַך, איר מוזט צוערשט טרינקען אַ גלאָז טיי!

— נו, אָפּן געזאָגט, בין איך מיט פאַרגעניגן גרייט.

עס איז געווען זייער אָנגענעם צו זיצן אין דעם טיפן, גרין־ריפּסענעם פאָטעל, די פיס אויסגעצויגן פאַר זיך, און צו קוקן אויפן שוואַרצן, כינעזישן טעלעפאָן־טישל, און אויף די פאַרביקע בילדלעך פון מאָנט ווערנאָן, וואָס ער האָט תמיד אַזוי ליב געהאַט, בעת פרוי יודיקע האָט אין קליינעם קיכל געפּענט פון אים געזונגען: „מיין קרעאָל קעניגין”. מיט אַ מין שבֿרותדיקער זיסקייט, מיט אַ צופרידנקייט, וואָס איז געווען אַזוי טיף, אַז זי האָט זיך כמעט געגרענעצט מיט אַן אומצופרידענע בענקשאַפט, האָט ער געזען אויפטויכן מאָגנאָליען אין דער לבֿנה ליכטיקייט, געהערט דעם שטילן געזאַנג פון די נעגער ביי די פלאַנטאַציעס צום טאַקט פון אַ פלייט. ער האָט געוואָלט זיין גאַנץ באַענט לעבן איר מיטן אויסרייד איר צוצוהעלפן, און גלייכצייטיק האָט ער געוואָלט בלייבן אין דעם שטילן עקסטאַז. מאַט און אָן ווילן איז ער געבליבן זיצן.

ווען זי איז אייליענדיק און באַשעפטיקט אַריינגעקומען מיטן טיי, האָט ער געשמייכלט צו איר:

— ס'איז דאָ ווירקלעך שיין! — צום ערשטן מאָל, ווי ער האָט גערעדט מיט איר אָפן; ער איז געווען טיף אינערלעך רויק און פרייטלעך; און פריינטלעך און רויק איז געווען איר ענטפער:

— ס'איז זייער גוט, וואָס איר זענט דאָ איצט. ס'איז געווען אַזוי פיין פון אייך, וואָס איר האָט מיר געהאָלפן אויסזוכן דידאָזיקע ליבע, קליינע היים.

זיי האָבן ביידע מספּים געווען, אַז דאָס וועטער וועט שוין באַלד זיין קעלטער. זיי זענען ביידע געווען איינשטימיק, אַז דאָס פּראָהיביציאָן געזעץ איז צו שטרענג. זיי זענען ביידע געווען איינשטימיק, אַז די קונסט אין אַ היים, איז אַ סימן פון קולטור. זיי זענען געווען ביי אַלעם איינשטימיק. זיי זענען געוואָרן דרייסטער. זיי האָבן געגעבן אָנצוגעהערן, אַז די היינטיקע יונגע מיידלעך, נו, אָפן געזאָגט זענען זייערע קורצע

קליידלעך צו קורץ. זיי זענען געווען שטאָלץ, וואָס זיי רעדן פּריי וועגן אַזעלכע זאַכן און שעמען זיך נישט. טאַניס איז נאָך געגאַנגען אַ טריט ווייטער:

— איך ווייס — איר וועט אויף זיכער פֿאַרשטיין, וואָס איך מיין — איך ווייס נאָר נישט, וויאַזוי זיך אויסצודריקן, אָבער איך האַלט, אַז די מיידלעך ווייזן אַרויס אין דעם אופֿן פֿון זייער קליידונג, ווי שלעכט זיי זענען, פּשוט אָן אַ גרענעץ. זיי פֿאַרראַטן נאָר זיך אַליין דערמיט, אַז עס פֿעלט זיי דער אינסטינקט פֿון אַן אמתער פֿרוי.

בעבּיט האָט זיך דערמאָנט אָן דער מאַניקור־פֿריילין אידאַ פּוטיאַק, ווי שלעכט זי האָט אים באַהאַנדלט, און ער האָט ענטוזיאַסטיש איינגעשטימט מיט איר רייד, ער האָט זיך דערמאָנט, ווי די גאַנצע וועלט איז זיך מיט אים שלעכט באַגאַנגען, און דערציילט פֿון פּאָול ריסלינג, פֿון צילען, פֿון סענעקע דואַן און פֿון שטרייק.

— איר פֿאַרשטייט, וויאַזוי דאָס איז געשען? נאַטירלעך האָב איך נישט ווייניקער ווי יעדער אַנדערער געוואָלט, אַז דידאָזיקע אויסוואורפֿן זאָלן באַקומען זייער חלק, אָבער צום טייוול, ס'האָט דאָך נישט קיין זינען, אַז מען זאָל אינגאַנצן נישט אַריינגיין אין זייער פֿאַרלעגנהייט. אַ מענטש דאַרף דאָך האָבן צוליב זיך אַליין אַ ברייטן בליק און זיין ליבעראַל, טראַכט איר נישט אַזוי?

— אָך, איך מיין אויך אַזוי!

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער האַרטער, קליינער קאַנאַפּע, פֿאַרלייגט די הענט און אָנגעלענט זיך לעבן אים, זי האָט אים באַרוישט; און מיט דעם דערהויבענעם, אַז זי גיט אים גערעכט, האָט ער דעקלאַמירט:

— האָב איך געטון אַ שפּרונג אויף און אַ זאָג געטון צו דער חברה פֿון קלוב: הערט נאָר אויס — זאָג איך —

— איר געהערט צום יוניאָן־קלוב? איך מיין, אַז דאָס —

— ניין; צו די אַטלעטן. כ'וועל אייך עפּעס זאָגן: נאַטירלעך בעטן זיי מיך תּמיד, אַז איך זאָל אַריינטרעטן אין

יוניאָן, אָבער איך זאָג זיי תּמיד, „ניין, מיין הער! איך קען גאָרנישט מאַכן! עס גייט מיר נישט אין די קאָסטן, נאָר די־דאָזיקע אַלטע פּאַרדרייטע סאָוועס שפּילן מיר אויף די נערוון.

— אָך, יאָ, ס׳איז אמת. אָבער דערציילט מיר: וואָס האָט איר זיי געזאָגט?

— אָך, ס׳איז גלייכער, אַז איר זאָלט עס נישט וויסן. אַ סברא, אַז איך לאַנגווייליק אייך צום שטאַרבן מיט מיינע דאַגות! איר וועט שוין באַלד מיינען, אַז איך בין אַן אַלטער אייזל; איך שריי ווי אַ פּאַפּוגיי!

— אָ, איר זענט נאָך אַ האַלב קינד. איך מיין — אַז איר זענט נאָך נישט קיין טאָג עלטער, ווי פינפאונפערציק.

— נו, כ׳האָב נאָך נישט — אַזויפיל. אָבער, צום טייוול, טיילמאָל הויב איך זיך אָן פילן אַלט, די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף מיר.

אָ, איך ווייס! — איר קול האָט אים אויסגעזען, ווי עס וואָלט אים געגלעט; ס׳האָט אים אַרומגענומען ווי אַ וואַרעמען זייד. — און אויך איך פיל מיך אויך איינזאַם, אַזוי איינזאַם טיילמאָל, הער בעבּיט.

— מיר זענען ביידע אַ פּאָר טרויעריקע נפשות. אָבער מיר זענען דערביי צום טייוול סימפּאַטיש.

— יאָ, איך מיין, אַז מיר זענען פיל שענער, ווי ס׳רוב מענטשן, וואָס איך קען — זיי האָבן ביידע געשמייכלט — אָבער איך בעט אייך, דערציילט מיר, וואָס האָט איר געזאָגט אין קלוב.

— נו, די מעשה איז געווען אַזוי: סענעקאַ דואַן איז נאַטירלעך מיינער אַ פריינט — זיי קאָנען רעדן וואָס זיי ווילן, זיי קאָנען אים איבּעררופן מיט אַלע צונעמענישן, וואָס זאָלן אַרויסרופן חוזק, אָבער ס׳רוב מענטשן דאָ וויסן נישט, אַז דערדאָזיקער סענע איז אַן אינטימער פריינט מיט די גרעסטע שטאַט־מענער פון דער וועלט — ווי אַ שטייגער אַ לאָרד ווייקאָמב — איר האָט דאָך געהערט פון אים, דער גרויסער בריטישער אַריסטאָקראַט. מיין פריינט סיר געראַלד דזאָק האָט מיר

דערציילט, אַז לאָרד ווייקאָמב איז איינער פון די גרעסטע קאַנאָנען אין ענגלאַנד — נו, דאַאַק, צי עמעצער אַנדערש האָט עס מיר דערציילט.

— אַך, איר קענט דער סיר געראַלד? דער וואָס איז דאָ געווען ביי די מעק קאַלוויס?

— צי איך קען אים? נו, איר מעגט הערן, איך קען אים אַזוי גוט, אַז מיר רופן זיך איינער דעם אַנדערן דזשאָרזש און זשערי, מיר האָבן צוזאַמען זיך אַרומגעשלעפט אין טשיקאַגאָ.

— איר האָט אודאי גוט פאַרברענגט, אָבער — זי האָט אים געדראָט מיט אַ פינגער — איך קען נישט דערלויבן, אַז איר זאָלט זיך אַרומשלעפן! פון איצטער אָן וועל איך אייך מוזן נעמען אין די הענט אריין.

— הלוואי זאָלט איר אַזוי טון... נו, וואָס האָב איך געזאָגט צו זיי: זעט איר, איך האָב זיך צופעליק דערוווסט, וואָס פאַראַ גרויסער מענטש סענעקאַ דואַן איז אויף דער וועלט, אָבער קיין שום נביא איז נאָך נישט אָנערקענט געוואָרן אין זיין אייגענער שטאָט! און סענע, דער טייוול זאָל אים כאַפּן, ער איז אַזוי ווייט באַשיידן, אַז ער וועט קיינמאָל נישט שטאָלצירן, וואָס פאַר אַ ראָלע ער שפּילט אויף זיינע רייזעס און אין אויסלאַנד. נו, בעתן שטרייק, טוט קלאָרענץ דרום מיט פּאַראַד אַ קום צו צו אונזער טיש, אויסגעפּוצט אין זיין קאַפּיטאַן-מונדיר, און עמעצער טוט צו אים אַ זאָג: שוין פאַרענדיקט דער שטרייק, קלאָרענץ? —

— נו, טוט ער זיך אַ בלאָז אָן ווי אַן אינדיק און טוט אַ געשריי אויס, אַז מען האָט אים געקאָנט דערהערן אין לייען-זאַל:

— יאָ, אַ סוף געמאַכט מיט זיי! איך האָב געוויזן די שטרייק-פירער, וואָס איך קאָן, און זיי זענען געגאַנגען אַהיים.

— נו, האָב איך געזאָגט צו אים; כ׳בין טאַקע צופרידן, וואָס ס׳האָט זיך געענדיקט אָן געוואַלט-אַקטן.

— יאָ — האָט ער געזאָגט,—אָבער ווען איך וואָלט נישט

געווען אַזוי שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף זיי, וואָלט עס זיך נישט פאַרענדיקט גלאַטיק. זיי האָבן אַלע געהאַט פולע קעשענעס באָמבעס. זיי זענען געוויינלעכע אַנאַרכיסטן.

— אָך, איר פלוידערט, קלאָרענץ, האָב איך צו אים געזאָגט, איך האָב זיך גאַנץ גוט צוגעקוקט, זיי האָבן געהאַט אַזויפיל באָמבעס, ווי אַ מחנה קראָליקעס, האָב איך צו אים געזאָגט. נאַטירלעך האָב איך אים געזאָגט, אַז זיי זענען נאַראָנים, אָבער צוריקגעשמועסט זענען זיי מענטשן, ווי איר און איך.

— און דאַן טוט ווערדזשיל גאָנטש אָדער עמעצער אַנדערש — ניין, ס'איז געווען טשום פרינק — איר ווייסט דאָך, דער באַרימטער דיכטער — מיינער אַ גוטער פריינט — טוט ער צו מיר אַ זאָג: — הער אויס — זאָגט ער צו מיר — דו ווילסט דערמיט זאָגן, אַז דו שטיצט אונטער די שטרייקנדיקע? דאַן בין איך געוואָרן אַזוי אויפגערעגט, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין לעבן, אַזוי נידעריק מיך צו האַלטן, ערגעוואָרט, ווי איך האָב נישט געהאַט דעם מינדעסטן פאַרלאַנג צו ענטפערן — פשוט אים איגנאָרירט —

— יאָ, איר האָט זייער קלוג געטון!—האָט פרוי יודיקע געזאָגט.

— ...אָבער לסוף האָב איך געזאָגט צו אים: ווען דו וואָלסט אַזויפיל געטון פאַרן קאָמיטעט פון דער האַנדלס־קאַמער, ווי איך, דאַן וואָלסטו געהאַט רעכט צו רעדן! אָבער, זאָג איך צו אים, איך האַלט, אַז מען דאַרף אַרויסטרעטן קעגן אַ קעגנער, ווי אַ דזשענטלמען. נו, מאַדאַם, די ווערטער האָבן אים געמאַכט שטום! פרינק — איך רוף אים תמיד טשום — האָט מיר נישט געהאַט, וואָס צו ענטפערן. אָבער איך בין זיכער, אַז טייל פון זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר אַ ליבעראַל. ווי מיינט איר?

— אָ, איר האָט זייער קלוג געהאַנדלט. און מוטיק! איך האָב ליב, אַז אַ מאַנסביל פאַרטיידיקט מוטיק זיינע איבערציי־גונגען!

— אָבער איר מיינט, אַז דאָס איז שוין געווען דער ריכטיקער ענטפער? אַ סך פון די מענטשן זענען אַזוי פאַרשאָלטן פּאָרזיכטיק און קליינקעפּלדיק, אַז זיי פאַראורטיילן אַ מענטש, וואָס רעדט צו דער זאַך און איז אָפנהאַרציק.

— וואָס אַרט דאָס אייך? סוף כּל סוף וועלן זיי דורך אַרץ קריגן פאַר אַזאַ מענטש, וואָס לערנט זיי צו טראַכטן, און מיט אייער באַרימטקייט אַלס רעדנער —

— וואָס ווייסט איר פון מיין באַרימטקייט אַלס רעדנער?

— אָ, איך וועל אייך נישט דערציילן אַלץ, וואָס איך ווייס! אָבער ערנסט, איר האָט זיך נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, וואָס פאַראַ באַרימטער מענטש איר זענט.

—נו—הגם איך האָב אין דאָזיקן הערבסט נישט אָפּגעהאַלטן קיין סך רעדעס. די געשיכטע מיט פּאָול ריסלינג, גלויב איך האָט מיך אַזוי צערודערט: אָבער איר ווייסט, איר זענט דער ערשטער מענטש, וואָס איר פאַרשטייט מיך באמת, צו וואָס איך שטרעב, טאַניס — הערט מיך אויס! צי בין איך נישט צו חוצפּהדיק, וואָס איך רוף אייך טאַניס!

— אָך, רופט מיך אַזוי! און זאָל איך אייך רופן דזשאָרדזש? איז עס דען נישט הערלעך, ווען צוויי מענטשן האָבן אַזויפיל — וויאַזוי זאָל איך עס אָנרופן — אַזויפיל פאַרשטענדעניש, אַז זיי לייגן אַוועק אָן אַ זייט אָט די נאַרישע קאָנווערסאַציעס און איינער מיט דעם אַנדערן קאָן זיך באַפריינדן, ווי שיפן, וואָס באַגעגענען זיך אינמיטן דער נאַכט?

— איך מיין אויך אַזוי! איך מיין אויך אַזוי!

ער האָט שוין לענגער נישט געקאָנט איינזיצן אויף זיין שטול; ער איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, ער זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער קאַנאַפּע לעבן איר. אָבער ער האָט אומגעלומפּערט אויסגעשטרעקט זיין האַנט נאָך ווייצנדיקע, ווייכע, ווייס־שימערנדיקע פינגער, האָט זי לע־גדיק אַ זאָג געטון:

— גיט מיר אַ פּאַפּיראָס. איר וועט די אָרעמע טאַניס נישט האַלטן פאַר אַ שלעכטע, אויב זי רויכערט?

— גאָט באַהיט! איך האָב עס ליב!

ער האָט תּמיד געקוקט קרום אויף די נקבות, וואָס האָבן גערויכערט אין זעניטער רעסטאָראַן, אָבער ער האָט נאָר געקענט איין פרוי, וואָס האָט גערויכערט — פרוי סעם דאָפּלברוי, זיין לייכטזיניקע שכנטע. ער האָט צערעמאָניאַל פאַררויכערט טאַניסן אַ פּאַפּיראָס, זוכנדיק דאָס אַש-קעסטעלע, און ער האָט אַריינגעוואָרפן דאָס אויסגעברענטע שוועבעלע אין זיין קעשענע.

— איך בין זיכער, אַז איר ווילט אויך פאַררויכערן אַ ציגאַר, נעבעך! — האָט זי געזאָגט זינגנדיק.

— און עס וועט אייך נישט שטערן?

— אָך, ניין! איך האָב ליב דעם ריח פון אַ גוטן ציגאַר; ס'איז שיין און — ס'איז מענעריש. איר קאָנט אַריינברענגען דאָס אַש-קעסטעלע פון מיין שלאָפצימער, עס שטייט אויפן טישעלע לעבן מיין בעט, אויב איר ווילט אַזוי גוט זיין.

איר שלאָפצימער האָט אים אַריינגעברענגט אין אַ פאַרלעגנהייט: אַ ברייט בעט מיט אַ זיידענער פּיאָלעט-קאָלדרע, בלאָס-ליליאַ פאָרהאַנגען מיט גאָלד געשטרייפט, אַ כינעזיש שרייבטישל, אַן אומגעהויערע צאָל קליינע שיכלעך, אויסגעשטעלט אין אַ ריי און איבער דעם אַ שטויס ראָזאַ זאָקן. ער האָט געפילט, אַז זיינע מאַנירן ביים אַריינברענגען איר דאָס אַש-קעסטעלע האָבן געהאַט די ריכטיקע מאָס פריינטשאַפט: — אַזאַ אייזל ווי ווערדזש גאַנטש וואָלט זיכער געזאָגט אַ גראָבן וויץ ביים פאַרלאָזן דאָס שלאָפצימער, אָבער איך נעם עס אויף גאַנץ גלייכגילטיק. די באַפרידיקונג פון דער בלויזער פריינטשאַפט איז פאַרשוווּנדן און דער פאַרלאַנג צו באַרירן איר האַנט האָט אים געמאַכט אומרויק. אָבער יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו איר, איז איר פּאַפּיראָס אים געווען אין וועג. ס'איז געווען אַ וואַנט צווישן זיי. ער האָט געוואַרט, ביז זי האָט אויסגערויכערט, אָבער ווען ער האָט זיך שוין געפרייט, וואָס אָט וואַרפט זי אַריין דעם מונדשטיק אין אַש-

קעסטעלע, האָט זי אַ זאָג געטון: — ווילט איר מיר נישט געבן נאָך אַ פּאַפּיראָס? און ער האָט ווידער געזען די וואַנט פון בלאַסן רויך און איר גראַציעז קליין הענטל, וואָס האָט זיך באַוועגט צווישן אים. איצט האָט ער שוין נישט געהאַט בלויז די נייגעריקייט, צי זי וועט אים לאָזן האַלטן איר האַנט, (נאַטירלעך אַלץ אויס בלויזער פריינטשאַפט!) וואָרום די בענקשאַפט נאָך דערדאָזיקער האַנט איז געווען אַ ברענענדיקע פּיין.

אויבנאויף איז דידאָזיקע שרעקלעכע פּערזענלעכע דראַמע נישט געווען זיכטבאַר. זיי האָבן גערעדט בנעימותדיק וועגן אויטאָמאָבילן, וועגן אויספלוגן קיין קאַליפאָרניע, וועגן טשום פּרינק. איינמאָל האָט ער איידל אַ זאָג געטון:

— איך האַלט די מענטשן פאַר שרעקלעך — איך האָב פּיינט די מענטשן, וואָס בעטן זיך אַליין אויף שמחות. אָבער דאָסמאָל וואָלט איך געווען זייער צופרידן, ווען כ׳זאָל היינט אָוונט עסן צוזאַמען מיט דער שיינער פרוי יודיקע. אָבער איך בין זיכער, אַז איר האָט שוין זיבן אַנדערע ערטער.

— נו, איך האָב געטראַכט צו גיין אין אַ קינאָ אַריין. יאָ, איך גלויב, אַז איך וועל אַביסל אַרויסגיין און כאַפּן אַביסל פרישע לופט.

זי האָט אים נישט צוגערעדט צו בלייבן, אָבער זי האָט אים אויך נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט זיך געישובט: ס׳וואָלט שוין בעסער געווען, אַז איך זאָל מיך אַרויסרוקן פון דאַנעט. זי וויל, אַז איך זאָל בלייבן — ס׳וועט דאָ זיכער זיין עפּעס צו טון — אָבער איך דאַרף מיך נישט איינבעטן — איך דאַרף נישט — איך מוז מיך באַהערשן. ניין, דאַן: איצט איז שוין צו שפּעט.

פּלוצלונג, אַרום זיבן אַזייגער, האָט ער געטון אַ וואָרף אַוועק איר פּאַפּיראָס אָן אַ זייט, אַ כאַפּ געטון איר האַנט און האַסטיק אויסגעשריגן:

— טאַניס! הערט מיך אויף צו פּייניקן! איר ווייסט דאָך יאָ, מיר — מיר זענען דאָך צוויי איינזאַמע נשמות און

מיר פילן זיך דאָך צוזאַמען אויסערגעוויינלעך גליקלעך, איך לפּחות בין גליקלעך! איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך! לאָזט מיך דאָ בלייבן! איך וועל טון אַ שפּרונג אַראָפּ אונטן אין געוועלב קויפן עפּעס עסן — אפשר קאַלטע חין — אָדער קאַלטן אינדיק — און מיר וועלן זיך מאַכן אַ קליינע סעודה, און שפּעטער, אויב איר וועט מיך וועלן אַרויסוואַרפן, וועל איך זיין אַזוי בראַוו און געהאָרכזאַם, ווי אַ קליין שעפּעלע.

— נו, יאָ — דאָס וועט זיין זייער שיין — האָט זי געזאָגט.

זי האָט נישט אַרויסגעצויגן איר האַנט. ער האָט זי געדריקט, געצייטערט, דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטון זיין מאַנטל. אין געוועלב האָט ער געקויפט אַ זינגלאָזע צאָל עסן, אויסקלויבנדיק, וואָס ס'איז געווען טייערער. פון דער אַפּטייק אויף דער אַנדערער זייט גאַס האָט ער טעלעפאָנירט צו זיין ווייב: — איך וואַרט אויף אַ פּאַרשוין, וואָס דאַרף מיר אונטערשרייבן זיין קאָנטראַקט פאַר האַלבע נאַכט, ווייל ער פאָרט אַוועק. איך וועל קומען זייער שפּעט אַהיים. וואַרט נישט אויף מיר! קוש טינקען, אַ גוטע נאַכט — פול מיט ערוואַרטונג און סאַפּענדיק איז ער געלאָפן צוריק צו טאַניס וווינונג.

— אָ, איר שלעכטער, צו וואָס האָט איר געקויפט אַזויפיל! — איז געווען איר באַגריסונג, און איר קול איז געווען פריילעך, איר שמייכל — אַ דאַנק.

ער האָט איר צוגעהאָלפן אין קליינעם קיכל, ער האָט געוואַשן די סאַלאַטן, אויפגעעפנט די פלעשלעך מיטן בוים־אייל. זי האָט אים באַפוילן צו דעקן דעם טיש, און בעת ער איז אַרומגעגאַנגען אין עס־צימער, בעת ער האָט אויפגעעפנט די שענק און די שופלעדער און געניישטערט צווישן די מעסער און די גאָפל, האָט ער זיך געפילט, ווי ביי זיך אינדערהיים.

— דאָס איינציקע, וואָס איך ווייס נישט — האָט ער דערקלערט — איז דאָס, וואָס איר וועט אָנטון צו אונזער סעודה. איך קאָן זיך נישט באַשליסן, צי איר זאָלט אָנטון

דאָס שענסטע אָוונט-קלייד, אָדער איר זאָלט פלעכטן די האָר אין קורצע לאָקן און מאַכן זיי אַזוי, ווי איר וואָלט געווען אַ קליין מיידעלע.

— איך וועל זיך זעצן צום טיש אין דעם, וואָס איך טראָג איצטער, אין דעמדאָזיקן אַלטן שיפאָן-קלייד, און אויב די אָרעמע טאַניס געפעלט אייך נישט אַזוי, טאָ קאָנט איר גיין אין קלוב אַריין עסן!

— געפעלט מיר נישט! — ער האָט געגלעט אירע אַקסל — קינד מיינס, איר זענט די קלוגסטע און שענסטע און פּרעכטיקסטע פרוי, וואָס איך קען! קומט אַהער, לידי ווייקאָמב, אויב איר ווילט זיך איינשליסן אין די אָרעמס פון דעם זעניטער הערצאָג.

— איי, וועלן מיר האָבן איצט אַ פיין אַנטציקנדיקן יום-טוב צוזאַמען.

— אוי וואָס רעדט איר כּסדר וועגן אַזעלכע מאָדנע רייצנדיקע ווערטער.

ווען זיי האָבן פאַרענדיקט די אימפּאָזאַנטע סעודה, האָט ער אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון פענסטער און דערקלערט:

— ס'איז געוואָרן זייער קאַלט, און איך מיין, אַז ס'וועט רעגענען. איר וועט שוין אודאי נישט וועלן גיין אין קינאָ אַריין.

— מילא!

— אָ, ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ קאַמין! ווי גוט עס וואָלט געווען, אינדרויסן רעגנט, און מיר זיצן אַזוי אין אַ קאָמישע, קליינע, אַלט-מאָדישע כאַטע, און אינדרויסן שאָקלען זיך די ביימער און רוישן, און אינעווייניק — אַן אָנגעהייצטער קאַמין, און ווייסט איר וואָס? לאָמיר צורוקן די קאַנאַפּע צו דער צענטראַל-באַהייצונג, און מיר וועלן אויסציִען די פיס, און מיר וועלן עס מאַכן אַזוי, ווי עס וואָלט געווען אַ פייער פון האָלץ.

— אָ, ווי ריירנד דאָס איז! איר זענט אַזאַ גרויס קינד.

אָבער זיי האָבן צוגערוקט די קאַנאַפּע צו דער צענט-

ראַל-באַהייצונג און זיי האָבן אויסגעצויגן די פיס אויף די אייזערנע רערן — זיינע ברייטע שוואַרצע שטיוול און אירע לאַקירנע שיכלעך. אין דער דעמערונג האָבן זיי גערעדט פון זיך אַליין, ווי איינזאַם זי איז און ווי אומגליקלעך ער איז, און, ווי גוט דאָס איז, וואָס ביידע האָבן זיך צונויפגעטראָפן. ווען זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, איז אין צימער געווען שטילער, ווי אַ פאַרלאָזענער וועג אין פעלד. פון דער גאַס האָט זיך נישט געהערט קיין קלאַנג, סיידן דאָס סאַפּן פון די אויטאָמאָבילן און דאָס גערויש פון די צוגן. דאָס צימער איז געווען אָפּגעשלאָסן, וואַרעם, זיכער, אַ קליינע אינזל, וואָס האָט נישט קיין שייכות מיט דער פיינדלעכער, אויסערלעכער וועלט.

ער איז פאַרזונקען געווען אין אַ טיפן גליק, אין וועלכן זיין פחד און צווייפל איז צערונען; און ווען ער האָט זיך אין דער מאָרגן-דעמערונג אומגעקערט אַהיים, איז זיין התפעלות פאַרטוישט געוואָרן אויף אָפּגעקלערטער ערינערונגס-רייכער צו-פרידנקייט.

קאפיטל XXIX

א.

די זיכערקייט אין טאָניס יודיקעס פריינטשאַפט, האָט געשטאַרקט בעביטס גלויבן אין זיך. אין אַטלעטן-קלוב האָט ער געמאַכט עקספּערימענטן. הגם ווערדזשיל גאָנטש האָט געשוויגן, זענען די איבעריקע ביים טיש פון די ווייסע חברה געקומען צום אויספיר, אַז בעביט איז עפּעס צוליב אַן אומבאַוווסטער סיבה פּלוצלונג געוואָרן אַ שוטה און מען דאַרף אים דולדן. זיי האָבן זיך פאַרביסן געקריגט מיט אים, און ער איז געשפּרונגען ווי אַ האָן און ער איז צופרידן געווען מיט זיין מאַרטירערישקייט. ער האָט אפילו געלויבט סענעקע דואַן, און פּראָפעסאָר פּאָמפּרי האָט געזאָגט, אַז בעביט גייט שוין צו ווייט מיט זיין וויץ, אָבער בעביט האָט געשריגן:

— ניין! ס'איז אָבער אַ פאַקט! איך זאָג אייך, אַז ער איז איינער פון די פיינסטע, קלוגסטע קעפּ אין לאַנד. יאָ, לאָרד ווייקאָמב אַליין האָט עס געזאָגט —

— אָך, ווער, צו אַלדי רוחות איז דאָס דער לאָרד ווייקאָמב? וואָס פאָרסטו תמיד מיט אים אַרויס? דו קייסט שוין שוין זיין נאָמען זעקס וואָכן, — האָט אָרוויל דזשאָנס געשריגן.

— דזשאָרזש האָט אים אויסגעשריבן פון סירס ראָבאָק. איר קאָנט קריגן די ענגלישע הויכע לייט דורך פּאָסט פאַר צוויי דאָלאַר אַ שטיק — האָט סידניי פינקעלשטיין געזאָגט.

— עס איז אין אָרדנונג! לאָרד ווייקאָמב, דאָס איז איינער פון די גרויסע אינטעלעקטועלן אין ענגלאַנדס פּאָליטישן

לעבן. דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט זאָגן: איך אַליין בין נאַטירלעך קאָנסערוואַטיוו, אָבער איך קאָן אָפּשאַצן אַזאַ מענטש, ווי סענע דואַן, לויט זיינע פאַרדינסטן.

ווערדזשיל גאָנטש האָט אים שטרענג איבערגעריסן:

— עס וווּנדערט מיך טאַקע, וואָס דו ביסט עפּעס אַזוי קאָנסערוואַטיוו? איך האַלט, אַז איך קאָן פירן מיינע געשעפטן, אָן אַזוינע שלעפּער און קאָמוניסטן, ווי עס איז דואַן!

די שטרענגקייט פון גאָנטשס קול, זיינע אומבאַוועגלעכע באַקן, האָט בעביטן צעטומלט, אָבער ער האָט זיך שנעל באַהערשט און גערעדט ווייטער, ביז ס'האָט זיי אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן, דאַן זענען זיי בייז געוואָרן און לסוף אָנגענומען אַזאַ פאַרדעכטיק אויסזען ווי גאָנטש.

ב.

ער האָט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן טאַניס. מיט אַן אינערלעכן שוידער האָט ער זיך דערמאָנט יעדער איינצלהייט פון איר אויסזען. זיינע אָרעמס האָבן זיך אויסגעשטרעקט צו איר — כ'האָב זי געפונען! איך האָב געחלומט וועגן איר אַלע מיינע יאָרן און אַצינד האָב איך זי געפונען! — האָט ער געיובלט. ער האָט זיך געטראָפן מיט איר אין די פאַרמיטאָגן אין קינאָ; ער איז געפאָרן צו איר אין שטוב אַריין פאַרנאַכט, אָדער שפּעט אין אָוונט, ווען אַלע זענען געווען זיכער, אַז ער פאַרברענגט אין פאַרברידערונגס-קלוב. ער איז געווען שטענדיק גוט אָריענטירט אין איר מאַטעריעלער לאַגע און ער האָט איר געהאָלפן מיט אַן עצה, בעת זי האָט זיך באַקלאָגט אויף זי ווייבערישע אומבאַהאָלפנקייט, און באַוווּנדערט זיין מענלעכקייט און צום סוף געוווּסט פיל בעסער, ווי ס'שטייט מיט די אַקציעס, איידער ער. זיי האָבן געהאַט געמיינזאַמע ערינערונגען אין געלאַכט פון די אַלטע צייטן. איינמאָל האָבן זיי זיך איבערגעווערטלט, ער האָט זיך געפּעסט, אַז זי איז פּונקט אַזוי טיראַניש, ווי זיין ווייב און נאָך מער

קאַפּריזנע, ווען ער איז נישט געווּג אויפמערקזאַם. אָבער דאָס איז באַלד אַדורכגעגאַנגען.

זיי האָבן איבערגעלעבט די גליקלעכסטע שעהן, בעת אַ אַ שפּאַציר אין אַ קלינגנדיקן דעצעמבער נאָכמיטאָג, דורך די שניי פּאַרוויִעטע גאַסן, צום פאַרפרוירענעם טייך טשעלוסאַ. זי האָט אויסגעזען עקזאָטיש אין איר קאַראַקולן היטל און אין קורצן ביבער רעקל; זי האָט זיך געגליטשט אויפן אייז און געשריגן, און ער איז געלאָפן הינטער איר, ליידיק, אָן אַן אָטעם און שווער פון לאַכן... מירע בעביט האָט זיך קיינמאָל נישט געגליטשט אויפן אייז.

ער האָט מורא געהאַט, אַז מען קאָן זיי נאָך זען צוזאמען. אין זעניט איז אוממעגלעך געווען צו פרישטיקן מיט אַ באַקאַנטע דאַמע, אַזוי אַז מען זאָל עס זיך נאָך פאַר נאַכט ווערן, נישט דערוויסן אין דער גאַנצער שטאָט. אָבער טאַניס איז געווען וווּנדערבאַר דיסקרעט. זי איז געווען אומגעהייער צערטלעך; ווי בעטנדיק און בענקענדיק זי האָט זיך געווענדעט צו אים בעת זיי זענען געווען אַליין ביי איר, איז זי געווען שטרענג צוריקגעהאַלטן, ווען זיי זענען געקומען אין דער עפנטלעכקייט. ער האָט געהאַפט, אַז מען וועט זי האַלטן פאַר זיינס אַ קונדין. אָרוויל דזשאָנס האָט אים איינמאָל געזען אַרויסגייין מיט איר פון אַ קינאָ-טעאַטער, און בעביט האָט אַ מורמל געטון:

— דערלויב מיר דיך באַקאַנט צו מאַכן מיט פרוי יודיקע. דאָ זעסטו אַ פרוי, וואָס ווייסט צו וועלכן מעקלער זיך צו ווענדן, אָרוויי! — הער דזשאָנס, כאָטש ער איז געווען אַ שטרענג מאָראַלישער מאַן און אַן אייגנטימער פון אַ וועשעריי, האָט אויסגעזען צו זיין באַפרידיקט.

זיין גרעסטע דאגה איז געווען — נישט מחמת באַזונדערער צערטלעכקייט צו איר, נאָר מחמת געוויינלעכער אָנשטענדיקייט — אַז זיין פרוי זאָל זיך נישט דערוויסן פון דעמדאָזיקן. ער איז געווען זיכער, אַז זי ווייסט גאָרנישט קיין געגויעס פון טאַניס, אָבער ער איז אויך געווען פונקט אַזוי

זיכער, אַז זי טראָגט זיך אַרום מיט אַן אומבאַשטימטן פאַרדאַכט. שוין יאָרן, ווי עס איר געווען איבערדרייסיק יעדער צערטלעכקייט, מיטן אויסנאַם פון אַ געזעגענונגס-קוש, אָבער דאָך האָט די גרינגסטע נאַכלעסיקייט פון זיין רייצבאַרן. צייטווייליקן געפיל זי טיף געקרענקט. אָבער אַצינד האָט ער זי לחלוטין נישט באַגערט. נאָך מער, ער האָט געפילט אַן אָפשיי. ער איז אינגאַנצן געווען איבערגעגעבן — צו טאַניס. ס'האָט אים געעקלט די דיקקייט פון זיין פרוי, די גרויסע מאַסן פעטס, וואָס האָבן איר אַרויסגעסטאַרטשעט פון דעם שמוציקן שלאָפראָק, וואָס זי האָט תמיד געטראַכט אַרויסצוּוואַרפן און זי האָט עס קיינמאָל נישט געטון. אָבער ער איז געווען פולשטענדיק איבערגעצייגט, אַז זי, וואָס האָט אַזוי פיל יאָרן געהאַט צו אים צוטרוי באַמערקט זיין ווידערווילן, ער האָט זיך זאָרגעוודיק באַמיט, שווער און פריילעך עס צו פאַרבאָרגן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט.

דער ווייַנאַכט איז אַדורכגעגאַנגען נישקשהדיק. קענעט עסקאָט איז געווען איינגעלאַדן, אַלס וועראָנעס אָפיציעלער חתן. פרוי בעביט האָט געוויינט און אָנגערופן קענעטן איר צווייטער זון, און בעביט האָט זיך געזאָרגט וועגן טעדן, וואָס ער האָט זיך עפעס פלוצלונג אויפגעהערט צו באַקלאָגן אויף דעם מלוכה-אוניווערזיטעט און געוואָרן פאַרדעכטיק פלייסיק. ער האָט זיך אַליין געפרעגט, וואָס דער יונג טראַכט איצטער צו טון, אָבער ער האָט מורא געהאַט זיך צו פרעגן. בעביט אַליין איז אין איינעם אַ יום-טובדיקן נאָכמיטאָג פאַרשוווּנדן געוואָרן פון שטוב, כדי צו באַזאָרגן זיין מתנה, אַ זילבערנעם פאָרט-ציגאַר צו טאַניסן, אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט אים פרוי בעביט אומשולדיק אַ פרעג געטון:

— האָסט דיך געוואָלט אַ ביסל איבערגיין אויף פרישע לופט.

— יאָ, כ'בין אַביסל אַרומגעפאָרן — האָט ער אַ מורמל געטון.

נאָך ניי-יאָר האָט פרוי בעביט דערקלערט:

— כ'האָב היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין שוועסטער, דזשאָרזש, ס'איז איר נישט גוט. כ'מיין אפשר זאָל איך אַרויספאָרן צו איר אויף עטלעכע וואָכן.

פרוי בעביט איז נישט געוווינט געווען צו פאַרלאָזן איר שטוב ווינטער-צייט, אויב ס'האָט זיך נישט געהאַנדלט אין אַ דרינגנדיקן פאַל, און דערצו האָט זי גראָד דעם פאַרגאַנגענעם זומער פאַרבראַכט לאַנגע וואָכן אויסער דער שטוב. בעביט האָט נישט געהערט צו די מענער, וואָס ווילן גערן זיין אַליין. ער האָט ליב געהאַט זי צו האָבן אין שטוב, זי האָט געזאָרגט וועגן זיין גאַרדעראָב; זי האָט געוווּסט, וואָס פאַראַ מאכלים אים צו קאָכן; און איר דינערישע מוטערלעכקייט האָט אין אים געוועקט אַ געפיל פון זיכערקייט. ער האָט צומאָל נישט געקאָנט אַרויסברומען דאָסדאָזיקע „אָך, זי דאַרף דיך גאָרנישט אַזוי נויטיק, אַ ?". בעת ער האָט זיך באַמיט אויסצוזען אומעטיק, בעת ער האָט געפילט, אַז זיין ווייב קוקט אויף אים, איז ער געווען איבערפולט מיט רעיונות וועגן טאַניס.

— מיינסטו, אַז איך זאָל ליבערשט פאָרן ? — האָט זי אַ פרעג געטון שאַרף.

— דו מוזט דיך אַליין באַשליסן, טייערע; איך קאָן דיר נישט עצהנען.

— זי האָט זיך אויסגעדרייט און אָפּגעזיפצט, און זיין שטערן איז געווען פייכט.

ביז צו איר אָפּפאָרן, מיט פיר טעג שפעטער, איז זי געווען מערקווירדיק שטיל, ער איבערדריסיק צערטלעך. איר צוג איז אָפּגעפאָרן מיטאָג-צייט. אַז דער צוג האָט זיך דערווייטערט, האָט אים אַרומגענומען אַ פאַרלאַנג צו זען טאַניס.

— ניין, מיין גאָט. איך וועל עס נישט טון ! — האָט ער געשוווירן — אַ גאַנצע וואָך וועל איך צו איר קיין אײנמאָל נישט גיין !

אָבער פיר אַ זייגער איז ער שוין געווען אין איר וווינונג.

ג.

ער, וואָס האָט זיך אַמאָל קאָנטראָלירט אָדער ס'האָט זיך אים געוואָלט, אַז ער קאָנטראָלירט זיין לעבן, אַז ס'זאָל זיך באַוועגן רויק, צופרידן און נאָרמאַל, האָט זיך אין די לעצטע פערצן טעג געלאָזט מיטרייסן פון אַ שטראָם הייסע פאַרלאַנגען און שלעכטן וויסקי, און ער האָט געליטן פון די טויזנטער קאָמפּליקאַציעס פון זיין נייעם קרייז באַקאַנטע, יענער וואַנזיניקער נייער באַקאַנטשאַפט, וואָס האָט פאַרלאַנגט מער אויסדריק פון געפיל, ווי די אַלטע פריינט. יעדן פרימאָרגן האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון די נאַרישקייטן, וואָס ער האָט אָפּגעטון נעכטן ביינאַכט. מיט אַ קאָפּ ווייטאָק, מיט אַ צעפּרעסטענע צונג פון פּאַפּיראָסן-רויך און פאַרטרוקנטע ליפּן, האָט ער באַרעכנט וויפל ער האָט געטרונקען און געשטויגנט:

— איך מוז דערמיט אַ סוף מאַכן! — ער האָט אויפגעהערט צו זאָגן, „איך וועל אַ סוף מאַכן", וואָרום וויפל ער האָט זיך נישט באַשלאָסן אינדערפרי, איז אים אָבער אין אָוונט שווער געווען זיך אָפּצוהאַלטן פון טרינקען.

ער האָט זיך באַקענט מיט טאַניס פריינט, ער איז געוואָרן אויפגענומען פון זיי מיט דעם ווילדן אימפּעט פון נאַכטמענטשן, וואָס טרינקען, טאַנצן און פּלוידערן און האָבן מורא צו שווייגן, אַלס מיטגליד אין זייער גרופּע, וואָס האָט זיך גערופן קורץ „די באַנדע". דאָס ערשטע מאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיי נאָך אַ טאָג אויסערגעוויינלעכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, ווען ער האָט געחלומט רויק צו פאַרברענגען אַן אָוונט מיט טאַניס אַליין און צו קוויקן זיך מיט איר באַוווּנדערונג פאַר איב.

שוין אין קאָרידאָר האָט ער געהערט דעם געפּילדער, דעם דונערדיקן געלעכטער און די גרילצעריי פון אַ גראַמאָפאָן. ווען טאַניס האָט אים אויפגעמאַכט די טיר, האָט ער געזען אַ מאַסע פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, וואָס האָבן גע-

אַנצט אין אַ נעפּל פון ציגאַרן-רויך. די טישן און די שטולן זענען צוגערוקט געווען צו דער וואַנט.

— אַך, איז עס נישט הערלעך! — איז זי צו צו אים פלוידערנדיק, — קאַרי נאָרק האָט געהאַט אַ גאָלדענעם איינפאַל. זי האָט באַשלאָסן, אַז איצטער איז די צייט אויף אַ טאַנץ-אָוונט, האָט זי געטעלעפאָנירט נאָך דער באַנדע און זיי באַפוילן דאָ זיך צו פאַרזאַמלען... דזשאָרדזש אָט דאָס איז קאַרי.

„קאַרי״ איז געווען אין דעם ערגסטן זין פון וואָרט מאַטראָניש און אין דערזעלבער צייט אַלט-מיידיש. זי איז אַלט געווען אַן ערך פערציק יאָר; אירע האָר זענען געווען פון אַ נישט ריכטיקער אַש-קאָליר, אויב איר בוזים איז געווען פלאַך, זענען דערפאַר די פלייצעס געווען הויך. זי האָט באַגרוסט בעביטן מיט אַ געלעכטער:

— זייט באַגריסט אין אונזער קליינער חברה! טאַניס האָט אונז געזאָגט, אַז איר זענט אַ ריכטיקער ספּאָרטלער.

וואַרשיינלעך האָט מען זיך געריכט, אַז ער וועט טאַנצן, פאַרברענגען מיט קאַרין, און מיט אַ ביין האַרץ האָט ער עס אויסגעפירט ווי צום בעסטן. ער האָט זי געשלעפּט איבערן צימער אַרויפגעפאַלן אויף אַנדערע פּאָרלעך, געשטרויכלט איבער דע, צענטראַל-באַהייצונג, איבער די פיס פון די שטולן, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרט. בעת ער האָט געטאַנצט, האָט ער געקוקט אויף די איבעריקע פון דער באַנדע: אַ דאַרע, יונגע פרוי, וואָס האָט אויסגעזען טיכטיק, קלוג און סאַרקאַסטיש. אַן אַנדערע פרוי, וועלכע האָט זיך בשום אופן נישט געקענט איינקריצן אין זכרון. דריי פאַרדעכטיקע און עטוואָס ווייבערישע יונגעלייט — סאָדע-וואַסער אָנגעשטעלטע אָדער לפּחות געבוירן צו דער מלאכה. אַ מאַנסביל פון זיינע יאָרן, אומבאַוועגלעך, זעלבסט-צופרידן, איבערגענומען פון בעביטס אָנוועזנהייט.

אַז ער האָט פאַרענדיקט דעם צרהדיקן טאַנץ, האָט טאַניס אים אַוועקגענומען אין אַ זייט און אים געבעטן:

— טייערער, צי וואָלסטו מיר נישט געוואָלט טון אַ גע-

פעליקייט? איך בין געבליבן אָן אַ טרער בראָנפן און די באַנדע וויל זיך משמח זיין. צי וואָלסטו נישט געקאָנט שוין אַ פּאָר טון צו העלי האַנסאָן און ברענגען אַביסל.

— מיט פאַרגעניגן — האָט ער אַ זאָג געטון, באַמיענדיק זיך נישט אויסצוזען אויפגעבראַכט.

— ווייסטו וואָס: איך וועל צורעדן מיניע זאָנטאַק, אַז זי זאָל מיט דיר מיטפאָרן.—טאַניס האָט אָנגעוויזן אויף דער דאַרער, סאַרקאַסטישער יונגער פרוי.

פריילין זאָנטאַק האָט אים באַגרוסט מיט אַ זיס-זויערע מינע.

— ס'פרייט מיך זייער, הער בעבּיט. טאַניס האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ באַרימטער מענטש און עס איז פאַר מיר אַ גרויסער כּבוד מיט אייך מיטצופאָרן. איר מוזט נאַטירלעך וויסן, אַז איך בין נישט געוווינט צו פאַרבערגן מיט מענטשן פון דער געזעלשאַפט און איך ווייס אַפילו נישט, ווי אַזוי זיך צו האַלטן אין אַזוינע הויכע קרייזן.

אויף אַזאַ שטייגער האָט פריילין זאָנטאַק גערעדט צו אים אַ גאַנצן וועג ביז צו העלי האַנסאָן. אויף די אַלע איראָנישע באַמערקונגען, וואָלט ער צום ליבסטן געוואָלט ענטפערן: „גייט צו אַלדי רוחות!" אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט באַשליסן אַרויסצוזאָגן דאָסדאָזיקע. ער איז בייז געווען אויף דער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער באַנדע. ער האָט געהערט, ווי טאַניס האָט גערעדט פון דער „זיסער קאַרי" און מין זאָנטאַק — זי איז אַזוי פעיק — וועסט זי ליב קריגן — אָבער ער האָט זיך זיי קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט פאַר קיין לעבעדיקע וועזנס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט טאַניס, ווי זי לעבט אין אַ ראָז-פאַרביקן פוסטן חלל, וואַרטנדיק אויף אים, און נישט געשטערט אָן די קאָמפּליקאַציעס פון דער פלאָרעל-הייטס.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק, האָט ער געמוזט פאַרנעמען די טומלענדיקסטע צודרינגלעכקייט פון דיביידע בחורים. זיי זענען געווען אַזוי נאַס-פריינטלעך, ווי פריילין זאָנטאַק טרוקן-פיינטלעך. זיי האָבן אים גערופן „אַלטער

דזשאָרדזש" און געשריגן: „ריר זיך, ספּאָרטלער, שאָקל מיט די פּיס"... יונגען מיט ספּאָרט־רעקלעך, פרישטשיקעס אויף די פּנימער, בחורים, יונג ווי טעד און שוואַך ווי כאָריסטן, וואָס צייכענען אָבער זיך אויס, ווען ס'האַנדלט זיך אין טאַנץ און אין פאָנאָגראַף, רויכערן פּאַפּיראָסן, קוקן אויף טאַניסן פון אויבן אַראָפּ. בעביט האָט זיך באַמיט צו זיין ווי זיי; ער האָט געשריגן „אַ פיין שטיקל אַרבעט!" אָבער זיין קול האָט געקלונגען פאַלש.

טאַניס האָט זיך אָפּן געפרייט מיט דער געזעלשאַפט פון טאַנץ־ליבהאָבער; זי האָט זיך געלאָזט פון זיי חנפענען, געקושט זיך מיט יעדן איינציקן אָן אונטערשיד נאָכן אָפּטאַנצן. בעביט האָט זי געהאַסט אין דעם אויגנבליק. ער האָט געזען דערין אַ סימן פון איר אַלטקייט. ער האָט באַטראַכט די פאַלדן אויף איר ווייכן האַלדז, די קראַנקע הויט אונטער איר גאָמבע, די געשפּאַנטע מוסקולן פון אירע יונגע יאָרן זענען ווייך געוואָרן און אַראָפּגעהאָנגען. בעת די פויזעס צווישן די טענץ איז זי געזעסן אין דעם טיפן שטול, באַוועגט מיטן פּאַפּיראָס, רופנדיק אַזוי אַרום אירע איינגעלאַדענע געסט, אַז זיי זאָלן צוגיין און שמועסן מיט איר. (זי מיינט כאָטש, אַז זי איז אַ פאַרכשופטע קעניגין — האָט בעביט געמורמלט). זי האָט זיך געווענדעט אין אַ זינגנדיקן טאָן צו פריילין זאָנטאַק: — איז מיין קליינע אַטעליע נישט זיס? (אַטעליע, ס'איז גוט! דאס איז אַ געוויינלעכע שטוב פאַר אַלטע מיידן און פאַר הינט!) אָך, גאָט, כ'וואָלט שוין געוואָלט זיין אינדערהיים! איך טראַכט, אויב כ'וואָלט זיי נישט געקאָנט אָפּטון אויף טערקיש און מאַכן פיס!)

פונדעסטוועגן איז זיין בליק פאַרלאָפן, בעת ער האָט פאַרזוכט העלי האָנסאַנס רויען נישט געמישטן וויסקי. ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער באַנדע. ס'האָט אים אָנגעהויבן באַפרידיקן, וואָס קאַרי נאָרק און פּעטער, דער אינטעליגענטסטער פון די נאַרישע יינגלעך ווילן מיט אים פאַרברענגען! און ער

האָט זייער געוואָלט געווינען פאַר זיך דעם אַלטן מאַן, וואָס איז געווען אַ באַן-באַאַמטער מיטן נאָמען פּולטאָן בעמיס.

דאָס געשפּרעך פון דער באַנדע איז געווען פול מיט אויסשרייען, פּאַרביק, פול מיט מיינונגען וועגן מענטשן, וואָס בעביט האָט נישט געקאָנט. משמעות, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גוטע געמיטלעכע מיינונג וועגן זיך אַליין. זיי זענען טאַקע געווען די באַנדע, קלוג, שיין און אַמוזאַנט; זיי זענען געווען ציגיינער, דערצו גרויסשטעטיש, געווינט צו אַלע לוקסוסן פון זעניט: טאַנץ-לאָקאַלן, קינאָמאַטאָגראַפן, רעסטאָראַנען; און מיט אַ צינישער הויכמוטיקייט האָבן זיי געלאַכט פון מענטשן, וואָס זענען געווען „קריכעריש” און „קליינקעפּלדיק”.

— אָך, פּעטער, כ׳האָב דיר שוין דערציילט, וואָס דער נאַר, דער קאַסיר האָט מיר געזאָגט, ווען איך בין נעכטן שפּעט אַריינגעקומען? אָ, ס׳איז דאָך באמת נישט אָפּצושאַצן.

— אָ, און וואָס מיינסטו ווי ט. ד. האָט געציטערט! הערסט, ער איז דאָך ממש שטום געוואָרן, וואָס האָט אים דען גלעדיס געזאָגט?

— שטעלט אייך נאָר פֿאָר די חוצפּה פון ביקערשטאָף, וואָס האָט אונז אַלע געוואָלט איינלאַדן צו זיך! הערט נאָר זיין חוצפּה! קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן אַ גרעסערע חוצפּה. איך רוף דאָס אָן חוצפּה!

— האָסט באַמערקט, ווי אַזוי דאָטי האָט געטאַנצט? גאָט, דאָס איז שוין איבער דער גרענעץ.

מ׳האָט געהערט ווי בעביט האָט שרייענדיק מסכּים געווען מיט דער איצט נישט לאַנג געהאַסטער פריילין זאָנטאַק, אַז מענטשן, וואָס קאָנען כאָטש איין אָוונט אַדורכלעבן אָן טאַנצן און אָן אַ דזשאַז-מוזיק, זענען נאַרישע זשאַבעס, טשערעפּאַכעס און אָרעמע נפשות! און ער האָט געשריגן: אַ פראַגע! — בעת קאַרי נאָרק האָט געלאַכט: — איר האָט אויך אַזוי שטאַרק ליב צו זיצן אויפן דיל? ס׳איז דאָך אַזוי ציגיינעריש! — ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן אויסערגעוויינלעך גוט וועגן דער·

באַנדע. ווען ער האָט דערמאָנט זיינע פריינט סיר געראַלד דאָאַק, לאָרד ווייקאָמב, ווילליאַם וואַשינגטאָן איטהאָרן און טשום פרינק — האָבן זיי אים אויסגעהערט מיט אינטערעס. ער איז געווען אַזוי ווייט איבערגענומען מיט דער פריילעכער שטימונג, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, ווען טאַניס האָט זיך אָנגעלענט אָן אַן אַקסל פון דעם יונגסטן, אומרייפסטן יונגנמאַן, ער אַליין האָט געפילט אַ פאַרלאַנג צו האַלטן אַביסל דאָס ווייכע הענטל פון קאַרי נאָרק און ער האָט עס נאָר ניט געטון דערפאַר, ווייל טאַניס האָט אויסגעזען בייז.

אַז ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים, צוויי אַזייגער, איז ער געווען אַ פולער מיטגליד פון דער באַנדע, די גאַנצע וואָך דערנאָך איז ער געווען געבונדן דורך זייערע אויסערגעוויינלעך-שטרענגע געזעצן פון אַ פריילעך און פריי לעבן. ער האָט געמוזט קומען אויף זייערע אָוונטן, געווען איינגאַנצן איבערגענומען, ווען איינע האָט געטעלעפאָנירט צו דער אַנדערער, אַז זי האָט ניט געמיינט אין אמתן דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, ווען זי האָט עס געזאָגט און בכלל צו וואָס גייט פעטער אַרום און זאָגט, אַז זי האָט געזאָגט?

ס'איז נישטאָ קיין פאַמיליע, ווו מ'זאָל פאַרלאַנגען אַזוי ווייט איינצלנע פרטים פון יעדערנס באַזונדערע מעשים, ווי אין די באַנדע. יעדערער פון זיי האָט געוווסט, אָדער לפּחות געוואָלט וויסן, ווי די איבעריקע האָבן פאַרברענגט יעדע רגע פון דער וואָך. בעביט האָט זיך אַליין דערזען דערביי, ווי אַזוי ער ענטפערט אָפּ קאַרי אָדער פולטאָן בעמיס, פאַרוואָס ער איז געקומען ערשט צען אַ זייגער, און ווי ער אַנטשולדיקט זיך פאַר זיי, אַז ער האָט געמוזט מיטאָגן מיט אַ קונדע.

יעדער מיטגליד פון דער באַנדע האָט טעלעפאָנירט צו אַן אַנדערן מיטגליד לפּחות איינמאָל אין דער וואָך: — פאַרוואָס האָסטו מיך נישט גערופן? — האָבן זיי געפרעגט באַליידיקט, נישט נאָר טאַניס און קאַרי, די אַלטע פריינדינס, נאָר די נייע, ווי זשעניע, קאַפּיטולענאַ און טאָטס.

אויב ער האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געהאַלטן טאַניס פאַר

אַ סענטימענטאַלע און פֿאַרחלומטע, איז דערדאָזיקער איינדרוק
פֿאַרלוירן געגאַנגען אויף קאַרי נאָרקס טאַנץ-אָוונט. פֿרוי נאָרק
האָט געהאַט אַ גרויסע ווײַנונג מיט אַ קלײנטשיקן מאַן. אויף
איר אָוונט איז געקומען די גאַנצע באַנדע, אומגעפֿער פֿינף-
אונדרײַסיק מענטשן, ווען זײ זענען געווען אין פֿולן קאָמ-
פּלעט. בעבּיט, אונטער דער צונאָמען „אַלטער דזשאָרזש”, איז
שוין אַצינד געווען אַ פּיאָנער פֿון דער באַנדע, וואָרום
יעדן חודש האָט זיך געטוישט אַ העלפֿט פֿון דער צאָל מיט-
גלידער און מחמת בעבּיט האָט נאָך געדענקט די פֿאָרהיסטאָרי-
שע טעג מיט צוויי וואָכן צוריק, פֿאַר דעם אָפּפֿאָר פֿון אַפּסאָ-
לאָן קיין אינדיע-פּאָליס, און ווי מאַק האָט זיך געקריגט מיט
מיניען, איז ער איצט געווען אַ חשובֿער פֿירער אין ער האָט
געקאָנט זיך אַראָפּלאָזן צו די נײַע פּעטעס, מיניעס און גלעדיס.

בײַ קאַרין האָט טאַניס זיך נישט באַדאַרפֿט באַשעפֿטיקן
מיט דער ווירטשאַפֿט. זי האָט זיך געפֿילט ווירדיק און זיכער,
אַ קלאָר שײן געשטאַלט אין דעם שוואַרצן שיפֿאָן-קלײד, וואָס
זי האָט תּמיד ליב געהאַט. אין די באַקוועמע צימערן פֿון דעם
העסלעכן הויז, האָט בעבּיט געקאָנט פֿרידלעך מיט איר פֿאַר-
ברענגען. ער האָט באַדויערט זײַן האַס, געפֿאַלן צו אירע פֿיס,
און ער איז געווען גליקלעך זי אָפּצופֿירן אין אויטאָמאָביל,
צומאָרגנס האָט ער געקויפֿט אַ שרײַענדיק געלן קראַוואַט, כּדי
אויסצוזען פֿאַר אירטוועגן יונג, ער האָט געוווּסט, אַבּיסל אַ
פֿאַרזאָרגטער, אַז ער קאָן זיך אַלײן שוין נישט מאַכן שענער,
ער האָט געזען, אַז ער איז שווער און אַלט, אָבער ער האָט
געטאַנצט, אָנגעטון זיך שײן, כּדי צו זײַן אַזוי יונג, ווי זי...
אַזוי יונג, ווי זי האָט אויסגעזען צו זײַן.

ד.

יעדן ניי-גלוביקן, סײַ אין דער רעליגיע, סײַ אין דער
ליבע אָדער גערטנערײַ, הויבט זיך אָן אויסדאַכטן פֿלוצ-
לונג, ווי דורך אַ מאַגישער קראַפֿט, אַז דאָס אַלץ, וואָס האָט

זיך ביז איצטער אים אויסגעוויזן נישט צו עקזיסטירן, מאַכט איצט פול די וועלט מיט אַ שרעקלעכן ליאַרם; אַזוי האָט אויך בעביט, נאָכדעם, ווי ער איז אַוועק אויפן וועג פון אויסגעלאַסנקייט, אַנטדעקט וואָס אַמאָל נייע מעגלעכקייטן צו פאַרגעניגנס.

ער האָט איצט געהאַט אינגאַנצן אַן אַנדער מיינונג העגן זיין שכן סעם דאָפּלברויס. זיי זענען איצט געוואָרן געשעצטע מענטשן, אַרבעטזאַמע מענטשן, אָנשטענדיקע מענטשן, וועמענס העכסטער אידעאַל ס'איז געווען אַן אייביקער קאַבאַרעט, זייער לעבן איז געווען אַ געמיש פון אַ פאָרשטעטישע וואקכאנאליע פון אַלקאָהאָל, געזאָלין, ניקאָטין און קושן. זיי און זייער גאַנצער קרייז האָבן געאַרבעט שווער אַ גאַנצע וואָך, אויסקוקנדיק דעם שבת ביינאַכט, כדי צו קאָנען „אָרנטלעך אַ הוליע צו טון". און דידאָזיקע הוליאַנקע ווערט וואָס אַמאָל ליאַרמדיקער און ליאַרמדיקער, זי ציט זיך ביז זינטאָק באַגינען, זי פאַרענדיקט זיך געוויינלעך מיט אַ גיכן שפּאַציר אין אויטאָמאָביל אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען טאַניס איז געווען אין טעאַטער, האָט זיך בעביט פלוצלינג געפינען אין דער געזעלשאַפט פון די דאָפּלברויס און זיך דערקלערט אין פריינטשאַפט צו מענטשן, וועגן וועלכע ער האָט מיט אַ יאָר צוריק געזאָגט צו פרוי בעביט: — אַ באַנדע לאָבוסעס, כ'וואָלט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט זיי אַפילו אין אַן אָרט, ווו ס'איז נישטאָ קיין איין מענטש! — אין היינטיקן אָוונט איז ער אַהיימגעקומען פאַרדראָסיק, ער האָט זיך געשלעפּט פאַרן הויז, אָפּגעקערט פון וועג דעם פאַרפרוירענעם שניי, וואָס איז צעטרעטן געוואָרן דורך די דורכגייער. האַוואָרט ליטלפעלד איז אָנגעקומען אַן אָנגעבלאָזענער.

— נאָך אַלץ שטרויענער אַלמן, דזשאָרזש?

— הם, יאָ אַ קאַלטע נאַכט!

— וואָס הערסטו פון דיין פרוי?

— זי פילט זיך גוט, אָבער איר שוועסטער איז נאָך וייער קראַנק.

— הער אויס, אפשר וואָלסטו אַריינגעקומען צו אונז היינט אָוונט אויף אַ מאָלצייט, דזשאָרזש.

— אָך — אָך, אַ דאַנק. איך מוז אַוועקגיין.

פלוצלונג קען ער מער שוין נישט פאַרנעמען ליטלפעלדס שמועסן וועגן אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק, וועגן נישט אינ־טערעסאַנטע פּראָבלעמען. ער האָט געקראַצט דעם אַספאַלט און געסאַפּעט:

סעם דאָפּלברוי איז אָנגעקומען.

— גוטן אָוונט, בעבּיט. דו אַרבעטסט פעסט!

— הם, כ'מאַך אַבּיסל באַוועגונג.

— אַ קאַלטער אָוונט היינט, אַ!

— נו יאָ, אַוודאי.

— נאָך אַלץ שטרויענער אַלמן!

— הם...

— הערט אויס, בעבּיט, אַזויווי זי איז נישטאָ — איך ווייס, אַז איר זענט נישט אַזאַ שטאַרקער בעלן אויף אַ גלעזעלע, אָבער מיין פרוי און איך וואָלטן געווען זייער צופרידן, ווען איר זאָלט צו אונז אַריינקומען היינט אָוונט. כ'מיין, אַז איר וועט זיך אַן עצה געבן מיט אַ גוט גלעזעלע קאָקטאַיל!

— צי איך וועל זיך אַן עצה געבן? יונגער פריינט, איך וועט זיך מיט אייך, אַז דער אַלטער אָנקל קאָן מאַכן דעם בעסטן קאָקטאַיל פון די גאַנצע פאַראייניקטע שטאַטן!

— הוראַ! דאָס איז געווען גוט געזאָגט! הערט אויס: עטלעכע מענטשן וועלן זיין ביי מיר היינט אָוונט, ליטע־סאָן און אַנדערע פריילעכע חברה־לייט, און איך וועל עפענען אַ פלעשל פון דעם בעסטן דזשין, מעגלעך, אַז מיר וועלן אַבּיסל טאַנצן. פאַרוואָס זאָלט איר צו אונז נישט אַריינ־קומען אַבּיסל, פאַרברענגען מיט אונז?

— נו — ווען קומען זיי זיך צונויף?

ניין אַ זייגער איז ער שוין געווען ביי די דאָפּלברויס.

דאָס איז געווען דאָס דריטע מאָל, ווי ער האָט איבערגעטרעטן דאָס הויז. צען אַ זייגער האָט ער שוין גערופן דעם הער דאָפּלברוי, אַלטער קעמעל!

עלף אַ זייגער זענען זיי אַלע אַרויסגעפאָרן צו דער שענק „אַלטער פאַרם ווירט”. בעביט איז געזעסן אין דאָפּלברויס אויטאָמאָביל לעבן ליטע סוואָנסאַן. אַמאָל האָט ער זיך באַמיט נישט דרייסט צו כאַפּן מיט איר אַ פלירט. איצטער האָט ער זיך נישט באַדאַרפט באַמיען; ער האָט געפלירטעוועט מיט איר אומגעשטערט; און ליטע האָט אָנגעשפאַרט איר קאָפּ אויף זיינע אַקסלען, דערציילט אים, ווי אומדערטרעגלעך עדיע איז, און זי האָט באַשטעטיקט, אַז בעביט איז אַן אָנשטענדיקער, גוט אויסגעשולטער, צוגעלאָזענער חברה מאַן.

מיט דער הילף פון טאַניס און די באַנדע, פון דאָפּלברוי און אַנדערע חברים אין לאַנד פון פאַרגעסן, איז אין משך פון צוויי וואָכן נישט געווען קיין איין אָוונט, אַז ער זאָל נישט אַהיימקומען שכור און טרייסלענדיק זיך. כאָטש אַלע אַנדערע פעיקייטן זענען ביי אים פאַרלאָשן געוואָרן, האָט ער דאָך אַלס געניטער שאָפער געקאָנט פאָרן, ווען ער האָט שוין נישט געקאָנט גיין; ער איז געפאָרן פאַמעלעך ביי די זייטן פון גאַס, אויסמיידנדיק אַנדערע אויטאָס. ער איז וואַקלדיק אַריינגעגאַנגען אין שטוב אַריין. אויב וועראָנע און קענעט עסקאָט זענען געזעסן צוזאַמען, האָט ער האַסטיק זיך באַגרוסט, אויסמיידנדיק זייער יונגען בליק און אַרויפגעלאָפן אינדערהייך. ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער וואַרעמער שטוב, האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז ער איז פאַקטיש מער שכור, ווי ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט זיך צו לייגן אין בעט אַריין. ער האָט זיך געפּרוווט אויסניכטערן פון דעם אַלקאָהאָל דורך אַ הייסע באָד. אַן אויגנבליק איז זיין קאָפּ געוואָרן לויטערער, אָבער ווען ער האָט זיך באַוועגט אין באָד-צימער, האָט דער חשבון אין גיין אים גענאַרט, אַז ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם האַנטוך אויף דער ערד, און דאָס זייף-שיסעלע איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַזאַ טומל, אַז ער

האָט מורא געקריגן די קינדער זאָלן אים נישט איבערראַשן, ער האָט געפּרירט אין זיין שלאָפראָק און זיך באַמיט צו לייענען די אָוונט־צייטונג. ער האָט דערקענט יעדעס וואָרט: ס'האָט זיך איב געדוכטן, אַז ער פאַרשטייט דעם א נהאַלט; אָבער אַ מינוט שפּעטער האָט ער נישט געקאָנט דערציילן, וואָס ער האָט געלייענט. ווען ער האָט זיך צוגעשלעפּט אין בעט אַריין, האָט זיין מוח זיך געדרייט אין אַ ראָד, ער האָט זיך האַסטיק געטון אַ שטעל אויף און געקעמפּט זיך אַליין צו באַהערשן. לסוף איז ער שוין געלעגן שטיל, ער האָט נאָר געפילט אַ קליינע ווייטאָק און אַ פאַרבלענדקייט — און שרעקלעך זיך געשעמט. אָ, צו פאַרבאָרגן זיין צושטאַנד פאַר די אייגענע קינדער! צו טאַנצן און שרייען מיט מענטשן, וועלכע ער האָט פאַראַכט! צו זיין אַ נבל פּה, זינגען אידיאָטישע לידלעך, פּרווון צו קושן נאַרישע מיידן! אומגלויבלעך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט זיין צוגעלאָזנקייט לאָזט ער זיך אַראָפּ צו אַזוינע יונגע יאַטן, וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג אַרויסגעוואָרפן פון זיין ביוראָ, אַז מיט זיין ליידנשאַפט צו טאַנצן, וועט ער מאַכן רעדעוודיק אַלע רכילותדיקע ווייבער. ווען דאָס אַלץ האָט זיך אים ווידער נישט ווילנדיק אַ שטעל געטון פאַר די אויגן, האָט ער אַ מורמל געטון: — איך האַס זיך אַליין! גאָט, אָ, ווי איך האַס זיך אַליין! — און ער האָט זיך געכעסט — איך מאַך אַ סוף! שוין נישט מער! כ'האָב שוין גענוג, איבערגענוג!

דערדאָזיקער באַשלוס איז צומאָרגנס אינדערפרי נאָך שטאַרקער געוואָרן. ביים פרישטיק מיט די טעכטער, האָט ער זיך באַמיט צו זיין פאָטערלעך און ערנסט. מיטאָג צייט איז ער שוין געווען ווייניקער זיכער. ער האָט לחלוטין נישט אָפּגעלייקנט, אַז ער איז געווען אַ נאַר: ער האָט דאָס געוווסט אַזוי בולט, ווי אינמיטן נאַכט; אָבער דאָס איז אַלץ בעסער, האָט ער זיך געראַנגלט, ווי אומצוקערן זיך צו דער פריערדיקע פוסטקייט. פיר אַ זייגער האָט ער געוואָלט טרינקען. ער האָט שוין אַצינד געהאַלטן אַ פלעשל וויסקי אין זיין שרייב-

טישל. נאָך אַ צוויי מינוטיקן ראַנגלען זיך, האָט ער געטון אַ טרונק. נאָך דריי ווייטערע שלונג, האָט ער אָנגעהויבן זען די באַנדע, ווי צערטלעך און אַמוזירנדע פריינט, און זעקס אַ זייגער איז ער געווען ביי זיי... און די גאַנצע געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט אויפסניי.

יעדן פרימאָרגן האָט אים דער קאָפּ ווייניקער וויי געטון. דער קאָפּ-ווייטאָג נאָכן טרינקען איז געווען זיין רעטונגס-אַנקער, אָבער דערדאָזיקער רעטונגס-אַנקער האָט זיך אויך איינגעבראָכן. ער האָט איינגעזען, אַז ער קאָן זיין שכּור ביז פאַרטאָגס, און דאָך נישט פילן קיין געוויסנסבּיסן — אָדער אַ לערקייט אין מאָגן — ווען ער כאַפּט זיך אויף אַכט אַ זייגער. נישט דער ווייטאָק, נישט די בענקשאַפט צו באַפרייען זיך פון דער באַנדע, האָט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער זאָרג, וואָס ער האָט געהאַט ביים בלויזן געדאַנק, אַז ער איז קעגן זיי הינטערשטעליק. זיין דער „פריילעכסטער" צווישן זיי איז געווען אַצינד זיין אַמביציע, ווי אַמאָל דער ווילן צו פאַרדינען געלט, שפּילן גאָלף, באַרימט ווערן אַלס רעדנער, קומען אין קרייז פון מעק קאַלווי. אָבער דערווייל האָט ער זיך אַנטוישט.

ער האָט געזען, אַז פּעטע און די אַנדערע יונגלייט באַטראַכטן די באַנדע פאַר צו ניכטער און העפלעך, און קאַרין, וואָס האָט זיך נאָר געקושט הינטער די טירן, האָבן זיי געהאַלטן פאַר צו מאָנאָגאַמיש. פּונקט ווי בעביט האָט זיך אַרויסגעריסן פון פלאָרעל הייטס צו דער באַנדע, אַזוי האָבן זיך די יונגע עלעגאַנטן אַרויסגעריסן פון דער באַנדע, כּדי צו מאַכן זיך פריילעכע „שעהן" מיט יונגע פרויען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַקאָנט אין געוועלבן און אין האָטעל-גאַרדעראָבן. איינמאָל האָט בעביט זיך באַמיט מיט זיי מיטצוהאַ,טן. ס'איז געווען אַן אויטאָמאָביל, אַ פלעשל וויסקי, און פאַר אים אַ שמוציקע, שרייענדיקע קאַסירערין פון פּאָרטשער און שטיין. ער איז געזעסן לעבן איר און זיך געזאָרגט. זי האָט אַפּנים געוואַרט, אַז ער זאָל זי „ווילן", אָבער ווען זי האָט אַרויסגעפּישטשעט: —

העי, לאָזט מיך אָפּ, צעקוועטשט נישט אַזוי מיין אַנטלויזונג־אַנשטאַלט! — האָט ער שוין נישט געוווּסט, וואָס מיט איר צו טון. זיי זענען געזעסן אין אַן הינטערשט צימערל פון אַ סאַלאָן, אין בעביטן האָט ווי געטון דער קאָפּ, ער איז באַרוישט געווען פון זייער רייכן זשאַרגאָן, געקוקט אויף זיי דאַנקבאַר, געוואָלט גערן גיין אַהיים און טרינקען אַ גלעזעלע — ער האָט געטרונקען אַ סך גלעזלעך.

צוויי אָוונטן שפּעטער, האָט פולטאָן בעמיס, דער מרה שחורהדיקער, אַלטער מאַן פון דער באַנדע אַוועקגענומען בעביטן אָן אַ זייט און געמורמלט:

— הערט אויס, ס'איז טאַקע נישט מיין עסק, און איין גאָט ווייס, אַז איך האָב מיין חלק בראָנפן אויסגעטרונקען. אָבער איר מוזט זיך נעמען אין די הענט אַריין! איר זענט אַן ענטוזיאַסט, און איר האָט ליב איבערצוכאַפּן די מאָס. צי זעט איר נישט, אַז איר טרינקט אָן אַ מאָס און איר רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן? איר מוזט אויף אַ צייט איבעררייסן.

בעביט האָט מיט טרערן אין די אויגן מודה געווען, אַז דער אַלטער פולט איז אַ ווילער מענטש, און יאָ, ער וועט געוויס אויפהערן, אין באַלד דערנאָך האָט ער פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און אָנגעגאָסן זיך אַ גלעזעלע און ער האָט געהאַט אַ סכסוך מיט טאַניס, וואָס האָט אים געכאַפּט דערביי, ווי ער האָט געצערטלט קאַרי נאָרק!

צומאָרגנס אינדערפרי איז ער געווען בייז אויף זיך אַליין, פאַרוואָס ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז אַזאַ פּאַרשוין ווי פולטאָן בעמיס זאָל אים שטראָפן. ער האָט פּלוצלונג איינגעזען, אַז זינט ער באַפריינדעט זיך מיט יעדער פרוי, האָט טאַניס אויפגעהערט פאַר אים צו זיין אַ שטראַלנדיקער שטערן, און ער האָט געטראַכט, טאָמער איז זי קיינמאָל נישט געווען מער, ווי אַ געוויינלעכע פרוי. און אויב בעמיס האָט אים שוין דאָסדאָזיקע געזאָגט, אויב אַנדערע מענטשן רעדן שוין וועגן אים? ביים מיטאָג אין אַטלעטן־קלוב האָט ער פאַר־

דעכטיק געקוקט אויף די פריינט. זיי האָבן אים אויסגעזען צו זיין אומרויִק, צי האָבן זיי גערעדט וועגן אים? ער איז געוואָרן זייער אויפגערעגט. ער איז געוואָרן קאַמפּלוסטיק. ער האָט נישט נאָר פאַרטיידיקט סענעקאַ דואַן, נאָר אָפן אויסגעלאַכט דעם פאַריין פון קריסטלעכע יונגע מענער. ווערדזשיל גאָנטש האָט אים געענטפערט קורץ און טרעפלעך.

שפּעטער האָט בעביט אויפגעהערט צו זיין בייז. ער האָט מורא געקריגן. צומאָרגנס איז ער שוין נישט געגאַנגען אויף פרישטיק אין בוסטער-קלוב, נאָר ער איז פאַרקראָכן אין אַ ביליקן רעסטאָראַן, ער האָט זיך געזאָרגט, בעת ער האָט געשלונגען די אייער מיט שינקע, געטרינקען קאַווע פון אַ שעלעכל, וואָס איז געשטאַנען אויפן אָנלען פון זיין שטול.

פיר טאָג שפּעטער, ווען די באַנדע האָט געפייערט אַ גרויסן יום-טוב, האָט בעביט זיי אָפּגעפירט אויפן גליטש-פּלאַץ, וואָס איז געלעגן אויפן טייך טשעלוסאַ. נאָכן נאַסן וועטער, זענען די גאַסן פאַרפרוירן געוואָרן אויף גליטשיק אייז. אויף די ברייטע, לאַנגע גאַסן, האָט דער ווינט געבלאָזן און געקלאַפּט צווישן די הילצערנע הייזלעך, די גאַנצע בילוויו-געגנט האָט אויסגעזען, ווי אַ גרענעץ-שטאָט. הגם ער האָט געהאַמעוועט די רעדער, האָט ער דאָך מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן, און ווען ער איז אַרומגעפאָרן אויף אַ משופּעדיק גליטשיק בערגל, האָט ער געהאַמעוועט ביידע ברעמזעס. פון עק גאַס איז אָנגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל מיט אַ ווייניקער פאָרזיכטיקן שאָפער. ער האָט פאַרהאַלטן, שיער אים נישט אַ שטויס געטון מיט דעם הינטערשטן באַשיצער. אין פאַרלייכטערונג פון זייער נצחון, האָט די גאַנצע באַנדע, מיניע זאָנטאַק, פּעטע, פּולטאָן בעמיס — געשריגן: — אָ, קינדעלע, און זיי האָבן באַוועגט מיט די הענט צו יענעם שאָפער. דאַן האָט בעביט באַמערקט פּראָפעסאָר פּאָמפּרי, ווי ער האָט זיך געשלעפּט באַרג אַרויף, און געקוקט ביינז אויף די פאָרנדיקע. בעביט איז געווען זיכער, אַז פּאָמפּרי האָט אים באַמערקט און געזען, ווי טאַניס האָט אים געקושט און געפּישטשעט:

— אַי — ווי טייער דו פאָרסט.

צומאָרגנס ביים פרישטיק האָט ער אויסגעפּרוווט פּאָמפּרי:

— כ׳בין נעכטן אָוונט געפאָרן מיט מיין ברודער און מיט עטלעכע זיינע פריינט, צום טייוול, וואָס פאַראַ פאָרן! גליטשיק ווי גלאָז! דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב אייך געזען גיין אויף דער משופּעדיקער בילוויו־עוועניו.

— ניין, איך בין נישט געווען — איך האָב אייך נישט געזען — האָט פּאָמפּרי אַ זאָג געטון, האַסטיק, מער שולדיק.

אפשר צוויי טעג שפּעטער האָט בעביט מיטגענומען טאַניסן אויף אַ פרישטיק אין האָטעל דאָרנלייט. זי, וואָס האָט זיך לכתחילה באַפרידיקט מיטן וואַרטן אויף אים אין איר וווינונג, האָט זיך איצטער שוין מעלאַנכאָליש באַקלאָגט, אַז ער טראַכט ווייניק וועגן איר, אַז ער וויל זי נישט פאָרשטעלן פאַר זיינע פריינט, אַז ער וויל זיך נישט ווייזן מיט איר אין ערגעץ, סיידן אין קינאָ. ער האָט אפילו געטראַכט מיטצונעמען זי אין „פרויען־זאַל” פון אַטלעטן־קלוב, אָבער דאָס איז געווען צו ריזיקאַליש. ער וועט זי מוזן דאָרטן פאָרשטעלן און, אָ, מענטשן וועלן דאָס שלעכט פאַרשטיין און — ער האָט געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס אויפן דאָרנלייט —

זי איז געווען אומגעוויינלעך עלעגאַנט, אינגאַנצן אין שוואַרצן: אַ קליינער שוואַרצער הוט, אַ קורץ קאַראַקולן רעקל, לויז און באַוועגנדיק, אַ שטרענג, הויך צוגעשפּילעט סאַמעט, קלייד, אין אַ צייט, ווען ס׳רוב קאָסטיומען זענען געווען אויסגעאָרסירט ווי אָוונט־קליידער, מעגלעך, אַז זי איז געווען צו עלעגאַנט. אין דעם דעמבן־ און גאָלדן־פאַרצירטן זאַל פון האָטעל דאָרנלייט האָט יעדער איינער געקוקט אויף איר, בעת בעביט האָט זי צוגעפירט צו אַ טישל. ער האָט אומרויק געהאָפט, אַז דער קעלנער וועט אים אָנווייזן אַן אָפּגעזונדערט אָרט אונטער אַ פילאַר, מ׳האָט זיי אָבער אַוועקגעזעצט אין סאַמע דורכגאַנג. טאַניס האָט זיך געמאַכט גלייך זי וואָלט נישט געזען אירע באַוווּנדערער, זי האָט זיך געווענדעט שמייכלענדק און האַרציק צו בעביטן:

— אָך, ווי שיין דאָ איז! וואָס פאַראַ פּרעכטיקע מוזיק!

בעפּיטן איז אַביסל שווער געווען אָפּצוּוענטפּערן איר מיט אַ שמייכל, וואָרום מיט צוויי טישלעך ווייטער האָט ער געזען זיצן ווערדזשיל גאָנטש. בעת דעם גאַנצן עסן האָט זיי גאָנטש אָבסערווירט, בעפּיט האָט געזען, ווי ער ווערט אָבסערווירט און ער האָט זיך באַמיט נישט צו צעשטערן טאַניס פרייד:

— איך בין היינט גראָד געווען אויפגעלייגט צו אַ קליינער הוליאַנקע — האָט זי געזאָגט — איך האָב ליב דעם דאָרנלייט, איר נישט? ס'איז דאָ דאָ אַזויפיל לעבן און פוגדעסטוועגן איז עס אַזוי — אַזוי בכבודיק.

ער האָט ווייטער גערעדט וועגן דאָרנלייט, די דינערשאַפט, די שפּייזן, די געסט, וואָס באַזוכן דעם רעסטאָראַן, ביז צו ווערדזשיל גאָנטש, וועמען ער האָט נישט דערמאָנט. עס איז נישט געווען פון וואָס אַנדערש צו רעדן. ער האָט געווּיסנהאַפט געלאַכט פון אירע נישט דרייסטע שפּאַסן, ער האָט מסכים געווען מיט איר, אַז מיט מיניע זאָנטאַק איז „שווער צו לעבן בשלום", און דער יונגער פּעטער איז אַ „נאַרישער פוילנצער, באמת, נישט מער ווי אַ פוילנצער". אָבער ער אַליין האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט געקלערט צו דערציילן איר וועגן גאָנטש, אָבער, אָך, גאָט, ס'איז אַ צו גרויסער פאַרנעם, צו דערציילן איר וועגן גאָנטשן און אַלע אַנדערע.

ער האָט גרינגער אָפּגעאָטעמט, ווען ער האָט ענדלעך טאַניסן אַריינגעזעצט אין טראַמוויי; ער איז געוואָרן מונטערער. אין דער צוגעווינטער היימישקייט פון זיין ביוראָ, האָט ער ווידער באַקומען זיין מונטערע שטימונג.

פיר אַזייגער איז ווערדזשיל גאָנטש אַריינגעקומען צו אים.

בעפּיט איז געווען אויפגערעגט, אָבער גאָנטש האָט אָנגעהויבן פריינטלעך:

— וואָס מאַכסטו, יונגאַטש? הער אויס, עטלעכע פו...

אונז טראָגן זיך אַרום מיט אַ נייעם פּראָיעקט. און מיר ווילן, אַז דו זאָלסט אונז זיין בייהילפיק.

— אויסגעצייכנט, ווערדוש, שיס אַרויס.

— דו ווייסט דאָך יאָ, וויאַזוי מיר האָבן בעת דער מלחמה געקעמפט מיט דעם אומגעוווּנטשענעם עלעמענט, די רויטע און די אַגיטאַטאָרן און די גאַנץ פּראָסטע געמיינע מאַסן, און דאָס האָבן מיר פאָרגעזעצט אַ צייט דערנאָך, אָבער אויך די מענטשן פאַרגעסן די געפאַר און דאָס גיט דער חברה אַ מעגלעכקייט ווידער אָנצוהייבן זייער אונטערערדישע אַרבעט, באַזונדערס די סאַלאָן-סאָציאַליסטן. נו, אַצינד איז געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן זיך אַביסל אַ ברעך טון די קעפּ! כּדי אויף אַ לאָגישן אופן מיט אַ קלאָרן באַוווּסטזיין און מיט אַ שטאַרקן ווילן אַוועקזעצן דידאָזיקע לייט אויף זייערע ערטער. אָט האָט זיך ערגעץ אין מזרח געגרינדעט אַ נייע געזעלשאַפט אונטערן נאָמען: „בראַווע בירגער-ליגע” טאַקע צו דעם צוועק. נאַטירלעך טוען אויף די האַנדלס-קאַמער און דער אַמעריקאַנער לעגיאָן זייער אַרטיקע זאַכן, כּדי אונטערצושטיצן אָנשטענדיקע מענטשן, אָבער זיי האָבן דערביי נאָך אַזויפיל אַנדערע צילן, וועלכע לאָזן זיך איצטער נישט אויסרעכענען, אַז זיי קענען אָט דעם איינעם וויכטיקן פּראָבלעם נישט ווידמען גענוג צייט.

— אָבער די בראַווע בירגער-ליגע, די ב. ב. ל. האָט טאַקע בלויז דאָס פאַר אַן אויפגאַבע. אָ, נאַטירלעך, מוז ב. ב. ל. געפינען נאָך זייטיקע אויפגאַבן — צום ביישפּיל דאָ אין זעניט קאָן די ליגע אונטערשטיצן דעם פּראָיעקט צו פאַרגרעסערן דעם פאַרק און די פּראָיעקטן פון שטאָטישן בוי-קאָמיטעט — זי מוז גרופּירן אַרום זיך די בעסטע פון דער געזעלשאַפט — מען וועט איינאָרדנען טאַנץ-אָוונטן און אַזוי ווייטער. און באַזונדערס איז דאָס דער איינציקער וועג, כּדי קלאָר צו מאַכן דידאָזיקע נאַראָנים, וואָס ס'איז דאָס אַזוינס געזעלשאַפטלעכער באַיקאָט, טאַקע די מענטשן, וואָס האַלטן זיך גרויס און מעכטיק, וועלן מיר אויף אַן אַנדערן אופן נישט באַקעמפן. דאַן, אויב דאָס וועט נישט האָבן געהאָלפן, קאָן די ג. ב. ל.

ארויסשיקן אַ קליינע דעלעגאַציע צו פֿאַרשידענע מענטשן און מודיע זיין זיי, אַז זיי מאַכן אַ צו גרויס געפּילדער און זיי זאָלן איינהאַלטן אַביסל דעם צונג. זעט עס נישט אויס, אַז אַזאַ אָרגאַניזאַציע וואָלט געקאָנט אַ סך אויפֿטון? מיר וואָלטן זיך שוין פֿאַרשטענדיקט מיט אייניקע איינפֿלוסרייכע מענער פֿון דער שטאָט, און מיר ווילן פֿערשטייט זיך דיך אויך האָבן. וואָס זאָגסטו דערצו?

בעביט איז געווען ממש צעמישט. ער האָט געפֿילט דעם צוואַנג, וואָס וויל אים פֿאַרנאַרן צוריק צו די אַלע אידעען, פֿון וועלכע ער איז איצט נישט לאַנג אַנטלאָפֿן. ער האָט געשטאַמלט:

— איך בין זיך משער, אַז אַמשטאַרקסטן גייט אייך אין אַזוינע מענטשן, ווי סענע דואַן און איר באַמיט זיך צו מאַכן זיי —

— אַ פֿראַגע, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג! הער אויס, אַלטער דזשאָרזש! איך האָב קיין איין רגע נישט געגלויבט אין דיינע ווערטער, ווען דו האָסט אין קלוב פֿאַרטיידיקט דואַן און די שטרייקער, איך האָב גאַנץ גוט געוווסט, אַז דו האָסט נאָר געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס פֿון די אָרעמע חברה־לייט, ווי סיד פֿינקעלשטיין... לפּחות האָף איך, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ וויץ!

— אָך, נו — אודאי — נאַטירלעך קאָנסטו עס זאָגן — בעביט האָט געוווסט, ווי מאַט און מאַכטלאָז דאָס קלינגט אונטער גאָנטשס שטרענגן נישט נאָכגיביקן בליק — צום טייוול, דו קאָנסט דאָך יאָ מיינע אָנשויונגען! איך בין נישט קיין סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר! איך בין אַ געשעפֿטסמאַן, צוערשט, צולעצט און אין אַלע צייטן! אָבער — אָבער באמנות, איך גלויב נישט, אַז דואַן זאָל מיינען שלעכטס, און דו מוזט געדענקען, אַז ער איז מיינער אַן אַלטער פֿריינט.

— דזשאָרזש, ווען עס האַנדלט זיך אין אַ פֿאַרביטערטן קאַמף צווישן דעם ווילשטאַנד און די זיכערקייט פֿון אונזערע היימען אויף איין זייט, און דער רויטער חורבה, די פֿוילע

הינט, וואָס ווילן זויפן בחנמדיק ביר — אויף דער אַנדערער זייט, דאַן מוז מען אפילו מקריב זיין די עלטסטע פריינטשאַפט. „ווער ס׳איז נישט מיט מיר, איז קעגן מיר״.

— יאָ — אָ, איך מיין...

— טאָ וואָס זאָגסטו דערצו? ווילסטו אַריינטרעטן אין דער ליגע פון בראַווע בירגער?

— איך מוז זיך פאַרטראַכטן, ווערדזש.

— אָלרייט, טו ווי דו פאַרשטייסט — בעביט האָט געמיינט, אַז אָט באַפרייט ער זיך שוין פון אים, אָבער גאָנטש האָט גערעדט ווייטער — דזשאָרדזש, איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט דיר געשען; מיר אַלע הויבן דיך נישט אָן צו פאַרשטיין; און מיר אַלע רעדן זייער אַ סך וועגן דיר. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געזאָגט, אַז דו ביסט געטראָפן פון אומגליק, וואָס האָט פאַסירט מיט ריסלינגען, און מיר האָבן דיר מוחל געווען אַלע דיינע נאַרישקייטן, וואָס דו האָסט אונז געשליידערט אין פנים; אָבער דאָס איז שוין אַ צו לאַנגע געשיכטע, דזשאָרדזש, און מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט, וואָס איז מיט דיר געשען. איך פערזענלעך האָב דיך תמיד פאַרטיידיקט, אָבער איך מוז זאָגן, אַז עס קריכט שוין מיר אַליין אויך פון האַלדז אַרויס. אַלע יונגען אין אַטלעטן-קלוב און ביי די בוסטער האָבן אַ בייז האַרץ אויף דיר, צוליב דעם וואָס דו פאַרטיידיקסט דוואַנען און זיין באַנדע הינט, און צוליב דעם, וואָס דו רופסט זיך אָן אַ ליבעראַל — וואָס איז נאָר דאָס צווייטע וואָרט פון אַ סאָציאַליסטל — איצט דיינע ווערטער, אַז דער גאַסן-פרעדיקער איינגרעם איז נישט קיין פראָפעסיאָנעלער אָנהעגנער פון פרייע ליבע... און בכלל וויאַזוי דו האַלטסט דיך אין דער לעצטער צייט אין דיין פריוואַט-לעבן! דזשאָע פאָמפרי דערציילט, ווי ער האָט דיך אין איינעם אַן אָוונט געזען מיט אַ באַנדע, אַלע זענט איר געווען טויט שכור, און היינט, אין שיינעם העלן טאָג, שפּאַצירסטו אַריין אין דאָרנלייט מיט אַ — נו, זי מעג זיין אַ דאַמע, אָנשטענדיק אָנגעטון, אָבער זי זעט אויס צו פאַרדעכטיק אויף קרישטיקן מיט אַ מענטש, וואָס זיין ווייב האָט

אָפּגערייזט! ס׳האָט מיאוס אויסגעזען. וואָס צו אַלדי רוחות איז מיט דיר געשען, דזשאָרזש?

— ווייזט אויס, אַז אַ סך מענטשן ווייסן מער פון מיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, ווי איך אַליין!

— שפּיל נישט איצט די ראָלע פון אַ באַליידיקטן, וואָרום איך קום צו דיר אַלס פריינט און זאָג דיר אָפן, וואָס איך טראַכט וועגן דיר, אָנשטאָט צו רעדן אונטער דיינע פּלייצעס, ווי ס׳רוב פון זיי טוען דאָס. איך זאָג דיר, דזשאָרזש, דו פאַרנעמסט אַן אָנגעזעענע שטעלונג אין שטאָט און די שטאָט דערוואַרט פון דיר גרויסע טאַטן. און — טו אַ טראַכט וועגן דער ליגע פון בראַווע בירגער. איך וועל זיך נאָך צו דיר אַרויפכאַפּן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אין דעמדאָזיקן אָוונט האָט באַביט געגעסן אַליין. ער האָט געזען די גאַנצע קליקע פון גוטע פריינט, ווי זיי קוקן דורכן פענסטער, ווי זיי שפּיאָנירן אים נאָך. אַ פּחד האָט אים פאַרפאָלגט, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ער וועט היינט אָוונט נישט גיין צו טאַניסן. און ער איז נישט געגאַנגען צו איר... ביז שפּעט ביינאַכט.

קאַפּיטל XXX

א.

אין פאַרגאַנגענעם זומער זענען די בריוו פון פרוי בעביט געווען פול מיט בענקשאַפט, צוריקצוקומען קיין זעניט. איצט האָט זי גאָרנישט געשריבן וועגן אומקערן זיך אַהיים. זי האָט נאָר אָנגעמערקט: „איך מיין, אַז בײַ אײַך איז אַלץ אין אָרדנונג אָן מיר. צווישן אירע טרוקענע ידיעות וועגן וועטער און וועגן דער קראַנקהייט, האָט זי געגעבן בעביטן אָנצוגעהערן, אַז ער שטייט נישט אַזוי שטאַרק נאָך איר קומען. ער האָט געהאַט עגמת נפש:

— ווען זי וואָלט דאָ געווען, און איך פיר אַזאַ וואַנזיניק לעבן, ווי בין איצט, וואָלט זי עס פּשוט נישט איבערגעהאַלטן. איך מוז מיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל נעמען אין די הענט אַריין. איך מוז זיך לערנען זיין מיט זיך אַליין, און נישט מאַכן פון זיך אַ נאַר. יאָ, איך וועל עס קאָנען מאַכן, אויב ווערדזשיל גאָנטש וועט מיר נישט שטערן די רו און מירע וועט נאָך נישט צוריקקומען. אָבער — אָרעם קינד, זי פילט זיך נעבעך איינזאַם. אָבער גאָט מיין איינציקער, איך וויל איר דאָך נישט פאַרשאַפן קיין ווייטאָק!

נישט איבערטראַכטנדיק האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן, אַז זיי נויטיקן זיך אין איר, און איר נאָנטסטער בריוו האָט מיטגעטיילט, אַז זי קערט זיך צוריק אַהיים.

ער האָט זיך איינגערעדט, אַז ער איז אומגעדולדיק זי צו זען. ער האָט געקויפט רויזן, אויסצופוצן די צימערן, ער

האָט באַשטעלט געבראָטנס אויף אַ מיטאָג, געריייניקט דעם אויטאָמאָביל און אויסגעפּוצט אויף אַ גלאַנץ. אַ גאַנצן וועג פון וואָקזאַל אין שטוב אַריין האָט ער איר דערציילט וועגן טעדס טריומפן אין דעם האַנטבאָל־שפּיל און אויפן אוניווערזיטעט. אָבער איידער ער איז נאָך אָנגעקומען אויפן פלאָרעלהייטס, האָט ער איר שוין נישט געהאַט מער, וואָס צו דערציילן. ער האָט ווידער דערפילט איר איינטאָניקייט, און ער האָט זיך געפרעגט, צי ער וועט קאָנען, וועלכן ס'איז אָוונט אַנטרונען ווערן אויף אַ האַלבע שעה צו דער באַנדע. אז ער האָט אַריינגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל, איז ער געקראָכן אויף די טרעפּ אונטער דער שטיקנדיקער וואַרעמקייט פון איר קעגנוואַרט. ער האָט געזאָגט:

— העלפן דיר אויספּאַקן דיין קופערט?

— ניין, כ'וועל עס שוין אַליין טון.

זי האָט זיך פאַמעלעך אויסגעדרייט צו אים, האַלטנדיק אין דער האַנט אַ קליין שאַכטל און זי האָט לאַנגזאַם געזאָגט:

— איך האָב דיר געבראַנגט אַ מתנה, בלויז אַ נייעם פּאָרטסיגאַר. כ'ווייס נישט, צי דו פרייסט דיך אַזוי דערמיט —

זי איז ווידער געווען דאָס איינזאַמע מיידל, די ברוינע, ריירנדע מירע טאָמפּסאָן, מיט וועלכע ער האָט חתונה געהאַט, און ער האָט כמעט געוויינט פון מיטגעפיל, בעת ער האָט זי געקושט. ער האָט געשעפּטשעט:

— אָך, אוצר מיינער! צי איך פריי זיך דערמיט? נאַטירלעך פריי איך זיך! איך בין זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס דו האָסט עס מיר געבראַנגט. און איך האָב זיך זייער גענויטיקט אין אַ נייעם פּאָרטסיגאַר.

אינערלעך האָט ער געטראַכט, וואָס ער וועט טון מיטן פּאָרטסיגאַר, וואָס עס האָט געקויפט מיט אַ וואָך צוריק.

— און דו ביסט באמת צופרידן, וואָס דו זעסט מיך ווידער?

— אודאי, מיין טייער קינד, וואָס, דו צווייפלסט דערין?

— יאָ, ס'האָט אויסגעזען, ווי דו זאָלסט זיך נישט שטאַרק גענויטיקט אָן מיר.

אַז די מאָס פון זיין ליגן איז ענדלעך פול געוואָרן, זענען זיי ביידע ווידער געווען ענג פאַרבונדן. אַרום צען אַ זייגער איז עס איר שוין אויסגעקומען ווי אַ חלום, אַז זי איז געווען אַמאָל ערגעץ ווייט פון דער היים. עס איז אָבער געווען אַן אונטערשייד פון פריער: דאָס נייע פּראָבלעם, וויאַזוי צו זיין אַ בראַווער אָנשטענדיקער מאַן, אַ מאַן, ווי ס'האָט געפּאַסט פאַר דער פלאָרעל-הייטס, און פונדעסטוועגן, חוצדעם צו קאָנען זען טאַניסן מיט איר באַנדע. ער האָט צוגעזאָגט טאַניסן צו טעלעפאָנירן צו איר נאָך היינט אָוונט און דאָס איז געווען מעלאָדראַמאַטיש אוממעגלעך. ער האָט זיך געדרייט ביים טעלעפאָן, אימפּולסיוו אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן טרייבל, אָבער ס'האָט אים פאַרפעלט מוט אַ נעם צו טון. ער האָט אויך נישט געקאָנט געפינען קיין אויסרייד, צו גיין אין אַפּטייק אַריין אויף דער שמידט-סטריט, ווו ס'איז געווען טעלעפאָן. ער איז באַלאָדן געווען מיט זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ביז ער האָט עס פאַר איינמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און געזאָגט צו זיך: —

— פאַרוואָס, צום טייוול, זאָל איך זיך אַזוי שטאַרק זאָרגן, וואָס איך קאָן נישט טעלעפאָנירן צו טאַניס? זי וועט אויסקומען אָן מיר. איך בין איר גאָרנישט שולדיק. זי איז אַ שיין מיידל, אָבער איך האָב איר געגעבן אַזויפיל, ווי זי מיר... אָך, פאַרשאָלטן זענען די ווייבער, און דער וועג, וואָס זיי שפּרייטן פאַר אונז אויס, איז פול מיט שטרויכלונגען.

ב.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען אויפמערקזאַם צו זיין ווייב. ער איז געגאַנגען מיט איר אין טעאַטער, אויף אַ מיטאָג צו די ליטלפעלדס; דאַן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס אַלטע: אַ מיזאַמע, אויסבאַהאַלטנדיקע שפּיל מיט פּאָרטלען און

פאַרשוווּנדן ווערן. לסוף האָט ער צוויי אָוונטן אין דער וואָך פאַרברענגט מיט דער באַנדע. ער האָט זיך געמאַכט אַן אויסרייד, אַז ער גייט צום „עלך" און אויף די זיצונגען פון קאָמיטעט, אָבער וואָס אַמאָל האָט ער ווייניקער געזאָרגט דערפאַר, אַז זיינע אויסריידן זאָלן זיין באַגלויבט, און פרוי בעביט האָט וואָס אַמאָל ווייניקער אים געשענקט צוטרוי. ער איז געווען זיכער, אַז זי ווייסט, אַז ער איז פאַרמישט מיט אַ לוסטיקע חברה הולטאַיעס, אָבער קיינער פון זיי האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן. אין דער געאָגראַפיע פון דער הייראַט, איז דער שטח צווישן דער ערשטער שטומער דערקענטעניש פון דעם ריס און דאָס אָננעמען איר אַזוי גרויס, ווי דער שטח צווישן ערשטן נאַיוון צוטרוי און דעם ערשטן צווייפל.

אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון איר, האָט ער אויך אָנגעהויבן צו קוקן אויף איר, ווי אויף אַ מענטשלעך וועזן, געהאַט זי אַמאָל ליב און אַמאָל פיינט, אָנשטאָט צו קוקן אויף איר ווי ביז איצט, ווי אויף אַ באַוועגלעך שטיק פון זיין פאַרמעגן, און ער האָט רחמנות געהאַט אויף דער מאַן-און-פרוי-פאַרבינדונג, וואָס איז אין משך פון פינפאונצוואַנציק יאָר צוזאַמענלעבן, געווען אַ שאַרפער אָפּגעזונדערטער גאַנץ אויסגעשפּראָכענער פאַקט.

ער האָט זיך דערמאַנט ווייערע שענסטע צייטן: די זומער-פעריען אין ווירזשיניאַ אונטער דעם בלויען שאָטן פון די בערג; זייער אויטאָמאָביל-אויספלוג דורך אָהייאָ, און זייער אַנטדעקונגס-רייזע קיין קליוולאַנד, סינסינעטי און קאָלומביאַ; וועראָנעס געבורט; דאָס בויען זייער ניי הויז, ווו זיי האָבן געזאָגט כמעט מיט טרערן, אַז דאָרט וועלן זיי שוין פאַרברענגען די אַלטע יאָרן, אַז דאָס וועט שוין זיין זייער לעצטע היים. אָבער די אַלע רירנדיקע ערינערונגען פון די זיסע פאַרגאַנגענע צייטן, האָבן אים נישט אָפּגעהאַלטן אַ זאָג צו טון ביים עסן:

— יאָ, כ'מוז אַוועקגיין אויף עטלעכע שעה. וואַרט נישט אויף מיר

ער האָט איצט נישט געהאַט קיין מוט אַהיימצוקומען שכור. און הגם ער איז געווען גליקלעך פון זיין אייגענער תשובה און פון זיין ערנסט שטראָפן פולטאָן בעמיס און פעטע פאַר זייער אומגעוויינלעך טרינקען, האָט אים דאָך געשטאָכן מירעס עקשנותדיקע קריטיק, און ער האָט ביין געטראַכט, אַז אַ מענטש קאָן זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק, כּל זמן דאָס ווייב גייט אין די הויזן.

ער האָט שוין מער נישט געטראַכט, צי טאַניס איז נישט צופיל אָפּגעלעבט און סענטימענטאַל. להיפּוך צו דער צופרידענער מירע איז זי אים אויסגעקומען צאַרט און שטראַלנ-דיק, אַ פּאַרכשופטע געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. און הגם ער האָט רחמנות געהאַט אויף זיין ווייב, האָט ער געבענקט צו זיין מיט טאַניס.

דאַן האָט פרוי בעבּיט פּלוצלונג אַראָפּגעריסן דעם שלייער פון איר עלנט און דער דערשטוינטער מאַן האָט דערזען, אַז זי איז אַנטשלאָסן דורכצופירן אַ קליינעם בונט אויף דער אייגענער האַנט.

ג.

זיי זענען געזעסן אין אָוונט לעבן דעם קאַלטן, ליידיקן קאַמין.

— דזשאָרזש — האָט זי געזאָגט — דו האָסט מיר נאָך נישט געמאַכט דעם חשבון פון דיינע אויסגאַבן איבער דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין נישט געווען.

— ניין, איך... האָב אים נאָך נישט צוזאַמענגעשטעלט — מילד און לייטזעליק — ליבער גאָט, מיר מוזן דאָס יאָר פאַרקלענערן אונזערע אויסגאַבן.

— אודאַי אַזוי. איך ווייס נישט, וווּ דאָס געלט קומט אַהין. איך באַמי זיך, וואָס אַמאָל מערער איינצושפּאָרן, אָבער עס ווערט צערונען אונטער די הענט.

— איך טראַכט, אַז איך גיב צופיל אויס אויף ציגאַרן.

איך ווייס טאַקע נישט, וויאַזוי אַ סוף צו מאַכן מיט דעם רויכערן, אפשר וועל איך זיך קאָנען דערפון אָפּגעווינען. איך האָב שוין געפונען דערצו אַ גוט מיטל: כ׳וועל אָנהויבן מיט די אַסטמע-פּאַפּיראָסן, זיי זענען שרעקלעך געמיין, אַזוי אַרום וועט מיר פאַרמיאוסט ווערן דאָס רויכערן.

— אָך, איך וואָלט געווען צופרידן, דו זאָלסט אַזוי טון! אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ, וואָס פאַרשאַפט מיר צער, אָבער באמת, דזשאָרזש, דאָס אַ סך רויכערן איז שעדלעך פאַר דיר. צי מיינסטו נישט, אַז דו זאָלסט געקענט פאַרקלענערן די צאָל? און דזשאָרזש — די לעצטע צייט, ווען דו קומסט אַהיים פון דיינע לאָזשען און פון די אַנדערע ערטער, באַמערק איך, אַז ס׳פילט זיך פון דיר אַ ריח פון בראָנפן. טייערער, דו ווייסט דאָך, אַז עס גייט מיר נישט אַזוי ווייט אין דער מאָראַלישער זייט... אָבער דו האָסט אַ שוואַכן מאָגן און דו קאָנסט נישט פאַרטראָגן קיין סך טרינקען.

— אַ שוואַכער מאָגן, פו, צום טייוול! איך מיין, אַז איך קאָן פאַרנעמען אַביסל בראָנפן, פונקט ווי יעדער מענטש!

— נו, איך האַלט, אַז דו מוזט זיך אַביסל מער אָפּהיטן. פאַרשטייסטו: דען נישט מיין טייערער, אַז איך וויל נישט דו זאָלסט זיין קראַנק!

— קראַנק, טיפשות! כ׳בין שוין נישט קיין קינד! איך מיין, אַז כ׳וועל נאָך נישט שטאַרבן, אויב איך וועל איינמאָל אין דער וואָך נעמען אַביסל צו די ליפּן, אָבער דאָס איז די צרה מיט די ווייבער, זיי מוזן שטענדיק איבערטרייבן.

— דזשאָרזש, איך מיין, אַז דו דאַרפסט מיר נישט אַזוי ענטפערן, ווען איך בין נאָר אויסן דיין טובה.

— איך ווייס, אָבער זאָל עס דער טייוול נעמען, דאָס איז דער מילעיער מיט די ווייבער! תמיד מוזן זיי קריטיקירן און געבן אָנצוהערענישן און אויפוואַרפן, און דערצו זאָגן זיי נאָך, איך בין נאָר אויסן דיין טובה!

— אָבער דזשאָרזש, ס׳איז נישט פיין פון דיר אַזוי צו רעדן, צו ענטפערן מיר אַזוי קידער-ווידער.

— נו, איך האָב נישט געמיינט דיר צו ענטפערן קידער־ווידער, אָבער גאָט מיין איינציקער, ווי קענסטו אַזוי... פונקט ווי איך וואָלט נאָך געגאַנגען אין אַ קינדער־גאָרטן און קיין איינמאָל נישט אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע משקה, מען זאָל שוין נישט דאַרפן טעלעפאָנירן נאָך דער גיכער־הילף! אַ גוטע מיינונג מוזטו האָבן וועגן מיר!

— אַך, ניין, נאָך נישט דאָס איז אַלץ; עס איז נאָך — איך וויל נישט, אַז זאָלסט זיך קראַנק מאַכן. און גאָט אין הימל! כ'האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'איז שוין אַזוי שפּעט. פאַרגעס נישט מיר צונויפצושטעלן דעם חשבון פון אויסגאַבן, איבער דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין דאָ נישט געווען.

— אַך, צו אַלדע רוחות, וואָס פאַראַ נוצן האָט עס צו מאַכן זיך אַזוי פיל מי, ווען עס איז שוין פאַרביי. מיר קענען דאָך איבערהיפּערן דאָס שטיקל צייט!

— אָבער וואָס רעדסטו, דזשאָרזש בעבּיט, אין אַלע יאָרן, וואָס מיר זענען פאַרהייראַטעט, האָבן מיר דאָך נאָכנישט אויסגעגעבן אַ פּרוטה, נישט צו וויסן, וווּ זי קומט אַהין!

— ניין. אפשר איז דאָס טאַקע ביי אונז דאָס גרעס־טע אומגליק.

—וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן, גאָט מיינער?

— אָ, איך וויל קיין שום זאַך נישט זאָגן, נאָר — טיילמאָל פיל איך מיר שוין פאַרמאַטערט און איבערדריסיק פון דער פּראָצעדור, די חשבונות פון געשעפט, די אויסגאַבן פון דער ווירטשאַפט, דער טומל, די ענגשאַפט, און דער עגמת נפש צוליב יעדער נאַרישקייט, וואָס איז אין דער ווירק־לעכקייט גאָרנישט, און דאָס ליגן שטענדיק אויפן גראָשן און, רבונו של עולם, צי מיינסטו דען, אַז איך באַשאַפן געוואָרן בלויז צוליב דעם! איך האָב געקאָנט זיין אַ פאַרשאָלטן־גוטער רעדנער, און איך ליג דאָ אין צרות, יסורים און דאגות —

— דו רעכנסט, אַז איך ווער אויך קיינמאָל נישט פאַרמאַטערט פון די טעגלעכע דאגות? עס קריכט מיר שוין פון האַלדז אַרויס דאָס צוגרייטן דריי מאָלצייטן יעדן טאָג.

אַזוי דריי הונדערט פינפאונזעכציק טאָג אין יאָר, און קאַליע מאַכן די אויגן ביי דער עקלדיקער גיימאַשין, כסדר צו פאַרריכטן דיינגע, טעדס, ראָנעס און טינקעס מלבושים, וואַשן וועש, צערעווען זאַקן, און כסדר טריפ-טראָפ אויפן גרינס-מאַרק — און אַליין שלעפּן דעם קאָרב ביז אין שטוב אַריין, אַבי איינצושפּאָרן די עטלעכע סענט פון אַ טראַמוויי און אַ צושטעלער, יאָ, טאַקע אַלצדינג!

— אָ, גאָט מיין איינציקער, — מיט אַ געוויסער פאַר-ווונדערונג — געוויס ווייס איך, אַז דו טוסט עס אַלץ! אָבער לאָמיר רעדן — איך מוז יעדן טאָג, וואָס גאָט גיט, זיצן אין ביוראָ, בעת דו קאָנסט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג שפּאַצירן און גיין צו גאַסט, רעדן מיט די שכנים און פּשוט טון וואָס דו ווילסט!

— יאָ, דאָס פאַרשאַפט מיר שוין איינמאָל אַ פאַרגעניגן! תּמיד רעדן מיט די זעלבע לאַנגווייליקע מענטשן, וועגן די זעלבע לאַנגווייליקע זאַכן, בעת דו אין דער ביוראָ זעסט פאַרשידענע אינטערעסאַנטע מענטשן.

— אינטערעסאַנט? צעדרייטע אַלטע שאַרבנס, וואָס קומען מיך מאַטערן, פאַרוואָס כ'האָב נישט פאַרדונגען זייער הויז פאַר אַ זיבן-פאַכיק העכערן פרייז, וויפל ס'איז ווערט, אַ באַנדע אַלטע אייזלען, ביי וועמען כ'בין נישט זיכער מיטן לעבן, אויב איך וועל זיי נישט אויסצאָלן די צינזן יעדן צווייטן פון חודש דריי נאָכמיטאָג! שטעלסט זיך שוין פאָר! אַוודאי אינטערעסאַנט, פונקט אַזוי אינטערעסאַנט, ווי הינער-אויגן!

— אָבער דזשאָרזש, איך וויל נישט, זאָלסט אַזוי שרייען אויף מיר!

— נו, דו ברענגסט מיך דערצו, די ווייבער שטעלן זיך פאָר, אַז אַ מאַנסביל טוט נישט מער, נאָר ער זיצט אין זיין פאָטעל, שפּילט זיך אין ליבע — מיט שיינע דאַמען און מאַכט זיי קאָמפּלימענטן.

— אַסברא, אַז דו ווייסט שוין, וויאַזוי צו קוקן

אויף זיי מיט פֿאַרליבטע אויגן, ווען זיי קומען צו דיר באמת וועגן דעם.

— דו... וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן? ווילסט אפֿשר זאָגן, אַז איך לויף נאָך קליידלעך.

— איך האָף, אַז נישט — אין דיין עלטער!

— טאָ הער זשע אויס! קאָנסט עס מיר נישט גלויבן — נאַטירלעך, זעסטו פֿאַר דיר דעם קליינעם, דיקן דזשאָרזש בעביט אַוודאַי! אַ גויטיקער מענטש אין שטוב! קוקט נאָך די צענטראַל־באַהייצונג, ווען דער הייצער פֿאַרגעסט צו קומען, צאָלט די חשבונות, אָבער אַזוי איז ער לאַנגווייליק, תמימותדיק לאַנגווייליק! נו, דו קאָנסט מיר גלויבן, אָבער ס׳זענען דאָ פֿרויען, וואָס זאָגן, אַז דער אַלטער דזשאָרזש בעביט איז נישט אַזאַ מיאוסער מאַנספּערשוין! זיי זאָגן, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי מיאוס, לפּחות נישט אַזוי מיאוס, אַז ס׳זאָל זיי שטערן, און ער האָט אין זיך וויץ און הומאָר, און טייל פֿון זיי זאָגן, אַז ער קאָן אויסערגעוויינלעך שטעלן אַ פֿוס אין טאַנצן!

— יאָ — זי האָט גערעדט געלאַסן און מיושבדיק — איך צווייפֿל נישט קיין האָר, אַז דו האָסט דיר שוין אויסגעזוכט אַזוינע מענטשן, וואָס לויבן דיך, ווען איך דריי זיך נאָר אויס.

— נו, כ׳וועל נאַטירלעך נישט זאָגן — האָט ער פּראָטעסטירט, מיט אַ טאָן פֿון אָפּלייקענונג, אָבער דאַן האָט דער וואַקסנדיקער כעס אַרויסגערופֿן אין אים אַ צולהכעיס.

— דו קאָנסט זיין זיכער, אַז אַזעלכע מענטשן זענען פֿאַראַן! כ׳האָב געפֿונען אַ סך אַזוינע מענטשן, און טאַקע שרעקלעך פֿיינע מענטשן וואָס װעלן מיר נישט נעמען איינרעדן, אַז איך בין אַ קינד מיט אַ קראַנקן מאָגן.

— זעסטו שוין, אָט דאָס טאַקע האָב איך דיר געזאָגט! דו קאָנסט אַרומלויפֿן מיט יעדן נישטיקן שיק־יינגל, און מיך צווינגסטו, אַז איך זאָל זיצן אין שטוב און וואַרטן אויף דיר. דו האָסט אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך אין יעדן פּרט און איך מוז ליגן באַגראָבן אין שטוב —

— אָבער, אַלמעכטיקער אין הימל! ווער שטערט דען דיר צו לייענען ביכער, גיין אויף פאַרזאַמלונגען און טון, וואָס דיין האַרץ גלוסט?

— דזשאָרזש, איך האָב דיר שוין איינמאָל געזאָגט, איך וויל נישט, דו זאָלסט אויף מיר אַזוי שרייען! איך קאָן גאָרנישט פאַרשטיין, וואָס עס איז מיט דיר געוואָרן. ס'איז נאָך קיינ־מאָל נישט פאָרגעקומען, אַז דו זאָלסט רעדן צו מיר אויף אַזאַ מיאוסן, גראָבן אויפן.

— איך וויל נישט שרייען אויף דיר גראָב, אָבער גאָט מיין איינציקער, די גרינגע גאַל גייט דאָך איבער פון אַזעלכע טענות, אַז איך בין שולדיק אין דעם, וואָס דו גייסט נישט מיט מיט דער צייט.

— איך וועל שוין מיטגיין! ווילסט מיר העלפן?

— זיכער אַלץ, וואָס איך וועל נאָר קענען טון; כדי דיר צו פאַרשאַפן מאָדערנע בילדונג בין איך שטענדיק צו אייער דינסט —

— זייער גוט, דאַן וויל איך, אַז זאָלסט מיט מיר גיין צו פרוי מודגעס נייער געדאַנקען־פאָרלעזונג.

— וואָס פאַרא פרוי?

— פרוי אָפאָל עמערסאָן מודגע. די פעלד־רעפערענטין פאַר דער אַמעריקאַנער נייער געדאַנקען־ליגע. זי וועט זונטאָג רעדן אין דאָרנלייט „לאָמיר קולטיווירן דעם זונען־גייסט", לטובת דער ליגע פאַרן העכערן געדאַנק.

— אָ, ווי גרויסאַרטיק! נייע געדאַנקען! צוגעפּראַוועטע געדאַנקען מיט אייער „קולטווירן מיר דעם... ס'קלינגט ווי „ס'איז גרין, העגנגט אויפן וואַנט און פישטשעט". דאָס איז אַ שיינע רעדע פאַר אַ גוטן פרעסביטעריאַנער, וואָס קאָן זיך אָנחערן מיט דר. דריוס דרשות!

— דער חשובער דריו איז אַ געלערנטער און אַ קירכע־פריידיקער און וואָס נאָך אַלץ, אָבער אים פעלט דער אינער־לעכער פערמענט, ווי פרוי מודגעס רופט עס; ער האָט נישט

קיין ברעקל חוש פאַר דער נייער עפּאָכע. מיר, פרויען, דאַרפן איצט אינספּירירט ווערן. איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיט מיר מיטגיין, ווי דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

ד.

די זעניטער אָפּטיילונג פאַרן העכערן געדאַנק האָט זיך פאַרזאַמלט אינ'ם קליינעם באַל-זאַל פון האָטעל דאָרנלייט, אַ פיינער זאַל מיט בלייך-גרינע ווענט און גיפּסענע ראָזאַ קרענץ, אַ שיינעם פּאַרקעט און שוין צו-פיינע צירלעכע באַגילדעטע שטולעכלעך. עס זענען געקומען פיראונזעכציק פרויען און צען מענער. ס'רוב מענער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין די שטולן אָדער געדרייט זיך הין און צוריק, בעת זייערע פרויען זענען געזעסן שטייף און אויפמערקזאַם, אָבער צוויי פון זיי — רויט פּנימדיקע, פליישיקע מענער — האָבן זיך געהאַלטן מיט אַזאַ יראת הכבוד, ווי זייערע ווייבער. זיי זענען געווען אויפגעקומענע, רייכע אונטערנעמער וואָס נאָך דעם וואָס זיי האָבן זיך איינגעקויפט הייזער, אויטאָמאָבילן, האַנט-געמאָלטע בילדער און איידעלע מאַנירן, האָבן זיי אויך געוואָלט איינקויפן פאַר זיך אַ פּרעכטיקע צוגעגרייטע פילאָזאָפיע. זיי האָבן געהאַט אַ פּרייען אויסוואַל, פאַר זייער געלט האָבן זיי געקאָנט פאַר זיך איינקויפן אַ נייען געדאַנק, אַ קריסטלעכע וויסנשאַפט, אָדער אַ גוטע, מוסטערהאַפטע, הויכע קירך לויטן עפּיסקאָפּאַלן שטייגער.

אין איר אויסזען האָט דער פרוי אָפּאַל עמערסאָן מודגע אַ סך געפעלט צום אידעאַל פון אַ נביאשער ערשיינונג. זי איז געווען קורץ און ברייט, געקראָפּט ווי אַ אינדיק, אַ פּנים ווי אַן אָנגעבלאָזענער מאָפּס. אַ נאָז ווי אַ קנאָפּ און אַזעלכע קורצע הענט, אַז נישט געקוקט אויף אירע פסדרדיקע פרווון האָט זי זיי נישט געקענט פאַרלייגן, בעת זי האָט געוואַרט אויף דער טריבונע אויפן פּובליקום. זי האָט געטראָגן אַ

קלייד פֿון טאַפֿט און גרינעם סאַמעט, מיט דריי שורות גלעזערנע קרעלן, אין דער גרויסער לאָרנעט, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פֿון אַ שוואַרץ שנירל, איז געווען דער טריומף פֿון איר שיינקייט.

פֿרוי מודגע איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע דורך דער פּרעזידענטין פֿון דער ליגע פֿאַרן העכערן געדאַנק, אַ יונגע דאַמע מיט אַ רחמנותדיקע שטימע, ווייסע שיך און וואָנסעס. זי האָט דערקלערט, אַז פֿרוי מודגע וועט קלאָר מאַכן פֿאַר דעם פּשוט-דענקנדיקן, ווי אַזוי מען זאָל קולטיווירן דעם זון-גייסט; און די וואָס גייען שוין אַרויס מיט דער דעה זיך צו האַלטן ביי דעם גייסט—די זאָלן באַהאַלטן פֿרוי מודגעס ווערטער ווי אַ קאָסטבאַרן אוצר, וואָרום אַפֿילו זעניט (און יעדער איינער ווייסט, אַז זעניט שטייט אָן דער שפּיץ פֿון גייסטיקער אַנטוויקלונג און דעם נייעם געדאַנק) האָט נישט אַלעמאָל קיין געלעגנהייט צו זיצן ביי די פֿיס פֿון אַזאַ באַגייסטערטע, אָפּטימיסטישע און מעטאַפֿיזישע נבֿואה, ווי פֿרוי אָפּאַל עמערסאָן מודגע, וואָס איר לעבן איז תּמיד דורך איר קאָנצענטרירטן שווייגן געווען נוצלעך פֿאַר אַנדערע, וועלכע געפֿינען אין שווייגן דעם סוד פֿון גייסטיקער קאָנטראָל און דעם שליסל, וואָס קאָן מאַכן אַ גרויסע ענדערונג און ברענגען שלום, מאַכט און ווילשטאַנד פֿאַר אַלע אומגליקלעכע פֿעלקער; און דעריבער, פֿריינט, זאָלט איר אין דערדאָזיקער קורצער, טייערער פּערל- און בריליאַנטן-געצירטער שעה פֿאַרגעסן אָן דער אילוזיע פֿון דער אויסגעהויכטער ווירקלעכקייט, און איר וועט דורך דער האַנט פֿון פֿרוי אָפּאַל עמערסאָן מודגע באַקומען דעם טיף באַהאַלטענעם אמת, אַראָפּזינקען אין דער טיפֿקייט און אַריינטרעטן אין קענעגרייך פֿון שיינקייט.

אויב פֿרוי מודגע איז געווען דיקער, ווי ס׳האָט באַדאַרפֿט זיין אַ סוואַמיס, אַ יאָגיס, אַ נביא, האָט אָבער איר קול דערפֿאַר פֿאַרמאָגט דעם רעכטן פּראָפֿעסיאָנעלן קלאַנג. עס איז געווען אַ פּרעכטיק און בשורה-טובֿהדיקע שטימע, אַ באַהערשנדיקע, איינטאָניקע שטימע, וואָס איז געפֿלאָסן אָן אַ

סוף אָן אונטערפונקציע, ביז בעפּיט איז געוואָרן היפּנאָטיזירט. איר באַליבט וואָרט איז געווען אייביק, וואָס זי האָט אַרויס. רעדט איי—ביק. איר שטאַרקסטער זשעסט איז געווען אַ בייזע אָבער דורכאויס ווייבלעכע ברכה מיט די צוויי דיקע פינגער.

זי האָט דערקלערט די שיטה פון גייסטיקער דביקות:

— עס זענען פאַראַן אַזעלכע —

ביים וואָרט „אַזעלכע״ האָט זי טיף אָפּגעטעמט; אַ ווייטער צאַרטער רוף אין בין השמשות. דאָס איז געווען אַ צניעותדיקער מוסר פאַר די אומרויקע מענער, פאַר וועלכע זי האָט געזעגנט די בשורה פון אויסלייזונג.

— עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן געזען נאָר דעם ראַנד און דעם אויסערלעכן זוים פון לאָגאָס און עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיי האָבן אים נישט בלויז געזען, נאָר ענטוזיאַסטיש און ליידנשאַפטאַלעך באַקומען אַ ברוכטייל פון לאָגאָס אין נאָך זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אָנגעגרירט, אָבער זיי האָבן דורכאויס נישט אַדורכגעדרונגען און ראַדיאָקטיוויזירט געוואָרן פון לאָגאָס, די אייביקע אַקציע און רעאַקציע פון בעל תשובות, וואָס האָבן געהאַט און זיי האָבן דעם לאָגאָס און נעמען אַרויס פון מעטאַפיזיקאָס און זיי באַהערשן און זענען באַהערשט, אָבער דאָס וואָרט, וואָס איך ברענג אייך, אָט דאָס געווייזענע, זאָל אייך באַווייזן אין ווייטסטן זין, אַז דידאָזיקע זענען נישט פולקאָם, זענען אויך נישט אַ אַריינגעפירט און האַלטן נאָך נישט אַפילו ביים אָנהויב. די הייליקייט און אין דעם אמתדיקסטן זין גאַנץ צו זיין, באַדייט איי—ביק, איי—ביק, איי—ביק, און —

זי האָט באַוויזן, אַז דאָס אינערלעכע וועזן פון זון־גייסט איז אמת, אָבער זיין אָרעאָל און אַרויסשטראַלונג איז מונטערקייט.

— נעם תמיד אויף דעם טאָג מיט אַ פרי־מאָרגנדיק געלעכטער, מיט דעם געהיימען ענטוזיאַזם, פון דעם געקרוינטן, וואָס האָט באַגריפן, אַז יעדער זאַך דערפילט איר צוועק אין דער עוואָלוציע פון די גלגלים און וואָס

גייט אַנטקעגן די פֿאַרביטערטע נשמות פֿון די צעשטערער און און שוואַרץ-זעער מיט אַ שמייכל —

דאָס האָט אַזוי געדויערט אַ שעה מיט זיבן מינוט.

לסוף האָט פּרוי מודגע שוין גערעדט מיט מערער ענערגיע און אָפּזאַצן:

— אַצינדערט לאָמיר אייך דערקלערן, וואָס איר ווע‍ט אַלץ געניסן פֿון דעם טעאָזאָפֿיש- און פֿאַנטעיסטיש-אָריענטאַלישן קרייז, וועלכן איך רעפּרעזענטיר. אונזער אויפֿגאַבע איז צו פֿאַרייניקן אַלע מאַניפֿעסטאַציעס פֿון דער נייער עפּאָכע אין איין גאַנצעס — נייער געדאַנק, קריסטלעכע וויסנשאַפֿט, טעאָזאָפֿיע, וועדאַנטאַ, באַהאַיזם און אַלע אַנדערע פּונקטן און שטראַלן פֿון דער נייער ליכטיקייט. דער אָפּצאָל איז נאָר צען דאָלאַר אַ יאָר, און פֿאַר דערדאָזיקער נישטיקער סומע וועלן די מיטגלידער נישט נאָר קריגן דעם חודש-מאַגאַזין, „פּערל פֿון אויסהיילונג", נאָר זיי וועלן אויך האָבן דאָס רעכט צו ווענדן זיך דירעקט צו אונזער פּרעזידענטין, די חשובע מוטער דאָבּס, וועגן אַלע פּרידלעכע פֿראַגן און ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דעם גייסטיקן פֿאָרשריט, חתונה-פּראָבלעמען, געזונט, ווױלשטאַנד, פֿינאַנסיעלע שוועריקייטן און —

זיי האָבן אויסגעהערט אירע ווערטער מיט גרויס דרך ארץ. זיי זענען געווען פֿיין און גוט דערצויגן. זיי זענען געווען שטייף, ווי נאָר וואָס פֿון דער פּרעס. זיי האָבן אונטערגעהוסט העפֿלעך און שטיל געשאַרט מיט די פֿיס. זיי האָבן געשנייצט די נעזער אין קאסטבאַרע, לייוונטענע טאַשן-טיכער מיט אַזאַ צערטלעכקייט, וואָס איז באמת געווען פֿולקאָם-אָפּטימיסטיש און דורכאויס זייער איידל.

בעבּיט אָבער איז געזעסן און שווייגנדיק געליטן.

אַז זיי זענען גליקלעך ווידער געווען אויף דער פֿרייער לופֿט, ווען זיי זענען געפֿאָרן אַהיים און דער ווינט האָט געהיעט מיט אַ אָטעם פֿון שניי און פֿרישער קלאָרער זון, האָט ער נישט געהאַט קיין מוט צו רעדן. זיי זענען געווען

נוטה זיך צו קריגן אין די לעצטע צייט. אָבער פרוי בעבּיט האָט אים געצווונגען צו רעדן.

— ווי איז דיר געפעלן געוואָרן פרוי מודגעס רעדע ?

— נו, איך — וואָס האָסטו דערפון אַרויסגענומען ?

— אָ, דאָס מאַכט אַ מענטש, אַז ער זאָל זיך פאַר-טראַכטן. דאָס טרייסלט אויף בײַ אַ מענטשן די אַלטעגלעכע געדאַנקען.

— נו, איך מוז מודה זיין, אַז די פרוי אָפּאַל איז נישט דורכשניטלעך, אָבער גאָט — בנאמנות, דו האָסט עפּעס פאַרשטאַנען ?

— נאַטירלעך בין איך נישט באַהאַוונט אין דער מע-טאַפיזיק, כ'האָב, וואָס אַן אמת, אַ סך נישט פאַרשטאַנען, אָבער די אינספּיראַציע פון אירע רייד האָב איך פונדעסטוועגן אַרויסגעפילט, דערצו רעדט זי אַזוי לייכט און פליסיק. איך גלויב, אַז פאַר דיר איז עס געווען אַן אמתר גענוס.

— ניין, כ'האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען! בנאמנות, כ'האָב פשוט געשטוינט, ווי די ווייבער האָבן געשלונגען אירע ווערטער. פאַרוואָס, צו אַלדע רוחות, פאַרנעמען זיי די צייט מיט אויסהערן אַזוינע נאַרישקייטן, אין דער צייט, ווען זיי —

— ס'איז יעדנפאַלס בעסער, ווי צו זיצן אין די רעס-טאָראַנען, רויכערן און שכּורן!

— איך ווייס נישט, צי ס'איז בעסער. איך פּערזענלעך זע נישט קיין גרויסן חילוק. אין ביידע פאַלן זוכן זיי נאָר אַ וועג צו אַנטלויפן פון זיך אַליין — און דאָס גלויב איך טוט בײַ היינט צו טאָג יעדער איינער. און איך האָב זיכער מער הנאה דערפון, ווען איך כאַפּ פריילעך אַ טאַנץ, אפילו אין אַ קנייפּע, ווי צו זיצן שטייף און פאַרגליווערט גלייך ווי דער קאָלנער וואָלט מיר געווען ענג, אַכטונג געבן, ווו צו שפּייען און אויסהאָרכען, ווי אָפּאַל קייט די ווערטער.

— איך בין זיכער, אַז דו טוסט אַזוי! דיר ציט שטאַרק אין שענקען, מסתּמא האָסטו דאָרטן פאַרברענגט, ווען איך בין נישט געווען.

— הער זשע אויס! די לעצטע צייט מאַכסטו מיר פּשוט אַ גיהנם מיט דיינע אָנצוהערענישן און באַהאַלטענע שטאָך־ווערטלעך. עס זעט אויס, ווי איך וואָלט עפּעס געפירט אַ טאָפּל לעבן, אָדער עפּעס ענלעכעס. און איך האָב שוין גענוג דערמיט, צו אַלדי רוחות, און איך וויל שוין קיין איין וואָרט נישט הערן וועגן דעם!

— אָבער דזשאָרזש בעבית! דו ווייסט כאָטש, וואָס דו רעדסט! אין אַלע יאָרן, וואָס מיר זענען צוזאַמען האָסטו קיינמאָל צו מיר אַזוי נישט גערעדט!

— איז טאַקע איצט די העכסטע צייט אָנצוהויבן.

— די לעצטע צייטן ווערט עס וואָס אַמאָל ערגער און ערגער, און אַצינד, צום סוף זידלסטו, שעלסט און שרייסט אויף מיר, און דיין קול איז אַזוי גראָב, פול מיט רציחה — איך הויב אָן ממש צו ציטערן.

— אָ, טפּשות! הער שוין אויף אַמאָל מגזם צו זיין! כ׳האָב גאָרנישט געשריגן און נישט געשאָלטן.

— איך וואָלט געוואָלט, אַז דו זאָלסט הערן דיין אייגן קול! מעגלעך, אַז דו פאַרשטייסט נישט, וואָס דו שרייסט. אָבער בכלל — האָסטו קיינמאָל נישט צו מיר אַזוי גערעדט. דו וואָלסט בשום אופן נישט געקאָנט אַזוי רעדן, ווען עס געשעט נישט מיט דיר עפּעס שרעקלעכס.

זיין האַרץ איז געוועז האַרט, ווי אַ שטיין. ער האָט איבערראַשט אַנטדעקט, אַז קיין איין מאָל האָט ער נישט קיין חרטה. און עס קאָסט אים אַ סך אָנשטרענגונג, כדי אַרויסצוזאָגן ליבנסווירדיקער: — נו, שוין, שוין, כ׳האָב גאָרנישט געמיינט קיין שלעכטס.

— דזשאָרזש, צי פאַרשטייסטו דו נישט, אַז מיר וועלן נישט קענען לענגער אַזוי פאַרברענגען צוזאַמען? מיר דערווייטערן זיך, וואָס אַמאָל מער איינער פון אַנדערן, און דו ווערסט וואָס אַמאָל גרעבער און אומהעפלעכער צו מיר. איך ווייס אַבסאָלוט נישט, וואָס עס וועט דערפון אַרויסקומען.

אַ ווײַלע האָט ער געהאַט אויף איר רחמנות. ער האָט

איבערגעטראַכט, וויפל גוטע אָנגענעמע זאַכן וואָלטן אויף אייביק פאַר־שווונדן, ווען זיי זאָלן „נישט קאָנען לענגער אַזוי פאַרברענגען". אָבער דאָס רחמנות איז געווען אומפאַרזענלעך. בעביט האָט זיך פאַרטראַכט:

— ווער ווייס, צי ס'וואָלט נישט געווען בעסער, ווען — נאַטירלעך מיין איך נישט קיין גט אָדער עפּעס אַנדערש, נאָר אַביסל מער אומאָפּהענגיקייט?

בעת זי האָט געקוקט אויף איר תחנונימדיק, איז ער ווייטער געפאָרן אין אַ מוראַדיקן שווייגן.

א.

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען פון איר, בעת ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין גאַראַזש, אָפּגעקערט דעם שניי פון טריט־ברעטל און באַטראַכט אַ געפּלאַצטע גומע, איז אים באַפאַלן די חרטה און ער איז געווען איבערגעשראָקן און דערשטוינט, וואָס ער האָט זיך געקאָנט אַזוי אויפרעגן אַנטקעגן זיין ווייב. מיט גערירטקייט האָט ער געטראַכט ווי דויערהאַפטיקער איר איבערגעגעבנקייט איז פון דער גאַנצער הפקרדיקער, אומבאַשטענדיקער באַנדע. ער האָט זיך אומגעקערט אין שטוב אַריין, כּדי איר אַ מורמל צו טון, אַז ער האָט חרטה, אַז ער האָט נישט געמיינט צו זיין אַזוי מאָדנע און גיין מיט איר אין אַ קינאָ אַריין. אָבער אין טונקעלן זאַל פון קינאָ־טעאַטער האָט אים געבריט דער געדאַנק, אַז „ער האָט זיך שוין ווידער צוגעבונדן צו מירען”. אַ שטיקל באַפרידיקונג האָט ער פונדעסטוועגן געפונען אין דעם, וואָס ער האָט אַרויפגעוואָרפן די שולד אויף טאַניס יודיקע:

— הענגט זי זיך אויף, די גאַנצע טאַניס! צו וואָס האָט זי מיך אַריינגעפירט אין אַזאַ פּאַסקודנעם קלעם, געמאַכט מיך אַזוי צערייצט און נערוועז און צעדרייט? צופיל קאָמפּליקאַציעס ביי דער אַלעמען. מ׳מוז מאַכן אַ סוף דערמיט!

ער האָט געבענקט נאָך רו. צען טעג האָט ער נישט געזען טאַניסן און נישט טעלעפאָנירט צו איר, און זי האָט תּיכּף באַנוצט צו אים צוואַנג־מיטלען, וואָס ער האָט זייער

פיינט געהאַט: אַז ער האָט זי שוין געהאַט פינף טעג אויסגעמיטן, שטאָלצירנדיק גאַנצע שעהן מיט זיין ענערגיע און פאָרשטעלנדיק זיך גאַנצע שעהן, ווי ווייט ער פעלט איר, האָט אים פרייליין מעק גאָון מודיע געווען:

— פרוי יודיקע איז ביים טעלעפאָן. זי וויל מיט אייך רעדן וועגן אַ רעמאָנט:

טאַניס האָט גערעדט גיך און רויק:

— הער בעביט? אָך, דזשאָרוש, דאָ איז טאַניס. איך האָב דיך שוין נישט געזען גאַנצע וואָכן – אַ לאַנגע צייט, וואָס איז געשען, ביסט נישט אַמאָל קראַנק?

— ניין, כ'בין מוראדיק פאַרנומען. איך, הם, איך גלויב, אַז ס'וועט זיין אַ שטאַרקע בוי-באַוועגונג דאָס יאָר. איך וועל האָבן, הם, איך וועל האָבן אַ סך אַרבעט.

— נאַטירלעך, מיין יינגל! און אויך איך וויל דאָס. דו ווייסט דאָך, ווי ווייט איך בין כיטרע פאַר דיר; אַ סך מער ווי פאַר מיר אַליין. איך וויל נאָר, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן אָן דער אָרעמער טאַניס. וועסטו צו מיר באַלד טעלעפאָנירן?

— אודאי! אודאי! זיי זיכער!

— איך בעט דיך. איך וועל שוין נישט מער טעלעפאָנירן.

ער האָט זיך געשוואָוירן:

— אָרעם קינד!... אָבער, צו אַלדע רוחות, זאָל זי נישט טעלעפאָנירן אין דער ביוראָ אַריין... זי איז מאָדנע — סימפּאַטיש — „כיטרע פאַר מיר"... אָבער, גאָט מיינער, טייוול. זי וועט מיך נישט צווינגען, אַז כ'זאָ, צו איר טעלעפאָנירן, ביז איך וועל נישט פאַרטיק ווערן מיט זיך אַליין. פאַרשאָלטענע ווייבער, ווי זיי פירן אונז אַרום ביי דער נאָז! ס'וועלן נאָך אַ סך וואַסערן אָפּפליסן, ביז איך וועל זיך ווידער באַווייזן פאַר איר! אָבער גאָט מיין איינציקער, איך האָב חשק זי צו זען שוין היינט אָוונט — דאָס זיסע קליינע קעצל... אָך, האַלט דיך איין און הויב נישט אָן ווידער מיט איר, זיי צופרידן, אַז עס האָט דיר אָפּגעגליקט צו באַפרייען זיך פון איר

זי האָט שוין מער נישט טעלעפאָנירט, און ער אויך נישט, אָבער נאָך ווייטערע פינף טעג, האָט זי צו אים אָנגעשריבן:

„צי האָב איך דיר נישט מיט עפּעס באַליידיקט? דו מוזט וויסן, טייערער, אַז דאָס איז נישט געשען בכיוון, איך בין אַזוי שרעקלעך איינזאַם און איך בענק נאָך עמעצן, וואָס זאָל מיר אומקערן מיין פרייליכע שטימונג; פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען אויפן הערליכן אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען ביי קאַרין נעכטן ביינאַכט? איך בין זיכער, אַז זי האָט דיך איינגעלאַדן. קאָנסטו נישט קומען צו מיר מאָרגן אָוונט-צייט? איך וועל זיין אַליין און איך וועל אויף דיר וואַרטן".

ער האָט געהאַט אָן אַ שיר געדאַנקען און באַשלוסן:

— דער טייוול זאָל זי נעמען, פאַרוואָס לאָזט זי מיך נישט צורו? פאַרוואָס קענען די ווייבער קיינמאָל נישט באַגרייפן, אַז אַ מאַנסביל האָט פיינט, אַז מען פירט אים פאַר דער נאָז? און פאַרוואָס ווילן זיי אייביק אויסנעמען דערמיט, וואָס זיי וויינען, אַז זיי זענען איינזאַם?

— אַצינד איז עס באמת נישט שיין פון דיר, מיין יונגער פריינט. זי איז אַ פרעכטיק, בראַוו און אָפּנהאַרציק מיידל און טיילמאָל פילט זי זיך טאַקע איינזאַם. זי האָט אַ שיינע האַנטשריפט, הערלעך בריוו-פּאַפּיר. פשוט פרעכטיק. איך מיין, אַז כ'וועל מוזן גיין צו איר. נו, גאָט צו דאַנק, ביז מאָרגן בין איך נאָך פריי פון איר.

זי איז מוראדיק איידל — אָבער צום טייוול, איך וויל נישט, זי זאָל מיך צווינגען! איך וויל נישט! איך האָב דאָך נישט חתונה געהאַט מיט איר. ניין, אַ רוח! אפילו איר חתן נישט!

— אָך, דו טיפּש איינער, כ'מיין, אַז כ'וועל ליבערשט גיין צו איר.

ב.

דער דאָנערשטאָג, וואָס האָט אין טאַניסעס בריוו געהייסן מאָרגן, איז געווען פול מיט עמאָציאָנעלע קריזיסן. ביים טיש פון דער „ווייסער חברה" אין קלוב, האָט ווערדזשיל גאָגטש גערעדט וועגן דער ליגע פון בראַווע בירגער און האָט אים בכיוון (ווייניקסטנס האָט זיך בעביטן אַזוי אויסגעדאַכט) אָפּן אַדורכגעלאָזט אין די איינלאַדונגען. דער אַלטער מאָט פּענימען, דער נוצלעכסטער אָנגעשטעלטער אין בעביטס ביוראָ, האָט געהאַט פאַרשידענע דאגות און ער איז געקומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ: זיין עלטסטער יונג „טויג צו גאָרנישט", זיין ווייב איז געווען קראַנק און ער האָט זיך צעקריגט מיט זיין שוואָגער. קאָנראַד ליט האָט אויך דאגות, און מחמת ער איז איינער פון בעביטס בעסטע קונדן, מוז אים בעביט אויסהערן. הער ליט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, ליידט אויף אַ באַזונדער חולאת, זיין גאַראַזש איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן. אַז בעביט איז געקומען אַהיים האָט יעדער זיך געזאָרגט: זיין פרוי האָט געטראַכט וועגן אָפּזאָגן דאָס חוצפּהדיקע נייע דינסט-מיידל און גלייכצייטיק געהאַט מורא, אַז זי זאָל נישט אַוועקגיין; און טינקאַ האָט זיך באַקלאָגט אויף איר לערער.

— מאַכט נישט אַזעלכע קולות! — האָט בעביט געשריגן אויפן גאַנצן קול — מיך וויל אויך קיינער נישט אויסהערן מיינע דאגות, און ווען עס ליגט נאָך אַזוי אויף אייך דער עול פון דער ביוראָ — יאָ, היינט האָב איך אַנטדעקט, אַז פריילין בעניזשען איז שוין צוויי טעג הינטערשטעליק מיט די חשבונות, כ'האָב זיך איינגעקלעמט אַ פינגער ביים שרייב-טיש, און ליטע איז געווען ביי מיר איז געווען אַזוי אומדערטרעגלעך, ווי אַלע מאָל.

ער איז געווען אַזוי אויפגערעגט, אַז נאָכן מיטאָג, ווען ס'איז געקומען די צייט פון אַ טאַקטפולן אויסרייד, כדי צו אַנטלויפן צו טאַניסן, האָט ער בלויז געוויינלעך אַ מורמל געטון צו זיין פרוי:

— כ׳גיי אַוועק. כ׳וועל זיין צוריק עלף אַזייגער.

— אָך, דו גייסט שוין ווידער אַוועק?

— שוין ווידער! וואָס מיינסטו מיט דעם „שוין ווידער״! כ׳האָב דאָך שוין אַ וואָך צייט נישט אַרויסגעשטעלט אַ פוס איבערן שוועל.

— גייסטו — גייסטו צו... צום עלך?

— ניין. כ׳באַדאַרף זיך זען מיט עטלעכע מענטשן.

הגם ער האָט דאָסמאָל געהערט זיין אייגן קול און געוווּסט, אַז עס קלינגט גראָב, הגם זי האָט אויף אים געקוקט מיט גרויסע פאַרוואורפספולע אויגן, האָט ער שנעל אַריינגעשפּרייזט אין קאָרידאָר, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל, אָנגעטון די פוטער-הענטשקעס און איז אַרויס לאָזן אין באַוועגונג דעם אויטאָמאָביל.

ער האָט דערפילט אַ פאַרלייכטערונג, טרעפנדיק טאַניס אַ פריילעכע און אָן טענות, זי האָט געשטראַלט אין איר טואַלעט פון ברוינעם טול אויף אַ גאָלד-שטאָף.

— מיין ליבינקער, נעבעך, ביסט געקומען צו מיר אין אַזאַ וועטער! ס׳איז שרעקלעך קאַלט. גלויבסטו נישט, אַז אַ שנעפּסל וואָלט דיר אַצינדערט גוט געמאַכט?

— אָ, צום טייוול, דאָס איז אַ וויבערע מיט שכל! איך מיין, אַז כ׳וועל נעמען אַביסל, אויב ס׳וועט נישט זיין צו שטאַרק — נישט טיפער ווי אַ פוס די גרויס!

ער האָט זי געקושט מיט אויבערפלעכער האַרציקייט, ער האָט לחלוטין פאַרגעסן, אַז זי האָט זיך אים אָנגעוואָרפן, ער האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ פאָטעל און ווידער געפילט זיך, ווי ביי זיך אינדערהיים. מיטאַמאָל איז ער געוואָרן באַרעדעוודיק; ער האָט איר דערציילט, וואָס פאַר אַן איידעלער און נישט פאַרשטאַנענער מענטש ער איז, און ווי ווייט ער שטייט העכער איבער אירע באַקאַנטע מענער, פּעטע, פולטאָן בעמיס און אַלע אַנדערע, און זי, עטוואָס איינגעבויגן איבער אים, האָט צופרידן מיט אים איינגעשטימט. אָבער ווען ער האָט זיך געצוווּנגען אַ פרעג צו טון זי: — נו, טייערע, וואָס הערט

זיך עפּעס מיט דיר? — האָט זי זיין סתּם־פראַגע גענומען זייער ערנסט, און ער האָט אַנטדעקט, אַז אויך זי האָט דאגות:

— אָ, גאַנץ גוט, אָבער — כ'האָב זיך אויפגערעגט צוליב קאַרין. זי האָט געזאָגט מיניען, אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז מיניע איז אַ שרעקלעך באַגרענעצטע, און מיניע האָט מיר ווידער געזאָגט, אַז קאַרי האָט עס איר געזאָגט, און זעלבסט־פאַרשטענדלעך האָב איך איר געזאָגט, אַז איך האָב נישט אָנגעהויבן אַזוי צו זאָגן, און דאַן האָט זיך קאַרי דערוווּסט, און זי איז געוואָרן שרעקלעך בייז, פאַרוואָס מיניע האָט עס איר געזאָגט, איך בין געוואָרן שרעקלעך אין כּעס, פאַרוואָס קאַרי האָט איר געזאָגט, וואָס איך האָב איר געזאָגט, און ווען מיר האָבן זיך אַלע צוזאַמען געטראָפן ביי פּולטאָנען — זיין ווייב איז נישטאָ — גאָט צו דאַנק! — אָ, וואָס פאַר אַ גרויסאַרטיקער פּאַרקעט צום טאַנצן ס'איז דאָ ביי אים אין שטוב — אַלע זענען געווען אין כּעס איינער אויפן אַנדערן — אַך, כ'האָב אַזוי פיינט דאָס אַרומקריגן זיך, דו נישט? איך מיין — עס זעט אויס אַזוי מיאוס, אָבער — און מיין מוטער וויל קומען צו מיר צו גאַסט אויף אַ גאַנצן חודש, און נאַטירלעך האָב איך ליב מיין מוטער, אַזוי גלויב איך לפּחות, אָבער ערגוואָרט, זי וועט מיר צעברעכן מיין גאַנצע אָרדענונג — זי קאָן זיך נישט צוגעוווינען, נישט צו מאַכן קיין באַמערקונגען און זי וויל תּמיד וויסן, ווו איך גיי אין אָוונט, און טאָמער לייקן איך פאַר איר עפּעס, שפּיאָנירט זי מיר אַזוי לאַנג נאָך, ביז זי ווערט געוויר, ווו כ'בין געווען, דאַן מאַכט זי אַ קרום פּנים, אַז עס נעמט זיך אָן אַ געוויין. און יאָ, כ'מוז עס דיר דערציילן — דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב קיינמאָל נישט ליב צו רעדן וועגן זיך; כ'האָב פיינט די מענטשן, וואָס רעדן וועגן זיך, דו נישט? אָבער — איך פיל זיך היינט אָוונט עפּעס אַזוי קאָמיש און איך ווייס, אַז איך נודיע דיך מיט די מעשׂיות, אָבער וואָס זאָגסטו זאָל איך טון מיט דער מוטער?

ער האָט איר נישט געקאַרגט מיט זיינע גוטע, צוגענג־לעכע, מענדלעכע עצות; זי זאָל אָפּלייגן איר מוטערס באַזוך, זי זאָל זאָגן קאַרין, אַז זי זאָל גיין צו אַלדע רוחות. זיי האָט אים געדאַנקט פאַר דידאָזיקע וויכטיקע עצות, און זיי האָבן ווידער אָנגעהויבן מיט זייער געוויינלעכער פּלוידעריי וועגן דער באַנדע. וואָס פאַרא סענטימענטאַלע גאַנז דידאָזיקע קאַרי איז. וואָס פאַרא פוילע קאַץ דער פּעטע איז. און ווי פיין ס'איז טיילמאָל פּולטאָן בעמיס — נאַטירלעך מיינען ס'רוב מענטשן, אַז ער איז אַ ריכטיקער אַלטער מרוק, ווען זיי זאָלן אים אָבער קענען, ער עפּנט נישט אויף פאַר יעדערן זיין האַרץ און דערפאַר זאָגן זיי, אַז ער איז לאַנגווייליק.

אָבער דערפאַר וואָס זיי האָבן שוין טויזנט מאָל אַנאַליזירט דידאָזיקע כאַראַקטערן, האָט זיך דער שמועס איבער־געריסן. בעביט האָט זיך באַמיט צו גלאַנצן מיט זיין אינטע־לעקט און אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַלגעמיינע און וועלטלעכע ענינים. ער האָט אַרויסגעזאָגט עטלעכע באמת טרעפלעכע, גע־זונטע מיינונגען וועגן אַנטוויקלונג, וועגן אַ ברייטן בליק און ליבעראַליזם; אָבער ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז אַלגעמיינע ענינים אינטערעסירן נאָר טאַניסן דעמאָלט, ווען זיי האָבן אַ שייכות מיט פּעטע, קאַרי אָדער עמעצן אַנדערש. ער האָט מוראַדיק געליטן פון די לאַנגע הפסקות. ער האָט זיך באַמיט ווידער אָנצוהויבן אַ שמועס, אָבער דאָס שווייגן האָט ווי אַ גרויע געשפּענסט געשוועבט צווישן זיי.

— איך, הם — האָט ער זיך געמאַטערט — עס קומט מיר פאַר — יאָ, עס קומט מיר פאָר, אַז די אַרבעטלאָזיקייט פאַרקלענערט זיך.

— מעגלעך, אַז פּעטע וועט דאַן קריגן אַ גוטע שטעלע. שטילקייט.

— וואָס זאָרגסטו, טייערע אַלטיטשקע. ביסט עפּעס אַזוי שטיל היינט אָוונט.

— איך, אָ, כ'בין גאָרנישט שטיל. אַרט דיר דען טאַקע, צי איך בין שטיל צי נישט?

— צי עס אַרט מיך? אודאי! נאַטירלעך אַרט מיך!

— באמת? — זי האָט זיך צוגערוקט צו אים און אַנידערגעזעצט זיך אויפן ראַנד פון זיין שטול.

ער האָט פיינט געהאַט די געצווונגענע האַרציקייט, וואָס ער האָט איר געמוזט אַרויסווייזן. ער האָט געגלעט איר האַנט, געלאַכט מיט געמאַכטן געלעכטער. און צוריק פאַרזונקען געוואָרן אין דער שטול.

— דזשאָרזש, איך טראַכט, צי דו האָסט מיך אינדער־אמתן אַזוי ליב.

— נאַטירלעך האָב איך דיך ליב, נאַרעלע.

— טאַקע אינדעראמתן, אוצר מיינער? זהאָסט מיך ליב?

— נו, פאַרשטייט זיך! ד׳ וועסט זיך דאָך נישט איינ־רעדן, אַז איך וואָלט דאָ אַצינד געזעסן, ווען כ׳זאָל דיך נישט ליב האָבן!

— טאָ הער־זשע מיך אויס, יונגערמאַן, איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט רעדן צו מיר אין אַזאַ אויפגערייצטן טאָן.

— איך האָב נישט געמיינט צו רעדן אין אַן אויפגע־רייצטן טאָן. איך האָב נאָר געוואָלט — מיט אַ געקרענקטער עטוואָס קינדישער שטימע — גאָט איינציקער אין הימל, עס קריכט מיר שוין פשוט פון האַלדז, ווי יעדער וויל מיר איינ־רעדן, אַז איך בין אויפגערייצט און גראָב, בעת איך רעד פשוט ווי יעדער מענטש! ווילט איר, אַז כ׳זאָל סווישטשען ווי אַ פויגעלע, אָדער עפעס אַנדערש?

— וואָס מיינסטו מיט דעם „יעדער". צו וויפל דאַמען נאָך ביסטו געגאַנגען זוכן אַ טרייסט?

— הער אויס מיין טייערע, איך בין דיר מוחל די שטאָך־ווערטלעך.

זי, זייער נידערגעשלאָגן:

— איך ווייס, טייערער. כ׳האָב זיך נאָר געוואָלט רייצן מיט דיר. איך ווייס, אַז דו האָסט דיך נישט געוואָלט בייזערן—

בּיסט אָנגעשטרענגט. זיי מוחל די שלעכטע טאַניס, אָבער זאָג, צי האָסטו מיך ליב, זאָג!

— כ׳האָב דיך ליב... נאַטירלעך האָב איך דיך ליב.

— נו יאָ, דו האָסט מיך ליב!—מיט אַ ציניש שמייכעלע. דערנאָך: — אַך, זיסער, איך וויל דיר נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש, אָבער — איך בּין דאָך אַזוי איינזאַם. איך פיל ווי אומגוצלעך איך בּין אויף דער וועלט. קיינער נויטיקט זיך נישט אין מיר, איך קאָן פאַר קיינעם גאָרנישט טון. און דו ווייסט יאָ, טייערער, ווי רירעוודיק און ענערגיש איך בּין—אָדער לפּחות וואָלט איך עס געוועז, אויב כ׳וואָלט געהאַט עפּעס צו טון. און איך בּין דאָך יונג, נישט אמת? איך בּין דאָך נאָך נישט קיין אַלטע פאַרוועלקטע זאַך! איך בּין נישט אַלט און נישט פאַרזויערט, און נישט תּמעוואַטע.

ער האָט זי כּסדר געמוזט פאַרזיכערן. זי האָט געגלעט זיינע האָר, און ער האָט געמוזט מאַכן אַ פּנים פון אַ גליקלעכן, הגם די רייצנדיקע ווייכקייט פון איר האַנט האָט אים נאָר דערמאָנט, וויפל פּרעטענזיעס זי האָט צו אים. ער איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט געוואָלט אַנטלויפן, אין אַ האַרטער, זיכערער, נישט גערירטער וועלט פון מענער. אפשר האָט זי דערפילט דורך אירע איידעלע צאַרטע פינגער, זיין פאַראַכטונג. זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים — אין דער רגע האָט ער זיך געפילט, ווי אויסגעלייזט — זי האָט צוגערוקט אַ בּענקעלע צו זיינע פיס, אַנידערגעזעצט זיך און אַראָפּגעקוקט צו אים תּחנונמדיק. אָבער אַזוי ווי די אונטערטעניקייט פון אַ הונט און דאָס אנטלויפן פון אַן איבערגעשראָקן קינד רופט אַרויס בּיי ס׳רוב מאַנסבּילן, אָנשטאָט רחמנות, נישט נאָר איבערראַשונג נאָר אָפּשטויסנדיקע גרויזאַמקייט, אַזוי האָט אים גערייצט און געפּייניקט איר נידערגעשלאָגנקייט, און איצט האָט ער געזען, אַז זי איז שוין נישט יונג, אַז זי הויבּט אָן צו ווערן אַלט. וואָס מער ער איז אַנטלאָפן פון דידאָזיקע געדאַנקען האָבּן זיי אים אַלץ מער פאַרפאָלגט. זי איז אַלט, האָט ער פעסטגעשטעלט. אַלט! ער האָט בּפירוש געזען, ווי דאָס ווייכע

פלייש קנייטשט זיך אין שפּינוועב-דינע קנייטשעלעך אונטער דער גאָמבע, אונטער די אויגן, און אונטער די דינע עלנבויגנס. אויפן האַלדז האָט זי געהאַט אַ רויען פלעק, ווי אַן אָפּגעריבן שטיקל פון אַ ראַזיר-גומע. אַלט! זי איז געווען יונגער אין יאָרן, ווי ער, אָבער ס'האָט אים פאַרשאַפט אַן איבל, בעת זי האָט געקוקט אויף אים מיט די ברייט-צעעפנטע אויגן — ס'איז פונקט אַזוי — ער האָט אַ שוידער געטון — ווי זיין מומע וואָלט געווען אין אים פאַרליבט.

אינערלעך האָט ער געזאָגט צו זיך אומרויִק:

— איצט בין איך פאַרטיק מיט דעמדאָזיקן אידיאָטישן עסק. איך מאַך אַנטגילטיק אַ סוף מיט איר. זי איז טאַקע אַ ווילע, אָנשטענדיקע פרוי און איך וויל איר באמת נישט פאַרשאַפן קיין צער, אָבער עס וועט זיין אַ סך ווייניקער ווייטאָק, אויב איך וועל מאַכן אַ קורצן פּראָצעס, אַ שטייגער ווי אַ גוטע גרינטלעכע כירורגישע אָפּעראַציע.

ער האָט זיך געטון אַ הויב אויף. ער האָט גערעדט מיט אייפער און לויט אַלע כּללים פון דער אַכטונג צו זיך אַליין, האָט ער זיך אַליין געמוזט באַווייזן, אַז די גאַנצע שולד איז אירע.

— כ'ווייס נישט, מעגלעך, אַז איך בין היינט אָוונט שלעכט אויפגעלייגט, אָבער ערלעך, מיין טייערע, דו וואָלסט געטון אַ סך קלוגער, ווען דו וואַרטסט, ביז איך אַליין וועל קומען. אויב איך בין אַ צייט נישט געקומען צו דיר, בין איך געווען פאַרנומען אין געשעפט און בכלל זיך געמוזט קלאָר מאַכן וועגן זיך אַליין. פאַרשטייסטו דען נישט, קינד, ווי דו האָסט מיך געצווונגען צו קומען, אַז איך, איך בין אויך איינער פון די עגאָיסטישע קעפּ? אַלזאָ מיין ערשטער שריט איז אייביק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד! הער אויס, מיין קינד, איך גיי איצט —

— אָ, גיי נאָך נישט, אוצר מיינער, אַזוי שנעל!

— יאָ. איצט — שוין! און שפּעטער אין אַ צייט אַרום וועלן מיר רעדן איבער דער צוקונפט.

—וואָס מיינסטו דערמיט, ליבסטער, „איבער דער צוקונפט?

האָב איך דען געטון עפּעס אזוינס, וואָס כ'האָב נישט באַדאַרפט טון? אָ, ווי עס טוט מיר אזוי שרעקלעך לייד!

ער האָט צונויפגעלייגט די הענט אויפן רוקן:

—ניין, גאָט באַהיט, האָסט גאָרנישט געטון קיין שלעכטס. דו ביסט גוט און ליבלעך, ווי אַ מענטש קען גאָר זיין. אָבער ס'איז גענוג — גרויסער גאָט, צי ווייסטו בכלל, וואָס פאַראַ פליכטן ס'זענען פאַראַן אויף גאָטס וועלט פאַר מיר? איך האָב מיין געשעפט צו פירן אין, קאָנסט עס מיר נישט גלויבן, אָבער איך האָב אַ ווייב מיט קינדער, וואָס כ'האָב זייער ליב!

בעת ער איז באַגאַנגען דעם מאָרד איבער זיין נשמה, האָט ער געפּרוווט זיין איידל און צניעותדיק.

— איך וויל, אַז מיר זאָלן זיין פריינט, אָבער גאָט מיין איינציקער, אזוי קאָן עס לענגער נישט גיין, איך קאָן נישט פסדר טראַכטן, אַז איך מוז קומען יעדע רגע צו דיר.

— אָך, מיין ליבער, מיין ליבער, איך האָב דיר תמיד געזאָגט אזוי אָפנהאַרציק, אַז דו ביסט פולשטענדיק פריי. איך האָב נאָר געוואָלט, אַז דו זאָלסט צו מיר קומען, ווען דו ביסט מיד און ווען דו ווילסט מיט מיר שמועסן, אָדער ווען אונזערע אָוונטן וועלן זיך אַביסל צעשטראַלן.

זי איז געווען אַזוי קלוג, זי איז געווען אזוי צאַרט און אַזוי פולשטענדיק געבראָכן! אַ גאַנצע שעה האָט געדויערט, ביז ער האָט זיך באַפרייט פון איר, און דאַן איז ער איצט געווען מיט גאָרנישט פאַרטיק און מיט אַלעמען אזוי שרעקלעך און אַנטגילטיק פאַרטיק. אין דער טרייסלאָזער פרייהייט פון אייז-קאַלטן דרום-ווינט, האָט ער אָפּגעזיפצט — גאָט צו דאַנק, אַז ס'איז פאַרביי! אָרעמע טאַניס, אָרעמע, זיסע, ווילדע טאַניס!

אָבער אַצינד ער איז אַלצדינג — אויס! לחלוטין! איך בין פריי!

קאפיטל XXIXI

א.

זיין ווייב איז נאָך געווען אויף, ווען ער איז געקומען אהיים.

— האָסט דיך גוט געווײַלט ? — האָט זי געפרעגט א ביסל בייסיק.

— ניין, גאָרנישט. כ׳האָב געהאַט א שלעכטן אָוונט ! וואָס נאָך דאַרף איך דיר דערציילן ?

— דזשאָרדזש, ווי קאָנסטו אזוי רעדן — אָך, כ׳ווייס נישט, וואָס ס׳איז מיט דיר געוואָרן !

— גוטער גאָט, ס׳איז גאָרנישט געוואָרן מיט מיר, פאַרוואָס ווילסטו זיך קריגן די גאַנצע צייט ? — ער האָט זיך אַליין געוואָרנט — פאָרזיכטיק ! זיי נישט אזוי אומאָנגענעם. נאַטירלעך פילט זי זיך איינזאַם, צו זיצן דאָ אַליין א גאַנצן אָוונט — אָבער ער האָט פאַרגעסן זיין וואָרנונג, ווען זי האָט גערעדט ווייטער.

— צו וואָס קריכסטו כסדר אַרום און גיסט זיך אָפּ מיט פאַרשידענע משונהדיקע מענטשן ? נאָר דו וועסט דאָך מסתמא זאָגן, אז דו ביסט היינט אָוונט געווען אויף א זיצונג פון א קאָמיטעט.

— ניין. כ׳בין געווען ביי א נקבה. מיר זענען געזעסן ביים קאַמין, געטון פאַרשידענע נאַרישקייטן, און כ׳האָב מיך בלענצנד געווײַלט, אויב דו ווילסט אזוי אַלץ וויסן !

— נו — מסתמא בין איך אויך שולדיק, וואָס דו ביסט

דאָרטן געווען, איך! וויניקסטנס קומט אַזוי אויס לויט דיינע רייד. דאַרפֿסט גאָר זאָגן, אַז איך האָב דיך אַליין געשיקט.

— אודאי דו!

— נו, אויף מיין וואָרט —

— דו האָסט פֿיינט אָט די אַלע „געמיינע מענטשן“, ווי דו רופֿסט זיי. ווען איך זאָל דיך פֿאָלגן, וואָלט איך געווען אַזאַ אַלטער נודנער שטוב-זיצער, ווי האָווער ליטלפֿעלד. דו ווילסט נישט אַריינלאָזן צו דיר אין שטוב אַריין קיין איין מענטשן, וואָס האָט אַ ביסל שכל און איז אַ לעבעדיקער מענטש, דו וואָלסט נאָר געוואָלט האָבן אַרום דיר אַ באַנדע אַלטע לייט, וואָס זאָל נודען איינער דעם אַנדערן און רעדן וועגן וועטער! דו גיסט זיך די גרעסטע מי, כּדי צו מאַכן מיך אַלט. נו, מעגסטו טאַקע וויסן, אַז איך וויל עס נישט —

אַ דערשלאָגענע האָט זי זיך אַ בויג געטון אונטער דעם ביז איצט נאָך נישט געהערטן שטראָם פֿון זיינע ווערטער, און טרויעריק געענטפֿערט:

— אָך, טייערער, איך גלויב בשום אופֿן נישט, אַז דאָס זאָל זיין אמת. איך מיין נישט צו מאַכן דיך אַלט. איך ווייס, אפֿשר ביסטו טיילווייז גערעכט, אפֿשר בין איך טאַקע צו שווער און לאַנגזאַם, צו מאַכן באַקאַנטשאַפֿט מיט פֿרישע מענטשן. אָבער ווען איך טו אַ טראַכט וועגן די אַלע שיינע גוטע שעהן, וואָס מיר האָבן געגאָסן צוזאַמען, די אָוונטן, קינדער און אַלץ —

מיט אמתר מענלעכער ביטערקייט, האָט ער נישט נאָר זיך אַליין איינגערעדט, אַז זי האָט אים באַוועלעט, נאָר מיט זיין הויך קול און זיינע ברוטאַלע אָנפֿאַלן, האָט ער זי אויך איבערגעצייגט, און לסוף האָט ער אויסגעפּועלט, אַז זי זאָל אים מוחל זיין פֿאַר זיין פֿאַרברענגען אַן אָוונט מיט טאַניס, אַ צופֿרידענער איז ער געגאַנגען שלאָפֿן. און אינם דאָזיקן אויגנבליק איז ער געווען נישט נאָר דער הער, נאָר דער אָרימער, געפּייניקטער קרבן פֿונם גאַנצן בני-בית. אָבער ווען ער איז שוין געלעגן אין בעט האָט אים אַ שלאָג געטון

אַ פֿיינלעכע רגע, און ער האָט זיך צווייפֿלענדיק געפֿרעגט, צי ער איז מיט אַלעמען גערעכט.

— איך וואָלט זיך געמעגט שעמען אין וויטן האַלז אַריין, ווי איך פֿייניק זי. אפשר איז זי טאַקע פֿון איר שטאַנדפּונקט גערעכט. אפשר האָט זי אויך נישט געלעקט קיין האָניק אין איר לעבן. אָבער עס איז מיר אַלצאיינס! עס ווירקט אויף איר גאַנץ גוט, ווען איך שריי אַפּיטל אָן אויף איר. איך וויל האָבן פֿרייהייט — פֿון איר און פֿון טאַניס און פֿון די מענטשן אין קלוב און פֿון יעדערן. איך מוז פֿירן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן!

ב.

אין דערדאָזיקער שטימונג האָט ער זיך צומאָרגנס אינדערפֿרי ביים פֿרישטיק אין באָסטער-קלוב באַזונדערס איינגעגעסן אין די ביינער. דער פֿרישטיק איז איינגעאָרדנט געוואָרן לכּבֿוד אַ מיטגליד פֿון קאָנגרעס, וואָס האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פֿון אַן אָנגעשטרענגטן דריי חדשימדיקן שטודיום וועגן פֿינאַנסן, עטנאָלאָגיע, פּאָליטישן סיסטעם, פֿאָלקלאָר, מינעראַל-קוואַלן און אַגריקולטור פֿון דייטשלאַנד, פֿראַנקרייך, גרויס-בריטאַניע, איטאַליען, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, יוגאָסלאַוויע און בולגאַריע. ער האָט זיי דערציילט אַלץ, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין דידאָזיקע לענדער, און ער האָט צוגעגעבן דריי קאָמישע אַנעקדאָטן פֿון דעם פֿאַלשן באַגריף אין אייראָפּע וועגן אַמעריקע, און ער האָט געשלאָסן זיין רעדע מיט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער וועגן דער גוטווענדיקייט, נישט אַריינצולאָזן אומגעבילדעטע אויסלענדער קיין אַמעריקע.

— איר הערט, דאָס איז געווען אַן אומגעהויערער וויסנשאַפֿטלעכער רעפֿעראַט, רייך מאַטעריאַל — האָט סידני פֿינקעלשטיין געזאָגט.

אָבער דער אומצופֿרידענער בעביט האָט געברומט:

— אַ נייער שווינדל! בויך-סבֿרות! און וואָס האָבן

ים די אָרעמע אימיגראַנטן געטון? גאָט מיין איינציקער, נישט אַלע זענען זיי דאָך אומוויסנד. און ווי ווייט איך ווייס, שטאַמען מיר אַליין אויך פון אימיגראַנטן.

— לאָמיך צורו, איך קען שוין נישט פאַרנעמען. דו פלוידערעט גלאַט אין דער וועלט אַריין! — האָט געזאָגט הער פינקעלשטיין.

בעביט האָט באַמערקט, אַז דר. אַ. דילינג, הערט זיך אויפמערקזאַם צו צו אים פון דער אַנדערער זייט טיש מיט אַ שטרענג געזיכט. דר. דילינג איז געווען איינער פון די חשובע מענטשן ביי די באָסטער. ער איז נישט געווען סתם קיין דאָקטאָר נאָר אַ כירורג, אַ מער ראָמאַנטישע און קלינגנדיקע ספעציאַליטעט. ער איז געווען אַ זייער הויכער מאַנסביל מיט אַ טשופרינע שוואַרצע האָר און דיקע, שוואַרצע וואָנסן. די צייטונגען האָבן אָפט געשריבן וועגן זיינע אָפעראַציעס. ער איז געווען פראָפעסאָר פון כירורגיע אויפן שטאַט-אוניווערזיטעט, געמיטאָגט אין די שענסטע הייזער פון ראָיאַל-רידזש, און מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז ווערט אַ שיינע עטלעכע הונדערט טויזנט דאָלאַר. בעביט האָט זיך שלעכט געפילט, ווען אַזאַ וויכטיקער מענטש קוקט נישט אויף אים מיט אַ גוט אויג. ער האָט האַסטיק אָנגעהויבן לויבן דעם גלענצנדן הומאָר פון קאָנגרעס-מיטגליד, ער האָט זיך געווענדעט צו סידניי פינקעלשטיין, אָבער געמיינט האָט ער דעם דר. דילינג.

ג.

אינעם דאָזיקן נאָכמיטאָג, זענען דריי מענער, מיט אַנימער פון אַ בירגער-קאָמיטעט אין מלחמה-צייט, אַריינגעקומען צו בעביטן אין דער ביוראָ. דאָס זענען געווען גרויסע, אַנטשלאָסענע, ברייט-ביינער מאַנסבילן, און אַלע זענען זיי געווען הויך געשעצט אין לאַנד פון זעניט — דר. דילינג, דער כירורג, טשאַרלז מעק קאַלווי, דער בוי-אונטערנעמער, און דער שרעקלעכסטער פון אַלע, דער ווייס-באָרדיקער קאָלאָנעל

דזשערפאָרד סנאָו, דער אייגנטימער פון „אַדוואָקאַט-טיימס". אין זייער אָנוועזנהייט האָט בעביט זיך געפילט קליין און אומבאַדייטנדיק.

— נו, נו, אַ גרויסער כבוד, ביטע, זעצט זיך! מיט וואָס קאָן איך דינען? — האָט ער געשטאַמלט.

זיי האָבן זיך נישט געזעצט און נישט געמאַכט קיין שום באַמערקונג וועגן וועטער.

— בעביט — האָט קאָלאָנעל סנאָו געזאָגט — מיר קומען פון דער ליגע בראַווע בירגער. מיר האָבן באַשלאָסן צו האָבן אייך אויף אונזער זייט. וועדזשיל גאַנטש זאָגט, אַז איר האָט נישט קיין חשק דערצו, אָבער מיר גלויבן, אַז מיר וועלן אייך קאָנען איבערצייגן אין דער וויכטיקייט פון דער זאַך. די ליגע וויל זיך פאַרייניקן מיט דער האַנדלס-קאַמער, כדי אָנצוהויבן אַ קאַמף קעגן די געזעצלעכע האַנדלס-שעהן, און ס'איז די העכסטע צייט, אַז איר זאָלט אויך אונ-טערשרייבן אייער נאָמען.

אין דער צעטומלטקייט, האָט זיך בעביט נישט געקאָנט באַלד דערמאָנען, צוליב וואָס פאַר אַ טעמים ער האָט זיך פריער אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין דער ליגע, אויב ער האָט עס בכלל געוווסט, אָבער ער איז געווען ליידנשאַפטלעך איבערגעצייגט, אַז ער האָט דורכויס נישט קיין ווילן זיך אָנ-צושליסן, און ביים געדאַנק, אַז זיי קענען אים צווינגען, האָט ער געפילט, ווי עס וואַקסט אין אים אַ ברענענדיקן כעס אפילו צו דידאָזיקע פרינצן פון מסחר.

— כ'באַדויער זייער, הער קאָלאָנעל, איך מוז זיך נאָך אַביסל מישב זיין, — האָט ער געמורמלט.

מעק קאַלווי האָט געוואָרטשעט.

— הייסט עס, אַז דו ווילסט נישט גיין מיט אונז, דזשאָרזש?

עפעס טונקלס, אומגעוויינלעכס און ווילדס האָט ווי אַרויס-גערעדט פון בעביטן:

— נו, הער אויס, טשאַרלז! זאָל מיך דער טייוול נעמען,

אויב עמעצער וועט מיך צווינגען דערצו, וואָס איך וויל נישט, אפילו עמעצער פון אייך, ראָטשילדס!

— מיר ווילן קיינעם נישט צווינגען — האָט ד״ר. דילינג אָנגעהויבן, אָבער קאָלאָנעל סנאָו האָט אים אָפּגעשטופּט אַן א זייט און גערעדט ווייטער, — געוויס ווילן מיר דאָס טון! אונז מאַכט גאָרנישט אויס אַביסל ליאַרם און געפילדער, אויב עס וועט נאָר נויטיק זיין. בעביט, די ל. ב. ב. האָט זייער אַ סך וועגן אייך גערעדט. מען קען אייך פאַר אַ פאַרשטענדלעכן, ערלעכן, פאַראַנטוואָרטלעכן מענטשן; אַזוי זענט איר ביז איצט געווען; אָבער דאָ לעצטנס הער איך פון פאַרשיידענע זייטן, אַז איין גאָט ווייס, וואָס ס׳איז געשען מיט אייך, אַז איר גיט זיך אָפּ מיט אַ שלעכטער געזעלשאַפט, און נאָך ערגער, איר פאַרטיידיקט די געפערלעכסטע עלעמענטן פון שטאָט, אַ שטייגער אָט דעם אויסוואורף דוֹאַן.

— מיר דאַכט זיך, הער קאָלאָנעל, אַז דאָס זענען מיינע פריוואַטע ענינים, וואָס גייט אָן בלויז מיך אַליין.

— מעגלעך, אָבער מיר ווילן זיך סוף כל סוף פאַרשטענדיקן מיט אייך. איר און אייער שווער שטייט אין פאַרבינדונג מיט די אָנגעזעענסטע פירמעס אין שטאָט, למשל מיט מיינע פריינט פון דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט, און מיינע צייטונגען קאָרגן נישט פאַר אייך קיין רעקלאַמע. נו, איר קאָנט זיך דאָך נישט ריכטן, אַז אָנשטענדיקע בירגער זאָלן אייך ווייטער אונטערשטיצן, אויב איר האָט זיך בדעה צו שטעלן אויף דער זייט פון יענעם פעבל, וואָס זייער צעשטערונגס-אַרבעט ברענגט אונז אַזויפיל שאָדן.

בעביט איז געווען אויף אַן אמת איבערגעשראָקן, אָבער ער האָט געהאַט אַ פאַרצווייפלט געפיל, אַז טאָמער איז ער איצט נאָכגיביק, וועט ער שוין זיין נאָכגיביק אין אַלץ. ער האָט פּראָטעסטירט:

— איר זענט מגזם, הער קאָלאָנעל. מיין מיינונג איז טאַקע, וואָס אַן אמת, אַז אַ מענטש דאַרף האָבן אַברייטן בליק און ער דאַרף זיין אַ ליבעראַל, אָבער איך בין זעלבסט-

פאַרשטענדלעך פונקט אַזאַ קעגנער פון די אַלע משוגעים, דעמאַגאָגן און אַרבעטער־פאַרייַנען און ווי זיי הייסן דאָרט, פונקט ווי איר אַליין. די מעשה איז אָבער, וואָס איך געהער שוין חיינט־צו־טאָג אָן צו אַ סך אָרגאַניזאַציעס, וואָס כ׳קאָן זיי נישט געבן קיין גערעכט, און איך וויל נאָך האָבן אַ קורצע צייט זיך מישב צו זיין, איידער איך באַשליס זיך אַרייַנצוטרעטן אין דער ל. ב. ב.

קאָלאָנעל סנאָו איז אַביסל ווייכער געוואָרן:

— ווי קומט עס! איך בין שוין גאָרנישט מגזם! אָט שטייט דאָ דער דאָקטאָר לעבן מיר. ער האָט הייַנט מיטאָג אַליין געהערט, ווי איר האָט אָפּגעחוזקט און באַוואָרפן מיט שמוץ איינעם פון אונזערע טיכטיקסטע קאָנגרעס־מיטגלידער! איר האָט זיך אַרייַנגענומען אַ שלעכטן געדאַנק אין קאָפּ אַרייַן, אויב איר זאָגט, אַז איר מוזט זיך פאַרטראַכטן. מיר בעטן אייך גאָרנישט, אַז איר זאָלט אַרייַנטרעטן אין דער ל. ב. ב.—מיר לייגן עס אייך נאָר פאָר. מיין טייערער, איך בין נישט זיכער, צי דעמאָלט, ווען איר וועט וועלן, וועט שוין נישט זיין צו שפּעט. איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער, צי מיר וועלן אייך דאַן וועלן! ס׳וואָלט געווען גלייכער, ווען איר באַשליסט אייך שוין — גלייכער באַשליסט אייך שוין!

די דריי בירגער פון שוץ־קאָמיטעט, מוראדיק אין זייערע פּליכטן, האָבן אים אָנגעקוקט מיט אַ שווייַגנדיקער דערוואַרטונג. בעבּיט האָט געשוויגן. ער האָט לחלוטין נישט געטראַכט, נאָר פּשוט געשוויגן, בעת אין זיין ליידיקן קאָפּ האָט גערוישט: — כ׳וויל נישט אַרייַנטרעטן! — כ׳וויל פּשוט נישט אַרייַנטרעטן! — כ׳וויל נישט אַרייַנטרעטן!

— נו, זייער שיין. איך באַדויער זייער! — האָט קאָלאָנעל סנאָו אַ זאָג געטון, און די דריי מענער האָבן זיך גראָב אויסגעדרייט צו אים מיט זייערע פעטע פּלייצעס.

ד.

בעת בעפֿיט איז אינאָווגט געפֿאָרן אין זיין אויטאָמאָבּיל, האָט ער דערזען ווערדזשיל גאָנטש, גייענדיק לענגאויס די גאַס. ער האָט אויפֿגעהויבּן זיין האַנט, כּדי אים צו באַגריסן, אָבּער גאָנטש האָט אַוועקגעקוקט און איז אַריבּער אויף דער אַנדערער זייט גאַס. ער איז געווען איבּערגעצייגט, אַז גאָנטש האָט אים געזען. מיט אַ שווער געמיט איז ער געפֿאָרן אַהיים.

זיין ווייבּ האָט זיך תּיכּף גענומען צו אים:

—דזשאָרדזש טייערער, מוריעל פּרינק איז דאָ געווען היינט נאָכמיטאָג, און זי האָט מיר דערציילט, אַז טשום האָט איר געזאָגט, אַז דער קאָמיטעט פֿון דער ליגע בּראַווע בּירגער, האָט דיר געבּעטן, דו זאָלסט אַריינטרעטן און דו האָסט זיך אָן שום אויסרייד אָפּגעזאָגט. צי טראַכסטו נישט, אַז ס׳וואָ׳ט געווען בּעסער צו גיין מיט זיי? דו ווייסט דאָך, אַז אַלע מענטשן, וואָס זענען נאָר עפּעס, געהערן אָן צו זיי, און די ליגע האָט אָן אויפֿגאַבּע.

— איך ווייס, וואָס פֿאַראַ אויפֿגאַבּע די ליגע האָט! זי האָט פֿאַר אַן אויפֿגאַבּע אונטערצודריקן דאָס פֿרייע וואָרט און דעם פֿרייען געדאַנק און בּכ׳ל אַלץ! איך וויל בּשום אופֿן נישט, אַז מען זאָל מיך צווינגען, אָנצושליסן זיך אין אַ ריכטונג. און עס האַנדלט זיך נישט דערין, צי ס׳איז אַ גוטע צי אַ שלעכטע ליגע, אָדער, וואָס פֿאַר אַ שוואַרץ יאָר פֿון אַ ליגע דאָס איז בּכלל; עס האַנדלט זיך דערין, אַז עס חלומט זיך מיר צומאָל נישט, צו טון עפּעס, ווייל אַנדערע הייסן אזוי— זיך

— אָבּער טייערער, אויבּ דו וועסט דיך נישט אָנשליסן, וועלן זיי דיך פּשוט אַריינלייגן אין חרם.

— זאָלן זיי!

—אָבּער איך מיין דאָך די אָ נ ג ע ז ע ע נ ע מענטשן!

— אוּנזין, איך – אַ פֿאַקט איז, אַז די גאַנצע ליגע איז נישט מער, ווי אַ פֿאַרבּייגייענדיקע מאָדע. ס׳איז פּונקט, ווי אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס מאַכן אָן מיט זייער

אַנטשטיין אַ ליאַרם און געפּילדער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט איבערקערן די וועלט, אָבער באַלד דערנאָך גייט זיי אויס די נשמה, אַז אַ האָן טוט קיין קריי נישט.

— אָבער איצטער, ווען ס'איז טאַקע די מאָדע, צי מיינסטו נישט ? —

— ניין, איך מיין גאָרנישט ! אָך, מירע איך בעט דיך, הער מיך אייף צו נודזשען! דידאָזיקע פאַרשאָלטענע ל. ב. ב. האָט שוין מיך באַלד קראַנק געמאַכט. הלוואי וואָלט איך מיר באַלד פאַרשריבן, ווען ווערדזש גאָנטש איז צו מיר געקומען, און כ'וואָלט פּטור געוואָרן דערמיט. און ס'קען זיין, אַז כ'וואָלט היינט עס געווען אויך געטון, ווען דער קאָמיטעט וואָלט זיך נישט באַמיט, מיך צו צווינגען, אָבער ביי גאָט, כּל זמן איך בין געבוירן אַ פרייער, אומאָפּהענגיקער אַמעריקאַנער בירגער—

— דזשאָרדזש, אַצינד רעדסטו פּונקט, ווי דער דייטש, אונזער אויוון-הייצער.

— אָך, אַזוי רעד איך, אַזוי רעד איך, באמת ? מילא וועל איך שוין בעסער אינגאַנצן נישט רעדן !

אינם דאָזיקן אָוונט, האָט ער געבענקט צו טאַניס יודיקע, צו טרייסטן זיך מיט איר מיטגעפיל. אַז ס'גאַנצע בני בית איז שוין געגאַנגען שלאָפן, האָט ער שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז ער האָט טעלעפאָנירט צו איר אין איר וווינונג, ער איז געווען זייער אויפגערעגט, און ווען ער האָט געקריגן די פאַרבינדונג, האָט ער אַ מורמל געטון: — נישט נויטיק — כ'וועל טעלעפאָנירן שפּעטער—און ער האָט צוריק אויפגעהאָנגען דאָס טעלעפאָן-רערל.

ה.

אז'יב בעביט איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז וועררדזשיל גאָנטש מיידט אים אויס, האָט עס שוין נישט געקאָנט זיין קיין ספק מיט ווילי̇אַם וואַשינגטאָן איטהאָרן. צומאָרגנס אינדערפרי, ווען בעביט איז געפאָרן אין ביוראָ אַריין,

איז ער פֿאַרבײַ איטהאָרנס אויטאָמאָביל, ווו דער גרויסער באַנקיר איז געזעסן בלייך און פֿייערלעך אונטער די פֿלייצעס פֿון שאָפֿער. בעביט האָט אַ ווינק געטון און אויסגערופֿן „מאָרגן"! איטהאָרן האָט אַ קוק געטון אויף אים, זיך מישבֿ געווען אַ רגע, און ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ מיט מער פֿאַראַכטונג, ווי ער וואָלט אים אינגאַנצן נישט באַגריסט.

בעביטס שותּף און שווער איז געקומען צען אַ זייגער אין ביוראָ אַריין:

—וואָס איז דאָס פֿאַראַ געשיכטעס, וואָס איך הער, ביסט געשפּרונגען און געשריגן אויפֿן קאָלאָנעל סנאָו און בשום אופֿן נישט געוואָלט אַרײַנטרעטן אין דער ל. ב. ב.? וואָס, צום טייוול, ווילסטו דערמיט אויפֿטון? ווילסט אַ תּל מאַכן פֿון געשעפֿט? דו זאָלסט זיך נישט איינרעדן, אַז דידאָזיקע ריזן וועלן זיך לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַרײַן און דו וועסט שפּרינגען מיט דײַן ליבעראַלער טפּשות, וואָס דו האָסט זיך פֿלוצלונג אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן.

— אָך, אונזין, הענרי ד. דו האָסט זיך אָנגעלייענט מיט דעטעקטיוו-ראָמאַנען. דידאָזיקע גאַנצע פֿאַרשווערונג קעגן ליבעראַלע מענטשן איז אַ מעשה נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן. דאָ איז אַ פֿרײַ לאַנד און אַ מענטש קען טון וואָס ער וויל.

— נאַטירלעך איז נישטאָ קיין שום פֿאַרשווערונג. ווער האָט עס דען געזאָגט? אַ מענטש קאָן טאַקע טון, וואָס ער וויל. נאָר קוים וועלן זיך מענטשן איינרעדן, אַז דו האָסט אַ ווינט אין קאָפּ און אַז דו ביסט אומפֿאַראַנטוואָרטלעך, דאַרפֿסטו זיך נישט איינשמועסן, אַז מען וועט וועלן מאַכן מיט אונז געשעפֿטן, פֿאַרשטייסט? איין קליין ידיעהלע, אַז דו ביסט געוואָרן אַן אָריגינאַל, וועט מערער רויִנירן אונזער געשעפֿט, ווי די אַלע נאַרישע ניי-מאָדישע שמירערלעך וואָלטן געקענט אויסטראַכטן אין צוויי־און־פֿופֿציק זונטיקן.

נאָכמיטאָג, ווען דער אַלטער פּאָרזיכטיקער קאָנראַד ליט, דער לוסטיקער קאַמצן ליט, איז אַרײַנגעקומען אין ביוראָ אַרײַן, און בעביט האָט אים פֿאָרגעלייגט צו קויפֿן פֿלעצער

אינם נייעם ווין-קוואַרטאַל פון דאָרטשעסטער, האָט ליט אַ זאָג געטון האַסטיק — צו האַסטיק:

— ניין, ניין, איצט וויל איך מיר נישט איינקויפן קיין פרישס.

אַ וואָך שפּעטער האָט בעביט זיך דערוווּסט פון הענרי טאָמפּסאָן, אַז די גאַסן-באַן-געזעלשאַפט גרייט זיך צו קויפן ערד, אָבער דורך דער סענדער-טאָרי און ווייַנדזש-געזעלשאַפט און נישט דורך דער בעביט-טאָמפּסאָן-געזעלשאַפט.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז דזשעק אָפּוט ווייסט שוין, וואָס די מענטשן רעדן וועגן דיר. ער איז אַ גערייבענער יונג, און אַ סברה, אַז ער האָט צוגערעדט די גאַסן-באַן-געזעלשאַפט, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט אַן אַנדער מעקלער. דזשאָרזש, דו מוזט עפּעס אָנהויבן צו טון — האָט טאָמפּסאָן געציטערט.

און בעביט האָט אייליק און דערשראָקן מסכים געווען. ס'איז אַן אמתער אומזין פון די מענטשן, ווי שלעכט זיי פאַרשטיין אים, אָבער פונדעסטוועגן—ער האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער ליגע פון בראַווע בירגער, אַזוי גיך ווי מען וועט עס אים נאָר אויפפאָדערן, און ער האָט געוואַרט מיט אַ מין בייזער רעזיגנאַציע, אָבער קיינער האָט אים שוין מער נישט אויפגעפאָדערט. זיי האָבן אים איגנאָרירט. ער האָט נישט געהאַט קיין מוט אַליין צו גיין אין דער ליגע און זיך איינבעטן, און ער האָט געפונען אַ באַפרידיקונג אין די דרייסטע געדאַנקען, אַז ער „האָט נישט קיין מורא פאַר דער גאַנצער שטאָט. קיינער קאָן אים נישט דיקטירן, ווי אַזוי ער זאָל טראַכטן און טון"!

ער איז געווען דערשיטערט, בעת נישט קיין אַנדערע, ווי די זעלטענע סטענאָגראַפיסטין, פרייַלן מעק גאָון, האָט אים פלוצלונג פאַרלאָזט, הגם איר אויסרייד איז געווען אויסגעצייכנט — זי האָט באַדאַרפט רו, איר שוועסטער איז געווען קראַנק, זי האָט געמוזט איבעררייסן די אַרבעט אויף אַ זעקס חדשים. ער איז געווען אומצופרידן מיט איר נאָכפאָלגערין, פרייַלין העווסטעד. קיינער אין דער ביוראָ האָט נישט געוווּסט, ווי

אזוי זי הייסט אויפֿן ערשטן נאָמען. ס'האָט אויסגעזען ממש אומגלויבלעך, אַז פֿרײַלין העוסטעד זאָל בכלל האָבן אַ נאָמען, אַ געליבטן, אַ פּודער־שאַכטעלע אָדער אַ פֿאַרדיי־אָרגאַניזם. די דאָזיקע שלאַנקע, בלייכע פֿלייסיקע שוועדין איז אויסגעקומען אַזוי אומפּערזענלעך, אַז ס'האָט געעקלט ביים בלויזן געדאַנק, אַז זי קאָן גיין אַהיים און פּשוט אויפֿעסן אַ קאָטלעט. זי איז געווען אַן אויסגעצייכנט־געשמירטע און אײַנגעשטעלטע מאַשין, און אײַגנטלעך האָט מען זי באַדאַרפֿט יעדן אָוונט אָפּצושטויבן און פֿאַרזיכטיק אַרײַנלייגן אין שרײַבטיש לעבן אירע דינע פֿאַרשניצטע בלײַפֿעדערלעך. זי האָט געשריבן זייער גיך דאָס דיקטירטע, איר שרײַבן איז געווען אויסגעצייכנט, אָבער געבעט האָט זיך אויפֿגערעגט, ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איר אַרבעטן. זי האָט אים געמאַכט אָנגעבלאָזן, און זײַנע בעסטע טאָג־טעגלעכע וויצן האָט זי אויפֿגענומען מיט העפֿלעכער שטוינונג. ער האָט געבענקט נאָך פֿרײַלין מעק גאָונס צוריקקער, און ער האָט געטראַכט צו שרײַבן צו איר.

דאַן האָט ער זיך דערוווּסט, אַז פֿרײַלין מעק גאָון, האָט אַ וואָך נאָכדעם, ווי זי האָט אים פֿאַרלאָזט, פֿאַרנומען אַן אָרט בײַ זײַן געפֿערלעכסטן קאָנקורענט, די סענדער־טאָרי, און ווינדזש־געזעלשאַפֿט.

דאָס האָט אים נישט נאָר בלויז ווײ געטון; ער האָט זיך דערשראָקן.

— פֿאַרוואָס איז זי אַוועקגעגאַנגען? — האָט ער זיך געזאָרגט — האָט זי דען געוווּסט, אַז מײַן געשעפֿט גייט באַרג אַראָפּ? און גראָד צו די סענדער, וואָס האָט איצט געקריגן די גאַסן־באַן־געזעלשאַפֿט פֿאַר אַ קונה. שלעכט — די שיף גייט אונטער!

אַ גרויער פּחד האָט אים פֿון איצטער אָן פֿאַרפֿאָלגט. ער האָט אַכטונג געטון אויף פֿריטץ ווײַלינגער, דעם יונגער אָנגעשטעלטן; ער האָט מורא געהאַט, טאָמער גייט ער אויך אַוועק. יעדער טאָג האָט געבראַכט נײַע יסורים. ס'איז אים געוואָרן פֿאַרדעכטיק, וואָס ער איז נישט אויפֿגעפֿאָדערט

גוואָרן צו רעדן אויפֿן יערלעכן באַנקעט פֿון דער האַנדלס־קאַמער, וואָס אָרוויל דזשאָנס האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסן פּאָקער אָוונט און ער איז נישט געוואָרן איינגעלאַדן, דאַן האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז עס האַלט שלעכט. ער האָט מורא געהאַט צו פּרישטיקן אין אַטלעטן־קלוב, און ער האָט מורא געהאַט אויפֿצוהערן צו פּרישטיקן. ער האָט געגלייבט, אַז מען שפּיאָנירט אים נאָך, אַז ווען ער גייט אַוועק פֿון טיש שעפּטשן זיי וועגן אים. אומעטום האָט ער געהערט אַ שעפּטשן: אין דער ביוראָ פֿון די קונדן, אין דער באַנק ביים דיספּאָנירן, אין זיין אייגענער ביוראָ, אין זיין היים. ער האָט אומאויפֿהערלעך געטראַכט, וואָס זיי קאָנען וועגן אים רעדן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט אין דער פֿאַנטאַזיע, ווי זיי רעדן וועגן אים:

— בעביט? יאָ, הערט נאָר, דאָס איז אַן אמתער אַנאַרכיסט! ס'איז ממש צו שטוינען איבער די דרייסטקייט פֿון דעם מענטשן, ווי אַזוי ער האָט זיך איבערגעדרייט אויף אַ ליבעראַל און, בנאמנות, לעבט זיך ווי אים געפֿעלט, אָבער איר ווייסט, ער איז געפֿערלעך, אַזוי איז ער, און ס'איז גלייכער אים אויסצוווייכן.

ער איז געווען אַזוי אומזיכער און נערוועז, אַז ווען ער האָט אַ קוק געטון און דערזען צוויי באַקאַנטע רעדן — רעדן שטיל איינער מיטן אַנדערן — האָט דאָס האַרץ ביי אים געקלאַפּט און זיך דורכגעשלייכט, ווי אַ פֿאַרלעגענער שולייינגל. אַז ער האָט דערזען זיינע שכנים האָוואָרד ליטלפֿעלד און אָרוויל דזשאָנס, ווי זיי שטייען צוזאַמען, האָט ער זיך באַהאַלטן פֿאַר זיי, אינסטינקטיוו אַנטלאָפֿן פֿון זייער נאָכשפּיאָנירן, און ער איז געווען האָפֿנונגסלאָז זיכער, אַז זיי האָבן זיך געסודעט, געטריבן קעגן אים אַן אינטריגע—זיך געסודעט!

נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער שרעק איז ער געווען פֿול מיט אַ צולהכעיסדיקער עקשנות. ער האָט זיך געפֿילט פֿעסט. טיילמאָל איז ער געקומען צום אויספֿיר, אַז ער איז אַ שרעקלעך־מוטיקער חברה־מאַן, כּמעט ווי סענעקע דואַן; טיילמאָל

האָט ער געטראַכט, צו באַזוכן סענע דוואַן און אים דערציילן, וואָס פאַראַ רעוואָלוציאָנער ער איז, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעפירט זיין געדאַנק, אָבער יעדעס מאָל ווען ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז מען סודעט זיך, האָט ער זיך געקלאָגט:

— גאָט איינציקער אין הימל, וואָס אַזוינס האָב איך זיי געטון? כ'האָב זיך אַביסל געווילט מיט דער באַנדע, און איך האָב געזאָגט קלאָרענץ דרום, ער זאָל זיך נישט אַזוי בלאָזן. קיינער האָט דאָך מיך נישט געכאַפּט דערביי, ווי איך קריטיקיר מענטשן אָדער פּרוּוו זיי איבעררעדן צו מיינע אידעען!

ער האָט נישט געקאָנט לענגער לעבן אין דערדאָזיקער אַטמאָספער. ער האָט שוין לאַנג געטראַכט, צוריקצוקערן זיך צו דער זיכערקייט, ווי גיך עס וועט נאָר פּאַר אים מעגלעך זיין אַזאַ אָנשטענדיקער צוריקקער. אָבער — עקשנותדיק — ער וויל נישט, אַז מען זאָל אים צווינגען; ער וויל נישט, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, קריכן אונטער די נעגל.

אָבער ביי די גייסטיקע שמועסן מיט זיין ווייב, איז די־דאָזיקע מורא אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז ער רעגט זיך אויף, אַז זי קאָן נישט פאַרשטיין, פאַר־וואָס ער וויל נישט אין אָוונט איבערגיין זיך אַביסל צו די ליטלפעלדס. ער האָט געפּרוּווט, אָבער ער האָט איר בשום אופן נישט געקאָנט קלאָר מאַכן דעם נעפּלדיקן פאַקט פון זיין בונט און די שטראָף דערפאַר. אויב ער האָט פאַרלוירן פּאָולן און טאַניס, האָט ער שוין נישט מיט וועמען צו רעדן — ליבער גאָט, טינקאַ איז די איינציקע פריינדין, וואָס איז מיר פאַרבליבן ביי היינט צו טאָג — האָט ער געזיפצט, און ער האָט זיך געקלאַמערט אָן קינד, געשפּילט זיך מיט איר אַ גאַנצן אָוונט אויפן דיל.

ער האָט בדעה געהאַט צו באַזוכן פּאָולן אין תפיסה, אָבער, הגם ער האָט דערהאַלטן פון אים יעדע וואָך פאַרבלאָזע בריוו, איז ער אים אויסגעקומען, ווי געשטאָרבן. טאַניס איז געווען די איינציקע, נאָך וועמען ער האָט געבענקט.

— כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳בין דרייסט און אומאָפּהענגיק, צו מאַכן אַ סוף מיט טאַניס, אָבער זי פעלט מיר, גאָט מיין איינציקער, ווי זי פעלט מיר! — האָט ער זיך געכעסט — מירע קאָן עס ממש נישט פאַרשטיין. זי זעט אין לעבן נישט מער, ווי אַז מען דאַרף נאָכטון דאָס, וואָס אַנדערע טוען, אָבער טאַניס, ז י וואָלט מיר שוין געזאָגט, וואָס ס׳איז גוט.

דאַן האָט ער זיך צוזאַמענגעבראָכן, און אין איינעם אַן אָוונט, איז ער אַוועק צו טאַניס. ער האָט קוים דערוועגט זיך צו האָפן אָבער זי איז געווען, און אַליין אין שטוב. זי איז שוין נישט געווען דיזעלבע טאַניס. זי איז געווען אַ פּאַר־מעלע, שטערן־קנייטשנדיקע אייז־קאַלטע פרוי, ענלעך צו דער אַמאָליקער טאַניס. זי האָט אַ זאָג געטון: — יאָ, דזשאָרזש, וואָס ווינטשט איר? — מיט אַ רויקן, נישט פאַראינטערעסירטן טאָן, און ער איז אַנטלאָפן, ווי אַן אָפּגעשמיסענער.

זיין ערשטע טרייסט האָט ער געפינען ביי טעדן און יוניקע ליטלפעלד.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען טעד האָט זיך אומגעקערט אַהיים פון אוניווערזיטעט, האָבן זיי פרייליך אַריינגעטאַנצט אין שטוב אַריין און טעד האָט אויסגערופן לאַכנדיק:

— אָ, וואָס כ׳האָב געהערט פון יוניקע, טאַטע? זי האָט מיר דערציילט, אַז איר פאָטער האָט איר דערציילט, אַז דו ביסט געוואָרן אַ צווייטער קין, אַז דו זאָלסט האָבן געלויבט דעם אַלטן סענעקע דואַן אין טאָג אַריין און אַרויסגערופן אַ גאַנצע סענסאַציע; בראַוואָ, אַלטיטשקער! גיב זיי ס׳זייעריקע! רודער זיי אויף! די אַלטע חברה שלאָפט!

יוניקע האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי בעביטן אויף דער שויס, געקושט אים, באַהאַלטן אירע געלאָקטע האָר אונטער זיין גאָמבע, זי האָט געזאָגט:

— איך מיין, אַז דו ביסט בעסער ווי האַוואָרד. פאַר־וואָס — מיט צוטרוי — איז האַוואָרד אַזוי לאַנגווייליק? דער מענטש האָט אַ גוט האַרץ, און ערנוואָרט, זייער אינטע־ליגענט, אָבער ער קאָן זיך נישט אויסלערנען צו באַנוצן מיטן

מויל, ווען מען דאַרף, נאָך אַלע לעקציעס, וואָס איך האָב אים אים שוין געגעבן. ווי מיינסטו טייערער, מען וועט נישט קענען פון אים עפּעס מאַכן?

— אָ, יוניקע ס'איז נישט שיין אַזוי צו רעדן וועגן אַן אייגענעם טאַטן — האָט בעבּיט באַמערקט, מיט אַ טאָן, וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַ מענטשן פון דער פּלאָרעל הייטס. אָבער זינט אַ סך וואָכן האָט ער זיך איצט ס'ערשטע מאָל ווידער געפילט גליקלעך, ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אַלס וועטעראַן פון ליבעראַליזם, אונטערגעשטיצט דורך דער ליבע פון דער יונגער גענעראַציע. זיי זענען צוזאַמען אַרויס באַרויבן די אייז-שאַנק. בעבּיט האָט געשטראַלט: — אָ, ווען דיין מאַמע זאָל אונז דאָ אַצינד כאַפּן, וואָלט אונז נישט געפעלט קיין צרות! — און יוניקע איז געוואָרן מוטערלעך. זי האָט אַרויסגענומען אַן אויסערגעוויינלעכע צאָל אייער צו צעשלאָגן, האָט אַ קוש געטון בעבּיטן אין אויער, און מיט אַ פאַרוואונדערט קול פון אַ מאָנאַשקע, האָט זי אַ זאָג געטון:

— דער טייוול ווייסט עס, פאַרוואָס אַזאַ הייסע פּעמעניסטין, ווי איך, זאָל נאָר שטענדיק דאַרפן צערטלען מענער!

נאָך דערדאָזיקער דערוואַכונג איז בעבּיט נישט געווען אויפגערעגט. ער האָט געטראָפן שעלדאָן שמידט, דעם פּעדאַגאָגישן לייטער פון קאַטוילישן פאַריין יונגע מענער און דיריגענט פון כאָר ביי דער שאַטאַם ראָד קירך. שמידט האָט געדריקט מיט זיינע פייכטע הענט בעבּיטס דיקע פויסט, בעת ער האָט געזונגען:

— ברודער בעבּיט, וואָס זען מיר אייך אין דער לעצטער צייט עפּעס אַזוי זעלטן אין דער קירך? איך ווייס, אַז איר זענט פאַרנומען מיט טויזנטערליי געשעפטן, אָבער איר טאָרט נישט פאַרגעסן אָן אייערע טייערע פריינט פון דער אַלטער גייסטיקער היים.

בעבּיט האָט זיך באַפרייט פון דער ליבלעכע קלאַמערונג — שעלדי האָט ליב געהאַט צו האַלטן די האַנט אַ לאַנגע צייט — ער האָט אַ מורמל געטון:

— נו, איך מיין, אַז איר קאָנט פירן דאָס געשעפט אָן מיר. נעמט נישט פאַר אומגוט, שמידט. איך מוז גיין. א גוטן טאָג.

אָבער שפּעטער האָט ער זיך געבענטשעוועט:

— אויב דערדאָזיקער פאַרבלאָזער וואָרים האָט געהאַט מוט מיך צו וועלן צוריק אַריינציען אין דער טייערער גייסטיקער היים, איז אַסברא, אַז די מיטגלידער פון דער פרומער קירך האָבן מיך שוין גענומען אין זייערע מיילער.

ער האָט זיי געהערט זיך סודען! דר. דזשאָן דזשעניסאָן דריו, טשאַלמאָנדלי פרינק, אפילו וויליאם וואשינגטאָן אויטהאָרן, די זעלבסטשטענדיקייט איז פון אים פאַרשוואונדן און ער האָט זיך געשלעפּט איינזאַם לענגאויס די גאַסן, איבערגעשראָקן פון די ציניש בליקן מצד די מענער און פון דעם אומאויפהערלעכן, רוישנדיקן סודען זיך.

קאפיטל XXXIII

א.

בעת ער האָט זיך געגרייט צו גיין שלאָפן, האָט ער זיך באַמיט צו דערקלערן זיין ווייב, ווי ווייט שעלדאָן שמידט איז אומדערטרעגלעך, אָבער זי האָט געענטפערט:

— ער האָט אַזאַ הערלעכע שטימע — ער איז אַזוי גייסטרייך. איך מיין, אַז דו דאַרפסט נישט רעדן אויף אים אַזוי, דערפאַר ווייל דו קאָנסט דיך נישט אויף קיין מוזיק! — דאַן האָט ער זי פּלוצלונג געזען אַ פרעמדע; ער האָט געקוקט ביז אויף דער קיילעכדיקער גוט־דערנערטע פרוי, און ער האָט געפרעגט זיך אַליין, ווי אַזוי זי איז דאָ אַהערגעקומען.

ער איז געלעגן אין קאַלטן שטיבל, געדרייט זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער און געטראַכט וועגן טאַניס.

ער איז געווען אַ נאַר, וואָס ער האָט זיך צעשיידט מיט איר. ער מוז דאָך האָבן עמעצן, מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. ער וועט — אַך, ער וועט דאָך פּלאַצן, אויב ער וועט אַזוי אַלץ טראָגן אין זיך. מירע, ס'איז אַן אומזין צו וואַרטן, אַז זי זאָל אַרויסווייזן אַביסל פאַרשטענדעניש. נו, ס'האָט נישט קיין זינען באַלד נישט צו טראַכטן וועגן די קאָנסעקווענצן. אַ חרפּה פאַר צוויי געהייראַטע מענטשן, נאָך אַזויפיל יאָר צוזאַמענלעבן; אַ שרעקלעכע חרפּה, אָבער קיין שום זאַך וועט זיי שוין נישט פאַרייניקן, כּל זמן ער וועט קעמפן, אַז זעניט זאָל אים נישט דיקטירן זיין סדר לעבן — און ער,

צום טייוול, איז נישט דער מענטש, וואָס וועט לאָזן אויף זיך עפּעס אָנוואַרפן, מיט דראָונגען, ניין, און נישט דורך שיינע ווערטער אָדער חניפות.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט דריי אַזייגער, איבערגעוועקט דורך דעם גערויש פון אַן אויטאָמאָביל, ער איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט נאָך אַ טרונק וואַסער. בעת ער איז דורכגעגאַנגען דאָס שלאָפצימער האָט ער געהערט, ווי זיין ווייב זיפצט. די נאַכט האָט איינגעהילט זיין כעס אין אַ מילדן שלייער; ער האָט געפרעגט באַזאָרגט:

— וואָס איז דיר, טייערע?

— כ׳האָב — אַזאַ מוראדיקן ווייטאָק, דאָ אין אַ זייט— אָך, ס׳איז שרעקלעך — עס צערייסט מיך!

— אפשר קאָליע געמאַכט דעם מאָגן? זאָל איך דיר געבן אַביסל טרינק־סאָדע?

— איך גלויב נישט, ס׳זאָל העלפן. כ׳האָב זיך אַזוי מאָדנע געפילט נעכטן ביינאַכט און אייערנעכטן, און דאַן — אָך! — ס׳איז מיר איבערגעגאַנגען און איך בין איינגעשלאָפן און — דער אויטאָמאָביל האָט מיך אויפגעוועקט.

איר קול איז געווען סאָפּנדיק, ווי אַ שיף אין אַ שטורם. ער האָט זיך איבערגעשראָקן.

— איך וועל גיין רופן דעם דאָקטאָר.

— ניין, ניין! ס׳וועט איבערגיין. אָבער אפשר וואָלסטו מיר געברענגט אַן אייז־פּענכער!

ער איז געלאָפן אין באָד־צימער נאָכן אייז־גלאָז, דאַן אין קיך אַריין נאָך אייז. ער האָט געפילט אַ דראַמאַטישקייט אין דערדאָזיקער ביינאַכטיקער טעטיקייט, אָבער בעת ער האָט צעקלאַפּט דאָס שטיק אייז מיטן אייז־העמערל, איז ער געוואָרן קילער, רויקער און געזעצטער; און מיט דער אַלטער ליב־שאַפט אין זיין שטימע האָט ער געמורמלט, בעת ער האָט אַרויפגעלייגט דעם בייטל אייז אויף איר אָנגעווייטאָקטן אָרט:

— אָ, אָ, אַצינד וועט שוין ווערן בעסער!

ער האָט זיך אומגעקערט אין בעט אַריין, אָבער ער

האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט ווידער געהערט איר זיפצן. ער איז תּיכּף געשטאַנען אויף די פיסן פרעגנדיק באַזאָרגט:

— ס'טוט דיר נאָך אַלץ וויי, טייערע?

— יאָ, עס שטעכט מיר און איך קאָן נישט איינשלאָפן.

איר קול איז געווען מאַט. ער האָט געוווסט, ווי שטאַרק זי האָט מורא פאַר אַ דאָקטאָר און ער האָט איר גאָרנישט געזאָגט, נאָר אַראָפּגעלאָפן אונטן, טעלעפאָנירט צום דר. אירל פּאָטען און געוואַרט, פרירנדיק פאַר קעלט. ער האָט זיך באַמיט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן צו לייענען אַ צייטונג, ביז ער האָט דערהערט דעם דאָקטאָרס אויטאָמאָביל.

דער דאָקטאָר איז געווען יונג און מונטער. ער איז אַריינגעקומען, ווי עס וואָלט געווען אין אַ זוניקן נאָכמיטאָג:

— נו, דזשאָרזש, ווידער עפּעס נישט אין אָרדענונג? אַ? ווי פילט זי זיך אַצינד? — האָט ער גערעדט, ווי ער וואָלט געווען באַשעפטיקט, און אין אַן אויפגערעגטער גוטער שטימונג, האָט ער אויסגעטון זיין מאַנטל אויף אַ שטול און געוואַרעמט די הענט ביים אויוון. ער האָט תּיכּף איבערגענומען די גאַנצע לייטונג אין הויז. בעביט האָט זיך געפילט איבעריק און אומבאַדייטנדיק, בעת ער האָט באַגלייט דעם דאָקטאָר אין שלאָפצימער אַריין, און דער דאָקטאָר האָט געלאַכט: — אָך אַביסל מאָגן-ווייטאָק — בעת ווראָנע האָט געקוקט דורך איר טיר און געפרעגט:

— וואָס איז געשען, טאַטע, וואָס איז געשען?

צו פרוי בעביט האָט דער דאָקטאָר נאָך דער אונטערזוכנג אַ זאָג געטון מיט קריגערישע ליבנסווירדיקייט:

— אַ שטאַרקער ווייטאָק, האַ? איך וועל אייך עפּעס געבן צו שלאָפן, און איך גלויב, אַז אינדערפרי וועט איך בעסער ווערן, ווי ס'זאָל נישט זיין, וועל איך קומען נאָך פרישטיק.—אָבער צו בעביטן, וואָס האָט געוואַרט אין פּאָרזאַל, האָט דער דאָקטאָר אַ זיפץ געטון:

מיר געפעלט עפּעס נישט אין איר בויך. ס'איז אַ

שטאַרקע שפּאַנונג. און כ׳האָב מורא אַן אָנצינדונג. מ׳האָט איר שוין אַמאָל אויסגעשניטן די בלינדע באַנד? הם, הם. נו, ס׳האָט נישט קיין זין זיך צו זאָרגן. איך וועל דאָ מאָרגן זיין. כ׳האָב איר געמאַכט אַן איינשפּריצונג. אַ גוטע נאַכט.

דאַן האָט בעבּיט געזונקן אין אַן אומענדלעכן תהום.

אין איין אויגנבליק איז זיין כּעס און די גייסטיקע ראַנגלענישן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, געוואָרן בלייך און זינלאָז אַקעגן די אַמאָליקע אין קעגנוואַרטיקע ווירקלעכקייט. די מוסטערהאַפטע און טראַדיציאָנעלע ווירקלעכקייט פון קראַנקהייט און דראָענדיקן טויט, אַ לאַנגע נאַכט, מיט טויזנטער שווייַגנדיקע ערינערונגען פון זייער פאַרהייראַט לעבן. שטילערהייט האָט ער זיך אַריינגעשלייכט צוריק צו איר. בעת זי איז געשלאָפן אונטער דער טראָפּישער ווירקונג פון מאָרפיום, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן עק פון איר בעט, גענומען איר האַנט, און צום ערשטן מאָל, זינט אַ סך וואָכן, האָט איר האַנט גערוט זיכער אין זיינע.

ער האָט זיך פאַנטאַסטיש איינגעהילט אין זיין טערקישן באָד־מאַנטל און אין דער רויט־ווייסער געשטרייפטער קאָלדרע אַריינגעזעצט זיך איינגעקוירטשעטעהייט אין דער וויג־שטול. דאָס שלאָפצימער איז אין דער האַלבער ליכטיקייט אים אויסגעקומען, ווי אַ געשפּענסט, וואָס האָט פאַרוואַנדלט די פאָרהאַנגען אין לויערנדיקע רויבער, דעם טואַלעט־טיש אין אַ געהיימען שלאָס. ס׳האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון קאָסמעטיק, וועש און פון שלאָף. ער האָט אַ דרימל געטון און זיך אויפגעכאַפּט, אַ דרימל געטון און זיך אויפגעכאַפּט, אַזוי אומגעפער הונדערט מאָל. ער האָט געהערט, ווי זי באַוועגט זיך און זיפצט אין שלאָף; ער האָט זיך פאַרטראַכט, צי ס׳איז נישטאָ אַזאַ וויכטיקע זאַך, וואָס ער זאָל קאָנען פאַר איר טון; אָבער איידער וואָס ווען, איז ער ווידער איינגעשלאָפן, מיט ווייטאָק אין די צעבראָכענע גלידער. די נאַכט איז געווען אומענדלעך. אַז ס׳האָט אָנגעהויבן באַגינען און דאָס אויפזיין איז שוין געווען איבעריק, איז ער פעסט איינגעשלאָפן און דערנאָך געווען בייז אויף זיך פאַר

זיין פאַרנאַכלעסיקן די פליכט. ער איז איבערגעוועקט געוואָרן פון ווראָנעס אַריינקום און איר איבערגעשראָקענער פראַגע:

— אָך, וואָס איז געשען, טאַטע?

זיין ווייב איז געלעגן וואַך, אַ וואַקסן איינגעפאַלן און בלוטלאָז פּנים אין דער ניכטערער מאָרגן-ליכטיקייט, אָבער אַצינד האָט ער זי נישט פאַרגליכן מיט טאַניס; זי איז נישט געווען סתם קיין פרוי, צו קאָנען זי שטעלן אין איין ריי מיט אַנדערע פרויען, זי איז געווען זיין אייגענער איך, און אויב ער האָט זי אַמאָל קריטיקירט און געזידלט, איז דאָך עס געווען פונקט אַזוי, ווי ער וואָלט קריטיקירט און געזידלט זיך אַליין, אָן אַ שום כוונה, אָן אַ ווילן זיך צו באַפרייען, אָן אַן האָפנונג אויף אַן ענדערונג — אפשר אָן אַ ווילן אויף אַן ענדערונג — דאָס אינערלעכסטע וועזן פון דער אייביקייט.

צו ווראָנע האָט ער גערעדט אין אַ פאָטערלעכן, אַנטשלאָסענעם טאָן. ער האָט באַרויקט טינקען, וואָס האָט אַרויסגעוויזן דורך איר געוויין די ערנסטקייט פון דערדאָזיקער שעה. ער האָט באַשטעלט דעם ערשטע פרישטיק און ער האָט געוואָלט אַריינקוקן אין אַ צייטונג, אָבער ער האָט זיך געפילט העלדיש און נוצלעך דערמיט, וואָס ער האָט אים נישט געלייענט. אָבער עס זענען געווען לאַנגזאַמע און דורכאויס נישט קיין הערלאָישע שעהן פון וואַרטן, ביז דר. פאַטען איז נאָכאַמאָל געקומען.

— איך זע נישט קיין גרויסן אונטערשיד. — האָט פאַטען אַ זאָג געטון — איך וועל דאָ זיין נאָכאַמאָל אַרום עלף. און אויב איר וועט נישט האָבן קעגן דעם, וועל איך מיטברענגען מיט זיך עפּעס אַ וועלט-באַרימטן פילן-מאַכער אויף אַ קאָנסוליע, כדי מיר זאָלן זיין אינגאַנצן זיכער. און איצטער דזשאָרזש, האָסטו דאָ נישט, וואָס צו טון. איך וועל דאָ איבערלאָזן ווראָנען, זי זאָל טוישן יעדעס מאָל דאָס אייז — דערווייל קאָן אַלץ זיין אַזוי, מיין איך — און דו גיי ליבערשט אין ביוראָ אַריין און שטיי נישט דאָ מיט אַ פּנים, ווי דו אַליין וואָלסט געווען דער קראַנקער. די מענער-נערוון! קיין

גוט אויג זאָל זיי נישט שאַטן, זיי זענען אַ סך מער נערוועז ווי די ווייבער! קוים ווערט עפּעס דער ווייב, וואָלטן זיי זיך שוין אַריינגעלייגט אין בעט און זענען אויס מענטש. איצט זרונק אויס נאָך אַ שעלעכל שוואַרצע קאַווע און מאַך פּליטה!

אונטערן דאָזיקן באַפעל, איז בעביט געוואָרן זאַכלעך. ער איז געפאָרן אין ביוראָ אַריין, באַמיט זיך צו דיקטירן בריוו, באַמיט זיך צו טעלעפאָנירן, אָבער איידער דער נומער האָט אָפּגעענטפערט, האָט ער שוין געהאַט פאַרגעסן צו וועמען ער האָט טעלעפאָנירט. פופצן מינוט נאָך צען האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים. בעת ער איז אַרויסגעפאָרן פון געדיכטן פאַרקער צו זיין שטאָט-קוואַרטאַל און ער האָט געלאָזט שנעלער זיין אויטאָמאָביל — האָט זיך זיין פּנים פאַנאַנדערגעצויגן אין פאַרגליווערטע שטריכן, ווי אַ טראַגישער מאַסקע.

זיין ווייב האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג:

— פאַרוואָס ביסטו צוריקגעקומען, טייערער? ס'דאַכט זיך מיר, אַז ס'איז מיר אַביסל בעסער. כ'האָב שוין געשיקט וועראָנען אין איר ביוראָ אַריין. כ'בין אַ שלעכטע, וואָס כ'בין קראַנק געוואָרן!

ער האָט געוווּסט, אַז זי וויל איצטער צערטלעכקייט, און ער האָט עס איר געגעבן, מיטן גאַנצן האַרצן. זיי זענען געווען אומגעוויינלעך גליקלעך, ווען ער האָט דערהערט פאַרפאָרן פאַטענס אויטאָמאָביל. ער האָט אַרויסגעקוקט פון פענסטער. ער האָט זיך דערשראָקן: מיט פאַטען איז געווען נאָך איינער, אַן אומגעדולדיקער מאַן מיט אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר און וואָנסען פון אַ הוזאַר — דר. א. ל. דילינג, דער כירורג. בעביט האָט געציטערט פון אויפרעגונג, וואָס ער האָט זיך באַמיט צו פאַרבאָרגן, און ער איז אַראָפּ צו דער טיר.

דר. פאַטען האָט זייער שטאַרק באַטאָנט די אַלטעגלעכקייט פון אַזאַ וויזיט:

— כ'וויל דיר נישט פאַרשאַפן קיין עגמת נפש אַלטיטשקער, אָבער איך גלויב, אַז ס'וואָלט געווען אַ זעלטענער איינפאַל

צו לאָזן זי אונטערזוכן פון דר. דילינג — ער האָט אָנגעוויזן אויפן דאָקטאָר דילינג, ווי אויף אַ האַר און אַ לערער.

דילינג האָט זיך אויפן גרעבסטן אופן באַגרוסט מיט אַ קאָפּ־שאָקל און אַרויף אויף די טרעפּ. בעביט איז אַרומגעלאָפן אין יסורים הין און צוריק איבערן צימער. חוץ די געבורטן, וואָס זיין ווייב האָט דורכגעמאַכט, איז אין דער פאַמיליע קיינמאָל נישט פאָרגעקומען קיין גרעסערע אָפּעראַציע, און די כירורגיע איז אים אויסגעקומען גלייכצייטיק, ווי אַ וווּנדער און אַ גיהנמדיקע פּיין. אָבער בעת דילינג און פּאַטען זענען צוריק אַראָפּגעקומען צו אים אונטן, האָט ער באַלד געוווּסט, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג, און ער האָט אַפילו געוואָלט אַ שמייכל טון, ביידע דאָקטוירים זענען אים אויסגעקומען, ווי די באָרדיקע מעדיקער אין אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע. זיי האָבן זיך ביידע געריבן די הענט און זיך באַמיט אויסצוזען זייער קלוג.

דר. דילינג האָט אָנגעהויבן רעדן:

— עס טוט מיר זייער לייד, אַלטיטשקער. אָבער דאָס איז אַ שטאַרקע אָנצינדונג אויף דער בלינדער באַנד. מיר מוזן אָפּעריִרן. נאַטירלעך, מוזט איר דעצידירן, אָבער ס'איז נישט קיין ספק, אַז עס מוז געמאַכט ווערן.

בעביט האָט נישט באַלד פאַרשטאַנען די געפאַר פון די ווערטער. ער האָט געמורמלט:

— נו, איך מיין, אַז מיר דאַרפן עטלעכע טעג צייט, כדי צוצוגרייטן זיך. וואַרשיינלעך וועט טעד אַהיימקומען פון אוניווערזיטעט, טאָמער אין פאַל פון אַן אומגליק.

דר. דילינג האָט אַ ברום געטון:

— ניין. אויב איר ווילט נישט דערלאָזן, צי אַ פאַר־גיפטונג, מוזן מיר זי אָפּעריִרן תּיכּף. איך עצה עס אייך שוין צו טון. אויב איר זענט מסכּים, רוף איך שוין אַרויס די קאַרעטע פון דער „הייליקע מאַריע”, און אין דריי פערטל שעה אַרום האָבן מיר זי שוין אויפן טיש.

— איך — איך — נאַטירלעך ווייסט איר בעסער —

אָבער גרויסער גאָט, מענטש, איך קען דאָך נישט אין צוויי מינוט צוגרייטן אירע קליידער און אַלץ — וואָס רעדט איר! און אין איר צושטאַנד, אַזוי אויסגעמאַטערט און שוואַך, ווי זי איז איצטער —

— מאַך אַ פּעקל פון איר האָר־בערשטל, די קאַם און דאָס צאָן־בערשטל; דאָס איז אַלץ, וואָס זי דאַרף האָבן אויף די ערשטע צוויי טעג — האָט דר. דילינג אַ זאָג געטון, און איז צו צום טעלעפאָן

בעבּיט איז אַ פאַרצווייפלטער אַרויף אויף די טרעפּ. ער האָט אַרויסגעשיקט די איבערגעשראָקענע טינקאַ פון צימער און מיט אַ פריילעכער מינע זיך געווענדעט צו זיין פרוי:

— נו, אַלטער אוצר, דער דאָקטאָר האַלט, אַז ס'וואָלט געווען גלייך דיר צו מאַכן אַ קליינע אָפּעראַציע און דו וועסט תיכּף זיין געזונט. ס'וועט דויערן איינינקע מינוט — אַ סך ווייניקער געפערלעך, ווי אַ געבּורט — און אין איין רגע ביסטו פולשטענדיק אין אָרדענונג.

זי האָט געדריקט זיין האַנט, אַז די פינגער האָבן אים וויי געטון. זי האָט געזאָגט געדולדיק, ווי אַן איבערגעשראָקן קינד: „כ'האָב מורא צו גיין אין דער פינסטער, איינע אַליין! אירע אויגן האָבן באַקומען אַן אויסדריק פון אַ קינד; זיי זענען געווען בעטנדיק און איבערגעשראָקן — וועסטו בלייבן מיט מיר? טייערער, דאַרפסט נישט שוין צו־ריקגיין אין ביוראָ אַריין, ניין? וועסט קאָנען פאָרן מיט מיר אין שפּיטאָל אַריין? וועסט קאָנען קומ ן צו מיר אין אָוונט — ווען אַלץ וועט שוין זיין אין אָרדנונג? דאַרפסט נישט גיין ערגעץ היינט אין אָוונט, אמת ניין?

ער האָט געקניט לעבן איר בעט. בעת זי האָט שוואַך געגלעט זיינע האָר האָט ער געשלוכצט. געקושט דעם זוים פון איר אַרבל און געשווירן:

— אַלטיטשקע, אוצר מיינער, איך ליב דיך, מער ווי אַלץ אויף דער וועלט! איך האָב נאָר געהאַט פאַרשידענע דאגות

פון געשעפט און אַזוי ווייטער, אָבער יעצט איז שוין פאַרביי, און איך בין צוריק ביי דיר.

— מיינסטו עס באמת, דזשאָרזש? ליגנדיק דאָ, האָב איך מיר אַזוי געטראַכט, אפשר וואָלט בעסער געווען, אַז איך זאָל זיך שוין נישט אומקערן דאָ אַהער. כ׳האָב זיך אַליין געפרעגט: בין איך דען עמעצן נויטיק אָדער עמעצער נויטיקט זיך אין מיר? איך האָב זיך געפרעגט, צו וואָס נוץ איך אויף דער וועלט. איך בין געוואָרן אַזוי לאַנגווייליק, אַזוי נאַריש און מיאוס —

— אָ, דו אַלטער גנב! דו האָסט חשק צו קאָמפּלי־מענטן, און איך דאַרף גאָר איינפּאַקן דיינע זאַכן! איך, אַוודאי, איך בין יונג און שיין און אַן אמתער פויער! און — ער האָט שוין ווייטער נישט געקאָנט רעדן. ער האָט זיך ווידער צעשלוכצט; און אין די אָפּגעריסענע ווערטער האָבן זיי צוריק געפינען איינער דעם אַנדערן.

בעת ער האָט איינגעפּאַקט, האָט זיין מוח געאַרבעט קלאָר און פלינק. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט שוין נישט קאָנען פּראַווען מער קיין ווילדע נעכט. ער האָט מודה געווען, אַז זיי קענען אים נאָך פעלן. מיט ביי־זקייט האָט ער איינגעזען, אַז דאָס איז געווען זיין לעצטער פאַרצווייפלטער אויסדרוק, איידער ער איז איבערגעגאַנגען צו דער פאַראַליזירטער צו־פרידנקייט פון זיין רייפן עלטער. נו — האָט ער אַ זופּ געטון דורך די ציינער — ס׳איז געווען אַ טייוולדיק גוט לעבן! און — וויפל וועט דאָס קאָסטן די אָפּעראַציע? כ׳האָב באַדאַרפט מושווה ווערן מיט דילינג. אָבער ניין, כאַפּט עס דער רוח, ס׳איז מיר שוין אַלציינס, וויפל ס׳וועט קאָסטן וועט עס קאָסטן.

די אויטאָמאָביל־קאַרעטע איז געשטאַנען פאַר דער טיר. אפילו אין דערדאָזיקער ערנסטער מינוט, האָט בעביט, וואָס האָט געהאַט אַ אינטערעס פאַר טעכנישע דערפינדונג, זיך באַגייסטערט פון דער געשיקטקייט, מיט וועלכע די וועכטער האָבן אַרויפגעלייגט די פרוי בעביט אויפן טראָג־בעטל און זי אַראָפּגעטראָגן אונטן. די קאַרעטע איז געווען אומגעהויער

גרויס, ווייס געפּאַרבט און שיין. פרוי בעביט האָט געזיפצט:

— כ'האָב מורא דערפאַר. עס זעט אויס, ווי אַ טרומנע, ווי מען וואָלט מיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ קבר. כ'וויל, דו זאָלסט בלייבן מיט מיר.

— איך וויעל זיך זעצן לעבן שאָפער — האָט בעביט איר צוגעזאָגט.

— ניין, איך וויל, דו זאָלסט זיין לעבן מיר — זי האָט געזאָגט צום וועכטער — קאָן ער דאָ נישט זיין?

— מיט פאַרגעניגן, מאַדאַם, זייט רויק. אָט איז דאָ אַ פיין, קליין, רייזע־שטולעכל — האָט דער עלטערער וועכטער אַ זאָג געטון מיט פּראָפעסיאָנעלן שטאָלץ.

ער איז געזעסן לעבן איר אין דער באַוועגנדיקער קופּע מיטן פעלד־בעטל, שטולעכל, מיטן קליינעם פונקציאָנירנדיקן עלעקטרישן אויוועלע, און עפּעס אַ קאַלענדאַר, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ מיידל עסנדיק קאַרשן און אַ נאָמען פון אַ קאָלאָניאַל־סוחר. אָבער ווען ער האָט פון צופרידנקייט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, האָט ער זיך אָפּגעבריט ביים אויוון, און ער האָט אַ געשריי געטון:

— אוי! אוי! יעזוס!

— אָ, דזשאָרזש בעביט, איך וויל נישט זאָלסט שעלטן און לעסטערן גאָט!

— איך ווייס, כ'האָב חרטה, אָבער — צו אַלדע רוחות. זע נאָר, ווי כ'האָב מיר פאַרברענט די האַנט! אָ, ס'טוט וויי! עס ברענט ווי אַ טייוול! יאָ, דער פאַרשאָלטענער אויוון איז הייס ווי — הייסער, ווי דער גיהנם! טו נאָר אַ קוק! זעסט דעם צייכן?

און בעת זיי זענען אַזוי געפאָרן צום שפּיטאָל „הייליקע מאַריע" ווו די קראַנקן־שוועסטער האָבן שוין צוגעגרייט די מכשירים צו דער אָפּעראַציע, כדי צו ראַטעווען איר לעבן, האָט זי געטרייסט בעביטן, געקושט אים, צוגעגעבן מוט, און הגם ער האָט זיך באַמיט צו זיין האַרט און מענלעך, האָט

ער זיך געטוליעט צו איר און געווען גליקלעך, וואָס זי צערטלט אים, ווי אַ קינד.

די קאַרעטע איז שטיין געבליבן אונטער אַ געדעקטן אַריינפאָר פון שפּיטאָל, אין איין אויגנבליק איז ער אַראָפּגעפאַלן ביי זיך ביז נול: דערדאָזיקער מוראדיקער בנין איז געווען אויסגעלייגט מיט קאָרקענע דילן, אָן אַ צאָל אָפענע טירן אין צימערן, ווו אויף די בעטן זענען געזעסן אַלטע ווייבער; אַ ווינדע, אַ כלאָראָפאָרם-צימער, און אַ יונגער פאַרוואַלטער, וואָס איז פּרינציפּיעל גרינגעשעצט געוואָרן פון די מענער. מ'האָט אים דערלויבט אַ קוש צו טון זיין ווייב; ער האָט געזען, ווי אַ שלאַנקע, שוואַרצע קראַנקן-שוועסטער דעקט צו מיט עפּעס איר מויל און נאָז; ער האָט דערשפּירט אַ זיסן און פאַרטויבנדיקן ריח, דאַן האָבן זיי אים אַרויסגעפירט, ער איז געזעסן אויף אַ שטול אין לאָבאַראַטאָריום, אַ צוגעשמידטער צום אָרט געוואָלט וואָס גיכער אַ קוק טון אויף זיין ווייב, פאַרזיכערן, אַז נאָר זי, זי אַליין האָט ער ליב, אַז ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט קיין אַנדערע. אין לאַבאַראַטאָריום איז זיין בליק געהאָנגען אויף איין געגנשטאַנד: אַ פאַרפוילט נפלע אין אַ גלעזערנעם סלוי מיט געלבלעכן שפּירט. עס האָט אים געעקלט קוקנדיק דערויף, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן דערפון די אויגן. זיינע געדאַנקען האָבן געשוועבט אין דערוואַרטונג, תמיד זיך צוריקקערנדיק צום שרעקלעכן סלוי. כדי צו אַנטלויפן דערפון, האָט ער אַ מאַך-אויף געטון אַ טיר אויף רעכטס, און געהאָפּט כמעט צו געפינען דאָרטן אַ נאָרמאַלע געשעפטס-ביוראָ. ער האָט אָבער תיכף פאַרשטאַנען, אַז ער קוקט אַריין אין אָפּעראַטאָר-שטוב. מיט איין בליק האָט ער אַרומגענומען דעם דר. דילינג, ער איז געשטאַנען אין אַ ווייס פאַרטוך און מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ. ער האָט אויסגעזען פרעמד און פאַרענדערט, בויגנדיק זיך איבער אַ שטאָלענעם טיש מיט שרויפן און רעדלעך. די קראַנקן-שוועסטער האָבן געהאַלטן שיסלען און וואַטע-בינטלעך, און בעבית האָט דערזען אַ פאַרבאַנדאַזשירטע זאַך, אַ טויט פנים און אַ ווייס

פּירעקיג, בלוטלאָז שטיק פלייש, מיט אַ שניט, וואָס איז נאָך געווען אַביסל פאַרבלוטיקט, און פון שניט האָבן אַרויסגעשטעקט אַ מאַסע מיט צוואַנגען, פונקט ווי איינגעקאָרטשעטע ווערים.

ער האָט האַסטיק פאַרקלאַפּט די טיר. מעגלעך, אַז די שרעקנדיקע חרטה פון דער נאַכט אין פונם פרימאָרגן האָט אים נאָך נישט געהאַט טיף דורכגענומען, אָבער די אוממענטש־לעכע באַהאַנדלונג פון אַ ווען, וואָס איז געווען אַזוי רירנד מענטש־לעך, האָט אים דערשיטערט ביז דער טיפסטער טיפעניש, און בעת ער איז צוריק אַרייַנגעפאַלן אין דער הוילער שטילקייט פון לאַבאָראַטאָריום, האָט ער געשווירן טרייקייט זיין ווייב, זעניט... די ביזנעס... דעם בוסטער־קלוב... און יעדן גלויבן פון דער חברה גוטע־ברידער.

דאַן האָט אים אַ קראַנקן־שוועסטער מודיע געווען:

— שוין נאָך אַלעמען! אויסגעצייכנט זיך איינגעגעבן! זי האַלט זיך גוט! מען וועט זי באַלד אויפוועקן פון כלאָראָפאָרם און איר וועט זי קאָנען זען.

ב.

ער האָט זי געזען אין אַ מאָדנער בעט, ווי אַ געצעלט, איר פנים איז געווען טויט־געל, אָבער אירע בלויע ליפן האָבן זיך קוים גערירט. דאַן האָט ער ערשט געגלויבט, אַז זי לעבט. זי האָט עפּעס געשעפּטשעט. ער האָט זיך איינגע־בויגן איבער איר און געהערט, ווי זי זיפצט:

— שווער צו קריגן קליאָן־סיראָפּ אויף שטרודל.

— ער האָט געלאַכט, ער האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן. ער האָט אַ קוק געטון צו דער קראַנקן־שוועסטער און שטאָלץ איר דערקלערט:

— מאָדנע, זי רעדט וועגן קליאָן־סיראָפּ, גאָט מיינער, כ׳גיי שוין און באַשטעל הונדערט קוואָרט קליאָן־סיראָפּ, גלייך פון ווערמונט!

אויפן זיבנצטן טאָג האָט זי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל.

ער האָט זי באַזוכט יעדן נאָכמיטאָג, און אין די לאַנגע שמועסן האָבן זיי צוריק אָפּגעפונען זייער פאַרלוירענער נאָענטקייט. איינמאָל האָט ער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט פון זיין באַקאַנטשאַפט מיט טאַניסן און דער באַנדע און זי האָט שטאַרק געליטן פון געדאַנק, אַז אַ שלעכטע פרוי האָט געלויערט אויף איר דזשאָרדזש, נעבעך.

אויב ער האָט ווען ס'איז געצווייפלט אין דער שכנהשאַפט און אין די זעלטענע מעלות פון די גוטע פריינט, זענען די-דאָזיקע ספקות איצטער לחלוטין פאַרשוווּנדן. פאַרוואָס, האָט ער באַמערקט, זאָל אַזאַ „סענעקע דואַן נישט אַריינקומען צו מיין ווייב מיט עטלעכע בלומען, אָדער אַזוי גלאַט אַ שמועס צו טון", אָבער פרוי האַוואָרד ליטלפעלד האָט געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין אַ טייערן טרויבן-איינגעמאַכטס געשטעלט מיט אמתן ווייַן; אָרוויל דזשאָנס האָט פאַרבראַכט לאַנגע שעהן און אויסגעזוכט שיינע ראָמאַנען, ווי פרוי בעביט האָט ליב — שיינע ליבע-געשיכטעס פון נוי-יאָרקער מיליאָנערן מיט וואַמפּ-קאָווּבאָיעס; ליטע סוואָנסאָן האָט איר אויסגעשטריקט אַ רויטע בעט-בלוזע; סידני פינקעלשטיין און זיין לעבעדיקע שוואַרץ-אויגיקע ווייב האָבן געקליבן אַ נאַכט-העמד אינם גאַנצן מאַגאַזין פון פאָרטשער און שטיין.

אַלע זיינע פריינט האָבן זיך אויפגעהערט צו סודן וועגן אים, נאָכצושפּיאָנירן. אין אַטלעטן-קלוב האָט מען זיך טאָגטעגלעך געפרעגט אויף זיין ווייב. מיטגלידער פון קלוב, וואָס זייערע נעמען בעביט האָט נישט געקאָנט, האָבן אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווי פילט זיך אייער פרוי?

בעביט האָט געפילט, ווי ער שווימט אַרויס פון שוואַרצן אָפּגרונט אין אַ רייכער וואַרעמער אַטמאָספערע פון אַ ליבלעכן באַוווּנטן טאָל.

און איינמאָל האָט גאָנטש געזאָגט צו אים.

— וועסט זיין אין שפּיטאָל אַרום זעקס אַזייגער? איך על זיך אַרויפכאַפּן צו דיר מיט מיין ווייב.

און זיי זענען אַריינגעקומען. גאָנטש איז געווען אויסער־געוויינלעך וויציק, אַז פרוי בעבּיט האָט אים געבעטן, ער זאָל זי נישט „מאַכן לאַכנדיק, ווייל ס'טוט איר ווי די ווונד". בעת זיי האָבן זיך שפּעטער צוריקגעקערט דורכן קאָרידאָר, האָט גאָנטש געזאָגט צו אים פריינטלעך: — דזשאָרזש, אַלטער יונג, אין דער לעצטער צייט ביסטו געווען אַזוי אומדערטרעגלעך. איך ווייס אַליין נישט, וואָס עס איז געווען מיט דיר, און עס איז אויך נישט מיין עסק. אָבער איצטער דאַכט זיך מיר, אַז דו ביסט צוריק דער אַמאָליקער דזשאָרזש, טאָ הלמאי זאָלסטו זיך נישט פאַרשרייבן אין די ליגע פון בראַווע בירגער, אַלטער יונג? מיר פאַרברענגען אויסגעצייכנט אַלע צוזאַמען, און מיר נויטיקן זיך אין דיינס אַן עצה.

און דאַן האָט בעבּיט, וויינענדיק כמעט פון באַגייסטערונג, אַז מען בעט אים און מען צווינגט אים נישט, אַז מען גיט אים אַ מעגלעכקייט אויפצוגעבן דעם קאַמף, אַז מען פאַרלייכטערט אים די דעזערציע, נישט פאַרלאַנגנדיק פון אים צו ערנידעריקן זיין אייגענעם איך — אַנטגילטיק איבערגעריסן זיין ראָלע פון אַ הויזלעכער רעוואָלוציאָנער. ער האָט אַ קלאַפּ געטון גאָנטשן איבער דעד פּלייצע, און צומאָרגנס איז ער געוואָרן אַ מיטגליד אין דער ליגע בראַווע בירגער.

און אין צוויי וואָכן אַרום, איז אין דער גאַנצער ליגע נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל אַזוי בולט זען די נידערטרעכטיקייט פון סענעקאַ דואַן, די פאַרברעכערישע טעטיקייט פון די אַרבעטער־פאַריינען און די געפאַר, וואָס עס דראָט מיט דער איינוואַנדערונג און דער פאַרגעניגן פון גאָלף, מאָראַל און באַנק־קאָנטע, ווי דאָס האָט געזען דזשאָרזש פּ. בעבּיט.

קאַפּיטל XXXIV

א.

די ליגע פון בראַווע בירגער האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, אָבער אין ערגעץ איז זי נישט געווען אַזוי טעטיק און נישט געהאַט אַזאַ ערפאָלג, ווי אין אַזוינע שטעט ווי זעניט — האַנדלס־שטעט, וואָס האָבן געציילט עטלעכע הונדערט טויזנט איינוווינער, ס׳רוב פון זיי — כאָטש נישט אַלע — זענען געלעגן אינמיטן לאַנד מיט אַן הינטערגרונט פון קאָרנפעלדער און גרובן און אַנדערע קליינע שטעטלעך, וואָס זענען אָפּהענגיק געווען פון זיי מיט היפּאָטעק־הלוואות, גוטע האַלטונג, קונסט, פילאָזאָפיע און מאָדע.

ס׳רוב רייכע בירגער פון זעניט האָבן אָנגעהערט צו דער ליגע. נישט אַלע זענען געווען פון דעם מין, וואָס זיי אַליין האָבן אָנגערופן „טיכטיקע יונגען". לעבן די־דאָזיקע פריילעכע, גוטמוטיקע מענטשן, די־דאָזיקע טרעגער פון ווילשטאַנד, זענען אויך געווען אַריסטאָקראַטן, דאָס זענען געווען מענטשן וואָס זענען געווען רייכער פון אַנדערע אָדער זיי זענען נאָך מיט דורות צוריק געווען רייך: פּרעזידענטן פון בענק און פאַבריקן, ערד־באַזיצער, קאָאָפּעראַטיווע אַדוואָקאַטן, באַרימטע דאָקטוירים, און אַ קליינע צאָל אַלטע און יונגע מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין זעניט, געזאַמלט פּאָרצעלאַנענע אַנטיקן, געקויפט די ערשטע אויסגאַבן, ווי זיי וואָלטן געווען אין פּאַריז. אַלע זענען זיי געווען אייַנשטימיק, אַז מען דאַרף זיך שטרענג באַגיין מיטן אַרבעטער־קלאַס, און זיי אַלע

האָבן געוווּסט, אַז אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע הייסט נישט קיין גלייכהייט פון פאַרמעגן, נאָר אַ גלייכהייט פון געדאַנק, קליידונג, מאַלעריי, מאָראַל און אויסשפּראַך.

אין דעמדאָזיקן פּרט האָבן זיי זיך נישט אונטערגעשיידט פון די הערשנדיקע קלאַסן פון אַנדער לענדער, באַזונדערס פון גרויס-בריטאַניען, אָבער זיי האָבן זיך אונטערגעשיידט מיט זייער געשיקקייט און באַמיונג צו פּראָדוצירן מוסטערהאַפטע אַרטיקלען, אין וועלכע אַלע קלאַסן האָבן זיך געניטיקט און קיינמאָל נישט געקאָנט באַקומען.

אַ גרויסן קאַמף האָט די ליגע געפירט קעגן די אַרבעטס שעהן — וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ קאַמף קעגן אַלע אַרבעטער-פאַריינען. מיט זיי האָט זיך פאַרייניקט די באַוועגונג פאַר אַמעריקאַניזירונג, עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן פאָר-לעזונגען אין דער ענגלישער שפּראַך, געשיכטע און עקאָנאָמיע, און טאָג-טעגלעך זענען געווען אַרטיקלען אין די צייטונגען, כּדי אַ צוגערייזטער אויסלענדער זאָל זיך איבערצייגן, אַז די זאָרג און דער הונדערט-פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער וועג, צו פאַרענטפערן די אַרבעטער-פראַגע, שטיצט זיך אויף דעם צוטרוי פון אַרבעטער צום אַרבעטגעבער.

די ליגע איז געווען מער ווי גוטהערציק ביים אונטער-שטיצן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן געהאַט די זעלבע צילן. זי האָט מיטגעהאָלפן דעם קריסטלעכן פאַריין יונגע מענ.ר צו קריגן צוויי הונדערט טויזנט דאָלאַר, צו בויען אַ נייע געביידע. בעביט, ווערדזש גאָנטש, סידניי פינקעלשטיין, אַפילו טשאַרלס מעק קאַלווי האָבן אָפּגעהאַלטן רעדעס אין די קינאָ-טעאַטערן, וואָס פאַר אַ גוטן איינפלוס „דער גוטער אַלטער פאַריין פון קריסטלעכע מענער האָט געהאַט אויף זייער לעבן”; און דער גרויער מעכטיקער קאלאנעל רוטענדאָרף סנאָו, דער באַזיצער פון „אַדוואָקאַט טיימס”, איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן, ווי ער דריקט די האַנט פון שעלדאָן שמידט פון קריסטלעכן פאַריין יונגע מענער. און ס׳איז אויך אמת, אַז שפּעטער, ווען שמידט האָט שעפּטשע געטון: — איר מוזט

קומען צו אונז אויף אַ תּפילה, — האָט דער בייזער קאָלאָנעל אַרויסגעזעצט:

— וואָס וועל איך דאָרטן טון, צום טייוול? איך האָב געגנוג מיין אייגענע שטוב! — אָבער דאָס איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

די ליגע האָט אויך צוגעהאָלפן דעם אַמעריקאַנישן לעגיאָן אין אַ צייט, ווען געוויסע קליינע און אומבאַדייטנדיקע צייטונגען האָבן קריטיקירט די וועטעראַנען־אָרגאַניזאַציע אין דער גרויסער מלחמה. איינמאָל אַן אָוונט האָט אַ חברה יונגע מענער זיך אַריינגעריסן אין דער זעניטער סאָציאַליסטישער הויפּט־קוואַרטיר, פאַרבּרענט די דאָקומענטן, חרוב געמאַכט דעם לאָקאַל און אַרויסגעשליידערט די שרייבּטישן דורכן פענסטער. אַלע צייטונגען, מיטן אויסנאַם פון „אַדוואָקאַט־טיימס" און „אָוונט־אַדוואָקאַט", האָבן געשריבן וועגן דעם נויטיקן, אָבער עטוואָס צו האַסטיקן אַרויסטריט פון אַמעריקאַנישן לעגיאָן. דאַן האָט אַ פּלי־קאָמיסיע פון דער ליגע בּראַווע־בּירגער אויפגעזוכט די אומגערעכטע צייטונגען און זיי מודיע געווען, אַז קיין שום עקס־זעלנער וואָלט זיך נישט דערלויבּט אויף אַזאַ זאַך, און די רעדאַקטאָרן האָבן איינגעזען דעם אמת, און זיי האָבן אויסגעבעסערט זייערע ידיעות. ווען זעניטס איינזאַמער און איינציק־געוויסנהאַפטער קעגנער איז אַרויסגעקומען געוואָרן פון תּפיסה און אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט, האָבן די צייטונגען זיך באַצויגן צו דידאָזיקע אויסוורפן, ווי צו אַ „נישט אידענטיפיצירט פּעוול".

ב.

אין די אַלע מעשים און טריומפן פון דער „בּראַווער בּירגער־ליגע" האָט בעביט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע און צוריקגעווינען זיין זעלבּסט־געפיל, זיין צופרידענע רויקייט, און די ליבע פון זיינע פריינט. אָבער ערשט האָט ער אָנגעהויבן צו פּראָטעסטירן: — צום טייוול, איך האָב שוין אָפּגעטון מיין

אוב בײם רײן מאַכן די שטאָט! איך מוז זיך אַ נעם טון צו מסחר. איך מײן, אַז כ׳וועל שוין גענוג האָבן געאַרבעט אין דער ליגע ב. ב. ל.

ער האָט זיך צוריקגעקערט צו דער קירך, פונקט ווי ער האָט זיך צוריקגעקערט צו די באָסטער. ער האָט אַפילו פאַרטראָגן דאָס ברײטע באַגריסן זיך פון שעלדאָן שמידט. ער איז געווען אַביסל באַזאָרגט, צי ער האָט זיך נישט אַביסל פאַרזינדיקט, אין דער צײט, ווען ער האָט זיך געבונטעוועט. ער איז דורכאויס נישט געווען זיכער, אויב ס׳איז דאָ אַ יענע וועלט, וואָס מ׳קאָן זיך פאַרדינען, אָבער דר. דזשעניסאָן דריו האָט עס פאַרזיכערט, און בעביט האָט נישט געוואָלט איבערלאָזן דעם בלינדן צופאַל.

אײנמאָל אָוונט, בעת ער איז פאַרבײגעגאַנגען דר. דריוס ווינוונג, האָט ער געפאָלגט אַ פלוצלונג געפיל, און ער איז אַרײנגעגאַנגען און געטראָפן זײן גײסטיקן פאַסטוך אין זײן שטודיר־צימער.

— אײן אויגנבליק — כ׳וועל נאָר אַ טעלעפאָניר טון— האָט דר. דריו אַ זאָג געטון געשעפטסמעסיק און אַגרעסיוו זיך אויסגעדרײט צום טעלעפאָן: — האַלאָ — האַלאָ! בערקי און הענים? דאָ רעדט פאַסטאָר דריו. ווו איז, צו אַלדי גוטע יאָר, די קאָרעקטע פון נאָענטסטן זונטיק־קאַלענדאַר? וואָס? כ׳האָב זי שוין לאַנג געדאַרפט האָבן. נו, איך קאָן אײך גאָר־נישט העלפן, אַפילו ווען אַלע זענען קראַנק! איך מוז עס אומבאַדינגט האָבן נאָך הײנט אָוונט. נעמט אַ שליח און שיקט זי תיכף אַהער צו מיר.

ער האָט זיך אויסגעדרײט נישט ענדערנדיק זײן טאָן:

— נו, ברודער בעביט, מיט וואָס קאָן איך אײך דינען?

— כ׳האָב אײך נאָר געוואָלט עפּעס פרעגן — כ׳וועל אײך אַלץ דערצײלן, פאָטער: שוין אַ צײט, ווי כ׳האָב זיך אַביסל צעלאָזט. אײניקע מאָל געטרונקען און נאָך אַזעלכע ענלעכע זאַכן. האָב איך אײך געוואָלט פרעגן: ווי איז, אויב אַ מענטש האָט זיך צוגעוווינט פון די שלעכטע אײגנשאַפטן

און פירט צוריק אַן אָנשטענדיק לעבן ? צי ווערט אים — ווי אַזוי זאָל איך עס זאָגן — צי ווערט דאָס אים שפּעטער אַריינגערעכנט ?

דער חשובער דר. דריו איז פּלוצלונג בייגעריק געוואָרן.

— נו, יאָ, ברודערל, און חוצדעם... צי איז געווען דאָ אַנדערע אויך ? נקבות ?

— ניין, חוצדעם גאָרנישט, איר קאָנט זיין זיכער, חוצדעם גאָרנישט.

— ברודערל, שעם דיך נישט פאַר מיר צו דערציילן ? איך בין דערצו, כדי דיך אויסצוהערן. געמאַכט זיך ספּעציעלע שפּאַצירן ? געפירט מיידלעך מיטן אויטאָמאָביל ? — די חשובע אויגן האָבן געגלאַנצט.

— ניין — ניין.

—נו, איך וועל אייך עפּעס זאָגן. איך וואַרט אָפּ אַ דעלעגאַציע פון דער אָרגאַניזאַציע „מאַכט נישט קיין חוזק פון פּראָהיביציאָן-געזעץ”, וואָס דאַרף קומען צו מיר אין אַ פערטל שעה אַרום, און דריי פערטל אויף צען וואַרט איך אָפּ אַ דעלעגאַציע פון דעם אַנטי-געבורט-קאָנטראָל-פאַריין — ער האָט באַשעפּטיקט אַ בליק געטון אויפן זייגער — אָבער איך קאָן נאָך אָפּרייסן אַ פינף מינוט און אַ בעט טון מיט אייך. קניט גלייך אַנידער ביי אייער שטול, ברודערל. שעמט אייך נישט, לאָזט אייך נישט פאַרפירן פון פאַלשער חרפה, צו זוכן אַ חסד און דעם דרך הישר ביים רבונו של עולם.

ביי בעביטן האָבן זיך די האָר אויפגעשטעלט קאַפּויער פון שרעק, און ער וואָלט גערן אַנטלאָפן, אָבער דר. דריו האָט געטון אַ קני אַנידער ביי זיין שרייבטיש און זיין קול האָט זיך געענדערט פון אַ ריבאַייזענער שאַרפקייט אויף אַ געזאַלבטע פאַרטרוילעכקייט מיט דער זינד און מיט דער אַלמעכטיקייט. בעביט האָט געקניט, בעת דר. דריו האָט געזאָגט :

— אָ, האַר, דאָ זעסטו אונזער ברודער, וואָס איז אַראָפּ פון דרך הישר. אָ, פאָטער אין הימל, מאַך צוריק ריין זיין

האַרץ, ריין, ווי דאָס האַרץ פון אַ קליין קינד. אָ, גיב אים צוריק די פרייד און דעם מענטלעכן כח, וואָס איז באַשאַפן צוליב דעם, מ׳זאָל זיך קאָנען אָפּהאַלטן פון זינד —

שעלדאָן שמידט איז אַ פריילעכער אַריינגעקומען אין חדר אַריין. ווי ער האָט דערזען ביידע מאַנסבילן, האָט ער אַ סמאַקעווע געטון. ער האָט אַ קלאַפּ געטון בעביטן איבער די פּלייצעס און אַנידערגעקניט לעבן אים, אַרויפגעלייגט אויף אים זיין האַנט, בעת ער האָט באַגלייט דר. דריוס תּפילות מיט זיפצן:

— יאָ, גאָט, העלף אונזער ברודערל, גאָט!

הגם ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן זיינע אויגן פאַרמאַכט, האָט בעביט אַ קוק געטון דורך די פינגער, און ער האָט געזען, ווי דער פּאַסטאָר קוקט אויף זיין זייגערל, ביז ער האָט פאַרענדיקט מיט טריומף:

— און זאָל ער קיינמאָל נישט האָבן קיין מורא, צו קומען צו אונז נאָך אַן עצה און טרייסט, און מאַך אים אויף די אויגן, אַז די קירך קאָן אים פירן, ווי אַ קליין שעפעלע.

דר. דריו איז אויפגעשפרונגען, ער האָט אויפגעהויבן זיינע אוינן אומגעפער צום סופיט, אַריינגעלייגט זיין זייגערל אין קעשענע און אַ פרעג געטון:

— די דעלעגאַציע איז שוין געקומען, שעלדי?

— יאָ, זיי וואַרטן אינדרויסן — האָט שעלדי אָפּגעענטפערט מיט דערזעלבער לעבעדיקייט; דאַן צערטלעך צו בעביטן: — ברודער, אויב איך קאָן אייך העלפן, וועל איך גערן אַריינגיין אין צווייטן חדרל אַריין און בעטן מיט אייך, און דר. דריו וועט דערווייל אויפנעמען די ברידער פון דער געזעלשאַפט „מאַך נישט קיין חוזק פון דער פּראָהיבישאָן".

— ניין — ניין, אַ דאַנק — כ׳וועל אייך נישט צונעמען קיין צייט — האָט בעביט אַ ברום געטון און ער איז צו דער טיר.

נאָכדעם האָט מען אים אָפטער געזען אין דער פּרעסביטעריאַנער קירך אויף שאַטאַם־ראָד, אָבער מ׳האָט געשמועסט

אַז ער מיידט אויס צו דערלאַנגען די האַנט זיין נשמה-רעטער, דעם דר. דריו, ביים אַריינגאַנג.

ג.

אויב זיין מאָראַלישער כח איז שוואַכער געוואָרן דורך זיין בונט, אַז ער האָט שוין נישט געקאָנט נעמען אַן אָנטייל אין די קאָמפּאַניעס פון דער ליגע בראַווע בירגער און נישט אָפּשאַצן ווי געהעריק די קירך, איז אָבער נישט געווען קיין ספק אין זיין צופרידנקייט מיט די פאַרגעניגנס פון זיין היים, פון אַטלעטן-קלוב, פון די באָסטער און פון עלק.

וועראָנע און קענעט עסקאָט האָבן סוף כל סוף, נאָך אַלץ אומזיכער, חתונה געהאַט. אויף דער חתונה האָט בעביט זיך אָנגעטון אַזוי שיין ווי וועראָנע: ער האָט זיך אויסגעפוצט אין זיין ראָק, וואָס ער האָט דריי מאָל אין יאָר געטראָגן אויף טיי-אָוונטן: ווען די קאַרעטע מיטן יונגן פּאָרל איז ענדלעך אַוועקגעפאָרן, האָט בעביט מיט אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג זיך אומגעקערט אַהיים. ער האָט אַראָפּגעצויגן דאָס רעקל, אויסגעצויגן די אָנגעווייטאָקטע פיס אויף דער קאַנאַפּע, און זיך פאַרטראַכט, אַז איצט וועט דער אויפנאַם צימער זיין פאַר זיין ווייב און פאַר אים. ער וועט שוין נישט דאַרפן מער נאַכט-ביי-נאַכט אויסהערן וועראָנעס און קענעט עסקאָטס מיינונגען, וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט אין זייער הויך-קולטיווירטען שול מאַניר, איבער קליינע לוינען און דראַמאַטישע ליגעס.

אָבער דאָסדאָזיקע פאַרזונקען אין טיפן פרידן איז געווען ווייניקער באַפרידיקנדיק, ווי זיין צוריקקער אין די רייען פון דער טייערער חברה אין בוסטער-קלוב.

ד.

ביים פרישטיק אין בוסטער-קלוב האָט זיך פּרעזידענט

ווילס איידזשעמס אויפגעשטעלט און אַזוי אומבאַוועגלעך געקוקט אויף די אַרומיקע, אַז זיי האָבן מורא געקריגן, ווי ער וואָלט זיי געגאַנגען אָנזאָגן דעם טויט פון אַ בוסטער-ברודער. דאַן האָט ער אָנגעהויבן רעדן לאַנגזאַם און זייער ערנסט.

— יונגען, איך האָב איבערצוגעבן עפּעס מוראדיקס. עפּעס שרעקלעכס, וועגן איינעם פון אונזערע מיטגלידער.

ס׳רוב בוסטער, צווישן זיי אויך בעביט, האָבן אויסגעזען צעטומלט.

— אַ ריטער מיט אמתער העלדישקייט, אַ נאָענטער פריינט מיינער, וואָס האָט פאַרדינט מיין גאַנצער צוטרוי, האָט אונטערגענומען אַ רייזע איבער די שטאַטן, און אין אַ געוויסער שטאָט, וווּ אַ געוויסער בוסטער האָט פאַרבראַכט זיין קינדהייט, האָט ער אַנטדעקט עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן שוין לענגער נישט געהאַלטן ווערן בסוד. אָבער איך מוז אייך פריער אָנמערקן, אַז ער האָט אַנטדעקט דעם אינערלעכן כאַראַקטער פון אַ מענטשן, צו וועמען מיר האָבן זיך באַצויגן, ווי צו אַ פריינט און אַ בראַוון יונג. דזשענטלמענער, איך קאָן נישט אויפהויבן מיין קול, אייך דאָס אַרויסצוזאָגן, און מחמת דעם האָב איך עס געמוזט אויפשרייבן!

— ער האָט געהאַלטן אַ גרויסן טאָוול און אויף אים איז געשטאַנען מיט ריזיקע אותיות:

— דזשאָרזש פרייערמאַן בעביט — אָך דו פרייער!

די בוסטער האָבן געשריגן, געלאַכט, געוויינט, געוואָרפן בעביטן זעמל און געשריגן:

— זאָל ער רעדן, זאָל ער רעדן! זאָל ער זיך פאַרענטפערן! אָ, דו פרייער!

פרעזידענט איידזשעמס האָט געצויגן ווייטער:

— דאָס, מיינע הערן, איז דער מוראדיקער אמת, וואָס דזשאָרזש בעביט האָט דורך אַזויפיל יאָרן געהאַלטן פאַר אונז פאַרבאָרגן, בעת מיר אַלע זענען געווען זיכער, אַז ער הייסט פשוט דזשאָרזש פ.. אַצינד וויל איך, אַז איר זאָלט מיר

איינצ יקווייז דערקלערן, וואָס איר האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז עס באַדייט די פ.?

— פוילנצער — האָבן זיי געשריגן — פעלשער, פאַרשלעפּטע קרענק, פערד־גנב, פלאָקן. אין דער פריינטלעכקייט פון זייערע באַליידיקונגען, האָט בעביט געזען, אַז ער איז צוריק איינגעשלאָסן געוואָרן אין זייערע הערצער. און ער האָט זיך אַ גליקלעכער אַ הויב אויף געטון:

— חברה, איך בין גרייט זיך פאַר אייך מודה צו זיין! איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געטראָגן קיין האַנט־זייגערל און קיינמאָל נישט פאַרבאָרגן מיין מיטלסטן נאָמען. אָבער איך בין זיך מודה צו „פרייערמאַן". מיין איינציקע פאַרענטפערונג איז דאָס, אַז מיין אַלטער טאַטע — הגם ער איז חוצדעם געווען פולשטענדיק נאָרמאַל און געקאָנט געבן אַ שטאָטישן פאַרשוין איבערן קאָפּ פאַר אַן אַוואַנטורע — האָט מיר אַ נאָמען געגעבן נאָך אונזער פאַמיליען־דאָקטאָר, דעם אַלטן אַמבראָז פרייערמאַן. זייט מיר מוחל, חברה, אויף דעם צווייטן מאָל, ווי הייסט עס דאָרטן, וועל איך זיך שוין באַמיען, אַז מען זאָל מיר אַ נאָמען געבן אַ ריין פּראַקטישן נאָמען, וואָס זאָל קלינגען שיין און גלייכצייטיק זיין גוט און מענלעך — עפּעס ווי דער פּרעכטיקער, אַלטערנאָמען, וואָס איז אַזוי באַקאַנט אין יעדער היים — דער אַלטער און קלינגענדער נאָמען, ווילים דזשימדזשעמס איידזשעמס!

ער האָט דערקענט אין זייערע געשרייען, אַז ער איז ווידער זיכער און פּאָפּולער; ער האָט געוווסט, אַז ער וועט שוין קיינמאָל מער נישט שטעלן אין אַ סכנה זיין זיכערקייט און פּאָפּולאַריטעט און זיך נישט אָפּקערן פון די חברה גוטע יונגען.

ד.

איינמאָל איז הענרי טאָמפּסאָן אַריינגעפאַלן אין ביוראָ אַריין, און געשריגן:

— דזשאָרזש, אַ סך נייעס: דזשעק אָפּוט האָט מיר דערציילט, אַז די גאַסן-באַן-באַנדע איז זייער אומצופרידן פון דער לעצטער קניה מיט דער סענדער-טאָרי-ווייגדזש, און זיי ווילן ווידער אָנהויבן האַנדלען מיט אונז.

בעביט איז צופרידן געווען, וואָס די לעצטע ווונד פון זיין בונט איז שוין פאַרהיילט געוואָרן, אָבער בעת ער איז געפאָרן אַהיים, האָבן אים פאַרפאָלגט געדאַנקען, וואָס זענען אים אפילו אין די צייטן פון קריגערישער שטימונג נישט געקומען אויפן קאָפּ. ער האָט אַנטדעקט, אַז עס זענען פאַראַן געוויסע ספיקות, צי די גאַסן-באַן-געזעלשאַפט איז ערלעך. — נו, דאָסמאָל וועט ער נאָך מאַכן מיט זיי אַ געשעפט, אָבער ווי גיך ער וועט עס אַדורכפירן און מעגלעך, אַז דער אַלטער היינריך טאָמפּסאָן וועט שטאַרבן, וועט ער לחלוטין אויפהערן צו מאַכן מיט זיי געשעפטן. ער איז שוין אַכטאונפערציק, נאָך צוועלף יאָר אַרום וועט ער אַלט זיין זעכציק, ער וויל איבערלאָזן פאַר זיינע קינדער אַן ערלעך געשעפט. גאַטירלעך ליגט אַן אוצר געלט אינם מסחר מיט דער גאַסן-באַן, און יעדער מענטש מוז סוף כּל סוף קוקן אויף דער פּראַקטישער זייט, — ער האָט זיך גערדרייט אומבאַקוועם — ער האָט געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל זאָגן דער גאַסן-באַן-געזעלשאַפט, וואָס ער טראַכט וועגן איר. אָך, ער האָט עס אָבער איצטער נישט געקאָנט טון. אויב ער וועט זיי נאָכאַמאָל באַליידיקן, וועלן זיי אים אַזוי אַ דריק טון. אָבער —

ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זיין וועג פון פּראָגרעס איז, ווייזט אויס איבערגעריסן. ער האָט פאַרטראַכט וואָס וועט ער טון אין דער צוקונפט; ער איז נאָך יונג; צי וועלן שוין נישט פאָרקומען מער קיין פּאַסירונגען. ער האָט געפילט, אַז ער איז געפאַנגען אין אַ נעץ, פון וועלכער ער האָט זיך מיט אַלע כּחות געהאַט אַרויסגעריסן, און דאָס ביטערסטע אין דעם שפּאַס, איז געווען זיין פרייד, וואָס ער האָט זיך ווידער געלאָזט פאַנגען.

— זיי האָבן מיך אַריינגעקריגן! אינגאַנצן מיך אַריינגעקריגן! — האָט ער אָנגעקוואָלן.

אין שטוב איז געווען שטיל היינט אָוונט, און ער האָט געהאַט פאַרגעניגן אַ שפּיל צו טון אין פּינאָקל מיט זיין ווייב. ער האָט אַן אויפגערעגטער מיטגעטיילט דעם יצר הרע, אַז ס'איז אים זייער אָנגענעם צו לעבן און צו טון אַלץ אויפן אַלטן שטייגער. אין אַ טאָג אַרום האָט ער זיך געזען מיטן אַגענט פון דער גאַסטן־באַן־געזעלשאַפט, און זיי האָבן צונויפגעשטעלט אַ פּלאַן וועגן אַ גרונט־קניה אויף עווענסטאָן־וועג. אָבער בעת ער איז געפאָרן אין זיין ביוראָ אַריין, איז ער געווען פאַרמאַטערט:

— איך וועל טון דאָס, וואָס מיר געפעלט, לעבן אַזוי, ווי איך וועל איינזען, — ווען איך וועל זיך נאָר צוריקציִען פון געשעפט.

ג.

סוף וואָך איז טעד אַהיימגעקומען פון אוניווערזיטעט. הגם ער האָט שוין נישט גערעדט וועגן מעכאַניק און אינזשיניעריע, און הגם ער האָט שוין אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג איבער זיינע לערער, האָט זיך דאָך אויסגעוויזן, ווי עס וואָלט אים גע,אַנגווייליקט דער אוניווערזיטעט; ער האָט איצטער אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן אינטערעס צום דראָטלאָזן טעלעגראַף.

שבת אָוונט האָט ער מיטגענומען יוניקע ליטלפעל אויף אַ טאַנץ־אָוונט אויף דיוואָן־ווודס — בעביט האָט איר אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, בעת זי איז געזעסן אינם אויטאָמאָביל, שטראַלנדיק אין איר רויטן מאַנטל אויף איר קלייד פון דינעם געלבלעכן זייד. האַלב צוועלף, ווען די בעביטס זענען שוין געגאַנגען שלאָפן, האָבן זיי זיך נאָך נישט געהאַט צוריקגעקערט אַהיים. אינמיטן דער נאַכט, אין אַן אומבאַשטימטער שעה איז בעביט אויפגעוועקט געוואָרן דורכן טעלעפאָן און אַ ני־

דערגעשלאָגענער איז ער אַראָפּגעקראָכן אונטן; האַוואָרד ליטל־פעלד האָט גערעדט:

— דזשאָרדזש, יוני איז נאָך נישט צוריקגעקומען — טעד איז שוין דאָ?

— ניין — די טיר פון זיין צימער איז נאָך אָפן —

— זיי האָבן שוין באַדאַרפט זיין אין שטוב. יוניקע האָט מיר געזאָגט, אַז זיי וועלן טאַנצן ביז האַלבע נאַכט. ווי הייסן די מענטשן, וווהין זיי זענען געגאַנגען?

— אָ, צום טייוול! כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז איך ווייס אַליין נישט, האַוואָרד. עס דאַרף זיין ביי טעדס אַ שול־חבר, ערגעץ אויף דיוואָן־ווודס. איך ווייס נישט, וואָס צו טון. איך וועל טון אַ שפּרונג אַרויף צו מירען און זי פרעגן, אפשר ווייסט זי, ווי זיי הייסן.

בעבּיט האָט געמאַכט ליכטיק אין טעדס צימער. עס איז געווען אַ טיפּיש ברוין בחורישע צימערל; די מלבושים צעוואָרפן, די ביכער אָפן, אַ דיפּלאָם פון אַכטן קלאַס, פאָטאָגראַפיעס פון דער בייסבאָל־ און בעסקעט־באָל־מאַנשאַפט. טעד איז באַשטימט דאָרט נישט געווען.

פרוי בעבּיט האָט זיך אויפגעכאַפּט, זי האָט אויפגערעגט דערקלערט, אַז זי ווייסט נישט, ווי יענע מענטשן הייסן, אַז ס׳איז גוט שפּעט, אַז האַוואָרד ליטלפעלד איז אַ געבוירענער אידיאָט און, אַז זי וויל שלאָפן. אָבער זי איז געלעגן וואַך און געטראַכט, בעת בעבּיט איז געגאַנגען שלאָפן אויף דער וואַרענדע, ער האָט זיך באַמיט איינצושלאָפן אינם מילדן רעגן פון אירע באַמערקונגען. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען ער איז אויפגעוועקט געוואָרן פון אירע געשרייען, מיט אַ שרעקענדיק קול:

— דזשאָרדזש! דזשאָרדזש!

— וואָ׳? וואָ׳? וואָס איז געשען?

— קום אַהער שטילערהייט און טו אַ קוק. נאָר שטי־לערהייט!

י האָט אים געפירט דורכן קאָרידאָר צו טעדס צימער

און שטיל געעפנט די טיר. אויפן אַלטן טעפּיך איז געלעגן אַ באַרג ראָזאַ־פאַרביקע שיפאָן וועש; אויפן בכבודיקן טיפן פאָטעל אַ מיידלשער זילבערנער טאַנץ־פּאַנטאָפל. און אויפן קישן זענען געלעגן צוויי שלאָפנדיקע קעפּ — טעדס און יונִיקעס.

טעד האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שמייכל און אַ מורמל געטון מיט אומאיבערצייגנדיקער חוצפּה: —

— גוט מאָרגן! לאָזט מיר אייך פאָרשטעלן מיין ווייב— פרוי טעאָדאָר רוזוועלט יוניקע ליטפּעלד בעבּיט, גנעדיקע.

— גאָט מיין איינציקער! — האָט בעבּיט אַ זיפץ געטון, און זיין ווייב האָט געטון אַ לאַנגן געשריי:

— זענט עטץ געגאַנגען און —

— מיר האָבן חתונה געהאַט נעכטן ביינאַכט. ווייבל, זעץ דיך אויף און זאָג דיין שוויגער גוט מאָרגן!

אָבער יוניקע האָט באַהאַלטן אירע אַקסלען און דעם רייצנדן קאָפּ מיט לאָקן אונטערן קישן.

ביין אַזייזער האָט מען זיך אין גאַסט צימער פאַרזאַמלט, אַרומצורעדן דער טאַט פון טעד און יוניקע; אויסער פרוי און דזשאָרזש בעבּיט — דר. און פרוי האַוואָרד ליטלפּעלד. הער און פרוי קענעט עסקאָט, הער און פרוי היינריך ד. טאָמפּסאָן, און טינקאַ בעבּיט, דער איינציקער אָנגענעמער מיטגליד אין דער געזעלשאַפט.

אַ מבול אויפגערעגטע ווערטער האָבן פול געמאַכט דאָס צימער.

— אין זייער עלטער!

— מ׳דאַרף עס מבטל מאַכן.

— כ׳האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ זאַך.

—ביידע זענען דערין שולדיק און, —

— ס׳זאָל נאָר נישט דערגיין צו דער פּרעסע.

— זיי דאַרפן נאָך ביידע גיין אין שול אַריין.

— מען מוז עפּעס טון דערצו, און איך זאָג —

— גאָט מיין איינציקער, צי איז אַזאַ זאַך געשען אין די אַמאָליקע צייטן ? —

די ערגסטע פון אַלע איז געווען וועראָנע :

— ט ע ד ! מיר מוזן געפינען וועלכן ס'איז אויסוועג, מ'דאַרף דיר געבן צו פ אַ ר ש ט י י ן, ווי מוראדיק ערנסט דאָס אַלץ איז, נישט ווי דו האָסט דיך אַנידערגעשטעלט מיט אַ נאַרישן שמייכל אויפן פּנים !

ער האָט זיך אָנגעהויבן אויפרעגן :

— צום טייוול, ראָנע, און אַז דו ביסט געגאַנגען און חתונה געהאַט ? ניין, האָסט נישט חתונה געהאַט ?

— ס'איז אַ גרויסער אונטערשיד !

— אַזוי, מיך מיט יוניקען האָט קיינער נישט געדאַרפט צובינדן מיט קיין שטריקל, ביז מיר וועלן זיך מעגן אָננעמען פאַר די הענט !

— טאָ הער זשע אויס, יונגערמאַן, מיר ווילן נישט מער אויסהערן דיין נאַרישע רייד ! — האָט דער אַלטער הענרי טאָמפּסאָן באַפוילן — מוזט מיך הערן !

— הער אויס דעם זיידן ! — האָט וועראָנע געזאָגט.

- יאָ, הער אויס דיין זיידן ! האָט פרוי בעביט געזאָגט.

— טעד, הער אויס דעם הער טאָמפּסאָן — האָט האַוואָרד ליטלפעלד געזאָגט.

— אָ, כאַפּט עס דער וואַטע-מאַכער, איך הער דאָך שוין ! — האָט טעד געשריגן — אָבער קודם כּל וויל איך אייך עפּעס זאָגן : עס קריכט דאָך מיר שוין פון האַלדז אַרויס, צו זיין אַ מת אין דעם מתים-שטיבל ! אויב איר ווילט דורכאויס עמעצן פאַרטיליקן, טאָ פאַרטיליקט צו אַלדי רוחות דעם פּאַסטאָר, וואָס האָט אונז מקדש געווען ! ער האָט אויס-גענאַרט פון מיר פינף דאָלאַר, און מיין גאַנץ פאַרמעגן אויף דער וועלט איז באַשטאַנען פון זעקס דאָלאַר מיט צוויי שטיקלעך. כ'האָב שוין גענוג די געשרייען !

— אַ פריש קול, אַ ברומענדיקס, אַן אויטאָריטעטיש קול, וואָס מאַכט פול דאָס צימער. דאָס איז בעביט :

— נו, הערט אויף צו מאַכן קולות! ראָנע, האַלט ס'מויל. האָוואַרד און איך זענען נאָך ביי די פּחות, צו דערלע־דיקן דעם ענין. טעד, קום אַריין מיט מיר אין עס-צימער, איך וועל מיט דיר אַ שמועס טון:

אין עס-צימער, ווען די טיר האָט זיך ענערגיש פאַר־שלאָסן אונטער זיי, איז בעבּיט צוגעגאַנגען צו זיין זון און אַרויפגעלייגט די הענט אויף זיינע אַקסלען:

— האָסט מער אָדער ווייניקער רעכט. אַלע רעדן זיי צו פיל. אָבער אַצינד, וואָס טראַכסטו צו טון, אַלטער יונג?

— גאָט מיינער, טאַטע, ווילסט באמת זיין צו מיר מענטשלעך?

— אַוודאי, איך — געדענקסט, ווי דו האָסט איינמאָל גע־זאָגט „מיר, די בעבּיט-מענער" און האָסט געזאָגט, אַז ביידע מוזן מיר זיין אײנס? איך וועל עס אָט איצטער טון. איך וויל לחלוטין נישט זאָגן, אַז איך האַלט דעם גאַנצן עסק נישט פאַר ערנסט. דער וועג איז היינט-צוטאָג זייער אַ שווערער פאַר אַ יונגנמאַן, איך בין אויך אַ קעגנער פון דער פּריצי־טיקער הייראַט. אָבער דו האָסט באַשטימט נישט געקאָנט טרעפן אַ בעסער מיידל, ווי יוניקע; און ווי איך שטעל זיך פאָר, איז ליטלפעלד גליקלעך, צו קריגן בעבּיטן פאַר אַן איידעם! אָבער וואָס פאַר אַ פּלענער האָסטו אויף דער צוקונפט? נאַטירלעך וואָלסטו געקאָנט ענדיקן דעם אוניווערזיטעט, און —

— טאַטע, איך קאָן שוין לענגער נישט אויסהאַלטן. אפשר איז עס גוט פאַר אַנדערע מענטשן. אפשר וועל איך אַמאָל חרטה האָבן און איך וועל זיך וועלן צוריק לערנען. אָבער איצטער, איצטער וויל איך זיך לערנען פאַר אַ מאַשינען־אינזשיניער. איך גלויב, אַז איך וועל קאָנען ווערן אַ גוטער דערפינדער, איך ווייס פון אַ מענטש, וואָס וועט מיר שוין צאָלן צוואָנציק דאָלאַר אַ וואָך, ווי כ'וועל זיך נאָר שטעלן אַרבעטן ביי אים אין פאַבריק.

— אזוי! — בעבּיט איז געגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער, לאַנגזאַם, פאַרקלערט, אַביסל פאַרעלטערט

— איך האָב וואָס אַן אמת געוואָלט, דו זאָלסט האָבן אַן אוניווערזיטעט-טיטול — ער האָט זיך פאַרטראַכט און ווידער־געגאַנגען הין און צוריק—אָבער איך האָב קיינמאָל—אַלעמאָל און איצטער ווי גאָט איז מיר ליב, חזר עס נישט איבער פאַר דיין מוּ־טער, וואָרום זי וועט מיר אָרויסרייסן דאָס ביסל האָר פון קאָפּ, אָבער ס׳איז אַ פאַקט. אַז כ׳האָב אין מיין לעבן קיינמאָל נישט אויסגעפירט דאָס, וואָס איך האָב מיך פאָרגענומען. איך וויים נישט, אויב איך האָב בכלל געטון מער, ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. איך שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב אויף הונדערט אַיילן נאָר דערגרייכט בלויז אַ פערטל צאָל. נו, אפשר וועסטו קענען אויפטון מער, כ׳וויים נישט. אָבער אינערלעך בין איך צופרידן, אַז דו האָסט תּיכּף געוווּסט, וואָס דו ווילסט, און דו האָסט אויסגעפירט ס׳דיינִיקע. יאָ, די לייט דאָרטן, אינעווייניק, וועלן זיך וועלן איבערשרעקן מיט זייערע געשרייען, זאָג זיי, אַז זיי זאָלן גיין צו אַלדי גוטע יאָר! איך בין מיט דיר! גיי אַרבעטן אין דער פאַבריק, אויב דו ווילסט, אָבער פאַר דער פאַמיליע האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן. ניין, נישט פאַר קיינעם אין גאַנץ זעניט. איך באַזונדערס נישט פאַר זיך אַליין, ווי איך האָב עס געטון. גיי פאָרויס, אַלטער יונג! די וועלט געהערט צו דיר!

פעסט אַרומגענומען אַקסל און אַקסל, האָבן די בעבּיט־מענער צוזאַמען אַריינמאַרשירט אין גאַסט-צימער און רויק זיך אַנידערגעשטעלט פּנים אל פּנים דער דערשטויגטער פאַמיליע.

סוף

57